STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00349

DOS SOVETISHE IDNTUM

Jacob Lestschinsky

Permanent preservation of this book was made possible by
Harold Stainer
in honor of
Abigail S. Thomsen

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס סאָוועטישע אידנטום

זיין פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט

יעקב לעשצינסקי

ארויסגעגעבן פון
צענטראל קאָמיטעט פון פועלי ציון — צעירי ציון
דורך דעם
פאַרלאַג „אידישער קעמפער"

Copyright 1941
by
Central Committee, Poale Zion-Zeire Zion
Through the
Farlag "Yiddisher Kemfer"

450

פון די אַרויסגעבער

מיט אַ געפיל פון שטאָלץ און באַפרידיקונג גיט די פּאַרטיי פּועלי ציון-צעירי ציון און דער פאַרלאַג „אידישער קעמפּער" איבער דאָס פאָרליגענדיקע בוך אין די הענט פון אידישן לייענער.

קרוב צו אַ דריטל פון אידישן פאָלק לעבט איצט אין די גרעניצן פון סאָוועטן-פאַרבאַנד. אין משך פון דריי-און-צוואַנציק יאָר פון סאָוועטן-רעזשים האָט דער דאָזיקער געדיכטער אידישער קיבוץ, מיט זיין גרויסער פאַרגאַנגענהייט, דורכגעמאַכט אַן אייגנאַרטיקע געשיכטע. פאַר אונז זיינען וויכטיק ניט נאָר די פּשוט'ע טאַטזאַכן וועגן דעם לעבן פון סאָוועטישן אידנטום; וויכטיק איז אויך דאָס וואָס מיר קענען לערנען פון די נסיונות פון אַ אידישן מאַסן-קיבוץ אונטער די באַדינגונגען פון אַ נייער עקאָנאָמיש-סאָציאַלער אָרדנונג. ווערט דאָך דער סטאַטוס פון די אידן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד פון פילע רע-קאָמענדירט ווי אַ מוסטער פאַר דער אוניווערסאַלער ליי-זונג פון דער אידן-פראַגע.

ביז איצט איז נאָך אפילו ניט געמאַכט געוואָרן קיין פאַרזוך צו געבן אַן אומפּאַסנדיקן און פול בילד פון'ם

לעבן פון סאָוועטישן אידנטום. דאָס האָט איצט ח׳ יעקב לעשצינסקי געטאָן אין פאָרליגענדיקן בוך.

דאָס בוך איז דער פּראָדוקט פון יאָרנלאַנגער אַרבעט, פון זוכן און פאָרשן אין צעוואָרפענע, שווער־צוגענגלאַכע מאַטעריאַלן. די דאָזיקע מאַטעריאַלן זיינען דורכגעאַרבעט געוואָרן מיט יענער אָביעקטיוויטעט און געוויסנהאַפטיקייט, מיט וועלכער די לייענער פון חבר יעקב לעשצינקי׳ס ווערק זיינען באַקאַנט ניט פון נעכטן. עס איז אָבער אויך אַ בוך, וואָס שטעלט פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות ניט נאָר מיט׳ן סאָוועטישן אידנטום, נאָר מיט אידן אומעטום.

מיר גלויבן, אַז מור גיבן דעם אידישן לייענער אַ בוך וואָס וועט אים פיל העלפן זיך צו אָריענטירן און קלאָר צו טראַכטן וועגן די גרויסע אידישע פּראָבלע־מען פון אונזער צייט.

אינהאַלט:

אריינפיר — **זייט**

די פּראָבלעמען פון סאָוועטישן אידנטום 9

די סאָציאַלע צעגלידערונג פון רוסישן אידנטום 17

די פּראָלעטאַריזאַציע פון די אידישע מאַסן און די עמיגראַציע........ 26

דער צארישער רעזשים און די לאַגע פון די רוסישע אידן.............. 43

די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג פון די אידישע מאַסן אין רוסלאַנד.......... 47

דער וואוקס פון די אידישע פּאָליטישע און קולטורעלע כוחות אין שטורם פון מלחמה 51

די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע און די פּאָגראָמען 59

דאָס פאַלן פון דער וואָג פון אידן און דאָס שטייגן פון דער וואָג פון ניט אידן אין די שטעט 73

מיליטערישער קאָמוניזם, לעניניס על חטא און נעפּ 87

די פּראָפעסיאָנעלע און סאָציאַלע גלידערונג בא אידן און ניט־אידן 113

די טראַגישסטע צייט אין לעבן פון סאָוועטישן אידנטום 128

די „פּיאַטילעטקע" אירע דערגרייכונגען און אירע קרבנות........ 150

פּראָדוקטיוויזאַציע אָדער ביוראָקראַטיזאַציע 155

צעשפּרייטונג און קאָנצענטראַציע אין די שטעט 182

אידישע קאָמוניסטן אין קאַמף קעגן קאָליניגע 187

די אַגראַריזאַציע און טאָג־טעגלאַכן לעבן 209

בירא-בידזשאַן 220

די אינדוסטריאַליזאַציע 244

אנטיסעמיטיזם צווישן די סאָוועטישע ארבעטער 258
דער אידישער פראָלעטאריאט און די אידישע קולטור 264
די נאציאָנאלע פראָגראם פון די אידישע קאָמוניסטן........ 278
דער פאָליטישער סטאטוס פון סאָוועטישן אידנטום 292
די רדיפות אויף אידישע קהילות, ציוניזם, העברעאיש און החלוץ 301
דער אנטי-רעליגיעזער שדים טאנץ 310
די אידישע שול אין סאָוועטן רוסלאנד 323
נאציאָנאלע ראיאָנען און נאציאָנאלע סאָוועטן 344
העברעע אידישע בילדונג אין סאָוועט-רוסלאנד........ 356
די לאגע פון די אידן אין די באפרייטע לענדער........ 365

דאָס
סאָוועטישע
אידנטום

אַריינפיר

די פּראָבלעמען פון סאָוועטישן אידנטום.

סאָוועט־רוסלאַנד פאַרמאָגט איצט אַריבער פינף מיליאָן אידן, לכן מער פון אַ פערטל פון אידישן פאָלק. שוין דער דאָזיקער כמות'דיקער פאַקט אַליין וואָלט געווען גענוג צו דערקלערן דעם גרויסן אינטערעס צום גורל פון דאָזיקן אידנטום מצד די אידן פון דער גאַרער וועלט.

ס'זיינען אָבער נאָך פאַראַן טיפערע סיבות, וועלכע מאַכן און דאַרפן מאַכן דעם אינטערעס צום סאָוועטישן אידנטום שאַרפער און אינטענסיווער, ווי צו אַן אַנדער גליד פון אונזער פאָלק.

ניט־ווילנדיק און ניט פאַרגעבנדיק זיך מיט אַזעלכע צילן, איז סאָוועטרוסלאַנד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין לאַבאָראַטאָריע, וואו ס'זיינען אויספּרובירט געוואָרן אַלע מעטאָדן פון לייזן די אידישע פראַגע: פון מאַקסימאַלער אַסימילאַציע ביז מאַקסימאַלער נאַציאָ־נאַליזאַציע פליוס יענעם קאָמפּראָמיס־מעטאָד, יענעם נייטראַליטעט־פאַרזייעניש, וואָס איז מודה אין ביידע שטראָמען און באַגניגנט זיך מיט לאַווירן צווישן ביידע עקסטרעמען.

שוין דער פאַקט אַליין, וואָס די מלוכה האָט זיך ניט באַגניגנט, ווי בא די בירגערליכע עמאַנסיפּאַציעס, מיט שב ואל תעשה, מיט אַראָפּנעמען נאָר די צוימען און קייטן און לאָזן דאָס לעבן אויטאָמאַ־טיש גיין זיינע וועגן און פירן וואוהין ס'קאָן און וואוהין ס'לאָזט זיך פירן, נאָר האָט זיך אַקטיוו און אָפט צו אַקטיוו אַריינגעמישט אין די סטיכישע פּראָצעסן און זיך געשטעלט באַוואוסטזיניקע צילן — שוין דער דאָזיקער פאַקט אַליין איז אַזאַ נייער און אַזאַ אויסנאַם־פאַל אין דער אידישער גלות־געשיכטע, אַז ער פאַרדינט באַזונדערע אויפ־מערקזאַמקייט און גרינדליכעם שטודירן. על אחת כמה וכמה ווען דער עקספּערימענט איז געמאַכט געוואָרן אַלזייטיק — אי מען האָט געלאָזט די פרייע אַנטוויקלונג לויפן אויף די דורכגעלייגטע פון דורות רעלסן; אי מען האָט פּרובירט מיט באַדייטנדיקע מלוכה'שע מיטלען קערעווען די אַנטוויקלונג פון די אידישע מאַסן אויף גאַנץ נייע וועגן, אין גאַנץ נייע ריכטונגען.

ניט געקוקט אויף די אַסימילאַציע־סימפּאַטיעס, וועלכע לענין און סטאַלין האָבן ניט איין מאָל אַרויסגעזאָגט, האָט מען פונדעסטוועגן

פּאַקטיש ניט נאָר ניט אונטערגעטריבן דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס, וואָס האָט זיך פון ערשטן טאָג פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אַזוי קלאָר און בולט געוואָרפן אין די אויגן, נאָר מען האָט געשאַפן נאַציאָנאַלע אידישע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן געמוזט האַמעווען און אָפּשוואַכן דעם נאַטירליכן לויף פון דער אַסימילאַציע. שפּעטער איז מען אפילו געגאַנגען אַ סך ווייטער און מען האָט אונטערגענומען אַן עקספּערימענט, וועלכער וואָלט באַדאַרפט נאָרמאַליזירן דאָס אידישע נאַציאָנאַלע לעבן.

מיטן שאַפן אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר אַלע מעטאָדן פון לייזן די אידישע פראַגע, אין דעם כלל אויך פאַר די מאַקסימאַל־נאַציאָנאַלע, איז דערמיט ממילא דאָס סאָוועטישע יידנטום ווי געשטעלט געוואָרן צום עקזאַמען אויף וויפיל עס פאַרמאָגט נאַציאָנאַלן רצון, אויף וויפיל עס טראָגט אין זיך נאַציאָנאַלע שעפערישע ענערגיע. לאָמיר אין קורצן כאַראַקטעריזירן די דערמאָנטע מעטאָדן.

ראשית, זיינען אין סאָוועטרוסלאַנד געשאַפן געוואָרן די דענקבאַר־גינציקסטע באַדינגונגען פאַר מאַקסימאַלער אַסימילאַציע. דאָס לאַנד איז גרויס און פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון 170 מיליאָן נפשות. פאַר אידן, ווי פאַר אַלע אַנדערע פעלקער, זיינען געעפנט געוואָרן ברייט און אַבסאָלוט אומגעשטערט אַלע טירן און אַלע טויערן פאַר סאָציאַל־עקאָנאָמישער און קולטורעל־פּאָליטישער איינגלידערונג אין דער אַרומיקער סביבה פון דער קאָלאָסאַלער מערהייט. אַ סך צענדליקע יאָרן האָבן געמוזט אַוועקגיין נאָך דער בירגערליכער עמאַנסיפּאַציע איידער יידן זיינען פּאַקטיש צוגעלאָזט געוואָרן צו די קאָמאַנדע־פּרנסות, ווי מיליטער־שטעלעס און פּראָפעסור־פּלעצער. וועגן אמת'ער און פולער געזעלשאַפטליכער גלייכווערטיקייט און גלייכוואַגיקייט־קאָן מען נאָך איצט ניט רעדן אפילו אין די ליבעראַלסטע לענדער. גאָר אַנדערש אין סאָוועט־רוסלאַנד — ממש טאַקע פון ערשטן טאָג אָן האָבן אידן פאַרנומען געהויבנסטע פּלעצער און ס'האָט גאָר ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן מינערן פּאַקטיש זייערע רעכט אָדער מעגליכקייטן. אי רוימליך, אי פּראָפעסיאָנעל־סאָציאַל, אי קולטורעל־געזעלשאַפטליך האָבן זיך דאָ געעפנט נאָך קיינמאָל ניט געוועזענע שאַנסן פון בטל ווערן במאה אין בוכשטעבליכן זין פון וואָרט; שאַנסן אויף צעשאָטן און צעוואָרפן ווערן, פאַרקריכן אין אַזוי פיל שפּאַלטן און שפּעלטעלאַך, צעקריכן זיך איבער אַזוי פיל פונקטן און פּראָפעסיעס, אַז מען זאָל ווירקליך צערונען

און נעלם ווערן ביז „ולא נודע כי באו אל קרבנה". דער אַרומיקער כלי־הקיבול איז אין אַלע פּרטים און אין אַלע זינענס אַזאַ קאָלאָסאַלער, אַז מען האָט געקאָנט האָפן אָדער אָננעמען, אַז אידן וועלן אויסנוצן די געלעגנהייט אויף ווערן אַזוי שיטער, אַז אַלע נאַציאָנאַלע אינערציעס און ירושה־משאות, וואָס שטערן אַזוי דעם „נאָרמאַלן" גאַנג פון יעדער אַסימילאַציע, זאָלן פאַרלירן זייער שליטה.

בפרט נאָך, אַז דער מלחמה־און רעוואָלוציע־שטורם האָט מיט אַזאַ אימפּעט איבערגעקערט אַלע טראַדיציאָנעלע שיסלען און אַרויס־געריסן מיטן וואָרצל אַזוי פיל טויזנט־יאָריקע אמונה־בוימער און שטיינער־געוויקסן. בפרט נאָך, אַז דאָס באַוואוסטזיניקע איבעררייסן מיט דער אייגענער פאַרגאַנגענהייט און מיט'ן אייגענעם פאָלק האָט דאָ געהאַט אַזעלכע פאַרשיכור'ענדיקע תירוצים און באַרעכטיגונגען, ווי וועלט־גאולה און מענטשהייט־באַפרייאונג. בפרט נאָך, אַז דאָ אַסימילירן זיך האָט ניט געהייסן זיך איינקויפן אין יחוס און זיך פילן באַגנעדיקט און באַ'טובה'עט פון העכער שטייענדיקע און פון הערשנדיקע. באַ אַזאַ אָביעקטיוו גינציקער אַסימילאַציע־לאַגע האָט מען באַדאַרפט דערוואַרטן, אַז די גערדיכטקייט, וואָס אידן האָבן אַזוי ליב הן אין פּרט פון רוים און הן אין פּרט פון פּראָפעסיעס, וועט מעגליכסט אויסגעמיטן ווערן. ווארום יעדע געדיכטקייט, בפרט באַ אַזאַ נאַציאָנאַלער גרופּע, ווי אידן, וואָס איז אַזוי שטאַרק איבערגע־לאָדן מיט ירושות און טראַדיציעס, איינגעשניטענע און איינגע־קאָרבטע אין דער נשמה, מוז ניט נאָר אָפּהאַלטן און פאַרהאַלטן די אַסימילאַציע־פּראָצעסן, נאָר מוז אויך שאַפן נייע, זאָל זיין ווי שוואַכע, אָבער דאָך נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען. אמת, אָפט, גאָר אָפט איז די סאַמע קאָנצענטרירטעסטע געדיכטקייט באַ אַ מיעוט ניט גענוג אויף צו שאַפן נייע נאַציאָנאַלע לעבנס־סטילן; זי איז אָבער תמיד גענוג אויף צו האַמעווען און אָפּשוואַכן און פאַרציען דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס.

און באַ אידן פאַרציען דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס, הייסט שטעלן אים אינגאַנצן אין סכנה. ווארום גראַדע בנוגע צו אידן זיינען די רעצידיוון פון אויסגלידערונג און אַרויסשטוים אַ סך אָפטער, ווי באַ וועלכן ס'ניט איז אַנדער פאָלק און, פאַרקערט, די האָניג־יאָרן פון עמאַנציפּאַציע פיל קורצער. „שמיד דאָס אייזן ביז עס איז היים" — אין טיגעל פון דער רעוואָלוציע איז געווען אַ סך גרינגער איבערצו־קאָווען און איבערצושמידן די פּאָר מיליאָן אידן און זיי אַריינשמעלצן

אין גרויסן 170־מילאָניקן אָרגאַניזם. אויף די כוואַליעס פון דער צעשטראָמטער באַלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז געווען אַ סך גרינ־גער אריינצושווימען אין די פרעמדע טייכן און דאָרטן זיך אַזוי אונטערטונקען און אַפּוואַשן, אַז קיין טייוול זאָל דיך ניט דערקענען און ניט קאָנען אויסטיילן און איזאָלירן.

אידישע געדיכטקייט האָט נאָך איין גרויסן חסרון — זי פאַר־גרינגערט פאַרן אַנטיסעמיטיזם, וועלכער איז דאָך אין לאַטענטן צושטאַנד אומעטום און תמיד פאַראַן, אַנצוכאַפּן זיך אינ׳ם אידן ווי אינ׳ם בעסטן און באַקוועמסטן שעיר לעזאזל. איז דאָך דער איד כמעט ווי מיט אַ כיון פון דער היסטאָרישער השגחה צוגעגרייט און אויס־געשטאַטעט צו דינען אַלס אָביעקט פאַרן אַנטיסעמיטיזם פאַר זיינע פאַרשיידענע פּאָליטישע און סאָציאַלע צילן. די ספּעציפישע יידישע געדיכטקייט — רוימליכע און פּראָפעסיאָנעלע — פאַרטאָפּלט און פאַרדרייפאַכט די דאָזיקע אידישע באַרופנקייט. און צו דער געדיכט־קייט קומט צו נאָך אַ מעלה — העכערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס; פראָנט־פּאָזיציעס; שפּיגל־פּאָזיציעס, וועלכע וואַרפן זיך שטאַרק אין די אויגן, וועלכע רייסן ממש אויף די אויגן, וועלכע רייסן אויף די קנאה־אויגן ניט נאָר פון בפירושע פיינט, נאָר אפילו פון אויפ־ריכטיקע פריינט. קנאה מוז פירן צו שנאה. וועגן די דייטשע יידן קאָן מען מיט אַ רואיקן געוויסן באַהויפּטן, אַז דאָס, וואָס זיי האָבן אַזוי געדיכט באַזעצט פון יעדן ווירטשאַפט־צווייג גראָד יענע בראַנ־זשעס, וועלכע טראָגן אָדער אַ מאַסן־כאַראַקטער אָדער אַ גאָר וויכטיקן בפירושן געזעלשאַפטליכן כאַראַקטער, האָט געשפּילט ממש אַ פאַטאַלע ראָלע אין זייער גורל. האָבן זיי דאָך באַזעצט טאַקע גאָר געדיכט פון אַלע ליבעראַלע פּראָפעסיעס — יוריספּרודענץ און מעדיצין, בפירושע טיף געזעלשאַפטליכע פונקציעס; פון די גייסטיקע צווייגן — די גרויס־שטאָטישע פּרעסע, טעאַטער און פילם, ווידער הויך געזעל־שאַפטליכע פונקציעס און פאַרכאַפּנדיקע און איינפלוסרייכע; פון האַנדל — די אוניווערסאַל־מאַגאַזינען — פּלעצער פאַר זאַמלונגען פון גרויסע מאַסן; באַנק און בערזשע — פונקציעס פון אַנטשיידנדיקער ווירקונג און באַאיינפלוסונג ניט נאָר פון עקאָנאָמישן, נאָר אויך פון פּאָליטישן לעבן. געדיכט־באַזעצטע פראָנט־און פאַסאַד־פּאָזיציעס זיי־נען געווען אַ וואונדערבאַרער מאַטעריאַל פאַרן אַנטיסעמיטיזם.

האָבן די סאָוועטישע אידן עפּעס געלערנט פון דער פאַרגאַנגענ־הייט פון זייערע ברידער און האָבן זיי אויסגענוצט די אויסערסט

גינציקע פאר אסימילאציע צייט? האבן זיי אויסגעמיטן די פאטאלע רוימליכע און פראפעסיאנעלע געדיכטקייט און זיך געמאכט ווי שיטער־ רער און דערמיט גרינגער צום פארשלינגען און פארדייעט ווערן?

פון דער צווייטער זייט, איז דאס דער ערשטער פאל אין דער גלות־געשיכטע, אז א מלוכה זאל נעמען אויף זיך קאנצענטרירן אידישע מאסן אין גרויסע ישובים, סאציאל אומשיכטן גרויסע אידישע מאסן פאר די דאזיקע קאנצענטרירטע ישובים און שאפן אויף אזא אופן א נארמאלן באדן פאר א אידיש נאציאנאל לעבן, פאר א אייגענער איזאלירטער נאציאנאלער קולטור. שוין אין קרים און אין כערסאנער און יעקאטערינאסלאווער גובערניע זיינען געמאכט געווארן די ערשטע עקספערימענטן צו פארוואנדלען די נויט — אגראריזאציע אין א נאציאנאלער ברכה — שאפן פאליטישע ראמען פאר אידישע נאציא־ נאלע אינזלען דורך זעלבסטפארוואלטנדיקע אידישע ראיאנען. אבער בירא־בידזשאן איז שוין געווען א מער ערנסטער און ברייטערער עקס־ פערימענט צו שאפן אין די ראמען פון דער גרויסער סאוועטישער פעלקער־פעדעראציע אויך א אידישן גליך מיט אלע רעכט און פריי־ ווילעגיעס. ס'איז לכן נעגעבן געווארן די בעסטע און ברייטסטע מעגליכקייט פאר מאקסימאלער נאציאנאליזאציע, פאר צונויפנעמען זיך ניט אין געטא־אינזלען אין פרעמדע ימים, נאר אלס מערהייט אין אייגענע לאנד־שטחים; ניט ווי אלטע יורשים פון אלטע אידישע פרנסות, נאר ווי אנהויבער און פיאנערן פון א ניי קאפיטל אין דער אידישער געשיכטע.

האבן אידן אויסגענוצט די דאזיקע ערשטע און גינציקסטע אין גלות געלעגנהייט פאר מאקסימאלער נארמאליזאציע פון אידישן לעבן און דערמיט אויך פאר מאקסימאלער נאציאנאליזאציע? ווי ווייט האבן געשטערט אויסערע פאקטארן און ווי טיף גייט די שולד פון אידן גופא אדער פון די פאטאלע אביעקטיווע באדינגונגען, אין וועלכע אידן האבן יארהונדערטע געלעבט?

ענדליך, איז אין סאוועטרוסלאנד אויך געגעבן געווארן נאך א שאנס — זיך אויסלעבן נאציאנאל אין די מינאריטעטן־אינזלען אין פרעמדן ים. אין אוקראינע און אין ווייס־רוסלאנד לעבן אידן אין גאנץ געדיכטע מאסן. אין די שטעט מאכן זיי אויס אדער האבן אויסגעמאכט פון 25 ביז 30 פראצענט; אין איינצלנע שטעט, ווי אין בערדיטשעוו, קרעמענטשוג, מינסק, האמעל, נאך א העכערן פראצענט. אין די שטעט גופא זיינען זיי קאנצענטרירט אין באשטימטע ראיאנען,

דאָס סאָוועטישע אידנטום

אין וועלכע זיי מאַכן אויס 70 און 80 און אָפּט אויך נאָך אַ העכערן פּראָצענט. די אידישע מאַסן האָבן אָנהויב רעוואָלוציע גערעדט אין זייער גרויסער מערהייט אידיש; דער נאַציאָנאַלער באוואוסטזיין איז געווען שטאַרק אַנטוויקלט; די אידישע מאָדערנע קולטור איז שוין געשטאַנען אויף אַ געוויסער הויך, און אין פאַרגלייך מיט דער קולטור פון די קאָנקרעטע ארומיקע נאַציאָנאַלע סביבות — אוקראַיניש און ווייסרוסיש — האָט זי ניט נאָר ניט געהאַט באַ זיך וואָס אָראָפּצופאַלן, נאָר האָט גיכער געקאָנט קאָנקורירן מיט זיי הן מיט אינהאַלט און הן מיט פאָרם. די סאָוועטישע סיסטעם האָט געשאַפן באַדינגונגען, וועלכע האָבן געגעבן געגנוג ברייטע מעגליכקייטן פאַר ווייטערער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג: אַבסאָלוטע פרייהייט פון דער אידישער שפּראַך און אַבסאָלוטע גלייכבארעכטיקונג אין זין פון אָנטייל אין די אַלגעמיינע בודזשעטן. אידישע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, פאָלקשולן, מיטל־שולן, העכערע לערן־אַנשטאַלטן, טעאַטערס, פאַרלאַגן, צייטונגען, ביכער, געריכטן, פאָליציי־צירקלען — אַלץ האָבן יידן געקאָנט האָבן. געווים זיינען געווען פיל שטערונגען, וואָס ליגן אין דער נאַטור פון דער דיקטאַטור, וועלכע האָט געמוזט אַ סך שטאַרקער שטיקן און ווערגן די שוואַכע וואָרצלען פון דער יידישער מאָדערנער קולטור, ווי פון דער קולטור פון אַנדערע טעריטאָריאַלע פעלקער. אָבער האָבן אידן באַטש אויסגענוצט די קנאַפּע מעגליכקייטן, וועלכע זיינען דאָך און פאָרט געגעבן אפילו באַ די דיקטאַטור־באַדינגונגען פון סאָוועטרוסלאַנד? ווער איז שולדיק אין דעם גיכן אָפּבלי פון אידישן קולטור־אויפשטייג און אין דער אַזוי גיך געקומענער גסיסה, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן איצטיקן צושטאַנד פון דער יידישער קולטור אין סאָוועטן־לאַנד? ווער אָדער וואָס איז שולדיק אין דער אַסימילאַציע, וועלכע פרעסט אויף די צאַרטע שפּראָצונגען פון דער מאָדערנער אידישער קולטור אפילו אין די געדיכטע קווארטאַלן פון שטעט, וואו אידן לעבן הונדערטע יאָרן און וואו דער אידישער לעבנס־שטייגער און די אידישע שפּראַך זיינען נאָך גאָר ניט לאַנג געווען אַזוי פאַרוואָרצלט און אַזוי לעבנס־און־וואוקס־פייאיק?

אַט די אַלע פראַגן זיינען קאַרדינאַלע פראַגן ניט נאָר פון סאָוועטישן אידנטום, נאָר פון גאַנצן אידישן פאָלק. ווייל מיר זיינען מחויב צו לערנען פון די אַלע עקספּערימענטן — לערנען און ציען קאָנסעקווענצן; לערנען און עפּעס אָפּלערנען.

ליידער, איז אין דער לעצטער צייט צוגעקומען נאָך אַ סיבה, וואָס שפּיצט אַזוי אָן די אויערן פון יעדן אידן ביים דערמאָנען די סאָוועטישע אידן. מיט ציטער און מורא טראַכט יעדער איד וועגן קומענדיקן גורל פון סאָוועטישן אידנטום און שוין ניט נאָר אין זין פון נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, ווי ערשט ניט לאַנג צוריק, נאָר אויך אין זין פון פּשוט פון לעבן און זיכער זיין מיטן לעבן. ערשט צוריק מיט אַ קורצער צייט איז געווען אַזוי קלאָר און אַזוי באַשטימט זיכער, אַז ווי לאַנג די סאָוועטישע מאַכט האַלט זיך, איז ווייניקסטנס דער אידישער גוף געזיכערט, איז די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע גלייכבארעכטיקונג אייזן־פעסט, איז די געזעלשאַפטליכע גלייכשטעלונג פון אידן אַן אַבסאָלוטע. אין טאָג, ווען סטאַלין האָט געשלאָסן זיין אָפּמאַך מיט׳ן גרעסטן שונא פון אידישן פאָלק, מיט דעם זעלבן, וואָס האָט אַזוי פיל קאָמוניסטן אַראָפּגענומען די קעפּ — אין דעם טאָג האָט זיך אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן די לאַגע פון סאָוועטישן אידנטום. אמת, ס׳זיינען ניט פאַראַן קיינע בפירושע סימנים פון אַן ענדערונג אין באַצוג צו אידן מצד דער מאַכט אָדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָבער אַוועק איז ווי מיט׳ן רויך די אַמאָליקע זיכערקייט און פעסטקייט און אַ וואָרעם האָט גענומען טאַטשען און עסן און אויפפרעסן די פריערדיקע רו. מען דאַרף גאָר ניט האָבן די אידישע נאָז, וואָס איז אַזוי געאיבט אויף צו דערשמעקן אין דער לופט אַנטיסעמיטישע באַצילן, כדי צו פילן, אַז עפּעס איז פאָרגעקומען אָדער קומט פאָר אין סאָוועטרוסלאַנד, וואָס מוז אַרויסרופן אַב אונז און נאָך מער בא די סאָוועטישע אידן גופא זאָרג און פחד. „עפּעס" קומט פאָר — אַן אָפּמאַך מיט היטלערן, בפרט נאָך אַן אָפּמאַך, וואָס ציט זיך שוין העכער אַ יאָר און צווינגט צו סימפּאַטיע־אַגיטאַציע און טאַקע אויך צו קרבת הנפש, מוז „עפּעס" ענדערן. און אַזוי איז שוין דער גורל פון אידן, וועלכער האָט זיך, ווייזט אויס, אפילו אין לאַנד פון קאָמוניזם ניט געענדערט — זיי זיינען דער באַראָמעטער פון פּאָליטישער טעמפּעראַטור. דער דאָזיקער באַראָמעטער אַלאַרמירט אַ שטורם.

הלואי די וואָלקנס זאָלן זיך צעקריכן און דער שטורם זאָל פאַרבייגיין — דער נשמה־אומרו, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס וועלט־אידנטום און וואָס פרעסט אַזוי אויף דער נשמה פון סאָוועטישן אידנטום, האָט, ליידער, אַ טיפן גרונט.

דאָס פאָרגעלייגטע בוך דאַרף געבן מאַטעריאַל אויף צו ענטפערן, אויב ניט פאַרענטפערן די אַלע פראַגן, וועלכע מיר האָבן אָנגעוואָרפן.

דאָס סאָוועטישע אידנטום

מיר ווילן מיטן גאַנצן האַרצן זיין ווי אָביעקטיווער אין אונזער אַרבעט און איבערלאָזן דעם לייענער צו מאַכן אויספירן און ציען קאָנסע־קווענצן. דעריבער וועלן מיר זיך באַמיען געבן וואָס מער מאַטעריאַל און וואָס ווייניקער ווענן מאַטעריאַל. מיר נוצן אין אונזער ווייטערדי־קער אַרבעט כמעט אויסשליסליך סאָוועטישן מאַטעריאַל — לכן פון דער ערשטער קוועלע. און ווייל מיר ווילן, אז דאָס בוך זאָל זיין אַ לייען־בוך פאַר די מאַסן און ניט אַ טיש־בוך פאַר יחידי סגולה, וועלן מיר אויסמיידן גרויסע שווערע טאַבעלעס און וועלן בעסער געבן באַשרייבונג־מאַטעריאַל און לעבנס־בילדער.

ניו־יאָרק, אָקטאָבער, 1940.

I

די סאָציאַלע צעגלידערונג פון רוסישן אידנטום.

מען קאָן ניט שרייבן וועגן סאָוועטישן אידנטום, ניט געבנדיק פריער כאָטש אַ קורצן אַריינפיר וועגן דעם, וואָס דאָס רוסישע אידנטום האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פאַר דער רעוואָלוציע און ערב דער רעוואָלוציע. מען מוז דאָך וויסן, וואָס פאַר אַ ירושה האָט די סאָוועטישע מאַכט באַקומען; מען מוז דאָך האָבן ווייניקסטנס אַ אַלגעמיינע פאָרשטעלונג וועגן די טענדענצן, וועלכע האָבן זיך אָנגעמערקט אין אידישן לעבן אין דער עפּאָכע, וואָס איז געווען פאַר דער רעוואָלוציע.

די אַלגעמיינע פאָרשטעלונג, אַז רוסלאַנד בכלל איז ביים צאַרישן רעזשים געווען אַ פּאָליטיש און עקאָנאָמיש שטייענדיקע בלאָטע און אַז דאָס אידישע לעבן איז שוין געווען גאָר אַ טיפער אומבאַוועגליכער זומפּ, איז פאַלש. די רוסישע רעוואָלוציע איז מעגליך געוואָרן, ווייל דאָס לעבן האָט שוין אין משך פון 19־טן יאָרהונדערט דורכגעמאַכט אַ טיפע איבערקערעניש אין אַלע געביטן; נאָך אין אַ גרעסערער מאָס קאָן מען דאָס זאָגן וועגן אידן — ממש אין אַלע ספערן פון אידישן לעבן זיינען פאָרגעקומען די טיפסטע ענדערונגען און שנויים.

מיר קאָנען זיך דאָ ניט אָפּשטעלן באריכות אויף די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אַלגעמיינעם רוסישן לעבן — דאָס וואָלט צוגענומען בא אונז צופיל פּלאַץ. מיר וועלן זיך באַגרעניצן נאָר מיט אייניקע ציפער, וואָס באַלייכטן די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד סוף 19־טן און אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט — די דאָזיקע פאָר ציפער וועלן זיין גענוג צו וויזן, ווי גיך און אינטענסיוו ס׳איז געגאַנגען די מאָדערניזירונג פון רוסישן עקאָנאָמישן לעבן און ווי שנעל רוסלאַנד איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען און דערמיט זיך גענומט באַהעפטן אויך פּאָליטיש און קולטורעל צום איירָאָפּעאישן לעבנס־סטיל.

די אינדוסטריע־פּראָדוקציע פון גאַנץ רוסלאַנד האָט באַטראָפן: אין 1870 — 500 מיליאָן גאָלד־רובל; אין 1890 שוין איינס־און־אַ־האַלב ביליאָן גאָלד־רובל, דאָס הייסט דריי מאָל מער; אין יאָר 1912 שוין 5 ביליאָן מיט 738 מיליאָן גאָלד־רובל, לכן אין פאַרגלייך מיט 1870 אַ פאַרגרעסערונג כמעט צוועלף מאָל. דער אויסן־האַנדל האָט

באַטראָפֿן: אין יאָר 1886 סך הכל 914 מיליאָן גאָלד־רובל און אין יאָר 1913 שוין גאַנצע דריי ביליאָן גאָלד־רובל, אַלזאָ העכער דריי מאָל מער.[1]

באַזונדערס הויך האָט אַ שלאָג געטאָן די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פֿון רוסלאַנד נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע — נאָך 1905. ס'האָט זיך געפֿילט, אַז די פֿאָלק־כוחות זיינען פֿאַרט צעבונדן געוואָרן, ניט געקוקט אויפֿן פּאָליטישן דורכפֿאַל פֿון דער רעוואָלוציע. און אין דער אמתן: די צוקער־פּראָדוקציע האָט באַטראָפֿן אין יאָר 1905 — 51 מיליאָן פּוד און שפּעטער מיט איינע 8 יאָר שוין 93.5 מיליאָן פּוד, כמעט צוויי מאָל מער. ס'איז אָבער געוואַקסן ניט נאָר דער עקספּאָרט פֿון רוסישן צוקער קיין אויסלאַנד, נאָר אויך דער צוקער־פֿאַרברויך פֿון דער באַפֿעלקערונג, וואָס ס'זאָגט עדות וועגן אַ באַדייטנדיקן וואוקס פֿון פֿאָלק־הכנסה און פֿון פֿאָלק־וואוילשטאַנד. אַזוי איז געווען דער פֿאַרברויך פֿון צוקער פּער קאָפּ: אין 1905 נאָר 14.7 פֿונט אַ יאָר און אין 1913 שוין 18.2 פֿונט, אַ פֿאַרגרעסערונג אויף אַ גוט פֿערטל.[2]

לאָמיר אויך ברענגען אַ פּאָר ציפֿער וועגן דעם קולטורעלן שפּרונג, וואָס רוסלאַנד האָט געמאַכט אין די גסיסה־יאָרן פֿונם צאַרישן רעזשים.

די צאָל תלמידים אין פֿאָלק־שולן איז געווען: אין 1880 נאָר 1 מיליאָן מיט 140 טויזנט און אין 1914 שוין 8 מיליאָן מיט 146 טויזנט.[3] אין די אוניווערסיטעטן האָבן זיך געלערנט: אין יאָר 1885 נאָר 12 טויזנט מיט 200 סטודענטן און אין יאָר 1909 שוין 38 טויזנט מיט 600.[4] אַ סך אינטענסיווער איז געווען דער וואוקס פֿון די סטודענטן אין די טעכנישע הויך־שולן. אין 1890 נאָר 2,600 סטודענטן און אין 1909 שוין 11 טויזנט.[5]

אויך פּאָליטיש איז רוסלאַנד ניט געשטאַנען אויף איין אָרט — מען האָט צוביסלאַך אַרויסגעריסן פֿון די צאַרישע נעגל פֿרייהייטן.

---

[1] נ. אַ. באַזילי, רוסלאַנד אונטער דער סאָוועטישער מאַכט. פּאַריז, 1937, ז. 10 (רוסיש).

[2] דאָרט, ז. 10.

[3] דאָרט, ז. 11.

[4] ס.וו. פּאָזנער, יידן אין דער אַלגעמיינער שול, פּעטערבורג, 1914, ז. 54-55. (רוסיש).

[5] דאָרט, ז. 56.

געוויס איז די דומע געווען גאַנץ ווייט פון אַ דעמאָקראַטישן פּאַרלאַמענט, אָבער דאָך איז געווען אַ פאָלק־טריבונע, פון וועלכער מען האָט געקאָנט קריטיקירן די רעגירונג און אַפּעלירן צו די מאַסן. די דערציערישע ראָלע פון דער רוסישער דומע — דער גרעסטער פּאָליטישער געווינס פון דער רעוואָלוציע פון 1905 — איז ניט אָפּצושאַצן: דאָס גרויסע רוסישע פאָלק האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין טראַגישער געשיכטע געלאָזט הערן זיין קול און זיינע פאָדערונגען; זיין פרייהייט־טרוים און זיינע עקאָנאָמישע און קולטורעלע וויטיקן און באַגערן. אידן האָבן נאָך ניט געהאַט קיין באַוועגונג־פרייהייט אין רוסלאַנד און דער גרעסטער טייל פון גרויסן לאַנד איז נאָך געווען פאַרשפּאַרט פאַר די אידישע מאַסן, אָבער אין דומע זיינען שוין געזעסן גלייכבארעכטיקטע אידישע פאַרטרעטער, וועלכע האָבן אויף שריט און טריט פּראָטעסטירט קעגן דער אידישער רעכטלאָזיקייט און געפאָדערט פולע און גאַנצע בירגערליכע און נאַציאָנאַלע גלייכבארעכטיקונג.

פיל טיפער און איבערקערנדיקער זיינען געווען די ענדערונגען אין לעבן פון רוסישן אידנטום, וואָס האָט אויסגעמאַכט אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט אַ גאַנצע העלפט פון וועלט־אידנטום און סוף זעלבן יאָרהונדערט 45 פּראָצענט פון וועלט־אידנטום.

מענדעלי כאַראַקטעריזירט דאָס אידישע לעבן פון דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט מיט פאָלגנדיקע בילדערישע ווערטער: „מיר זיינען אַן עדה פון מילבן, וואָס ווי איינע אַזוי די אַנדערע, אַלע גלייך". אָרים און גרוי, איינפאַרביק און פלאַך איז געווען דאָס אידישע לעבן, ניט דיפערענצירט, ניט פּראָפעסיאָנעל, ניט סאָציאַל, ניט קולטורעל און ניט פּאָליטיש. געוויס, ס'זיינען געווען אויך דעמאָלט רייכע און אָרימע אידן — אַ רייכער סוחר, וואָס איז געפאָרן קיין לייפּציק אויפן יאַריד, און אַ אָרימער קרעמער, וואָס האָט געקויפט סחורה ביים אנגראָ־געשעפט; אַ רייכער אַרענדאַר אָדער שיינקער און אַ אָרימער אַרענדאַר אָדער שיינקער; אַ תבואה־סוחר אַן עושר און אַ מאַרק־איבערקויפער אַ קבצן; ס'זיינען געווען בעלי־מלאכות און משרתים און דינסטן, אַלע קבצנים און דלפנים. אויפן פּאָן פון דער דאָזיקער פלאַכער עקאָנאָמישער גלידערונג איז אויפגעבויט געוואָרן אויך אַ געוויסע קולטורעלע און פּאָליטישע דיפערנציאַציע. דער רייכער סוחר איז ביים פּריץ געווען אַנדערש אויפגענומען און אָנגענומען, אַנדערש באַהאַנדלט פון די מאַכט־אָרגאַנען, ווי די אָרימע אידן. און אין אינעווייניקסטן אידישן לעבן האָט זיך דאָס נאָך

שטאַרקער געפּילט — אין קהל האָט געבאַלעבאַטעוועט דער עושר מיט'ן רב. דער אָרימאַן האָט אַ סך מער געליטן פון די אַלע צרות און פּורעניות'ן, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף אידישע קעפּ, ווי אין ניקאָלאַיס צייטן, קינדער נעמען פאַר סאָלדאַטן, די פליישׂ־קאָראָבקע, די ליכט־אָפּצאָלונגען, באַגרענעצונגען אויף שריט און טריט אין וואוין־רעכט, אין בילדונג, אין האַנדל, אין ערווערבן אייגנטום און טויזנטער אַנדערע שפּילקעס און נאָדלען.

לאָזט מען אָבער אַראָפּ דאָס שמאָלע אויבערשטע פּאַסיקל און מען נעמט די גרויסע מערהייט פון דעמאָלטיקן רוסישן אידנטום, איז דאָ אַ גרויסער אמת אין מענדעלים ווערטער, אַז מיר זיינען געווען ווי מילבן, אַלע גלייך. העכער 30 פּראָצענט פון די רוסישע אידן האָבן געלעבט פון שיינק און אַרענדע; העכער 35 פּראָצענט פון האַנדל און מסחר, דער עיקר פון קליין־קרעמעריי, מאַרק־האַנדל, איבערקויף און הויזירעריי; גיט מען צו צו די דאָזיקע קליינע פאַרמיטלער־עלעמענטן די מאַסע רבנים, רביים, שדכנים, חזנים, דיינים, שמשים, גבאים און סתם יחוס־אידן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין באַשטימטע פּרנסות, וועלן מיר באַקומען, אַז העכער דריי־פערטל אָדער אפשר טאַקע גאַנצע 80 פּראָצענט פון רוסישן אידנטום האָבן געהערט צו אַ גרויסער קליינבירגערליכער פאַרמיטלער־מאַסע. די בעלי־מלאכות שוין מיט זייערע פּועלים האָבן אויסגעמאַכט קוים 17 אָדער 18 פּראָצענט און אַ פּאָר פּראָצענט קאָן מען רעכענען אויף דער העכערער בורזשואַזיע, אויף די רייכע סוחרים און אַרענדאַרן.

געווים אפילו אינערהאַלב דער גרויסער קליינבירגערליכער מאַסע זיינען געווען מאַטעריעלע טרעפּ, נידעריקערע און העכערע, אָבער דער מהלך פון איין טרעפּ צו דער צווייטער איז געווען גאָר אַ קליינער. באַ די בעלי־מלאכות זיינען געווען פּועלים, וועלכע האָבן געלעבט ערגער פון די בעלי־בתים; באַ די רייכע און מיטעלע קרעמער זיינען געווען משרתים; אין פילע הייזער זיינען געווען אידישע דינסט־מיידלאך. אַלע סאָציאַל נידעריקערע קלאַסן, אַלע לוין־נעמער האָבן אויסגעמאַכט באַ אַ 15 פּראָצענט פון אַלע באַשעפטיקטע. איז דאָס אָבער געווען אַ פּראָלעטאַריאַט נאָר ביז דער חתונה־כמעט. אָן אויס־נאַם פלעגן אַלע פּועלים און אַלע משרתים ווערן נאָך דער חתונה זעלבשטענדיק; אַלע דינסט־מיידלאך בעל־הבית'טעס.

אַלס פאָלק האָט מען דעריבער געהאַט פאַר זיך אַ פאַרמיטלער־פאָלק, אַ פאָלק כמעט פון איין סאָציאַלן שטאַנד, כמעט פון איין סאָ־

ציאַלן קלאַס, אַ יריד־און שיינק־פֿאָלק. „אַ יוד אויף אַ יריד איז ווי אַ פישעלע אין וואַסער" — מיט די דאָזיקע ווערטער האָט מענדעלי גע־געבן די פסיכאָלאָגיע אבסאָלוט פון אַלע טיילן פון דעמאָלטיקן יידישן פֿאָלק; אַ פסיכאָלאָגיע, וועלכע איז אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגער גלות־אַנטוויקלונג און וועלכע האָט זיך איינגעקאַרבט און איינגעשניטן אין דער אידישער נשמה אויך אויף שפּעטערדיקע דורות.

ס'זיינען געווען סאָציאַלע פאַרשיידנקייטן, אָבער ס'האָט געפעלט די סאָציאַלע דיפערענצירטקייט — די טרייבנדיקע קראַפט אין דער געשיכטע פון אַלע פעלקער. אָבער אויך די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרשיידנקייטן זיינען ניט געווען קיין דורות־לאַנגע, נאָר קורץ־אָטעמדיקע; זיי זיינען ניט איבערגעגאַנגען בירושה. די איבער־גאַנגען פון אָרים צו רייך און פאַרקערט זיינען געווען צו פלוצימדיקע און צו אָפטע, אַז די סאָציאַלע פאַרשיידנקייט זאָל געווען קאָנען פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ סאָציאַלער דיפערענצירטקייט.

אסימילירן זיך איז פשוט ניט געווען מיט וועמען — דער פריץ איז געזעסן צו הויך; דער פויער צו נידריק. דער איד איז געזעסן אין מיטן, צווישן די דאָזיקע צוויי ווייטע איינער פונם אַנדערן קלאַסן. דער איד האָט געהאַט געשעפטן מיט ביידע, אָבער נאָר געשעפטן. ס'האָט געפעלט יעדע נאָענטע באַרירונג מיט דער אָרומיקער פרעמדער וועלט. האָט מען דאָך געהערט ניט נאָר צו פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע גרופּעס, נאָר אויך צו פאַרשיידענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע קלאַסן.

אויסנאַמען־יחידים זיינען תמיד געווען אין אידישן לעבן, אפילו אין די פאַרגליווערטסטע געטאָ־ציַיטן; יחידים, וועלכע פלעגן פאַר־שיכורט ווערן פון גרינגסטן נאַש פון פרעמדן קולטור־בעכער. דאָס איז געווען אָפט אַ פאַר'שיכורטקייט מער פון דער נייַקייט און אַנדערשקייט פון דער פרעמדער קולטור, ווי פון איר אמתן אינהאַלט און ווערט. דאָס לעבן צווישן אַנדערע און ניט מיט אַנדערע האָט איזאָלירט אַלע אידן פון די אַרומיקע און האָט צוזאַמענגעשמידט די צעשאָטענע גלידער פון אידישן פאָלק. דער איזאָלירונג־מאָמענט איז געווען גענוג אויף קאָנסערווירן דאָס אַלטע, דאָס געירשנטע; דאָס צוזאַמענלעבן אָבער פון גלייכע, פון אַ גאַרער קליינבירגערליכער מאַסע האָט ניט געשאַפן קיין זאַפט, אַז ס'זאָלן נעמען וואַקסן נייע צווייגן אויפ'ן אַלטן אידישן קולטור־בוים.

ערשט נאָך דער באפרייאונג פון פויערטום אין רוסלאַנד הויבט זיך אָן א נייע עפּאָכע אין לעבן פון רוסישן אידנטום. די עפּאָכע פון דיפערענציאציע קאָן מען זי אָנרופן. פון איין זייט האָט גענומען גאָר גיך זיך אויסטיילן א מאָדערנע אידישע גרויס־און מיטל־בורזשואַזיע. פּאַראַלעל האָט גענומען וואַקסן א אידישע פּראָפעסיאָנעלע אינ־טעליגענץ. פון דער צווייטער זייט האָט גענומען וואַקסן א אידישער פאַבריק־און ווארשטאַט־פּראָלעטאַריאַט. טיפער פון דער סאָציאַלער גלידערונג אויף קלאַסן איז געגאַנגען די פּראָפעסיאָנעלע דיפערענצי־אַציע — אידן האָבן זיך אָנגעהויבן פארנעמען מיט א סך מער פּרנסות, מיט א סך מער מלאכות.

רוסלאַנד ווערט קאַפּיטאַליסטיש — מען נעמט בויען באַנען, גרינדן בענק, פאַרגרעסערן דעם עקספּאָרט פון תבואה און פון אויס־אַרבעטונגען פון אגראַר־פּראָדוקטן, ווי צוקער, מעל און אַנדערע סחורות. אין אַלע די דאָזיקע ווירטשאַפט־צווייגן שפּילן אידן גאָר א גרויסע פּיאָניר־ראָלע.

אידן באַטייליקן זיך און גאָר אין א גרויסער מאָס אי אינ׳ם אויסגעוואַקסענעם תבואה־עקספּאָרט, אי אינם פיבערדיקן בויען פון באַנען, אי אינם פיבערדיקן גרינדן פון בענק און פאַבריקן. פּאַראַלעל מיט די גרויסע אונטערנעמונגען וואַקסן מלאכה־ווארשטאַטן פון א נייעם טיפּ — מיט 3 און מיט 5 און אפילו מיט 10 אַרבעטער. דאָס עפנט א מעגליכקייט פאַר דער קליינשטעטלדיקער אידישער מאַסע צו קומען אין די מיטעלע און גרויסע שטעט. דער אינעווייניק־סטער מאַרק וואַקסט גיך און אידן פאַרשטייען גאָר גוט, ווי צו וועקן די אַפּעטיטן בא די אויפגעוואַכטע מאַסן. צענדליקע טויזנטע אידישע וואָיאַזשאָרן און קאָמיסיאָנערן צעלאָזן זיך איבער דער לענג און ברייט פון גרויסן און ברייטן לאַנד און צעטראָגן די סחורות פון דער וואַקסנדיקער אידישער גרויס־און קליין־אינדוסטריע ביז אין די ווייטסטע ווינקעלאַך פון סיביר און קאַווקאַז. ס׳קומען אויף צוערשט אין באַרדיטשעוו און שפּעטער אין א גרעסערן מאַסשטאַב אין וואַרשע, לאָדזש, ביאַליסטאָק, ווילנע און אין קליינע שטעט, ווי סמאָר־גאָן, קרעסלאַווקע, מעזעריטש און צענדליקע אַנדערע נייע טיפּן אידישע געטאָס — אַרבעט־געטאָס. איזאָלירט פון דער ניט־אידישער וועלט קאָנצענטרירן זיך אין אידישע הענט גאַנצע צווייגן פון קליין־אינדוסטריע, ווי קאָנפעקציע, וועש, שיך, גאַלאַנטעריי, מעטאַל־אויס־אַרבעטונגען, אין וועלכע אַלע רינגען פון דער קייט — דער אונטער־

נעמער, דער אַרבעטער, דער אָנגעשטעלטער, דער וואָיאַזשאָר, דער קרעמער, אַלע, אַלע זיינען אידן. די אַרבעט ווערט געמאַכט פאַר׳ן גרויסן רוסלענדישן מאַרק, וועלכער האַלט אין איין וואַקסן און אין איין צעוואַקסן זיך.

פון די געדיכטע אַלטע תחום־גובערניעס גייט אַ גרויסע אָפּ־וואַנדערונג קיין דרום, קיין ניי־רוסלאַנד, וואו ס׳קומען אויף אין עטליכע צענדליקע יאָר גרויסע קהילות, ווי די אָדעסער, כערסאָנער, יעקאַטערינאָסלאַווער. פון דער צווייטער זייט רייסן זיך אידן דורך אויך אין די צענטראַלע רוסישע גובערניעס, אין די אויסערן־תחום־גובערניעס, וואָס זיינען געווען פאַרשפאַרט פאַר די ברייטע אידישע מאַסן, אָבער אָפן פאַר די רייכע סוחרים און פאַר דער אינטעליגענץ.

אין פּעטערבורג און מאָסקווע, אין באַקו און טיפליס, אין אוראַלסק און טאָמסק — איבעראַל קומען אויף אידישע ישובים. די דאָזיקע נייע קהילות, באַשטייענדיקע פון אָנגעלאָפענע פון אַלע עקן פון תחום, צונויפגעשטעלטע פון אויפגעקומענע גאַנצע און האַלבע גבירים, אָן יחוס פון תורה אָדער פרומקייט, אָן הונדערט־יאָריקע איינגעוואָרצלטע און איינגעבאַקענע הייליקע טראַדיציעס, אָבער מיט אַ סך אַ גרעסערן כוח פון ממון און פון וועלטליכער בילדונג — אָט די דאָזיקע נייע קהילות פון דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, דער עיקר פּעטערבורג אין צפון און אָדעס אין דרום, הויבן אָן באַקומען אַ גרויסע השפּעה אויפן פּאָליטישן און גייסטיקן לעבן פון גאַנצן רוסישן אידנטום. די אָדעסער אידישע תבואה־בורזשואַזיע און די פּעטערבורגער אידישע באַנק־און בערזע־בורזשואַזיע שטעלן זיך אין דער שפּיץ פון דער צווייטער סטאַדיע פון דער השכלה־באַוועגונג, פון דער מער פּראַקטישער און ערדישער. די העברייאישע השכלה פון דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט איז געווען ניט מער ווי אַ גייסטיק שטראָמעלע פון גרויסן מערב־אייראָפּעאישן השכלה־טייך; די רוסישע השכלה־באַוועגונג פון דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט איז שוין אַן אָרגאַניש קינד פון די נייע באַדינגונגען, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער ליבעראַלער עפּאָכע פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.

די השכלה־באַוועגונג באַקומט ניט נאָר אַן אַנדער טעמפּ, נאָר אויך אַן אַנדער פּנים — זי ווערט פּראַקטיש און דאָס האָט געהייסן פאַר יענער צייט אַסימילאַטאָריש, צופּאַסנדיק זיך צום גרויסן און אַזוי פיל צוזאָגנדיקן רוסישן מאַרק. די רוסישע שפּראַך ווערט ניט

נאָר דער אינסטרומענט אויף צו וועקן די אידישע מאַסן פון הונדערט־יאָריקן געטאָ־שלאָף, נאָר אויך דער ציל, ווייל די דאָזיקע שפּראַך, די האַנדל־שפּראַך, וואָס בינדט צונויף אַלע עקן פון רוסלאַנד און אַלע זיינע פעלקער, פירט דאָך צו די טויערן פון יענע באַהאַלטענע גרויסע אוצרות, וואָס דאָס גרויסע און רייכע לאַנד טראָגט אין זיך. איז קיין חידוש ניט, וואָס אַ גאַנצער דור כמעט האָט געגלויבט אין שם־המפורש פון דער רוסישער שפּראַך, וועלכע קאָן און וועט גאָר גרינג לייזן די גאַנצע אידישע פראַגע. די פּאָר מיליאָן אידן וועלן מיט דער הילף פון דער דאָזיקער הערשנדיקער און בינדנדיקער שפּראַך אַזוי אריינוואַקסן אין הונדערט־מיליאָניקן רוסישן אָרגאַניזם, אַז מען וועט זיי גאָר ניט מערקן.

זיינען טאַקע הונדערטע און טויזנטע אידן אויסגעלייזט געוואָרן דורך דער רוסישער שפּראַך — אַ סך יחידים האָבן באַקומען אַ צוטריט צו די אוצרות פון קאַפּיטאַליסטישן אויפבלי פון רוסלאַנד און האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בורזשואזיע פון דער פיל־פעלקערליכער רוסישער אימפּעריע. דאָס איז אָבער געווען אַ נישטיקער פּראָצענט פון רוסישן אידנטום, וואָס האָט געהאַלטן אין געוואַלדיק גיכן וואַקסן. אַרום די 70־ער און 80־ער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט איז דער נאַטירליכער צוואוואוקס בא די רוסישע אידן געווען קרוב צו 20 פּער טויזנט. און דאָס האָט באַטייט אַ יאָרליכער צוואוואוקס פון אַ 70 אָדער 75 טויזנט אידן אַ יאָר.

פאַר די גרויסע אָרימע מאַסן פון קאַבצאַנסק, טונעיאַדעווקע און כאַסרילעווקע איז געווען דער איינציקער לעבנס־אויסוועג — אַרבעט. די לאַבאָריזאַציע נעמט אָן צו דער דאָזיקער צייט אַ מאַסן־כאַראַקטער. מען לויפט פון די קליינע שטעטלעך און פון זייערע לופט־פּרנסות אין די גרויסע שטעט, וואו די אידישע אינדוסטריע, די מיטעלע און קליינע, האַלט אין גיכן וואַקסן. צענדליקע און אַמאָל הונדערטע שפּרינגען אַרויף און ווערן מיטעלע און קליינע אונטערנעמער — טויזנטע און צענדליקע טויזנטע שטעלן זיך צו דער אַרבעט, פּראָלעטאַריזירן זיך און אינדוסטריאַליזירן זיך, ווערן פאַבריק־און מלאכה־אַרבעטער אָדער משרתים און אָנגעשטעלטע אין די געשעפטן. אויך די צאָל אידישע שוואַרץ־אַרבעטער האַלט אין שטאַרקן וואַקסן. צוליב אַ גאַנצער רייע פּסיכאָלאָגישע און עקאָנאָמישע סיבות לאָזן אידן דורך דעם גינציקן מאָמענט פון אַריינקומען אין דער וואַקסנדיקער

גרויס־אינדוסטריע. זיי גייען גערנער אין האַנטווערק און אין קליין־אינדוסטריע, וואו די פּערספּעקטיוון אויף ווערן אַמאָל אַ בעל־הבית באַ זיך זיינען פיל גרעסער, ווי אין דער גרויס־אינדוסטריע; וואו די אַרבעט־באַדינגונגען זיינען דעמאָלט געווען ניט ערגער, אויב ניט בעסער, ווי אין דער לעצטער.

אָבער דער דראַנג פון די אויפגעוואַכטע אידישע מאַסן, וועלכע האָבן זיך גענומען אָפּזאָגן פון אידעאַל, אַז „יאה עניותא לישראל", אַז פאַר'ן אידן פּאַסט נאָר דער דלות, אַז „אַ איד דאַרף עסן און ניט פרעסן, אַ איד דאַרף שלאָפן און ניט פּאָפן, עסן נאָר כדי „חיינו" (לינעצקי), צו אַ נייעם לעבן, צו אַ עולם הזה־לעבן, איז געווען אַזוי מעכטיק און אַזוי גרויס, אַז ער האָט ניט געקאָנט באַפרידיקט ווערן אַפילו אין די ראַמען פון וואַקסנדיקן גרויסן רוסלאַנד. צו הילף איז געקומען די עמיגראַציע, וועלכע האָט שוין פאַר די גרויסע פּאָגראָמען פון 1881 און 1882 אָנגעהויבן זיך צעוואַקסן און אַריינציען ברייטערע מאַסן און וועלכע האָט נאָך די פּאָגראָמען מיט אַמאָל פאַרכאַפּט אַ גרויסן טייל פון דער אינטעליגענץ און שיכטן אויך פון מיטל־שטאַנד, שוין אָפּגערעדט פון די גאָר נידעריקע מאַסן, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט געגעבן דעם גרויסן רוב פון דער אידישער אויסוואַנ־דערונג. די עמיגראַציע האָט אָביעקטיוו און סוביעקטיוו, אי עקאָנאָ־מיש, אי פּסיכאָלאָגיש געמאַכט אַ סך גרינגער דעם פּראָצעס פון איבערגאַנג פון פאַרמיטלעריי צו אַרבעט.

2

די פּראָלעטאַריזאַציע פון די אידישע מאַסן און די עמיגראַציע.

די רעזולטאַטן פון די אויבן קורץ כאַראַקטעריזירטע אַנטוויקלונג־פּראָצעסן פון 19־טן יאָרהונדערט האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין דער רוסישער פאָלקס־ציילונג פון 1897. די פּראָפעסיאָנעלע, ווי די סאָציאַלע גלידערונג האָט זיך שטאַרק געענדערט. די דאָזיקע דאַטן ווייזן אונז, ווי די גרויסע פאַרמיטלער און מאַרק־מאַסע איז אין א גרויסער מאָס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א אַרבעטנדיקע מאַסע.

לויט דער ציילונג פון 1897 זיינען פון הונדערט עקאָנאָמיש־אַקטיווע געווען: *)

1)	באַשעפטיקטע אין אינדוסטריע און האַנטווערק	36.3%
2)	באַשעפטיקטע אין האַנדל און פאַרזיכערונג	31.0
3)	פּריוואַטע אַנגעשטעלטע, הויז־דינסט און שוואַרץ־אַרבעטער	11.5
4)	באַאַמטע און ליבעראַלע פּראָפעסיעס	4.7
5)	קאָמוניקאַציע און טראַנספּאָרט	3.0
6)	לאַנדווירטשאַפט	2.4
7)	אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס	7.6
8)	מיליטער	3.5
	צוזאַמען	100.0%

לייגט מען צונויף די גרופּעס 1, 4, 5, 6, באַקומט מען, אז די פּראָדוקטיווע עלעמענטן מאַכן אויס שוין צום סוף 19־טן יאָרהונדערט 57.9% פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע. די פאַרמיטלער־עלעמענטן זיינען אַראָפּגערוקט אויפן צווייטן אָרט. אין פאַרגלייך מיט דער אַרומיקער ניט־אידישער באַפעלקערונג איז בא אידן געווען כמעט 15 מאָל מער הענדלער. אָבער די אידישע באַפעלקערונג פאַר זיך גענומען איז געוואָרן געזונטער, נאָרמאַלער, פּראָדוקטיווער. פון דערפון איז ניט

*) פּראָפ. ב. ד. ברוצקוס, דער פּראָפעסיאָנעלער באַשטאַנד פון דער אידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד, ס.-פּעטערבורג, 1908, ז. 8 (רוסיש).

צו דרינגען, אַז די מאַטעריעלע לאַגע פון די אידישע מאַסן אין רוס־לאַנד איז געווען אַ גלענצנדע. מיר וועלן ווייטער ברענגען מאַטעריאַל, וואָס ווייזט צו דער זעלבער צייט אַ שרעקליכע אָרימקייט בײַ די אידישע מאַסן. סוף 19־טן יאָרהונדערט איז שוין אָבער בײַ אידן געווען אַן אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך גענומען ציילן און מעסטן די אידישע אָרימקייט. דער אידישער דלות איז אַרויס פון די קעלערס און בוידעמס פון די קליינע פּאַרוואָרפענע שטעטלאַך, וואו ער האָט זיך ווייניקער געוואָרפן אין די אויגן, וואו ער האָט קיינמאָל ניט פּראָטעסטירט, וואו ער האָט גאָר זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז ער האָט רעכט אויף פּראָטעסט. אין אָדעס און אין וואַרשע און אין צענדליקע מיטעלע שטעט האָט דער אידישער דלות צעעפנט די אויגן און דערזען אַ נייע גרויסע און ליכטיקע וועלט און האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז דלות איז גאָר ניט פון גאָט באַשערט און אַז אויף צו לייטערן די נשמה זיינען פאַראַן אַנדערע וועגן און אַנדערע מיטלען. דער גרויס־שטאָטישער דלות איז אפשר אָפט נאָך שרעקליכער ווי דער קליינשטעטלדיקער — ער איז אָבער ניט אַזאַ דערשלאָגענער, ניט אַזאַ אונטערניקער. בפרט נאָך דער אידישער קליינשטעטלדיקער טראַדיציאָנעלער פרומער דלות, וואָס האָט יאָרהונדערטע געגלויבט באמונה שלמה, אַז די וועלט איז געגעבן אויף אָפּצוקומען און ערשט יענע וועלט איז עפּעס ווערט. בײַ דער דאָזיקער, בײַ זיך אַזוי געפּאַלענער מאַסע האָט געמוזט פאָרקומען אַ גאַנצע רעוואָלוציע אינם וועלט־און מענטש־באַנעם, כדי זי זאָל וואָגן צו שטעלן זיך אויף איין טרעפּ מיט דער אַרומיקער ניט־אידישער באַפעלקערונג.

די דאָזיקע רעוואָלוציע האָט געמאַכט די אומשיכטונג — דער איבערגאַנג צו דער אַרבעט. פּאַראַלעל מיט דעם האָבן געווירקט נאָך אַ סך אַנדערע פּאָליטישע, קולטורעלע, נאַציאָנאַלע פאַקטאָרן — אָבער דער גרונט־פאַקטאָר איז געווען דער איבערגאַנג צו אַרבעט, ער איז געווען דער פאָרבאַדינג פאַר אַלע איבעריקע פאַקטאָרן.

פאַר דער אידישער בורזשואַזיע האָבן זיך געעפנט אַ סך ברייטע־רע מעגליכקייטן, ווי פאַר די אידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. אַ גאַנצע רייע ווירטשאַפט־צווייגן, וועלכע זיינען פאַר די אידישע ברייטע מאַסן געבליבן פאַרשלאָסן שוין פשוט ווייל אידן האָבן גאָר ניט געטאָרט וואוינען אין די מקומות, וואו די דאָזיקע אונטערנעמונגען האָבן זיך געפונען, זיינען געוואָרן אַ קוואַל פון מאַטעריעלער עשירות און

סאָציאַלן שטייגן פאַר דער אידישער גרויס־בורזשואַזיע: צוקער־אינ־דוסטריע, נאַפט־אינדוסטריע, באַנק־וועזן.

די צוקער־אינדוסטריע, וועלכע איז געבונדן מיט דער לאַנד־ווירטשאַפט, איז געלעגן אין די הענט פון די רוסישע גרויסע גרונט־באַזיצער, וועלכע זיינען געווען זייער קאָנסערוואַטיוו, ניט־רירעוודיק, אָן סוחרישע קענטניסן און מיט נאָך ווייניקער סוחרישע טאַלאַנטן. ערשט די אידן האָבן סוף 19־טן יאָרהונדערט אַ טרייב געטאָן די אַנטוויקלונג פון דאָזיקן ווירטשאַפט־צווייג און באַזונדערס פיל אויפ־געטאָן אויפ'ן געביט פון צוקער־עקספּאָרט. אין 1904 האָט צו אידן געהערט אַ דריטל פון אַלע צוקער־זאַוואָדן פון אוקראַינע, פונם צענטער פון דער רוסישער צוקער־אינדוסטריע.[1]

ערב דער וועלט־מלחמה האָבן די אידישע צוקער־זאַוואָדן פּראָ־דוצירט 52 פּראָצענט פון דער גאַנצער צוקער־פּראָדוקציע פון אוקראַי־נע. אין עקספּאָרט פון צוקער איז דער אידישער אַנטייל געווען נאָך גרעסער — פון 60 ביז 70 פּראָצענט.[2] נאָך גרעסער איז געווען די פּיאָניר־ראָלע פון די אידן אין באַנק־וועזן און ניט נאָר אין די שטעט פון תחום, ווי וואַרשע, לאָדזש, אָדעס, ווילנע, ביאַליסטאָק און צענ־דליקע מיטעלע שטעט, נאָר אויך אין הויפּט־צענטער פון רוסלאַנד — אין סאַמע פּעטערבורג. אומגעפער ביז 40 פּראָצענט האָבן אידן אויס־געמאַכט צווישן די דירעקטאָרן פון די פּעטערבורגער ביינק.[3] דאָס זעלבע און אפשר נאָך אין אַ גרעסערער מאָס קאָן מען זאָגן וועגן אַנטייל פון אידן אין דער נאַפט־אינדוסטריע און אין די אייזנבאַנען. אָבער אויב אין די נאָר וואָס אויסגערעכנטע צווייגן זיינען געווען באַטייליקט נאָר די שפּיצן פון דער אידישער גרויס־אינדוסטריע און אפילו די אָנגעשטעלטע און פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן געהאַט פּרנסה אין די דערמאָנטע ווירטשאַפט־צווייגן אַדאַנק דער אידישער גרויס־בורזשואַזיע, זיינען אויך געווען ניט מער ווי הונדערטע און האָבן קוואַנטיטאַטיוו ניט געקאָנט שפּילן קיין גרויסע ראָלע אין אידישן לעבן, איז שוין גאָר אַנדערש געווען די לאַגע אין דער

[1] ד"ר ח. לאַנדוי, דער אַנטייל פון יידן אין דער רוסיש-אוקראַינישער צוקער-אינדוסטריע, אין די „שריפטן פאַר יידישע עקאָנאָמיק און סטאַטיס-טיק", בערלין, 1928, ז. 102.

[2] דאָרטן.

[3] ד"ר ח. לאַנדוי, יידן און די אַנטוויקלונג פון קרעדיט און טראַנס-פּאָרט אין רוסלאַנד, אין „עקאָנאָמישע שריפטן", ווילנע, 1932, ז. 101.

טעקסטיל־אינדוסטריע, וועלכע האָט געהאַט אירע צענטערן אין תחום און איז געוואָרן אַ מקור פון פּרנסה פאַר אַ סך צענדליקע טויזנטער אידן פון פאַרשיידנסטע קאַטעגאָריעס — פון רייכסטן אונטערנעמער ביזן פאַבריק־וועבטער. דער טעקסטיל־צווייג האָט געשאַפן אַ באָדן פון פּרנסה פאַר די ברייטסטע אידישע מאַסן — און לאָדזש, וואַרשע, ביאַליסטאָק און צענדליקע שטעטלאַך אַרום די דאָזיקע צענטערן זיינען געוואָרן צוציאונג־פּונקטן פאַר אידן פון אַלע עקן פון רוסלאַנד. פון די פאַרוואָרפענסטע ווינקעלאַך איז די יוגנט געלאָפן אין די דאָזיקע שטעט, וועלכע זיינען געוואַקסן מיט אַן אַמעריקאַנישן טעמפּ.

אין וואַרשע האָבן געלעבט אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט קוים 8 טויזנט אידן, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט אַזעלכע 8 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און אין 1914 גאַנצע 337 טויזנט אידן, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט 38 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.[1] אין 1882 האָבן אין וואַרשע געלעבט פון האַנדל — 43.1% און פון אינדוסטריע און האַנטווערק נאָר 29.7%. ערב דער וועלט־מלחמה איז שוין די לאַגע געווען אַ פאַרקערטע — פון האַנדל נאָר 36.0% און פון אינדוסטריע און האַנטווערק שוין — 40.2%.[2] אין לאָדזש האָבן געלעבט אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט אַ פּאָר צענדליק אידישע משפּחות. דאָס איז געווען אַ דאָרף, וואו אידן האָבן גאָר ניט געטאָרט וואוינען. ערב דער וועלט־מלחמה האָבן אין לאָדזש געלעבט קרוב צו 200 טויזנט אידן און זיי האָבן אויסגעמאַכט אַ דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. אין 1860 האָט צו אידן געהערט אין לאָדזש נאָר 11.8% פון אַלע טעקסטיל־פאַבריקן און אין 1910 שוין קרוב צו 60 פּראָצענט. אין 1885 זיינען לחלוטין ניט געווען קיין אידן־אַרבעטער אין די פאַבריקן מיט מער פון 25 אַרבעטער — סוף 19־טן יאָר־הונדערט האָבן זיי שוין אויסגעמאַכט ביז 20 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער אין דעם טיפּ פאַבריקן.[3] אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער צאָל אידישע אַרבעטער אין די קליינע און קלענסטע אונטערנעמונגען און אין די פּיצינקע וואַרשטאַטלעך איז די צאָל אידישע אַרבעטער אין דער גרויס־אינדוסטריע געווען שרעקליך קליין, אָבער דאָס איז געווען באַדייטנדיק מער, ווי פריער.

---

[1] יעקב לעשצינסקי, די עקאָנאָמישע לאַגע פון אידן אין פּוילן, בערלין, 1932, ז. 133.

[2] דאָרטן. [3] דאָרטן, ז. 127.

דאָס סאָוועטישע אידנטום

אין גאַנץ רוסלאַנד איז געווען צום סוף 19־טן יאָרהונדערט העכער 300 טויזנט אידישע אינדוסטריעלע־אַרבעטער — בערך 50 טויזנט אין די מיטעלע און גרעסערע פאַבריקן און העכער אַ פערטל מיליאָן אין די האַנטווערקער־וואַרשטאַטן און אין די שוויץ־פאַבריקלאַך. אין פאַרגלייך מיט אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט, ווען ס'זיינען געווען אַ פּאָר הונדערט אידישע פאַבריק־אַרבעטער און נאָר אַ פּאָר צענדליק טויזנט האַנטווערקער־אַרבעטער, איז דאָס געווען אַ פּראָלעטאַריזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע פון אַ באַדייטנדיקן מאַסשטאַב און פון אַ גרויסן סאָציאַל־געזעלשאַפטליכן ווערט. ס'איז אויסגעוואַקסן דערמיט אַ נייער פאַקטאָר אין אידישן לעבן, וועלכן ס'איז באַשערט געווען צו שפּילן אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פון אידישן פאָלק אין דער גאָרער וועלט. וואָרום אַלע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן, וואָס זיינען אין דער גאָרער וועלט באַשאַפן געוואָרן פון אידישן אַרבעטער; אַלע באַוועגונגען און קאַמפן, וואָס דער אידישער אַרבעטער פירט אין וועלכן ס'ניט איז עק וועלט, אין דעם כלל אויך ארץ־ישראל — אַלץ ציט יניקה פון שורש־קוואַל — פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמאָליקן רוסלאַנד. דאָרטן זיינען געלייגט געוואָרן די יסודות פאַר אַלע שפּעטערדיקע אידישע פּראָלעטאַרישע באַוועגונגען און קאַמפן, אידעען און אידעאַלן. דאָרטן זיינען ניט נאָר געבוירן געוואָרן די פּראָגראַמען און טעאָריעס, נאָר אויך כמעט אַלע לעבעדיקע מענטשן, וועלכע שטייען נאָך עד־היום אין ארץ־ישראל און אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין לאָנדאָן און אין פּאַריז, אין בוענאָס־איירעס און אין מאָנטעווידעאָ און אין צענדליקע אַנדערע לענדער און שטעט, אין דער שפּיץ פון פּראַקטישער אַרבעט לטובת ניט נאָר פון אידישן אַרבעטער־קלאַס אַליין, נאָר לטובת די ברייטסטע אידישע מאַסן. אויף וויפיל מיר פאַרמאָגן אַ פאָלק־אינטעליגענץ, אַ אמת דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ, וואָס איז אָרגאַניש געבונדן מיט די פאָלק־מאַסן, האָט זי באַקומען איר דערציאונג און איר באַרופונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דאָס אויפקומען פון אַ באַדייטנדיקן אַרבעטענדיקן שיכט אין אידישן לעבן איז פאַרבונדן נאָך מיט צוויי דערשיינונגען, וועלכע זיינען געווען דער יסוד פון דער גאַנצער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַוועגונג פון די לעצטע פופציק יאָר: מיר מיינען די קאָנצענטראַציע אין די גרויסע שטעט און די עקאָנאָמישע אידישע סביבות, וועלכע זיינען דאָרטן געשאַפן געוואָרן.

פראָלעטאַריזאַציע און עמיגראַציע

אין משך פון איינע 50 יאָר זיינען אין אַמאָליקן רוסלאַנד אויפֿגעקומען צענדליקע גרויסע קהילות מיט 25 און 50 טויזנט אידן און אייניקע אויך מיט הונדערט טויזנט און מער אידן. דער פּראָצענט אידן אין די שטעט איז געווען אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט צווישן 10 און 15; צום סוף 19־טן יאָרהונדערט האָט ער שוין באַטראָפֿן גאַנצע 30. צום אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט איז ניט געווען אין גאַנץ רוסלאַנד קיין איין קהילה מיט 10 טויזנט אידן — צום סוף פון זעלבן יאָרהונדערט שוין 40 קהילות מיט מער פון 10 טויזנט אין יעדער מיט אַ באַפּעלקערונג פון אַ מיליאָן און אַ האַלב נפשות. העכער אַ פערטל פון אַלע רוסישע אידן האָט געלעבט אין די 40 גרויסע אידישע קהילות. שוין די דאָזיקע קאָנצענטראַציע האָט געשאַפֿן אין דער אידישער מאַסע אַ גרעסערע פיזישע זיכערקייט, אַ גרעסערע פּאָליטישע אַקטיווקייט און גרייטקייט צו קעמפֿן פאַר מענטשליכע און נאַציאָנאַלע רעכט, אַ גרעסערע קולטור־אַקטיווקייט און באַהעפֿטונג צו דער וועלטליכער אייראָפּעאישער קולטור. אַדאַנק דער געדיכטקייט און קאָנצענטרירטקייט האָט די אַסימילירנדיקע ווירקונג פון דער גרויסער שטאָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרויסן ווידערשטאַנד מצד דער אינערציע פון מאַסן, מצד די פרישע נאַציאָנאַלע כוחות, וואָס זיינען ערוואַכט געוואָרן אין די געדיכטע אידישע קוואַרטאַלן פון די גרויסע שטעט.

וואָרום דאָס איז געווען אַ טאָפּעלע קאָנצענטראַציע — אין די גרויסע שטעט און אינערהאַלב יעדער שטאָט אין באַשטימטע ראַיאָנען, וואו זיי האָבן גאָר אָפט אויסגעמאַכט 70 און 80 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפּעלקערונג און אין אייניקע שטעט, ווי אין וואַרשע, לאָדזש, ווילנע, גראָדנע, באַרדיטשעוו, קרעמענטשוג און אין פילע אַנדערע אויך אַריבער 90 פּראָצענט. אַזאַ מין טייל שטאָט מיט אַ פערטל מיליאָן אידן, ווי, למשל, אין וואַרשע, מיט הונדערט טויזנט אידן, ווי אין לאָדזש, מיט 50 טויזנט אידן, ווי אין ווילנע אָדער באַרדיטשעוו האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין באַזונדערע אידישע שטאָט, וועלכע איז גאַנץ ווייניק געקומען אין באַרירונג מיט דער פרעמדער ניט־אידישער וועלט. אידן האָבן דאָ געאַרבעט נאָר בײַ אידן; געקויפט און פאַרקויפט כמעט אויסשליסליך אידן; זיך באַדינט מיט אַ אידישן דאָקטאָר און מיט אַ אידישן דענטיסט און מיט אַ אידישן אַדוואָקאַט; געלערנט מערסטנטיילס כמעט נאָר אין אידישע שולן — אין די חדרים; געהאַט אייגענע ציימונגען און אייגענע טעאַטערן;

הכלל געפירט כמעט אַ אויטאָנאָם לעבן. מערסטנטיילס זיינען אין די דאָזיקע ריין־אידישע שטאָט טיילן געווען קאָנצענטרירט די קליינע אידישע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר׳ן גרויסן ווייטן רוסישן מאַרק — דאָ איז אַלץ און אַלע געווען אידיש — דער בעל־הבית, דער אַרבעטער, דער קרעמער, דער משרת, דער וואָיאַזשאָר, דער אַנגראָ־הענדלער, דער צושטעלער פון רוי־שטאָף, דער בעל־מלאכה, וואָס האָט באַנייט און באַשיכט; דער וועכטער, דאָס שיק־אינגל, די אינטעליגענץ און די כלי־קודש, וועלכע האָבן גייסטיק געשפייזט די דאָזיקע צונויפגענומענע מאַסע.

דאָס אַלץ איז אָבער מעגליך געוואָרן נאָר אַדאַנק דעם אויפקום פון אַ ספּעציפישן אידישן קליין־אינדוסטריעלן און האַנטווערקערישן פּראָלעטאַריאַט. אין דער גרויס־אינדוסטריע וואָלט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט געמוזט בטל בששים ווערן.

ערב דער וועלט־מלחמה זיינען די אַלע באַשריבענע דערשיינונגען געווען נאָך בולטער, ווייל גראָדע אין די 14 יאָר פון 20־טן יאָרהונדערט פון פאַר דער מלחמה איז די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין רוסלאַנד געווען זייער אינטענסיוו; דער אינעווייניקסטער מאַרק האָט זיך שטאַרק צעברייטערט און די קאָנצענטראַציע פון די אידישע מאַסן און די פּראָדוקטיוויזאַציע האָבן געמאַכט גרויסע דערפאָלגן.

די שיינקאַרעס און דאָרף־אַרענדאַרן זיינען צו דער צייט פון דער וועלט־מלחמה געווען אינגאַנצן ליקווידירט. אויך דער קלאַס לופט־מענטשן האָט געהאַלטן שטאַרק אין פאַלן. די גאַנצע פּסיכאָלאָגיע פון דער אידישער מאַסע האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט. די באַציאונג צו אַרבעט, צו פּראַצע איז געוואָרן פּאָזיטיווער. אַרבעט האָט שוין אָנגעהויבן ווערן אַ אידעאַל בא דער אידישער יוגנט. אונטער דער ווירקונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פון איין זייט און פון דער סאָציאַליסטישער פון דער צווייטער זייט, האָט די אידעאַליזאַציע פון אַרבעט־מענטשן און דערמיט ממילא פון דער אַרבעט גופא פאַרכאַפּט גאָר גרויסע מאַסן. איז דער אַרבעטער — דער קומענדיקער גואל פון דער מענטשהייט און פון פאָלק, איז דאָך קלאָר, אַז אַרבעט דערהויבט און ניט זי דערנידעריגט. און אויב אין די 80־ער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט האָט מען געזונגען אין תחום, אַז „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה", האָט מען אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט שוין געזונגען, אַז דער אַרבעט־מענטש וועט ברענגען משיחן.

ווער ס'האָט פּאַראַייניקט דעם נאַציאָנאַלן מיטן סאָציאַלן משיח און ווער ס'האָט געהאָפט נאָר אויפן סאָציאַלן אויסלייזער — די אַרבעט און דער אַרבעט־מענטש זיינען שטאַרק דערהויבן געוואָרן אין די אויגן פון די מאַסן און דאָס האָט געמוזט ווירקן אויף דער באַציאונג צו פיזישער אַרבעט.

ס'האָט זיך שטאַרק געהויבן דער לעבנס־ניוואָ פון די אידישע מאַסן. אָפּגערעדט דערפון, וואָס ס'איז אויסגעוואַקסן ביים רוסישן אידנטום אַ ברייטער מיטל־קלאַס — מיטעלע פאַבריקאַנטן, קרעמער, סוחרים, — וועלכע האָבן גאָר גוט פאַרדינט, האָבן אויך די נידעריקערע שיכטן גענומען לעבן בעסער — יעדנפאַלס קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן. די השגות זיינען גיך איבערגעוואַקסן די אידעאַלן פון אַ „באַנציע שוויגן" מיט זיין טרוים וועגן בולקע מיט פּוטער. די טויערן פון די געטאָס זיינען אויפגעריסן געוואָרן פון אינעווייניק — ניט מען איז אַנטלאָפן פון געטאָ און אין דער פרעמד דערזען אַ נייע וועלט און באַקומען גרעסערע אַפּעטיטן און נייע השגות, נאָר אין געטאָ גופא איז מען אויפגעכאַפּט געוואָרן צו אַ נייעם, בעסערן און שענערן לעבן. די השכלה פון 19־טן יאָרהונדערט האָט קוים אָנגערירט די רייכע און מיטעלע קלאַסן — די פּאָליטישע באַוועגונגען פון אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט האָבן צערודערט און צעוועקט די ברייטסטע און אונטערשטעסטע שיכטן.

ניט קיין קליינע ראָלע הן אינם פאַרבעסערן פון דער עקאָנאָמישער לאַגע און הן אינם ערוואַכן פון די געטאָ־מאַסן האָט געשפּילט די עמיגראַציע. לכתחילה האָט זי אויפגעהויבן די גאָר אָרימע שיכטן — זיי זיינען געווען די אמתע פּיאָנערן פון דער דאָזיקער באַוועגונג, וועלכע האָט שפּעטער געשפּילט אַזאַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין שיקזאַל פון רוסישן אידנטום. ביז 1870 האָבן אויסגעוואַנדערט פון רוסלאַנד קוים אַ פּאָר טויזנט אידן אַ יאָר — פון זיי פלעגט אַ באַדייטנדיקער טייל בלייבן אין פּאַריז און לאָנדאָן און דער איבעריקער האָט געוואַנדערט ווייטער קיין אַמעריקאַ. אָנהויבנדיק פון 1870 דערגרייכט שוין די אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד בערך צו 4 טויזנט אַ יאָר; די דאָזיקע ציפער גיט אַ גרויסן שפּרונג אַרויף באַלד נאָך די פּאָגראָמען פון 1881 און 1882 און דערגרייכט אין דורכשניט צווישן 1880 און 1900 ביז 25 טויזנט אַ יאָר. און אין די 14 יאָר ערב דער וועלט־מלחמה וואַנדערן אויס פון רוסלאַנד העכער אַ

מיליאָן אידן. לכן דורכשניטליך יעדער יאָר קרוב צו הונדערט טויזנט אויסוואַנדערער.

ס'איז זיך גרינג פאָרצושטעלן וואָס פאַר א קאָלאָסאַלע ראָלע אזא מאַסן־אויסוואַנדערונג האָט געמוזט שפּילן אין לעבן פון מאַסן, וועלכע זיינען ממש ערשט אַרויסגעקראָכן פון די פינסטערע געטאָ־נאָרעס אין די תחום־שטעטלאך. און ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן ווי דאָס רוסיש־אידישע לעבן וואָלט אויסגעזען אָן דעם דאָזיקן גרויסן אָפּשטראָם, וואָס האָט אָפּגעפרישט און אויפגעפרישט דאָס גאַנצע לעבן פון רוסישן אידנטום. ניט נאָר עקאָנאָמיש, נאָר אויך קולטורעל און פּאָליטיש.

א דאַנק דער עמיגראַציע האָט די קאָנקורענץ אין די אידישע פּרנסות גענומען פאַלן, בעת דער רוסישער מאַרק גופא האָט געהאַלטן אין אינטענסיוון וואַקסן, שוין אָפּגערעט פון אויסלענדישן מאַרק, וועלכער איז געוואָרן ברייטער און ברייטער. אין א געוויסן זין האָט מען דאָך געקאָנט רעדן וועגן א ספּעציעל־אידישן אַרבעט־מאַרק. אין תחום האָבן אידן קאָנקורירט כמעט נאָר צווישן זיך. דער צו־שטראָם פון ניט־אידישע עלעמענטן אין שטאָטישע פּרנסות, אין האַנדל און האַנטווערק און אין ליבעראַלע פּראָפעסיעס, האָט שוין זיך אָנגע־הויבן פילן און דאָס האָט טאַקע פאַרשטאַרקט די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג צו דער דאָזיקער צייט; די עלעמענטן, וואָס זיינען די הויפּט־טרעגער פונ'ם עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם אין דער גאָרער וועלט, דער מיטל־קלאַס און די פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, האָבן שוין אָנגעהויבן שפּילן א אָנגעזעענע ראָלע אין די שטעט פון אידישן תחום. אָבער דאָך האָבן אידן נאָך אַלץ אויסגעמאַכט די גאָר גרויסע מערהייט אין רוב צווייגן פון האַנדל און האַנטווערק. און דער גרויסער צושטראָם פון אייגענע קינדער אין די דאָזיקע פּרנסות, א צושטראָם, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שטייגן צוליבן הויכן נאַ־טירלאַכן צואוואוקס, האָט זיך א סך מער געפילט, ווי די וואַקסנדיקע קאָנקורענץ פון די נייע פּרעטענדענטן פון דער אַרומיקער מערהייט.

יעדער אידיש בחור'ל אָדער מיידל האָט זיך פריער פון אַלץ געוואָרפן אויף די אידישע פּרנסות — דאָ האָט מען געהאַט פאַר־בינדונגען, געניטקייט, מעגלאַכקייטן פון קרעדיט. ס'זיינען געוועזן הונדערטע שטעטלאך, וואו אידן האָבן אויסגעמאַכט 80 און 90 פּראָצענט פון אַלע קרעמער און גאַנצע הונדערט פּראָצענט פון טעקסטיל, גאַלאַנטערי און אייזן־קראָמען. איז די קאָנקורענץ געוועזן

אַן אייגענע, אַן אינעווייניקסטע. כמעט די זעלבע לאַגע איז געווען אין איניקע צווייגן פון האַנטווערק, באַזונדערס אין דער באַקליידונג־מלאכה, וועלכע האָט געוויינלאַך באַשעפטיקט ביז אַ העלפט פון אַלע אידישע האַנטווערקער. אָבער ניט נאָר אין דער שטעטלשער פּראָווינץ זיינען געווען אַזעלכע „אידישע" האַנדל און מלאכה־צווייגן. אויך אין די מיטעלע און גרויסע שטעט האָבן זיך סוף 19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט אַנטוויקלט ווירטשאַפט־צווייגן, וועלכע זיינען געלעגן אויסשליסלאַך אָדער כמעט אויסשליסלאַך אין אידישע הענט. און דער אַלץ וואַקסנדיקער צושטראָם פון אידישער יוגנט פון דער פּראָווינץ האָט זיך געריסן פריער פון אַלץ און מער פון אַלץ אין די דאָזיקע „אידישע" צווייגן. די קאָנקורענץ האָט געמוזט אָננעמען די קרענקלאַכסטע פאָרמען.

די עמיגראַציע האָט אָפּגעשוימט אַזאַ אָנגעשוואָלענע קאָנקורענץ, אַז מען קאָן זאָגן, זי האָט ממש געשאַפן פרישע לופט אויף צו אָטעמען. די קליין־אינדוסטריע פון ווארשע און לאָדזש, וועלכע איז אין אַ פּאָר צענדליק יאָר קאָלאָסאַל אויסגעוואָקסן און האָט איינגעשלונגען צענדליקע טויזנטע פרישע אידישע אַרבעט־כוחות, איז גאָר גיך געוואָרן איבערפולט, און דער צושטראָם פון אידישער יוגנט, וועלכע האָט געזוכט אַן אויסוועג פון דער פּראָווינציעלער עקאָנאָמישער אויסזיכטלאָזיקייט און קולטורעלער פינסטערניש, האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. זיינען טאַקע אין די דאָזיקע קליין־אינדוסטריע־צווייגן געשאַפן געוואָרן אַרבעט־באַדינגונגען פון דער שרעקלאַכסטער שוויץ־סיסטעם. אָבער ס'האָט געקאָנט ווערן נאָך ערגער ווען די עמיגראַציע זאָל ניט געווען אונטערקומען און נעמען וואַקסן ביז אין די הונדערט טויזנט אויסוואַנדערער אַ יאָר.

די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט סוף 19טן יאָרהונדערט אָנגענומען די ערשטע אָרגאַניזירטע פאָרמען און האָט אָפּגעהאַלטן באַדייטנדיקע נצחונות אויפ'ן פּאָליטישן געביט, ניט אין זין פון אויסקעמפן פרייהייטן, אָבער אין פּרט פון אָנערקענונג, ווירקונג און וואָג, האָט זיך אין עקאָנאָמישן קאַמף אָנגעשטויסן אויף אַן אייזערנער וואַנט — די קאָנקורענץ אין די אידישע פאַכן האָט געמאַכט צונישט אַלע עקאָנאָמישע נצחונות. מען האָט תמיד געוואונען די שטרייקן אַ דאַנק דער שוואַכקייט פון די פּיצינקע אונטערנעמער; מען האָט אָבער תמיד גאָר גיך און כמעט פרייוויליג אָפּגעגעבן די זיגן אַ דאַנק דער שוואַכקייט פון די אונטערנעמונגען און אַ דאַנק

דער אומגעהויערער קאָנקורענץ אויפ'ן אידישן אַרבעט־מאַרק. ערשט די גרויסע אויסוואַנדערונג פון ערשטן צענדליק יאָר פון לויפנדיקן יאָרהונדערט האָט אויך אין דעם פּרט אַביסל פאַרבעסערט די לאַגע.

עמיגראַציע איז אָבער געווען ניט נאָר אַ רעזולטאַט פון אָרים־קייט און פּרנסה'לאָזיקייט. וואָרום ווי שרעקלאַך ס'איז ניט געווען די לאַגע פון די מאַסן אָנהויב 20טן יאָרהונדערט, פיל, פיל מאָל ערגער איז זי געווען נאָך פריער. אָרימקייט אַליין איז ניט גענוג אויף אויפ־הויבן די מאַסן. נאָר אויף אַ געוויסער שטופע פון קולטור ערוואַכן די מאַסן, ווערן באַוועגלאַך און רירעוודיק, באַקומען גרעסערע לעבנס־אַפּעטיטן און העכערע לעבנס־השגות און הויבן אָן זוכן נייע לעבנס־באַדינגונגען. די ערוואַכונג פון די אידישע מאַסן אין אַמאָליקן רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך די פּאָגראָמען פון 1881 און 1882, אָבער ס'האָבן געווירקט נאָך אַנדערע פאַקטאָרן פון אַ פּאָזיטיוון כאַראַקטער. די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון גאַנץ רוסלאַנד; די פּאָלי־טישע ערוואַכונג פון די ניט־אידישע פויערשע מאַסן און באַזונדערס דער וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג; די אויפוואַכונג פון די אונטערדריקטע פעלקער, צווישן וועלכע אידן האָבן געלעבט; ענדלאַך דער אַלגעמיינער קולטורעלער אויפשטייג — דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויך אויף די אידישע מאַסן.

אָבער דאָ איז נאָך צוגעקומען אַ ספּעציעל אידישער פאַקטאָר. צום סוף 19טן יאָרהונדערט האָבן שוין די רוסישע אידן געהאַט גרויסע קאָלאָניעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ס'האָבן אָנגעהויבן אָנקומען טויזנטער בריוו מיט באַשרייבונגען פון נייעם פרייען לאַנד, וואו מען עסט אין דער וואָכן יוכלאַך און שניידער און שוסטער זאָגן אַ דעה באַ דער קלפּי פון אַ פּרעזידענט. אַז די דאָזיקע בריוו זיינען געווען נאָר אַ גוטער וועקער — זיי האָבן געלאָקט און גערופן די מאַסן ניט נאָר צו אַ עקאָנאָמיש בעסערן לעבן, נאָר אויך צו אַ פּאָלי־טיש פרייערן לעבן און צו אַ קולטורעל שענערן און העכערן לעבן. און אַלס גוטער באַוויז, אַז אין נייעם לאַנד גייט עס בעסער און גליקלאַכער האָבן אָנגעהויבן אָנקומען מזומנע דאָלערס און „פּיק־טשורס" פון אוועקגעפאָרענע קינדער, וועלכע מען האָט כמעט ניט דערקענט. די באַקן געזונטע, פולע; די קליידער נייע, שיינע און געפּרעסטע; און באַ יעדערן אַ גאָלדענער זייגער אויף דער ברוסט. האָט עמיצער אין שטעטל באַקומען אַ צענדליק דאָלער און אַ בילד פון אַמעריקאַ, האָט דאָס גאַנצע שטעטל וואָכן גערעט דערפון און

אָפּט געלעבט מיט דעם. צום אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זיינען שוין געווען טויזנטע און צענער טויזנטע פאַמיליעס, וועלכע האָבן געהאַט אַ גליד אָדער צוויי אין גאָלדענע... אין געבענטשטן דאָלער־לאַנד. האָבן אָנגע־הויבן אָנקומען שיפס־קאַרטן און דאָס האָט נאָך גיך פאַרגרינגערט און דעריבער פאַרגיכערט די אויסוואַנדערונג.

ס'זיינען צו דער דאָזיקער צייט צוגעקומען אַרגענטינע, קאַנאַדע און דרום־אַפריקע — דאָס זיינען ווידער געווען נייע פּאָליטישע און קולטורעלע וועקערס און נייע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן פאַר אַ פאַר־שטאַרקונג פון דער אויסוואַנדערונג. עמיגראַציע ווערט אַן אָרגאַנישע נויטווענדיקע דערשיינונג אין לעבן פון די אידישע מאַסן, און איר אָלזייטיקע, באַזונדערס איר עקאָנאָמישע ווירקונג ווערט ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּן. ערב דער וועלט־מלחמה, ניט געקוקט אויף דער פּראָספּעריטי אין רוסלאַנד, דערגרייכט די אויסוואַנדערונג פון רוס־לאַנד אַריבער הונדערט טויזנט אַ יאָר.

געוויס האָבן אידן געטריבן קיין אַמעריקאַ ניט נאָר עקאָנאָמישע פאַקטאָרן — די פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען און די פּאָגראָמען האָבן געהאַט אַ גאָר באַדייטנדיקן איינפלוס אין דעם פּרט.

ס'איז גענוג צו ברענגען פאָלגנדיקע דאַטן: פון 1900 ביז 1903 האָבן אויסגעוואַנדערט פון רוסלאַנד נאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן — 39,775 אידן דורכשניטלאַך יעדעס יאָר; פון 1904 ביז 1907, יאָרן, באַ וועלכע ס'האָבן זיך אויסגעווירקט די פּאָגראָמען פון קישינעוו און האָמעל, די הונדערטע פּאָגראָמען פון אָקטאָבער 1905 און די פּאָליטישע רעאַקציע נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, פאָרן שוין אַרויס יאָרלאַך נאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן — 103 טויזנט אידן. די עמיגראַציע פאַלט אין 1909 ביז נאָר 39 טויזנט אַ דאַנק דעם קריזיס אין אַמעריקאַ. אָבער אפילו שפּעטער דערגרייכט ניט די אויסוואַנדערונג העכער 75 טויזנט. אָבער אין איין יאָר 1914, באַלד נאָכן ביילים־פּראָצעס, פאָרן אַרויס פון רוסלאַנד נאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן העכער 102 טויזנט אידן. און דאָס איז ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אין מיטן 1914 האָט שוין אויסגעבראָכן די מלחמה און די גרעניצן זיינען געוואָרן פאַרשפּאַרט. וואָלט דאָס דאָזיקע יאָר געווען אַ נאָרמאַל יאָר, וואָלט געוויס די אויסוואַנדערונג געווען נאָך גרעסער.

זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז אויף דער אויסוואַנדערונג האָבן אויך פאַר דער וועלט־מלחמה, פאַר די קוואָטעס און באַגרעניצונגען, געהאַט

א גרויסן איינפלוס די עקאָנאָמישע לאַגע אין די איינוואַנדערונגס־לענדער. גאָר פּשוט — אין אַ יאָר פון קריזיס האָט מען געשיקט ווייניקער שיפס־קאַרטן און מען האָט ווייניקער גערופן צו זיך.

די אויסוואַנדערונג האָט פאַרקלענערט די קאָנקורענץ פון אידן צווישן זיך. זי האָט פיל פאַרבעסערט די לאַגע אין אידישן תחום. זי האָט געמאַכט ליכטיקער אין די פינסטערע געטאָס פון גרויסן רוסישן געטאָ, וואָס האָט זיך גערופן „תחום המושב", „טשערטא אסיעדלאָסטי". זי האָט אָבער ניט אויסגעשעפּט דעם ים פון דלות און אָרימקייט, וואָס האָט זיך דורות אָנגעזאַמלט און אָנגעשיכטעט. די העכער 5 און אַ האַלב מיליאָן רוסישע אידן האָבן געהאַט קבצנים, וואָס האָבן געמוזט אָנקומען נאָך שטיצע אויף פּסח, כמעט אַ פינפטל פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג. *)

א קאָמיסיע פון אָדעסער מאַגיסטראַט האָט אין 1900־טן יאָר געמאַכט אַן אויספאָרשונג פון דער לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג און האָט פעסטגעשטעלט, אַז אַ גאַנץ דריטל פון איר נויטיקט זיך אין שטיצע. דאָס הייסט ניט, אַז אַ גאַנץ דריטל לעבט פון צדקה — אָדעס האָט געהאַט אַ זייער האָרעפּאַשנע אידישע באַפעלקערונג. אין האַפן האָבן געאַרבעט טויזנטער אידן; ביים אָנלאָדן און אויסלאָדן די הונדערטע וואַגאָנעס תבואה, וואָס פלעגן אָנקומען קיין אָדעס, זיינען געווען באַשעפטיקט אַ סך אידישע אַרבעטער. חוץ דעם זיינען געווען אַ סך אידישע האַנטווערק־אַרבעטער און אויך פאַבריק־אַרבעטער. אָבער מען האָט פאַרדינט אזוי קנאַפּ, אַז אויף יום־טוב האָט מען געמוזט אָנקומען נאָך צדקה. האָט געטראָפן אַן אומגליק אין דער פאַמיליע, אַ קראַנק קינד, אַ שלאַפקייט פון דער פרוי אָדער חלילה פון פאָטער־פאַרדינער, האָט מען שוין געמוזט אָנקומען נאָך הילף. ענלאַך איז די לאַגע געווען אין אַלע גרויסע שטעט, ווי וואַרשע און לאָדזש אין פוילן, ווילנע און מינסק אין ליטע און ווייסרוסלאַנד, יעקאַטערינאָסלאַוו און קרעמענטשוג אין נייַ־רוסלאַנד — דאָס איז שוין ניט געווען דער קליינשטעטלדיקער, טראַדיציאָנעלער יחוס־דלות, דער דלות פון „יאה עניותא לישראל". ווען דער קבצן טוט גאָר דעם נגיד אַ טובה, ווייל ער שטעלט אים צו די געלעגנהייט צו כאַפּן אַ מצוה. דאָס איז שוין געווען אַ מאָדערנע אָרימקייט — אַן אָרימקייט פון

*) מאַטעריאַלן וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון אידן אין רוסלאַנד (רוסיש). ס.־פּעטערבורג, 1904, באַנד 2 ז. 224.

א פּראָלעטאַרישער מאַסע, וועלכע האָרעוועט מיטן ביטערן שווייס און האָט פּאָרט ניט צום לעבן.

די דערמאָנטע אָדעסער קאָמיסיע האָט פעסטגעשטעלט, אַז 63 פּראָצענט פון אידישע מתים ווערן אין אָדעס באַהאַלטן אויפ׳ן חשבון פון דער אידישער קהילה. ווער ס׳ווייסט וואָס פאַר אַ אידן הייסט שטאַרבן אין פרעמדע תכריכים, דער וועט אָפּשאַצן דעם ווערט פון די פּאָר ציפער.*)

איין ציטאַטע כאָטש פון בוך, וואָס די דערמאָנטע קאָמיסיע האָט אַרויסגעגעבן: „די איינוואוינער פון די דאָזיקע פינסטערע און פייכטע פּאַדוואַלן, מיט אַ נאָדל אין דער האַנט און מיט אָנגעצונדענע אויגן, זיצן אָנגעבויגן איבער דער אַרבעט. אַ ניי־מאַשין איז אַ זעלטענע זאַך. פייכטקייט, שרעקלעכע לופט, קנאַפּ עסן און ווייניק ליכט אין דער וואוינונג — דאָס אַלץ רואינירט דאָס געזונט פון די דאָזיקע מענטשן גאָר גיך. די גראָשענס, וואָס מען פאַרדינט בײַ דער אַרבעט, איז ווייניק אפילו פאַר אַ הונגער־לעבן. אין איין פאַמיליע האָבן מיר געטראָפן דריי טעכטער בײַ ניי־אַרבעט. זיי האָבן באַקומען צו 2 קאָפּיקעס פאַר אַ פּאָר קאַלסאַנעס".**) די באַקאַנטע אויספאָר־שונג פון יק״א פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל וועגן דער לאַגע פון די אידישע בעלי־מלאכות מיט פאָלגענדיקע ווערטער:

„צוליב דעם גרויסן אָנבאָט פון האַנטווערק־אַרבעט, וואָס שטייט אָפט אין אַ געוואַלדיקער סתירה צו דעם פאַרלאַנג, בלייבט אַ גרויסער טייל בעלי־מלאכות פּעריאָדיש אָן אַרבעט. אַרבעטלאָזיקייט — דאָס איז דער שרעקלאַכסטער שונא פון אידישן בעל־מלאכה. אַן אייזערנער קבצן אפילו ווען ער האָט אַרבעט, ווערט זיין לאַגע גאָר טראַגיש שוין אין ערשטן טאָג פון קריזיס ווען מען בלייבט גאָר אָן אַרבעט. אין אַזעלכע צייטן וואַרפט זיך דער אידישער בעל־מלאכה אויף יעדע אַרבעט, אויף האַנדל, אויף טרעגעריי, אויף שוואַרצע אַרבעט, אַבי ראַטעווען די פאַמיליע פון הונגער־טויט".***)

דער דורכשניטלאַכער פאַרדינסט פון אַ בעל־מלאכה אין די ליטווישע גובערניעס איז געווען פון 2 ביז 3 רובל (פון 1 ביז איינס־און־

*) אַרטיקלען וועגן דער עקאָנאָמישער טעטיקייט פון אידן אין רוסלאַנד (רוסיש), פּעטערבורג, 1913, ז. 61.

**) י. בראַדאַווסקי, די אידישע אָרימקייט אין אָדעס (רוסיש), אָדעס, 1902, ז. 48.

***) מאַטעריאַלן וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון אידן אין רוסלאַנד, יק״א. 1904. פּעטערבורג, ז. 222.

א־האַלב דאָלער) א וואָך. און מיט דעם האָט מען אָפט געמוזט אויס־האַלטן א פאַמיליע פון 5 און מער נפשות. *)

אין די נאָר וואָס ציטירטע יק"א־מאַטעריאַלן ווערט געבראַכט א טאַבעלע וועגן די פאַרדינסטן פון אידישע שניידער און שניידערקעס אין אַמאָליקן קעניגרייך פוילן (10 פוילישע גובערניעס, וועלכע האָבן געהערט צו רוסלאַנד). לויט דער דאָזיקער טאַבעלע קומט אויס, אז אין 33 פּראָצ. פונקטן איז דער פאַרדינסט געווען נידעריקער פון 250 רובל (125 דאָלער) א יאָר; אין 47 פּראָצ. פונקטן איז דער יאָר־לאַכער פאַרדינסט געווען צווישן 250 און 300 רובל; און נאָר אין 20 פּראָצ. פונקטן איז ער געווען העכער פון 300 רובל א יאָר.**)

די דאָזיקע אַלע ציטאַטן פון די יק"א־מאַטעריאַלן נעמען אַרום די צייט פון סאַמע סוף 19טן יאָרהונדערט (1897 און 1898). אָט זיינען נאָר א פּאָר דאַטן פון א באַריכט פון א אידישער קאָמיסיע פון וואַרשע פאַר הילף פאַר אַרבעטלאָזע פאַר די יאָרן 1911־1912: 49 פּראָצענט פון די געמעלדעטע אַרבעטער האָבן געלעבט צו עטלאַכע מענטשן אין איין צימער. 20 פּראָצענט פון אַלע שניידער, וועלכע האָבן געזוכט אַרבעט, האָבן געגעבטן פון 1 רובל ביז 4 רובל א וואָך; נאָך 20 פּראָ־צענט האָבן געגעבטן פון 4 ביז 6 רובל א וואָך.***)

דער פּראָצעס פון אַנטוויקלונג איז געווען א טאָפּעלטער — פון איין זייט איז גאַנץ גיך געוואַקסן א אידישע גרויס־בורזשואַזיע און ס'האָט זיך געהויבן שטאַרק דער וואוילשטאַנד פון מיטל־קלאַס; פון דער צווייטער זייט איז געוואַקסן דער גרויס־שטאָטישער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז געזונקען אין אָרימקייט און נויט.

ניט פיל בעסער איז געווען די לאַגע פון דער גרויסער אידישער קליינבירגערלאַכער מאַסע — פון די קליינע קרעמערלאַך און פון די זעלבשטענדיקע בעלי־מלאכות.

מיר וועלן אונטערפירן דעם סך־הכל פון קורצן עקאָנאָמישן איבערבליק מיט א קליינער טאַבעלע, וועלכע וועט אונז געבן די בערכ'דיקע קלאַסן־גלידערונג פון דער אידישער באַפעלקערונג ערב דער וועלט־מלחמה. אויף אזא אופן וועלן מיר שוין אויך באַקומען א פאָרשטעלונג וועגן דעם פּראָצענט דעקלאַסירטע אידן אין די ערשטע יאָרן פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע ווען ניט נאָר די אָרימע

*) דאָרטן, ז. 222.
**) דאָרטן, ז. 295.
***) באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער פאַרמיטלונגס־ביוראָ בא דער אַרבעט־געזעלשאַפט (רוסיש און פויליש), וואַרשע, ז. 6 און 8.

קליינבירגערלאַכע האַנדל־מאַסע איז צוגערעכנט געוואָרן צו דער בור־זשואַזיע, וועלכע מען דאַרף און ס'איז אַ מצוה צו עקספּראָפּריאירן, נאָר אויך דאָס אַרבעטנדיקע קליינבירגערטום, ווי די בעלי־מלאכות מיט איינעם אָדער צוויי געדונגענע אַרבעטער, איז פאַרפאָלגט געוואָרן און געצוואונגען געוואָרן אָפּגעבן די מאַשינעס און אינסטרומענטן.

די קלאַסן־גלידערונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין רוס־לאַנד ערב דער וועלט־מלחמה (1914) איז געווען בערך אַזוי:

1) גרויס־און מיטל־בורזשואַזיע	10.0%
2) קליין־בירגערטום (קרעמערלאַך, האַנטווערקער, מעקלער און קאָמיסיאָנערן, פּויערים)	50.0%
3) פּראָלעטאַריאַט (פאַבריק־און האַנטווערק־אַרבעטער, שוואַרץ־אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, דינסטן)	25.0%
4) ליבעראַלע פּראָפעסיעס	3.0%
5) אומבאַשטימט און וואָס לעבן פון צדקה	12.0%
צוזאַמען	100.0%

גוט און גאָר גוט האָט געלעבט נאָר די ערשטע גרופּע און די 4טע. אייגנטלאַך האָט מען געקאָנט צורעכענען די ליבעראַלע פּראָ־פעסיעס צו דער ערשטער גרופּע — זי האָט געשטאַמט אין איר גרעס־טער מערהייט פון דער דאָזיקער גרופּע און האָט געהערט צו איר אין ווייטערדיקן לעבן. אַ גרויסער פּראָצענט פון די אידישע אַקאַדעמיקער (בעמיקער, אינזשענערן) האָט זיך גאָר ניט פאַרנומען מיט דער פּראָ־פעסיע, נאָר האָט אויסגענוצט די ספּעציעלע קענטניסן פאַר גרינדן אונטערנעמונגען.

דאָס גאַנצע קליינבירגערטום האָט געלעבט אַ נעבאַכדיק לעבן, האָט פאַרדינט קנאַפּ, האָט זעלטן געהאַט זאַט צו עסן, שוין אָפּגע־רעדט פון אָנטאָן זיך אָדער זיך דערלויבן אַ גוטע וואוינונג. געוויס זיינען דאָ אויך געווען פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס. אין דער גרויסער אָרימער האַנטווערקער־מאַסע זיינען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן שוין באַשעפטיקט 5 און 6 אַרבעטער. זייער פּראָצענט איז אָבער געווען אַ קליינער. די אויספאָרשונג פון יק"א האָט געוויזן, אַז אין דורכשניט קומט אָן קוים איין געדונגענע אַרבעט־קראַפט, שוין מיטן לערן־אינגעל, אויף איין בעל־הבית. דער רוב קרעמערלאַך האָט אויך קוים פאַרדינט אויף חיונה. פאַרשטייט זיך, אַז אויך צווישן די

דאָזיקע קבצנים זיינען געווען אויסנאַמען, וועלכע האָבן שוין גע־צויגן צו דער מיטל־בורזשואַזיע, אָבער אין דער קאָלאָסאַלער מערהייט איז דאָס געווען אַן אָרימע מאַסע.

ס'מוז אָבער קאָנסטאַטירט ווערן, אַז די טענדענץ איז געווען צו בעסערן — דער פּראָצענט בעלי־מלאכות, וואָס האָט זיך אַרויפגעאַר־בעט; דער פּראָצענט קרעמערלאַך, וואָס האָט געשטיגן, האָט גע־האַלטן אין וואַקסן. מען קאָן ניט פאַרגלייכן די לאַגע פון די אידישע מאַסן אין רוסלאַנד ערב דער וועלט־מלחמה מיט דער לאַגע צו דער צייט פון די ערשטע פּאָגראָמען (1881-1882). פאַר די דאָזיקע עטלאַכע און דרייסיק יאָר האָבן אידן געהאַט אַ סך אויסצושטיין פון די פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען און דאָך איז דער עקאָנאָמי־שער וואוילשטאַנד געוואַקסן.

3

דער צאַרישער רעזשים און די לאַגע פון די רוסישע אידן.

אַ גאַנצע נעץ פון באַגרענעצונגען און באַשרענקונגען, גזירות און אויסנאַמען האָבן געהאַלטן דאָס אידישע לעבן אין צאַרישן רוסלאַנד אין קלעם און ניט געלאָזט די העכער 5 מיליאָן אידן אַנטוויקלען אַלע מעגלאַכקייטן און פּאָטענצן. אויף שריט און טריט האָט זיך דער איד אָנגעשטויסן אויף געזעצן און פאַראָרדענונגען, וועלכע האָבן אים ממש געבונדן הענט און פיס — אין בוכשטעבליכן זין פון וואָרט. ווארום אין גרעסטן טייל פון רוסלאַנד האָבן אידן ניט געטאָרט וואוינען — אין אַלע גרויס־רוסישע גובערניעס, אין סיביר, אין פינלאַנד. אין די לעצטע צוויי נאָר אידן, וואָס האָבן אויסגעקויפט גילדיע, אַזאַ מין טייערן פּאַטענט. אידן מיט העכערער בילדונג און בעלי־מלאכות האָבן געהאַט וואוין־רעכט אין די גרויס־רוסישע גובערניעס. אין סיביר און פינלאַנד האָבן אפילו די דאָזיקע קאַטעגאָריעס אידן אויך ניט געטאָרט וואוינען. אָבער פאַקטיש איז אויך די אויסגערעכנטע קאַטעגאָריעס אידן ניט גרינג געווען צו לעבן אין די גרויס רוסישע גובערניעס. דער ווילקיר פון דער פּאָליציי האָט געווילדעוועט בנוגע דער גאַנצער באַפעלקערונג, אָבער בנוגע צו אידן איז איר מאַכט געווען ווירקלאַך אומבאַגרעניצט. אָבער אויך אין דער אַזוי גערופענער „טשערטאַ אסיעדלאסטי”, אין די 15 גובערניעס פון אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד און ליטע, האָבן אידן געמעגט וואוינען נאָר אין די שטעט און ניט אין די דערפער. דער פּאָליציי איז געגעבן געוואָרן דאָס רעכט אַרויסשיקן פון די דערפער אידן, ניט אָנקומענדיק צו קיין געריכט. אין די צען פּוילישע גובערניעס, וואָס זיינען געווען אַ טייל פון צאַרישן רוסלאַנד, האָבן אידן געהאַט ברייטערע וואוין־רעכט.

אין דער הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע — אין קיעוו — האָבן אידן ניט געהאַט קיין וואוין־רעכט. טויזנטער אידן, וועלכע האָבן געהאַט געשעפטן אין דער הויפּט־שטאָט פון אַ געגנט, וואו דער תבואה־האַנדל, דער צוקער־האַנדל און דער טעקסטיל־מסחר איז געלעגן כמעט אויסשליסלאַך אין אידישע הענט, האָבן געמוזט לעבן אין די אַרומיקע שטעטלאַך און קומען קיין קיעוו נאָר באַטאָג. די נאַכט־

אָבלאָוועס אויף אידן זיינען געווען דאָס באַליידיגנדיקסטע, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן.

אידן האָבן געמעגט אָנקומען אין מיטל־שולן און אין הויך־שולן נאָר אין אַ געוויסן פּראָצענט. אין די שטעט פון תחום — 10 פּראָצענט און אין די שטעט פון די צענטראַלע גובערניעס נאָר 3 פּראָצענט. אי דאָס איז געווען אָפּהענגיק פון דער בילדונגס־מאַכט גאָר ניט אָננעמען קיין אידן. דער פּראָצענט אידן אין דער אַדוואָקאַטור איז געווען באַגרעניצט. אַלס באַאַמטע זיינען אידן ניט צוגעלאָזט געוואָרן. ביים קויפן אייגנטום זיינען די אידישע רעכט געווען שטאַרק באַגרעניצט. אידישע צוקער־פאַבריקאַנטן האָבן געמוזט קויפן די פאַבריקן אויף אַ נאָמען פון אַ קריסט. ממש טויזנטע באַגרעניצונגען האָבן געשטערט דאָס אידישע לעבן. דער איד איז געווען הפקר — די פּאָליציי האָט געטאָן וואָס זי האָט געוואָלט. און כמעט יעדן חודש איז געווען אַ פאַראָרדענונג אָדער אַן אויסטייטשונג פון אַ געזעץ דורכן סענאַט, וועלכע פלעגן נאָך מאַכן ענגער, נאָך שטיקנדיקער די לופט. אין רוסישן קאָדעקס זיינען אידן געווען פאַררעכנט אַלס „אינאָראָדצי", אַלס פרעמדע. אידן זיינען געשטאַנען אין איין קאַטעגאָריע מיט די ווילדע און האַלב־ווילדע שטאַמען פון סיביר.

ניט מען נאָך צו די פּאָגראָמען, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט פאַרפלייצן די אידישע שטעט, וועט שוין ווערן קלאָר, ווי אידן האָט זיך געלעבט אין צאַרישן רוסלאַנד. חוץ איינצעלנע פּאָגראָמען, וועלכע האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט, ווי דער קישינעווער פּאָגראָם, דער האָמעלער פּאָגראָם (ביידע אין 1903), זיינען אין משך פון איין פערטל יאָרהונדערט — פון 1880 ביז 1905 — געווען צוויי גרויסע כוואַליעס פּאָגראָמען, וועלכע האָבן פאַרגאָסן צענדליקע און הונדערטע שטעט מיט טויזנטע הרוגים און מיט אַ חורבן פון צענדליקע טויזנטע אידישע פאַמיליעס: אין 1881, באַלד נאָכן מאָרד פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן דורך די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, זיינען פאָרגעקומען בלוטיקע פּאָגראָמען אין צענדליקע שטעט פון אוקראַינע; אין 1905, אין שטורם פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט די רוסישע פּאָליציי אָרגאַניזירט אַ בלוט־באָד, וועלכע האָט שוין פאַרגאָסן ביז 500 פּונקטן. די צאַרישע רעגירונג האָט געגלויבט צו קאָנען דערטרינקען די רוסישע רעוואָלוציע אין אידישן בלוט. אָבער די געשיכטע האָט אַנדערש גע'פּסקנ'ט — דער וויסטער סוף פון דער צאַרישער פאַמיליע און פון אירע רעאַקציאָנערע מיניסטאָרן איז גענוג באַקאַנט.

ניט געקוקט אויף די אַלע באַגרעניצונגען און פאַרפאָלגונגען, האָט דער רוסישער איד זיך ניט געפילט געפאַלן און נאָך ווייניקער האָט געקאָנט זיין די רייד וועגן יאוש. צו שטאַרק איז געווען דער גלויבן, אַז דאָס אַלץ מוז אונטערגיין, אַז דאָס אַלץ האָט ניט קיין באַדן אין לעבן, איז שעדלאַך ניט נאָר פאַר אידן, נאָר פאַרן גאַנצן שטאַט, אַנטשפּרעכט ניט דעם רצון פון דער באַפעלקערונג, איז סותר די עלעמענטאַרע מענטשלאַכע רעכט, וועלכע מוזן סוף כל סוף גאַראַנטירט ווערן אַלע. אָט דער דאָזיקער גלויבן, וואָס איז ניט געווען סתם אַן איינרעדעניש, נאָר האָט געהאַט אַ גרויסן גרונט אין אַרומיקן לעבן, האָט געגעבן מוט, האָט געשטאַרקט די האָפענונג אויף בעסערע צייטן, האָט געשטאַרקט דעם קאַמף און געשאַפן יענעם זעלבסט־געפיל, וואָס האָט געמאַכט דעם אידן אינערלאַך פריי. מען האָט זיך געפילט פריי, ווייל מען האָט מיט אַלע חושים געפילט און געגלויבט, אַז די רוסישע רעוואָלוציע מוז קומען און מוז באַפרייען דאָס רוסישע אידנטום צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע פעלקער פון דער גרויסער אימפּעריע. די לופט איז געווען אַזוי אָנגעלאָדן מיט רעוואָלוציאָנערן פולווער, אַז מען האָט געמוזט גלויבן.

און זיינען דאָך טאַקע כמעט אַלע קלאַסן פון דער אַרומיקער געזעלשאַפט געשטאַנען פאַר אַבסאָלוטער גלייכבארעכטיקונג פון אידן. אָפּגערעדט פון די אַרבעטער און פּויערים, וועלכע זיינען געשטאַנען אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף מיט דער צאַרישער רעגירונג, זיינען אויך די בירגערלאַכע פּאַרטייען אין זייער מערהייט געווען פאַר גלייכבאַ־רעכטיקונג פון די אידן. ס׳זיינען געווים געווען אויך אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען, אָבער זיי זיינען געווען שטאַרק מיט זייער נאָענטקייט צו דער מאַכט און ניט מיט זייער ווירקונג אין דער געזעלשאַפט. אַזוי אַז די צוזאַמענפאָרן פון די שטאָטישע און דאָרפישע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען, וואו די בירגערלאַכע פּאַרטייען זיינען געווען דער הערשנדיקער עלעמענט, האָבן עטלאַכע מאָל אָנגענומען רעזאָלוציעס לטובת דער אידישער גלייכבארעכטיקונג. אויך די צוזאַמענפאָרן פון די בערזעס, פון די אינדוסטריע־אָרגאַניזאַציעס און פון די בענק האָבן זיך ניט איין מאָל אַרויסגעזאָגט פאַר אָפּשאַפן אַלע באַגרעני־צונגען פון אידן.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט געמאַכט געוואָרן פון ריינער ליבע צו אידן — די אַלע אויסגערעכנטע אָרגאַניזאַציעס האָבן גאָר ניט באַהאַלטן די אמת׳ע מאָטיוון — זיי פלעגן קלאָר פאָרמולירן, אַז די

קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג פון לאַנד פאָדערט דרינגענד פולע פרייהייט פאַר דער אידישער באַפעלקערונג, וועלכע איז אַ שטאָטישע, איז שטאַרק פאַרטראָטן אין האַנדל פון לאַנד, איז באַרופן צו טרייבן די אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד פאָרווערטס און דער אַנטייל פון אידן אין דער אינדוסטריאַליזירונג פון רוסלאַנד קאָן פאַרגיכערן דעם דאָזיקן פּראָצעס.

מיטן אָנהויב פון דער מלחמה, ווען מען האָט געמוזט מאָביליזירן און אינטענסיווירן די אינדוסטריע פאַר מיליטערישע צוועקן, זיינען די שטימען לטובת דער גלייכבאַרעכטיקונג פון אידן מצד דער רוסישער בורזשואַזיע געוואָרן נאָך אָפטער, העכער און פאַרלאַנגערישער.

די אידישע אינטעליגענץ אין די הויפּט־שטעט פון רוסלאַנד איז געשטאַנען אין אַ ענגן קאָנטאַקט מיט דער אַרומיקער אינטעליגענץ. אין די רעוואָלוציאָנערע רייען האָט דאָך אודאי געהערשט פולע האַרמאָניע און ברודערשאַפט. דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ מוטיקע שטימונג אין דער אידישער באַפעלקערונג. בא יעדער פאַרפאָלגונג מצד דער צאַרישער רעגירונג האָט די אידישע באַפעלקערונג געפילט, אַז זי איז ניט איינזאַם, ניט פאַרלאָזט; פונקט פאַרקערט, די רוסישע אינטעליגענץ פלעגט ברייענגען קלאָרע באַווייזן, אַז זי איז אויף׳ן צד פון די אידן, אַז זי פאַראורטיילט שאַרף און קאַטעגאָריש די פאַרפאָלגונגען און איז גרייט זיך איינשטעלן פאַר אידן.

מיט איין וואָרט, דער איד אין צאַרישן רוסלאַנד איז טאַקע געווען פאַרפאָלגט אין אַ נעץ פון גזירות, וואָס האָבן צום הימל געשריען מיט זייער ווילדקייט און אומגעלומפּערטקייט, אָבער ניט נאָר דער איד, נאָר אַבסאָלוט די גאַנצע אַרומיקע געזעלשאַפט האָט געפילט, אַז דאָס זיינען רעשטלאַך פון אַן אָפּגעלעבטער פאַרגאַנגענהייט, רעשטלאַך, וועלכע מוזן ביים ערשטן בלאָז פון אַ פרייהייט־ווינט פאַרשווינדן.

האָבן אידן דעריבער זיך געפילט זיכער אין אַ מלוכה, וואו זיי האָבן נאָך ניט געהאַט קיין באַוועגונגס־פרייהייט. האָבן אידן זיך אפילו געפילט מוטיק, ווייל די אַרומיקע אַטמאָספער איז געווען אַ צוזאָגנדיקע, אַ פולע מיט גרויסע האָפענונגען.

און ווייל מען האָט זיך געפילט זיכער און מוטיק האָט מען אויך פאָגראָמען געענטפערט שטאָלץ און ווירדיג — ניט נאָר מיט פיזישער זעלבסטשוץ, נאָר אויך מיט פאַרשטאַרקן דעם אַנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

4

די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג פון די אידישע מאַסן אין רוסלאַנד

דאָס רוסישע אידנטום אין אַלע זיינע טיילן (פּוילישע, אוקראַי־נישע, ליטווישע און ווייסרוסישע) האָט געהאַט ניט נאָר אַ געזונטן נאַציאָנאַלן אינסטינקט און האָט רעאַגירט אויף רדיפות און נגישות ווי אַ געזונטע נאַציאָנאַלע גרופּע, נאָר איז אויך געווען נאַציאָנאַל שטאַרק באַוואוסטזיניק.

פון איין זייט קאָן אויסקומען, אַז דאָס דאָזיקע אידנטום האָט נאָך געשטעקט ראשו ורובו אין געטאָ. אויסערלאַך האָט נאָך שטאַרק געהערשט דער לאַנגער קאַפּטאַן און די באָרד און פּאות. באַזונדערס, אין די פּוילישע גובערניעס. דאָרטן האָט פאַר דער וועלט־מלחמה די גרויסע איבערוויגנדיקע מערהייט זיך שטרייננג געהאַלטן באַ אַלע זיטן און מנהגים פון אָרטאָדאָקסן אידנטום. אָבער אויך דאָס ליט־ווישע און אוקראַינישע אידנטום, כאָטש אויסערלאַך איז עס שוין געווען אַביסל פרייער, איז געווען טיף רעליגיעז. דער חסידיזם, וואָס האָט געהערשט אין פּוילן, איז אין ליטע קיינמאָל ניט געווען קיין הערשנדיקע דערשיינונג און אין אוקראַינע איז ער צום סוף 19טן יאָרהונדערט שטאַרק געפאַלן. אָבער מען קאָן מיט אַ רואיקן געוויסן באַהויפּטן, אַז דאָס גאַנצע רוסישע אידנטום איז געווען שטאַרק געבונדן אין אידישע טראַדיציעס, באַזונדערס אין יענע טראַדיציעס, וועלכע האָבן אין זיך אויך אַ נאַציאָנאַלן קערן, ווי אָפּהיטן שבת און יום־טוב, נאַציאָנאַלע תעניתים, קהילה־פּאָרשריפטן, ווי אַן אחדות פאַקטאָר.

לויט דער ציילונג פון יק"א פון 1898 זיינען געווען אין די חדרים 375 טויזנט אידישע קינדער, 6 מאָל מער, ווי אין די וועלט־לאַכע שולן. פון די דאָזיקע 375 טויזנט חדר־קינדער זיינען געווען 94 פּראָצענט אינגלאַך, דאָס הייסט, אַז דער גאַנצער מאַנסבילשער טייל קינדער האָט נאָך באַזוכט אַ רעליגיעזע אָפּגעשטאַנענע שול.*) צום יאָר 1914 איז אפשר די לאַגע געווען אַביסל אַנדערש, אָבער ניט קיין סך. דער איבערברוך, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שטימונג פון די אידישע מאַסן אין רוסלאַנד סוף 19טן און אָנהויב 20טן

*) דאָרטן, ז. 284.

יאָרהונדערט, האָט געווים אַ שטאַרקן שלעפּ געטאָן די דאָזיקע מאַסן פון געטאָ, פון זייער איזאָלירטקייט, פון זייער רעליגיעזער שאָלעכץ, אָבער דאָס איז געווען מער אַ פּאָליטישער, ווי אַ קולטורעלער איבער־ברוך.

אין גאַנגזאַץ צו דער השכלה־עפּאָכע, וועלכע האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף דער בילדונג, אויף דער צופּאַסונג צו די אַרומיקע לעבנס־פאָרמען, אויף איבערנעמען די אַרומיקע שפּראַכן, אויף ריינעם קול־טורעלן און גייסטיק מיט'ן אידישן עבר און מיט אידישער אייגנקייט, מיט אידישער אייגנאַרטיקייט, האָט די פּאָליטישע אויפוואַכונג פון די אידישע מאַסן געטראָגן אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, אַ קער צו זיך, אַ פאַרטיפונג אין זיך. די השכלה, אַלס אַן אַסימילאַציע־באַוועגונג, האָט געשטרעבט פאַרענדיקן, מאַכן אַ סוף צו אידישער אייגנאַרטיקייט, בטל ווערן בששים, איינגעשרומפּן ווערן און געמינערט ווערן אַלס אַ גרופּע. דער לאָזונג איז געווען: „אדם בצאתך ויהודי באהלך". דער עיקר איז באַשטאַנען אין דער ערשטער העלפט — „זיי אַ מענטש אין גאַס", דאָס הייסט, זיי וואָס ענלאַכער צו דער אַרומיקער וועלט; רעד ניט דיין שפּראַך, וואָרום דאָס טיילט דיך אָפּ פון דער אַרומיקער וועלט; דאָס טיילט דיך אויס און דו מוזט זיך סטאַרען וואָס ווייניקער באַמערקט צו ווערן. דער „יהודי באהלך" איז געווען אַ טפל, אַן אַבי־זאָך. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס די השכלה־באַוועגונג איז קיינמאָל ניט געווען קיין מאַסן־באַוועגונג ביים רוסישן אידנטום.

פאַרקערט, די פּאָליטישע באַוועגונג פון די אידישע מאַסן פון דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (1905) האָט גע־טראָגן אין אַלע אירע שאַטירונגען אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די ציוניסטישע באַוועגונג איז דאָך געווען אין איר תוך נאַציאָנאַל. אָבער אויך די בונדישע באַוועגונג, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַן אַסימילאַציע־ספערע, אין קרייזן פון אַסימילירטער אינטעליגענץ און אין אַן אידעאָלאָגיע, וואָס האָט פּרינציפּיעל געלייקנט נאַציאָנאַליזם און גאַנץ באַזונדערס, אַז אידן בילדן אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע גרופּע, האָט געמוזט, ווי באַלד זי איז געוואָרן אַ מאַסן־באַוועגונג, ווערן פאַקטיש אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג.

געוויס האָט די פּאָליטישע אויפוואַכונג און אַקטיווקייט פון די אידישע מאַסן געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס אויך אויף דער קול־טורעלער אַנטוויקלונג. און טאַקע אין זין פון באַהעפטן זיך צו דער הערשנדיקער גרויס־רוסישער שפּראַך און קולטור. די אַרומיקע סביבה

אָבער איז ניט געווען פון דער קולטור, וועלכע האָט אויסגעאיבט אַסימילאַציע־ווירקונג. פאַקטיש האָבן דאָך אידן געלעבט ניט צווישן די גרויס־רוסן, וועמענס שפּראַך האָט געהערשט אין די לענדער־אַנשטאַלטן, נאָר צווישן אוקראַינער, ווייסרוסן, ליטווינער, פּאָליאַקן און לעטן. צו דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז געווען בּאַ די אַלע פעלקער אַ גרויסע נאַציאָנאַלע אויפלעבונג — אַן אַלזייטיקע, אַ פּאָליטישע און קולטורעלע. דאָס האָט, ערשטנס, אָנגעשטעקט די אידישע מאַסן און געדרייצט צו זיין גלייך מיט די אַרומיקע און אויך בלייבן טריי דער אייגענער שפּראַך און קולטור. דאָס האָט אָבער אויך געצוואונגען צו ווערן נאַציאָנאַל, וואָרום אַסימילירן זיך מיט גרויס־רוסישער קולטור האָט געהייסן העלפן דער צאַרישער מאַכט אונטערדריקן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

דאָס זיינען געווען אַלץ דרויסנדיקע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געשאַפן גינציקע באַדינגונגען פאַרן גלות־נאַציאָנאַליזם, פאַר דער אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלער קולטור אין גלות. אָבער ס׳זיינען אויך געווען אינעווייניקסטע, אימאַנענטע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן פּראָצעס געגעבן אַ באַזע, אַ יסוד אין לעבן.

פאַר דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט איז פאָר־געקומען אַ קאָלאָסאַלע קאָנצענטראַציע פון די אידישע מאַסן אין גרויסע און מיטעלע שטעט. אין אַ סך שטעט האָבן זיי אויסגעמאַכט אַ העלפט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און אָפט אויך מער. דערביי פלעגט די ניט־אידישע באַפעלקערונג, ווי, למשל, אין ווילנע אָדער קאָוונע, באַשטיין פון דריי אָדער פיר פעלקער (פּאָליאַקן, רוסן, ליטווי־נער און ווייסרוסן) אָדער ווי אין אָדעס פון גאַנצע צען און מער פעלקער (רוסן, דייטשן, אַרמעניער, טשעכן, אוקראַינער, פּאָליאַקן און אַנדערע).

דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ באַזע פאַר דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פון רוסישן אידנטום. און אַזוי ווי נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע איז די פּאָליטישע באַוועגונג דערשטיקט געוואָרן, איז די גאַנצע אָנגעזאַמלטע ענערגיע פון די אויפגעוואַכטע מאַסן אַוועק אויף קולטור. אין אַלע צווייגן, ליטעראַטור, קונסט, מוזיק, וויסנ־שאַפט, שול־וועזן, האָט זיך געפילט אַ גרויסע אויפלעבונג. מען האָט אָבער נאָך מער געפילט, אַז ניט אַלע כחות קומען אויף דער ליכטיקער וועלט. די פּאָליטישע רעאַקציע האָט געהאַלטן אין צוים אויך די קולטור־קרעפטן.

ווענן די כחות, וואָס האָבן געדרימלט אין די אידישע מאַסן אין רוסלאַנד, קאָן מען אורטיילן לויט די שאַפונגען אין די איינ־וואַנדערונגס־לענדער. דאָס זיינען דאָך ניט מער ווי אָרבל פון גרויסן שטורמישן טייך פון רוסישן אידנטום, וואָס איז אין די צייטן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אַרויס פון די ברעגן.

צו דער צייט אַלזאָ פון דער וועלט־מלחמה האָט די אידישע קולטור אין רוסלאַנד געהאַלטן אין וואַקסן, אין זאַמלען כחות, אין גרייטן זיך צו אַ גייעם אויפשוואונג ביים ערשטן פּאָליטישן דורכרייס.

די אויפלעבונג פון די אידישע מאַסן אין רוסלאַנד האָט זיך געפילט ניט נאָר אויפן באָדן פון קולטור. אין איין צענדליק יאָר, פון 1900 ביז 1910, זיינען געשאַפן געוואָרן העכער 600 אידישע קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט־קאַסעס, וועלכע האָבן פאַראייניקט העכער 200 טויזנט מיטגלידער און וועלכע האָבן געהאַט אַ באַלאַנס אין 1912 פון העכער 30 מיליאָן רובעל.*)

קיין אָפיציעלע אידישע געמיינדע איז אין צאַרישן רוסלאַנד ניט געווען. פאַר דער מאַכט האָבן עקסיסטירט נאָר די סינאַגאָגעס און זייערע מיטגלידער און די קאַזיאָנע ראַבינער. אָבער פאַקטיש האָבן עקסיסטירט קהילות, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אַ סך געזעלשאַפט־לאַכע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. פאַקטיש זיינען אין די קהילות אָנגעזאַמלט געווען גרויסע פאָלקס־כחות, וועלכע האָבן גע־וואַרט אויף דער ערשטער פּאָליטישער געלעגנהייט אום זיך צו אַנט־פּלעקן און זיך אָרגאַניזירן און איבערנעמען די פונקציעס פון אָנ־פירן מיטן אידישן לעבן.

---

*) די אידישע קרעדיט-קאָאָפּעראַציע. סט. פעטערבורג, 1914, ז. 12-1, (רוסיש).

5

דער וואוקס פון די אידישע פּאָליטישע און קולטורעלע כּוחות אין שטורם פון מלחמה.

פּלוצים איז אויסגעבראָכן זומער 1914 די וועלט־מלחמה. זי האָט שוין אין די ערשטע חדשים אָוועקגעשטעלט פאַרן רוסישן אידנטום קאָלאָסאַל שווערע אויפגאַבן. אָבער אין אַ געווויסן זין זיינען די דאָזיקע אויפגאַבן געווען פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז זיי האָבן פאַרשטאַרקט די אַלע דערמאָנטע פּראָצעסן פון עקאָנאָמישער געזונטונג, פון קולטורעלער אַקטיוויקייט, פון נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע און פון פּאָליטישער צוגרייטונג צו גרויסע טעג. טראַגישע געשעענישן האָבן פאַרדעקט די הימלען פון רוסישן אידנטום. אין די אַסימילירטע שפּיצן פון רוסישן אידנטום האָט מען זיך אָנגעכאַפּט אין פּאַטריאָטיזם, האָפענדיק, אַז דורך דערוויזן איבערגעגעבנקייט און טריישאַפט צום פאָטערלאַנד וועט מען ווייכער מאַכן די הערצער פון די צאַריסטישע סאַטראַפּן און מען וועט אַרויסרייסן אָדער אויסבעטלען גלייכבאַרעכטיקונג.

די אידישע מאַסן זיינען געווען מער ווי סקעפּטיש געשטימט. און ווירקלאַך, אויפ׳ן אָרט פון גלייכבאַרעכטיקונג האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות פון פראָנט, אַז די רוסישע אַרמיי־פירער טרייבן אַ ווילדע אַנטיסעמיטישע העצע און פּייניקן די אידן פון די גרעניץ־שטעטלאַך. באַלד נאָכדעם זיינען שוין געקומען נאָך שרעקלאַכערע ידיעות: אידן זיינען שפּיאָנען! דאָס איז געווען די באַשולדיקונג, וואָס מען האָט געוואָרפן אין פּנים דער גאַנצער אידישער גרעניץ־באַפעלקערונג. און די לעצטע האָט באַטראָפן ניט מער און ניט ווייניקער פון אַ פּאָר מיליאָן אידישע נפשות. און תיכּף זיינען שוין געקומען ידיעות, אַז מען משפּט פאַר שפּיאָנאַזש אידן, אָנגעזעענע בירגער פון זייערע קהילות, גוט באַקאַנטע פאַר לאָיאַלע בירגער און בכלל פאַר פיינע ערלאַכע מענטשן. און גלייך זיינען געקומען ידיעות וועגן די ערשטע תליות. אין אַ פּאָר מאָנאַטן נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ערשטע עשעלאָנען מיט אַרויסגעטריבענע פון די גרעניץ־פּונקטן אידן: טראָגנדיקע פרויען, זויג־קינדער, 80 יאָריקע זקנים, האַלבע מתים, קראַנקע פון די שפּי־

טאָלן, גאַנצע אידישע שטעט און שטעטלאך זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן פון קאָוונער, גראָדנער, וואַרשעווער, פּעטראָקאָווער און אַנ־דערע גובערניעס.

דאָס רוסישע אידנטום איז אויפגעציטערט געוואָרן, אָבער ניט פאַר׳חלש׳ט געפאַלן. ס׳איז אויפגעשוידערט און אויפגעטרייסלט גע־וואָרן, אָבער ניט פאַרלאָרן און ניט דערשלאָגן געוואָרן. פּונקט פאַר־קערט: ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערדיקע ארבעט אויף אַלע פראָנטן און אין אַלע סעקטאָרן. אויפ׳ן פּאָליטישן פראָנט — אַן ענגע פאַרבינדונג מיט די רוסישע אָפּאָזיציאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער פאַרבאַנד פון די שטעט, דער פאַרבאַנד פון די זעמסטוועס, פון די דאָרפישע זעלבסטפאַרוואַלטונגען, מיט דער אינטעליגענץ פון די הויפּט־שטעט און מיט די פראַקציעס פון דער דומע (פּאַרלאַמענט). ס׳איז געוואָרן אָרגאַניזירט אַ שטאַב פון גוטע יוריסטן, אידן און ניט־אידן, וועלכע האָבן זיך גענומען פאַרטיידיקן אידן אין די שפּיאָנאַזש־פראָצעסן, אויף וויפיל פראָצעסן זיינען פאָרגעקומען. אַ גאַנצער שטאַב באַפולמעכטיקטע זיינען געווען דעלעגירט צו די פראָנטן אויף זאַמלען מאַטעריאַל וועגן דער לאַגע. גענוג צו דערמאָנען דעם באַ־רימטן מחבר פון „דיבוק״ אַנסקין, וועלכער איז געווען דעלעגירט אויפ׳ן גאַליצישן פראָנט, וואו די רוסישע קאָזאַקן האָבן פאַרגוואַלדיגט טויזנטע אידישע פרויען, געמאַכט צענדליקע פּאָגראָמען און פאַר־שיקט צענדליקע טויזנטע גאַליצישע אידן פון די פאַרוואָרפנסטע ווינק־לאַך פון גאַליציע קיין סיביר. אַלס באַפולמעכטיקטער פון פאַרבאַנד פון רוסישע שטעט האָט ער געהאַט די ברייטסטע מעגלאַכקייט אויפ־צוזאַמלען מאַטעריאַל וועגן דער פאַקטישער לאַגע פון אידן אויף דעם דאָזיקן פראָנט. מען דאַרף געדיינקען, אַז אין רוסלאַנד האָט פון סאַמע אָנהויב מלחמה געהערשט אין אַ געוויסער מאָס אַן אַנאַרכיע. די צאַרישע רעגירונג האָט זיך שטאַרק פאַרלאָרן און האָט אינעווייניק אין לאַנד שטאַרק נאָכגעלאָזט די לייצעס. מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס פאַקטיש איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די „טשערטא אסעדלאסטי״, ווייל אין סיביר האָבן אידן ניט געטאָרט לעבן, אָבער גאַנצע שטעטלאך גאַליצישע אידן מיט פּאות און בערד זיינען אַהין עוואַקואירט געוואָרן. דאָס זעלבע מיט צענטראַל־רוסלאַנד, וואו אידן האָבן ניט געהאַט קיין וואוין־רעכט: די אידישע פּליכטלינגע זיינען געווען פריי, האָבן זיי פאַרפלייצט ניט נאָר די מיטעלע שטעט פון צענטראַל רוסלאַנד, נאָר אויך פּעטערבורג און מאָסקווע.

די באַריכטן פון אַנסקין אין די קאָמיטעטן פון די דערמאָנטע פאַרבאַנדן און אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע פון דער דומע האָבן אויפגעטרייסלט די רוסישע אינטעליגענץ. דער אויטאָר פון די דאָזיקע שורות האָט געגעבן אַ באַריכט אין אַ פאַרזאַמלונג פון רוסישער אינטעליגענץ אונטערן פאָרזיץ פון מיליוקאָוון. אַזעלכע באַריכטן מיט דאָקומענטן און באַווייזן, ווי ווילד די אויבערשטע קאָמאַנדירונג באַהאַנדלט די אידישע באַפעלקערונג און ווי דאָס דעמאָראַליזירט און דעזאָרגאַניזירט דעם גאַנצן פראָנט און שאַפט אַ כאַאָס אין די געגענטן, וואָס ליגן נאָענט צום פראָנט, זיינען פאָרגעקומען אין די צענדליקע, ווייל אונטער דער אָנפירונג פון באַקאַנטע יוריסטן האָט געאַרבעט אַ גאַנצער שטאַב ביים זאַמלען און צושטעלן פאַרלעסלאַכן און ריכטיקן מאַטעריאַל. זומער 1915 איז אין דער רוסישער פרעסע געווען פאַרעפנטלאַכט אַ פּראָטעסט, אונטערגעשריבן פון העכער צוויי הונדערט רוסישע אָנגעזעענסטע שריפטשטעלער, פּראָפעסאָרן, פּאָליטישע טוער וכדומה. די צייטונגען זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן, אָבער דעם פּראָטעסט האָבן געלייענט הונדערטע טויזנטע רוסישע מענטשן און דער צוזאַמענהאַנג צווישן די פאַרפאָלגונגען פון אידן און דער צאַרישער רעאַקציע איז געוואָרן נאָך בולט'ער, נאָך קלערער.

אויפ'ן הילף־פראָנט איז אַוועק אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט: אויף יעדער סטאַנציע, וואו ס'איז דורכגעפאָרן אַ עשעלאָן מיט פליכטלינגע, האָט די אָרטיקע אידישע קהילה אַרויסגעטראָגן עסן און קליידער. דאָס איז געווען אָבער אויך אַ פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע. אויף די ערטער, וואוהין ס'זיינען אָנגעקומען די פליכטלינגע, זיינען געווען באַלד אָרגאַניזירט וואוינונגען, קיכן, מושב־זקנימס, און מעדיצינישע הילף. פּאַראַלעל איז געגאַנגען די קולטור־אַרבעט: צענדליקע קינדער־היימען און שולן און אָוונט־קורסן זיינען געגרינדעט געוואָרן. און אויב אין נאָרמאַלע צייטן איז געווען כמעט אוממעגלאַך אַרויסצובאַקומען אַ קאָנצעסיע אויף אַ מאָדערנע שול אין דער אידישער שפּראַך, האָט מען אין כאַאָס פון מלחמה זיך זעלבסט גענומען דאָס דאָזיקע רעכט און עס פאַרווירקלאַכט אין אַ ברייטער מאָס. ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן האָבן אָנגעהויבן אויפקומען לער־אַנשטאַלטן אין דער אידישער שפּראַך.

צו דער זעלבער צייט איז אויך געוואָרן אָרגאַניזירט הילף דורך אַרבעט. אַ דאַנק דער מלחמה איז געווען אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף

אַרבעט־הענט. האָט „אָרט" געעפנט צענדליקע אַרבעט־ביוראָס, וועלכע האָבן נעהאַט דעם צוועק אַריינצופירן אידישע אַרבעטער אין די פאַבריקן, זיי צוגרייטן פראָפעסיאָנעל און צופּאַסן צו דער פאַבריק־אַרבעט. צענדליקע פראָפעסיאָנעלע קורסן האָבן געגרייט עלטערע, 40 יאָריקע און אפילו 50 יאָריקע אידן צו אַרבעט. צענדליקע גרויסע וואַרשטאַטן זיינען געגרינדעט געוואָרן, וואו מען האָט פּראַקטיש און פּאַר באַצאָלט צוגעלערנט און צוקוואַליפיצירט די קליינשטעטלדיקע אידן צו מאָדערנער מאַשין־אַרבעט.

פון 500 ביז 600 טויזנט אידן זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון די פראָנטן־גרעניצן. א סך לעבנס, א סך מאַטעריעלע גיטער זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען. אָבער אין די פיר יאָר פון דער מלחמה איז אָנגעקליבן געוואָרן א רייכער באַגאַזש: די אידישע מאַסן זיינען געוואָרן פּאָליטיש רייפער, באַוואוסטזיניקער, נאָענטער צו דער רוסישער מאַסע, אינטימער פאַרבונדן. די אידישע אינטעליגענץ איז געוואָרן נאָענטער צו דער אידישער מאַסע און קולטורעל אינטימער מיט איר פאַרבונדן. די נאַציאָנאַלע קאָנסאָלידאַציע איז געוואָרן שטאַרקער און טיפער. די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון די פּאָליטישע פּאַרטייען, ווי קולטורעלע אויטאָנאָמיע, אידיש אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אידישן מיעוט, אידישע שולן און בכלל לערן־אַנשטאַלטן אין דער אידישער שפּראַך זיינען געוואָרן דער מאַסע ליבער און טייערער, דער אינטעליגענץ פאַרשטענדלאכער און מער צום האַרצן. די אָרגאַניזירטקייט פון רוסישן אידנטום האָט אָנגענומען בולט'ערע און גאַנץ קלאָרע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען.

די הונדערטע קאָמיטעטן אין אַלע אידישע שטעט און שטעטלאך, אין וועלכע ס'האָבן געאַרבעט האַנט בא האַנט ראַדיקאַלן און פרומע, זיינען פּאַקטיש געוואָרן נייע מאָדערנע קהילות־אָרגאַניזאַציעס. דאָרטן זיינען דאָך געווען פאַראייניקט די בעסטע און אַקטיווסטע עלעמענטן פון דער אידישער באַפעלקערונג. די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די צענטראַלע הילף־געזעלשאַפטן פון פאַרשיידענער אַרט זיינען פּאַקטיש אויסגעוואַקסן צו דעפּאַרטמענטן פון א אידישער פאַראייניקטער אויטאָנאָמער פאַרוואַלטונג. די יאָרלאַכע צוזאַמענפאָרן פון די דאָזיקע צענטראַלע קאָמיטעטן האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם פיל־פאַרביקן רוסיש־אידישן קיבוץ; מען האָט געזען פאַר זיך א קיבוץ, געשפּאָלטן אין פּאָליטישע ריכטונגען און שאַטירונגען, אָבער געאייניקט אין זיין נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ. ס'איז געגאַנגען א הייסער קאַמף צווישן

רעכטס און לינקס, צווישן ראַדיקאַלן און מעסיקע עלעמענטן, אָבער די גאַנצקייט פון׳ם קיבוץ איז דורכדעם ניט געשטערט געוואָרן. פאַר דער דרויסנדיקער וועלט, פאַר דער רוסישער רעגירונג, איז מען אַרויסגעטראָטן געאייניקט און דיסציפּלינירט.

זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז יעדע פּאַרטיי האָט געהאַט איר פולעם רעכט צו פירן איר אַרבעט אין הסכם מיט איר פּראָגראַם. ווייל אויסערלאַך זייענען אין די הילף־געזעלשאַפטן געקומען צום אויסדרוק ניט פּאָליטישע פּראָבלעמען נאָר פראַגן פון קאָנקרעטער אַרבעט, אָבער די דאָזיקע אַרבעט האָט אַרומגענומען דעם גרעסטן סכום אינטערעסן פון די אידישע מאַסן. און האָט מען געעפנט אין אַ שטאָט אַ שול אין אידיש פאַר פליכטלינגע, איז געווען גאַנץ נאַטירלאַך, אַז בײַ דער אידישער באַפעלקערונג זאָל זיך באַלד באַווייזן דער אַפּעטיט אויך צו האָבן אַזאַ נאַציאָנאַלע מאָדערנע שול אַנשטאָט דעם אַלטן חדר. האָט מען געזען, ווי פּראָפעסיאָנעלע קורסן פאַרוואַנדלען קליינשטעטל־דיקע אייִנגעהויקערטע קרעמער־אידן אין אַרבעטנדיקע מענטשן מיט גלייכע רוקנס, האָט מען נאַטירלאַך געמאַכט דעם אויספיר, אַז ס׳וואָלט געווען אַ גאַנץ גוטע זאַך אויך פאַר ניט־פליכטלינגע. האָט מען געעפנט אַן אַמבולאַטאָריע פאַר קראַנקע פליכטלינגע, האָבן די אָרטיקע קראַנקע פּשוט זי פאַרפלייצט, ניט פרעגנדיק פאַר וועמען זי איז באַשטימט. האָט מען געגרינדעט אַ קינדער־היים פאַר קינדער פון פליכטלינגע, האָבן די אָרטיקע אָרימע קינדער מקנא געווען די ערשטע, און די עלטערן האָבן געמורמעלט, אַז דעם אָנגעקומענעם קבצן איז בעסער ווי דעם אָרטיקן. אויף אַזאַ אופן איז די פליכטלינגס־אַרבעט אויסגעוואַקסן צו אַ פאַראַנשוויליכטער פּראָגראַם פאַר דער גאַנצער אי־דישער באַפעלקערונג, פאַר אַ מוסטער, פאַר ווי מען דאַרף רעפאָרמירן און איבערבויען דאָס גאַנצע אידישע לעבן.

די אידישע אינטעליגענץ, מאָביליזירט און מיט לייב און לעבן אַרייִנגעטאָן אין פּראַקטישער אַרבעט, האָט צום ערשטן מאָל דערזען פילע פונקטן פון איר אַבסטראַקטער פּראָגראַם פאַרווירקלאַכט אין לעבן. זי האָט זיך איבערצייגט, אַז אירע טעאָרעטישע חלומות האָבן אַ באָדן אין לעבן. זי האָט אויך דערזען, ווי איבערטריבן זייענען אירע טעאָרעטישע פאָדערונגען און נאַציאָנאַלע האָפענונגען. אַ גרויסער טייל פון דער אַסימילירטער אידישער אינטעליגענץ פון פּעטערבורג און מאָסקווע האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט דער אידישער מאַסע. די רדיפות פון

דער צאַרישער רעגירונג האָבן זי אַ שטויס געטאָן צום אייגענעם פאָלק; אין פּראָצעס פון אַרבעט איז זי האַרציק צוגעבונדן געוואָרן צו דער מאַסע און האָט שפּעטער שוין געקעמפט פאַר נאַציאָנאַלע רעכט ניט פון צו להכעיס דער צאַרישער רעגירונג, נאָר פון אינעווייניקסטער באַדערפעניש און איבערצייגונג.

אויף דער אידישער פּאָליטישער אויבערפלאַך, מער אָדער ווייניקער לעגאַל, האָבן געאַרבעט די ציוניסטן און די ווינאָווער־פּאַרטיי, וואָס האָט געפאָדערט פאַר אידן דער עיקר בירגערלאַכע און ניט נאַציאָנאַלע רעכט. אונלעגאַל אָבער האָבן געאַרבעט דער „בונד״, די פּועלי־ציון, די סאָציאַליסטן־ציוניסטן און די אַזוי גערופענע סיימאָווצעס, אַ פּאַרטיי אַ טעריטאָריאַליסטישע, אָבער מיט פאָדערונגען פון אַ אידישן סיים אין רוסלאַנד. יעדע פּאַרטיי האָט זיך געהאַט איר אונלעגאַלן אַפּאַראַט און זיך געגרייט צום טאָג, ווען מען וועט קאָנען אָפן אויפטרעטן. פאַקטיש האָט די רעוואָלוציאָנערע אידישע אינטעליגענץ דורכגעפירט די גאַנצע אויבן־באַשריבענע גרויסע מאַסן־אַרבעט. אין די קאָמיטעטן זיינען טאַקע געזעסן אָנגעזעענע, אָפט רייכע אידן, וואָס האָבן געהערט צו איינער פון די בירגערלאַכע פּאַרטייען. אָבער די פירער און גרינדער פון די אַרבעטער־ביוראָען, די לערער אין די שולן, די לערער פון די פאַרשיידנסטע קורסן, די אָרגאַניזאַטאָרן פון די פּראָווינציעלע הילף־קאָמיטעטן, בכלל די אמת׳ע מאָטאָר־קראַפט פון דער גאַנצער גרויסער און פאַרצווייגטער עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַרבעט, וועלכע איז ברייט סובסידירט געוואָרן פון דער צאַרישער רעגירונג, איז געווען די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ. די זשורנאַלן, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די צענטראַלע קאָמיטעטן, ווי יעקפּ״א (אַלגעמיינער הילף־קאָמיטעט), אָר״ט, (הילף דורך אַרבעט) אָז״ע (מעדיצין־הילף), אָפּ״ע (בילדונג־אַרבעט) — זיינען אַלע רעדאַגירט געוואָרן פון דער אידישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ.

מיר פאַרשפּאָרן צוגעבן, אַז דאָס אַלץ איז מעגלאַך געווען נאָר באַ דער צאַרישער רעגירונג, וועלכע האָט אויך אין אַלגעמיינעם רוסישן לעבן פאַרלאָרן די לייצעס און געלאָזט אין מלחמה כאַאָס זיך אָרגאַניזירן די לינקע עלעמענטן.

נאָר דערמיט דערקלערט זיך, וואָס באַ דער רעוואָלוציע האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַם בעסטן און פעסטסטן זיינען אָרגאַניזירט

די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, וועלכע האָבן ניט געהאַט די מעג־לאַכקייט לעגאַל גאָר צו עקסיסטירן.

מיר זיינען צוגעקומען צו דער רוסישער רעוואָלוציע פון פעברואַר 1917. די דאָזיקע רעוואָלוציע הויבט אָן אַ ניי בלעטל געשיכטע פון רוסישן אידנטום. זי איז געווען דער אָנהויב פון יענער כוואַליע, וואָס האָט אויפגעוועקט און מאָביליזירט אַלע באַהאַלטענע אידישע כחות און געעפנט פאַר זיי פערספעקטיוון און האָפענונגען פון אונגעאַנטע פאַרנעמען. קאָפ־שווינדלעריש איז געווען די אויפלעבונג אין די חדשים פון סוף פעברואַר ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָבער באַלד איז געקומען די באָלשעוויסטישע כוואַליע, וועלכע האָט דאָס גאַנצע לאַנד אַריינגעוואָרפן אין בלוט און כאַאָס. ווי תמיד האָבן אידן באַקומען דערביי דעם גרעסטן און שווידערלאַכסטן חלק.

6

די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע און די פּאָגראָמען.

אויסערלאך איז רוסלאַנד געווען כמעט ווי רואיק. אבסאָלוט קיי־נער האָט ניט געגלויבט, אַז רוסלאַנד שטייט פאַר אַ שטורם, וואָס וועט פאַרוואַנדלען דאָס גרויסע לאַנד אין אַ כאַאָס פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט, אין אַ קאַמף־פעלד פון קלאַסן און פעל־קער, וואָס וועט זיך ציען יאָרן, וועט קאָסטן מיליאָנען לעבנס, חורבנות פון גאַנצע שטעט און געגענטן און וואָס וועט באַשטימען דעם גורל פון רוסלאַנד אויף עפּאָכעס. אָבער אין די געדערים פון לאַנד האָט זיך, ווייזט אויס, אָנגעקליבן אַזוי פיל אויפריים־שטאָף, אַז דער קלענסטער גינציקער פאַל האָט געקאָנט ברייגנען צו אַ עקספּלאָזיע.

אויפ'ן פראָנט זיינען געשטאַנען מיליאָנען מענטשן שוין דאָס פערטע יאָר, ניט גענוג פאַרזאָרגטע מיט פאַרטיידיקונגס־מיטלען, אָבער אויך שלעכט פאַרזאָרגטע מיט שפּייז און קליידער. די מאַסע סאָלדאַטן איז געווען דערצאָרנט, עמפּערט, אויפגעבראַכט אויף די הערשער, וועלכע האָבן אפילו ביים פראָנט געלעבט אַ גוטן טאָג. דאָס דאָרף איז געבליבן אָן יונגע מענטשן און די גערעטענישן זיינען שטאַרק געפאַלן. אין די שטעט האָט גענומען אויספעלן פּראָדוקטן. אַלע סחורות האָבן גענומען שפּרינגען אין די פּרייזן. די אינטעליגענץ איז געווען אויסער זיך פון דער טאַלאַנטלאָזיקייט פון דער רעגירונג און פון דער הויכער קאָמאַנדירונג. אין די רייען פון די הערשער גופא האָבן ניט אויפגעהערט די מחלוקת'ן און קאָנפליקטן. דער הויף איז געווען דעגענערירט און האָט זיך אַריינגעלאָזט אין כישוף־מעשיות און אין זנות־אומנאַטירלאַכקייטן פון ראַספּוטינען און זיין קליקע. בּאַ אַזאַ לאַגע איז קיין חידוש ניט, וואָס באַ דעם ערשטן הונגער־בונט אין פּעטערבורג איז געווען גענוג איין פונק, אַז דאָס פייער זאָל אַרומכאַפּן דאָס גאַנצע לאַנד.

אַ לאַנד מיט גרויסע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, מיט אַ גרויסער נעץ קעמערלאַך פון אונלעגאַלע פּאַרטייען אין אַלע קלאַסן, האָט די רעוואָלוציע, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין מערץ 1917, לכתחילה אָנגענומען זייער אָרגאַניזירטע און דיסציפּלינירטע פאָרמען. דאָס קאָלאָסאַלע לאַנד איז געוואָרן באַדעקט מיט אַ נעץ פון אַרבעטער

און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן, אין וועלכע די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן צוזאַמען מיט די מענשעוויקעס (רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן) האָבן געהאַט די מערהייט. דער מלחמה־פראָנט איז גיך געוואָרן אָרגאַניזירט אונטער די לאָזונגען פון רעוואָלוציע, אָבער פון בלייבן אויפ׳ן פראָנט טריי די פאַרבינדעטע און קעמפן ביזן ענטגילטיקן זיג איבער דייטשלאַנד. אפילו דאָס דאָרף, וואָס איז תמיד אין רוסלאַנד געווען די נעסט פון בונטן און אַנאַרכיסטישע שטימונגען, איז געבליבן רואיק און געדולדיק געוואַרט אויף דער צוגעזאָגטער אָרגאַניזירטער און לעגאַלער לייזונג פון דער אָנגעווייטאָגטער אַגראַרפראַגע. אין די ערשטע חדשים זיינען אויך די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, ווי די אוקראַינער, ווייס־רוסן און אַנדערע געבליבן טריי דעם אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן פראָנט, וועלכער האָט צוגעזאָגט אַ ראַדיקאַלע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אָבער אין די ראַמען פון אַ גאַנץ רוסלאַנד.

דעם 22טן מערץ, 1917 האָט די צייטווייליקע רעגירונג פאַרעפנטלאַכט אַ דעקרעט, וועלכער האָט די אידן געגעבן אַלע בירגערלאַכע רעכט און אָפּגעשאַפט אַבסאָלוט אַלע צאַרישע באַגרעניצונגען. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערדיקע אַרבעט אויף אָרגאַניזירן דאָס אידישע נאַציאָנאַלע לעבן.

אויף דער אידישער גאַס האָבן געאַרבעט פאָלגנדע פאַרטייען: דער „בונד", די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; די פאַראייניקטע אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פאַרטיי (געוועזענע ציוניסטן־סאָציאַליסטן און סיימיסטן); די פּועלי־ציון; די פאָלקס־פאַרטיי (דובנאָוו־ריכטונג) און די אידישע פאָלקס־גרופּע (די ווינאַווער ריכטונג). חוץ דער לעצטער גרופּע, וועלכע איז געווען אַ ריכטונג דער עיקר פון אָנגעזעענע אַסימילירטע אידישע אינטעליגענטן פון די הויפּטשטעט, פּעטערבורג און מאָסקווע, און איז געשטאַנען אויפ׳ן שטאַנדפּונקט פון אויסשליסלאַך בירגערלאַכע רעכט פאַר אידן און פאַר אַ רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע אינעווייניק בא זיך, זיינען אַלע איבעריקע פאַרטייען געשטאַנען אויפ׳ן שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פון פאַרשיידענע גראַדן. די ערשטע דריי אידישע פאַרטייען זיינען אַלע געווען סאָציאַליסטישע, אָבער אַלע שאַרף אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן צווישן די אידישע אַרבעטער געהאַט אַ סך ווייניקער אָנהענגער, ווי צווישן די קריסטלאַכע.

ס׳זיינען געווען אידן־יחידים אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, אָבער קיין אידישע באָלשעוויסטישע באַוועגונג איז צווישן די אידישע אַרבעטער אינגאַנצן ניט געווען. ס׳איז געווען טעטיק אַ קאָמיטעט פון באָלשעוויקעס, וועמענס אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין פירן די באָלשעוויסטישע אַגיטאַציע צווישן אידן, דער אַזוי גערופענער צפון־מערב׳דיקער קאָמיטעט, וואָס אין זיין שפּיץ איז געשטאַנען דער שפּעטער גוט באַקאַנטער קאָמיסאַר דימאַנשטיין, אַ פּערזענלאַכער פריינט פון לענינען, אָבער קיין דערפאָלג האָט ער ניט געהאַט און ער איז קיינמאָל ניט דערוואָקסן צו קיין באַוועגונג, וועמענס ווירקונג אָדער איינפלוס זאָל זיך געווען פילן אין די אידישע אַרבעטער־מאַסן.

מיר האָבן ביז גאָר קאָמפּעטענטע און פאַרטרויענסווערטע עדות, אַז די אידישע אַרבעטער זיינען געווען פיינטלאַך צו די באָלשעוויקעס און צו זייערע אַנאַרכיסטיש־דיקטאַטאָרישע טעאָריעס. דער באַקאַנטער קאָמוניסט קיפּער שרייבט: „ס׳איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז אַ באַדייטנדער טייל פון די אידישע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אויסגע־צייכנט מיט זייער העלדישן קאַמף קעגן צאַריזם, איז געבליבן שטיין אין אַ זייט אין אָנהויב פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אפילו אָפּגעלייקנט איר נויטיקייט און באַדייטונג״. *)

קלאָרער און שאַרפער דריקט זיך אויס אַ צווייטער אָנגעזעענער קאָמוניסט, אַ מחבר פון גאָר אַ סך ביכער וועגן דער געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג צווישן די אידישע אַרבעטער: „די אידישע מאַסן זיינען געבליבן גלייכגילטיק צו דעם גרויסן קאַמף, וואָס די רוסישע אַרבעטער און פּויערים האָבן אָנגעהויבן קעגן די אימפּעריאַליסטן און בורזשואַזיע. די פּאָליטישע פרייהייט, וואָס די מערץ־רעוואָלוציע האָט זיי געגעבן, האָט זיי אַזוי פאַר׳כישופ׳ט, אַז זיי האָבן פון קיין גרעסערע דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע ניט געוואָלט וויסן. דאָס זיינען געווען גאַנץ נאַטירלאַכע דערשיינונגען. דער פּויערשער לאָזונג וועגן צונעמען די ערד בא די פּריצים האָט ניט געקאָנט שפּילן קיין ראָלע פאַר די אידישע מאַסן; דער לאָזונג „קאָנטראָל איבער די פאַבריקן״ האָט פאַר זיי אויך ניט געקאָנט שפּילן קיין ראָלע, ווייל אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע זיינען געווען גאַנץ ווייניק אידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד״.**)

---

*) מ. קיפּער, 10 יאָר אָקטיאַבער, די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע און די אידישע אַרבעטנדיקע פון אוקראַינע. קיעוו, 1927. ז. 3.

**) ש. אַגורסקי, דער אידישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באַ־וועגונג. מינסק, 1925. ז. 10.

די לעצטע דערקלערונג איז אויף אַזוי פיל ריכטיק, אויף וויפיל די באָלשעוויסטישע באַוועגונג האָט געהאַט אירע גרעסטע אָנהענגער און מיטגייער אין די גרויס־רוסישע מאַסן, און אין גרויס־רוסלאַנד זיינען געווען וויניק אידן און נאָך וויניקער אידישע אַרבעטער. אין אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד זיינען געווען אידישע אַרבעטער, אָבער פון קליינע פאַבריקלאַך און וואַרשטאַטלאַך, און דער לאָזונג „קאָנטראָל איבער די פאַבריקן" האָט זיי וויניק באַגייסטערט. אָבער חוץ דעם, דאַרף מען געדיינקען, אַז דער אידישער אַרבעטער איז דורכגעגאַנגען אַ בעסערע און גרינטלאַכערע רעוואָלוציאָנערע שולע און האָט באַקומען אַ בעסערע רעוואָלוציאָנערע דערציאונג. די אַנאַרכיסטישע לאָזונגען פון די באָלשעוויקעס האָבן זיי געלאָזט גאָר קאַלט.

דער זעלבער מחבר זאָגט אין זעלבן בוך אויף ז. 1: „בעת צווישן די רוסישע אַרבעטער איז די באָלשעוויסטישע ריכטונג פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געווען שטאַרק נאָך זינט דעם היס־טאָרישן צוזאַמענפאָר פון 1903, איז צווישן דער אידישער אַרבעטער־שאַפט קיין סימן פון באָלשעוויזם ניט געווען. ס'זיינען אמת געווען אַ סך אידן־באָלשעוויקעס. זיי זיינען אָבער אַלע געווען מיטגלידער פון דער רוסישער פּאַרטיי און מיט קיין באַזונדער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אידישע אַרבעטער אויף אידיש האָבן זיי זיך ניט פאַרנומען. *)

די דערמאָנטע אידן־באָלשעוויקעס זיינען געווען אַסימילירטע אידישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיינע פאַרבינדונגען מיט אידן בכלל און נאָך וויניקער מיט אידישע אַרבעטער. זיי האָבן זיך גאָר ניט אָנערקענט פאַר אידן. זיי האָבן זיך געהאַלטן און אין קולטורעלן זין זיינען זיי טאַקע געווען רוסן. יענע אידישע אינ־טעליגענץ, וועלכע איז געשטאַנען מיט ביידע פיס אין אידישן לעבן, האָט העלדיש געקעמפט קעגן דעם באָלשעוויזם און בשום אופן ניט געוואָלט מיטאַרבעטן מיט זיי אפילו ווען די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז אויב ניט קיין שטעלע בא דער מלוכה, איז כאָטש גיי אויס פון הונגער.

דער זעלבער מחבר דערציילט, אַז אין דעצעמבער 1917 האָט מען אים פאָרגעלייגט אין פּראָפּאַגאַנדע־ביוראָ אָנהויבן אַרויסגעבן אַ אידישע ציטונג און אידישע בראָשורן. ער האָט זיך גענומען פאַר־ווירקלאַכן דעם פּלאַן, אָבער, לאָמיר נאָר בעסער געבן דאָס וואָרט

*) דאָרטן, ז. 1.

דעם אַנגעזעענעם קאָמוניסט אליין. ער שרייבט: „דאָס איז געווען איינע פון די שווערסטע אויפגאַבן. אמת, געלט איז געווען גענוג — צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט געלט קיין שום ראָלע ניט געשפּילט. אָבער דאָך האָט מען בשום אופן גאָר נישט ניט געקאָנט טאָן. ווייל די אידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ איז געווען קעגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ניט געוואָלט נעמען קיין אָנטייל אין וועלכער ס'ניט איז אַרבעט. מען האָט אין לענינגראַד קיין אידישן שרייבער ניט געקאָנט קריגן, וואָס זאָל וועלן מיטאַרבעטן אין אַ צייטונג, וואָס האָט פּאַרטיידיקט די ראַטן־מאַכט". *)

אַקטיוו טעטיק זיינען געווען די דערמאָנטע דריי אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, פון וועלכע דער „בונד" איז געווען און איז געבליבן עד־היום דער פּאַרביסענסטער קעגנער פון ציוניזם און טעריטאָריאַליזם; די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם זיינע האָט געפּאָדערט פּערסאָנאַל־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, באַגרעניצט מיט אויסשליסלאַך קולטור־פונקציעס. די פּועלי־ציון זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי אין ציוניסטישע פראַגן; אין גלות־אַרבעט שטייען זיי אויך אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון אַ ברייטער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. ענדלאַך די פּאַראייניקטע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע האָט געשפּילט אַ גאַנץ אָנגעזעענע ראָלע, באַזונדערס אין אוקראַינע, אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע, איז געווען אויטאָנאָמיסטיש, אָבער אויך טעריטאָריאַליסטיש.

די ציוניסטישע פּאַרטיי איז באַשטאַנען פון פאַרשיידענע גרופּירונגען, אָבער אַלע האָבן אָנערקענט די אַזוי גערופענע העלסינגפאָרסער פּראָגראַם, וועלכע האָט פּאָזיטיוו באַטראַכט די אַרבעט אין גלות און האָט אויך געפּאָדערט אין רוסלאַנד נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע.

די פאָלקס־פּאַרטיי איז געווען אויסגעשפּראָכן נאַציאָנאַל, אָבער אַ ציוניסטיש און אַ טעריטאָריאַליסטיש. איר פּראָגראַם איז געווען געבוים אויסשליסלאַך אויף פּאָזיטיווער אַרבעט אין גלות; זי איז געווען געווענדעט דער עיקר צו דער גרויסער אידישער קליינבירגערלאַכער מאַסע, וועלכע האָט אין די יאָרן פון ערב דער צווייטער רעוואָלוציע אָנגעהויבן אַרויסוווייזן טענדענצן צו באַפרייען זיך פון דער פּאָליטישער אָנפירונג פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און

*) דאָרטן, ז. 5.

אויסארבעטן פאר זיך אַן אייגענע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קול־טורעלע פּראָגראַם, צוגעפּאסט צו די פארהעלטנישן פון דאָזיקן קלאַס.

פּאר אַלע ביז איצט אויסגערעכנטע פּאַרטייען איז די אידישע שפּראַך געווען אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, פאר וועלכע זיי האָבן אַלע געפאָדערט ברייטע רעכט אין שול, אין געריכט, אין די שטאָט־פּאַר־וואַלטונגען וכדומה. די ציוניסטן האָבן געפאָדערט די זעלבע רעכט פאר ביידע נאַציאָנאַלע שפּראַכן — פאר אידיש און העברייאיש.

כדי פעסטצושטעלן די אמת'ע שטימונגען און פּאָליטישע אָריענ־טאַציעס פון רוסישן אידנטום צו יענער צייט איז נויטיק צו ברייגנגען דעם צוזאַמענשטעל פון דער „נאַציאָנאַלער אידישער פאַרזאַמלונג" אין אוקראַינע אין נאָוועמבער 1918 און פון דעם צוזאַמענפאָר פון די אידישע קהילות אין גרויס־רוסלאַנד אין יולי 1918. כאָטש די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען זיינען פּאָרגעקומען שוין נאָך דער באָלשעוויס־טישער איבערקערעניש, שפּיגלען זיי אָבער אָפּ אַבסאָלוט די כחות־פאַרהעלטנישן אין רוסישן אידנטום פאר דער גאַנצער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, באַזונדערס אין אירע ערשטע סטאַדיעס, איידער די מאַסן בכלל און די אידישע מאַסן בפרט זיינען געוואָרן ראַדיקאַלער געשטימט.

די אוקראַאינישע אידישע נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג איז אויסגעקליבן געוואָרן אויפ'ן יסוד פון דעמאָקראַטישע פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן דורך די דעמאָקראַטיזירטע אידישע קהילות און איז באַשטאַנען פון 125 דעפּוטאַטן, וועלכע האָבן זיך געטיילט לויט די פּאַרטייען אויף אַזאַ אופן: *)

1)	ציוניסטן	42	דעפּוטאַטן	33.6%
2)	אחדות (רעליגיעזע פּאַרטיי)	19	"	15.2
3)	פּאָלקס־פּאַרטיי	4	"	3.2
4)	צעירי־ציון	14	"	11.2
5)	בונד	23	"	18.4
6)	פאַראייניקטע סאָציאַל. פּאַרטיי ...	12	"	9.6
7)	פּועלי־ציון	11	"	8.8
	צוזאַמען	125	....	100.0%

*) נ. גערגעל: די לאַגע פון די אידן אין רוסלאַנד, ווארשע 1929, ז. 150.

דאָס סאָוועטישע אידנטום

די ערשטע דריי פּאַרטייען זיינען געווען אויסגעשפּראָכן בירגער־לאַכע פּאַרטייען און האָבן געהאַט העכער אַ העלפט פון אַלע שטימען. די לעצטע דריי פּאַרטייען זיינען געווען אויסגעשפּראָכן סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אָבער אַלע עקסטרעם אַנטי־באָלשעוויסטיש, און האָבן געהאַט העכער אַ דריטל פון אַלע שטימען. די צעירי־ציון זיינען געווען אַ פאָלקס־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און זיינען געווען דער בריק צווישן די בירגערלאַכע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

אויפ'ן צוזאַמענפאַר פון די אידישע קהילות אין גרויס־רוסלאַנד, וואו ס'זיינען געווען ווייניקער אידישע אַרבעטער, האָבן די בירגער־לאַכע פּאַרטייען אַליין באַקומען 63 פּראָצענט שטימען און אַלע סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייען 37 פּראָצענט.

אין די באַזונדערע געביטן פון רוסלאַנד, באַזונדערס אין אוקראַי־נע, וואו ס'האָט געלעבט דער גרעסטער מאַסיוו פון רוסישן אידנטום, ווייל גאַנץ קאָנגרעס־פּוילן, דער גרעסטער טייל פון ליטע, ווייסרוסלאַנד און לעטלאַנד זיינען געווען אָקופּירט פון דייטשלאַנד, האָט זיך אָנגע־הויבן אַ פיבערהדיקע אַרבעט אויף אַלע געביטן: די קהילות זיינען געוואָרן רעאָרגאַניזירט אויף דעמאָקראַטישע יסודות און לעגאַליזירט אויפ'ן גרונט פון ברייטע רעכט און ברייטע סאָציאַלע און קולטורעלע פונקציעס; דאָס אוקראַינישע אידנטום האָט באַקומען אַ מיניסטעריום אין דער אוקראַינישער רעגירונג (וועלכע איז נאָך דעמאָלט געווען נאָר אַ געגנט־רעגירונג), וואָס האָט באַדאַרפט ווערן די רעפּרעזענ־טאַנץ פון אוקראַינישן אידנטום און די פּאַרוואַלטערין און אָנפירערין מיט אַלע יענע ענינים, וואָס טראָגן אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער; ס'זיינען נעגרינדעט געוואָרן אין אַלע שטעט קולטור־געזעלשאַפטן מיט אַ צענטראַלער קולטור־ליגע, וועלכע האָט דערוויילע, ביז דאָס מיניסטעריום וועט איבערנעמען אַלע פונקציעס, אַנטוויקלט אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט אויפ'ן געביט פון עפענען וועלטלאַכע שולן, אָרגאַניזירן ביבליאָטעקן, פאָלקס־אוניווערזיטעטן, אַרויסגעבן ביכער, אָרגאַניזירן כאָרן און טעאַטער־סטודיאָס וכדומה.

די אידישע פּאַרטייען האָבן טאַקע שטאַרק באַקעמפט איינע די אַנדערע, אָבער אין פילע פראַגן איז מען דאָך געגאַנגען געאייניקט, למשל, אין די פאָדערונגען לגבי דער אוקראַינישער רעגירונג, אין דער קולטור־אַרבעט, ענדלאַך אויך אינ'ם קאַמף קעגן דעם באָלשע־וויזם. אין די שטאָט־ראַטן, וואו אידן האָבן אויסגעמאַכט אַ גרויסן פּראָצענט פון אַלע דעפּוטאַטן, ווייל זיי האָבן געהאַט ביז 30 פּראָ־

צענט אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד און א דאַנק דער גרעסערער רייפקייט און פּאָליטישער אַק־טיוויטעט פון די אידישע מאַסן האָבן אידן געהאַט אין די שטאָט־ראַטן א גרעסערן פּראָצענט, זיינען זיי תמיד געגאַנגען האַנט בא האַנט מיט די רוסישע און אוקראַינישע סאָציאַליסטן קעגן די באָל־שעוויקעס.

פּאַרהעלטניסמעסיק איז אין די ערשטע חדשים פון דער רעוואָלו־ציע געווען אין גאַנץ רוסלאַנד רואיק. דער יום־טוב פון דער באַפריי־אונג איז די ערשטע צייט געווען אַזוי הייליק בא אַלע טיילן פון דער באַפעלקערונג; די פרייד איז געווען אַזאַ טיפע און אינטימע, אַז מען האָט אַלע געטראַכט נאָר וועגן די פּאָזיטיווע זייטן און וועגן די אייניקנדיקע אינטערעסן און אויסגעמיטן מחלוקת׳ן און קאָנפליקטן.

איין גרופּע האָט פאַרנומען פון ערשטן טאָג אָן א פּאָזיציע פון טרייבן די רעוואָלוציע אויף רעלסן פון קאַמף; פון צעשטערן און ניט בויען; פון פאַרברייטערן די ראַמען פון דער סאָציאַל־פּאָליטישער רעוואָלוציע און זי פאַרוואַנדלען באַלד אין א סאָציאַליסטישע; פון קאָמפּראָמעטירן די דעמאָקראַטישע מעטאָדן פון לייזן די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע פראַגן; פון באַנוצן זיך מיט מיטלען פון פאַרכאַפּן, שאַפן פאַקטן, ארויסרופן אַן אַנאַרכיע אין לאַנד, כדי צו קאָנען אין אַלגעמיינעם כאַאָס פאַרכאַפּן די מאַכט.

דאָס איז געווען די באָלשעוויסטישע גרופּע — א קליינע גרופּע, אָבער גוט אָרגאַניזירט און דיסציפּלינירט, מיט פירער פון אייזערנעם ווילן און איבערמענטשלאַכער ענערגיע, מיט אַן עקסטרעמער פּראָ־גראַם אויף אַלע געביטן, וואָס אימפּאָנירט די סאַמע אומבאַוואוסט־זיניקסטע מאַסן. די פויערים דאַרפן ניט וואַרטן ביז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט לייזן די אַגראַר־פראַגע אויפ׳ן סמך פון גרינדלאַכער פאַרשונג פון דער גאַנצער פּראָבלעם און אין מאַסשטאַב פון גאַנצן לאַנד — יעדעס דאָרף מוז שוין צוטרעטן צו פאַרטרייבן די פּריצים און זייערע פאַרוואַלטערס און צונעמען דאָס לאַנד און עס צעטיילן צווישן זיך. די אַרבעטער זאָלן ניט וואַרטן ביז די גרינדונגס־פאַר־זאַמלונג וועט לייזן די אַרבעטער־פראַגע אין גייסט פון פּראָגרעסיווער געזעצגעבונג און פון טיילווייזער סאָציאַליזירונג; סאָציאַליזירונג פון די גרויסע אונטערנעמונגען און פון די שליסל־אינדוסטריען, ווי די מענשעוויקעס און די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן געוואָלט, נאָר מוזן גלייך אַליין, קעגן אַלע עקסיסטירנדיקע געזעצן, איבערנעמען

די אונטערנעמונגען און פאַרטרייבן די בעלי־בתים. די סאָלדאַטן אויפ׳ן פראָנט דאַרפן ניט וואַרטן ביז די צענטראַלע רעגירונג וועט באַשליסן די פראַגע פון מלחמה און שלום אָדער גאָר ביז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט באַשליסן די דאָזיקע גורל־פראַגע פון רוסלאַנד — זיי מוזן פשוט אָנהויבן פאַרלאָזן דעם פראָנט און אויף אַזאַ אופן ליקווידירן די מלחמה. די צענדליקע פעלקער פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט בערך העכער 40 פראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד, דאַרפן ניט און זאָלן ניט וואַרטן ביז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט איבערבויען רוסלאַנד אויף פעדעראַטיווע יסודות און וועט שאַפן גינציקע אַנטוויקלונג־באַדינגונגען פאַר אַלע פעלקער — זיי מוזן שוין רופן אייגענע נאַציאָנאַלע געגנט־פּאַרלאַמענטן און זיך דערקלערן פאַר אויטאָנאָמע טיילן פון רוסלאַנד.

דאָס אַלץ קלינגט זייער פרימיטיוו און אַנאַרכיש, אָבער אַזוי איז דאָס געווען אין לעבן און דאָס האָט גענומען די מאַסן.

אָט די אויסגערעכנטע לאָזונגען זיינען געוואָרפן געוואָרן אין אַ מאַסע, וואָס איז געווען אין דער העכסטער מאָס אויסגעמאַטערט פון דער לאַנגער מלחמה, פון מפּלות אויפ׳ן פראָנט, פון הונגער, פון רעכטלאָזיקייט; אין אַ מאַסע, וואָס אירע נערוון זיינען געווען ביז׳ן העכסטן גראַד אָנגעצויגן און צערייצט; אין אַ מאַסע, וואָס איז באַשטאַנען אויף צוויי דריטל אָדער אפשר נאָך מער פון אַנאַלפאַבעטן אין בוכשטעבלאַכן זין פון וואָרט — אָט אין אַזאַ מאַסע האָט מען געוואָרפן דעם געפערלאַכן לאָזונג פון „רויב דאָס אָנגערויבטע״.

מען מוז מודה זיין, אַז די צייטווייליקע רעגירונג איז באַגאַנגען גרויסע פעלערן; אין דער ערשטער רייע דאָס, וואָס זי האָט צו לאַנג אָפּגעלייגט די ברענענדיקע פראַגן פון לאַנד פאַר די פּויערים און אויטאָנאָמיע פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דערמיט האָט זי געגעבן די באָלשעוויקעס די מעגלאַכקייט צו געווינען אויף איר צד די מיליאָנען סאָלדאַטן, וואָס זיינען אויף 80 פראָצענט געווען פון דאָרף און די אויגן זיך אויסגעקוקט אויף דעם געזעץ וועגן צעטיילן די פּריצישע ערד; פון דער צווייטער זייט, האָבן זיי אויסגענוצט די אומצופרידנהייט פון די פילע פעלקער, וועלכע האָבן געוואָלט וואָס גיכער פאַרפעסטיקן פאַר זיך ברייטע אויטאָנאָמע רעכט.

מיר קאָנען זיך דאָ ניט לענגער אָפּשטעלן אויף דער אַלגעמיינער זייט פון דער פראַגע. פאַר דער דריי מיליאָניקער אידישער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד איז געווען דער זיג פון די באָלשעוויקעס אין

אָקטאָבער 1917 דער אָנהויב פון אַ גאַנצער רייע חורבנות און פּורעניות, וועלכע זיינען ביז איצט נאָך ניט אינגאַנצן פאַרהיילט און וועלכע וועלן אפשר שוין קיינמאָל ניט פאַרהיילט ווערן. מיטן זיג פון די באָלשעוויקעס אין אָקטאָבער הויבט זיך אָן אין רוסלאַנד דער בירגער־קריג. און מיטן אָנהויב פון בירגער־קריג הויבט זיך אָן די סעריע פון די בלוטיקסטע פּאָגראָמען אויף אוקראַינע. ס'איז אפשר גאָר ניט קיין צופאַל, וואָס אין נאָוועמבער 1917, אַ חודש נאָכן זיג פון די באָלשעוויקעס, איז פאָרגעקומען דער ערשטער פּאָגראָם אין אוקראַינע, אין שטעטל קאַנעוו, קיעווער גובערניע.

ס'וואָלט געווען ניט נאָר פאַלש, נאָר פשוט ניט ערלאַך צו באַשולדיקן די באָלשעוויקעס דירעקט אין אָרגאַניזירן אָדער צולאָזן פּאָגראָמען. פּונקט פאַרקערט, מען קאָן מיט זיכערקייט באַהויפּטן, אַז שפּעטער האָבן די באָלשעוויקעס אָפּגעראַטעוועט דאָס אוקראַאינישע אידנטום פון די פּעטלורישע און דעניקישע באַנדעס.

דעם 27־טן יולי, 1918, אין סאַמע אָנהויב פון די גרויסע אוקראַינישע פּאָגראָמען, האָט דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן אַרויסגעלאָזט אַ דעקרעט, אין וועלכן ס'ווערט פעסטגעשטעלט, אַז אין גאַנצן לאַנד און באַזונדערס אין דער פראָנט־זאָנע ווערט געפירט אַ געפערליכע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע. די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן נוצן אויס דעם הונגער, די מידקייט פון די סאָלדאַטן און אויך די אָפּגעשטאַנענקייט פון די מאַסן אויף טרייבן אַ העצע קעגן אידן און וואַרפן זיי די שולד פאַר אַלע צרות און אומגליקן פון רוסלאַנד. דער דעקרעט זאָגט ווייטער ווערטליך:

„דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן דערקלערט דעם אַנטיסעמיטיזם און די אידישע פּאָגראָמען פאַר געפערליך פאַר דער רעוואָלוציע פון די אַרבעטער און פּויערים און רופט דאָס גאַנצע אַרבעטנדיקע פאָלק פון סאָציאַליסטישן רוסלאַנד קעמפן קעגן די דאָזיקע דערשיינונגען מיט אַלע מיטלען.

„אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטן־רעפּובליק, וואו דער פּרינציפּ פון זעלבסט־באַשטימונג פון די אַרבעטנדיקע פון אַלע פעלקער איז געוואָרן דערקלערט, איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. די אידישע בורזשויען זיינען אונזערע פיינט ניט ווי אידן, נאָר ווי בורזשויען. דער אידישער אַרבעטער איז אונזער ברודער.

„יעדע העצע געגן וועלכן ס'ניט איז פאָלק איז ניט דערלאָזבאַר און שענדליך.

„דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן באַפעלט אַלע סאָוועטן אָנ־נעמען די שטאַרקסטע מיטלען כדי אויסצורייסן מיט'ן וואָרצל די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג. פּאָגראָמשציקעס און פּאָגראָם־אַגיטאַטאָרן מוזן געשטעלט ווערן אויסער געזעץ".*)

און אין דעם גייסט האָבן די באָלשעוויקעס געהאַנדלט. אָבער אומ־דירעקט האָבן די באָלשעוויקעס געשאַפן יענע אַנאַרכיע־באַדינגונגען, וועלכע האָבן געפירט צו אידישע פּאָגראָמען. זיי האָבן אָביעקטיוו גע־שאַפן אַ לאַגע, וועלכע האָט געמוזט פירן אויך צו אידישע פּאָגראָמען. און אַ דאַנק היסטאָרישע און פסיכאָלאָגישע סיבות האָבן די אידישע פּאָגראָמען אָנגענומען נאָך שאַרפערע פאָרמען, ווי די פּאָגראָמען אויף גוטבאַזיצער און בורזשואַזיע בכלל. די ערשטע סטאַדיע פון די אידישע פּאָגראָמען אין 1917 און 1918 געפינט זיך אין ענגסטן צוזאַמענהאַנג מיט דער זעלבסט־דעמאָביליזאַציע פון דער אַרמיי, וואָס איז ניט נאָר געפּרעדיקט געוואָרן פון די באָלשעוויקעס, נאָר פשוט פון זיי אָרגאַני־זירט געוואָרן.

„פונ'ם פראָנט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן דערזערטירן. אין צאָרן פאַר די יסורים, וואָס זיי האָבן איבערגעטראָגן אינ'ם שלאַכט־גיהינום, און אויסגעמוטשעטע האָבן זיי ווי אַ שרעקלאַכע שוואַרצע קראַפּט באַדעקט דאָס לאַנד, פאַרשטאָפּט אַלע אייזנבאַן־ליניעס, געמאַכט נאָך גרעסער די אומאָרדענונג און אָפּט זייער כעס און יאוש אויסגעלאָזט צו די קעפּ פון אומשולדיקע מענטשן".**)

„די אַנאַרכיע פאַרכאַפּט אַלץ מער און מער אונזער געגנט — שרייבט מען פון וואָלין — אין אַ באַזונדער שווערן צושטאַנד געפינט זיך די אידישע באַפעלקערונג. מענטשן, געקליידעטע ווי סאָלדאַטן, ראַבירן, פאַרניכטן, צינדן. די שרעקן, וואָס מען לעבט איבער, איז ניט צו באַשרייבן, די סאָלדאַטן, וואָס געפינען זיך דאָ, האַלטן זיך פאַר באָלשעוויקעס. זיי מאַכן אָן אומגליקן און פאַרשטאַרקן די אַנאַרכיע".***)

---

*) „איזוועסטיאַ" (אָרגאַן פון דער סאָוועטישער רעגירונג), מאָסקווע, 27-טן יולי, 1918.

**) אַ. טשעריקאָווער, אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען אין אוקראַינע. בערלין, 1923, ז. 49.

***) דאָרטן.

די דערזערטירן זיינען געווען די ערשטע, אָבער ניט די איינציקע; דער צעפּאַל פון פראָנט, וואָס איז געווים געווען דער „פאַרדינסט" פון די באָלשעוויקעס, איז באַלד באַגלייט געוואָרן מיט ניט קיין קלענערן צעפּאַל פון פּויערטום, פון ארבעטער־קלאַס, פון המון בכלל. די פּראָפּאַגאַנדע פון „רויב דאָס אָנגערויבטע" אין דער אַטמאָספער פון אַנאַרכיע און אַלגעמיינער דעזאָרגאַניזירטקייט האָט זיך גיך אָנ־גענומען, און דאָס לאַנד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַכט־פעלד, אויף וועלכן די בירגער האָבן געקוילעט איינער דעם אַנדערן. ס'איז געווען קלאַסן־קאַמף און נאַציאָנאַלער קאַמף אין זיין נאַקעטסטער און ווילדסטער פאָרם. פּויערים קעגן גוט־באַזיצער; אַרבעטער קעגן פאַבריקאַנטן; אָנגעשטעלטע קעגן קרעמער; דאָס דאָרף קעגן דער שטאָט; רוסן קעגן אוקראַאינער, ווייסרוסן, גרוזינער, און פאַרקערט.

דאָס דאָרף האָט געליטן פון מאַנגל אין פאַרשיידענע נויט־ווענדיקסטע סחורות. אויף די סחורות, וואָס זיינען נאָך געווען אין קליינע קוואַנטומס, האָט מען ארויפגעשרויפט די פּרייזן. ווי דער מנהג איז בײַ קרעמער פון אַלע פעלקער און ציטן — אָבער אין געגעבענעם פאַל איז דער קרעמער געווען דער איד און דער פּויער דער אוקראַאינער אָדער ווייסרוס. אַ פּאָגראָם אויף אידן האָט באַטייט איינצייטיק אויסלאָזן דאָס הארץ צום קרעמער, וואָס האָט ניט קיין טאַבאַק, האָט ניט קיין קעראָסין, האָט ניט קיין צוקער, האָט ניט קיין לעדער, האָט ניט קיין טעקסטיל, און אויף די ווייניקע סחורות, וואָס ער האָט, שרויפט ער ארויף די פּרייזן.

ס'איז אויך צוגעקומען דער נאַציאָנאַלער מאָמענט. די אוקראַאי־נישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז געווען און איז נאָך ביז איצט אין אַ גרויסער מאָס אַ פּויערשע, אַ דאָרפישע. די שטעט פון אוקראַאינע האָבן געהאַט ביז 30 פּראָצענט אידן און ביז 40 פּראָצענט גרויס־רוסן. די העכערע קלאַסן — די אינטעליגענץ, די גרונט־באַזיצער, די האַנדלס־וועלט, די פאַבריקאַנטן, זיינען געווען אידן אָדער גרויס־רוסן אָדער פּאָליאַקן. די אוקראַאינער האָבן פאַרנומען אין די שטעט די סאַמע נידעריקסטע טרעפּ פון סאָציאַלן לייטער. אין די שטעט האָט געהערשט די רוסישע שפּראַך. דער אַסימילירטער טייל אידן, וואָס איז אין די שטעט פון אוקראַאינע געווען גאַנץ באַדייטנדיק, האָט גערעדט רוסיש און איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו דער רוסישער קולטור. די רוסישע צייטונגען פון אוקראַאינע זיינען כמעט אַלע רעדאַגירט געוואָרן פון אידן. די מיטאַרבעטער זיינען אויך געווען אידן. צו אַלע סאָציאַלע

קעגנזאַצן און עקאָנאָמישע קאָנפליקטן איז נאָך צוגעקומען דער נאַ־ציאָנאַלער אַנטאַגאָניזם.

אַלע אידישע פּאַרטייען האָבן אָנערקענט די נאַציאָנאַלע פאָדע־רונגען און שטרעבונגען פון די אוקראַינער, אָבער איבער נאַכט לערנען זיך דאָך מענטשן ניט אויס קיין נייע שפּראַך און פאַרגעסן ניט קיין אַלטע. איז אויף וויפיל אידן האָבן גערעדט אַ פרעמדע שפּראַך, האָבן זיי גערעדט רוסיש.

מיר קאָנען דאָ נאָר אונטערפירן דעם לעצטן סך־הכל פון די פּאָגראָמען פון יענער עפּאָכע — 1917־1921. אומגעפער 75 טויזנט אידן זיינען אויסגעקוילעט געוואָרן. ניט ווייניקער זיינען געוואָרן פאַרוואונדעט. ביז 50 טויזנט פרויען זיינען געוואָרן אלמנות. ביז 100 טויזנט פּאָגראָם־יתומים זיינען צוגעקומען צו די מלחמה־יתומים. העכער 2,000 פּאָגראָמען זיינען פאַררעגיסטרירט געוואָרן. פון העכער 500 פונקטן זיינען אידן געלאָפן. אומגעפער אַ האַלבער מיליאָן אידן האָבן איבערגעלאָזט אויף הפקר זייערע וואוינונגען און זיינען געלאָפן אין די גרויסע שטעט.

48 שטעטלאך פון אוקראַינע, וועלכע האָבן געהאַט אין 1897 — 87,777 אידן, האָבן לויט דער ציילונג פון 1920 געהאַט נאָר — 17,089 אידן. 18 שטעטלאך פון די 48 האָבן פאַרלאָרן אַלע הונדערט פּראָצענט אידן. 15 שטעטלאך העכער 90 פּראָצענט.*)

מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן אויף די אָביעקטיווע באַדינגונגען, וועלכע האָבן מעגלאך געמאַכט די שווידערלאַכע אידישע פּאָגראָמען. מעגלאך, אָבער אַבסאָלוט ניט נויטווענדיק. ס'האָבן געמוזט נאָך צוקומען יענע סוביעקטיווע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געשטויסן די צערייצטע מאַסן אויף דעם שוואַכסטן עלעמענט, אויפ'ן היסטאָרישן שעיר לעזאזל. אַלס אַזעלכע פאַקטאָרן זיינען געווען פעטלורע, דער אַטאַמאַן פון דער שאָוויניסטישער אוקראַאינישער באַוועגונג, און דעני־קין, דער ווייסער גענעראַל פון דער גרויס־רוסישער קאָנטער־רעוואָלוציע.ביידע זיינען געשטאַנען אין אַ שווערן און פאַרביטערטן קאַמף מיט די באָלשעוויקעס. דערקלערן די באָלשעוויקעס פאַר אידן האָט זיך געלוינט מחמת כמה טעמים: פּאָליטיש — כדי זיי צו פסל'ען אין די אויגן פון די אָבערגלויבערישע פינסטערע מאַסן; עקאָנאָמיש, כדי צו באַרעכטיקן דאָס ראַבעווען, אויסהאַלטן די אַרמייען מיט רויב

---

*) י. קאַראַלניק, די אידן אין אוקראַינע, אין „בלעטער פאַר אידישע דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק". בערלין, 1923, ז. 134.

און טאַקע געבן די צונויפגעשלעפּטע פאַרדעכטיקע באַנדעס אַ לעקאַכל; פּסיכאָלאָגיש, כדי אָנוואַרפן אויף די מאַסן אַ מורא פאַר באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען גאָר אידן, קינדער פון טייוול און פון גאָט פאַרשאָלטענע.

די באָלשעוויקעס זיינען אידן, זיינען נאַטירלאַך אַלע אידן באָל־שעוויקעס. און דאָ איז צוגעקומען אַ פאַקטאָר, וואָס האָט געמאַכט אין די אויגן פון די פינסטערע מאַסן גלויבן, אַז אידן זיינען טאַקע באָלשעוויקעס. די לעצטע האָבן ניט נאָר ניט צוגעלאָזט באַ זיך קיין פּאָגראָמען, נאָר האָבן שטריינג באַשטראָפט פאַר פּאָגראָמען. חוץ דער פּרינציפּיעלער זייט, וואָס האָט געמאַכט פאַר די באָלשעוויקעס זעלבסטפאַרשטענדלאַך דעם קאַמף קעגן פּאָגראָמען, האָבן זיי בעסער ווי פּעטלורא און דעניקין פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ סכנה פון דעמאָ־ראַליזאַציע און צעפאַל ס׳טראָגט אין זיך דאָס הפקר מאַכן אַ טייל פון דער באַפעלקערונג און דאָס צולאָזן, אַז אַן אַרמיי זאָל ראַבעווען און רצח׳נען. ערשט נאָך דער ענדגילטיקער מפּלה האָבן פּעטלורא און דעניקין פאַרשטאַנען, ווי פאַטאַל די פּאָגראָמען האָבן געווירקט אויף זייער אייגענער זאַך.

וואָס מער אָבער די אַרמייען פון פּעטלורא און דעניקין האָבן געמאָרדעט און געראַבעוועט אידן און וואָס מער די באָלשעוויקעס האָבן געקעמפּט קעגן די דאָזיקע צוויי אַרמייען און ממילא שוין אויך קעגן די פּאָגראָמען, אַלץ מער האָט זיך געשטעלט פאַר דער אידישער מאַסע די אָלטערנאַטיווע: פאַרלירן די פּרנסה אָדער דעם נפש? אָפּ־געבן די באָלשעוויקעס דאָס ביסל פאַרמעגן אָדער די פּאָגראָמשטשיקעס די נשמה? פאַלן אויפ׳ן שלאַכט־פעלד אין קאַמף קעגן די מערדער פון קינדער און פרויען אָדער ווערן דערמאָרדעט אין אַ קעלער אָדער אויף אַ בוידעם? קלאָר וואָס פאַר אַ תשובה אידן האָבן געמוזט געבן. און צום גליק, טאַקע געגעבן. די אידישע יוגנט, זייענדיק מיט׳ן גאַנצן האַרצן און מיט׳ן טיפסטן באַוואוסטזיין קעגן די באָל־שעוויקעס, זיינען געגאַנגען אין דער רויטער אַרמיי — די איינציקע מעגלאַכקייט דעמאָלט אָפּצוראַטעווען די געבליבענע אידן פון מאָרד און נעמען נקמה אין די פּאָגראָמשטשיקעס פאַר די שוין דערמאָר־דעטע און פאַרפּייניקטע, פאַר די טויזנטע פאַרגוואַלטיקטע שוועסטער און מוטערס.

רעקוויזיציעס, קאָנפיסקאַציעס, שליסונג פון קראָמען, דעקלאַסי־רונג, בלייבן אָן פּרנסה און אָן האָפענונגען אויף פּרנסה — דאָס

אַלץ, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געבראַכט מיט זיך, איז געווען גאָר נישט אין פאַרגלייך מיט מאָרד, מיט פאַרגוואַלטיקונג, מיט אָפּ־שניידן גלידער פון לעבעדיקע קערפּערס, מיט פייניקונגען מעת־לעתן און נאָכדעם ערשט דער׳הרג׳ענען, מיט ממית׳ן קינדער פאַר די אויגן פון עלטערן, מיט פאַרגוואַלטיקן טעכטער פאַר די אויגן פון געבונדענע און געפּייניקטע מוטערס און מענער.

דעם עקאָנאָמישן און גייסטיקן פּאָגראָם, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן מיט זיך געבראַכט, האָט מען תמיד דערפילט ערשט נאָכדעם, ווי מען האָט אַביסל פאַרגעסן אין פיזישן פּאָגראָם פון די פּאָגראָמש־טשיקעס. ס׳ליגט אין דער נאַטור פון מענטשן, און אידן זיינען פריער פון אַלץ מענטשן, צו פאַרגעסן אין אַלץ ווען פאַר די אויגן שוועבט די האַק פון מערדער.

22 יאָר נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע קאָן מען שוין אָבער אונטערפירן דעם סך־הכל פון דעם עקאָנאָמישן און גייסטיקן פּאָגראָם, וואָס ס׳האָבן איבערגעלעבט די, וועלכע די האַק פון מערדער האָט ניט דערגרייכט.

7

דאָס פאַלן פון דער וואָג פון אידן און דאָס שטייגן פון דער וואָג פון ניט־אידן אין די שטעט

לאָמיר צוערשט פעסטשטעלן וויפיל אידן זיינען געבליבן אין סאָוועט־רוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע און נאָכן שלום מיט פּוילן אין 1921; ווי שטאַרק איז געווען דער נאַטירלאַכער צוואוואוקס; ווי זיינען די אידן צעטיילט צווישן פאַרשיידענע רעפּובליקן פון סאָ־וועטן־לאַנד; און ענדלאַך ווי זעט אויס די קאָנצענטראַציע פון די אידישע מאַסן אין די גרויסע שטעט און ווי די דאָזיקע קאָנצענטראַציע ווירקט אויף די נאַציאָנאַלע פּאָטענצן פון סאָוועטישן אידנטום.

ערב דער וועלט־מלחמה זיינען געווען אין רוסלאַנד בערך 5 מיליאָן מיט 600 טויזנט אידן. זיי האָבן זיך דעמאָלט פאַרטיילט בערך אויף אַזאַ אופן:

		אבס.	%
1)	אוקראַינע	2,200,000	39.3
2)	פּוילן	1,500,000	26.8
3)	ליטע און ווייסרוסלאַנד	1,500,000	26.8
4)	גרויסרוסלאַנד	300,000	5.5
5)	לעטלאַנד	100,000	1.6
	צוזאַמען	5,600,000	100.0

אין רעזולטאַט פון דער מלחמה האָט רוסלאַנד פאַרלאָרן די פּוילישע גובערניעס, די ליטווישע ראַיאָנען, אַ טייל פון די ווייסרוסישע גובערניעס און אַ קליינעם טייל פון אוקראַינע (פון וואָלינער גו־בערניע). געבליבן איז אין סאָוועט־רוסלאַנד נאָר קרוב צו צוויי־און־אַ־האַלב מיליאָן אידן. מיר וועלן ווייטער האָבן צו טאָן נאָר מיט די דאָזיקע סאָוועטישע אידן. אַלע פאַרגלייכן, וועלכע מיר וועלן מאַכן ווייטער, נעמען שוין אין אַכט די איצטיקע גרעניצן פון סאָוועט־רוסלאַנד (פאַר דער מלחמה פון 1939).

פאַרגלייכט מען די אידישע באַפעלקערונג פון סאָוועט־רוסלאַנד מיט דער אַלגעמיינער, איבעראַשט דער קליינער וואוקס פון דער ערשטער. לויט דער ציילונג פון 1897 איז געווען אין רוסלאַנד אין

זיינע איצטיקע גרעניצן 103 מיליאָן מיט 931 טויזנט נפשות. אין 1926 איז שוין געווען אין רוסלאַנד — 147 מיליאָן מיט 27 טויזנט נפשות. דאָס איז אַ וואוקס פון העכער 41 פּראָצענט. אידן זיינען געווען אין רוסלאַנד — 2 מיליאָן מיט 430 טויזנט אין 1897 און אין 1926 נאָר 2 מיליאָן מיט 597 טויזנט, אַלזאָ אַ צוואוואוקס נאָר פון ווייניקער פון 6 פּראָצענט (5.9). דער צוואוואוקס איז בײַ אידן געווען 7 מאָל קלענער.

מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס? ס'זיינען געווען אַ סך סיבות. ראשית, איז בײַ אידן געווען אַ קלענערער נאַטירלאַכער צוואוואוקס. אָבער דאָס אַליין איז ניט גענוג אויף דערקלערן אַזאַ גרויסע דיפערענץ. ס'קומען נאָך צו אייניקע ספּעציעל־אידישע סיבות. אידן האָבן פאַר דער וועלט מלחמה אויסגעוואַנדערט אין גאָר גרויסע מאַסן פון די ראַיאָנען, וואָס זיינען שפּעטער געבליבן בײַ סאָוועט־רוסלאַנד. ס'האָבן אויסגעוואַנדערט פון סאָוועטישן טייל פון אַמאָליקן רוסלאַנד ניט ווייניקער פון 600 טויזנט אידן. ווארשיינלאַך נאָך אַביסל מער. די מלחמה־קרבנות זיינען געווען בײַ אַלע טיילן פון דער באַפעלקערונג, אָבער פּאָגראָמען זיינען געווען אַ ריין אידישע צרה, און די פּאָגראָמען האָבן געבראַכט נאָך זיך מגפות, וועלכע האָבן אויך צוגענומען אויף יענער וועלט צענדליקע טויזנטע אידן. נאָר איין ציפער: אין אָדעס זיינען געבוירן געוואָרן אין יאָר 1913 — 3,220 אידישע קינדער און געשטאָרבן זיינען 3,021. איז געווען אַן עודף אויף 199 קינדער. ס'איז ניט קיין סך, אָבער דאָך אַן עודף. אין יאָר 1919 זיינען אין אָדעס געבוירן געוואָרן — 3,300 אידישע קינדער און געשטאָרבן זיינען 7,950, אַלזאָ אַ חסר אויף גאַנצע 4,650. דערביי דאַרף מען צוגעבן, אַז אָדעס האָט אייגנטלאַך ווייניק געליטן פון די פּאָגראָמען. ס'זיינען זיך נאָר אָנגעלאָפן אַ סך אידישע פּליכטלינגע און צווישן די לעצטע האָט דער מלאך המות געשניטן וויפיל ער האָט נאָר געקאָנט.

די לעצטע ציילונג פון 1939 ווייזט שוין אַן אַלגעמיינע באַפעלקערונג אין סאָוועט־רוסלאַנד פון 170 מיליאָן מיט 467 טויזנט. דאָס מאַכט אויס אַ צוואוואוקס פון 1926 אויף 15.9 פּראָצענט. בײַ אידן איז די לאַגע געווען אַזאַ: אין 1939 זיינען געווען אין סאָוועט־רוסלאַנד — 3 מיליאָן מיט 20 טויזנט אידן. אין 1926 זיינען געווען אין גאַנץ סאָוועט־רוסלאַנד (מיט די גרוזינישע, אזיאַטישע און באַרג־אידן) 2 מיליאָן מיט 672 טויזנט אידן; דער צוואוואוקס באַטרעפט לכן נאָר 13.0%.

צו די נאָר וואָס געמאַכטע חשבונות און געבראַכטע דאַטן מוז מען מאַכן איין קאָרעקטור. אין סאָוועט־רוסלאַנד פרעגט מען ניט בײַ די פאָלק־ציילונגען אויף דער רעליגיע נאָר אויף דער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט. אין דער ציילונג־אינסטרוקציע איז בפירוש אָנגע־וויזן, אַז יעדער איז פרײַ זיך אָנגעבן אַ נאַציאָנאַליטעט, ווי זיין ווילן איז. איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אַ געוויסער פּראָצענט אידן, וואָס רעכנט זיך אָדער וואָס איז טאַקע קולטורעל שטאַרק אַסימילירט, האָט זיך צוגערעכנט צו דער גרויסרוסישער נאַציע. ס׳איז שווער צו טרעפן די צאָל פון אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אויסגעשלאָסן פון אידישן פאָלק אויפ׳ן גרונט פון זייער קולטורעלער צוגעהעריקייט צו אַן אַנדער פאָלק, אָבער זייער צאָל איז מסתמא ניט קליין.

וועגן דער פאַרטיילונג פון סאָוועטישן אידנטום לויט באַזונדערע רעפּובליקן האָבן מיר דאַטן נאָר פון דער ציילונג פון 1926. דעמאָלט איז די פאַרטיילונג געווען אַזאַ:

		אבס.	%
1)	סאָוועטישע אוקראַינע	1,565,500	60.3
2)	סאָוועטיש ווייסרוסלאַנד	407,100	15.7
3)	גרויסרוסלאַנד (מיט אַלע רעפּובּ־ליקן, וואָס גייען אַהין אַריין)...........	624,800	24.0
	צוזאַמען *)	2,597,400	100.0

פאַר דער וועלט־מלחמה האָט געלעבט אין גרויס־רוסלאַנד נאָר אַזעלכע 5 און אַ האַלב פּראָצענט פון רוסישן אידנטום; אָבער אין 1926 שוין גאַנצע 24 פּראָצענט. אַזוי ווי אין די גאָר לעצטע יאָרן איז געגאַנגען אַ גרויסע איבערוואַנדערונג פון די ווייס־רוסישע און אוקראַינישע ראַיאָנען קיין גרויס־רוסלאַנד, דערגרייכט איצטער די צאָל אידן אין גרויס־רוסלאַנד ניט ווייניקער ווי אַ מיליאָן, דאָס הייסט, בערך אַ דריטל פון סאָוועטישן אידנטום.

די דאָזיקע דערשיינונג שטעלט פאַר מיט זיך אַ גאַנץ באַדייטנדיקן אינטערעס. אין גרויס־רוסלאַנד מוז די אַסימילאַציע גיין אי גיכער

*) די געבראַכטע דאַטן נעמען אַרום נאָר די אַשכנזישע אידן. אין רוסלאַנד זיינען אָבער פאַראַן נאָך אַרום 70 טויזנט אידן פון אַנדערער אָפּ־שטאַמונג: גרוזינישע, קרעמטשאַקעס, אַזיאַטישע און באַרג־אידן. מיר וועלן ווייטער האָבן צו טאָן נאָר מיט די אשכנזישע אידן.

אי טיפער. סיבות זיינען דאָ פאַראַן אַ סך. ראשית, איז די רוסישע קולטור אַ סך העכער פון דער מאָדערנער אידישער, — און דאָס איז שוין אַ כּלל, אַז מען אַסימילירט זיך מיט אַ העכערער קולטור און ניט מיט קיין נידעריקערער. שנית, האָט די אַסימילאַציע מיט רוסיש שוין אַ גרויסע טראַדיציע הינטער זיך. אין די גרויס־רוסישע גובערניעס מאַכן אויס אידן אַ סך אַ קלענערן פּראָצענט, ווי אין אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד. וויכטיק איז אויך דאָס, וואָס אין גרויס־רוסלאַנד איז דער אידישער ישוב יונג, אָן טראַדיציעס און דעריבער אָן שום ווידערשטאַנד פון דער נאַציאָנאַלער אינערציע, וועלכע שפּילט אַ גאַנץ גרויסע ראָל אין די געגנטן, וואו אידן וואוינען הונדערטע יאָרן. די סאָוועטישע ווירקלאַכקייט באַשטעטיקט, לײַדער, דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס געזאָגט, ווי מיר וועלן זען ווייטער.

בכלל זיינען פאַר די לעצטע 20 יאָר פאָרגעקומען באַדייטנדיקע ענדערונגען אין דער פאַרטיילונג פון די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד, און אַלע די דאָזיקע שנוים גייען אין איין ריכטונג — זיי פירן צו אַ דענאַציאָנאַליזאַציע פון דער אידישער באַפעלקערונג. בײַ אַלע אָרו־מיקע טעריטאָריאַלע פעלקער איז דער פּראָצעס פונקט אַ פאַרקערטער. די דאָזיקע סתירה צווישן דער אידישער דענאַציאָנאַליזאַציע און אַלגע־מיינער נאַציאָנאַליזאַציע טראָגט אין זיך, פאַרשטייט זיך, גרויסע סכנות. די אַלע ענדערונגען זיינען ניט קיין נייע און ניט אַרויס־גערופן פון באָלשעוויסטישן רעזשים. מיר זעען זיי אין אַ סך אַנדערע לענדער. די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט נאָר דעם טעמפּ פון די שנוים פאַרשטאַרקט.

די ענדערונגען זיינען פאָלגנדיקע: אַ דאַנק דער גרעסערער אי־דישער אויסוואַנדערונג (אין פּוילן, אין רומעניע, אין ליטע און אין פאַר׳מלחמה׳דיקן רוסלאַנד מעבר לים; אין באָלשעוויסטישן רוס־לאַנד פון אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד קיין צענטראַל־רוסלאַנד) און אַ דאַנק דעם קלענערן אידישן נאַטירלאַכן צוּוואוּקס פאַלט אין אַלע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער דער פּראָצענט אידן. די אורבאַניזאַציע פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג האָט די לעצטע צענדליקע יאָרן שטאַרק אַריבערגעיאָגט די אידישע אורבאַניזאַציע און ס׳פאַלט אויך דער פּראָצענט אידן אין די שטעט. אויף אַזאַ אופן פאַלט די וואָג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די לענדער בכלל און באַזונדערס אין די שטעט און דאָס שוואַכט אָפּ הן די אַלטע נאַציאָנאַלע אינער־ציע און הן די נייע נאַציאָנאַלע ענערגיע. אין באָלשעוויסטישן רוס־

לאַנד איז דער שטראָם פֿון דער דאָרפֿישער באַפֿעלקערונג אין די שטעט אַ סך גרעסער, ווי אין אַלע איבעריקע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, און דעריבער ווערט דאָרטן די אידישע באַפֿעלקערונג אַ סך שיטערער ווי אין אַלע איבעריקע לענדער — שיטערער רעלאַטיוו, אין באַצוג צו דער ארומיקער באַפֿעלקערונג. אָבער אויך די אויסוואַנדערונג גייט דאָרטן אינטענסיווער — אמת, זי גייט ניט קיין אויסלאַנד, נאָר זי וואַנדערט איבער פֿון איין טייל סאָוועט־רוסלאַנד אין אַן אַנדערן, אָבער אין תוך איז דאָס דאָסזעלבע. ווי דאָס אַמעריקאַנישע אידנטום, יונג, פֿאַרכאַפּט פֿון אסימילאַציע פֿון אַן ארומיקער רייכער קולטור, קאָן אין זיך ניט האָבן אַזוי פֿיל נאַציאָנאַלן זאַפֿט, ווי דאָס אַלטע טראַדיציאָנעלע 700־יאָריקע פּוילישע אידנטום, אַזוי קאָן אויך דאָס גרויס־רוסישע אידנטום ניט האָבן אין זיך די נאַציאָנאַלע ענערגיע, וואָס דאָס 500־יאָריקע ווייס־רוסישע אָדער אוקראַאינישע אידנטום. עמיגראַציע שוואַכט אָפּ אין ביידע פֿאַלן די נאַציאָנאַלע פּאָטענצן פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג אין די אַלטע איינגעוואָרצלטע ישובים און שאַפֿט ניט קיין נאַציאָנאַלע עקוויוואַלענטן אין די נייע ישובים.

לאָמיר אילוסטרירן מיט אייניקע ציפֿער די פּראָצעסן פֿון פֿאַלן פֿון דער וואָג פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג.

דער פּראָצענט אידן האָט באַטראָפֿן:

	אין סאָוועטישער אוקראַאינע	אין סאָוועטישן ווייסרוסלאַנד
אין 1897	9.4%	13.7%
אין 1926	5.2%	8.2%

ס'איז גאָר קיין ספֿק ניט, אַז די דאַטן פֿון דער ציילונג פֿון 1939 וועלן ווייזן אַ ווייטערן פֿאַלן פֿון אַנטייל פֿון אידן אין די דאָזיקע אַלטע אידישע ישובים. פֿון דריי מיליאָן אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד לויט דער ציילונג פֿון 1939 לעבן ניט ווייניקער פֿון אַ מיליאָן אין גרויס־רוסלאַנד, דאָס הייסט, אַז ניט נאָר דער גאַנצער נאַטירלאַכער צו־וואוקס פֿון אוקראַאינישן און ווייס־רוסישן אידנטום האָט אָפּגעוואַנדערט, נאָר אויך פֿונ'ם קרן איז געוואָרן ווייניקער. דער פּראָצענט אידן אין אוקראַאינע און ווייס־רוסלאַנד האָט דעריבער געמוזט פֿאַלן.

אָבער אַ סך וויכטיקער, ווי דער פּראָצענט אידן אין לאַנד, איז דער אַנטייל פֿון אידן אין די שטעט. די אידן זיינען דאָך קאָנצענטרירט אין די שטעט און פֿון זייער וואָג אין דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג

אין געוואַלדיק אַ סך אָפּהענגיק, באַזונדערס איז דאָס וויכטיק פאַר די נאַציאָנאַלע פּאַטענצן פון דער אידישער באַפעלקערונג. וואָס העכער דער פּראָצענט אידן אין אַ פּונקט, אַלץ מער שאַנסן אויף אידישע שולן, אויף אידישע סעקציעס אין געריכט, אין פּאָליציי, אין די שטאָטישע אינסטיטוציעס. אין דעם פּרט איז אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד פאָרגעקומען ממש אַ רעוואָלוציע. די ניט־אידישע שטאָטישע באַפעלקערונג איז געוואַקסן אין אַזאַ טעמפּ, אַז דאָס פאַלן פון פּראָצענט אידן מוז זיין ממש קאַטאַסטראָפאַל. אמת, דער פּראָצענט אידן אין די שטעט איז שטאַרק געפאַלן נאָר אין אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, האָט זיך אָבער באַדייטנדיק געהויבן אין די גרויס־רוסישע שטעט, באַזונדערס אין לענינגראַד און מאָסקווע, וואוהין דער צושטראָם פון אידן איז געווען אפילו אינטענסיווער פון צושטראָם פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג. דער וואוקס אָבער פון פּראָצענט אידן אין מאָסקווע אָדער לענינגראַד קאָן בשום אופן ניט קאָמפּענסירן אין נאַציאָנאַלן זין די פאַרלוסטן, וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פון פאַלן פון פּראָצענט אידן אין אַ מינסק און וויטעבסק אָדער אין אַ אָדעס און קיעוו, וואו די אידישע געמיינדעס זיינען ניט נאָר עלטער, נאָר זיי זיינען אַרומגערינגלט מיט הונדערטע אידישע שטעט און שטעטלאַך, וואו אידן מאַכן אָפּט אויס מער פון אַ העלפט אָדער אפילו מער פון דריי פערטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, ווען אין מאָסקווע און לענינגראַד געפינען זיך דאָך אידן אין אַ פרעמדן ים.

מיר האָבן, לוידער, דאַטן וועגן דער צאָל אידן אין די שטעט נאָר ביזן יאָר 1926. גראַדע אין די נאָר לעצטע יאָרן איז די אורבאַניזאַציע פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג געגאַנגען מיט אַזאַ טעמפּ אין אַלע טיילן פון סאָוועט־רוסלאַנד, אַז ערשט די דאַטן פון דער ציילונג פון 1939 וועלן ווייזן די גרויס פון פאַלן פון פּראָצענט אידן אין די שטעט. אָבער אויך די פריערדיקע דאַטן באַלייכטן גאַנץ גוט דעם דאָזיקן פּראָצעס.

מיר וועלן ברענגען דאַטן וועגן אייניקע גרעסערע שטעט, וועלכע אילוסטרירן גאַנץ גענוי דעם פּראָצעס, וועגן וועלכן מיר רעדן:

שטעט אין אוקראַינע	פּראָצענט פון אידן 1920	פּראָצענט פון אידן 1926
אָדעס	44.4%	36.4%
קיעוו	31.9	27.3
דניעפּראָפּעטראָווסק (קאַטערינאָסלאַוו)	44.7	26.6

שטעט אין אוקראַינע	1920	1926
	פּראָצענט פון אידן	
קרעמענטשוג	60.8	49.2
באַרדיטשעוו	71.7	55.6
ניקאָלאַיעוו	28.5	20.8
זינאָוויעסק (יעליסאַוועטגראַד)	41.3	27.6
אומאַן	57.2	49.5
טשערניגאָוו	34.2	30.1

געוויס, 1920 איז געווען ניט קיין נאָרמאַל יאָר — אין די גרויסע שטעט האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַ סך אידישע פּליכטלינגע. דאָס האָט אָבער ניט געקאָנט ווירקן אין אַזאַ גרויסער מאָס, בפרט נאָך, אַז אומ־געקערט אין די קליינע פאַגראָמירטע שטעטלאַך האָט זיך זייער אַ קליינער טייל פון די אַנטלאָפענע. חוץ דעם, זעען מיר דאָך, אַז אויך די מיטעלע שטעט, פון וואַנען מען איז געלאָפן פון פּאָגראָמען, ווי אומאַן, יעליסאַוועטגראַד, ווייזן אויך אַ באַדייטנדיקע פאַרקלענערונג פון פּראָצענט אידן. אָבער אַ סך בולט'ער טרעט ארויס די דאָזיקע דערשיינונג אין די שטעט פון ווייס־רוסלאַנד, וואו מיר וועלן מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן 1910, צווישן אַן אַבסאָלוט נאָרמאַל יאָר, און 1926.

שטעט אין ווייס־רוסלאַנד	1910	1926
	פּראָצענט פון אידן	
מינסק	42.3%	40.8%
וויטעבסק	43.1	37.5
האָמעל	50.2	43.7
מאָהילעוו	55.4	34.1
פּאָלאָצק	62.3	31.7
באָברויסק	61.2	42.0

פון 6 ווייס־רוסישע שטעט האָבן אין 1910 4 געהאַט אַ אידישע אַבסאָלוטע מערהייט. אין 1926 קיין איינע ניט. און מיר זיינען זיכער, אַז אין 1939 האָבן שוין אידן אין קיין איינער פון די דאָזיקע שטעט אפילו קיין דריטל ניט געהאַט.

אין 1926 איז נאָך אַלץ די אידישע באַפעלקערונג געווען כמעט אויסשליסלאַך אַ שטאָטישע און די ניט־אידישע באַפעלקערונג, באַזונ־דערס די אוקראַאינער און ווייס־רוסן, כמעט אויסשליסלאַך אַ דאָרפישע.

פון הונדערט אידן זיינען געווען שטאָטישע: אין אוקראַינע — 91.4 און אין ווייס־רוסלאַנד 83.6. פון הונדערט אָבער אוקראַינער זיינען געווען שטאָטישע נאָר 10.9 און פון הונדערט ווייס־רוסן נאָר 8.3. דאָס הייסט ניט, אַז אין די שטעט פון אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד האָבן געלעבט נאָר אידן. דאָס ניט. ס'זיינען געווען אַ סך רוסן און אין ווייס־רוסלאַנד אויך אַ סך פּאָליאַקן. לאָמיר ברענגען דאַטן וועגן אַ פּאָר שטעט און זיי וועלן וואַרפן זייער אַן אינטערעסאַנטן שיין אויף דער דאָזיקער פראַגע. דער נאַציאָנאַלער באַשטאַנד פון די גרעסטע שטעט פון אוקראַינע איז אין 1920 געווען אַזאַ:

שטעט	אידן	אוקראַינער	רוסן
אָדעס	44.4%	2.9%	44.9%
קיעוו	31.9	14.3	46.6
כאַרקאָוו	20.5	21.3	50.6
דניעפּראָפּעטראָווסק (קאַטערינאָסלאַוו)	44.7	4.7	44.4
ניקאָלאַיעוו	28.5	15.3	50.9
פּאָלטאַווע	28.4	57.7	10.0
קרעמענטשוג	60.8	29.6	7.1

די דאָזיקע אַלע שטעט, חוץ איין פּאָלטאַווע, קאָנען קוים אָנגערופן ווערן אוקראַינישע שטעט. וואָס איז אָבער דער אמת'ער זין פון די דאָזיקע ציפער? די אוקראַינער, די מערהייט פון לאַנד, וועמענס שפּראַך איז אין דאָרף און אין שטעטל געווען ניט סתם די הערשנדיקע, נאָר די איינציק הערשנדיקע, האָבן ניט געהאַט קיין גרויס־שטאָטישע, אַלזאָ קיין קולטורעלע באַפעלקערונג און לכן האָבן זיי ניט געקאָנט האָבן קיין אסימילירנדיקע ווירקונג. די רוסן, וועלכע האָבן געהאַט אין די גרויסע שטעט פון אוקראַינע אַ גרויסע קולטורעלע באַפעלקערונג און וועמענס קולטור איז בכלל געווען די הערשנדיקע אין דער גאַנצער אימפּעריע און אויסגעאַיבט אַ דאַנק דעם און אויך אַ דאַנק איר הויכן ניוואָ אַ גרויסע אַסימיליר־ווירקונג, האָבן ניט געהאַט אויסער די ווענט פון דער גרויסער שטאָט קיין רוסישע באַפעלקערונג, וועלכע זאָל פאַרטזעצן און פאַרפעסטיקן די אַסימיליר־ווירקונג פון די גרויס־שטאָטישע פאַקטאָרן. אויף אַזאַ אופן האָט זיך באַקומען, אַז ביידע הערשנדיקע גרופּעס, די רוסן און די אוקראַינער, האָבן ניט געקאָנט דערפירן די אַסימילאַציע פון אידן צו ווייט. בפרט נאָך, אַז אין די

גרויסע שטעט זיינען אידן ניט געווען קיין נישטיקע מינדערהייט, נאָר א קאָמפּאַקטע גרויסע גערדיכטע מאַסע, וועלכע האָט תמיד באַקומען פֿריש בלוט פֿון די מיטעלע און קליינע שטעט, וואו די ווירקונג פֿון דער רוסישער קולטור איז שוין געווען אויסשליסלאַך א ליטעראַרישע.

נאָך בעסער איז געווען אין דעם פּרט די לאַגע אין ווייס־רוסלאַנד, וואו, ראשית, דער פּראָצענט אידן אין די גרעסערע שטעט איז געווען א העכערער, ווי אין אוקראַאינע. שנית, איז דאָ דער איבעריקער טייל פֿון דער באַפעלקערונג באַשטאַנען ניט פֿון איין גרויסער גרופּע רוסן, נאָר פֿון צוויי — רוסן און פּאָליאַקן. די דאָזיקע צוויי שפּראַכן און קולטורן האָבן געפֿירט צווישן זיך א קאַמף, און דאָס האָט אָפּגעשוואַכט די אסימיליר־ווירקונג פֿון ביידע. די ווייס־רוסישע קולטור איז געווען נאָך שוואַכער פֿון דער אוקראַאינישער, באַזונדערס אין די שטעט און האָט בכלל ניט געהאַט קיין שום אַסימילאַציע־איינפֿלוס.

פֿאַר'ן לעצטן צענדליק יאָר האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געענדערט. ביידע פֿעלקער, באַזונדערס די אוקראַאינער, זיינען געוואָרן שטאָטיש און גרויס־שטאָטיש. זיי האָבן דערגרייכט אין דער אַנטוויקלונג פֿון זייערע קולטורן א גאַנץ הויכע ניוואָ און דער עיקר זיי פֿאַרנעמען אין לעבן פֿון די שטעט ניט די נידעריקסטע סאָציאַלע און קולטורעלע טרעפּ, ווי אַמאָל, נאָר, פֿאַרקערט, די העכסטע — פֿון זייער מיט קומען ניט נאָר די פֿירנדיקע פּאָליטישע און אַדמיניסטראַטיווע פּאָרטרעטער, נאָר אויך די קולטורעלע. אוקראַאינישע און ווייס־רוסישע פּראָפֿעסאָרן זיינען שוין איצט ניט קיין פּרי, וואָס מען דאַרף אויף איר מאַכן „שהחיינו”. זשורנאַליסטן, שרייבער, פּאָעטן, פֿאָרשער — אין די טויזנטע. די אַסימיליר־ווירקונג פֿון א קולטור, וועלכע הערשט ניט אין א שטאָט — אינזל, ווי די רוסישע אין אוקראַאינע אָדער די רוסישע און פּוילישע אין ווייס־רוסלאַנד, נאָר וועלכע שפּאַרט זיך אויך אָן אויף אַן אייגענעם באַפעלקערונגס־ים פֿון אַרום און אַרום — דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש.

מיר האָבן ניט, לײדער, די רעזולטאַטן פֿון דער ציילונג פֿון 1939 לויט די באַזונדערע פֿעלקער, אָבער אפילו די אַלגעמיינע דאַטן רעדן געגנוג קלאָרע דיבורים.

די שטאָטישע באַפעלקערונג אין אוקראַאינע האָט באַטראָפֿן אין 1926 נאָר 5 מיליאָן מיט 373 טויזנט מענטשן. אין 1939 האָט זי שוין באַטראָפֿן גאַנצע 11 מיליאָן מיט 195 טויזנט. ס'זיינען אַלזאָ צוגעקומען כמעט 6 מיליאָן שטאָטישע מענטשן. דאָס זיינען כמעט

אויסשליסלאך אוקראינער. אידן זיינען אין אוקראינע ניט צוגעקומען, ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן — דער גאנצער אידישער עודף האָט אויסגעוואנדערט קיין גרויס־רוסלאנד. רוסן האָבן ניט געוואנ־דערט קיין אוקראינע איצט, ווי אין די צארישע צייטן, ווען די רעגי־רונג פלעגט זיך שטארען קאָלאָניזירן אוקראינע. נאָר לאָמיר אפילו אראָפּנעמען א האלבן מיליאָן אויף צוגעוואנדערטע אידן פון דאָרף און אויף דעם וואוקס פון די רוסן, וועלן מיר דאָך באקומען, אז די אוקראינער האָבן געוואלדיק פארשטארקט זייערע נאציאָנאלע פּאָזיציעס אין די שטעט. מיר וועלן אויף אזא אופן בויען די ווייטערע טאבעלע וועגן נאציאָנאלן באשטאנד פון די שטעט אין אוקראינע, אָננעמענדיק, אז פון אידן איז צוגעקומען אין די שטעט 100 טויזנט און פון די רוסן — 400 טויזנט. מיר וועלן באקומען אזא טאבעלע:

דער נאציאָנאלער צוזאמענשטעל פון די שטעט אין אוקראינע אין 1926 און 1939

	1926		1939	
נאציע	אבס.	%	אבס.	%
אוקראינער	2,536,499 —	47.4	7,858,566 —	70.2
רוסן	1,343,689 —	25.1	1,743,689 —	15.6
אידן	1,218,615 —	22.8	1,318,615 —	11.8
אנדערע	274,750 —	4.7	274,750 —	2.4
	5,373,553 —	100.0	11,195,620—	100.0

מיר זיינען זיכער, אז די דאָזיקע טאבעלע איז גאָר נאָענט צו דער ווירקלאכער לאגע. און אויב מיר מאכן א טעות, ליגט עס ניט אין דער פארגרעסערונג פון דער וואָג פון די אוקראינער, נאָר אין דער פארקלענערונג, ווייל ניט דער נאטירלאכער צואוואוקס בא די רוסן און ניט זייער צוואוואנדערונג האָבן ניט געקאָנט געבן 400 טויזנט נייע צוגעקומענע מענטשן אין די שטעט און אויך דער צוקום פון אידן אין דער צאָל פון 100 טויזנט איז צו גרויס. אָבער אפילו אזוי ווי זי איז, ווייזט די דאָזיקע טאבעלע וואָס פאר א רעוואָלוציע ס'איז פאָרגעקומען אינ'ם נאציאָנאלן בוי פון דער שטאָטישער באַ־פעלקערונג אין אוקראינע. די וואָג פון אידן אין דער שטאָטישער באפעלקערונג איז געפאלן אָקוראט אויף א העלפט.

נעמט מען אין אַכט, אַז דער וואוקס פֿון דער שטאָטישער באַפֿעל־קערונג איז פֿאָרגעקומען דער עיקר צוליב דער אינדוסטריאַליזירונג פֿון לאַנד, הייסט עס, אַז ס'איז קאָלאָסאַל געוואַקסן די אוקראַינישע באַפֿעלקערונג דווקא אין די גרעסערע שטעט, וואו אידן האָבן געהאַט אַ סך אַ העכערן פּראָצענט ווי דעם דורכשניט פֿון ווייניקער פֿון 23 פּראָצענט אין דער גאַנצער שטאָטישער באַפֿעלקערונג. און טאַקע אין די גרויסע שטעט איז געוואַקסן דער איינפֿלוס פֿון די אוקראַינער. געוואַקסן איז דער איינפֿלוס ניט נאָר אַ דאַנק דער קוואַנטיטאַטיווער פֿאַרשטאַרקונג פֿון אוקראַינישן עלעמענט אין שטאָט, נאָר אויך אַ דאַנק זיין קוואַליטאַטיווער פֿאַרשטאַרקונג — דער אוקראַינער איז שוין ניט דאָס שטיף־קינד פֿון דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג, נאָר דער הערשנ־דיקער בעל־הבית. דער הערשנדיקער בעל־הבית — פּאָליטיש, אויך שפּראַכליך און קולטורעל, כאָטש שוואַכער. און פֿון טאָג צו טאָג ווערט זיין הערשאַפֿט בולט'ער, שטאַרקער, בפירוש'ער, באַאיינפֿלוס־דיקער, ווירקנדיקער.

כדי די וואָג פֿון אוקראַינישן עלעמענט זאָל ווערן פֿאַר אונז נאָך קלאָרער און דווקא אין די גרויסע שטעט, וואו די אידן מיט די רוסן זיינען געווען די גאָר גרויסע מערהייט, וועלן מיר ברייננגען דעם וואוקס פֿון דער באַפֿעלקערונג אין אייניקע פֿון זיי פֿון 1920 ביז 1939.

די באַפֿעלקערונג אין די גרויסע שטעט פֿון אוקראַינע:

שטעט	1920	1939
אָדעס	427,831	604,223
קיעוו	366,396	846,293
כאַרקאָוו	269,924	833,437
דנעפּראָפּעטראָווסק	162,965	500,662
קרעמענטשוג	61,884	89,554
פּאָלטאַווע	76,648	130,305
ס"ה	1,365,648	3,004,474

אין די דאָזיקע 6 שטעט האָט זיך די שטאָטישע באַפֿעלקערונג מער ווי פֿאַרדאָפּלט. ס'איז קלאָר, אַז פֿון די צוגעקומענע כמעט צוויי מיליאָן איינוואוינער אין די דאָזיקע 6 שטעט האָבן געמוזט זיין 85 אָדער אפֿילו גאַנצע 90 פּראָצענט אוקראַינער. דער צושטראָם איז דאָך געווען פֿון די אַרומיקע דערפֿער. די אידישע באַפֿעלקערונג איז

שוין פון 1920 געפאָרן קיין גרויס־רוסלאַנד, קיין מאָסקווע און לעניג־גראַד. די גרויס־רוסישע באַפעלקערונג איז געווים אַבסאָלוט אויס־געוואַקסן, אָבער מאַקסימום אויף עטלאַכע פּראָצענט, און איר רעלאַטיווע וואָג, ווי אויך די וואָג פון די אידן, איז שטאַרק געפאַלן. נעמען מיר, למשל, אַזאַ שטאָט, ווי דנעפּראָפּעטראָווסק (קאַטערינאָסלאַוו). אידן האָבן דאָרטן אויסגעמאַכט אין 1920 גאַנצע 44.7% און אויך די רוסן האָבן געהאַט אַזאַ הויכן פּראָצענט. אוקראַאינער זיינען געווען אין אַ נישטיקער צאָל — סך הכל 4.7%. פאַר דער באַטראַכטער צייט זיינען אָבער צוגעקומען 338 טויזנט נייע איינוואוינער. פון זיי האָבן געמוזט זיין ניט ווייניקער ווי 250 אָדער 260 טויזנט אוקראַאינער, און די לעצטע מאַכן שוין איצטער מסתמא אויס אַ גאַנצע העלפט פון דער באַפעלקערונג. פון אַ נישטיקער מינדערהייט זיינען זיי געוואָרן אַ מערהייט. נעמט מען קיעוו — ס׳זיינען צוגעקומען כמעט 500 טויזנט מענטשן פאַר די יאָרן פון 1920 ביז 1939. פון דעם מסתמא ניט ווייניקער פון 400 טויזנט אוקראַאינער און ווידער אַמאָל מאַכן זיי שוין איצטער אויס אַ מערהייט. קאָלאָסאַל איז געוואַקסן די באַפעלקערונג אין כאַרקאָוו — אויף 563 טויזנט. אויב פון דער דאָזיקער צאָל זיינען אפילו געווען נאָר 400 טויזנט אוקראַאינער, מאַכן זיי שוין איצט אויס אין כאַרקאָוו בערך 55 פּראָצענט.

איין זאַך איז בלתי־ספק: די וואָג פון די אוקראַאינער, פון דער לאָקאַלער מערהייט, איז קאָלאָסאַל געוואַקסן אין די שטעט, באַזונדערס אין די גרויסע שטעט. ממילא איז די וואָג פון דער אידישער באַפעלקערונג שטאַרק געפאַלן. די ערשטע גרופּע האָט באַקומען אַ גרעסערע אַסימיליר־קראַפט; די אידישע האָט פאַרלאָרן אין איר נאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד.

די זעלבע לאַגע איז אין ווייס־רוסלאַנד. אין מינסק איז געווען אין 1926 נאָר 131,803 איינוואוינער און אין 1939 שוין 238,772, אַ צוּוואוקס אויף העכער 81 פּראָצענט; אין האָמעל זיינען געווען אין די שייכות׳דיקע יאָרן 86,409 און 144,169, אַ צוּוואוקס אויף 67 פּראָצענט; אין מאָהילעוו אין די זעלבע יאָרן — 50,223 און 99,440, כמעט אַ פאַרטאָפּעלונג. מען דאַרף געדענקען, אַז דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ וואוקס נאָר פאַר 13 יאָר. די רעזולטאַטן זיינען די זעלבע, ווי אין אוקראַאינע — אין אַלע שטעט איז געפאַלן דער פּראָצענט אידן און ממילא איז געפאַלן זייער ווידערשטאַנד —

פּאָטענציאַל קעגן דער אַסימילאַציע און אויך זייער נאַציאָנאַלער פּאָ־טענציאַל אויף צו שאַפן נייע נאַציאָנאַלע ווערטן.

לאָמיר איצטער זען, צי דער צושטראָם פון הונדערטע טויזנטע אידן קיין גרויס־רוסלאַנד האָט געשאַפן דאָרטן נייע נאַציאָנאַלע מעגלאַכקייטן.

דער צושטראָם פון עטלאַכע הונדערט טויזנט אידן קיין גרויס־רוסלאַנד האָט געענדערט די לאַגע נאָר אין צוויי שטעט, ווייל דער גרעסטער רוב פון די צוגעוואַנדערטע האָט זיך באַזעצט אין די הויפּט־שטעט: מאָסקווע און לענינגראַד. לגבי דער גאַנצער באַפעל־קערונג פון גרויס־רוסלאַנד האָט דער פּראָצענט אידן באַטראָפן: אין 1897 קוים 0.6% און אין 1939 קוים 0.8%. אָבער אין די צוויי שטעט האָט זיך די פּאַרהעלטעניש שטאַרק געביטן.

ס'זיינען געווען אידן אין:

שטעט	1897 אבס.	%	1926 אבס.	%	1940*) אבס.	%
מאָסקווע	8,473	1.0	131,000	6.5	400,000	10.0
לענינגראַד	17,251	1.0	84,412	5.3	275,000	9.0

די דאַטן פון 1940 זיינען אַ שאַצונג, אָבער ניט אונזערע, נאָר פון מענטשן, וועלכע זיינען געקומען פון סאָוועט־רוסלאַנד. איז גע־ווים אָנצונעמען, אַז אַ געמיינדע פון 400 טויזנט נפשות האָט אין זיך מער ווידערשטאַנד קעגן אַסימילאַציע ווי אַ קהילה פון 8 טויזנט נפשות. אָבער דער דאָזיקער ווידערשטאַנד קלעקט נאָר אויף פאַר־לאַנגזאַמען דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס און ניט אויף אים אָפּשטעלן; שוין אָפּגערעדט פון זאַפט פאַר ווייטער שאַפן נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען אָדער נאַציאָנאַלע גייסטיקע ווערטן. דער אַסימיליר־שטראָם פון מאָסקווער אַרום פאַרפלייצט אַזוי שטאַרק אַלע מינדערהייטן, אַז ס'קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן שאַפן נאַציאָנאַלע ווערטן אפילו אין דער רוסישער שפּראַך, ווי דאָס איז געווען אין אַלע לענדער, וואו גרעסערע אידישע גרופּעס האָבן איבערגענומען די לאַנד־שפּראַך. פאַר די פאַרגאַנגענע העכער 20 יאָר האָט זיך טאַקע ניט באַוויזן אפילו קיין התחלה־שפּראָץ פון אַ אידישער ליטעראַטור אין רוסיש, ווי דאָס

*) שאַצונג.

איז געווען פאַר דער וועלט־מלחמה. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ ווירקן נאָך אַנדערע פאַקטאָרן — די אידישע קאָמוניסטן אָנערקענען דאָך נאָר די שפּראַך, אַלס נאַציאָנאַלן סימן. די אָפּוועזנהייט אָבער אפילו פון אַזאַ ליטעראַטור שוואַכט נאָך מער אָפּ די ווידערשטאַנד־קראַפט פון דער אידישער מינדערהייט קעגן דער אַסימילאַציע.

ליטעראַטור צו קאַפּיטל 7.

1) י. קאָראַלניק, די אידן אין אוקראַינע. אין „בלעטער פאַר אידישע דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק". בערלין, 1923. ז. 126 א. וו.

2) ב. ברוצקוס, סטאַטיסטיק פון דער אידישער באַפעלקערונג (רוסיש). ס. פעטערבורג, 1909.

3) אידן אין ס. ס. ס. ר. מאָסקווע, 1929 (רוסיש).

4) די אידישע באַפעלקערונג פון רוסלאַנד (רוסיש). פעטראָגראַד, 1917.

5) יעקב לעשצינסקי, דאָס אידישע פאָלק אין ציפערן. בערלין, 1922.

6) א. כאמענקא, דער נאַציאָנאַלער באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג פון דער אוקראַינישער סאָוועטישער רעפּובליק. (אוקראַיניש). כאַרקאָוו, 1931. ז. 60 א. וו.

7) „פּראַוודאַ" (רוסיש). מאָסקווע, 1939, 2־טן יוני.

8

מיליטערישער קאָמוניזם, לעניגס על חטא און נעפּ.

מיר גייען איבער צו דער עקאָנאָמישער לאַגע פון סאָוועטישן אידנטום און צו דעם גיהינום, וואָס ס'האָט דורכגעמאַכט אין משך פון גאַנצע צוויי צענדליק יאָר. גיהינום איז אייגנטלאַך גאָר אַ שוואַך וואָרט פאַר די פּגעים־גילגולים, וואָס ס'איז געווען געצוואונגען דורכצומאַכן אַ דאַנק די באָלשעוויסטישע עקספּערימענטן. אַלס אַ שטאָט־באַפעלקערונג, איז דאָס געווען אויפ'ן ערשטן פייער פון אַלע באָלשעוויסטישע איינפאַלן און המצאות. געוויס האָבן זיך אין רוסלאַנד אַלע קלאַסן און נאַציאָנאַלע גרופּעס גענוג אָנגעליטן. ס'גייט ניט אין מעסטן, וואָס פאַר אַ שיכט ס'האָט זיך מער אָנגעליטן און געבראַכט מער קרבנות. די פּויערים האָבן אויך ניט געלעקט קיין האָניג פון די באָלשעוויקעס און די פּריצים אודאי און אודאי ניט. אידן האָבן אין סאָוועט־רוסלאַנד קיינמאָל ניט געליטן אַלס אַזעלכע — און דאָס מוז אין דער אַבסאָלוטער פאָרם אונטערגעשטראָכן ווערן. אָבער פאַרגעסט מען אין דער גלות־טרייסט פון „גם זו לטובה", פון „צרת רבים חצי נחמה", פון כאָטש ניט זיין איינזאָם אינ'ם אומגליק, פון כאָטש זיין גלייכבאַרעכטיקט אפילו אין אַלגעמיינער רעכטלאָזיקייט, איז ווירקלאַך ניטאָ אַזאַ וואָרט, מיט וועלכן מען זאָל קאָנען אַרומנעמען די פּלאָג און פּורעניות'ן, וואָס דאָס סאָוועטישע אידנטום איז אויסגעשטאַנען אין משך פון 22 יאָר אין סאָוועט־רוסלאַנד.

די פאַרגאַנגענע 22 יאָר פון עקאָנאָמישן לעבן פון סאָוועטישן אידנטום קאָן מען טיילן אין פאָלגענדיקע אָפּשניטן:

1) מיליטערישער קאָמוניזם (1918-1921) — הונגער, עפּידעמיעס, קאָנפיסקאַציעס, רעקוויזיציעס; דעקלאַסירונג פון דער גרויסער מערהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג; שמוגעל־האַנדל, אַלס געפערלאַכער און דאָך קנאַפּער מקור פון חיונה פאַר צוויי דריטל פון סאָוועטישן אידנטום; בהלה־עמיגראַציע.

2) נעפּ (נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק) (1922-1925) — פּויזע, אָפּפרישונג; קליינע אויפלעבונג פון האַנדל און אינדוסטריע אין לאַנד; לאַנגזאַמער וואוקס פון אידישע בעלי־מלאכות און אַרבעטער; אינטענסיווער וואוקס פון אידישע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע; אָנ־

הויבן פון אָרגאַניזירטער קאָלאָניזאַציע; אַלץ נאָך גרויסער הונגער און גרויסע מאַסן דעקלאַסירטע.

3) ליקווידאַציע פון נעפּ (1926-1929) — פּריוואַטער האַנדל ווערט צוערשט פאַרפאָלגט און שפּעטער ליקווידירט; וואוקס־שפּרונג פון דעקלאַסירטע; ווידער שרעקלאַכער הונגער און נויט; אַגראַריזאַציע אַלס פּאַנאַציייע פון אַלע עקאָנאָמישע צרות און מכות; שוואַכע סטיכישע אינדוסטריאַליזירונג־טענדענצן.

4) אינדוסטריאַליזירונג (1930-1933) —אָרגאַניזירטע איינאָרדענונג פון אידישע אַרבעטער אין דער גרויס־אינדוסטריע; פאַרוואַנדלונג פון די „אידישע" פאַכן אין גרויסע און מעכאַניזירטע אונטערנעמונגען; סטאַביליזירונג און פאַרפולקומונג פון די דערגרייכטע קאָלאָניזאַציע־רעזולטאַטן; שנעלער וואוקס פון אידישע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע, באַזונדערס פון ליבעראַלע פּראָפעסיעס; ליקווידאַציע פון דער מערהייט דעקלאַסירטע; גרויסע איבערוואַנדערונג פון די אַלטע געדיכטע אידישע ישובים קיין גרויס־רוסלאַנד; טיפערע איינגלידערונג פון אידן אין דער אַרומיקער סאָציאַלער סביבה און גיכע פאַרווישונג פון די רעשטלאַך פון סימנים פון באַזונדערע אידישע עקאָנאָמישע סעקטאָרן.

5) נאָרמאַליזירונג (1934-1940) — ענטגילטיקע ליקווידאַציע פון די דעקלאַסירטע; נאָרמאַלער צושטראָם פון אידישער יוגנט פון דער פּראָווינץ אין דער גרויס־שטאָטישער אינדוסטריע; ווייטערער אינטענסיווער וואוקס פון אידישע באַאַמטע און אינטעליגענץ; רעלאַטיווער פאַל פון אידן אין באַאַמטנטום און אין אינטעליגענץ; אָפּשוואַכונג פון אַגראַר־סעקטאָר און פון זיין ווירקונג אין אידישן לעבן.

זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז מען קאָן ניט שטעלן קיין גרעניץ־סלופּעס צווישן צייט־אָפּשניטן, בפרט נאָך צווישן אַזעלכע קורצע צייט־אָפּשניטן. מיר האָבן מיט דער צעגרעניצונג נאָר געוואָלט געבן יעדן צייט־אָפּשניט די כאַראַקטעריסטיק פון זיינע הויפּט־פּראָצעסן און פון זיינע פאָרגענומענע פון דער רעגירונג הויפּט־טעטיקייטן. אין דער ווירקלאַכקייט האָט יעדע דערשיינונג, ווי למשל, די אַגראַריזירונג אָדער אינדוסטריאַליזירונג, זיך געצויגן פון אָנהויב פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע און ציט זיך נאָך עד היום. דער חילוק איז נאָר אין טעמפּ און מאַסשטאַב.

לאָמיר אָנהויבן פון ערשטן צייט־אָפּשניט.

בירגער־קריג, מלחמה, רעקוויזיציעס, קאָנפיסקאציעס, נאציאָנאליזאציעס, סאָציאַליזאציעס — דאָס זיינען געווען אַלגעמיינע צרות, פון וועלכע אידן האָבן פּראָפּאָרציאָנעל מער געליטן, ווייל זיי זיינען געווען נאָענטער צו די מלחמה־פראָנטן; ווייל בא זיי זיינען געווען מער בירגערלאכע עלעמענטן, ווי בא די ארומיקע פעלקער; ווייל זיי זיינען שטאָטישע מענטשן. אָבער חוץ די דאָזיקע מכות, בא וועלכע זיי האָבן געהאַט אחים לצרות, האָבן אידן דאָך נאָך געהאַט צו ליידן פון א דערשיינונג, וועלכע האָט אין משך פון 4 יאָר באַגלייט ווי א שאָטן דעם בירגער־קריג און האָט געהאַט צו טאָן נאָר און אויסשליסלאַך מיט אידן — מיר מיינען די פּאָגראָמען. מיר האָבן פריער שוין אין קורצן כאַראַקטעריזירט די פּאָליטישע זייט פון די פּאָגראָמען און אָנגעגעבן די בערכ'דיקע מענטשלאכע קרבנות. מיר קאָנען אָבער ניט אַריבערגיין צו דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג אין דער סאָוועטישער עפּאָכע, ניט אָפּשטעלנדיק זיך כאָטש וויפיל ס'ניט איז אויף די מאַטעריעלע שאָדנס פון דער אידישער באַפעלקערונג פון די פּאָגראָמען.

די אלמנות־און יתומים־ירושה פון דער מלחמה; די הונדערטע טויזנטע מלחמה־פליכטלינגע; ענדליך די פּאָגראָמען־ירושה — דאָס אַלץ האָט, פארשטייט זיך, שטאַרק פארשווערט די אויפגאַבע פון דער סאָוועטן־מאַכט ביים לייזן די אידישע עקאָנאָמישע פראַגע. דאָס איז געווען אַזאַ הויקער, אַזאַ פעקל צרות, אַז א מער נאָרמאַלע מאַכט, א מער באַטראַכטע און אָרגאַניזירטע מאַכט וואָלט אויך אַזוי גרינג ניט אַרויסגעקראָכן. בפרט נאָך א מאַכט, וואָס האָט אַלץ געטאָן אויף פאַרגרעסערן די צאָל דעקלאַסירטע, די אַרבעטלאָזע, די פרנסה'לאָזע, די בעטלער און שנאָרער, די היימלאָזע און דאַכלאָזע, די האָפענונגלאָזע און פערספּעקטיוולאָזע. האָט זיך טאַקע באַקומען איין אומגעהויערער גרויסער פאָלק־אומגליק.

לאָמיר ברייגנען אייניקע קורצע ידיעות וועגן די מאַטעריעלע שאָדנס פון די פּאָגראָמען.

די קאָמיסיע, וואָס האָט אין אוקראַינע געזאַמלט דעם פּאָגראָם־מאַטעריאַל, האָט פארצייכנט נאָר אין אוקראַינע 688 פונקטן, וואו ס'זיינען פאָרגעקומען פּאָגראָם־געשעעניש. גיט מען צו נאָך 7 פונקטן פון גרויס־רוסלאַנד, וואו ס'זיינען פאָרגעקומען דעניקינישע פּאָגראָמען און א פּאָר הונדערט פונקטן פון ווייס־רוסלאַנד, וואו ס'זיינען פאָרגע־

קומען די פּאָגראָמען פון בעלאַכאָוויטשן, קאָן מען אָננעמען, אַז מינימום אין 900 פּונקטן זיינען פאָרגעקומען אידישע פּאָגראָמען אין משך פון די יאָרן פון 1918 ביז 1921. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז ידיעות וועגן הריגות פון איינער אָדער עטלאַכע פאַמיליעס אין דערפער, וואו ס'זיינען ניט געבליבן מער קיין אידן, זיינען געבליבן אַ סוד, וועלכע די אידישע געשיכטע וועט קיינמאָל ניט אויפדעקן. אַזוי ווי אידן האָבן געלעבט אין אוקראַינע אין טויזנטער דערפער, איז זיך גרינג פאָרצושטעלן וויפיל קרבנות האָבן ניט געקאָנט רעגיס־טרירט ווערן. אָבער די ידיעות, וועלכע די קאָמיסיע האָט באַקומען, קאָנען אויך ניט פּרעטענדירן אויף פולשטענדיקייט. אָפט האָט מען געהאַט נאָר אַלגעמיינע ידיעות. דער פּונקט איז פאַרצייכנט געוואָרן אין דער רשימה פון די פּאָגראָמירטע, אָבער וויפיל פּאָגראָמען, וויפיל קרבנות, וואָסערע שאָדנס זיינען געווען האָט מען ניט געקאָנט פעסט־שטעלן. אין 524 פּונקטן פון אוקראַינע, וועגן וועלכע ס'זיינען פאַראַן דעטאַליזירטע ידיעות, זיינען פאָרגעקומען 1,227 פּאָגראָמען, אין דורכשניט צו צוויי פּאָגראָמען אויף אַ פּונקט. 102 פּונקטן האָבן איבערגעלעבט מער ווי דריי פּאָגראָמען יעדער ישוב. שוין די דאָזיקע עטלאַכע דאַטן קאָנען געבן אַ פאָרשטעלונג וועגן דער גרויס פון'ם פּאָגראָם־אומגליק. קלאָר, אַז הונדערטע טויזנטע מענטשן האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע וואוין־ערטער און איבערלאָזן אויף הפקר זייער האָב און גוטס.

מען וועט, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל ניט וויסן אפילו בערך די גרויס פון די שאָדנס. אַ שטיקל באַגריף פונדעסטוועגן וועגן די מאַסשטאַבן פון די שאָדנס קאָן מען באַקומען פון די אַנקעטעס, וועלכע זיינען דורכגעפירט געוואָרן צווישן די היימלאָזע אין קיעוו, אָדעס, אומאַן, באַגוסלאַוו, כאַרקאָוו און ווייס־רוסלאַנד. די אַנקעטעס האָבן אַרומגענומען העכער 50 טויזנט פּליכטלינגע, און דער מאַ־טעריאַל איז געווען גענוג טיפּיש, אַז מען זאָל פון אים ציען גזירה שוה'ס. צוויי דריטל הייזער זיינען פאַרברענט אָדער צענומען געוואָרן. 55 פּראָצענט קראָמען זיינען פאַרברענט און צענומען געוואָרן. העכער 76 פּראָצענט פון די פּליכטלינגע האָבן אָנגעגעבן, אַז זייערע שטוב־זאַכן — מעבל, געשיר, כלים און אויך וועש — זיינען געווען צעראַ־בעוועט אָדער פאַרברענט. העכער 54 פּראָצענט קרעמער האָבן אָנגעג־געבן, אַז דער אינווענטאַר פון זייערע קראָמען איז צעראַבעוועט אָדער צוגענומען געוואָרן און העכער 25 פּראָצענט פון דעם קראָמען־אינ־

וועגטאָר איז פֿאַרברענט געוואָרן. נאָר 18 פּראָצענט קרעמער האָבן פֿאַרקויפֿט אָדער אַרויסגעפֿירט זייער אינוועגטאַר. בײַ 84 פּראָצענט קרעמער איז די סחורה צעראַבעוועט געוואָרן. בײַ 7 פּראָצענט איז די סחורה פֿאַרברענט געוואָרן. פֿון טויזנט אינדוסטריע-פֿאַבריקן זײַנען פֿאַרברענט, צעראַבעוועט, צוגענומען און צענומען געוואָרן 579 אָדער קרוב צו 58 פּראָצענט. צוויי דריטל פֿון די מאַשינעס און אינסטרומענטן פֿון די פֿאַבריקן זײַנען געווען צעראַבעוועט אָדער פֿאַרברענט.

דאָס איז פֿאָרגעקומען דער עיקר אין אוקראַינע. אין דעם כאַאָס פֿון מלחמה און בירגער-קריג, וועלכער האָט אין אוקראַינע געדויערט גאַנצע דריי יאָר, האָט די באָלשעוויסטישע מאַכט ניט געקאָנט דורכפֿירן קאָנסעקווענט אירע „סאָציאַליסטישע" געזעצן. אָבער אין ווײַס-רוסלאַנד און אין גרויס-רוסלאַנד, וואו ס'איז דעמאָלט געווען העכער א מיליאָן אידן, ווײַל אין משך פֿון דער מלחמה זײַנען א סך פּליטים-לינגע אָנגעקומען אין די גרויס-רוסישע גובערניעס און ס'איז אויך געגאַנגען א פּריוויליגע איבערוואַנדערונג פֿון אידישע גרויסע סוחרים און פֿאַבריקאַנטן, וועלכע האָבן אַהין עוואַקואירט זייערע געשעפֿטן און פֿאַבריקן פֿון וואַרשע און לאָדזש, פֿון ביאַליסטאָק און ווילנע, פֿון סמאַרגאָן און קרעסלאַווקע — אָט דאָרטן האָבן געבושעוועט די באָלשעוויסטישע נאַציאָנאַליזאַציעס און סאָציאַליזאַציעס, רעקוויזיציעס און קאָנטריבוציעס, וועלכע האָבן אויך אָנגעמאַכט א פֿײַנעם חורבן.

מען האָט נאַציאָנאַליזירט די בענק און אין משך פֿון א פּאָר יאָר האָט מען נאַציאָנאַליזירט די גאַנצע אינדוסטריע, אײַנשליסנדיק אויך די קלענסטע וואַרשטאַטן, אויב נאָר זיי האָבן באַשעפֿטיגט געדונגענע אַרבעט; נאַציאָנאַליזירט די הײַזער; אײַנגעפֿירט אַרבעט-פּליכט; אײַנגעפֿירט א גאַנצע רייע שטאַטליכע מאָנאָפּאָלן, דער עיקר אויף לעבנס-אַרטיקלען; פֿאַרניכטעט דעם פּריוואַט-האַנדל; אײַנגעפֿירט די פֿאַרטיילונג פֿון שפּײַז-פּראָדוקטן און פֿון אַנדערע מינים סחורות דורך דעם רעגירונגס-אַפּאַראַט; און איז נאָר א שטאָט אָפּגע-רייניגט געוואָרן פֿון די פּעטלורישע אָדער דעניקינישע באַנדעס, ווי, למשל, אין קיעוו אָדער אָדעס, אין כאַרקאָוו אָדער קאַטערינאָסלאַוו, האָט מען זיך באַלד גענומען אײַנפֿירן די אויבן אויסגערעכנטע „סאָציאַליסטישע" סדרים, וועלכע האָבן שוין אין גרויס-רוסלאַנד געהאַט דערפֿירט צו הונגער.

ביים פויער האָט מען אָנגעהויבן צונעמען דעם גרעסטן טייל פון זיינע אגראַר־פּראָדוקטן. קיין שטאָטישע סחורות האָט מען אים ניט געגעבן, ווייל די פאַבריקן האָבן ניט געאַרבעט. קיין רוי־שטאָף איז ניט געווען. האָט דער פויער אָנגעהויבן פאַרזייען ווייניקער פעלדער. די ניט־אידישע שטאָטישע באַפעלקערונג האָט זיך געראַטעוועט פון הונגער, לויפנדיק צוריק אין דאָרף אריין. אייניקע ציפער וועלן אילוס־טרירן דעם חורבן, צו וועלכן די באָלשעוויקעס האָבן דערפירט דאָס לאַנד — אַ חורבן, וועלכער האָט געצוואונגען לענינען מאַכן אַ געוואַלד, אַז מען מוז פאַרקערעווען צוריק צום בורזשואַזן סדר און ראַטעווען די באַפעלקערונג פון הונגער־טויט און אָפּראַטעווען אויך די ראַטן־מאַכט.

אין די יאָרן 1909־1913 האָט רוסלאַנד אין דורכשניט פּראָדו־צירט 67 מיליאָן טאָן תבואה יאָרלאַך; אין די יאָרן 1920־1921 שוין נאָר 27 מיליאָן טאָן, אלזאָ נאָר 40 פּראָצענט. רוסלאַנד פלעגט פאַרזייען פאַר דער מלחמה און אויך אין יאָר 1916 קרוב צו 90 מיליאָן העקטאַר לאַנד און אין 1921 נאָר 54 מיליאָן העקטאַר. די גערעטעניש פון העקטאַר איז געפאַלן אויף אַ העלפט. אָבער אויב אין דאָרף איז כאָטש געווען 40 פּראָצענט פון דעם, וואָס מען האָט פּראָדוצירט פאַר דער מלחמה, איז אין שטאָט דער חורבן געווען נאָך אַ סך גרעסער. די אינדוסטריע האָט פּראָדוצירט נאָר 20 פּראָצענט פון דעם פאַר־מלחמה׳דיקן שטאַנד. די גרויס־אינדוסטריע באַזונדער גענומען נאָר 13 פּראָצענט. די שטאָטישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט אין 1914 באַטראָפן 18.4 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, איז געפאַלן אין 1920 ביז 14.7 פּראָצענט.

דאָס דאָרף, וואָס האָט ניט געגעבן גאָר ניט פאַר עקספּאָרט און האָט גאָר ווייניק געגעבן דער שטאָט, האָט נאָך ווי ס׳ניט איז געהאַט וואָס צו עסן. כאָטש אויך אין דאָרף זיינען געשטאָרבן מיליאָנען פון הונגער. אין די שטעט, וואו די באַפעלקערונג, באַזונדערס די אידישע איז געווען אויסגעמאַטערט און אויסגעהונגערט פון דער מלחמה, פון די פּאָגראָמען, פון די מגפות און פון די אינעווייניקסטע קאַמפן, האָט די שטאַרביקייט אָנגענומען די געפערלאַכסטע מאַס־שטאַבן.

די אידישע באַפעלקערונג, אַ קרעמערישע, אַ האַנטווערקערישע, האָט כמעט אינגאַנצן פאַרלאָרן די מקורים פון פּרנסה. ממש טאַקע פון 70 ביז 80 פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג זיינען אין

די יאָרן פון 1918 ביז 1921 געווען אָן א באַשטימטער פּרנסה. א קליינער טייל אידן, דער עיקר אַרבעטער האָבן זיך געכאַפּט צו סאָוועטישע שטעלעס. א גרויסער טייל אידן אָבער האָט געלעבט פון פאַר־קויפן די זאַכן פון שטוב, ווייל פלעגט דער פויער אַמאָל ברענגען עפּעס אין שטאָט, האָט ער דאָס פאַרקויפט ניט פאַר געלט, נאָר פאַר זאַכן — פאַר א העמד, פאַר א פּאָר שיך, פאַר א פּאָר הויזן. ס'איז געווען כמעט נאָר איין באַשעפטיקונג — ספּעקולאַציע. מען האָט טאַקע געשאָסן פאַר ספּעקולאַציע, אָבער דאָך האָט גאָר א גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג בכלל און פון אידן נאָך אין א גרעסערער מאָס „געלעבט" פון ספּעקולאַציע. צענער טויזנטער רוסישע אַרבעטער פון מאָסקווע און פּעטערבורג, וואו דער הונגער איז געווען אַם שטאַרקסטן, טאַקע ווייל דאָרטן זיינען די באָלשעוויסטישע געזעצן דורכגעפירט געוואָרן מיט דער אייזערנער האַנט, האָבן פאַרפלייצט די אוקראַאינישע דערפער און האָבן געפירט, געשלעפּט ברויט, געהאַנדלט. וואָס־זשע האָט שוין געקאָנט טאָן א איד, וועלכער איז אין נאָרמאַלע צייטן דאָך געווען א תבואה־הענדלער?

כדי דער לייענער, וועמען דאָס אַלץ מוז אויסזען מער ווי ווילד און משונה, זאָל באַקומען א קלאָרע פאָרשטעלונג, ווי די אידישע באַפעלקערונג האָט אין די דאָזיקע יאָרן געלעבט, וועלן מיר געבן דאָס וואָרט א לעבעדיקן אידן פון וויטעבסק, פון א שטאָט, וואו קיינע פּאָגראָמען זיינען ניט געווען און וואו די באָלשעוויסטישע רעוואָ־לוציע איז געווען א ריינע, א פולע. דערביי איז דאָס א אידישע שטאָט און די רעוואָלוציע איז דורכגעפירט געוואָרן כמעט אויסשליסלאַך דורך אידן, יעדנפאַלס אין אידישן סעקטאָר. איך האָב געזען דעם דאָזיקן לעבעדיקן עדות פון באָלשעוויסטישן „גן עדן" אין ריגע, אין יאָר 1924, וואוהין ער האָט זיך געראַטעוועט פון באָלשעוויסטישן רוסלאַנד, און איך האָב פאַרשריבן כמעט וואָרט און וואָרט זיין עפּאָפּייע:

„איך בין א פּשוט'ער קרעמער פון וויטעבסק. געהאַלטן מאַנו־פאַקטור אין קראָם. קיין גביר בין איך קיינמאָל ניט געווען, אָבער פּרנסה האָט מען געהאַט. געלעבט מיט א פרוי און דריי קינדער.

„האָט מען געלעבט ביז 1918. פון דעמאָלט אָן הויבן זיך אָן מיינע צרות און פּלאָגן; פּלאָגן, וואָס וועלן שוין, ווייזט אויס, קיינמאָל קיין סוף ניט נעמען.

„די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען. אין איין שיינעם פרימאָרגן האָב איך געפונען אַ שלאָס אויף מיין קראָם. אַזעלכע שלעסער האָבן אַלע קרעמער געטראָפן אויף זייערע קראָמען. מען האָט איבערגעשריבן די סחורה, זי צוגענומען און מיר אַרויסגעגעבן אַ קוויטאַנציע. מיין פרוי האַלט נאָך ביז איצט די קוויטונג פאַרגייט. טאָמער . . . טענה'ט זי.

„באַ מיר האָט מען צוגענומען די גאַנצע סחורה. אַנדערע האָבן פון פריער מיט אַ פּאָר טעג געוואוסט, אַז מען וועט צונעמען די סחורה, האָבן זיי זיך באַוואָרנט. ווער ס'האָט באַגראָבן אין קעלער און ווער פאַרשטעקט אויפ'ן בוידעם. מיר האָט זיך גאָר ניט איינגעגעבן. און איך האָב דווקא קיין חרטה ניט געהאַט. וואָרום נאָכדעם ווי מען האָט געשאָסן דריי קרעמער פאַר באַהאַלטן סחורה, האָבן די איבעריקע אַליין מיט בזיון און מיט האַרץ-קלעמעניש אָפּגעטראָגן די סחורה אין „סאָווגאַרכאָז" (סאָוועטישע פאָלקס-ווירטשאַפט).

„איז מען געזעסן אין דער היים און געגעסן פון גרייטן. מען האָט זיך געטראַכט: לאַנג וועט דאָך דאָס ניט דויערן. די וועלט קאָן דאָך ניט שטאַרבן פון הונגער. גייט אַוועק אַ חודש און צוויי און דריי — און ס'נעמט גאָר ניט קיין עק. איך הער, אידן הויבן אָן צוביסלאַך האַנדלען. חיים דער לעדערניק האָט פון ערגעץ באַקומען פאַדעשוועס און פאַרקויפט אונטער דער פאָלע. אַן אַנדערער פאָרט קיין מאָסקווע — אַהין פירט ער צוקער און טאַבאַק און צוריק ברענגט ער מאַנופאַקטור און שלעסלעך.

„דערווייל טרעפט אַ מעשה: די „טשעקאַ" האָט אָפּגעשטעלט דעם מאָסקווער צוג עטלאַכע וויאָרסט פאַר דער שטאָט און געכומען טרייסלען און זוכן. אין שטאָט איז געוואָרן תשעה־באָב: ווער ס'האָט דאָרטן אַ מאַן, ווער אַ טאָכטער און ווער אַ זון און ווער אַן אַלטן טאַטן. פאַרנאַכט האָט מען געבראַכט אַ גרויסן עולם אַרעסטירטע — מען האָט געפונען צאַרסקי געלט פאַרנייט און פאַרשטעקט אין אַזעלכע ערטער, אַז קיין רוח וואָלט ניט געקאָנט טרעפן. די אידישע טשעקיסטן האָבן אָבער געטראָפן. עטלאַכע פורן מיט מאַנופאַקטור און אַנדערע סחורות האָט די „טשעקאַ" באַקומען.

„טויזנטער אידן און ווייבער מיט קליינע קינדער זיינען אַרויס אַנטקעגן די אַרעסטירטע און אויפגעהויבן אַ געוויין, אַז די האָר האָבן זיך געשטעלט קאַפּויר. די טשעקיסטן האָבן אויסגעשאָסן אין די לופטן עטלאַכע מאָל, און דער עולם איז זיך צעלאָפן".

נאָך דעם דאָזיקן פאַל האָבן אַלע מורא געהאַט צו פאָרן קיין מאָסקווע און אונזער העלד אודאי, ווייל ער איז בכלל ניט געווען קיין גרויסער בריה און קיין גרויסער ריזיקאַנט. ער דערציילט ווײַטער: „פאַלן אידן אויף אַ שכל — מען הויבט אָן שיקן מיט פּעקלאַך ווייבער און טעכטער. זיי קאָנען בעסער אויסבאַהאַלטן און אויך זיך בעסער אַרויסדרייען פון די טשעקיסטן. באַזונדערס איז געוואָרן אַ מאָדע צו שיקן יונגע שיינע מיידלאַך און ווייבלאַך — אַ מיטל קעגן טשעקיסטן . . .

„זאָג איך צו מיין פרוי: איך זאָל וויסן, אַז איך וועל שטאַרבן פון הונגער, וועל איך קיינעם פון מיינע טעכטער ניט לאָזן פאָרן. אויב שוין יאָ פאָרן, וועל איך אַליין פאָרן.

„גייט אַוועק דערוויל נאָך אַ חודש. זאָגט מיר מיין ווייב: דו ווייסט, הערשל, איך האָב שוין היינט פאַרקויפט אויפ׳ן מאַרק די לעצטע קאָלדרע. די טישטעכער און די האַנטיכער זיינען שוין אויך אַוועק אין דאָרף פאַר מעל און מילך און איצט מוז איך שוין טראָגן די קינדערשע העמדלעך — וואָס־זשע וועט זיין דער תכלית? אויף וואָס ווען מיר וואַרטן? אפשר פאָרט שיקן . . .

„איך האָב זי איבערגעהאַקט אין מיטן די רייד און בין אַוועק אין אַלטן בית־המדרש, האָב אָפּגעדאַוונט, זיך גוט אויסגעוויינט; געקומען אַ היים, זיך געוואַשן, אָפּגעגעסן; ביים בענטשן האָב איך שוין ניט אויסגעהאַלטן און אַזוי זיך צעוויינט, אַז אַלע קינדער האָבן מיך אַרומגערינגלט און ס׳איז געוואָרן אַ יללה אין שטוב, אַז פון גאַס איז מען זיך צונויפגעלאָפן.

„און איך האָב געזאָגט מיין ווייב און קינדער: מאָרגן פאָר איך קיין מאָסקווע. מאַכט מיך גרייט אין וועג אַריין. און איר זאָלט דאָ בעטן גאָט פאַר מיר.

„דעם זעלבן טאָג ברייננגט מען מיר אַ פּאַפּירל פון „סאַוונאַרכאָז", אַז מיין קראָם איז נאַציאָנאַליזירט. זע איך דאָך, אַז ס׳איז פון גאָט, אַז די מעשה איז ערנסט — ווער איך נאָך באַ זיך פעסטער און נעם זיך גרייטן אין וועג אַריין".

לײדער, קאָנען מיר דאָ ניט איבערגעבן די גאַנצע געשיכטע פון דאָזיקן וויטעבסקער אידן, וועלכער פירט קיין מאָסקווע סחורה און פון מאָסקווע, לעבט איבער שרעק און ניסים, פאַלט עטלאַכע מאָל אַריין און ווערט געראַטעוועט ביז ער אַנטלויפט קיין ריגע. מיר האָבן געוואָלט דער עיקר איבערגעבן די אַטמאָספער, אין וועלכער דער

גרעסטער טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג האָט געלעבט עטלאכע יאָר נאָכאַנאַנד. אָט אין דער נאָר וואָס באַשריבענער אַטמאָספער האָט מען געלעבט און געקעמפט ממש פאַר'ן טרוקענעם שטיקל ברויט.

אידן זיינען דעמאָלט געלאָפן צו די גרעניצן, איינשטעלנדיק דאָס לעבן. פון דער סאָוועטישער זייט האָט געשאָסן די טשעקא; פון דער רומענישער און פוילישער זייט האָבן געשאָסן די סאָלדאַטן פון די דאָזיקע לענדער. פונדעסטוועגן האָט זיך אין בעסאַראַביע אַליין אָנגעזאַמלט אונלעגאַל אַריבערגעגאַנגענע די גרעניצן בערך 73 טויזנט אידן. נאָך גרעסער איז געווען די צאָל פליכטלינגע, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט קיין פוילן. בערך באַ 200 טויזנט אידן האָבן אין די דריי יאָר — פון 1918 ביז 1921 — פאַרלאָזט רוסלאַנד. ס'זאָגט זיך איצט גרינג אַרויס: „פאַרלאָזט רוסלאַנד". דאָס איז געווען פאַר זיך אַ שוידערלאַך קאַפּיטל פון אידישע אָפּקומעניש. אָבער דאָך זיינען דאָס געווען די גליקלאַכסטע. ווייל ווי גרויס ס'זיינען ניט געווען די פיין און ליידן און די סכנות ביים איבערגיין אונלעגאַל דעם גרעניץ, די מערהייט האָט זיך דערקליבן צו אַ מקום־מנוחה אין איינעם פון די אַמעריקאַנישע לענדער און האָבן ניט זוכה געווען צו נהנה זיין פון די ווייטערע גליקן, מיט וועלכע די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט אין משך פון 20 יאָר באַשאָנקען די בירגער פון רוסלאַנד.

וואָס שוואַכער ס'איז געוואָרן די מלחמה מיט אויסערלאַכע פיינט; וואָס מילדער ס'איז געוואָרן דער בירגער־קריג, אַלץ בולט'ער איז געוואָרן דער חורבן, וואָס דער מיליטערישער קאָמוניזם האָט אָנגעמאַכט אין לאַנד, אַלץ שאַרפער זיינען אַרויסגעטראָטן די נעגאַטיווע זייטן פון דער פאַטאַלער קאָמוניזירונג פון לאַנד. צום סוף פון 1920 איז שוין אויף דער טעריטאָריע פון סאָוועט־רוסלאַנד ניט געווען קיין איין פרעמדער סאָלדאַט. צו דער זעלבער צייט ווערט די סאָוועט־מאַכט די הערשנדיקע כמעט אין אַלע טיילן פון קומענדיקן סאָוועטן־לאַנד, יעדנפאַלס אין אוקראַאינע איז צו דער דאָזיקער צייט כמעט ווי פאַר־ענדיקט דער קאַמף מיט די פאַרשיידענע אוקראַאינישע פּאָליטישע גרופּעס און באַנדיטישע אַטאַמאַנען. לענין האָט געוואָרפן אַ קוק אויף רוסלאַנד און ס'איז אים געוואָרן ממש פינסטער אין די אויגן. ער האָט געמאַכט אַ געוואַלד, אַז די קאָמוניסטן זיינען משוגע. אָט זיינען זיינע ווערטער:

„מיר — האָט לענין געזאָגט אויפ'ן 10טן קאָמוניסטישן צוזאַ־מענפאָר אין 1921 — זיינען צו ווייט פאַרלאָפן מיט אונזער נאַציאַ־

נאַליזירונג פון האַנדל און אינדוסטריע, מיט אונזער פאַרניכטן דעם פּריוואַטן אומזאַץ. איז דאָס געווען אַ פעלער? געוויס. אין דעם פּרט האָבן מיר פּשוט געמאַכט אַ סך פעלער און ס'וואָלט געווען אַ פאַרברעכן ניט וועלן זען און ניט וועלן פאַרשטיין, אַז מיר האָבן איבערגעכאַפּט די מאָס. מיר חזר'ן אָפּט איבער, אַז קאַפּיטאַליזם איז אַן אומגליק און סאָציאַליזם איז אַ גליק. אמת, קאַפּיטאַליזם איז אין פאַרגלייך מיט סאָציאַליזם טאַקע אַן אומגליק, אָבער אין פאַרגלייך מיט מיטלאַלטערלאַכקייט איז קאַפּיטאַליזם אַ גליק. אויף וויפיל מיר קאָנען ניט גלייך איבערגיין פון דער קליין־פּראָדוקציע צו סאָציאַליזם, אויף אַזוי פיל איז קאַפּיטאַליזם אומפאַרמיידלאַך. פּרובן אינגאַנצן אויסשליסן די אַנטוויקלונג פון פּריוואַטן האַנדל, דאָס הייסט, פון קאַפּיטאַליזם — דאָס וואָלט געווען ניט נאָר אַ שטות, נאָר זעלבסטמאָרד פון דער פּאַרטיי, וועלכע וואָלט דאָס געוואָלט דורכפירן. ס'וואָלט געווען אַ שטות, ווייל אַזאַ פּאָליטיק איז עקאָנאָמיש אונמעגלאַך; ס'וואָלט געווען זעלבסטמאָרד, ווייל פּאַרטייען, וואָס וועלן פּרובן אַזאַ זאַך דורכפירן, וועלן מוזן באַנקראָטירן. מען דאַרף ניט מורא האָבן, טאָמער וועט דאָס קליין־בירגערטום און דער קליין־בירגער וואַקסן. נאָר מען מוז מורא האָבן, וואָס שוין צו לאַנג פאַרציט זיך דער שרעקלאַכער הונגער, די נויט, דער מאַנגל אין פּראָדוקטן."

אין אָנהויב פון נעפּ האָט געגומען אויפלעבן ניט נאָר דער קליין־האַנדל, נאָר אויך דער גרויס־האַנדל. די וואַרשטאַטן האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן; אין די פאַבריקן איז געוואָרן לעבעדיקער. ס'האָבן זיך באַוויזן אויף די מערק ניט נאָר שפּייז־פּראָדוקטן, נאָר אויך רויע מאַטעריאַלן. דער שניידער האָט געהאַט פון וואָס צו מאַכן אַ בגד און דער שוסטער האָט געליינט פאַדעשוועס און מען האָט ניט באַדאַרפט שטיין מעת־לעת'ן אין די רייען און מען האָט ניט באַדאַרפט האַנדלען מיט אַ שטיקל לעדער אָדער מיט אַ פּאָר אַרשין קליידער־סחורה אונטער דער פּאָלע. ס'איז געווען אפילו שווער צו פאַרשטיין פון וואַנען האָבן זיך שוין גענומען סחורות, אָבער אַזוי איז דאָס געווען. ווייזט אויס, אַז אין אומגעהויער גרויסן לאַנד זיינען געווען באַגראָבן אין די קעלערס און פאַרשטעקט אויף די בוידעמס גרויסע זאַפּאַסן, וועלכע אפילו די טשעקיסטן האָבן ניט געקאָנט געפינען.

דאָס לאַנד האָט אויפגעאָטעמט. ממש ווי נאָך אַ געפערלאַכער קרענק האָט אַלץ זיך אָנגעהויבן שטעלן אויף די פיס. די מערק

זיינען געוואָרן לעבעדיק. די קראָמען האָבן זיך געעפנט, און די מענטשן האָבן געקאָנט קויפן די נויטיקסטע זאכן. געווים איז געווען א גרויסע אָרימקייט און א שרעקלאַכע יקרות, אָבער אין פאַרגלייך מיט'ן מיליטערישן קאָמוניזם, ווען די באַפעלקערונג איז געווען אויס־געשטעלט אויפ'ן חסד פון באָלשעוויסטישן באַאַמטן און אויף דעם גענאַד פון ספּעקולאַנט, וועלכער האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן, איז דאָס געווען ממש א גן־עדן. אין דער אָפיציעלער ציי‏טונג „איזוועס־טיא" האָט זיך באַוויזן א גרויס אַרטיקל, אין וועלכן מען האָט געזונגען א גרויסן לויב־געזאַנג דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז געפאַלן אויפ'ן געדאַנק צו עפענען די קראָמען. ס'איז אויסגעקומען, אז אין דער בורזשואזער וועלט זיינען גאָר ניט פאַראַן אזעלכע גרויסע חכמים, וועלכע זאָלן האַלטן אָפן קראָמען און פאַרקויפן פריי סחורות.

ווי באַקאַנט האָט דער נעפּ ניט זייער מאריך ימים געווען. מען האָט דערזען דעם שאָטן פון פּאָליטישן נעפּ און מען האָט באַלד געקראָגן חרטה אויך אויפ'ן עקאָנאָמישן נעפּ. און מען האָט גענומען פּייניקן מיט שטייערן און מיט סתם פאַרפאָלגונגען. אז דאָס לעבן פון קרעמער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן ממש אין א גיהינום. צוערשט האָט מען זיך גענומען פאַר'ן גרויסן הענדלער און צום יאָר 1925 האָט דער פּריוואַטער אַנגראָ־האַנדל ענטגילטיק אויסגעצויגן די פיס. דער קליין־האַנדל האָט זיך געראַנגלט לענגער און איז צושטערט געוואָרן ערשט אַרום 1926 און 1927, אָבער ער האָט זיך נאָך געראַנגלט מיט די לעצטע כוחות ביז 1932 ווען ער איז אבסאָלוט ליקווידירט געוואָרן. פון יאָר 1932 איז נאָר דערלויבט געוואָרן די קאָלכאָזניקעס צו פאַרקויפן אויפ'ן מאַרק זייערע איבעריקע פּראָדוקטן דירעקט צום געברויכער. די דאָזיקע הנחה איז דעם פּויערטום גע־מאַכט געוואָרן נאָכ'ן גרויסן הונגער, וואָס די קאָלעקטיוויזאַציע האָט אַרויסגערופן און וועלכע האָט געקאָסט מיליאָנען הונגער־קרבנות.

מיר קאָנען זיך דאָ ניט אָפּשטעלן צו לאַנג אויף די אַלגעמיינע דערשיינונגען און מוזן זיך באַגרעניצן נאָר מיט די נויטיקסטע ידיעות, כדי די לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג זאָל אונז קלאָרער ווערן.

מיר האָבן שוין דאָ פאַרענדיקט מיט די גלגולים פון דעם האַנדל, ווייל דאָס איז דאָך געווען גראָדע אינ'ם קאָמוניסטישן רוסלאַנד ביז 1929 די הויפּט־פּרנסה פון די סאָוועטישע אידן. דווקא אין קאָמו־ניסטישן רוסלאַנד האָט זיך געשאַפן אזא מין לאַגע, אז די אידישע

באַפּעלקערונג, אום פּשוט ניט אויסשטאַרבן פון הונגער, איז געווען געצוואונגען זיך וואַרפן אויף יענעם ווירטשאַפט־צווייג, וואו, ערשטנס, זי האָט געהאַט געניטונג פּראַקטיק און, שנית, וואו אָביעקטיוו זיינען געגעבן די מעגלאַכקייטן אָפּצונאַרן און אַרומגיין די מאַכט. עפּעס אַן אומלעגאַלן וואַרשטאַט איז דאָך טויזנט מאָל שווערער איידער באַגראָבן אין קעלער עטלאַכע שטיקלאַך סחורה און ווי ס׳ניט איז זיי פאַרקויפן.

מיר וועלן ווידעראַמאָל געבן דאָס וואָרט דעם וויטעבסקער אידן, וועלכן מיר האָבן זיינער צייט (סעפּטעמבער, 1924) באַשריבן אין „פּאַרוועָרטס״. מיר וועלן אויף אַזאַ אופן כאָטש ווייפיל ס׳ניט איז זיך איבערטראָגן אין יענער אַטמאָספער, אין וועלכער ס׳האָט זיך געשטיקט גאַנץ רוסלאַנד, אָבער אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס אידן, ווייל בא זיי איז דאָך כמעט 90 פּראָצענט געווען פאַר׳משפּט צו אָטעמען מיט דער דאַזיקער פאַר׳סמ׳טער לופט. געוויס האָט מען דאָס דאַרף אויך געניטונג געקוועטשט און געדריקט, אָבער דאָך איז געווען שווער צו האַלטן אין קלעם דעם דאַרפישן ים, און דער גאַנצער באָלשעוויסטישער טאַלאַנט צו פאַרציען דעם שטריק אַזוי, אַז מען זאָל אפילו כדי חיינו ניט קאָנען אָטעמען, האָט זיך די ערשטע יאָרן אַנטפּלעקט אין דער שטאָט.

דער וויטעבסקער איד האָט ביים מיליטערישן קאָמוניזם ניט איין מאָל געזען דעם טויט אין די אויגן, אָבער ער איז ניצול געוואָרן. און אָט גרייט ער זיך ווידער צו אַ ריזע ערב נעפּ:

„צוגעגרייט אַביסל סחורה, אָפּגעלערנט געשמאַק אַ פּרק משניות, ווי איך פּלעג טאָן פאַר יעדער רייזע קיין מאָסקווע. אויף מאָרגן גיי איך אין בית־המדרש דאַוונען און וויל זיך געזעגענען מיט׳ן בית־המדרש. איך זע: אַלע רעדן און טענה׳ן; מען היצט זיך און אַלע זיינען פאַרטאָן אין שמועס. וואָס? ווען? הכלל, ס׳לאָזט זיך אויס, אַז ס׳זיינען דאָ ישועות אויף אידן. ס׳זיינען כלומרשט אָנגעקומען אין „טשעקאַ״ דעפּעשן פון מאָסקווע, אַז מען זאָל מער ניט כאַפּן קיין ספּעקולאַנטן, ניט טשעפּן קיין קרעמער, ניט אַרעסטירן פאַר קויפן אָדער פאַרקויפן סחורות, ווייל מען וועט גאָר אינגיכן אינגאַנצן עפענען די קראָמען און מען וועט מעגן פראַנק און פריי האַנדלען און קויפן און פאַרקויפן וואָס און וויפיל דאָס האַרץ גלוסט. שפּיי איך אויס דריי מאָל און בטל אויס חלומות און זאָג זיי, אַז זיי זיינען גרויסע שוטים און ריידן זיך איין אַ קינד אין בויך. זאָגט מען מיר

אָבער, אַז דאָס האָט איבערגעגעבן פון „טשעקאַ" חיים דער „סלע־דאַוואַטעל", אַ אידישער יונגערמאַן, אַ ליטיש קינד, פון גאָר פיינע עלטערן, וואָס האָט געאַרבעט באַ זיי נאָר כדי צו ראַטעווען אידן פון תליה און מציל זיין אידיש האָב און גוטס. מיר זיינען נאָכדעם געוואויר געוואָרן, אַז ווען ניט חיים דער „סלעדאַוואַטעל", וואָלט מען ניט 17 אידן געשאָסן, נאָר דריי מאָל מער. טראַכט איך מיר, אַז וויבאַלד חיים דער „סלעדאַוואַטעל" האָט געזאָגט מוז אין דעם עפּעס שטעקן אַ שטיקל אמת געווים."

אונזער העלד לויפט באַלד אַ חיים אָנזאָגן דער וויַיב די בשורה, אָבער די פרוי איז סקעפּטיש און גלויבט ניט אין די דאָזיקע ישועות. וויל ער איר באַווייזן, אַז די באָלשעוויקעס מוזן דאָס טאָן, כדי צו געווינען די סימפּאַטיעס פון דער באַפעלקערונג. „אַי, ס'איז עפּעס צו גלאַט? עפּעס גלאַט סתם נעמען און עפענען די קראָמען נאָכדעם ווי מען האָט אַזוי פיל מענטשן צעשאָסן פאַר אַ פּאַדעשוווע לעדער אָדער פאַר אַ ליוועגט אויף אַ העמד — איז דאָס קיין קשיה ניט. אפשר האָט זיך געיאָוועט צווישן זיי אַ מענטש מיט שכל און האָט אָנגעהויבן זאָגן, אַז מען זאָל פּרובן מיט גוטן: מיט בייזן, זעען זיי דאָך, אַז מען קאָן גאָר ניט אויספירן — מען שיסט און מען שיסט, און די מענטשן ווילן אַלץ עסן; איז אפשר מיט גוטן וועט מען בעסער מאַכן."

אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז חיים „סלעדאַוואַטעל" האָט טאַקע געזאָגט אַן אמת — נעפּ איז געקומען און האָט אויפגעבונדן די שטריק פון די הענט און פיס פון העכער 100 מיליאָן מענטשן. און ס'איז געוואָרן ליכטיק און לעבעדיק אין אַלע ווינקעלאַך. אָט ווי דער איד דערציילט:

„אַ יאַריד האָבן מיר געהאַט די וואָך, — האָט וויטעבסק אַזאַ יאַריד צענדליקער יאָרן ניט געזען. אין די „וואָלאָסטען" האָט מען אויסגערופן, אַז מען מעג פירן אין שטאָט אַריין תבואה און קאַרטאָפל, און פלאַקס און וואָס נאָר מען האָט — איז די שטאָט געווען געפּאַקט מיט פורן. ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז אין רוסלאַנד איז אַ הונגער? האַלב רוסלאַנד וואָלט מען געקאָנט האָדעווען מיט די תבואות, וואָס מען האָט געבראַכט אויפ'ן יאַריד".

האָט מען בערך צוויי יאָר מער אָדער ווייניקער פריי געאָטעמט און מען האָט אָנגעהויבן ווערן זאַט און פאַרלאַטען די לעבער, וואָס דער מיליטערישער קאָמוניזם בשותפות מיט דער מלחמה און בירגער־

קריג האָט אָנגעמאַכט. פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלע האָבן געקאָנט עפּעס אַ געשעפט. דער פּראָצענט פון די, וואָס האָבן געעפנט אַ קראָם, איז געווען גאַנץ קליין. אָבער מען האָט זיך געשטעלט אין מאַרק. און ווער ס'האָט געפירט פּראָדוקטן פון דאָרף. און ס'האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַן אויפלעבונג אין דער אינדוסטריע און האַנטווערק. די גרויס־אינדוסטריע האָט די רעגירונג אָנגעהויבן אויפשטעלן. וועגן אידן — אַרבעטער האָט נאָך דעמאָלט קיין רייד ניט געקאָנט זיין. ס'זיינען געווען הונדערטע טויזנטע ניט־אידישע אַרבעטער וועלכע האָבן צענדליקע יאָרן געאַרבעט אין די דאָזיקע פאַבריקן און זיי זיינען טאַקע געווען על פּי יושר בר־מצרא. אָבער אין די וואַרשטאַטן איז געוואָרן פריילאַכער — האָט אַ בעל־מלאכה אויך צוגענומען אַן אַרבעטער, אַ לערן־אינגל.

ס'האָט זיך אַביסל פאַרבעסערט די לאַגע פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. אַזוי האָט די יערלאַכע הכנסה פער נפש באַטראָפן אין רוסלאַנד (אין גאָלד־רובל):

1)	אין 1900	63.0
2)	״ 1913	101.3
3)	״ 1921	38.6
4)	״ 1923-4	47.3

אין די דרייצן ערב־מלחמה־יאָרן האָט זיך די הכנסה פאַרגרעסערט מער ווי איינס־און־אַ־האַלב מאָל; צום יאָר 1921 איז זי געפאַלן כמעט ביז אַ דריטל פון פאַר־מלחמה'דיקן שטאַנד. אָבער אין איינע 3 יאָר פון נעפּ האָט זיך די הכנסה פאַרגרעסערט אויף אַ פערטל. פאַר דער אידישער באַפעלקערונג, וועלכע איז תמיד געווען פאַרנומען אינ'ם האַנדל מיט לעבנס־פּראָדוקטן אָדער מיט אויסאַרבעטן געברויך־אַרטיקלען, איז געווען זייער וויכטיק דער וואוקס פון דער קויף־קראַפט פון דער באַפעלקערונג נעמליך אויף אַזעלכע אַרטיקלען. אין איינוואוינער האָט דורכשניטלאַך יערלאַך אויסגעגעבן אין רוסלאַנד (אין גאָלד־רובל) אויף קליידער, שיך, מאַנופאַקטור און גאַלאַנטעריי:

1)	אין 1913	9.31
2)	״ 1921	1.60
3)	״ 1924	3.50

פון די פּאָר ציפער זעען מיר אַז די קאָלאָסאַלע פאַראָרימקייט פון דער באַפעלקערונג אין 1921 אין פאַרגלייך מיט דעם יאָר פון

פאַר דער מלחמה, אי די פאַרבעסערונג, וואָס דער נעפּ האָט געבראַכט. די ירידה איז געווען כמעט 6 מאָל, אָבער אין אזיינע דריי יאָר איז געווען אַן עליה פון העכער אַ פאַרטאָפּעלונג. ס'איז נאָך געווען שטאַרק ווייט פונ'ם פאַר־מלחמה'דיקן שטאַנד, אָבער ס'איז געגאַנגען באַרג אַרויף.

דער אידישער בורזשואַזיע האָט זיך טאַקע אין די דאָזיקע יאָרן איינגעגעבן פאַרכאַפּן אייניקע, כמעט פעטע פּאָזיציעס. ס'איז געווען נאַטירלאַך, אַז דער איד, וואָס האָט פאַרשטעקט ערגעץ אַביסל קאַפּי־טאַל, זאָל גיכער און פריער פון רוסישן קאַפּיטאַליסט פאַרכאַפּן אַן אָרט אין האַנדל. דער רוסישער קאַפּיטאַליסט איז געווען פאַרשטעקט אין דאָרף, ווען דער איד האָט זיך געמוזט מאַטערן אין שטאָט. אָט ווי דער וויטעבסקער איד דערקלערט דעם חילוק צווישן אידן־קרעמער און ניט־אידישן קרעמער: „דער גוי האָט גאָר ניט באַדאַרפט זיך פּלאָגן און איינשטעלן דאָס לעבן ביים פאַרקויפן אַן אַרשין ציץ — צו וואָס באַדאַרף ער עס? ער האָט זיך אומגעקערט אין דאָרף צו אַ קרוב. אָבער מיר, אידן — אַן אַנדער ברירה האָבן מיר געהאַט? שטעל ניט איין דאָס לעבן, פאַר ניט קיין מאָסקווע, באַגראַב ניט די סחורה אין קעלער, פיר ניט קיין „צאַרסקי" צום גרעניץ — וועסטו טאַקע פגרן פיר מאָל אַ טאָג פון הונגער מיט ווייב און קינדער".

אָט איז אַ בילד פון דעמאָלטיקן לעבן, פאַרפיקסירט פון אַ גרופּע פאָרשער פון אידישן שטעטל אונטער דער רעדאַקציע פון באַקאַנטן רוסישן שריפטשטעלער באָגאַראַז:

„די הענדלער פון סיראָטינאַ נוצן זיך זייער וויניק מיט דער באַן. זיי פאָרן בעסער קיין וויטעבסק און צוריק מיט פורן. בא־טאָג שלאָפט אַלץ. באַנאַכט אין דער פינסטערניש וואַכט אַלץ אויף. מען פירט צו ברויט פון דאָרף. באַנאַכט ווערט עס געמאָלן אין מיל. באַנאַכט פאָרן אַלע בעלי־עגלות קיין וויטעבסק מיט סחורה און אויף דער צווייטער נאַכט פאָרן זיי צוריק. באַנאַכט קוילעט מען בהמות. באַנאַכט מאַכט מען געשעפטן מיט אַרומיקע פויערים. וועגן דער בראָנפן־פּראָדוקציע אין דער נאַכטישער פינסטערניש, פאַרשפּאָרט מען צוגעבן.

„אפילו די בעלי־מלאכות זיינען איבערגעגאַנגען אויף נאַכט־אַרבעט, כדי אויסצומיידן רעגיסטראַציעס און רעקוויזיציעס. פאַר אַזאַ נאַכט־לעבן האָט מען געמוזט האָבן מוט און רירעוודיקייט. זאָגט מען אין שטעטל, אַז ניט נאָר די מענטשן האָבן זיך אויסגע־לערנט ספּעקולירן, נאָר אויך די פערד. האָט נאָר דער בעל־עגלה

אַ קליינעם צי־געטאָן די לייצעס, האָט דער פערד שוין פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף זיך ראַטעווען פון אַ פּאַסטקע און לויפן. און באַ די פּונקטן, וואו ס'זיינען געשטאַנען די מיליציע־פּאַטרולן, האָט מען שוין אַפילו ניט באַדאַרפט קיין צי מיט די לייצעס. דער פערד האָט שוין געוואוסט און האָט זיך געלאָזט לויפן ווי אַן אָפּגעבריטער.

„די נאַכט־אַרבעט פון די בעלי־מלאכות האָט אויך אָנגענומען זייער אָריגינעלע פאָרמען. ס'האָבן זיך, למשל, געעפנט נאַכט־„פּאַבּריקן", זייף־און ליכט־„זאַוואָדן". („דאָס אידישע שטעטל אין דער רעוואָלוציע", אונטער דער רעדאַקציע פון פּראָפעסאָר וו. ג. טאַן־באַגאַראַז. (רוסיש), מאָסקווע, 1926, ז. 101)

ס'באַקומט זיך אַ איינדרוק, אַז כמעט דאָס גאַנצע שטעטל איז אַריינגעצויגן אין דעם דאָזיקן נאַכט־לעבן. איז דעריבער נאַטירלאַך, אַז ווען דער נעפּ איז דערקלערט געוואָרן און ס'איז געוואָרן ליכטיק זיינען אידן געווען די ערשטע אויפ'ן פּלאַץ אויף צו פאַרנעמען די פּרייע פּאָזיציעס. פאַרנעמען פּאָזיציעס אַפילו דאָרטן, וואו פריער זיינען די אידישע פּאָזיציעס געווען גאָר שוואַך.

אין מאָסקווע זיינען געווען אין 1924 פון 2,469 פאַררעגיסטריר־טע אין טעלעפאָן־בוך קראָמען — 810 אידישע, 32.8%. אין קיעוו זיינען אין 1921 באַלד ביים אָנהויב נעפּ געווען פון 9,737 קראָמען 6,077 אידישע אָדער 62.4%. אין קיעוו אַליין איז דער פּראָצענט אידן צווישן די קרעמער געווען צוויי מאָל גרעסער פון אָנטייל פון אידן אין דער באַפעלקערונג און אין מאָסקווע 6 מאָל גרעסער. מיר ווילן דערמאָנען, אַז אין „איזוועסטיע" האָט זיך דעמאָלט באַוויזן אַן אַרטיקל, אין וועלכן מען האָט געוואָרנט די חיים'ס און משה'ס, אַז זיי זאָלן זיך ניט צו ברייט צעלייגן אין מאָסקווע מיט זייערע מאַנופאַקטור־קראָמען. מען מוז צוגעבן, אַז צווישן די מאַנופאַקטור־קרעמער האָבן אידן אויסגעמאַכט אין מאָסקווע העכער 54 פּראָצענט.

אַ סך שוואַכער זיינען געווען די דערפאָלגן פון אידישן אַרבעטער און בעל־מלאכה. אין פיר גובערניעס (קיעווער, פּאָדאָליער, כערסאָנער און טשערניגאָווער) זיינען געווען לויט דער ציילונג פון 1898 — 9,812 אידישע שניידער־אַרבעטער און אין 1924 נאָר 3,753 אָדער 38.2% פון שטאַנד פון 1898.

אין די גרעסערע שטעט האָט זיך דער בעל־מלאכה אַ ריר געטאָן און ס'איז עפּעס אָנגעקומען אויך דעם אַרבעטער. גאָר ביטער און פינסטער איז געווען אין שטעטל.

אָבער דער נעפּ האָט ניט לאַנג געדויערט. אפילו בשעת ער איז געווען אין זיינע האָניג־חדשים האָט די באַפעלקערונג קיין האָניג ניט געלעקט. ווייל די שטייערן האָבן באַלד גענומען שטאַרק ווערגן. אָבער פון 1923 איז געוואָרן אַ סיסטעם אויסצופּאָמפּן די קרעמער און זעלבשטענדיקע בעלי־מלאכות אזוי, אז זיי זאָלן ניט פעט ווערן. און ווי תמיד בא די באָלשעוויקעס האָט דאָס ניט דערלאָזן פעט ווערן זיך אויסגעלאָזט מיט שינדן די הויט. מען האָט גענומען רייסן; איז ווידער געוואָרן אַ בהלה, און קראָמען און וואַרשטאַטן און פאַבריקן האָבן זיך גענומען שליסן. איז ווידער געוואָרן אַ יקרות, אַ מאַנגל אין סחורה און ווידער האָט דער פויער אָנגעהויבן סאַבאָטאַזשעווען און ניט פירן קיין פּראָדוקטן אין שטאָט אריין. האָט מען זיך ווידער געשלאָגן על חטא און ווידער נאָכגעלאָזט דאָס שטריקל, אָבער ווידער ניט אויף לאַנג. דער דאָזיקער חד גדיא האָט זיך פילע מאָל איבערגע־חזר'ט, אָפּהענגיק פון זיג פון דעם אָדער יענעם פליגל אין דער פּאַרטיי. פון 1924 הויבט זיך אָן די ליקווידאַציע פון אנגרא־האנדל און דאָס צוקוועטשן פון דעם מיטל־האנדל און שטעכן מיט קלענערע שפּילקעס דעם קליינעם האנדל. די זעלבע סיסטעם איז געברויכט געוואָרן לגבי דער פּריוואַטער פּאַבריקאַציע און לגבי דעם האַנטווערק.

לאָמיר־זשע זען, ווי האָט אויסגעזען די לאַגע פון סאָוועטישן אידנטום צו דער דאָזיקער צייט. מיר וועלן ווייטער לאָזן רעדן נאָר קאָמוניסטן — די בעסטע עדות.

אין די שטעטלאך פון אוקראַינע און ווייס־רוסלאנד איז דעמאָלט נאָך געווען אַ גאַנץ גרויסער טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג. און אָט ווי ס'באַשרייבט די לאַגע פון די שטעטלאך איינער פון דעמאָלטיקע אַקטיווסטע אידישע קאָמוניסטן מ. קיפּער:

„ווי עס קאָנסטאַטירן אַלע ח"ח. איינשטימיק, איז דאָס שטעטל איצט אַ סך אָרימער, ווי אין די פאַר־מלחמה־יאָרן און ווי אין די מלחמה־יאָרן. דערצו האָבן געבראַכט די פּאָגראָמען, די פריערדיקע עקאָנאָמישע פּאָליטיק און דער בירגער־קריג בכלל.

„מען דאַרף קאָנסטאַטירן ווי אַ פאַקט, אז די בעלי־מלאכות און אַרבעטער האַלטן אין איין פאַרקלענערט ווערן, ווען די קרעמער, הענדלער ווערן אין צאָל פאַרגרעסערט. לוין־אַרבעטער איז איצט זייער אַ זעלטענע זאַך אין שטעטל. עס איז פּראָסט ניטאָ בא וועמען צו אַרבעטן. די לוין־אַרבעטער באַשטייען ס'רוב פון לערן־אינגלאך

און בכלל פון יוגנט, וואָס האָבן נאָך קיין פאַמיליעס ניט און באַנוגענען זיך מיט וואָס ס'ניט איז.

„אויך די צאָל קוסטאַרן איז פאַרהעלטניסמעסיק געוואָרן קלענער. אַ טייל איז איבערגעגאַנגען צו ערד־אַרבעט, אַנדערע צום האַנדל. צו דעם שטויסט די שווערע מאַטעריעלע לאַגע, די אַרבעטלאָזיקייט צווישן זיי און דער דרוק פון די פינאַפּטיילן (די שטייער־אַמטן—י. ל.). לויט דער איינשטימיקער מיינונג געפינען זיך די קוסטאַרן (די בעלי־מלאכות —י. ל.) אין די ערגסטע באַדינגונגען.

„אַזוי ווי דער פּראָדוקטן־פּאַרקער איז ניט קיין גרויסער, איז די לאַגע פון גרעסטן טייל קרעמער און פּאַרמיטלער אויך זייער אַ שלעכטע. מען זוכט אַן אויסוועג אין ערד־אַרבעט אָדער אין פּאַר־אייניקן פאַרשיידענע קרעמלאַך אין איין קראָם אונטער דעם נאָמען „טרעסט".

„וואָס טוט די שטעטלשע יוגנט?

„אויף דער פּראַגע איז אומעטום דער זעלבער ענטפער: די גרעסטע מערהייט טוט גאָר ניט. זי האָט ניט וואו אויסצענוצט צו ווערן. די אָרטיקע „אינדוסטריע" קאָן די פרייע אַרבעט־קראַפט ניט איינשלינגען. איבערגיין צו לאַנדווירטשאַפט איז אויך שווער. בלייבט איבער דער האַנדל, דאָס קרעמל. פון אַמאָליקן יחוס, פון שעמען זיך מיט אַ בעל־מלאכה האָט מען זיך אָפּגעזאָגט. אָבער וואָס זאָל מען טאָן, אַז ס'איז ניטאָ וואוהין אַנצוקומען אַרבעטן, בּאַ וועמען צו ווערן אַ בעל־מלאכה?

„נאָר אַ קליינער טייל רייסט זיך אַרויס פון שטעטל לערנען. אַ צווייטער טייל וואַרפט זיך אין די אָרימס פון האַנדל און ספּעקולאַציע. די איבעריקע געפינען זיך אין אַ דערשלאָגענער, האָפענונגסלאָזער לאַגע" („עמעס" נומער 26, 2טער פעברואַר, 1924).

שפּעטער מיט אַ האַלב יאָר גיט דער זעלבער קיפּער נאָך אַ בולט'ער בילד פון דער אָרימקייט און פאַרצווייפלונג, וואָס טרייבן די אידן פון די שטעטלאַך, און ער קומט צום אויספיר, אַז נאָר ווייל אין שטעטל קומט אויס פּשוט צו שטאַרבן פון הונגער לויפט מען וואוהין די אויגן טראָגן, ניט טראַכטנדיק גאָר, צי וועט אויפ'ן נייעם אָרט זיין בעסער. ער באַשרייבט די עלעמענטן, וואָס לויפן זיך באַ־זעצן אויף דער ערד און באַ וואָסערע באַדינגונגען די דאָזיקע קאָלאָ־ניזאַציע קומט פאָר, און אַ שוידער כאַפּט אָן. כאָטש מיר ועלן ווייטער עקסטראַ באַהאַנדלען די איבערוואַנדערונג און די קאָלאָניזאַציע, לוינט

זיך דאָ ברייננגען די ציטאַטע פון קיפּער'ן, מחמת זי גיט אַ פרישׂ און לעבעדיק בילד פון דער פאַרצווייפלונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַלע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג.

ער שרייבט:

„די נייע ערד־אַרבעטער שפּיגלען ריכטיק אָפּ די פאַרשיידענע עלעמענטן פון „כלל ישראל". דאָ באַגעגנט איר אַ געוועזענעם רב און אַ בעל־עגלה, אַ פּראָוויזאָר און אַ שוואַרץ־אַרבעטער, אַ שוחט, אַ געוועזענעם מאַנופאַקטוריסט און אַ שניידער, אַ שוסטער, אַ מלמד, אַן אמת'ער ערב־רב. אָבער מען דאַרף קאָנסטאַטירן, אַז פון דער פאַרגאַנגענער אומגלייכקייט איז קיין סימן ניט געבליבן.

„פריער די פּאָגראָמען און איצט די געמיינזאַמע אַרבעט האָבן אַלעמען אויסגעגליכט. מען גייט אַלע באָרוועס, מען איז שוואַרץ פאַרברענט, ווי די נעגערן, מען אַרבעט פון 4 פאַרטאָג ביז 9 אויף דער נאַכט אין סטעפּ.

„מען דאַרף ערנסט זיך אַריינטראַכטן: געוויינלאַכע אידן פון אַ גאַנץ יאָר, מיט אַלטע געוואוינהייטן און טראַדיציעס, מיט פאַר־אורטיילן, לעבנדיק צענדליקע יאָרן אין שטעטל צוזאַמען מיט נאָענטע און פריינט, האָבנדיק אַן אייגן הויז, רייסט מען פּלוצים איין מיט אַלץ, מען לאָזט איבער דאָס הויז (פאַרקויפן איז ניטאָ וועמען) און מען טראָגט זיך איבער אין פוסטן סטעפּ, אויפ'ן פרייען פעלד, מען געפינט זיך מיט דער פרוי און קינדער אין אַ „קורין" (אַביידל) אָדער גאָר אונטערן פרייען הימל. מען ווערט מיט די קינדער געשוואָלן פון הונגער, מען לערנט זיך באַאַרבעטן פעלד, דרייט דעם קאָפּ וואו נעמט מען אַן אַקער, אַ פערד, אַן אַנדערן אינווענטאַר, פון וואָס לעבט מען זיך דורך ביז דער גערעטעניש און די ברענענדיקסטע פראַגע איז, וואו נעמט מען אַ ווינקל וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן.

„עס איז אוממעגלאַך דערלאָזן, אַז ווען די לאַגע אין שטעטל זאָל ניט דערגיין ביזן לעצטן גראַד פון פאַרצווייפלונג, וואָלטן מענטשן זיך לאָזן אויף אַזאַ מין אומגעוויינלאַכן ריזיקאָלן, דערנער־פולן וועג.

„מיר האָבן געשטעלט פראַגן פערזענלאַך דעם אָדער יענעם איבערוואַנדערער: — צוליב וואָס פירט איר איבער די פאַמיליעס, ווען איר אַליין האָט ניט וואו צו זיין, ווען איר האָט אפילו ניט קיין ווינקל פאַר זיי? פאַרוואָס עצה'ט איר ניט די, וועלכע זיצן נאָך אין שטעטל, זיי זאָלן זיך דערווייל מיט די פאַמיליעס ניט רירן פון אָרט?

מיט וואָס דערקלערט זיך, וואָס אין דער צייט, ווען איר מאַטערט זיך אַזוי שטאַרק, געפינען זיך אַלץ נייע בעל־נים ?

באַקומט זיך איין ענטפער :

„ניטאָ וואָס אָנצוּוואַרן, סיי ווי סיי קומט אויס אין שטעטל שטאַרבן פון הונגער".

(„עמעס", נ. 159, 16טער יולי, 1924 ; אייטאַליקס פון מיר — י. ל.).

נאָך איין קליינע ציטאַטע פון זעלבן חודש :

„די לאַגע פון די אידן, באַזונדערס אין די שטעטלאָך פון דער רעכט־בּרעגיקער אוקראַינע איז אַ שרעקלאַכע. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם קאָאָפּעראַטיוון און מלוכה'שן האַנדל, איז די שטעטלדיקע באַפעלקערונג אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון אירע לעצטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. די אָרימקייט אין די שטעטלאָך דער־גרייכט קאָלאָסאַלע פּאָרמען".

מיר באַקומען דאָ אַ קלאָר בילד אי וועגן די סיבות פון דער וואַקסנדיקער קאָלאָסאַלער אָרימקייט, אי וועגן די שיכטן, וואָס זי נעמט אַרום, אי וועגן די מאַסשטאַבן, וואָס די דאָזיקע אָרימקייט נעמט אָן. די מחברים דערמאָנען דעם שטייער־אַמט, די קאָאָפּעראַ־טיוון און דעם מלוכה'שן האַנדל. און דאָס זיינען טאַקע געווען די וויכטיקסטע סיבות, וועלכע האָבן וואָס שפּעטער אַלץ מער געשטיקט און געוואָרגן און דערפירט דעם דלות פון דער אידישער באַפעלקערונג צו מאַסשטאַבן, וואָס האָבן שוין אַלע אויפגעשווידערט. שנית, זעען מיר, אַז אַבסאָלוט אַלע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג — די שטעטלדיקע בורזשואַזיע, די אינטעליגענץ, די קרעמערלאַך, די בעלי־מלאכות, די אַרבעטער, די כלי־קודש, אַבסאָלוט אַלע הונגערן אין אַזאַ מאָס, אַז מען לאָזט אין שטעטל אַלץ אויף הפקר, אַפילו אייגענע הייזער, און מען לאָזט זיך אין וועג אַריין, וויסנדיק, אַז אין די נייע פּלעצער איז ניטאָ אַפילו וואו איבערנעכטיקן און מיט וואָס איבערלעבן דעם ערשטן טאָג. „ניטאָ וואָס אָנצוּוואַרן !" — וויפיל שוידער, וויפיל פאַרצווייפלונג, וויפיל אויסזיכטלאָזיקייט שרייען אַרויס פון דער דאָזיקער איינער פראַזע !

און דאָך איז דאָס בילד נאָך ניט אינגאַנצן קלאָר. מיר מוזן ברייגנען נאָך אַ פּאָר ציטאַטן פון קאָמוניסטן, כדי מיר זאָלן דערזען אַלע זייטן פון דעמאָלטיקן גרויזאַמען לעבן פון סאָוועטישן אידנטום :

„שעפּעטאָווקער קרייז פּאַרמאָגט 23 שטעטלאַך מיט קרוב 35 טויזנט אידן. פון זיי ביז 1,500 מיטגלידער פון פּאַראײנען און בערך 5 טויזנט קוסטאַרעס פון פאַרשיידענע צעכן. די איבעריקע פּאַרנעמען זיך מיט לופט־פּרנסות, ד. ה., 80 פּראָצענט זײנען קלײן־הענדלער און 20 פּראָצענט רײכע סוחרים, וועלכע זײנען פאַר דער צייט פון נעפּ צו זיך געקומען" . . .

(„קאָמוניסטישע פאָן", נ. 77, 1924)

מיר האָבן דורכגעבלעטערט די בלעטער פון יענער צייט און מיר וואָלטן געקאָנט ברײנגען נאָך צענדליקע ציטאַטן, וואָס מאָלן דאָס בילד נאָך שוואַרצער, נאָך געדיכטער־דערשלאָגן. אָבער די געבראַכטע זײנען דאָך גענוג צו מאַכן אײניקע אויספירן: דאָס אידישע שטעטל איז אויפ'ן זיעבנטן יאָר פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געוואָרן נאָך מער פאַריאָרידעוועט און פאַרספּעקולאַנטעוועט, ווי אפילו אין די מלחמה־יאָרן, שוין אָפּגערעט ווי אין די פאַר־מלחמה'דיקע יאָרן, ווען דער פּראָצעס פון לאַבאַריזאַציע און פּראָדוקטיוויזאַציע איז געווען ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּן. אַ חילוק איז דאָך געווען אַ גרויסער — פריער האָט מען כאָטש פון יאָריד געהאַט פּרנסה און בא די באָלשעוויקעס האָט מען געהאַט קדחת.

אפשר איז אין די גרויסע שטעט געווען פיל בעסער? אפשר איז דאָרטן פאַר דער צייט געוואָקסן די צאָל אידישע אַרבעטער — דער הערשנדיקער קלאַס פון באָלשעוויסטישן רוסלאַנד? לאָמיר לאָזן ענטפערן אויף דער דאָזיקער זייער וויכטיקער פראַגע אַ צווייטן קאָמוניסט, וואָס האָט דעמאָלט געשפּילט גאָר אַ פירנדיקע ראָלע אין דער אידישער סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מערעזשין האָט דעמאָלט געשריבן:

„קודם כל איז גוואַלדיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן די אַלגעמיינע צאָל אידישע אַרבעטער אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס מיר האָבן געהאַט אין דער צייט פון דער אַלטער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. אָט האָבן מיר ציפערן: אין וויטעבסקער גובערניע האָט דער שניידער־פאַראיין געציילט אין 1920 — 3,683 מיטגלידער און אין 1923 שוין נאָר 1,001 מיטגלידער; דער זעלבער פאַראיין אין אָדעסער גובערניע — אין 1920 — 3,328 מיטגלידער און אין 1923 שוין נאָר 1,282 מיטגלידער; אין קיעווער גובערניע — אין 1920 — 4,350 און אין 1923 שוין נאָר 1,699 („עמעס" נ. 50, 1924).

מען מוז צוגעבן, אַז די דאַטן פון 1920 האָבן ניט קיין גרויסן ווערט, ווייל דעמאָלט זיינען געווען פאַרשריבענע מיטגלידער אין די פאַראיינען אַ סך מער ספּעקולאַנטן ווי אַרבעטער. אין כאַאָס פון מלחמה און בירגער־קריג האָט מען ניט געקאָנט קאָנטראָלירן און אַזוי ווי די מיטגלידס־קאַרטע פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין איז געווען אַ קמיע קעגן רעקוויזיציעס פון וועש און קליידער, פון שפּייז־פּראָדוקטן און אויך פון צונעמען די וואוינונג און פון אַ סך אַנדערע פּורעניותן און איז געווען דערצו נאָך אַ גוט מיטל אויף צו באַקומען כאָטש וויפיל ס'ניט איז פּראָדוקטן פון די פאַרטייל־אַפּאַראַטן, האָט מען מיטגלידס־קאַרטן געהאַט. אמת איז, אַז דאָס זיינען געווען געוועזענע אַרבעטער, וועלכע די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט האָט אַליין געטריבן אין מאַרק אַריין און אין ספּעקולאַציע. מען האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. פאַר אונז האָבן אָבער די געבראַכטע ציפערן אַ גענוגנדיקן באַוויז — זייער אמת'ער פּשט איז פאָלגנדיקער: צו 1923 זיינען שוין די דאָזיקע געוועזענע אַרבעטער געווען אויף אַזוי פיל אָפּגעריסן פון דער אַרבעט, אַז זיי האָבן שוין ניט געקאָנט מער פאַרבלענדן די אויגן פון דער מאַכט און מען האָט זיי אַרויסגעוואָרפן פון די פאַראיינען.

פון די קאָמוניסטישע צייטונגען פון 1924 האָב איך אויך פעסט־געשטעלט, אַז אין קיעוו זיינען געווען אויף אַכט טויזנט אידישע באַשעפטיקטע אַרבעטער 9 טויזנט אַרבעטלאָזע. וועגן האָמעל שרייבט דער „עמעס" נ. 40 פון 1924, אַז „די אַרבעטלאָזיקייט האָט פאַר דער לעצטער צייט אָנגענומען גאַנץ גרויסע פאָרמען און באַקומט אַ פאַר־צווייגנעם שטענדיקן כאַראַקטער. ניט ווייניקער פון 70 פּראָצענט אַרבעטלאָזע זיינען אידן. אין אַזעלכע שטעט, ווי האָמעל, מאָהילעוו, רעטשיצע איז די אַרבעטלאָזיקייט אויף 80 פּראָצענט אַ אידישע". אין וויטעבסק איז די צאָל אַרבעטלאָזע געווען גרעסער פון דער צאָל באַשעפטיקטע. די זעלבע לאַגע איז געווען אין אָדעס.

אויפ'ן גרונט פון די אַלע מאַטעריאַלן פון יאָר 1924 קאָן מען מאַכן דעם אויספיר, אַז אין די קליינע שטעטלאך זיינען געווען גאָר ווייניק אַרבעטער און די געוועזענע אַרבעטער האָבן געהאַנדלט אין מאַרק און געהאַט מאַרק־שטעלעס. ס'איז געווען אָך און ווי, אָבער קיין אַרבעט האָט מען ניט געקאָנט קריגן. אין די גרעסערע שטעט איז אויף יעדן באַשעפטיקטן אידישן אַרבעטער געווען איין אַרבעטלאָזער. קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן ווי גוט מען האָט געלעבט. מיר רעדן

שוין ניט וועגן דעם, וואָס אפילו די, וואָס האָבן יאָ געהאַט אַרבעט, האָבן ניט געהאַט זאַט צו עסן, על אחת כמה וכמה, אַז ס'איז ניט געווען אויף קיין בגד.

אַ צווייטע מכה פון יענער צייט איז געווען די שוויץ־סיסטעם, וועלכע האָט געגומען בליען און וואַקסן. האַלטן אַן אַרבעטער האָט געהייסן ווערן אַ „בורזשוי" און טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון אַ קרעציקן, וואָס איז אויסגעשטעלט אויף פאַרפאָלגונגען פון צענדליקע קאָמיסאַרן און קאָמיסאַרטשיקלאַך. האָט מען בעסער אַוועקגעגעבן די אַרבעט אַ היים און די אַרבעטער האָבן געשוויצט — געאַרבעט 16 און 18 שעה אין מעת־לעת און פאַרדינט גראָשנס.

די „קאָמוניסטישע פאָן" נ. 83 פון יאָר 1924 ברענגט, אַז פון 1.500 קיעווער אידישע שוסטער־אַרבעטער זיינען באַשעפטיקט אין וואַרשטאַטן בלויז יענעם נאָר 300 און אַלע איבעריקע זיינען שטוב־אַרבעטער, דאָס הייסט, שוויץ־אַרבעטער. אין „עמעס" פון 1טן פעברואַר 1923, נ. 31 ווערט געגעבן אַ בילד פון דער לאַגע פון די אַרבעטער און בעלי־מלאכות, וועלכעס קאָן אויסגעשפּרייט ווערן אויף אַלע אידישע שטעט. דער קאָרעספּאָנדענט ש. מאַרגאָלין דערציילט, אַז כדי צו באַקעמפן די אַרבעטלאָזיקייט האָט די ביוראָ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען באַשלאָסן, אַז מען דאַרף באַצאָלן אַן אָפּגע־זאָגטן אַרבעטער פאַר 4 חדשים. דער דאָזיקער באַשלוס, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרגרינגערן די לאַגע פון די אַרבעטער, האָט געבראַכט צו פאַרקערטע רעזולטאַטן, „ווייל קיינער וואָגט איצטער ניט צוצונע־מען אַן אַרבעטער", מורא האָבנדיק, אַז ער וועט אים מוזן באַצאָלן פאַר פיר חדשים אין פאַל פון אַ קריזיס. די בעלי־מלאכות, וואָס האָבן שוין געהאַט באַ זיך געדונגענע אַרבעטער, האָבן זיך געמוזט אונטערוואַרפן דעם באַשלוס פון ביוראָ. „זיי האָבן אָבער אויף גיך באַצאָלט די אַרבעטער און פאַרלאָזט די שטאָט. דאָס האָט גע־בראַכט דערצו. אַז אין משך פון לעצטן יאָר זיינען פון מאָהילעוו אַרויסגעפאָרן די גרעסטע בעלי־מלאכות". די בעלי־מלאכות האָבן אויך געפּרובט מאַכן אַרטעלן אָבי אויסצוקומען אָן געדונגענע אַר־בעטער. איז די ביוראָ פון די פאַראיינען געפאַלן אויף אַזאַ געדאַנק — מען האָט באַשלאָסן, אַז אויך די זעלבשטענדיקע בעלי־מלאכות טאָרן ניט אַרבעטן מער ווי 8 שעה אין טאָג. מען האָט געהאָפט אויף אַזאַ אופן זיי צווינגען נעמען אַרבעטער. אָבער „די קוסטאַרעס האַלטן פאַר בעסער פאַרקירצערן די פּראָדוקציע אָדער גאָר זי ליקווידירן

אײדער דינגען אַרבעטער". ווערט מען „סוחרים". ענדיקט טאַקע דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענט, אַז „אויף'ן מאַרק קאָן מען טרעפן איצטער אַרבעטער־פאַרשטײער פון סאַמע פאַרשײדענע פאַכן, באַזונדערס געוועזענע לעדער־אַרבעטער. ספּעקולאַציע וואַקסט אויף'ן חשבון פון פּראָדוקציע".

אין אַן אַרטיקל „צו דער אַלפאַבאַנדישער באַראַטונג פון די אידסעקציעס" שרײבט מערעזשין: „ווער ס'וועט ניט נעמען אין אַכט די ספּעציעלע לאַגע פון די אידישע אַרבעטער, די געוואַלדיקע אַרבעטלאָזיקײט זײערע, די גרויסע פאַרשמעלערונג פונים פּראָלעטאַרישן באַזיס אין דער אידישער סביבה בײַ דער גלײַכצײַטיקער פאַרגרעסערונג פון בורזשואַזן פליגל — ווער ס'וועט דאָס ניט נעמען אין אַכט, דער וועט בלאָנדזשען אין אַבסטראַקטע הויכן, דער וועט ניט קאָנען צוגײן צו דער אַרבעט, דער וועט מאַכן טעות'ן און איבערשאַצונגען, וואָס וועלן פאַרפירן גאָר קײן בוײבעריק". („עמעס", נ. 50, 1924).

דאָ האָט מערעזשין כאַראַקטעריזירט די לאַגע אין גאַנץ סאָוועטרוסלאַנד. געוויס, איז אין די גרויסע שטעט פון גרויס־רוסלאַנד, וואו דער פּראָצענט אידן איז דעמאָלט נאָך געווען גאָר אַ קלײנער, די לאַגע געווען אַביסל בעסער. דאָרטן האָט מען פריער אָנגעהויבן אויפשטעלן די אינדוסטריע. דאָרטן איז געווען אַ סך גרעסער דער אַפּאַראַט פון די רעגירונגס־אינסטיטוציעס. האָבן דאָרטן אידישע יונגע מענטשן זיך גיכער דערשלאָגן אַן אָרט פון אַ באַאַמטן. אויך אין אוקראַינע און אין ווײס־רוסלאַנד איז געוויס אין די גרעסערע שטעט אַביסל געווען בעסער — אויך צוליב דעם זעלבן טעם — שטעלעס, אַמטן. און דאָס איז טאַקע געווען דער אײנציקער קלאַס בײַ אידן, וועלכער האָט כאָטש געהאַט אַ מינימום צום לעבן, אָבער דעמאָלט האָט נאָך דער קלאַס באַאַמטע, וואָס איצטער איז ער דער דאָמינירנדיקער אין אידישן לעבן פון סאָוועט־רוסלאַנד, נאָך ניט פאַרנומען אַזאַ ברײט אָרט. די דאָזיקע גליקלאַכע יחסנים האָבן אויסגעמאַכט דעמאָלט ניט מער פון אַ פינפטל פון דער אידישער באַפעלקערונג.

מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג פאַרהאַלטן בײַ געבן אַ בילד פון דער לאַגע אַרום 1923 און 1924, מחמת אַט דער טראַגישער הונגער־און דלות־צושטאַנד האָט זיך נאָכדעם געצויגן ביז 1929.

די פּאָזיטיווע פּראָצעסן, וועלכע האָבן זיך טײלווײז אָנגעהויבן שוין אין 1918, ווי די אַגראַריזאַציע, אינדוסטריאַליזאַציע און איבער־

וואַנדערונג אין די צענטראַלע רוסישע גובערניעס, האָבן אפילו צום יאָר 1925, נאָך 7 יאָר רעוואָלוציע, ניט געהאַט קיין באַדייטנדיקע ווירקונג אויף דער לאַגע פון די ברייטע מאַסן. ס'זיינען שוין צו דער דאָזיקער צייט געהאַט געוועז אריינגעצויגן אין דער לאַנדווירטשאַפט עטלאַכע צענדליק טויזנט אידישע נפשות; אַ קליינטשקע צאָל אידישע אַרבעטער האָט זיך דורכגעריסן אין דער גרויס-אינדוסטריע; אַ פּאָר הונדערט טויזנט אידן האָבן זיך שוין געהאַט ארויסגעריסן פון די געטאָ-גובערניעס און זיך צעשאָטן און צעוואָרפן איבערן ברייטן רוסלאַנד — פון מאָסקווע ביז באַקו און פון לענינגראַד ביז כאַבאַראָווסק. אָבער דאָס אַלץ איז געווען ווי אַ טראָפּן אין ים. די גרויסע אידישע מאַסע איז נאָך אַלץ געזונקען אין דלות און פאַרצווייפלונג, איז נאָך אַלץ געווען אויפ'ן ראַנד פון הונגער-טויט אין בוכשטעבלאַכסטן זין פון וואָרט. די אידישע מאַסע האָט ארויסגעוויזן אַ סך ענערגיע אין קאַמף פאַר דער פיזישער עקזיסטענץ — אַ איד מאַכט ניט אַזוי גרינג שלום מיט'ן געדאַנק, אַז מען מוז זיך לייגן און שטאַרבן, ווי דאָס האָבן געטאָן ניט זעלטן רוסישע פּויערים, וועלכע זיינען גיך מיד געוואָרן אין קאַמף מיט דער באַלשעוויסטישער עקשנות. אידן האָבן זיך געראַנגלט און געדרייט און זיך געמאַטערט און געפּייניקט און ארויסגעוויזן ניט קיין געוויינלאַכע לעבנס-עקשנות און דלות-דערפינדערישקייט, אָבער דאָך זיינען די קרבנות געווען גרויס. די שטאַרביקייט איז געווען אַ הויכע, כאָטש אין די דאַטן, וואָס די ראַטן-מאַכט האָט דעמאָלט פאַרעפנטלאַכט, קומט דאָס ניט צום קלאָרן אויסדרוק.

ליטעראַטור צו קאַפּיטל 8:

1) ס. נ. פּראָקאָפּאָוויטש, די ווירטשאַפט פון סאָוועט-רוסלאַנד, בערלין, 1923, (רוסיש).

2) א. מ. באַלשאַקאָוו, דאָס היינטצייטיקע דאָרף אין צאָלן. לענינגראַד, 1925, (רוסיש).

3) פּראָבלעמען פון האַנדל און אינדוסטריע, (מאַטעריאַלן צום 12-טן צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי), מאָסקווע, 1923, (רוסיש).

4) יעקב לעשציבסקי, די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן אין מזרח-אייראָפּע, אין „בלעטער פאַר אידישע דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק”, בערלין, 1925, נ. 5.

9

די פּראָפעסיאָנעלע און סאָציאַלע גלידערונג באַ אידן און ניט-אידן.

די אַלע מאַטעריאַלן, וועלכע מיר האָבן ביז איצט געבראַכט, זיינען צאַפּלדיקע בילדער פון טאָג-טעגלאכן לעבן און אין אַלגעמיינעם גיבן זיי אַ אמת און ריכטיק בילד פון קאָנקרעטן לעבן. זיי זיינען אָבער ניט גענוג אויף אויפצוקלערן די פּראָצעסן, וועלכע קומען פאָר בהדרגה און ווי אונטערערדיש און ווערן אַנטפּלעקט און בולט אויפגעדעקט ערשט באַ פאָלק-ציילונגען, ווען מיר האָבן פאַר זיך דאַטן פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג און ניט נאָר פאַר איינצעלנע סעקטאָרן אָדער ווינקעלאך. מיר פאַרמאָגן בנוגע צו סאָוועט-רוסלאַנד נאָר די דאַטן פון 1926 ; די רעזולטאַטן פון דער לעצטער ציילונג — פון 1939 — זיינען נאָך ניט פאַרעפנטלאכט, חוץ אַלגעמיינע צאָלן וועגן דער גאַנצער באַפעלקערונג. די דאַטן פון 1926 זיינען שטאַרק פאַרעלטערט און האָבן שוין איצט נאָר אַ היסטאָרישן אינטערעס. חוץ דעם איז די ציילונג פאָרגעקומען אין אַן אַטמאָספער ווען די באַפעלקערונג האָט ניט געקאָנט געבן קיין ריכטיקע ידיעות וועגן אירע פּראָפעסיעס. די פאַרפאָלגונגען פון פריוואַטן האַנדל האָבן אַקוראַט דעמאָלט אָנגענומען די שאַרפסטע פאָרמען און ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אַ גרויסער פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג, וועלכער האָט זיך פאַקטיש פאַרנומען מיט אומלעגאַלן האַנדל, האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַרבעטער אָדער אַרבעטלאָזע. מיר האַלטן דאָך פאַר נויטיק זיך אָפּשטעלן אויף די רעזולטאַטן פון דער ציילונג פון 1926, ווייל זי איז דאָך פאָרט די איין-און-איינציקע, וואָס מיר פאַרמאָגן דערווייל, און בדליכא איז דאָך שאני ; צווייטנס, באַלייכט זי דאָך איניקע וויכטיקע זייטן פון אידישן לעבן : זי ווייזט אונז, ראשית, ווי שטאַרק די ירושה האָט געווירקט אויף דער ווייטערדיקער סטרוקטור פון די סאָוועטישע אידן ; שנית, קאָן מען שוין דאָרטן מערקן די סימנים פון די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג-טענדענצן — טענדענצן פון אינטענסיוון וואוקס פון באַאַמטענטום און אינטעליגענץ.

פון קרוב צו 2 מיליאָן מיט 600 טויזנט סאָוועטישע אידן זיינען געווען עקאָנאָמיש־אַקטיווע 1 מיליאָן מיט 32 טויזנט אָדער 40 פּראָצענט. לויט דער זעלבער ציילונג איז דער פּראָצענט עקאָנאָמיש־אַקטיווע בײַ דער ניט־אידישער באַפעלקערונג געווען 61, אַלזאָ אַנדערטהאַלבן מאָל מער.

די סאָציאַלע גלידערונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין סאָוועט־רוסלאַנד (1926) *)

סאָציאַלע גרופּעס	אבס.	%
אַרבעטער	153,000	14.8
אָנגעשטעלטע און באַאַמטע	241,000	23.4
פאַמיליע־גלידער, וואָס העלפן בײַ דער אַרבעט	104,000	10.2
זעלבשטענדיקע אָן לוין־אַרבעטער	218,000	21.0
זעלבשטענדיקע מיט לוין־אַרבעטער	26,000	2.5
זעלבשטענדיקע מיט העלפנדיקע פאַמיליע־גלידער	89,000	8.6
ליבעראַלע פּראָפעסיעס	16,000	1.6
אָן פּראָפעסיעס און אָן באַשטימטע פּראָפעסיעס	80,000	7.8
אַרבעטלאָזע	96,000	9.3
אַנדערע	9,000	0.8
צוזאַמען	1.032.000	100.0

די וויכטיקסטע זייט פון דער דאָזיקער טאַבעלע איז דאָס, וואָס שוין אין 1926 מאַכן אויס די אָנגעשטעלטע און באַאַמטע אַנדערט־האַלבן מאָל אַ גרעסערן פּראָצענט, ווי די פיזישע אַרבעטער.

די גרופּע 8 באַשטייט פון די דעקלאַסירטע, פון די געוועזענע סוחרים און פאַבריקאַנטן, קרעמער און רייכערע בעלי־מלאכות, אַלזאָ פון פאַמיליעס מיט וויניקסטנס 4 נפשות אין יעדער — כופּל'ט מען די ציפער אויף פיר, וועלן מיר באַקומען 320 טויזנט נפשות אָן פּרנסה. די אַרבעטלאָזע וועלן מיר כופּל'ען נאָר אויף צוויי, וועלן

*) ל. זינגער: די אידישע באַפעלקערונג אין סאָוועט־רוסלאַנד. מאָסקווע, 1932, ז. 34.

מיר ווידער באַקומען 192 טויזנט נפשות אָן פּרנסה. גיט מען נאָך צו די לעצטע קאַטעגאָריע סתם קבצנים און אויך גע׳כופל׳ט מינימום אויף צוויי, וועלן מיר האָבן צוזאַמען — 530 טויזנט נפשות גאָר אָן חיונה־מקורים. דאָס איז געווען אַ גאַנץ פינפטל פון סאָוועטישן אידנטום.

אָבער וואָס באַהאַלט זיך הינטער דער ציפער 218 טויזנט זעלבשטענדיקע אָן לוין־אַרבעטער? דאָס זיינען, ראשית, 73 טויזנט מיט 500 הענדלער, וועלכע זיינען געשטאַנען אויפ׳ן מאַרק מיט אַ בינטל סחורה פון מכל הבא ביד: היינט אַ פּאָר אַלטע שטיוול און אַ פּאָר אַרשין ציץ, געבאַפּט אומלעגאַל ערגעץ; מאָרגן עטלאַכע פעקלאַך מאַכאָרקע און אַן אַלטן הוט; און איבערמאָרגן אַ האַלב פונט פוטער און אַ פּאָר ברויט און אַזוי ווייטער. אַזוי האָט אויסגעזען דער פּריוואַטער האַנדל דעמאָלט אין רוסלאַנד. דאָס ביסל סחורה, וואָס די אינדוסטריע האָט פּראָדוצירט, איז ניט אָנגעקומען צום פּריוואַטניק, נאָר איז געגאַנגען אין די מלוכה׳שע פאַרקויףפּונקטן, וועלכע זיינען פון טאָג צו טאָג געוואָרן מער און מער, און אין די קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע האָבן אויך געהאַלטן אין וואַקסן. די צווייטע גרויסע גרופּע אין דער רובריק 4 זיינען בעלי־מלאכות, וואָס האָבן געאַרבעט אַליין. זיינען טאַקע די דאָזיקע בעלי־מלאכות געשטאָרבן פון הונגער, ווייל זיי האָבן ניט באַקומען ניט קיין שטאָף אויף נייען קליידער און ניט קיין לעדער אויף נייען שיך און שטיוול און ניט קיין געהילץ אויף מאַכן מעבל. דער מאַנגל אין רוי־מאַטעריאַל איז געווען פון אַזאַ מדרגה, אַז די פּריוואַטע אַרבעט האָט זיך געשפּייזט כמעט נאָר פון גע׳גנב׳עטע רוי־שטאָפן — האָט די אַרבעט געטראָגן אַ צופעליקן, אַ מזל־כאַראַקטער. 120 טויזנט זעלבשטענדיקע בעלי־מלאכות אָן געדונגענער אַרבעט — דאָס איז געווען אַ גרויסע מאַסע אייזערנע קבצנים פון תמיד׳ע יאָרן — אין דער צייט, וועלכע מיר באַטראַכטן איצט, זיינען זיי געווען פונ׳ם מין קבצנים, וועלכע שלום־עליכם רופט אָן עניים ואביונים מיט אַ סמיטשעק נאָך.

פון די נאָר וואָס באַטראַכטע צוויי גרופּעס מוז מען מינימום צוויי דריטל צורעכענען צו די דעקלאַסירטע, ווייל זייערע פּרנסות זיינען שוין געווען אַזוי איינגעשרומפּן, אַז ביים באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פון אומשיכטונג האָט די סאָוועטישע מאַכט תמיד זיי גענומען אין אַכט גלייך מיט די העכער באַטראַכטע קאַטעגאָריעס

אָן־ספק׳דיקע דעקלאַסירטע. די דאָזיקע צוויי דריטל פון דער רובריק 4 וועלן געבן מיט די פאַמיליעס (גע׳כופל׳ט אויף 3) בערך 400 טויזנט נפשות. האָבן מיר לכן צו דער צייט פון דער ציילונג — 1926 — ניט ווייניקער פון 900 טויזנט נפשות גאָר אָן מקורים פון חיונה, דעקלאַסירטע, ארויסגעשטויסענע, וועלכע האָבן געמוזט אין די נאָענט־סטע יאָרן איבערגיין צו נייע באַשעפטיקונגען. דאָס זיינען נאָר די, וועלכע האָבן שוין גאָר ניט געהאַט קיין פּרנסה. אָבער די צאָל קרעמער, וועלכע זיינען פון טאָג צו טאָג מער ארויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע פּאָזיציעס, האָט געהאַלטן אין וואַקסן. אין דער רובריק 6 — זעלבשטענדיקע מיט העלפנדיקע פאַמיליען־גלידער — האָבן מיר אויך 22 טויזנט קרעמער, מיט די פאַמיליעס ווידער אַמאָל קרוב צו 100 טויזנט נפשות. פון העכער הונדערט טויזנט אידישע קרע־מער לויט דער ציילונג פון 1926 האָבן נאָר 5 טויזנט מיט 200 געהאַט משרתים, מסתמא איין אינגל אָדער צוויי. קיין גרויסע קראָמען זיינען דעמאָלט שוין ניט געווען.

ארום 1926 האָט די סאָוועטישע מאַכט געהאַט פאַר זיך מינימום אַ מיליאָן אידישע נפשות, וועלכע האָבן געלעבט פון צדקה, פון קרובים־הילף, פון צופעליקע פאַרדינסטן, פון לופט, מיט ניסים. און אַזוי ווי אין די נאָענטסטע פאַר יאָר איז ווייטער געגאַנגען די ליקווידאַציע פון די קרעמער און קוסטאַרן, בעת די פּאָזיטיווע פּראָ־צעסן האָבן ניט אָנגעיאָגט די ארויסשטויס־מאַסשטאַבן, איז צום יאָר 1928 די לאַגע געוואָרן נאָך טראַגישער, נאָך קאַטאַסטראָפאַלער. די צאָל דעקלאַסירטע האָט געגרייכט ביז קרוב צו אָנדערטהאַלבן מיליאָן נפשות און ערשט דעמאָלט איז מען צוגעטראָטן צו אַן ערנסטער און ברייטער רעקאָנסטרוקציע־ארבעט, וועלכע האָט זיך פאַרענדיקט ארום 1933.

נאָר לאָמיר פאָרזעצן דעם אַנאַליז פון די דאַטן פון דער ציילונג פון 1926.

רעכנט מען די ערשטע צוויי גרופּעס צו די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, באַקומט מען, אַז זיי מאַכן אויס 38.2% פון אַלע עקאָ־נאָמיש־אַקטיווע. אָבער אהער גייען שוין אריין כמעט אַלע ליבעראַלע פּראָפעסיעס, וועלכע זיינען מיינסטנס אויף מלוכה־שטעלעס. דערמיט דערקלערט זיך די קליינע צאָל ליבעראַלע פּראָפעסיעס אין דער טאַבעלע. בעלי־בתים (מיט און אָן לוין־ארבעטער) מאַכן אויס נאָר 32.1%.

די טאבעלע, וואס נעמט ארום אלע אידן פון סאוועט־רוסלאנד, איז צו אבסטראקט און מען קאן זי אויך ניט פארגלייכן מיט דער ניט־אידישער באפעלקערונג, ווייל בנוגע גאנץ רוסלאנד איז דאך די אידישע באפעלקערונג אזא מיעוט, אז זי ווערט בטל בששים. מיר וועלן דעריבער נעמען בעסער איינצעלנע ראיאנען — אוקראינע און ווייס־רוסלאנד — און איינצעלנע שטעט. מיר וועלן טאקע אנהויבן פון א שטאט, וועלכע שטעלט פאר גאר א גרויסן אינטערעס, פון מאסקווע.

די סאציאלע גלידערונג פון עקאנאמיש־אקטיווע אידן און ניט־אידן אין מאסקווע (1926)

סאציאלע גרופעס	אידן אבס.	אידן %	ניט־אידן %
ארבעטער	5,865	8.3	27.0
באאמטע און אנגעשטעלטע	35,338	50.2	36.5
האנטווערקער	5,871	8.4	5.2
הענדלער	3,202	4.6	2.2
ליבעראלע פראפעסיעס	1,539	2.2	0.6
ארבעטלאזע	10,279	14.6	12.0
אנדערע	8,174	11.7	16.5
צוזאמען	70,268	100.0	100.0

באאמטע און אנגעשטעלטע זיינען בא אידן זעקס מאל מער ווי ארבעטער. בא ניט־אידן נאר איין דריטל. אין די דאזיקע פאר ציפער ליגט דער סוד פון דער אנטוויקלונג פון סאוועטישן אידנטום און אפשר אויך זיין גורל. געווים קאן ניט די צאל אידישע באאמטע אין קיין שום שטאט דערגרייכן אזא הויכן פראצענט. דאס איז מעגלאך נאר אין מאסקווע — אין פאליטיש־אדמיניסטראטיוון און עקאנאמיש־קולטורעלן צענטער פון א לאנד פון 170 מיליאן מענטשן. דאס איז אבער די טענדענץ — וואו נאר מעגלאך און אויף וויפיל נאר מעגלאך ווילן אידן און וועלן גיין אין באאמטן־שטעלעס. דאס איז א גאנץ נאטירלאכע דערשיינונג, כאטש זייער א טרויעריקע, ווייל זי טראגט אין זיך א סם, וואס הייסט קנאה. דער באאמטער לעבט בעסער פון ארבעטער און פארנעמט געזעלשאפטלאך א העכערע פאזיציע, א רעגירנדיקע פאזיציע. און אויף וויפיל די באפעלקערונג האט טאגטעגלאך גענוג סיבות אויף זיין אומצופרידן מיט די מאכט־ארגאנען,

מוז זי איבערטראָגן איר כעס און צאָרן אויף די לעבעדיקע טרעגער פון דער דאָזיקער מאַכט. בפרט נאָך ווען ס'האנדלט זיך וועגן אידן און ווען אידן זיינען גראדע קאָנצענטרירט אין יענע אמטן, וועלכע קומען אין די אָפּטעסטע און אונמיטלבארסטע באַרירונגען מיט דער באַפעלקערונג — אין די האנדלס-אַפּאַראַטן.

מיר האָבן געזאָגט, אַז לויט דעם גראַד פון פּראָצענט באַאַמטע איז מאָסקווע אַ יוצא מן הכלל, אָבער די דערשיינונג חזר'ט זיך איבער אין גאַנץ סאָוועט-רוסלאַנד, נאָר אין אַ שוואַכערער מאָס. אַזוי, למשל, זיינען אין לענינגראַד געווען אויף 5,758 אידישע אַרבעטער 17,413 באַאַמטע — אַלזאָ דריי מאָל מער באַאַמטע, ווי אַרבעטער. בּאַ ניט-אידן איז שוין אין לענינגראַד די צאָל אַרבעטער געווען העכער פון דער צאָל באַאַמטע. פון אַרבעט האָבן אין לענינגראַד געלעבט בּאַ אידן נאָר 13.3% און פון באַאַמטנטום גאַנצע 40.1%.

לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געווען אין 1926, ווען דער באַאַמטן-אַפּאַראַט איז נאָך ווייט ניט געווען אַזוי געשוואָלן ווי שפּעטער ווען די „פּיאַטילעטקא" האָט באַהערשט די מוחות און די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון סאָוועט-רוסלאַנד.

מיר גייען איבער צו די רעפּובּליקן, וואָס האָבן די מערהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג — צו אוקראַינע און ווייס-רוסלאַנד.

די סאָציאַלע גלידערונג פון די עקאָנאָמיש-אַקטיווע אידן און ניט-אידן אין אוקראַינע (1926)

סאָצ. גרופּעס	אידן אַבּס.	אידן %	ניט-אידן אַבּס.	ניט-אידן %
1) פּויערים	59,689	9.8	14,870,797	85.8
2) אַרבעטער	93,181	15.3	978,675	5.6
3) אַרבעטלאָזע	54,555	8.9	139,800	0.8
4) קוסטאַרן	126,500	20.6	236,445	1.4
5) באַאַמטע און אָנגעשטעלטע	126,518	20.6	623,612	3.6
6) הענדלער	80,798	13.3	42,036	0.3
7) ליבעראַלע פּראָפעסיעס	9,817	1.6	22,482	0.1
8) פאַרשיידענע	61,028	9.9	414,392	2.4
צוזאַמען	612,086	100.0	17,328,239	100.0

נאָך צען יאָר באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז דער תהום צווישן דער אידישער און ניט־אידישער באַפעלקערונג אויף אַ האָר ניט קלענער געוואָרן.

אידן פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט ניין מאָל ווייניקער ווי ניט אידן. אָבער דערפאַר זיינען בײַ אידן פאַראַן מער ווי בײַ ניט־אידן:

1)	הענדלער	44 מאָל
2)	ליבעראַלע פראָפעסיעס	16 "
3)	קוסטאַרן	15 "
4)	אַרבעטלאָזע	11 "
5)	באַאַמטע און אָנגעשטעלטע	6 "
6)	דעקלאַסירטע	4 "
7)	אַרבעטער	3 "

דערמאָנען מיר זיך, אַז די סאָוועטישע לאַנדווירטשאַפט האָט צום יאָר 1926 שוין אויסגעמאַכט העכער 97 פראָצענט פון'ם שטאַנד אין יאָר 1913, וועלן מיר קומען צו דער איבערצייגונג, אַז כמעט 86 פראָצענט פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג האָט שוין דעמאָלט געהאַט זאַט צו עסן. די באַפעלקערונג איז נאָך געווים געגאַנגען באָרוועס און נאַקעט, אָבער אַ שטיקל טרוקן ברויט האָט שוין דאָס דאָרף געהאַט. בײַ אידן זיינען אַזעלכע גליקלאַכע געווען 9 מאָל ווייניקער. די גרויס־אינדוסטריע איז שוין אויך געווען צום יאָר 1926 אויפגעשטעלט, אָבער דאָרטן זיינען געווען זייער ווייניק אידישע אַרבעטער. טיף אין דער ערד זיינען געלעגן די ביידע ווירטשאַפט־צווייגן, אין וועלכע אידן האָבן געהאַט דריי פערטל פון זייערע באַשעפטיקטע — דער האַנדל און דער האַנטווערק. די אידישע אַרבעטער זיינען נאָך דעמאָלט געווען באַשעפטיקט כמעט נאָר בײַ די קוסטאַרן, בײַ די האַנטווערקער. מיר האָבן שוין אויבען געזאָגט, אַז פאַקטיש האָבן זיך מער אידן פאַרנומען מיט האַנדל, ווי די אָפיציעלע ציילונג האָט געקאָנט פעסטשטעלן. אָבער וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ האַנדל — אָן אַ קענגוואָרט און מיט נאָך אַ טרויעריקערער צוקונפט. מען האָט דאָך דורכן שטייער־אַמט יעדן טאָג דעם הענדלער און אויך דעם זעלבשטענדיקן האַנטווערקער געגעבן גאַנץ קלאָר צו פאַרשטיין און צו פילן, אַז זיין לאַגע איז ניט זיכער, אַז זיין צוקונפט איז מער ווי אויסזיכטלאָז, אַז מען זאָרגט גאַנץ אַקטיוו, אַז ער זאָל וואָס גיכער

ארויספאַלן פוןווירטשאַפט־רינג. מען האָט אָבער דעמאָלט נאָך גאָר, גאָר קנאַפּ געזאָרגט, אַז דער דאָזיקער אַמאָליקער „בורזשוי" זאָל זיך אומשטעלן און זיך צופּאַסן צו אַ נייער מער פּראָדוקטיווער פּרנסה. לאָמיר לאָזן אַ קאָמוניסט אונז דערציילן וועגן דער לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג צו יענער צייט:

„פאַר די לעצטע צוויי יאָר האָט זיך די לאַגע אין שטעטל שטאַרק פאַרשאַרפט. די קאָאָפּעראַציע און דער מלוכה־האַנדל האָבן געמאַכט ריזיקע שריט פאַראויס, ארויסשטויסנדיק דעם פּריוואַטניק מיט אַ גרויסער שנעלקייט. דער מאַנגל אין רוי־וואַרג, אין פאַרשיידענע פאַבריקאַטן; דער מאַנגל, וואָס פאַרשמעלערט שטאַרק די באַזע פון פּריוואַטן האַנדל, רופט זיך שווער אָפּ אויף די שטעטלשע קוסטאַרן און בעלי־מלאכות, ווייל זיי האָבן ניט קיין רוי־וואַרג, און דאָס פּראָרטיילט זיי אויף דויערנדיקע ארבעטלאָזיקייט. דאָס פאַרשמע־לערט די מעגלאַכקייט פאַר דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריעלער קוסטאַרישער שילעריי און דאָס האָט אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויף דער יוגנט". (מ. קיפּער, דאָס יידישע שטעטל אין אוקראַינע, 1929, ז. 32).

צו דעם בילד דאַרף מען נאָר צוגעבן, אַז אין די גרויסע שטעט האָט דאָך אויך די מערהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג געלעבט פון די צוויי פּרנסות, וועלכע האָבן איבערגעלעבט אַ שווערן קריזיס אין די יאָרן, וועלכע מיר באַטראַכטן. און כאָטש אין די גרויסע שטעט איז דער פּראָצענט אידישע באַאַמטע און אויך אידישע אַרבע־טער אין דער גרויס־אינדוסטריע געווען גרעסער, ווי אין די שטעט־לאַך, איז אָבער די מערהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג געווען נאָך קאָנצענטרירט אינ'ם האַנדל און אינ'ם האַנטווערק און דער קריזיס האָט זיי אויך געטראָפן ניט אין קיין קלענערער מאָס, ווי אין דער פּראָווינץ. אָט ווי דער זעלבער מחבר באַשרייבט די לאַגע פון דער אידישער יוגנט צו דער צייט, וועלכער מיר באַטראַכטן:

„אַ גרויסער טייל פון דער שטעטלדיקער יוגנט האָט ניט קיין שום קוואַליפיקאַציע און באַשעפטיקונג, האָט ניט וואוהין אָנקומען אַרבעטן, האָט ניט קיין פּערספּעקטיוון זיך איינצואָרדנען. פון די רייען פון דער שטעטלדיקער יוגנט וואַקסן אויס נייע שיכטן דעקלאַ־סירטע לומפּן־פּראָלעטאַריער" (מ. קיפּער, דאָס יידישע שטעטל . . . ז. 85).

דער ציטירטער מחבר ברענגט זייער אינטערעסאַנטע ציטאַטן פון אויספאָרשונגען אין צענדליקע שטעטלאַך, וועלכע אילוסטרירן

די טראַגישע לאַגע פון דער אידישער יוגנט. אָבער ווידער איז שווער אָנצונעמען, אַז אַזוי איז געווען די לאַגע נאָר אין די קליינע שטעטלאַך. ניט פיל בעסער איז זי געווען אויך אין די גרויסע שטעט. די קליינע צאָל יונגטלאַכע, וואָס האָט געהאַט אַרבעט בײַ קוסטאַרן, האָבן „געאַרבעט 10-12 שעה אין טאָג" (דאָרטן, ז. 88).

מיר האָבן פריער פאַרגליכן די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג פון אוקראַינע מיט דער גאַנצער ניט־אידישער באַפעלקערונג. אַזוי ווי אידן זײַנען אָבער אַ שטאָטישע באַפעלקערונג, איז זייער וויכטיק צו זען, ווי זײַנען געבויט עקאָנאָמיש די דאָזיקע צוויי באַפעלקערונג־גרופעס אין די שטעט. און דאָ וואַרפט זיך אין די אויגן אַ זייער אינטערעסאַנטע און וויכטיקע דערשיינונג, וואָס דערמאָנט אונז גאַנץ שטאַרק אין די פראַצעסן, וואָס קומען פאָר אין די לענדער מיט אַ בירגערלאַכער ווירטשאַפט־סיסטעם.

ביז דער וועלט־מלחמה פון 1914 איז דער צושטראָם פון ניט־אידן אין די שטעט געגאַנגען דער עיקר אין די פאַבריקן און אין שווארץ־אַרבעט. דער פּראָצענט, וואָס האָט זיך געריסן אָדער טאַקע שוין אַרײַנגעריסן אין די בפירוש־שטאָטישע פרנסות, ווי האַנדל, האַנטווערק און ליבעראַלע פּראָפעסיעס, איז געווען זייער קליין. נאָך דער מלחמה, פאַרקערט, איז דער צושטראָם פון ניט־אידן אין די מיטל־שטאַנדישע פרנסות געוואָרן אַזוי אינטענסיוו, אַז דער קאַמף האָט אַלץ מער און מער אָנגענומען בלוטיקע פאָרמען. און אין סאָוועט־רוסלאַנד מערקן מיר אַ קאָלאָסאַלן צושטראָם פון ניט־אידן אין די באַאַמטן־שטעלעס. דער פּראָצענט באַאַמטע און אָנגעשטעלטע איז אין די שטעט בײַ ניט־אידן כמעט גלײַך ווי בײַ אידן. דאָס וועלן מיר זען פון אַ פאַרגלײַך פון די באַשעפטיקונגען פון אידן און ניט־אידן אין די שטעט פון אוקראַינע.

די סאָציאַלע גלידערונג פון די שטאָטישע עקאָנאָמיש־אַקטיווע אידן און ניט־אידן אין אוקראַינע (1926)

	סאָציאַלע גרופעס	אידן %	ניט־אידן %
1)	פויערים	1.5	20.0
2)	אַרבעטער	17.6	29.1
3)	אַרבעטלאָזע	11.3	5.8
4)	קוסטאַרן	19.6	5.6

סאָצ. גרופּעס	אבס.	%	אבס.	%
5) באַאַמטע און אָנגעשטעלטע			24.6	21.7
6) הענדלער			12.1	1.4
7) ליבעראַלע פּראָפעסיעס			1.8	0.4
8) פאַרשיידענע			11.5	16.0
צוזאַמען			100.0	100.0

פון די פּראָפעסיעס, וועלכע זיינען טאַקע גאָר גיך ליקווידירט אָדער כמעט ליקווידירט געוואָרן, ווי האַנדל און קוסטאַרעריי, האָבן באַ אידן געלעבט 31.7 פּראָצענט, כמעט אַ דריטל פון דער אידישער באַפעלקערונג און פאַקטיש געווים נאָך אַ סך מער; באַ ניט־אידן — נאָר 7 פּראָצענט, געווים 5 מאָל ווייניקער. אַ גאַנץ פינפטל פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג האָט אפילו אין די שטעט געלעבט פון לאַנדווירטשאַפט — באַ אידן 13 מאָל ווייניקער. נאָענט קומען צוביידע באַפעלקערונג־גרופּעס נאָר באַ איין באַשעפטיקונג — באַ די באַאַמטע און אָנגעשטעלטע. באַ אידן מאַכן זיי אויס כמעט אַ פערטל פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע און באַ ניט־אידן מער פון אַ פינפטל.

און ווידער אַמאָל וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז באַ אידן גיבן די באַאַמטע אַ סך אַ העכערן פּראָצענט, ווי די פיזישע אַרבעטער און באַ ניט־אידן איז די לאַגע אַ פאַרקערטע.

די דאָזיקע טאַבעלע לערנט אונז, אַז די אַלטע אידישע מכות, ווי דאָס צוזאַמענשטופּן זיך אין האַנדל און מלאכה, האָבן אין סאָוועט־רוסלאַנד צען יאָר נאָך דער רעוואָלוציע נאָך געריסן גאַנץ שטאַרק, ווען אין די נייע צוזאַנגדיקע און צוקונפט־רייכע פּרנסות באַגעגענען זיך שוין די אידן מיט אַ גרויסן צושטראָם פון ניט־אידישע עלעמענטן. דער וואוקס אָבער פון סאָוועטישן באַאַמטן־אַפּאַראַט איז געגאַנגען אַזוי אינטענסיוו, אַז ער האָט איינגעשלונגען גרויסע מאַסן פון ביידע באַפעלקערונג־גרופּעס. מיר וועלן וויטער זען, אַז אידן האָבן זייער גוט אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיינען אַריין אין גאָר גרויסע צאָלן אין באַאַמטענטום, כאָטש זייער אָנטייל אין דער אַלגעמיינער צאָל באַאַמטע וועט דאָך בלייבן ניט זייער הויך, מחמת דער אַפּאַראַט איז קאָלאָסאַל געוואַקסן.

לאָמיר איצטער זען די וואָג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין פאַרשיידענע סאָציאַלע גרופּעס פון אוקראַינע.

דער פּראָצענט אידן אין פאַרשיידענע סאָציאַלע גרופּעס אין אוקראַינע (1926)

סאָציאַלע גרופּעס	אין גאַנץ אוקראַינע	אין די שטעט
	%	%
1) פּויערים	0.40	1.58
2) אַרבעטער	8.69	12.05
3) אַרבעטלאָזע	28.07	30.88
4) קוסטאַרן	34.85	44.04
5) באַאַמטע און אָנגעשטעלטע	16.86	20.48
6) ליבעראַלע פּראָפעסיעס	30.40	48.31
7) הענדלער	65.78	65.63
8) פאַרשיידענע	12.84	14.11
צוזאַמען	3.41	18.49
פּראָצ. אידן אין דער באַפעלקערונג	5.40	22.70

אידן מאַכן אויס בערך צוויי דריטל פון אַלע הענדלער און כמעט אַ העלפט פון אַלע אין די ליבעראַלע פּראָפעסיעס — פון דער דאָזיקער ירושה באַקומט זיך נאָכדעם, אַז אידישע באַאַמטע קאָנצענטרירן זיך אין סאָוועטישן אַפּאַראַט דער עיקר אינ'ם האַנדל־סעקטאָר און פון דער אינטעליגענץ אין לערער־פּערסאָנאַל, דער עיקר צווישן די פּראָפעסאָרן פון די הויכשולן און צווישן די מעדיצין־דאָקטוירים. הויך איז דער פּראָצענט אידן צווישן די אַרבעטלאָזע. מיר האָבן די דאָזיקע דערשיינונג געזען אויך אין מאָסקווע. פון 51,482 אידישע אַרבעטער און באַאַמטע און אָנגעשטעלטע זיינען געווען 10,279 אַרבעטלאָז, אַלזאָ גאַנצע 20 פּראָצענט. דאָס באַשטעטיקט אונזער מיינונג, אַז די אַלע סיבות, וועלכע האָבן געמאַכט אַרבעטלאָז דעם אידישן בעל־מלאכה אין דער פּראָווינץ און דורך אים אויך דעם אידישן אַרבעטער, האָבן געווירקט אויך אין די גרויסע שטעט. אין גאַנץ אוקראַינע האָבן די אידישע אַרבעטלאָזע אויסגעמאַכט נאָר 20 פּראָצענט פון אַלע אידישע אַרבעטער און באַאַמטע און אָנגעשטעלטע און אין די שטעט באַזונדער גענומען — 21.2%. באַ די ניט־אידן האָבן די אַרבעטלאָזע אויסגעמאַכט אין גאַנץ אוקראַינע נאָר 8 פּראָצענט פון אַלע ניט־אידישע אַרבעטער, באַאַמטע און אָנגע־

שטעלטע און אין די שטעט נאָר 10 פּראָצענט, אלזאָ צוויי־און־א־האלב און צוויי מאָל ווייניקער ווי בא אידן. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס צו יענער צייט — 1926 — איז די גרויס־אינדוסטריע שוין געווען אויפגעשטעלט גאַנצע 100 פּראָצענט, ווען די מלאכה און קליין־אינדוסטריע האָבן איבערגעלעבט אַ שווערן קריזיס, ווייל די רעגירונג האָט זיי ניט צוגעטיילט קיין רוי־מאַטעריאַל. אינטערעסאַנט איז, וואָס אידן מאַכן אויס צווישן די אַרבעטער אין גאַנץ אוקראַינע נאָר ווייניקער פון 9 פּראָצענט, אָבער צווישן די אַרבעטלאָזע העכער 28 פּראָצענט; אין די שטעט זיינען די שייכות'דיקע ציפער — 12 און 30. אַ קלאָרער באַווייז, אַז אידן זיינען נאָך דעמאָלט געווען נאָר קנאַפּ אין דער גרויס־אינדוסטריע און דעריבער האָבן זיי געגעבן אַזאַ הויכן פּראָצענט אַרבעטלאָזע.

מיר קאָנען דאָ, לײַדער, ניט אַריינלאָזן זיך אין לאַנגע חקירות וועגן פּרטים, כאָטש זיי זיינען זייער אינטערעסאַנט, ווייל זיי קלערן אויף גאָר אַ סך טענדענצן אויך אין אידישן לעבן פון סאָוועט־רוסלאַנד, וואו אויבנאויף באַקומט זיך, אַז מען האָט אַלץ, באַזונ־דערס דאָס אידישע לעבן אַזוי איבערגעקערט און איבערגעדרייט, אַז אַלע ירושות און טראַדיציעס האָבן פאַרלאָרן זייער ווירקונג. אין דער ווירקלאַכקייט איז דאָס ניט אַזוי. אַזוי, למשל, ווייסן מיר פון דער אידישער עקאָנאָמישער געשיכטע, אַז וואָס געדיכטער די אידישע באַפעלקערונג איז אין אַ לאַנד אָדער שטאָט, אַלץ מער פּאַרמאָגט זי אַרבעטנדיקע און אַלץ ווייניקער פּאַרמיטלערנדיקע עלע־מענטן. און דאָס זעלבע פּאַרקערט. מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, אַז אין מאָסקווע און לענינגראַד, וואו די אידישע באַפעלקערונג מאַכט אויס אַ סך אַ קלענערן פּראָצענט ווי אין די ראַיאָנען מיט אַ געדיכ־טער אידישער באַפעלקערונג, איז בא אידן דער פּראָצענט באַאַמטע און אָנגעשטעלטע אַ סך העכער לגבי דער צאָל אַרבעטער, ווי אין אוקראַינע. דאָס זעלבע חזר'ט זיך איבער אין פאַרשיידענע שטעט פון אוקראַינע זעלבסט. נעמען מיר כאַרקאָוו, אַ שטאָט, וועלכע איז ביז 1917 געווען פּאַרבאָטן פאַר אידן און האָט דעריבער געהאַט נאָר אַ קליינע אידישע באַפעלקערונג, און אָדעס, וואו די אידישע באַפעל־קערונג איז די גרעסטע צווישן די שטעט פון אוקראַינע. אין כאַרקאָוו האָט דער פּראָצענט אידן אין 1926 באַטראָפן נאָר 17.2 און אין אָדעס גאַנצע 36.4. איז אין כאַרקאָוו פון הונדערט עקאָנאָמיש־אַקטיווע אידן געווען: אַרבעטער — 16.3 און באַאַמטע און אָנגע־

שטעלטע — 43.9, אַלזאָ דריי מאָל מער. אין אָדעם זיינען די שייכות׳־דיקע ציפער געווען — 19.5 און 23.6, אַלזאָ די באַאַמטע און אָנגע־שטעלטע זיינען מער נאָר מיט איין פּינקטל. אויב אין די בירגערלאַכע לענדער איז דער פּראָצענט הענדלער באַ אידן תמיד העכער מיט דעם פאַלן פון פּראָצענט אידן אין לאַנד, איז אין סאָוועט־רוסלאַנד מיט דעם פאַלן פון פּראָצענט אידן אין אַ ראַיאָן אָדער שטאָט, הויבט זיך דער פּראָצענט באַאַמטע און אָנגעשטעלטע. דער זין פון דיביידע דערשיינונגען איז איינער און דער זעלבער: וואָס מער ניט־אידן אויף איין אידישן קאָפּ, אַלץ גרינגער איז דעם לעצטן פאַרנעמען אַ בעסערע און העכערע עקאָנאָמישע פּאָזיציע.

מיר קאָנען ניט זיך אָפּשטעלן אויספירלאַך נאָך אויף די אידן פון ווייס־רוסלאַנד. מיר וועלן נאָר ברייננען אַ טאַבעלע, וואָס וועט אונז ווייזן די סאָציאַלע גלידערונג באַ פאַרשיידענע פעלקער אין דער דאָזיקער רעפּובליק. מיר האָבן די דאָזיקע טעמע ניט באַהאַנדלט באַ אוקראַינע, אָבער די דערשיינונגען חזר׳ן זיך איבער. דער חילוק איז נאָר אין די מדרגות.

די סאָציאַלע גלידערונג באַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס אין ווייס־רוסלאַנד (1926) (אין פּראָצענטן)

סאָצ. גרופּעס	אידן	גרויסרוסן	פּאָליאַקן	ווייסרוסן
1) פּויערים	13.10	64.10	80.90	92.82
2) אַרבעטער	16.70	6.70	6.90	2.80
3) אַרבעטלאָזע	7.00	1.30	1.10	0.30
4) קוסטאַרן	26.40	2.60	2.80	1.60
5) באַאַמטע און אָנג.	17.00	6.70	4.40	1.90
6) הענדלער	10.20	0.10	0.10	0.03
7) ליבער. פּראָפעס.	0.70	0.10	0.08	0.05
8) פאַרשיידענע	8.90	18.40	3.72	0.50
צוזאַמען	100.00	100.00	100.00	100.00
פּראָצענט אין דער באַפעלקערונג	8.19	7.70	1.96	80.62

די דאָזיקע טאַבעלע איז אינטערעסאַנט פון אַ סך שטאַנדפּונקטן. ראשית, מוז זי צווינגען זיך פאַרטראַכטן, וואָס די אידישע גרופּע, די רעכטלאָזסטע ביים צארישן רעזשים, האָט פאַרנומען די העכסטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. איז דאָך די סאָציאַלע גלידערונג אין דער גרעסטער מאָס נאָך אַ ירושה פון דער אַלטער צייט און דער סאָציאַלער בוי פון דער אידישער באַפעלקערונג פאַרנעמט דעם סאַמע אויבן־אָן: מינימום פּויערים און מאַקסימום הענדלער און ליבעראַלע פּראָפעסיעס. אָבער דאָס, וואָס ס'איז געווען אַ מעלה ביים אַלטן רעזשים, באַ וועלכן אידן זיינען געווען פּאָליטיש רעכטלאָז, איז געוואָרן אַ חסרון דווקא ביים רעזשים, באַ וועלכן אידן זיינען אַבסאָלוט גלייכבאַרעכ־טיקט. די קלאַסן, וואָס מוזן ליקווידירט ווערן ביים נייעם רעזשים, — הענדלער, קוסטאַרן, פאַרשיידענע דעקלאַסירטע — מאַכן אויס באַ אידן העכער 45 פּראָצענט, אָבער באַ דער אָפּגעשטאַנענסטער באַפעל־קערונג־גרופּע, באַ די ווייסרוסן, נאָר 2 פּראָצענט, 22 מאָל וויינציקער. און גיט מען צו די אַרבעטלאָזע, וועלן מיר באַקומען, אַז באַ אידן זיינען געווען שוואַכע קלאַסן העכער 52 פּראָצענט, ווען באַ די ווייס־רוסן האָבן די דאָזיקע שוואַכע און געפאַלענע קלאַסן אויסגעמאַכט ניט מער פון 2 און־אַ־האַלב פּראָצענט; באַ פּאָליאַקן נאָר וויניקער פון 8 פּראָצענט און באַ גרויס־רוסן נאָר 4 פּראָצענט. מיר האָבן באַ די גרויס־רוסן ניט גערעכנט די גרופּע „פאַרשיידענע", ווייל באַ זיי באַשטייט זי אין אַ גרויסער מאָס פון מיליטער.

ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס פון 58,919 מיליטער־לייט, וועלכע זיינען געציילט געוואָרן אין 1926 אין ווייס־רוסלאַנד, זיינען געווען גרויס־רוסן — 36,682 אָדער 62.3 פּראָצענט, 8 מאָל מער פון פּראָ־צענט אין דער באַפעלקערונג. די ווייס־רוסן, וועלכע מאַכן אויס הע־כער 80 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, האָבן געהאַט נאָר 23 פּראָצענט אין מיליטער.

אין קאַפּיטל וועגן אינדוסטריאַליזירונג וועלן מיר גענויער באַ־האַנדלען דעם פּראָפעסיאָנעלן און סאָציאַלן באַשטאַנד פון פּראָלע־טאַריאַט. די מערהייט פון די ליבעראַלע פּראָפעסיעס איז אין דער רובריק אָנגעשטעלטע און באַאַמטע און מען קאָן זיי ניט אויסטיילן. ס'זיינען אָבער פאַראַן, און אין 1926 איז זייער צאָל געווען נאָך גרעסער, פרייע פּראַקטיצירנדיקע אינטעליגענטן. בנוגע צו זיי קאָן מען וויסן דעם אָנטייל פון אידן. און די דאַטן זיינען טאַקע זייער אינטערעסאַנט.

פראָפעסיאָנאַלע און סאָציאַלע גלידערונג

פון 3,317 פאַרטרעטער פון די ליבעראַלע פראָפעסיעס, וועלכע זיינען ניט געווען אויף מלוכה־שטעלעס, זיינען געווען אין 1926 אידן — 1,194 אָדער 36.0%. פון 34 מעדיצין־דאָקטוירים זיינען געווען 17 אידן אָדער 50 פראָצענט; פון 165 ציין־דאָקטוירים זיינען געווען 149 אידן אָדער 90.3%; פון 213 פעלדשערס און אקושער־קעס — 97 אידן, 45.5%; פון 577 לערער — 410 אידן, 71.0%; פון 146 אדוואָקאַטן — 56 אידן, 34.1%. אזוי איז געווען די לאַגע אין ווייס־רוסלאַנד און בערך די זעלבע לאַגע איז געווען אין אוקראַינע.

די דאָזיקע ציפער פאַר ווייס־רוסלאַנד זיינען בלתי ספק טיפּיש פאַר גאַנץ סאָוועט־רוסלאַנד. די אנטוויקלונג איז געגאַנגען אין דער באַקאַנטער פון מערב ריכטונג — אין דער ריכטונג פון ארויפשווימען אויף העכערע פּאָזיציעס. דער דאָזיקער גאַטירלאַכער און אָרגאַנישער פראָצעס פון שטאָטישע, לכן קולטורעלערע, העכער שטייענדיקע, צונע־גרייטערע, באַרופנערע עלעמענטן צו באַזעצן בעסערע און העכערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, וואָלט גאָר ניט געקאָנט ציען צו זיך קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, ווען די דאָזיקע שטאָטישע עלעמענטן וואָלטן ניט געווען קיין אידן, קיין באַזונדערע נאַציאָנאַלע גרופּע און נאָך וואָסער אַ באַזונדערע גרופּע — מיט אַ גאָר גרויסן היס־טאָרישן הויקער, וואָס ווארפט זיך יעדן אין די אויגן און רייסט אויף אַלע אויגן. דער אנטיסעמיטיזם האָט צו די יאָרן 1927 און 1928 אָנגענומען די געפערלאַכסטע פאָרמען, וועגן וואָס מיר וועלן שפּעטער דערציילן.

10

די טראַגישסטע צייט אין לעבן פון סאָוועטישן אידנטום.

מיר גייען איבער צום שווערסטן, צום טראַגישסטן צייט־אָפּשניט אין לעבן פון סאָוועטישן אידנטום — צו דער צייט פון ליקווידאַציע פון האַנדל, פון׳ם בעל־גוף, פון אַלע רעשטלאַך פון פּרייער ווירטשאַפט, און אַלס רעזולטאַט פון שנעלן און אינטענסיוון וואוקס פון דעקלאַסירטע, פון פאַרצווייפלטע, פון הונגער־מאַסן. געוויס לויט דער צאָל קרבנות איז דער צייט־אָפּשניט פון מיליטערישן קאָמוניזם, וועלכער איז צוזאַמענגעפאַלן מיט די שרעקלאַכסטע פּאָגראָמען, געווען גאָר ניט צו פאַרגלייכן ערגער און קאַטאַסטראָפאַלער. אָבער דעמאָלט איז געווען מלחמה, אַנאַרכיע, כאַאָס אַרום און די אידישע באַפעלקערונג האָט ניט אַזוי געפילט איר אויסנאַם־לאַגע, איר ספּעציעלע קללה, איר נאָרמאַלע קללה. די פּאָגראָמען זיינען טאַקע געווען אַ אויסשליסלאַך אידישער אומגליק, אָבער אין אַלגעמיינעם געראַנגל, אין אַלגעמיינעם כאַאָס און קאַמף האָט מען זיך געטרייסט, אַז דאָס קאָן דאָך ניט לאַנג דויערן. גאָר אַנדערש איז געווען דער צייט־אָפּשניט פון 1925 ביז בערך 1929 אָדער 1930 — אַרום און אַרום איז שוין געווען דאָס לעבן מער אָדער ווייניקער נאָרמאַליזירט. ערשט די שפּעטערע קאָלעקטיוויזאַציע האָט ווידער איבערגעקערט און צערודערט די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג. די יאָרן פון 1925 ביז 1929 זיינען רעלאַטיוו געווען „רואיקע" — רואיקע אין פאַרגלייך מיט׳ן פריערדיקן מיליטערישן קאָמוניזם אָדער מיט דער שפּעטערדיקער קאָלעקטיוויזאַציע. ס׳האָט זיך דעמאָלט געדוכט, אַז דער ראַטנמאַכט גיט זיך איין שאַפן אַ מין קאָמפּראָמיס־אָרדענונג צווישן סאָציאַליזם און פּריוואַט־ווירטשאַפט, אַ טומטום־באַשעפעניש, וואָס וועט אַנטשפּרעכן דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון נאָך ביז גאָר אַגראַרן רוסלאַנד.

פּאָליטיש איז שוין די סאָוועטן־מאַכט געווען גענוג פאַרפעסטיקט און ניט געהאַט קיינע קאַמפן מיט דרויסנדיקע שונאים. אין דער פּאַרטיי האָט געקאָכט און געזאָטן, אָבער פאַרהעלטניסמעסיק איז אויך אין דעם זין געווען רואיק, באָלשעוויסטיש רואיק.

אויף דעם דאָזיקן פּאָן פון פּאָליטישער רואיקייט און עקאָנאָ־מישער אָרגאַנישער און אומאויפהערלאַכער אַנטוויקלונג פאַרוועדטס, האָט זיך די אידישע ירידה, די אידישע פאַרשאָלטנקייט אַ סך מער געפילט. ערשט אין דער עפּאָכע האָט מען דערפילט דעם טעם פון דער אידישער פאַרמיטלער־און צווישן־עקאָנאָמיק; ערשט אַט דעמאָלט האָט מען דערפילט די קללה פון דער אידישער צעשאָטנקייט איבער קליינע וואַרשטאַטלאַך און פאַבריקלאַך; ערשט אַט דעמאָלט האָט מען דערזען וויפיל לופט־מענטשן און לופט־עקזיסטענצן מיר פאַרמאָגן — ערשט דעמאָלט האָט מען דערזען די אידישע קליינ־שטעטלדיקייט און די אידישע קליינבירגערלאַכקייט אין זייער גאַנצער שוידערלאַכער גרויס. אַלע וואונדן פון דער אידישער גלות־עקאָנאָמיק, אייטערנדיקע, בלוטנדיקע, האָבן זיך אַזוי צעעפנט, אַז אפילו דאָס האַרטע, קאַלטע באַלשעוויסטישע האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן און אָנגעהויבן פאָדערן מער רחמנות, מער גערעכטיקייט, מער פּאָזיטיווע און קאָנסטרוקטיווע אַרבעט, ווי צעברעכן און חרוב מאַכן. דער פרייליכער שדים־טאַנץ אויף די חורבות פון אידישן קליין שטעטל, קליין קרעמל, קליין וואַרשטאַטל, קליין השגה און קליין אַפּעטיט איז ווי פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן פון די זיפצן און קרעכצן פון הונדערטע טויזנטע, שוין אַזוי אויך גענוג אויסגעהונגערטע און אויסגעדאַרטע, און האָט געצוואונגען איבערגיין צו גרעסערע הייל־אונטערנעמונגען און צו ראַדיקאַלערער איבערבוי־און אויפבוי־אַרבעט.

דאָס קאַפּיטל אידישע ליידן פון 1925 ביז 1929 איז איינס פון די שוידערלאַכסטע אין דער עפּאָפּייע פון דעם פיין־וועג פון סאָוועטישן אידנטום. מיר וועלן אים מוזן שיינקען אביסל מער פּלאַץ און מיר וועלן מוזן ברייננגען לענגערע ציטאַטן פון קאָמוניסטן אַלס די באַגלויבנסטע עדות.

„אויב אורטיילן לויט דער צאָל מענטשן, וואָס נעמט אַרוים פּאַטענטן אויף פּריוואַטן האַנדל, ווייזט זיך אַרויס, אַז אין 1925־1926 זיינען אַזוינע פּערזאָנען געווען אין אוקראַינע — 125,913 און אין 1927־1928 נאָר 106,227. די צאָל האָט זיך פאַרקלענערט אויף אַן ערך 15 פּראָצענט. אין 1928 און 1929 האָט זיך דער אַרויסשטויס־טעמפּ פון פּריוואַטניק פון׳ם האַנדל עטוואָס פאַר־שטאַרקט. דעריבער וועט ניט זיין קיין גוזמא, אויב מיר וועלן זאָגן, אַז צום יאָר 1929 קאָן מען שוין 50 פּראָצענט פון דער דאָזיקער גרופּע צורעכענען צו די דעקלאַסירטע. די צווייטע העלפט, הגם זי

פאַרנעמט זיך נאָך מיט די אַלטע פּרנסות, דאָך איז אָן שום ספק נויטיק זי צורעכענען צו די קאַנדידאַטן אויף דעקלאַסירונג, טאַקע אין דער נאָענטסטער צייט".*)

„שוין צום סוף 1926 (מאָמענט פון דער פאָלק־ציילונג) האָט מען געקאָנט די גאַנצע גרופּע אידן, וואָס זיינען פאַרנומען מיט האַנדל, אויסער ניט קיין גרויסער גרופּע גרויסע הענדלערס, (ניט מער פון 5 טויזנט מאַן) באַטראַכטן אַלס דעקלאַסירטע אין פּאַטענץ (אייטאַליקס פון ציטירטן מחבר—י. ל.). הגם זיי האָבן נאָך גע־האַנדלט, אָבער פאַר אַלעמען איז שוין געווען קלאָר דעמאָלט, אַז די דאָזיקע גרופּע לעבט איבער אַ סאָציאַלע קאַטאַסטראָפע".**)

לויט דער ציילונג פון 1926 האָבן געלעבט פון האַנדל נאָר אַרום 20 פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז פאַקטיש איז דער פּראָצענט אידן, וואָס האָט געלעבט פון האַנדל, אויב הונגערן קאָן מען אָנרופן לעבן, געווען אַ סך גרעסער, מינימום אַרום 40 פּראָצענט. דער אַרבעטלאָזער אַרבעטער, דער קוסטאַר, וואָס האָט ניט געהאַט קיין רוי־מאַטעריאַל, דער געוועזענער חזן אָדער שוחט — אַלע האָבן זיך געוואָרפן אויפ׳ן מאַרק, אָבער דער מאַרק איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג איינגעשרומ־פּענער, מאָגערער. דער מלוכה־און קאָאָפּעראַטיווע האַנדל, וועלכע האָבן באַקומען סחורות פון די מלוכה־פאַבריקן און מלוכה־לאַגערן, וועלכע האָבן ניט געצאָלט קיין שטייערן, האָבן, פאַרשטייט זיך, גרינג אַרויסגעשטויסן דעם פּריוואַטן האַנדל. און אַלס רעזולטאַט האָט די צאָל דעקלאַסירטע, ווי ס׳זאָגט עדות דער פּאַטענטירטער סאָוועטישער סטאַטיסטיקער זיננער, אויסגעמאַכט אין 1930 אַרום אַ מיליאָן, אַרום אַ דריטל פון דער אידישער באַפעלקערונג.

דער „אָקטיאַבער" פון 29טן מערץ, 1929, שרייבט, אַז „ניט געקוקט אויף דער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון אַ טייל שטעטל־דיקע אַרבעטנדיקע יוגנט, זיינען פאַר די לעצטע פאַר יאָר צוגעקומען אַ רייע נייע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן מיטגעווירקט צו פאַרגרעסערן די דעקלאַסירונג פון דער שטעטלדיקער און טיילווייז שטאָטישער יוגנט". און די ציטונג ברענגט עטלעכע גאָר אינטערעסאַנטע ביי־שפּילן פון שטעטלאָך פון ווייס־רוסלאַנד. אין אַנדערע, למשל, זיינען

*) אי. אי. ווייצבלים, אַגראַריזאַציע אָדער אינדוסטריאַליזאַציע. כאַרקאָוו, 1930, ז. 64.
**) דאָרטן, ז. 58.

פאַראַן 307 אידישע יוגנטלאַכע אין עלטער פון 14 ביז 23 יאָר. פון זיי זיינען דעקלאַסירטע — 153, אַקוראַט אַ העלפט. ווייטער: אין דעם זעלבן שטעטל האָט 33 פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג ניט געהאַט קיין וואַל־רעכט. אין אַנדערע שטעטלאַך איז די לאַגע נאָך טרויעריקער.

אין „עמעס״ פון 25טן אַפּריל, 1929, ווערן געבראַכט פאָלגנדיקע ידיעות וועגן קיעוו: אין קיעוו האָט די צאָל באַשטייערטע באַטראָפן אין 1928 — 2,533 און אין יאָר 1929 שוין נאָר 1,568, אַלזאָ קרוב צו 40 פּראָצענט פון די זעלבשטענדיקע הענדלער אָדער קוס־טאַרן האָבן אין משך פון איין יאָר ליקווידירט זייערע געשעפטן, זייערע אונטערנעמונגען און זיינען אַריבער אין דער גרופּע דעקלאַ־סירטע.

געוויס האָט אַ געוויסער פּראָצענט פון די דאָזיקע דעקלאַסירטע געפונען אַרבעט אַלס פּויערים, אַלס באַאַמטע און אויך אַלס אַר־בעטער, אָבער דער פּראָצענט איינגעאָרדנטע איז שטאַרק אָפּגעשטאַנען פון וואוקס פון פּראָצענט דעקלאַסירטע.

אויף דערויף האָבן מיר אַ גוטן עדות — דעם פרומען קאָמור־ניסט אַ. סודאַרסקי. ער שרייבט אין זיין ביכל „וואוהין גייט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון די אידישע אַרבעטנדיקע מאַסן?״: „דער דעקלאַסירונגס־פּראָצעס פון די ניט־אַרבעטנדיקע עלעמענטן קומט פאָר מיט אַ שנעלערן טעמפּ, ווי די אָביעקטיווע מעגלאַכקייטן, וואָס מיר האָבן אין אונזער רשות, זיי גלייך צו באַזאָרגן מיט אַרבעט. צוליב דעם בלייבן זיי צייטווייליק אָן קיינע באַשעפטיקונגען״ (ז. 62). דאָס ביכל איז אַרויס אין כאַרקאָוו אין 1929. (אייטאַליקס פון מיר — י. ל.).

דאָס זעלבע שרייבט דער „עמעס״: „די לעצטע צוויי יאָר זיינען פאָרגעקומען פּראָצעסן, וואָס האָבן פאַרגרעסערט די צאָל באַרגלאָזע באַפעלקערונג״ („עמעס״, 25טער אַפּריל, 1929).

אויף׳ן אָרט פון איינצלנע ציטאַטן פון טעגלאַכע צייטונגען וועלן מיר ברייגען אַ ציטאַטע פון אַן אָפיציעלן דאָקומענט, וואָס גיט אַן אויסשעפּנדיק בילד וועגן דער לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די שטעטלאַך אַרום דער צייט, וועלכע מיר באַ־טראַכטן איצט, אַרום יאָר 1928. די נאַציאָנאַלע קאָמיסיע באַ דער ווייס־רוסישער סאָוועטישער רעגירונג האָט אין 1928 אַרויסגעגעבן אַ סעריע ביכלאַך אונטער דעם נאָמען „די פּראַקטישע לייזונג פון

דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין דער ווייס־רוסישער סאָציאַליסטישער סאָוועטישער רעפּובליק". אין טייל 2 פון דער דאָזיקער סעריע, מינסק, 1928, ז. 38 און ווייטער, לייענען מיר:

„דער קאָנטינגענט פון דער שטעטלדיקער אָרימקייט באַשטייט דער עיקר פון אַרבעטלאָזע, פון ווייניק־קוואַליפיצירטע אַרבעטער, פון פּרנסה־לאָזע, פון געוועזענע אָנגעשטעלטע, פון אינוואַלידן און יתומים — קרבנות פון באַנדיטיזם אין די גרעניץ־ערטער פון ווייס־רוסלאַנד, פון געוועזענע הענדלער און דאָס גלייכן. אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז די מערהייט פון דער שטעטלשער אָרימקייט איז פון האַרעפּאַשנע עלעמענטן.

„די דאָזיקע אָרימקייט לעבט פון צופעליקע, נישטיקע פאַרדינסטן פון פאַרשיידנסטן כאַראַקטער: צופעליקע אַרבעט, פאַרמיטלעריי, קאָראַביינקטום איבער די דערפער, הילף, וואָס מען באַקומט פון קרובים, דער עיקר פון אַמעריקע א. אַז. וו.

„באַזונדערס שאַרף איז געשטאַנען ביז ניט לאַנג די פראַגע וועגן דער יוגנט. אָן אַרבעט, אָן קוואַליפיקאַציעס, האָט די אידישע יוגנט פאַרפולט די קאַדרען פון דער אָרימקייט. אין אַזאַ מין לאַגע האָט זיך געפונען בערך 75 פּראָצענט פון דער שטעטלדיקער אידישער יוגנט.

„די גרונט־פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס פון אידישן שטעטל זיינען פאָלגנדיקע:

„איינע פון די גרעסטע גרופּעס זיינען די קוסטאַרן — פון 20 ביז 40 פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג. אַ באַדייטנדיקער טייל פון די קוסטאַרן האָט איצטער ניט קיין אַרבעט. אין זייער פיל פאַלן, אַלס רעזולטאַט פון די אָקופּאַציעס פון די דייטשן און פּאָליאַקן און פון די פּאָגראָמען און באַנדיטישע אָנפאַלן האָבן זיי ניט קיינע מיטלען, אויך ניט קיין אינסטרומענטן און קיינע אַרבעט. דער דאָזיקער טייל פון די קוסטאַרן ווערט צוגערעכנט צום אָרימען טייל פון דער שטעטלשער באַפעלקערונג.

„די אַרבעטער אין שטעטל שטעלן פאָר אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער באַפעלקערונג, אין דורכשניט פון 20 ביז 30 פּראָצענט. די דאָזיקע אידישע אַרבעטער זיינען פאַרנומען טיילווייז אין האַנטווערק און בוי־אַרבעט — דער עיקר ביים רעמאָנטירן הייזער.

„די הענדלער שטעלן פאָר מיט זיך די קלענסטע גרופּע צווישן אידן און זי ווייזט אַ קלאָרע טענדענץ צו פאַלן. אין דורכשניט,

אויפ'ן גרונט פון דער ספּעציעלער אויספאָרשונג פון די שטעטלאַך וואַקסעלט זיך די צאָל הענדלער צווישן 2 און־א־האַלב און 11 פּראָ־צענט פון דער אידישער באַפעלקערונג.

„די מערהייט הענדלער אין די שטעטלאַך זיינען קליינע, פון 1טן און 2טן גראַד, בודקעס, פּאַלאַטקעס, שטעלעס און ענלאַכע. מיט אַזאַ האַנדל פּאַרנעמט זיך אַרום 60 פּראָצענט פון אַלע אידישע הענדלער."

דאָ האָבן מיר אַ בילד פון אידישן שטעטלשן לעבן: מיר זעען, אַז דער לעגאַלער האַנדל איז שוין דעמאָלט געווען כמעט ווי ליקווי־דירט. דער עיקר קבצנים זיינען גאָר געווען די, וועלכע זיינען שוין אַמאָל געווען, אָדער אין די לעצטע יאָרן, געוואָרן בעלי־מלאכות און אַרבעטער. די אַרבעטער זיינען מערסטנס פאַרנומען באַ רעמאָנט־אַרבעט, פּאַקטיש באַ שוואַרץ־אַרבעט אַבי עפּעס פאַרדינען. דאָס איז געווען סעזאָן־אַרבעט, וועלכע פלעגט קלעקן אויף אַ קורצע צייט און פלעגט אַלע מאָל איבערגעריסן ווערן צוליב מאַנגל אין בוי־מאַטעריאַל. אָבער טראַגיש ביז גאָר איז געווען די לאַגע פון דער יוגנט — דריי־פערטל פון דער יוגנט איז געווען אָן אַ באַשעפטיקונג און דאָס איז אין אַ צייט ווען די עלטערן הונגערן, ווען אַ סך על־טערן זיינען רעכטלאָז אָדער שוין אין יענע יאָרן ווען מען איז פיזיש ניט פייאיק צו אַרבעטן.

ניט בעסער איז געווען די לאַגע אין אוקראַינע. אָט וואָס ס'שרייבט קיפּער, וועלכן מיר האָבן שוין ניט איין מאָל ציטירט:

„וועגן דער לאַגע פון דער שטעטלדיקער יוגנט אין וויניצער קרייז, זיינען געמאַכט געוואָרן אַזעלכע אויספירן לויט דער אויס־פאָרשונג, וואָס עס האָבן דורכגעפירט די אָרטיקע פּאַרטיי־און ראַטן־אָרגאַנען: די מערהייט פון דער שטעטלדיקער יוגנט איז אַרבעט־לאָז, און די, וואָס אַרבעטן באַ קוסטאַרן, ווערן אומערטרעגלאַך עקס־פּלואַטירט; ווען עס ענדיקט זיך דער טערמין פון זייער לערע, ווערן זיי אַרבעטלאָז. אין שכנות מיט די שטעטלאַך געפינען זיך צוקער־זאַוואָדן, ספּירט־און ציגל־זאַוואָדן, פּלאַנטאַציעס און עקאָ־נאָמיעס, מילן א. אַז. וו. נאָר די אידישע יוגנט ווערט אַהין ניט צוגעלאָזט (אייטאַליק פון מיר—י. ל.). ניט געקוקט אויף די פעסטע דירעקטיוון, איז די באַציאונג פון אייניקע אַדמיניסטראַטאָרס צו די אידישע אַרבעטער, וועמען ס'איז געלונגען אָנצוקומען אַרבעטן

אהין, אַ העכסט אומנאָרמאַלע" (איטאַליק פון מיר—י. ל.). (מ. קיפּער: דאָס אידישע שטעטל אין אוקראַינע. כאַרקאָוו, 1929, ז. 86).

דאָ הערן מיר אַ נייע נאָטע. אַרום און אַרום פונקציאָנירן שוין אַלע גרויסע אונטערנעמונגען, ווי צוקער און ספּירט־זאַוואָדן. גרויסע פּריוואַטע מאַיאָנטקעס זיינען שוין געוואָרן גוטגייענדיקע מלוכה'שע קאָלכאָזן. אומעטום אַרבעט מען, און די אידישע יוגנט מאַטערט זיך, לערנט זיך אומזיסט בּאַ קוסטאַרן אַ מלאכה און וויבּאַלד נאָר מען ענדיקט די לערע, ווערט מען פריי און מען דרייט זיך אַרום אויף די קליינשטעטלדיקע אומעטיקע גאַסן פּוסט און פּאַס. און טרעפט אַ גליק אַ אידישן בחור און ער ווערט אַריינגעשטופּט אין אַ זאַוואָד, איז אים ניט מקנא צו זיין. דער מחבר דריקט זיך אויס גאַנץ ווייך: „די באַציאונג פון אייניקע אַדמיניסטראַטאָרס צו די אידישע אַרבע־טער איז אַ העכסט אומנאָרמאַלע". ער פאַרטייטשט אונז ניט, וואָס ער מיינט מיט דעם וואָרט „אומנאָרמאַלע". מיר וועלן שפּעטער זיך גענויער אָפּשטעלן אויף דער דאָזיקער פראַגע — אַנטיסעמיטיזם מצד די אַרומיקע פּויערים און אַרבעטער בּאַ דער קאָלאָניזאַציע און אינדוסטריאַליזירונג. און מיר וועלן דעמאָלט אויפדעקן וואָס ס'שטעקט הינטער דעם דאָזיקן דעליקאַטן וואָרט „אומנאָרמאַלע".

דער נאָר־וואָס ציטירטער מחבר ברענגט זייער אינטערעסאַנטע ציפער: „אין ראָמאַנאָוו זיינען פון 359 יוגנטלאַכע — 215 אַר־בעטלאָז און אָן קוואַליפיקאַציע (60%). אין באַראַנאָווקע פון 237 זיינען 105 אַרבעטלאָז (44.3%). אין ווינאָגראַד פון 236—160 אַרבעטלאָז (68%). אין טאַלנע פון קנאַפּע 1,000 העכער 600 אַר־בעטלאָז. אין כאַשטשעוואַטע פון 303 זיינען 130 אַרבעטלאָז. אין די באַריכטן פון די שטעטלאַך טשודנאָוו און יוזעפּאָוו ווערט אָנגע־וויזן: „כמעט די גאַנצע יוגנט איז אַרבעטלאָז" (דאָרטן, ז. 87).

דאָס איז געווען שוין אויפ'ן 12טן יאָר פון דער רעוואָלוציע. געוויס זיינען געווען אויך פּאָזיטיווע פּראָצעסן — מען איז איבער־געגאַנגען צו ערד־אַרבעט; מען איז געפאָרן אין די גרויסע שטעט און מען האָט זיך ווי ס'ניט איז אַריינגעריסן אין די פאַבּריקן; אין די שטעטלאַך גופא האָט מען אויך זיך צוגעשלאָגן צו נייע אַרבעטן. אָבער גראָדע אַרום די יאָרן 1927־1929 איז די לאַגע געוואָרן קאַטאַסטראָפאַל. ערשטנס, צוליב דעם מאַנגל אין רוי־מאַטעריאַלן האָט די קליין־אינדוסטריע און דער האַנטווערקער שרעקלאַך געליטן. צווייטנס איז דעמאָלט געגאַנגען די ליקווידאַציע פונ'ם האַנדל דורך

שטייערן און קאָנפיסקאַציעס. דריטנס, איז די איבערוואַנדערונג אין די גרויסע שטעט אויך דעמאָלט פאַרהאַלטן געוואָרן, ווייל ס'האָט זיך געבילדעט אין די גרויסע שטעט אַ ספּעציעל אידישע אַרבעט־לאָזיקייט פון די אָנגעלאָפענע עלעמענטן. ס'איז געווען נאַטירלאַך, אַז די אויפגעשטעלטע גרויס־אינדוסטריע זאָל פריער אַריינגעמען די אַרבעטלאָזע ניט־אידישע קוואַליפיצירטע אַרבעטער און אין דער צווייטער רייע די געזונטע דאָרפישע יוגנט, וועלכע האָט געשטראָמט אין גרויסע מאַסן אין די שטעט, און ערשט אין דער דריטער רייע די אידישע ניט־קוואַליפיצירטע פיזיש שוואַכע יוגנט. ס'איז נאָך געווען אַ תירוץ בײַ יענע דירעקטאָרן, וועלכע האָבן בכלל ניט גע־וואָלט צולאָזן קיין אידישע אַרבעטער, אַז די אידישע יוגנט שטאַמט פון דער מיטל־און קליין־בורזשואַזיע.

לאָמיר ברענגען נאָך אייניקע אויסצוגן, וועלכע וועלן אויספילן דאָס בילד פון דער עקאָנאָמישער לאַגע צו דער צייט, וועלכע מיר באַטראַכטן.

וועגן דעם זעלבן ווילנער קרייז, וועגן וועלכן מיר האָבן אויבן גערעט, שרייבט ווידער קיפּער: „די קוסטאַרן און בעלי־מלאכות מאַכן אויס קרוב 50% פון דער שטעטלדיקער באַפעלקערונג. אויב ביזן סוף 1927 האָט מען געקאָנט רעכענען, אַז זייער עקאָנאָמישע לאַגע איז לפי־ערך אַ ניש־קשה'דיקע מיט אַ טענדענץ צו פאַרבעסערן זיך, איז פאַר דער לעצטער צייט אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן מאַנגל אין רוי־וואַרג, ניט־איינגעאָרדנקייט פונ'ם אָפּזאַץ פון פאַרטיקע סחורות און מיט דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער ירידה פון שטעטל, די לאַגע פון די קוסטאַרן באַדייטנדיק פאַרערגערט געוואָרן. עס האָט זיך פאַרגרעסערט די אַרבעטלאָזיקייט צווישן די קוואַליפיצירטע קוס־טאַרן, די ניט־קוואַליפיצירטע הונגערן" (דאָרטן, ז. 60).

נאָך אינטערעסאַנטער איז דער באַריכט וועגן די שטעטלאַך אין קאַמענעץ־פּאָדאָלער קרייז: „די קוסטאַרישע אָרימקייט באַשטייט פון ווייניק־קוואַליפיצירטע קוסטאַרן, וואָס פאַרמאָגן ניט קיין שטענ־דיקע באַשטעלער, וואָס האָבן ניט קיין מעגלאַכקייט זיך באַזאָרגן מיט רוי־וואַרג און מיט די נויטיקע אינסטרומענטן. די דאָזיקע גרופּע מאַכט אויס אַן ערך 30־35 פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָל אידישע קוסטאַרן און בעלי־מלאכות. אין אייניקע צעכן (שניידער, שוסטער) בילדעט די אָרימקייט 75%" (דאָרטן, ז. 61).

מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז די אויבן געמאָלטע לאַגע איז נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ ראַדיקאַלער רעוואָלוציע, וועלכע דאָס אידי־שע שטעטל האָט געמוזט דורכמאַכן אין פּראָצעס פון צופּאַסן זיך צו די נייע סאָוועטישע באַדינגונגען. וועלן מיר זיך דאָ ניט פאַר־נעמען מיט דער פראַגע, אויף וויפיל די גאַנצע עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער סאָוועט־רעגירונג איז געווען אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט. מיר ווילן דאָ נאָר קאָנסטאַטירן, אַז אין די אומגעהויערע ליידן פון דער אידישער באַפעלקערונג זיינען געווען ניט ווייניק שולדיק די קאָמוניסטן בכלל און די אידישע קאָמוניסטן גאַנץ באַזונדערס.

צו דער באַטראַכטער צייט איז אין שטעטל געווען דער פּראָצענט אַרבעטער און אַנגעשטעלטע, דער הערשנדיקער סאָציאַלער קלאַס, ניט מער פון 20 ביז 25 פּראָצענט. די דאָזיקע קליינע גרופּע איז עקאָנאָ־מיש געווען פאַרזאָרגט מיט אַ מינימום, וואָס האָט קוים געקלעקט אויף ברויט, אָבער אויפ׳ן פּאָן פון דער אַלגעמיינער אָרימקייט האָט איר לאַגע אויסגעזען ווי פון דער אַריסטאָקראַטיע פון שטעטל. חוץ דער בעסערער עקאָנאָמישער לאַגע איז די דאָזיקע גרופּע געווען פּאָליטיש די הערשנדיקע — פון איר מיט זיינען געקומען די מאַכט־אָרגאַנען און דער עיקר די שטייער־אַמטן. און טאַקע אין די שטייער־אַמטן אין די אידישע ראַיאָנען זיינען געזעסן כמעט אויסשליסלאַך אידן. איז חוץ וואָס אין די דאָזיקע אַמטן זיינען מערסטנטיילס גע־גאַנגען אָדער זיך אַריינגעריסן די ערגסטע אויסוואָורפן, איז די רעכטלאָזע לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג געווען אַזאַ, אַז דער אינספּעקטאָר־אויסוואָורף האָט געקאָנט רייסן אַ הויט, האָט געקאָנט זויגן דאָס בלוט פון אַן אָרעמער דערשלאָגענער מאַסע, וועלכע איז נאָך ניט געקומען צו זיך פון די פּאָגראָמען, פון די מגפות, פונ׳ם מיליטערישן קאָמוניזם און דער עיקר וועלכע האָט שוין גע־הונגערט העכער צען יאָר און האָט אַבסאָלוט ניט געוואוסט ווען זי וועט אַמאָל קומען צו אַ זיכער שטיקל ברויט. אָט די דאָזיקע פאַרפּייניקטע אויסגעמאַטערטע מאַסע האָט דער געזעץ געשטעלט אין אַ לאַגע, אַז דער פינאַנסאינספּעקטאָר (פינאַנץ־אינספּעקטאָר) האָט באַסור־מען די ממשלה איבער איר און האָט אויסגעפּילט אַ היילעקע קאָמו־ניסטישע אַרבעט דורך דעם, וואָס ער האָט ליקווידירט די „בורזשו־אַזיע". ניט נאָר דער הענדלער איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ „בור־זשוי", ווי אַ פיינטלאַכער קלאַס, נאָר אויך דער קוסטאָר, דער האַנט־ווערקער, אַלזאָ 75 פּראָצענט פון דער שטעטלשער באַפעלקערונג

האָט באַדאַרפט אויסגעראָטן ווערן, ניט פיזיש, נאָר מאַטעריעל. אָבער הונגער, וואָס ציט זיך לאַנגע יאָרן, ברענגט, מוז ברענגען צו פיזישן אונטערגאַנג.

די לאַגע איז סוף כל סוף געוואָרן אַזוי קאַטאַסטראָפאַל, אַז די העכערע מאַכט האָט זיך געכאַפּט, אַז זי האָט איבערגעגעבן אין די הענט פון פייניגער און בלוט־זויגער אַ דלות־מאַסע, וועלכע איז שוין אַזוי ארומגעפליקט געוואָרן, ניט נאָר פון פּאָגראָמען, נאָר אויך פון דער קאָמוניסטישער מאַכט, אַז וויטער ציען פון איר די קליי הייסט פשוט זי פיזיש פאַרניכטן. און מען האָט באַשטימט קאָמיסיעס צו שטודירן די לאַגע פון׳ם שטעטל און טאַקע פעסט־שטעלן די „נוצלאַכע" אַרבעט פון די פינאַנספעקטאָרן. מיר וועלן ברענגען עטלאַכע ציטאַטן פון די קאָמיסיע־באַריכטן. זיי זיינען ווערט פאַראייביגט צו ווערן פאַר די קומענדיקע דורות, וועלכע זאָלן וויסן, ווי מען האָט צען יאָר נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע נאָך אַלץ באַקעמפט דעם „קאַפּיטאַליזם" אין אידישן שטעטל.

„די באַפעלקערונג פאַרגלייכט די מעטאָדן פון אויפמאַנען די חובות און שטייערן צו דער טעטיקייט פון די באַנדיטן אין 1920. טאַבאַטשניק (פינאַנץ־אינספּעקטאָר אין פעלשטין — י. ל.) גייט אום פון שטוב צו שטוב און נעמט צו אַלץ, וואָס דאָרטן איז פאַראַן, אפילו די קישן פון אונטערן קאָפּ, מאַשינעס און אינסטרומענטן, אָפּנעמענדיק בא די בעלי־מלאכות די מעגלאַכקייט ניט נאָר פון צאָלן חובות, נאָר פון פאַרדינען אַ שטיקל ברויט". (דאָרטן, ז. 97).

דער מחבר גיט צו, אַז דאָס שטעטל פעלשטין האָט שטאַרק געליטן פון פּאָגראָמען — דאָרטן זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן מער פון 600 אידן. אָט איז אַ באַריכט וועגן דעם שטעטל קאַמענאַ־בראָד, וואָלינער קרייז:

„די פינאַנספעקטור גייט קיינמאָל ניט צו מענטשלאַך. די באַפעלקערונג וויזט אָן אויף אַ פאַל ווען די פינאַנספעקטור האָט אָפּגעשאַצט אַלע סחורות פון אַ הענדלער אין אַ סומע פון 17 רובל און האָט געפאָדערט שטייערן — 40 רובל. אַזוי ווי דער הענדלער האָט קיין 40 רובל ניט פאַרמאָגט, האָט אים דער ראַיאָנער געריכט פאַר׳משפט אויף 6 חדשים טורמע" (דאָרטן, ז. 99).

כדי דער לעזער זאָל ניט מיינען, אַז מיר האָבן געבראַכט אויס־נאַם־פאַלן, וועלכע זיינען ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר׳ן גאַנצן לאַנד, וועלן מיר ברענגען אַ קאָרעספּאָנדענץ פון „עמעס", וועלכע ווערט

אַלעמען איבערצייגן, אַז דאָס איז געווען די אַלגעמיינע פּאָליטיק. אמת, די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ געהערט צו אַביסל אַ שפּעטערדי־קער צייט, צום יאָר 1930, ווען ס'איז געווען אין גאַנצן ברען די דאָרפישע קאָלעקטיוויזאַציע און די אויסראָטונג פון בעל־גוף, און די אידישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן נעבאַך געהאַט ווייניק אידישע דאָרפישע בעלי־גופים, האָבן זיך גענומען צו די אידישע בעלי־מלאכות און רעשטלאַך פון קרעמער. זי באַליכט אָבער אויך די אַביסל פריערדיקע צייט. מיר ברענגען די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ ווי זי שטייט און גייט, מיט דער באָלשעוויסטישער אָרטאָגראַפיע, ווייל מיר האַלטן זי פאַר אַ היסטאָרישן דאָקומענט. זי איז אָנגע־פּיקעוועט מיט פאַקטן, אָנרופנדיק דערביי די שטעטלאַך און די נעמען פון די געליטענע. די קאָרעספּאָנדענץ איז געווען געדרוקט אין „עמעס" פון 12טן יוני, 1930. איר אינהאַלט איז פאָלגנדיקער:

דער „קאָפּשווינדל" דויערט נאָך

(אַ בריוו פון מינסק)

אין ווייסרוסלאַנד האָבן בעאיים דער עפּידעמיע פון „קאָפּ-שווינדל" די „קאָלעקטיוויזאַטאָרן" זיך אויסגעטיילט פון אַסאַך אַנדערע ערטער דערמיט, וואָס זיי האָבן געוואָלט מיט איין קלאַפּ „ליקווידירן דעם קאַפּיטאַליזם" אויך צווישן דער שטעטלדיקער באַפעלקערונג.

אָנגעהויבן האָט זיך אָט דער „ליקווידאַציע"-פּראָצעס אינם גרעסטן טייל שטעטלעך מיט „דורכוויסיקער מוניציפּאַליזירונג פון די הייזער", דערנאָך האָט מען אַנטבאַלעגופעוועט (ריכטיקער געזאָגט, „אַנטקאַפּצנט"). דערנאָך האָט מען (וועמען מע האָט ניט געקאָנט אַנטבאַלעגופעווען) באַשטייערט איבער די קויכעס, און צום סאָף — אָפּגענומען דאָס וואַלרעכט.

ניט געקוקט אַפן שטרענגן רעגירונגס-געזעץ, וועלכער פאַרבאָט מוניציפּאַליזירן הייזער, וואָס זיינען ווערט ווינציקער פון 5 טויזנט רובל, האָט מען דאָך אין אַ ריי שטעטלעך מוניציפּאַליזירט הייזער פון 2 טויזנט רובל, טויזנט און אַפילע ווינציקער דער ווערט.

אין פלעשטשעניץ, מינסקער קרייז, צום ביישפּיל, האָט מען לויטן געזעץ געמעגט מוניציפּאַליזירן בלויז זיבן הייזער און פונדעסטוועגן האָט מען צוגענומען אַלע 35. אַזאַ „דורכוויסיקע מוניציפּאַליזאַציע" איז אויך געווען אין קרייסק, אין האָראָדאָק (וויטעבסקער קרייז), אין קלימאָוויטש, אין קוידאָנאָוו און אין ליובאַן.

אין קלימאָוויטש האָט מען צוגענומען די הייזער באַ ראַטנער דעם אינוואַליד, באַ גיטע דער בלינדער, באַ באַנאַר דעם ראַטן-אָנגעשטעלטן, באַ מיסניקעוויטש דעם „דוואָרניק" און באַם גרעסטן טייל קוסטאַרן און אַלמאָנעס...

אָט איז פאַראַן אין קלימאָוויטש אַן אַלמאָנע מאַטיכאַווע. דער מאַן אירער איז געווען אַן אַרבעטער. האָט ער אויפגעבויט אַ שטוב און איז געשטאָרבן. איז באַ איר האָט מען „ליקווידירט דעם קאַפּיטאַליזם" אָף אַזאַ אויפן: פריער האָט מען צוגענומען די שטוב,

דערנאָך האָט מען זי איינגעאָרדנט פאַר אַ געפּעס-וועשערן אין אַ טיי-הויז און צום לעצט — אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט און אָפּגענומען דאָס וואַלרעכט, ווי בײַ אַ געוועזענער הויז-אייגנטימערן...

אין דעמזעלבן קלימאָוויטש (קלימאָוויטש רעכנט זיך פאַרן ערשטן ראַיאָן אין ווייסרוסלאַנד, וועלכער איז אַריבערגעגאַנגען אַף דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע) איז דאָ אַ פאָר פאָלק מיט צוויי קינדער. ער איז אַ „דוואָרניק” אין שפּיטאָל און זי — אַ סאַניטאַרקע. מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק האָבן זיי געקויפט פאַר אָפּגעשפּאָרטע קישקע-געלט פאַר עטלעכע הונדערט רובל אַ „שטוב”, וועלכע האָט זיך געהאַלטן אַף הינערשע פיסלעך. זיי אַליין האָבן די „שטוב” געבראַכט אין פולער אָרדענונג. יאָ, בעפּירעש אַליין. די סאַניטאַרקע איז נאָך דעמאָלט געווען אין 9-טן כוידעש, ווען זי פלעגט שלעפּן זאַמד אַף אונטערשיטן דעם פונדאַמענט און אַף פאַריכטן דעם אויוון. צוזאַמען מיטן מאַן האָט זי די ברעטער געזעגט. ביידע האָבן זיך געאייסיקט אַרום דער כורווע פון פינסטער ביז פינסטער, ביז מ'האָט פון דער „שטוב” געמאַכט אַ שטוב. נאָר... דאָס פאָר פאָלק האָט זיך לאַנג ניט באַנוצט מיט דער שטוב: זי איז אויך מוניציפּאַליזירט געוואָרן...

באַם לעזער קאָנען אַוודע אַרויפשווימען אַזוינע פראַגן: ערשטנס, ווי קאָן מען דאָס מוניציפּאַליזירן, לאָמיר זאָגן, אַ הויז פון טויזנט רובל? און, צווייטנס, ווי באַוואוסט מען עס אַזוי האָרעפּאַשניקעס און פאַריין-מיטגלידער?

אַף דער ערשטער פראַגע קאָן מען ענטפערן אָט וואָס: די אָרטיקע קאָמווירטן זײַנען מיטאַמאָל געוואָרן אַזעלכע „גוטע סאָכרים”, אַז טויזנטרובלדיקע הייזער האָבן זיי געשאַצט אין 5 טויזנט...

און וואָס אָנבאַלאַנגט די צווייטע פראַגע, וועלן מיר ענטפערן אויך מיט אַ פראַגע: „ווער האָט זיי געבעטן, די האָרעפּאַשניקעס, די אַלמאָנעס, די פאַריין-מיטגלידער און די אינוואַלידן האָבן אייגענע הייזער און אונטערהאַלטן דערמיט אונזער קלאַסן-סוינע מיטן אַלוועלטלעכן אימפּעריאַליזם?

גוט, אַ מיצווע אַף זיי!

דער „ניצאָכן”, וואָס די „ליקווידאַטאָרן פונם שטעטלדיקן קאַפּיטאַליזם” האָבן אָפּגעהאַלטן בײַ דער דורכויסיקער מוניציפּאַליזאַציע, האָט אויך באַגייסטערט אייניקע באַשטייערונגס-קאָמיסיעס און פינאַנץ-אינספּעקטאָרן. עס איז רעכט געווען, אַז איין זיצונג פון אַ באַשטייערונגס-קאָמיסיע זאָל פאַר איינע אָנדערהאַלבן שאָ „ליקווידירן” אַלע קוסטאַרן פון שטעטל.

עפּשער האָט מען זיי אַנטבאַלעגופּעוועט? כאָלילע! מ'האָט זיי נאָר באַשטייערט. אָבער דערפאַר באַשטייערט אַזוי, אַז די קוסטאַרן וועלן שוין פאַרזאָגן זייערע אור-אור-אייניקלעך צו „קוסטאַרעווען”...

אין פלעשטשעניץ האָט מען אַן אָרעמען קוסטאַר, וואָס מאַכט קוואַס, באַשטייערט אַף צוויי טויזנט רובל. אין קאָידאַנאָוו האָט מען באַשטייערט דעם סאַמע אָרעמען קאַצעוו פון שטעטל אַף דריי טויזנט רובל. אין ליובאַן האָט מען באַשטייערט דעם 60-יאָריקן פעדלער (קאַראָבייניק) יסראָעל עפּשטיינען אַף אָנדערהאַלבן טויזנט רובל. דער אַלטער פעדלערט שוין ניט העכער אַ יאָר צייט. נאָר וואָס? זיין ווייב באַקט ברויט. איז פון די ברויט נעמען זיך די גזיירעס אַפן „פעדלערס” קאָפּ.

און אַזוי ווי דער אַלטער האָט מער ווי דריי הונדערט רובל ניט געקאָנט צונויפקלייבן (שוין נאָכדעם, ווי ער האָט פאַרקויפט זיינע בעבעכעס), איז דעם 15-טן מאַי געווען דער געריכט, און מע האָט

דעם זאָקן פאַרמישפּעט צו אָנדערהאַלבן יאָר אויסבעסערונגס-הויז, ווי אַ „בייזוויליקן ניט-צאָלער”...

דער קאָידאַנאָווער פינאַנסינספּעקטאָר האָט אויסגערעכנט, אַז דער שטעטלדיקער שמיד, וועלכער אַרבעט אײנער אַליין, פאַרדינט דריי הונדערט רובל אַ כוידעש. (אַרויסגייענדיק פון אַזאַ פאַרדינסט, האָט ער אים באַשטייערט). פרעגט מען בײַ אים:

— כאַווער פינאַנסינספּעקטאָר, ווי קאָן ער עס פאַרדינען פון דער קוזניע אַליין דריי הונדערט רובל אַ כוידעש? איר האָט מיסטאָמע אַ טאָעס געהאַט.

דערזעען, אַז ס'איז טאַקע צו פיל, פאַרענטפערט ער זיך:

— ער האָט דאָך, דער שמיד, אַ גרויסע האַכנאָסע פון זיין סאָד אויך!

וואָס זשע איז דאָס פאַר אַ סאָד? אָ, זייער אַ וואַזשנער... 6 ביימער, וואָס וואַקסן אַרום זיין שטוב — דאָס איז דער „סאָד”. און אָט דעם „סאָד” האָט עס דער פינאַנסינספּעקטאָר פאַררעכנט דעם שמיד, ווי אַ ניט-האָרעפּאַשנע האַכנאָסע. איצטער, זעט איר שוין, אַז עס קומט אויס אי קוילעכדיק, אי שפּיציק!... נאָר דער שמיד האָט שוין פאַרלאָזן זיין האַמער מיט דער קוזניע...

איז שוין אַ וואונדער, וואָס נאָך אַזאַ באַשטייערונג האָבן מיר אַסאַך שטעטלעך, וואו די קוסטאַרן זייַנען אינגאַנצן אויסגעפּראָרן געוואָרן?...

דיזעלבע פאַרקריפלונגען און אויסקרימענישן פון דער קלאַסן-ליניע זייַנען באַגאַנגען אַסאַך וואַל-קאָמיסיעס אין די שטעטלעך. אין האָראָדאָק (וויטעבסקער קרייז), האָט מען ניט לאַנג פאַנאַנדערגעלאָזן אַ וואַל-קאָמיסיע, און איר אַרבעט איז אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ פאַרברעכערישע. דידאָזיקע קאָמיסיע האָט געפּאַסלט דאָס וואַלרעכט ניט נאָר בײַ אָרעמע האָרעפּאַשניקעס, זי האָט אַפילע ניט געשאַנעוועט קיין... טויטע, וואָס האָבן שוין צו 5—8 יאָריקע „סטאַזשן” פון יענער וועלט... די קאָמיסיע האָט זיי פּלוצים „מעאַכיע מייסים” געווען און אַריינגעשטעלט מיט די לעבעדיקע וואַל-געפאַסלטע אין איין ליסטע.

די צווייטע „אַווטאָריטעטע” קאָמיסיע פון זעלבן האָראָדאָק האָט בלויז פאַריכט איין פעלער, וואָס די ערשטע האָט געמאַכט: אויפגעשטעלט דאָס וואַלרעכט בײַ די... טויטע (די מייסים וועלן שוין זיין ליכטיקע בעטער פאַר דער קאָמיסיע...) און האַלב-טויטע: אַלטע לייט, קראַנקע און גלאַט שלימעזאַלניקעס...

עפשער זייַנען שוין איצט, ווען די עפּידעמיע פון „קאָפּשווינדל” איז אַריבער, די אַלע אויסקרימענישן און פאַרקריפלונגען צורעכט געמאַכט געוואָרן? צום גרויס באַדויערן, זייַנען דער גרעסטער טייל פאַקטן, וועגן וועלכע מיר שרייבן אין דעם בריוו, פאַרבליבן אַזוינע גרויזאַמע און שענדלעכע ביז הייַנטיקן טאָג. בלויז אין פלעשטשעניץ און אין קרייסק האָבן די אָרטיקע סאָוועטישע און פאַרטייאישע טוער באַלשעוויסטיש אָנערקענט זייערע פעלערן און האָבן זיי גלייך אָפּגעשאַפט.

אין די איבעריקע שטעטלעך, וועגן וועלכע דאָ גייט אַ רייד, האָט מען נאָך די פּאָליטישע אויסקרימענישן, וואָס גרענעצן זיך מיט פּאָשעטע פאַרברעכנס, ניט אויסגעלייבט. מעגלעך, אַז אין אייניקע שטעטלעך האָבן זיך די פאַרטיי-טוער געקלאַפט „אַלכעט” אַף זייערע זינד און מע האָט עפשער אויך אָנגענומען הייסע רעזאָלוציעס, וואו מע פאַראורטיילט די „לינקע” קנייטשן, אָבער... דערווייל איז דאָס נאָך אַלץ נאָר אַפן פּאַפּיר. אין בעסטן פאַל אײַלט מען זיך ניט

מיט אומקערן די הייזער, אַנטבאַלעבאָטעוועטע פאַרמעגן, דאָס וואָלרעכט און פאַרקלענערן די שטייערן בײַ די, קעגן וועמען מע האָט דאָס אַלץ אָפּגעטאָן אומגעזעצלעך.

אָט דער אַקשאַנעסדיקער גיט וועלן פאַריכטן די פאַרקריפּלונגען בענוויגייע דער שטעטלדיקער באַפעלקערונג איז דער בעסטער אויס־דרוק פונם „לינקן" אָפּנויג. די פּאַרטיי האָט מיט איר גאַנצער קאַטעגאָרישקייט ניט איינמאָל אונטערגעשטראָכן, אַז דעם לאָזונג צו ליקווידירן דאָס באַלעבאָטישקייט ווי אַ קלאַס, טאָר מען בשום אופן ניט פאַרשפּרייטן אַפילו אַף דער שטאָטישער און שטעטלדיקער בורזשואַזיע. און די שטעטלדיקע קוסטאַרן, אַלמאָנעס, אינוואַלידן און פאַריין־מיטגלידער טאָר מען דאָך אַוואַדע און אַוואַדע ניט ליקווידירן אַלס קלאַס.

מע מוז אָמשנעלסטן צורעכט מאַכן די „לינקע" קנייטשן — דאָס איז אַ דרינגענדיקער כייוו צום 16־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

יאַנקל רובענטשיק.

מיר האָבן ביז אַהער גערעדט וועגן דער לאַגע אין די שטעטלאַך. אָבער אין די שטעטלאַך האָט דאָך געלעבט נאָר איין דריטל פון דער אידישער באַפעלקערונג — ווי זשע איז געווען די לאַגע אין די שטעט און אין די גאָר גרויסע שטעט?

איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אין די שטעט און אין די גאָר גרויסע שטעט איז די לאַגע געווען בעסער, אָבער ניט פיל בעסער. דער פּראָצענט אַרבעטער און אָנגעשטעלטע האָט שוין דעמאָלט אין די שטעט אויסגעמאַכט בײַ אידן בערך 40, כמעט צוויי מאָל מער ווי אין די שטעטלאַך. אָבער די איבעריקע, העכער אַ העלפט, זיינען געווען הענדלער און בעלי־מלאכות און זייער לאַגע איז דאָרטן ניט געווען בעסער ווי אין דער פּראָווינץ. די זעלבע סיבות, וועלכע האָבן פאַרערגערט די לאַגע פון די נאָר וואָס דערמאָנטע סאָציאַלע גרופּעס אין דער פּראָווינץ, האָבן דאָך אויך געווירקט אין די גרויסע שטעט. מיר האָבן אויבן געבראַכט ידיעות, אַז אין קיעוו זיינען אין איין יאָר — 1928 — ליקווידירט געוואָרן 40 פּראָצענט קראָמען. און אַזוי איז געווען אין אַלע גרויסע שטעט. גיכער איז אָנצונעמען, אַז אין די גרויסע שטעט איז די ליקווידאַציע געגאַנגען נאָך אינ־טענסיווער, ווייל די מלוכה־מאַגאַזינען און די מלוכה'שע קאָאָפּע־ראַציע פון די גרויסע שטעט האָבן געהאַט אַ בעסערן צוטריט צו די שטאַטליכע פאַבריקן און האָבן גיכער באַקומען אַרטיקלען צום פאַר־קויף ווי די פּראָווינציעלע מלוכה־שע פאַרקויף־אָרגאַנען. דאָס זעלבע מוז מען זאָגן וועגן די בעלי־מלאכות — האָט געפעלט רוי־וואַרג, האָט די רעגירונג ניט געגעבן דעם פּריוואַטניק פון אירע סחורות און פון אירע רעזערוון, האָט דאָס געווירקט אין דער גרויסער שטאָט ניט שוואַכער ווי אין קליינעם שטעטל. ענדלאַך — דער שטייער־

שרויף; דער קאַמף מיט׳ן בעל־גוף; די אַנטאַייגנונג פון הייזער, הכלל אַלע די געזעצן און מיסברויכן, וועלכע האָבן רואינירט אין 1928 ניט דעם גרויס־קאַפּיטאַליזם, וועלכער איז שוין געלעגן גאַנצע צען יאָר ניין איילן אין דער ערד, נאָר דעם קליינעם מענטשעלע, דעם בודקע־קרעמער און דעם קוסטאַרניק, אַט די אַלע חורבן־גענג האָבן געבושעוועט אין דער גרויסער שטאָט פיל שאַרפער, ווי אין דער פּראָווינץ. אין דער לעצטער איז דער פינאַנצאינספּעקטאָר פאַרט אָפּט געווען אַ אייגענער מענטש, וועלכער האָט פאַרט געקאַנט חיימען און יאַנקלען און האָט גוט געוואוסט, אַז זיין קראָם אָדער וואַרשטאַט איז איינגאַנצן ניט ווערט וויפיל מען שטעלט אים שטייערן. אין דער גרויסער שטאָט איז דער מהלך צווישן שטייער־מאָנער און שטייער־געבער געווען גרעסער און דעריבער איז דער ערשטער געווען גרויזאַמער און עקשנות׳דיקער.

אָבער די גרויסע שטעט האָבן געליטן נאָך פון אַן אַנדער מכה — פון דער מכה אַרבעטלאָזיקייט. און די אידישע באַפעלקערונג האָט פון דער דאָזיקער מכה געליטן פיל מער. דאָס איז געווען אַן אַנדער סאָרט אַרבעטלאָזיקייט — מען איז געלאָפן פון דאָרף און שטעטל אין די שטעט אַריין. דאָרטן זיינען פאָרט געווען מער שאַנסן. דער צושטראָם איז אָבער אַ לאַנגע צייט געווען אַ סך גרעסער פון די טעמפּן פון וואוקס פון דער ווירטשאַפט. באַזונדערס שטאַרק איז געווען די דאָזיקע סתירה אין די יאָרן, וואָס מיר באַהאַנדלען איצטער — פון איין זייט אַ געוואַלדיקער שטראָם פון דאָרף און שטעטל אין די שטעט; פון דער צווייטער זייט אַ דוחק אין רוי־וואַרג, וואָס פאַרהאַלט דעם וואוקס פון דער אינדוסטריע און אַ שאַרפע פאַר־קירצונג פון שטאַטלאכן אַפּאַראַט, וואָס איז געהאַט שרעקלאַך גע־שוואָלן געוואָרן. רעלאַטיוו איז דער צושטראָם פון אידן פון דער פּראָווינץ, באַזונדערס פון יוגנט געווען שטאַרקער, ווי פון דאָרף. די לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג בכלל און באַזונדערס פון דער אידישער יוגנט איז געווען פיל טראַגישער. שנית, איז די אידישע באַפעלקערונג רירעוודיקער און באַוועגלאכער. אירע שאַנסן אָבער אויף געפינען אַרבעט זיינען געווען שוואַכער. אין דער גרויס־אינ־דוסטריע האָבן אידן ניט געהאַט קיין פאַרבינדונגען, קיין אָנהאַלט — מען האָט באַדאַרפט גוט האָרעווען און טאַקע געברויכן ממש גע־וואַלט, כדי צו שאַפן פלאַץ פאַר אידן אין דער גרויס־אינדוסטריע. די ניט־אידישע באַפעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן אַן אָפענעם ווידער־

שטאנד, און די סאוועטישע רעגירונג האט זיך דערמיט שטארק גערעכנט. ביז וואנען ס׳זיינען ניט אויסגעשעפּט געוואָרן די אַלטע רעזערוון פון ניט־אידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען אַנטלאָפן אין דאָרף אין די יאָרן פון מיליטערישן קאָמוניזם און האָבן זיך אָנגע־הויבן אומקערן נאָך דעם נעפּ, האָט די רעגירונג ניט געהאַלטן גאָר פאַר מעגלאך באַזעצן פלעצער מיט נייע עלעמענטן. און די אידן זיינען דאָך געווען נייע. אָבער די ניט־אידישע אַרבעטער האָבן אויף אַ נאַטירלאַכן אופן צוגעצויגן און אַריינגעצויגן אויף וואַקאַנטע פלע־צער זייערע דאָרפישע קרובים און באַקאַנטע, וועלכע זיינען געקומען אין די שטעט. ערשט ווען די אינדוסטריאַליזירונג האָט אָנגענומען טעמפּן ווען ס׳זיינען יאָרלאַך צוגעקומען הונדערטע טויזנטע אַרבעטער און אַלע אַמאָליקע רעזערוון זיינען שוין לאַנג געווען אויסגעשעפּט, אַלזאָ ערשט אַרום 1930־32 און שפּעטער — איז דאָס אַריינציען פון אידן אין דער גרויס־אינדוסטריע געוואָרן אַ גרינגע זאַך.

אין די יאָרן, וועלכע מיר באַהאַנדלען, איז טאַקע דער שטראָם פון אידן אין די גרויסע שטעט געווען זייער גרויס. אָט איז פאַר אַ ביישפּיל איין בינטל דאַטן. אין 12 שטעטלאך פון ווייס־רוסלאַנד, וועלכע זיינען אויסגעפאָרשט געוואָרן אין 1931, האָט זיך אַרויס־געשטעלט, אַז די אידישע באַפעלקערונג איז פון 1926 ביז 1931 געפאַלן פון 17,476 אויף 11,722, אַלזאָ אַ פאַרקלענערונג אויף גאַנצע 33 פּראָצענט. די ווייס־רוסישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַר־קלענערט אין די זעלבע שטעטלאך נאָר אויף 15 פּראָצענט.*) אמת, די אינטענסיווע איבערוואַנדערונג פון די קליינע שטעטלאך האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין 1929 און 1930, ווען דער פּראָצעס פון אַריינציען אידן אין דער אינדוסטריע האָט אָנגענומען אַ מאַסן כאַראַקטער. אַזוי זעען מיר, אַז פון 1872 איבערוואַנדערער פון די זעלבע שטעטלאך, וועגן וועלכע ס׳זיינען געזאַמלט געוואָרן ידיעות וועגן ציל פון זייער איבערוואַנדערונג, זיינען 199 אַרויסגעפאָרן ביז 1928 און די איבעריקע 1,673 זיינען אַרויסגעפאָרן אין דריי יאָר — פון 1929 ביז 1931.**)

מען איז אָבער געפאָרן גאַנץ אינטענסיוו אויך ביז 1928; מען האָט ניט גרינג געפונען אַרבעט און מען איז גאָר לאַנג אַרומ־

*) „אָקטאָבער" 5־טער אַפּריל, 1932, מינסק.
**) דאָרטן, 8־טער אַפּריל, 1932.

נעגאַנגען ליידיק. דאָס איז געווען אַן אַלגעמיינע מכה, און די אידי־שע איז געווען אַ סך גרעסער.

אין „פּראַוודאַ" פון 30־טן אָקטאָבער, 1926, געפינען מיר פּאָל־גענדע דאַטן וועגן דער ארבעטלאָזיקייט: אין 1924 זיינען געווען פאַררעגיסטרירטע מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען — 6,430,500; פון זיי ארבעטלאָזע — 671,000, אַלזאָ 10.5%. אין 1926 זיינען געווען מיטגלידער פון פאַראיינען — 8,768,200, אָבער ארבעטלאָזע שוין — 1,182,500, אַלזאָ שוין 13.5%. אין „פּראַוודאַ" פון 7־טן יוני, 1927, ווערט שוין אָנגעגעבן, אַז די צאָל פאַררעגיס־טרירטע ארבעטלאָזע באַטרעפט 1,428,000. אין איין יאָר זיינען צוגעקומען כמעט אַ פערטל מיליאָן ארבעטלאָזע. פאַר דריי יאָר זיינען צוגעקומען העכער 750 טויזנט ארבעטלאָזע. פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען? די „פּראַוודאַ" פון 7־טן יוני, 1927, דערקלערט דאָס: „צווישן די אָנגעשטעלטע איז דער וואוקס פון ארבעטלאָזע ארויסגערופן דורך די באַדייטנדיקע קירצונגען פון די שטאַטן פון די אַפּאַראַטן, דורך דער ליקווידאַציע פון פאַרשיידענע פאַרטרעטער־שאַפטן און קרעדיט־אַנשטאַלטן, דורך שליסן האַנדל־בערזעס און קירצן דעם מלוכה'שן האַנדל־אַפּאַראַט."

אָבער גראָדע צווישן די דאָזיקע אַלע אויסגערעכנטע קאַטע־גאָריעס אָנגעשטעלטע זיינען געווען זייער אַ סך אידן.

די „פּראַוודאַ" זאָגט ווייטער: „נאָר, געוויס, ניט צולעצט שפּילט דאָ אַ גרויסע ראָלע דער שטראָם פון דער איבעריקער באַפעלקערונג פון דאָרף." און די צייטונג ברענגט, אַז צווישן די פאַררעגיסטרירטע ארבעטלאָזע זיינען געווען „דערוואַקסענע, וועלכע האָבן נאָך ניט געאַרבעט פאַר לוין" — 218,525 און „יוגנטלאַכע, וועלכע האָבן נאָך ניט געאַרבעט פאַר לוין" — 141,399, צוזאַמען אַלזאָ — 359,924. אָט צווישן דער דאָזיקער גראַנדיעזער מאַסע פאַררעגיס־טרירטע ארבעטלאָזע, וועלכע האָבן נאָך קיינמאָל ניט געאַרבעט פאַר לוין, זיינען געווען זייער אַ סך אידן, גאָר, גאָר אַ סך אידן.

אָבער חוץ די פאַררעגיסטרירטע זיינען בײַ אידן געווען זייער אַ סך ניט־רעגיסטרירטע פּרנסה'לאָזע, וועלכע מען האָט גאָר ניט געוואָלט רעגיסטרירן אויף די בירזשעס. נאָר די פון ארבעטנדיקער אָפּשטאַמונג האָט מען רעגיסטרירט פאַר ארבעטלאָזע, וואָס ס'האָט געגעבן רעכט אויף מלוכה־שטיצע. בײַ אידן זיינען אָבער געווען מער אַזעלכע, וועלכע זיינען ניט געווען פון ארבעטנדיקן יחוס.

אַ געוויסע פאַרשטעלונג וועגן דער צאָל פּרנסה'לאָזע און אַרבעט־לאָזע אין די גרויסע שטעט באַ אידן, וועלן מיר באַקומען פון אַן אַרטיקל אין „עמעס" פון 13־טן יוני, 1930, וואו ס'ווערט טאַקע באַהאַנדלט אונזער טעמע. דאָרטן שטייט געשריבן:

„לויט גאַנץ גענויע אויסרעכענונגען פון אַ קאָמפּעטענטער צווישנאָמטליכער קאָמיסיע איז אין אָדעס פאַראַן אַ אידישע איבער־באַפעלקערונג (אייטאַליקס פון מיר — י. ל.) פון 30 טויזנט אַר־בעט־פייאיקע פּערזאָנען. פון זיי איז רעגיסטרירט אויף דער אַרבעט־בערזשע נאָר 12 טויזנט, אַלזאָ נאָר 40 פּראָצענט. צווישן דער ניט־אידישער באַפעלקערונג איז אויך פאַראַן 30 טויזנט איבערבאַפעלקע־רונג, אָבער פון זיי איז פאַררעגיסטרירט אויף דער בערזשע גאַנצע 27 טויזנט אָדער גאַנצע 90 פּראָצענט . . . צי רעדט עס ניט קלאָר וועגן דעם, אַז די אַלגעמיינע איבערבאַפעלקערונג איז גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער און האָט פאַר זיך אַנדערע, פיל לייכטערע וועגן איינצואָרדענען זיך? חוץ דעם ווייסן מיר דאָך פון דער טאָג־טעגלא־כער פּראַקטיק, אַז אָדעס, קיעוו, ניקאָלאַיעוו און א. וו., גיבן אונז גאַנץ היפּשע קאָנטינגענטן סיי פאַר איבערוואַנדערונג און סיי פאַר דער אינדוסטריע".

פון דער דאָזיקער ציטאַטע קאָנען מיר זייער אַ סך אָפּלערנען. אגב אורחא, דער אַרטיקל איז געשריבן פון י. קאַנטאָר, פון אַ קאָמו־ניסט, וועלכער איז געשטאַנען 15 יאָר אין צענטער פון דער אידישער קאָמוניסטישער אַרבעט און וועלכער האָט אָנגעשריבן עטלאַכע גאַנץ גוטע ביכער וועגן אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. די געבראַכטע דאַטן לערנען אונז פאָלגנדעס: אין אָדעס איז אין 1930 געווען העכסטנס אַרום 160 טויזנט אידן. דרייסיק טויזנט איבערבאַפעלקערונג פון אַרבעט־פייאיקע הייסט מינימום פון 70 ביז 80 טויזנט אידן, וועלכע האָבן ניט געהאַט פון וואָס צו לעבן, אַלזאָ בערך 45־50 פּראָצענט. דאָס איז געווען אין 1930, ווען די אינדוסטריאַליזירונג פון דער אידישער באַפעלקערונג איז שוין געווען אין גאַנג, ווען די לאַגע אין די שטעט האָט זיך בכלל פאַרבעסערט, ווען דער שטאַטלאַכער אַפּאַראַט איז ווידער שטאַרק געוואַקסן און איינגעשלונגען אַ סך מענטשן. אַרום 1928 איז די אידישע איבערבאַפעלקערונג אין די שטעט געווען מינימום 50 פּראָצענט.

דער נאָר וואָס ציטירטער מחבר זאָגט אין „עמעס" פון 7־טן יוני, 1930, פאָלגנדעס וועגן דער אַרבעטלאָזיקייט באַ אידן: „נעמען

מיר דעם פּראָצענט אַרבעטלאָזע צו דער גאַנצער עקאָנאָמיש־אַקטי־ווער באַפעלקערונג, באַקומען מיר, אַז ווען די אַרבעטלאָזע מאַכן אויס נאָר 1.02 פּראָצענט פון דער גאַנצער עקאָנאָמיש־אַקטיווער באַפעלקערונג, טרעפן אָן די אידישע אַרבעטלאָזע גאַנצע 9־8 פּראָצענט, אַכט מאָל מער (אייטאַליקס פון מיר — י. ל.). די אורזאַך פון׳ם באַזונדערס גרויסן פּראָצענט אַרבעטלאָזע בא אידן דאַרף געזוכט ווערן, ערשטנס, אין דעם, וואָס בא אידן איז זייער גרויס דער פּראָצענט אַזעלכע, וועלכע זיינען פאַרנומען אין דער קוסטאַר־אינדוסטריע. בא אידן — 26.5% פון אַלע אידישע אַרבעטער; בא דער גאַנצער באַפעלקערונג נאָר 6 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער, 4 מאָל ווייניקער, וואָס־זשע זיינען דאָס פאַר אַרבעטער? 75 פּראָ־צענט פון זיי זיינען פאַרנומען אין אינדוסטריע־צווייגן, וועלכע אַר־בעטן אויף דעפיציטן רויוואַרג״.

דער נאָר וואָס ציטירטער קאָמפּעטענטער קענער פון אידישן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד קומט אין 1930 צום אויספיר, אַז „די צאָל קאָנטיגענטן פאַר עקאָנאָמישער פאַרגעזונטערונגס־אַרבעט בא דער אידישער באַפעלקערונג אין אוקראַינע איז 380 טויזנט מענטשן״. עקאָנאָמישע פאַרגעזונטערונגס־אַרבעט — אַ שווערער טערמין. אויף פּשוט׳ן לשון הייסט עס, אַז אין 1930 זיינען נאָך געווען 380 טויזנט אידן אין אוקראַינע אין אַרבעט־פעיאיקן עלטער, וועלכע האָבן גאָר ניט געהאַט קיין פּרנסות אָדער זיי האָבן געהאַט צופעליקע פאַר־דיסנטלאַך אָדער זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט אומלעגאַלן האַנדל, וואָרום דער לעגאַלער האַנדל איז שוין דעמאָלט געווען כמעט אינגאַנצן ליקווידירט.

דאָס איז נאָר אין אוקראַינע. אין ווייס־רוסלאַנד האָט לויט דער דאָזיקער אויסרעכענונג באַדאַרפט זיין 95 טויזנט אַזעלכע אידן. אין גרויס־רוסלאַנד, וואוהין ס׳גייט אַריין אויך אַ גרויסער ראַיאָן פון אַמאָליקן תחום, דער אַזוי־גערופענער מערב־ראַיאָן, מינימום אויך 50 טויזנט, צוזאַמען אַלזאָ דעקלאַסירטע און האַלב־דעקלאַסירטע, וועלכע נויטיקן זיך אין שטענדיקער אַרבעט, אַרום 525 טויזנט אידן אין אַרבעט־פעיאיקן צושטאַנד. מיט די פאַמיליע־גלידער איז דאָס מינימום 1 מיליאָן מיט אַ פערטל נפשות.

אַזוי איז געווען די לאַגע אין 1930. אין 1928 איז די לאַגע געווען פיל, פיל ערגער און טראַגישער. אין 1928 זיינען געווען אַזעלכע אידן, וועלכע האָבן אָדער גאָר ניט געהאַט קיין פּרנסה אָדער האָבן

געלעבט פון צופעליקע, ניט־זיכערע, ניט־סטאַבילע און אָפט אויך ניט־לעגאַלע פרנסות מינימום איינס־און־אַ־האַלב מיליאָן נפשות. מען דאַרף רעכענען, אַז בערך אַ מיליאָן אידישע נפשות האָט געהונגערט אין בוכשטעבלאכן זין פון וואָרט, האָט געלעבט פון קרובים־הילף, פון מלוכה־שטיצע, פון ווינט ממש און אַ האַלבער מיליאָן האָט געהאַט אויף טרוקן ברויט, אָבער אונזיכער, ניט סטאַביל, מיט אַ אומרואיקן געוויסן, מיט אַ שטענדיקן פחד, אַז מאָרגן וועט מען בלייבן גאָר אָן ברויט אָדער מען וועט נאָך אַריינפאַלן אין טורמע און די פאַמיליע וועט גאָר בלייבן ווי אויפן וואַסער.

דער דאָזיקער מער ווי קאַטאַסטראָפאַלער צושטאַנד פון אַ גאַנצער העלפט פון דער אידישער באַפעלקערונג האָט ענדלאַך געצוואונגען די רעגירונגס־אָרגאַנען און די אידישע קאָמוניסטן זיך ענערגישער נעמען פאַר דער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, דער עיקר פאַר'ן אַריינציען אידן אין דער אינדוסטריע, וואָס האָט געעפנט אַ סך ברייטערע פּערספּעקטיוון, ווי די אַגראַריזאַציע, וועלכע האָט דאָך באַדייט פאַר אידן אַ טיפערן איבערברוך און איז בכלל געווען פאַרבונדן מיט אַ סך מער שוועריקייטן, ווי די אינדוסטריאַליזירונג.

1929 קאָן מען רעכענען פאַר אַ איבערברוך־יאָר אין לעבן פון די אידישע מאַסן אין סאָוועט־רוסלאַנד. 1929 — דאָס יאָר פון אָנהויב פון דער גרויסער אַלרוסישער אינדוסטריאַליזירונג איז אויך געוואָרן דאָס יאָר פון אינטענסיוון קאָנסטרוקטיוון איבערבוי פון אידישן לעבן, דאָס יאָר פון אינטענסיווערער לייזונג פון דער דעקלאַסירונג־פראַגע, פון דער דעקלאַסירונג־מכה, וועלכע האָט געדויערט גאַנצע 15 יאָר און וועלכע האָט געקאָסט דעם סאָוועטישן אידנטום אומצאָליקע קרבנות; קרבנות פיזישע, מאַטעריעלע, גייסטיקע, מאָראַלישע; קרבנות, וועלכע מען קאָן ניט איבערציילן און ניט איבערוועגן, וועלכע האָבן אָבער געוויס געלאָזט שפורן פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער אין סאָוועטישן אידנטום.

אין 1928 האָט די רוסישע פּראָדוקציע בערך דערגרייכט דעם צושטאַנד פון ערב דער וועלט־מלחמה. די אינדוסטריע איז געווען אויפגעשטעלט און אין איניקע צווייגן עטוואָס אַריבערגעשטיגן דעם מצב פון 1914. די שטאָטישע באַפעלקערונג איז ווידער געווען אויף דער מדרגה פון ערב דער וועלט־מלחמה. די ניט־אידישע באַפעלקערונג האָט כמעט ניט געהאַט קיין דעקלאַסירטע. דאָס שטאָטישע בירגערטום האָט בא דער ניט־אידישער באַפעלקערונג אויסגעמאַכט

אַ נישטיקע גרוים — ניט מער פון אַוועלכע 5 פּראָצענט. איז אַ טייל פון קליינבירגערטום אַוועק צוריק אין דאָרף, וואו ס'האָט געהאַט נאָך גאַנץ נאָענטע פאַרבינדונגען. אַ צווייטער טייל — דער גרויס־בירגערלאַכער און מיטל־בירגערלאַכער — האָט זיך איבערגעבעטן מיט דער באַלשעוויסטישער מאַכט און האָט זיך געוואָרפן אין די קאַנצעלאַריעס און אויף די ליבעראַלע פּראָפעסיעס. אַ טייל פון די קריסטלאַכע קוסטאַרן איז אַוועק אויף די פאַבריקן, וואו זיי האָבן געהאַט קרוב׳ישע און אַנדערע פאַרבינדונגען. דאָס לאַנד איז געווען שטאַרק פאַראָרימט און אָפּגעלאָזט, אָבער קיין דעקלאַסירטן־פראַגע אין זין פון מענטשן, וואָס זיצן אָן ברויט און זיי דראָט הונגער אין בוכשטעבליכן זין פון וואָרט איז אין לאַנד בכלל ניט געווען. ס'איז געווים געווען אַ גרויסע איבערבאַפעלקערונג אין דאָרף און די אַגראַר־פּראָדוקציע האָט זיך געקאָנט באַגיין מיט וויניקער מיליאָנען נפשות, אָבער דאָס איז געווען אַן אַלטע רוסישע מכה, צו וועלכער די דאָרפישע באַפעלקערונג האָט זיך ווי ס'ניט איז צוגעפּאַסט.

אויף דעם דאָזיקן מער אָדער וויניקער נאָרמאַלן און רעגו־לירטן פּאָן פון דער סאָוועטישער ווירטשאַפט האָט זיך באַזונדערס שאַרף אויסגעטיילט און געריסן די אויגן די אומנאָרמאַלע לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג. אַ גאַנצע העלפט פון דער דאָזיקער באַפעלקערונג איז געווען אויפ׳ן שוועל פון הונגער און דער עיקר אָן באַשעפטיקונגען, אַרויסגעשטויסענע, איבעריקע. צוצוהונגערן איז מען אין רוסלאַנד געוויינט געוואָרן און מיר האָבן אין די ערשטע קאַפּיטלאַך געוויזן, ווי אָרים די אידישע באַפעלקערונג איז געווען פאַר דער וועלט־מלחמה. אָבער זי איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אַרומיקער ווירטשאַפט. דאָ האָט זיך געשאַפן גאָר אַ באַזונדערס שאַרפע און אומנאָרמאַלע לאַגע. און אַזוי ווי אין אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד זיינען געווען אַ סך שטעט, וואו אידן האָבן אויסגעמאַכט אַ גאָר הויכן פּראָצענט, און נאָך מער זיינען געווען קליינע שטעטלאַך, וואו אידן האָבן אויסגעמאַכט אַ העלפט און צוויי־דריטל פון דער באַפעלקערונג, איז נאַטירלאַך, אַז די דאָזיקע פראַגע האָט געמוזט ווערן אַ מלוכה־פּראַגע.

מיר האָבן שוין פריער באַמערקט, אַז כאָטש די גאַנצע צייט איז געגאַנגען אַן אַריינדרינגען פון אידן אין די קלאַסן, וועלכע האָבן געהאַט אַ צוקונפט אין באַלשעוויסטישן עקאָנאָמישן סדר, איז דאָך דאָס אָפּשטאַרבן פון אידישע פּרנסות געווען גרעסער און די דעקלאַ־

סירונג האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. ערשט אין 1929 קומט אָן ערנסטער איבערברוך אין דער דאָזיקער לאַגע. ענדלאַך הויבן אָן די פּאָזיטיווע פּראָצעסן — די אַגראַריזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע — אַריבעריאָגן די חורבן־מאָמענטן. און אין משך פון בערך 5 יאָר ווערט די דעקלאַסירטן־פּראַגע געלייזט — געלייזט אין איר ערשטער עלעמענטאַרער פאָרם — די צאָל באַשעפטיקטע אידן בכלל ווערט פאַרגרעסערט און אַלע באַקומען אַרבעט, אַלע פאַרדינען, זיינען באַשעפטיקט. וויפיל מען פאַרדינט און ווי אַזוי ס'לעבט זיך — דאָס זיינען פראַגן, וועלכע גייען ניט אַריין אין די ראַמען פון אונזער אַרבעט. מיר פאַרנעמען זיך דאָ דער עיקר מיט דער אידישער לאַגע, אויף וויפיל זי איז אַ ספּעציפישע פראַגע. אויף וויפיל אידן זיינען איינגעגלידערט אין דער אַרומיקער ווירטשאַפט, שטאַרצן ניט אַרויס ווי אַן אומנאָרמאַלער קערפּער, ווערן ניט דיסקרימינירט און ניט אויסגעשלאָסן פון אַלע מלוכה'שע מיטלען און וועגן אויף צו פאַר־בעסערן די לאַגע פון דער באַפעלקערונג, אויף אַזוי פיל אינטערעסירט אונז ניט זייער לאַגע, ווייל זי איז דעמאָלט קיינמאָל ניט ערגער פון דער לאַגע פון די אַנטשפּרעכנדיקע קלאַסן בא דער אַרומיקער באַפעלקערונג, אויב ניט אפשר גאָר בעסער.

מיר זאָגן, אַז די דעקלאַסירטן־פּראַגע איז געלייזט געוואָרן אין איר ערשטער עלעמענטאַרער פאָרם. ווארום מען האָט זיך געוואָרפן אויף יעדן מין באַשעפטיקונג, ניט געקוקט צי מען איז באַרופן צו דער דאָזיקער אַרבעט און צי מען טויג צו איר. און אויך די אָרגאַנען, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער איינאָרדענונג פון אידן בא ערד אָדער אין דער אינדוסטריע, האָבן זיך אויך ווייניק גערעכנט מיט די מעלות אָדער חסרונות פון די איינגעאָרדנטע. מען האָט זיך דער עיקר געסטאַרעט צעשטופּן די דעקלאַסירטע, אבי פּטור ווערן פון זיי. און אַזוי ווי דער אַרומיקער כלי־קיבול איז גראָדע צו דער דאָזיקער צייט אומגעהויער אינטענסיוו געוואַקסן זיינען די מעגלאַכקייטן אויף צעשטופּן עטלאַכע הונדערט טויזנט דעקלאַסירטע אידן געווען גאַנץ ברייטע.

II

די „פּיאַטילעטקע“, אירע דער־גרייכונגען און אירע קרבנות.

נאָר איידער מיר גייען איבער צו די רעזולטאַטן פון דער לייזונג פון דער דעקלאַסירטן־פראַגע אין די יאָרן 1929 ביז בערך 1933 אָדער 1934, מוזן מיר זיך כאָטש קורץ אָפּשטעלן אויף דער אַנטוויקלונג פון סאָוועט־רוסלאַנד אין די דאָזיקע יאָרן. אַנדערש בלייבט די גאַנצע זאַך פּשוט ניט פאַרשטענדלאַך.

1929 איז דער אָנהויב פון דער באַרימט געוואָרענער „פּיאַטי־לעטקאַ.“ מאָלאָטאָוו, דער פאָרזיצער פון ראַט פון קאָמיסאַרן, איצט אויך דער קאָמיסאַר פאַר אויסערלאַכע ענינים, האָט שפּעטער דער־קלערט אין אַ רעדע: „מיר האָבן געלעבט נאָר מיט אונזערע בוי־אונגען. ווען מיר האָבן געטראַכט, האָבן מיר געטראַכט אין ציפער פון די דאָזיקע בויאונגען; ווען מיר האָבן גערעדט, האָבן מיר גערעדט נאָר וועגן די דאָזיקע בויאונגען; ווען מיר האָבן געהאַט זיצונגען האָט מען דעבאַטירט און פּאָלעמיזירט נאָר וועגן זיי: ווען מיר זיינען איינגעשלאָפן האָבן מיר אין חלום געזען נאָר די דאָזיקע בויאונגען“.

דאָס איז די בעסטע כאַראַקטעריסטיק פון די 5 יאָר פון דער ערשטער „פּיאַטילעטקאַ“ — דער מענטש, וואָס איז בּאַ די באָל־שעוויקעס די גאַנצע ציים ווייט ניט דאָס אויבערשטע פון שטויסל, איז געוואָרן דאָס ביליקסטע. אייזן, קוילן, שטאָל, לאָקאָמאָטיוון, פאַבריקן, מאָטאָרן, טראַקטאָרן, עלעקטריפיציטעט — ניט נאָר די צייטונגען זיינען געווען פול מיט פּראָיעקטן און שירים וועגן דער־גרייכונגען, איבעריאָגונגען און שטייגונגען, וואָס די וועלט האָט עס ניט געזען — אַבסאָלוט דאָס גאַנצע לאַנד, פון פויער ביז׳ן פּאָעט, אַלע, אַלע זיינען געווען פאַרכאַפּט ווי פון אַ פיבער. איצט איז איבעריק די פראַגע, צי לוינט זיך באַצאָלן מיט אַזוי פיל לעבנס און מיט אַזאַ באַגרעניצונג פון געברויך פון די נויטיקסטע לעבנס־מיטלען, שוין ניט ריידנדיק וועגן העכערע מענטשלאַכע קולטורעלע הצטרכות׳ן — די קרבנות זיינען געבראַכט געוואָרן, און רוסלאַנד איז אין איין צענדליק יאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן כמעט אין אַ אינ־דוסטריע־לאַנד.

לאָמיר ברייננען אייניקע ציפער, וועלכע וועלן כאַראַקטעריזירן דעם דאָזיקן שפּרונג פון אַ ריין־אַגראַר לאַנד אין אַ כמעט אינדוסטריע־לאַנד. דאָס וועט אונז מאַכן קלאָר, ווי ס'איז מעגלאַך געוואָרן אַריינשטופּן עטלאַכע הונדערט טויזנט דעקלאַסירטע אידן. מיר האָבן געוויזן פריער, אַז בערך אַ מיליאָן און אַ האַלב אידן זיינען געווען דעקלאַסירט — דאָס מאַכט בערך אַרום 600 טויזנט באַשעפטיקטע, עקאָנאָמיש־אַקטיווע. אָט די דאָזיקע 600 טויזנט אידן האָבן אין די 5 יאָר — פון 1929 ביז 1934 — געפונען אַרבעט אַלס באַאַמטע, אָנגעשטעלטע און אַרבעטער אין דער קאָלאָסאַל גע־וואַקסענער אינדוסטריע און אין דעם שטאַטליכן אַפּאַראַט, וועלכער איז נאָך אינטענסיווער געוואַקסן.

לאָמיר אָנהויבן פון'ם וואוקס פון דער שטאָטישער באַפעלקע־רונג. אין 1926 איז די שטאָטישע באַפעלקערונג אין סאָוועט־רוס־לאַנד געווען — 26 מיליאָן מיט 314 טויזנט; אין 1934 איז זי שוין געווען אַריבער 40 מיליאָן; און לויט דער ציילונג פון 1939 האָט זי באַטראָפן 55 מיליאָן מיט 909 טויזנט. אַלזאָ אין די ערשטע אַכט יאָר איז צוגעקומען אַריבער 14 מיליאָן שטאָטישע איינוואוינער און אין די שפּעטערדיקע 5 יאָר ווידער אַריבער 15 מיליאָן מענטשן. צוזאַמען אין אַזעלכע 13 יאָר אַ וואוקס פון דער שטאָטישער באַ־פעלקערונג אויף כמעט 30 מיליאָן מענטשן, אין דורכשניט יאָרליך בערך מער פון 2 מיליאָן.

שוין די דאָזיקע עטלאַכע ציפער קאָנען דערקלערן, ווי גרינג ס'איז געווען איינצושליסן די עטלאַכע הונדערט טויזנט אידן, אַז מען זאָל זיי גאָר ניט פילן. פון 30 מיליאָן צוגעקומענע שטאָטישע איינוואוינער זיינען ניט ווייניקער ווי 15 מיליאָן אַריין אין די פאַבריקן און קאָנצעלאַריעס — און די בערך 600 טויזנט אידן, וואָס זיינען מיטגעשלעפּט געוואָרן אין די קאָנצעלאַריעס און פאַבריקן, מאַכן אויס ניט מער פון אַזעלכע 2 פּראָצענט. באַ אַזאַ כלי־קיבול איז ווירקלאַך „ולא נודע כי באו אל קרבנה". ניט יעדער לאַנד אָבער, וואו ס'לעבן גרויסע אידישע מאַסן, פאַרמאָגט אַזאַ כלי־קיבול.

די שטאָטישע איינוואוינער האָבן אויסגעמאַכט אין רוסלאַנד: אין 1914, ערב דער וועלט־מלחמה, נאָר 18.4 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג; אין 1920 נאָך ווייניקער — 14.7 פּראָצענט; אין 1926 כמעט דערגרייכט דעם פאַר־מלחמה'דיקן צושטאַנד — 17.9 פּראָצענט; און אין 1939 האָט שוין דער דאָזיקער פּראָצענט

אויסגעמאַכט גאַנצע 32.8 פּראָצענט, כמעט אַ דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

די צוויי גרופּעס, וועלכע האָבן דער עיקר איינגעשלונגען די 600 טויזנט אידישע באַשעפטיקטע, האָבן זיך אַנטוויקלט אויף אַזאַ אופן: די צאָל אָנגעשטעלטע און באַאַמטע האָט באַטראָפן אין 1929 — 4 מיליאָן מיט 405 טויזנט; אין 1939 העכער 9 מיליאָן. די אינדוסטריע אַרבעטער האָבן באַטראָפן: אין 1929 — 7 מיליאָן מיט 762 טויזנט; אין 1939 שוין מער פון 17 מיליאָן. אַלזאָ ביידע סאָציאַלע גרופּעס האָבן זיך בערך פאַרטאָפּלט און אין אַלגעמיינעם זיינען צוגעקומען אַרום 14 מיליאָן באַשעפטיקטע אין די סאָציאַלע שיכטן, וועלכע האָבן דער עיקר איינגעזויגן דאָס ביסל אידן.

און אַט וואָס ס'איז באַשאַפן געוואָרן אין די עטלאַכע יאָר פון די „פּיאַטילעטקעס". עלעקטריציטעט איז פּראָדוצירט געוואָרן אין רוסלאַנד: אין יאָר 1913 נאָר 2 ביליאָן קילאָוואט — שעה'ן; אין 1928 נאָר 5 ביליאָן; אין 1932 שוין 13 ביליאָן; אין 1937 שוין 36 ביליאָן און אין 1939 אַריבער 50 ביליאָן. אַלזאָ אין פאַרגליך מיט 1928 אַ פאַרגרעסערונג אין 10 מאָל.

נאַפט איז פּראָדוצירט געוואָרן אין רוסלאַנד: אין יאָר 1913 נאָר 9 מיליאָן טאָן; אין 1928 קוים 11 מיליאָן טאָן, כמעט ניט מער ווי פאַר דער וועלט-מלחמה; אין 1932 שוין 21 מיליאָן טאָן און אין 1939 שוין אַריבער 40 מיליאָן טאָן.

קוילן איז פּראָדוצירט געוואָרן: אין 1913 נאָר 29 מיליאָן טאָן; אין 1928 קוים 35 מיליאָן טאָן, ניט קיין סך מער ווי פאַר דער מלחמה, אָבער אין 1932 שוין 64 מיליאָן טאָן און אין 1939 אַריבער 160 מיליאָן טאָן.

דער ווערט פון דער גאַנצער אינדוסטריע-פּראָדוקציע (אין רובלען פון פּרייז פון 1927) האָט באַטראָפן: אין 1928 נאָר 21 ביליאָן; אין 1932 שוין 45 ביליאָן, מער ווי פאַרטאָפּלט, און אין 1939 שוין 96 ביליאָן, אַלזאָ ווידער מער ווי פאַרדאָפּלט. אין איינע 11 יאָר האָט זיך די אינדוסטריע-פּראָדוקציע מער ווי פאַרפירפאַכט.

אין 1913 האָט זיך די גאַנצע פּראָדוקציע פון לאַנד געטיילט אויף אַזאַ אופן: 59.4 פּראָצענט די אַגראַר-פּראָדוקציע און נאָר 40.6 פּראָצענט די אינדוסטריע; אין 1939 שוין נאָר פאַרקערט: די אינדוסטריע-פּראָדוקציע מאַכט אויס 78 פּראָצענט פון דער גאַנצער פאָלקס-פּראָדוקציע און די אַגראַר-פּראָדוקציע נאָר 22 פּראָצענט.

מיר קאָנען, לײדער, דאָ װײטער ניט ברענגען קײן דאַטן, װאָס זאָלן אונז װײזן דעם קאָלאָסאַלן אַנטװיקלונגס־שפּרונג, װאָס סאָװעט־רוסלאַנד האָט געמאַכט אין אײן צענדליק יאָר. אָבער שױן די גע־בראַכטע דאַטן זײנען גענוג אױף געבן אַ פאָרשטעלונג װעגן דעם באַדן, אױף װעלכן די גאַנצע אַרײנפּאַסונג פון דער אידישער באַפעל־קערונג אין סאָװעט־רוסלאַנד איז פאָרגעקומען.

מיר קאָנען אױך דאָ זיך ניט פאַרנעמען מיט דער פראַגע װעגן פרײז מיט לעבנס און נױט, װאָס די גאַנצע רוסלענדישע באַפעלקער־רונג האָט באַצאָלט פאַר דעם דאָזיקן אינדוסטריאַליזירונג־שפּרונג. אײנס מוזן מיר זאָגן — ער איז געװען גאָר, גאָר גרױס. די צװאַנגס־קאָלעקטיװיזאַציע, װעלכע האָט געמאַכט מעגלאַך פאַר דער סאָװעטי־שער רעגירונג באַקומען האַלב־אומזיסטע אַרבעט פון צענדליקע מיליאָנען פױערים, האָט געקאָסט מיליאָנען לעבנס אין בוכשטעבלאַכן זין פון װאָרט.

העכער 40 פּראָצענט פון דער גאַנצער פאָלקס־הכנסה איז אַװעקגעגאַנגען אױף די אױבן דערמאָנטע בױאונגען און דאָס איז בײַ דער רוסישער קלײנער פאָלקס־הכנסה. קאָן מען זיך שױן פאָר־שטעלן װאָס ס'איז געבליבן פאַר'ן געברױך. דער שטאַט, דער אײנ־ציקער בעל־הבית איבער דעם רױװאַרג און איבער אַלע פאַבריקן, האָט געזאָרגט דער עיקר פאַר מאַשינעס און אינסטרומענטן און ניט פאַר אַ העמד אױפ'ן לײב אָדער אַ פּאָר שיך אױף די פיס.

טײלט מען די גאַנצע פאָלקס־פּראָדוקציע אױף געברױך־זאַכן און פּראָדוקציע־מיטלען, באַקומט מען אַזאַ ביז גאָר באַלערנדיק בילד:

	1913	1928	1932	1937	1942
1) פּראָדוקציע־מיטלען	47%	44%	62%	66%	70%
2) געברױך־זאַכן	53	56	38	34	30

די דאַטן פאַר'ן יאָר 1942 זײנען לױט דעם אױסגעאַרבעטן מלוכה־פּלאַן און געװיס װעט דאָס דורכגעפירט װערן. אַלזאָ, די פּראָדוקציע־מיטלען, װעלכע האָבן פאַר דער װעלט־מלחמה צוגענומען װײניקער פון אַ העלפט פון דער פאָלקס־פּראָדוקציע, זײנען דער־גאַנגען ביז צװײ דריטל. און שױן אין 1937 איז דער באַפעלקערונג אױף לעבן, זיך אָנטאָן, װאױנען א. אַז. װ. געבליבן קױם אַ דריטל אױפ'ן אָרט פון העכער אַ העלפט. אין 1942 װעט דער באַפעל־

קערונג אויף געברויך בלייבן נאָך ווייניקער — נאָר 30 פּראָצענט. זייער אַ גרויסער טייל פון דער ערשטער רובריק — פּראָדוקציע־מיטל — גייט אַוועק אויף מיליטערישע אויסגאַבן.

ליטעראַטור צו דעם דאָזיקן קאַפּיטל :

1) נ. א. באזילי, רוסלאַנד אונטער דער סאָוועטן־מאַכט (רוסיש), פּאַריז, 1937.

2) דער קלאַסן־באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג אין ססס"ר. אין 1913, 1928 און 1934, מאָלאָטאָוו'ס רעדע אויפ'ן קאָמוניסטישן קאָנגרעס אין 1935, „עמעס" 30־טער יאַנואַר.

3) י. יוריעווסקי, וועגן קלאַסן־און דעמאָגראַפישן באַשטאַנד פון סאָוועטרוסלאַנד (רוסיש), אין זשורנאַל „רוסקיא זאַפּיסקי", פּאַריז, 1938 ב. 7.

4) י. יוריעווסקי, וועגן דער דריטער פּיאַטילעטקאַ (רוסיש), אין זשורנאַל „רוסקיא זאַפּיסקי", פּאַריז, 1939, בוך 4.

5) „פּראַוודאַ", 2־טער יוני, 1939.

(דאָס יאָר 1913 איז אומעטום גענומען אין די גרעניצן פון נאָך דער דער וועלט־מלחמה).

12

פּראָדוקטיוויזאַציע אָדער ביוראָ־קראַטיזאַציע?

ניט צייט פון 1929 ביז 1939 ווערט אין סאָוועט־רוסלאַנד גערעכנט פאַר דער עפּאָכע פון פולער ליקווידאַציע פון די רעשטלאַך פון פריוואַטערווירטשאַפט און פון קאַפּיטאַליזם און פון פאַרוואַנדלען אַגראַר־רוסלאַנד אין אַ מאָדערנעם אינדוסטריע־שטאַט. דאָס דאָזיקע צענדליק יאָר קאָן געטיילט ווערן אין צוויי אָפּשניטן: פון 1929 ביז 1934 אָדער ביז 1935 איז געגאַנגען אַ פאַרביטערטער קאַמף דער עיקר אין דאָרף, אָבער אויך אין שטאָט; אַ קאַמף קעגן דעם דאָרפישן בעל־גוף, קעגן די לעצטע רעשטלאַך פון פריוואַטן האַנדל, קעגן די לעצטע פאַרמעגלאַכע בעלי־מלאכות. דער דאָזיקער קאַמף איז באַגלייט געוואָרן פון אַ הונגער, פון אַקטיווע ווידערשטאַנדן מצד דעם פויערטום, פון פאַסיוון ווידערשטאַנד מצד די לעצטע טרעגער פון פריוואַטער ווירטשאַפט אין שטאָט. דער קאַמף האָט געקאָסט גאָר, גאָר טייער — מען רעכנט, אַז ס'זיינען אויסגעהרג'עט געוואָרן און געשטאָרבן פון הונגער אַ פּאָר מיליאָן פויערים, — אָבער די באָלשעוויסטישע מאַכט איז געבליבן די זיגערין. צום יאָר 1935 איז דער קאַמף געווען פאַרענדיקט, און די מאַכט האָט געקאָנט זיך אָפּגעבן אינגאַנצן מיט קאָנסטרוקטיווער פּאָזיטיווער אויפבוי־אַרבעט, וועגן וועלכער מיר האָבן אין פריערדיקן קאַפּיטל גערעדט.

אויך בנוגע דער אידישער באַפעלקערונג קאָן דאָס דאָזיקע צענדליק יאָר געטיילט ווערן אין צוויי אָפּשניטן — ביז 1934 אָדער 1935 איז געגאַנגען די ליקווידאַציע פון די דעקלאַסירטע דורך קאָלאָניזאַציע און אינדוסטריאַליזירונג, וועגן וועלכע מיר וועלן רעדן אין ספּעציעלע קאַפּיטלאַך. פון 1935 גייט שוין די אַנטוויקלונג פון אידישן עקאָנאָמישן לעבן סטיכיש, אונטערגעוואָרפן נאָר די געזעצן פון אָפּקלייב און קאָנקורענץ.

ווארום אויך אין רוסלאַנד איז פאַראַן קאָנקורענץ — אויף אַ פאַבריק אַרבעטן טויזנטער אַרבעטער און נאָר צענדליקע רוקן זיך אַרויף אויף אַ העכערער טרעפּ, ווערן פירער פון אָפּטיילן, פאַרוואַל־טערס פון סעקציעס אָדער פון גאַנצע אונטערנעמונגען; אין אַ קאַנצעלאַריע פון אַ שטאָט־ראַט אַרבעטן הונדערטע באַאַמטע, אָבער

נאָר צענדליקע דערדינען זיך צו העכערע שטעלעס און צו בעסערע געהאַלטן און צו אַן אָנגעזעענערער געזעלשאַפטלאַכער לאַגע; אין אוניווערזיטעט לערנען זיך צענדליקע טויזנטע סטודענטן און נאָר הונדערטע בלייבן אויף גרייטן זיך צו פּראָפעסור און נאָר צענדליקע ווערן געשיקט קיין אויסלאַנד אויף ספּעציאַליזירן זיך און פאַרנעמען נאָך העכערע ווי פּראָפעסור שטעלעס; אין אַ פאַבריק־שולע לערנען זיך הונדערטער שילער, אָבער נאָר צענדליקע ווערן אויסגעקליבן אויף שיקן אין מיטעלע און העכערע טעכנישע שולן. מיר וואָלטן געקאָנט דאָס דאָזיקע צעטל נאָך ציען און ציען, ווארום אין יעדער אונטערנעמונג, אין יעדער קאַנצעלאַריע, אין יעדער אַנשטאַלט — הכלל אין גאַנצן סאָוועטישן לעבן איז ניטאָ קיין גלייכהייט. ניט נאָר ס'איז ניטאָ קיין גייסטיקע און געזעלשאַפטלאַכע גלייכהייט, נאָר ס'איז שוין לאַנג אויך ניטאָ קיין מאַטעריעלע גלייכהייט. דער דירעקטאָר אָדער אינזשענער פון זאַוואָד פאַרדינט דריי מאָל מער פונ'ם קוואַלי־פיצירטן אַרבעטער; דער לעצטער דריי מאָל אָדער צוויי מאָל מער פונ'ם שוואַרץ־אַרבעטער. און אַזוי איז דאָס אומעטום און איבעראַל. ס'זיינען אין רוסלאַנד ניט פאַראַן קיין קלאַסן אין קאַפּיטאַליסטישן זין — קלאַסן־באַזיצער פון פּראָדוקציע־מיטל און אַזעלכע, וועלכע פאַרמאָגן נאָר זייערע פיזישע אָדער גייסטיקע מוסקולן. ס'זיינען אָבער פאַראַן קלאַסן אָדער בעסער געזאָגט שיכטן פון פאַרשיידענעם מאַטעריעלן וואויל־שטאַנד, פון פאַרשיידענעם מאַכט־פאַרמעג און פון פאַרשיידענעם געזעלשאַפטלאַכן אָנזען. און זה בזה תלוי — דער דאָקטאָר פון שפּיטאָל פאַרדינט מער פונ'ם וועכטער ביים טויער, האָט מער מאַכט פון לעצטן און פאַרנעמט אין דער געזעלשאַפט אַן אָנגעזעענערן אָרט. דער דירעקטאָר פון פאַבריק האָט אַ גרעסערן געהאַלט פונ'ם שוואַרץ־אַרבעטער, האָט אַ סך מער מאַכט צו באַפעלן און לויט זיין מעמד אין דער געזעלשאַפט שטייט ער העכער.

אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, וואו ס'איז טאַקע ניטאָ קיין קאָנקורענץ צווישן אונטערנעמער אָדער סוחרים אויפ'ן אָפּזאַץ־מאַרק אָדער ביים איינקויף פון רויוואַרג, וואו ס'איז ניטאָ קיין קלאַסן־קאַמף, ווייל דער איינציקער בעל־הבית פון אַלע פּראָדוקציע־מיטלען איז דער שטאַט, און דער לעצטער דערלויבט ניט צו שטעלן אים פאָדערונגען וועגן העכערן דעם לוין אָדער פאַרבעסערן די היגיענישע באַדינגונגען בא דער אַרבעט, הכלל וועגן פאַרווענדן אַ גרעסערן חלק פון דער פאָלק־הכנסה אויף פאַרברויך־זאַכן און ניט אויף פּראָדוקציע־

מיטלען אָדער גאָר אויף מיליטערישע צוועקן — אַט אין דעם דאָזיקן רוסלאַנד איז פאַראַן אַ קאַמף פון מענטש צו מענטש : פאַר העכערע שטעלעס, פאַר העכערע אַרבעט־פּלעצער, דאָס הייסט, פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען, פאַר אַ באַקוועמערן לעבן, פאַר אַ גרעסערן חלק אין די פירנדיקע מאַכט־אָרגאַנען, פאַר אַן אָנגעזעענערע לאַגע אין דער געזעלשאַפט.

ס'איז געווען גאַנץ נאַטירלאַך, וואָס פון סאַמע אָנהויב פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָבן אידן, אַלס שטאָטישע מענטשן, אויסגעטיילט פון זייער סביבה אַ גרעסערן פּראָצענט קולטורעלע עלעמענטן, צוגעגרייטע און באַרופענע אויף פאַרנעמען אַ שטעלע אין אַ קאַנצעלאַריע אָדער אַנשטאַלט.

גיט מען נאָך צו, אַז אידן זיינען געווען אין צאַרישן רוסלאַנד די סאַמע רעכטלאָזעסטע נאַציאָנאַלע גרופּע ; אַז די גרויס־רוסישע אינטעליגענץ האָט אין דער ערשטער צייט באָיקאָטירט די באָלשעוויסטישע מאַכט ; אַז אין די פּעריפעריע־לענדער, ווי אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, איז בכלל דער פּראָצענט אינטעליגענץ באַ דער ניט־אידישער באַפעלקערונג געווען זייער אַ נידעריקער און אַז די באָלשעוויקעס, אַלס דער עיקר אַ גרויס־רוסישע פּאַרטיי, האָט געהאַט צו דער אוקראַאינישער און ווייס־רוסישער אינטעליגענץ זייער ווייניק צוטרוי — נעמט מען די אַלע מאָמענטן אין אַכט, ווערט פאַרשטענדלאַך פאַרוואָס באַ אידן איז דער פּראָצענט אָנגעשטעלטע און באַאַמטע שוין אין 1926 געווען העכער ניט נאָר ווי באַ דער גאַנצער ארומיקער באַפעלקערונג, באַ וועלכער דער דאָרפישער טייל האָט אויסגעמאַכט העכער אַכציק פּראָצענט, נאָר אפילו אין פאַרגלייך נאָר מיט דער אַרומיקער שטאָטישער באַפעלקערונג. בפרט נאָך, אַז פאַר אָנגעשטעלטע אין די מלוכה'שע אויפקויף־און פאַרקויף־אָרגאַנען האָבן דאָך אידן געווים געהאַט אַ סך מער צוגעגרייטע און געניטע מענטשן, ווי די אַרומיקע ניט־אידישע באַפעלקערונג.

איז פון לכתחילה אָן האָט זיך געשאַפן אַזאַ מין לאַגע, אַז באַ אידן איז אויף איין פיזישן אַרבעטער געווען איינס־און־אַ־האַלב באַאַמטע און אָנגעשטעלטע און באַ ניט־אידן אויף איין פיזישן אַרבעטער נאָר 2/3 באַאַמטע און אָנגעשטעלטע. די דאָזיקע פּראָפּאָרץ האָט זיך געהאַלטן ביז אומגעפער 1934 אָדער 1935, ביז וואַנען דער צושטראָם פון אידישע דעקלאַסירטע אין די אַרבעטער־רייען האָט געטראָגן אַ מאַסן־כאַראַקטער ; ביז וואַנען די אידישע

דעקלאַסירטע האָבן צוגעשטעלט הונדערטע טויזנטע קאַנדידאַטן אויף באַשעפטיקונגען, און ס'האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן דעם, אַז די דאָזיקע מאַסן פון די קליינע שטעטלאַך, פון אידישן אָרימען קליינבירגערטום זאָלן צושטעלן נאָך אַ גרעסערן פּראָצענט באַאַמטע און אָנגעשטעלטע, ווי אין דער פּראָפּאָרץ פון איינס־און־אַ־האַלב גייסטיקע אַרבעטער אויף איין פיזישן.

מיט'ן מאָמענט אָבער ווי די דעקלאַסירטע מאַסע האָט זיך אויסגעשעפּט; ווי ס'איז שוין אונטערגעוואַקסן אַ אידישער דור, וועלכער האָט געלערנט אין דער סאָוועטישער שול אָדער איז גאָר געבוירן געוואָרן אויסערן תחום, אין מאָסקווע אָדער לענינגראַד; מיט'ן מאָמענט, ווי צענדליקע טויזנטע אידישע אַרבעטער האָבן שוין געהאַט אַ סטאַזש פון 10 אָדער מער יאָר אַרבעט אין אַ סאָוועטישער פאַבריק; מיט'ן מאָמענט ווי טויזנטע, צענדליקע טויזנטע אידישע יוגנטלאַכע זיינען דורכגעגאַנגען אַ פאַבריק־שולע און באַקומען אַ גוטע קוואַליפיקאַציע — מיט דעם מאָמענט הויבט זיך אָן אַ נייער צייט־אָפּשניט אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון סאָוועטישן אידנטום. ענדלאַך זיינען די באַדינגונגען אויף אַזוי פיל נאָרמאַליזירט געוואָרן, הן אין דעם גאַנצן עקאָנאָמישן אָרום און הן אין דער אידישער סביבה, אַז ס'האָט געקאָנט ווידער אָנהויבן ווירקן דער געזעץ פון אָפּקליב; דער געזעץ פון זיג פון קולטורעל שטאַרקערן איבער דעם שוואַכערן. ענדלאַך האָט דער געזעץ געקאָנט אַנטפּלעקן ניט נאָר די נאָר וואָס באַקומענע קענטניסן, נאָר אויך די גע'ירשנ'טע פיאיקייטן און טאַלאַנטן, געניטקייטן און טעכנישע איינגעשאַפטן, פסיכישע רירעוודיקייט, אַפּעטיט צו אַ העכערער פּאָזיציע און צו בעסערע לעבנס־באַדינגונגען, ענערגיע און עקשנות'דיקייט — אָט די אַלע מעלות פון אידישן מענטשן, וועלכע דער גלות האָט אין אים אויסגעאַרבעט, האָבן באַקומען ענדלאַך ברייטערע מעגלאַכקייטן.

די פּראָלעטאַרישע עמאַנסיפּאַציע האָט פון אָנהויב אָן געעפנט גאָר ברייט טיר און טויער פאַר'ן אידן און אים געגעבן די פולע מעגלאַכקייט אויסצונוצן אַלע זיינע באַגאַבונגען און טאַלאַנטן — און דאָס איז געווען אַ טובה ניט נאָר פאַר די אידן, נאָר אויך פאַר'ן באָלשעוויסטישן רעזשים. מען קאָן דאָך ניט לייקענען, אַז אידן האָבן געשפּילט אַ גאָר באַדייטנדיקע ראָלע אין דער ערשטער אָרגאַניזירונג פון די מאַכט־אָרגאַנען און גאַנץ באַזונדערס אין דער אָרגאַניזירונג פון די עקאָנאָמישע פונקציעס. ס'איז זייער וואַרשיינליך,

אַז אידן האָבן פאַרהאַלטן דעם רוסישן אַנאַרכיע־שטראָם, וואָס האָט געדראָט צו פאַרפּלייצן דאָס לאַנד נאָך מיט מער מאָרד און כאַאָס. אידן, אַלס אַ שטאָטישער עלעמענט, האָבן געצוימט דעם חורבן־אינסטינקט פון די רוסישע דאָרפישע מאַסן, פון די אייניקלאַך פון די סטענקאַ ראַזינס און פּוגאַטשאָווס, און אָפּגעראַטעוועט דאָס ביסעלע שטאָטישע קולטור, וואָס איז געווען אין צאַרישן רוסלאַנד. אין דער ערשטער צייט פון דער רעוואָלוציע זיינען נאָר איינצעלנע אידישע אינטעליגענטן, אַסימילירטע און אָפּגעריסענע פון אידישן פאָלק, צוגעשטאַנען צו דער דאָזיקער באַוועגונג, און די ברייטע אידישע מאַסן האָבן דערפילט די גאַנצע סכנה, וואָס שטעקט אין דער דאָזיקער באַוועגונג פאַר זייער עקזיסטענץ, און זי באַקעמפט; די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער, שטאָטישע, פּאָליטיש געשולטע אין גייסט פון די מערב־איראָפּעאישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונגען, האָבן ענערגיש באַקעמפט דעם באָלשעוויזם — דעם דאָזיקן ריין־רוסישן בונט — און רעוואָלט־אויפרייס. דאָס אַלץ האָט אָבער ניט געהאַט קיין נאָענטע שייכות צום פאַרנעמען פון פּאָסטנס און אמטן — דאָס איז געווען אַ ריין עקאָנאָמישע פראַגע, פריער פון אַלץ אַ ברויט־פראַגע, און גאַנץ באַזונדערס איז דאָס געוואָרן אַ ריין עקאָנאָמישע פראַגע נאָכדעם ווי די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט זיך פאַרפעסטיקט און באַזיגט אַלע אירע קעגנער און שונאים. בא דעם פעריאָד, בא וועלכן מיר האַלטן איצט, בא די יאָרן 1939-1935, האָט שוין געוויס געווירקט נאָר דער ריין־עקאָנאָמישער פאַקטאָר. און ס'איז קיין חידוש ניט, ס'איז אייגנטלאַך גאַנץ נאַטירלאַך און אַבסאָלוט נאָרמאַל, וואָס אידן האָבן אויסגענוצט די געשאַפענע פרייע און גינציקע באַדינגונגען און האָבן זיך אַ רוק געטאָן עטלאַכע טרעפּ העכער.

פון 1935 ביז 1939 איז קאָלאָסאַל געוואַקסן די צאָל אידן־אינטעליגענטן און אויך די צאָל אידישע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע. דער גאַנצער צוקום פון עקאָנאָמיש־אַקטיווע עלעמענטן בא אידן פאַר די דאָזיקע יאָרן איז אַוועק אין די דאָזיקע צוויי גרופּעס; גרופּעס, וועלכע פאַרנעמען געזעלשאַפטלאַך אַ העכערע טרעפּ און עקאָנאָמיש לעבן זיי אין בעסערע באַדינגונגען.

וואָלט זיך דאָס געהאַנדלט ניט וועגן אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער גרופּע, נאָר פּשוט וועגן שטאָטישע עלעמענטן, וועלכע יאָגן אַריבער זייערע אייגענע נאַציאָנאַלע ברידער פון דאָרף; וואָלט דאָ ניט געווען

די רייד וועגן אידן, וועלכע ווערן אויך אין סאָוועטישן לאַנד דער־קאַנט און באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק פון דער באַפעל־קערונג ווי קאָנטראַלירט און באַזונדערס אבסערווירט, וואָלט ווירקלאַך גאָר ניט געווען וועגן וואָס צו שמועסן — דאָס זיינען דאָך אָבער פאַרט אידן. און ווען ס'קומט צו אידן ווערן דאָך פילע נאַטירלאַכע און נאָרמאַלע זאַכן אומנאַטירלאַך און אומנאָרמאַל. און אַט דאָס דאָזיקע נאַטירלאַכע און נאָרמאַלע סאָציאַלע שטייגן פון די אידישע מאַסן אין סאָוועט־רוסלאַנד, אַ שטייגן טאָקע פון מער באַרופענע, פון דער פאַרגאַנגענהייט מער צוגעגרייטע, צוליב דער דורכגעמאַכטער פּראַקטיק געשיקטערע און טויגבאַרערע, פון דער ירושה באַלאַדענע מיט מער פּסיכישער רירעוודיקייט און עקשנות'דיקער ענערגיע — אַט דאָס אַבסאָלוט באַרעכטיקטע און פאַר דער זאַך זייער נוצליכע שטייגן טראָגט דאָך אין זיך גרויסע סכנות, וועגן וועלכע ס'ווילט זיך ניט קיין סך רעדן. הלוואי ס'זאָל קיינמאָל ניט קומען דערצו, אַז מען זאָל מוזן רעדן.

לאָמיר זיך אומקערן צו דעם ערשטן — צו דער ליקווידאַציע פונ'ם דעקלאַסירטן־הויקער, אַ הויקער אַ אַלט־טראַדיציאָנעלן, אַ אַלט־איינגעפונדעוועטן אויפ'ן אידישן קערפּער. שפּעטער וועלן מיר נאָך זען, צי איז דער דאָזיקער טראַדיציאָנעלער הויקער טאַקע מיט'ן וואָרצל אויסגעשניטן אָדער אויסגעשניטן אויף איין אָרט איז ער אפשר אויסגעוואָקסן אויף אַ צווייטן אָרט, וואו ער איז ניט ווייניקער געפערלאַך און טראָגט אין זיך יענע באַצילן פון קנאה־און שנאה, וועלכע האָבן פאַר'סמ'ט די בירגערלאַכע עמאַנסיפּאַציע.

דריי וועגן האָבן געפירט צו דער ליקווידאַציע פון דער דעקלאַ־סירטן־מכה. אַלע דריי זיינען געגאַנגען סטיכיש, אָבער זיי זיינען אויך אונטערגעשטופּט און אונטערגעטריבן געוואָרן פון דער באַל־שעוויסטישער רעגירונג, וועלכע האָט געפּרובט אריינטראָגן אין זיי זין און ציל, באַוואוסטזיניקייט און צוועקמעסיקייט, אָבער די סטיכיע האָט גובר געווען און כמעט ווי צונישט געמאַכט אַלע אָנגעמערקטע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע צוועקן און אידעאַלן.

די דריי וועגן זיינען געווען פאָלגנדיקע:

א) איבערוואַנדערונג — פון די געוועזענע תחום־גובערניעס מיט געדיכטע אידישע מאַסן אין די צענטראַל־רוסישע גובערניעס מיט קליינע שיטערע אידישע ישובים; איבערוואַנדערונג אין די גרעניצן פון די אַלטע היסטאָרישע אידישע קיבוצים פון די קליינע

שטעטלאך אין די גרויסע שטעט; ענדלאך איבערוואַנדערונג פון שטאָטישע טיפּן וואוין־ערטער אין דאָרפישע דורך לאַנדווירטשאַפט־לאַבער קאָלאָניזאַציע.

ב) קאָלאָניזאַציע — פאַרוואַנדלען גרויסע אידישע מאַסן, ניט ווייניקער פון אַ דריטל, אין לאַנדווירטשאַפטלאך־באַשעפטיקטע, דער־גרייכנדיק דורך דעם אַ טאָפּלטן ציל — עקאָנאָמישע אומשיכטונג, סאָציאַלע געזונטונג דורך פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיווע עלעמענטן באַ דער אידישער באַפעלקערונג און, שנית, שאַפן נאַציאָנאַלע ראַיאָנען און געגנט־צענטערן, וואו די אידישע קולטור זאָל זיין אין אַ גרעסערער מאָס איזאָלירט און אָפּגעטיילט פון דער קולטור פון אַן אַרומיקער מערהייט און באַקומען אַ גרעסערע אָביעקטיווע מעגלאַכקייט פאַר ווייטערער אַנטוויקלונג און וואַקסן.

ג) אינדוסטריאַליזירונג — אַריינציען וואָס מער אידן אין דער גרויס־און שווער־אינדוסטריע, מאַכן וואָס גרעסער דעם קוואַנטי־טאַטיוון טייל פון פיזישע אַרבעטער באַ אידן און, שנית, מאַכן קוואַליטאַטיוו דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט געזונטער און דיפערענ־צירטער, פאַרוואַנדלען אים פון אַ האַנטווערקעריש צעשאָטענעם אי־בער קליינע וואַרשטאַטלאך אין אַ גרויס־און שווער־אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. דאָס האָט מען געקאָנט דערגרייכן, ראשית, דורך אַריינשטופּן אידישע אַרבעטער אין אינדוסטריע־צווייגן, אין וועלכע אידן זיינען קיינמאָל ניט געווען באַשעפטיקט ווי מעטאַל־אינדוסטריע, אייזנבאַנען, קוילן־אינדוסטריע וכדומה; און דורך פאַרוואַנדלען די אינדוסטריע־צווייגן, אין וועלכע אידן זיינען מקדמונים באַשעפ־טיקט, ווי די שניידעריי, שוסטעריי, סטאָלעריי, בעקעריי וכדומה, אין מעכאַניזירטע און קאָנצענטרירטע.

די דאָזיקע דריי וועגן זיינען ניט פעסטגעזעצט געוואָרן פון וועמען ס׳ניט איז און זיינען ניט אויסגעאַרבעט און דורכגעאַרבעט געוואָרן דורך וועלכע ס׳ניט איז וויסנשאַפטלאכע אָדער פּאָליטישע אינסטיטוציע — זיי זיינען סטיכיש אויפגענומען געוואָרן פון דער אידישער מאַסע, וועלכע האָט זיך דערזען דורך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע באַדראָט אין איר קיום און וועלכע האָט זיך געוואָרפן אויף אַלע וועגן און אַלע מיטלען, כדי זיך צופּאַסן צו דער נייער אָרדענונג און זיך אַריינפּאַסן און אַריינגלידערן אין די נייע קלאַסן.

די אידישע סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט געשפּילט ניט קיין קליינע ראָלע אין אַרויסרוקן אין געוויסע

מאָמענטן די אָדער יענע וויכטיקע עקאָנאָמישע אויפגאַבן און זיי שטעלן פאַר די העכסטע מאַכט־אינסטאַנצן אַלס מלוכה׳שע אויפ־גאַבן, האָט ניט געהאַט ניט קיין פּראָגראַם און ניט קיין צילן, ניט קיין ספּעציעלע אידישע אידעאַלן און ניט קיין ספּעציעלע אידישע שטרעבונגען; זי האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך די געשעענישן, אויפ־כאַפּנדיק די אָדער יענע אונטערנעמונג און קאָנצענטרירנדיק אויף איר די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, אָבער ווידער אָן צענטראַלע קלאָר־אויסגעשפּראָכענע און קלאָר־פאָרמולירטע צילן און שטרעבונגען. בײַ קלײנע אידישע קאָמוניסטישע גרופּקעס האָבן אין הינטער־גרונט געוויס געווירקט און געהאַט אײַנפלוס באַשטימטע נאַציאָנאַלע צילן און אידעאַלן, אָבער ס׳האָט תמיד גובר געווען דער געפיל, וואָס האָט געהאַלטן אין זײַנע צוואַנגען אַלע אידישע קאָמוניסטן, אַבסאָלוט אָן אויסנאַם און אָן חילוק פון וואָסער אַ אידעאָלאָגישן חדר מען איז געקומען: פּחד, מורא באַשולדיקט צו ווערן אין אידישן נאַציאָ־נאַליזם, פאַרדעכטיקט צו ווערן אין ניט גענוגנדיקער באָלשעוויסטי־שער פרומקייט און אָרטאָדאָקסקייט.

פאַקטיש איז מען אייגנטלאַך געווען נאַציאָנאַל — אויף אַזוי פיל אויף וויפיל די ניי־געשאַפענע לעבנס־געביטן פון אידן טראָגן אין זיך גרייטע נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען. זיך שטעלן אָבער אַ גאַנצן נאַציאָנאַלן ציל, אַ ברייטן נאַציאָנאַלן אידעאַל אין די ראַמען פון סאָוועטישן לאַנד און לויט׳ן סאָוועטישן סדר, האָט מען מורא געהאַט. מען האָט געטריבן פון זיך דעם געדאַנק, אַז בײַ אידן טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן אויפ׳ן נאַטירלאַכן און נאָרמאַלן צעוואוקס פון די פאַראַנענע נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען אפילו אָדער דוקא בײַ די גינציקסטע באַדינגונגען; אַז דוקא בײַ די גינציקסטע באַדינגונגען וועלן זיי, די נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען, וואָס גיכער אָפּגעווישט און צעריבן ווערן און ניט זיך שטאַרקן און פעסטיקן — דעם געדאַנק, וועלכער האָט בלתי ספק געפּיקט אין מוח און געפּרעסט דאָס האַרץ ניט פון איין פירער פון דער אידסעקציע. דאָס האָט מען געקאָנט אַרויספילן פון אָפּגעריסענע און רמז׳דיקע פראַזעס און אַמאָל אויך פון גאַנץ קלאָרע דיבורים, ווי דער אַרטיקל אין „עמעס” ביים אָנהויב פון דער בירא־בידזשאַנער קאָלאָניזאַציע מיט׳ן נאָמען: „צו אַ אידיש לאַנד!” אָבער באַלד פלעגט מען זיך פאַרכאַפּן, זיך שלאָגן על חטא, וואָס מען איז פאַרלאָפן צו ווייט און פאַרבלאָנדזשעט גע־וואָרן אין נאַציאָנאַלן גאָרטן און דערפאַר אויסקויפן דעם חטא מיט

א דרייפאַכיקן קאַמף קעגן יעדער נאַציאָנאַלער אַקטיוויטעט. אזוי איז געווען מיט דער אידישער שול — אַ שטיקל צייט האָט מען געצוואונגען קינדער, וואָס זייער מוטער־שפּראַך איז געווען אידיש, צו באַזוכן אידישע שולן, אָבער באַלד האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דאָס הייסט דאָך קעמפן קעגן דער „נאַטירלאַכער" אַסימילאַציע און מען האָט אויפגעהויבן אַ קאַמף קעגן דער „שאָוויניסטישער צוואַנג־אידישיזאַציע". ס'האָט זיך תמיד געפונען אַ עין רואה, אַ וואַך אויג פון אַ פרומען און אויסגעהאַלטענעם מאַרקסיסט, וועלכער האָט אויפגעהויבן אַ געוואַלט, אַז דער רעוואָלוציע דראָט אַ געפערלאַכער „פּאַשיסטיש־רעאַקציאָנערער־קליינבירגערלאַכער אָפּ־נויג" און ס'פלעג אַוועק אַ סדרה מיט שלאָגן זיך עפנטלאַך על חטא און מיט באַקעמפן דעם „אָפּנויג" מיט אַ סך מער היץ און ברען, ווי פריער דאָס באַגיין דעם חטא.

קיין פּראָגראַם איז ניט געווען בנוגע דער אידישער פראַגע, ניט בא דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אודאי ניט בא דער אידי־שער סעקציע. נאָך וויניקער איז געווען בא עמיצן אין געדאַנק, אַז מען קאָן פאַרוואַנדלען די קאַטאַסטראָפע אין אַ ברכה.

גראָדע זיינען געווען אין סאָוועט־רוסלאַנד ווירקלאַך גאָר גלענ־צענדיקע, זעלטן־אויסנאַמישע באַדינגונגען אויף צו שאַפן אַ באָדן פאַר אַ פעסטן נאַציאָנאַלן בנין פאַר'ן סאָוועטישן אידנטום: אַ גרויסע דעקלאַסירטע מאַסע, וואָס איז גרייט צו גיין אויף די גרעסטע קרבנות; אַ סך לאַנד, דורכאויסיקע שטחים, פרוכטבאַרע, קיינעמס ניט, דער מלוכה'ס; אַ רעגירונג, וואָס איז גרייט צו שאַפן די בעסטע רעכטלאַכע באַדינגונגען, נויטיקע פאַר אַ גרויסן קאָנצענטרירטן אי־דישן ישוב; אַ רעגירונג, וואָס איז גרייט אויך פינאַנציעל זיך באַטייליקן מיט גאָר גרויסע סומען, כדי צו לייזן די דעקלאַסירטן־פראַגע; דאָס סאָוועטישע אידנטום איז געווען דער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט פון וועלט־אידנטום, וואָס איז געווען גרייט בייצושטייערן גאָר גרויסע סומען פאַר די נויטן פון די רוסישע אידן; ענדלאַך אַ גרויסע ירושה פון פראָגרעסיווער ענערגיע, אַקומו־לירט אין די אידישע אַרבעטער־מאַסן אין משך פון 30 יאָר אַר־בעטער־באַוועגונג; אויך אַ ירושה פון אַ מאָדערנער אידישער קולטור פון אַ גאַנץ הויכער מדרגה מיט אַ גרויסער מחנה אַקטיווע און באַגייסטערטע טרעגער פון דער דאָזיקער קולטור. ס'האָט ווירקלאַך גאָר געפעלט דער שם המפורש, כדי פונ'ם היסטאָרישן

ליים אויסקנעטן ניט קיין גולם, נאָר א לעבעדיקן נאַציאָנאַלן בנין. ליידער, האָט די היסטאָרישע סיטואַציע ניט געפונען קיין פּאַסיקע און עפּאָכע־דערוואַקסענע מענטשן, און די גאַנצע גרויסע דורכגע־מאַכטע עקאָנאָמישע אַרבעט, וועלכע האָט איינגעשלונגען קאָלאָסאַלע קרבנות, א קאָלאָסאַלע פאָלקס־ענערגיע, קאָלאָסאַלע מאַטעריעלע מיטלען, האָט ניט נאָר ניט געגעבן קיין אַדעקוואַטע רעזולטאַטן, נאָר האָט די גאַנצע צייט אָפּגעטראָטן פאַר'ן סטיכישן פּראָצעס, וועלכער האָט געפירט אויפ'ן אויסגעטראָטענעם גלות־וועג, געפירט און פאַרפירט . . .

וואָרום חוץ די פריער אויסגערעכנטע דריי וועגן, אין וועלכע די אידישע מאַסן האָבן זיך אָנגעכאַפּט, כדי זיך צו ראַטעווען פון הונגער־טויט, איז נאָך געווען א פערטער וועג, וועלכער איז מער פון אַלע אַנדערע געלעגן אויפ'ן היסטאָרישן שליאַך; וועלכער איז מער פון אַלע געווען אַן אָרגאַנישער המשך פון דורות; וועלכער איז דעריבער געווען דער גרינגסטער און פּאַסיקסטער. דערצו איז ער נאָך געווען דער בעסטער און לויבנאָרסטער מאַטעריאַל און שוין צוליב דעם דער צוציענדסטער און אָנגעלייגטערסטער. מיר מיינען די באַאַמטן־שטעלע.

מיט'ן אויפקומען פון באָלשעוויסטישן רעזשים איז דאָך געוואָרן א שפע אויף שטעלעס — אויף שטעלעס פון אַלערליי אַרטן: אויף זאָרגן פאַר'ן בירגער פון זיין עפענען די אויגן ביז זיין גיין שלאָפן. און ועד בכלל. מען האָט פון סאַמע אָנהויב פאַרשטאַטליכט און דאָס הייסט פאַרביוראָקראַטעוועט דאָס גאַנצע לעבן פון מענטשן. האָט מען ניט נאָר באַדאַרפט באַאַמטע אויף אָנפירן מיט'ן אַדמיניס־טראַטיוון אַפּאַראַט, מיט דער אַרמיי, מיט דער בילדונג, מיט דער אינדוסטריע, וועלכע איז געווען נאַציאָנאַליזירט ביז אין די וואַר־שטאַטן מיט איין שניידערשער מאַשין, נאָר מען האָט אויך באַ־דאַרפט אָנגעשטעלטע, וואָס זאָלן באַ די 150 מיליאָן בירגער צונויפנעמען אַלע פּראָדוצירטע פּראָדוקטן און די לעצטע צעטיילן צווישן די זעלבע 150 מיליאָן מענטשן. קאָן מען זיך שוין פאָר־שטעלן וואָס פאַר א כאַאָס דאָס אַלץ האָט אריינגעטראָגן אינ'ם לעבן פון גאַנצן לאַנד. און וואָס מער מען האָט געפּרובט דעם קנויל צעוויקלען מיט קליינע הנחות און קאָמפּראָמיסן, אַלץ מער האָט ער זיך פאַרוויקלט און פאַרפּלאָנטערט — אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז ביז איצט קאָן מען ניט אַרויסקריכן און אָרגאַניזירן מער אָדער

ווייניקער אַ מינימאַלע נאָרמאַלע באַפרידיקונג פון די עלעמענטאַרע באַדערפעניש פון דער באַפעלקערונג. פּלעג דער אַפּאַראַט אַלע צוויי יאָר געשוואָלן ווערן ביז אויפעסן כמעט דעם גרעסטן טייל פון דער פאָלקס־פּראָדוקציע, פלעגן זיך אַ שיט טאָן קירצונגען און שניידונגען. אָבער די קאָמיסיעס, וואָס האָבן באַדאַרפט דעם אַפּאַראַט קירצן, האָבן קאָמפּענסירט די שטעלעס נאָך מיט אַ עודף. אַזוי אַז סוף כל סוף איז די שטעלע געווען און געבליבן עד־היום די מאַטעריעל בעסטע און זיכערסטע פּרנסה ביים סאָוועטישן רעזשים.

פאַר'ן אידישן מענטשן — פאַר'ן געוועזענעם קרעמער, פאַבריקאַנט, זעלבשטענדיקן בעל־מלאכה; פאַר'ן געוועזענעם אפילו חזן אָדער שוחט, רב אָדער ישיבה־בחור; פאַר'ן געוועזענעם טאַטנ'ס אַ קינד, פאַר'ן קוואַליפיצירטן אַרבעטער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אַרבעט — אָט פאַר די אַלע עלעמענטן, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט ביז 80 פּראָצענט פון דער אידישער עקאָנאָמיש־אַקטיווער באַפעלקערונג, איז דאָך די שטעלע געווען די פּאַסיקסטע אַרבעט און די גרינגסטע נייע תורה: אין די אויפזאַמל־און צעטייל־אָרגאַנען בלתי ספק, אָבער אויך אין די קאַנצעלאַריעס, וואו ס'האָט זיך געפאָדערט קאָנען לייענען און שרייבן און אַביסל גייסטיקע רירעוודיקייט אויף קאָנען מאַניפּולירן מיט פּאַפּירלאַך, האָבן אידן, זעלבסטפאַרשטענדלאַך, זיך גיכער אָריענטירט — גיכער, ניט נאָר פונ'ם דאָרפישן זון פון פויער, נאָר אפילו פונ'ם ניט־אידישן שטאָטישן מענטשן.

די שטעלע איז דאָך געווען סאָציאַל און פּראָפעסיאָנעל, אָבער אויך פיזיש און פּסיכיש, די נאָענטסטע, די המשכ'דיקסטע, די קרובה'דיקסטע צו זיין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט און לכן די באַגערטעסטע און געוואונטשעסטע. זי האָט ניט געפאָדערט דעם טיפן פיזישן און פּסיכישן איבערברוך, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט'ן איבערגאַנג צו ערד־אַרבעט און צו אַרבעט אין דער גרויס־אינדוסטריע. און נאָך אַ זאַך, וואָס דאַרף גאָר ערנסט גענומען ווערן אין אַכט — די שטעלע איז ביים סאָוועטישן רעזשים דער געביט, וואָס גיט מאַקסימום שאַנסן אויף שטייגן, ניט נאָר סאָציאַל און געזעלשאַפטלאַך, נאָר אויך עקאָנאָמיש. די לעצטע צייט, ווען מען האָט געעפנט אַ קליין פריי טירעלע פאַר דער פּריוואַטער ווירטשאַפט

פונ׳ם פויער און פאַר׳ן פליים און שוויים פון אַרבעטער, זיינען אויפגעקומען „מיליאָנערן״ אין דער דאָזיקער סביבה. אָבער דאָך איז דאָס ניט קיין פאַרגלייך מיט די מעגלאַכקייטן פון שטייגן, וואָס זיינען אָפן פאַר אַן אַנגעשטעלטן און באַאַמטן. פערספּעקטיוון, האָפענונגען, העכערע טרעפּ אין צוקונפט — דאָס אַלץ שפּילט ביים אידישן מענטשן אַ סך אַ גרעסערע ראָלע, ווי ביים ניט־אידישן. בײַ פאַרשיידענע אידישע קלאַסן אין אַ פאַרשיידענער מאָס, אָבער בײַ יעדן אידישן קלאַס אין אַ גרעסערער פּראָפּאָרץ ווי ביים זעלבן קלאַס פון ניט־אידן.

איז די מלוכה־שטעלע אין ברייטסטן זין פון וואָרט — פון אַ משרת אין אַ מלוכה־קראָם ביז אַ פּראָפעסאָר אין אַן אוניווערזיטעט — די גאַנצע צייט געשטאַנען אין צענטער פון דער אָנגעשטריינגטער אויפמערקזאַמקייט פון יעדן סאָוועטישן אידן — פונ׳ם אינגסטן ביז׳ן עלטסטן, פונ׳ם נידעריקסטן ביז׳ן העכסטן.

גיט מען נאָך צו, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד איז 90 פּראָצענט אָדער נאָך מער פון דער אינטעליגענץ אויף מלוכה־שטעלעס, וועט ערשט ווערן קלאָר, ווי ווייט די שטעלע האָט געמוזט באַהערשן די פאַנטאַזיע פון יעדער אידישער מוטער, פון יעדן אידישן יונגן מענטשן. וואָרום אין פּרט פון שטייגן אויפ׳ן לייטער פון ליבעראַלע פּראָפעסיעס זיינען אין סאָוועט־רוסלאַנד באַשאַפן געוואָרן מעגלאַכ־קייטן, וועלכע די אידישע אָרעמקייט האָט קיינמאָל אפילו אין חלום ניט געזען. און אויב אין פּוילן, וואו מען האָט ניט געקאָנט ניט ווערן קיין פּראָפעסאָר, און ניט ווערן קיין גענעראַל, און ניט באַקומען קיין שטעלע אין אַ מלוכה׳שן שפּיטאָל, און ניט ווערן אַ פּראָקוראָר אָדער ריכטער, און מען פלעגט נאָך כאַפּן קלעפּ, זיינען נאָך ביז דער סאַמע לעצטער צייט געווען אידישע אַלמנות, וועלכע האָבן פאַרזעצט די קישעלאַך און געהאַלטן אַ זון אָדער אַ טאָכטער אין אוניווערזיטעט, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן ווי די אידישע גאַס פון סאָוועט־רוסלאַנד, וואו דאָס לערנען איז פריי און אומזיסט און מען באַקומט נאָך אויסהאַלט און די האָפענונגען אויף אַ שטעלע זיינען אומבאַגרעניצט, ווי דאַרטן מוזן אַלע אידישע מוחות, אַלע אידישע הערצער, אַלע אידישע נשמות זיין אין געפאַנגענשאַפט פון דער העכער בילדונג. און מען לויפט אין די אוניווערזיטעטן —

אין 1935 זיינען געווען סטודענטן פון הויך־שולן אויף טויזנט פון דער באַפעלקערונג פון יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע:

1) בײַ אידן 20.4%
2) בײַ רוסן 2.8
3) בײַ ווייס־רוסן 2.4
4) בײַ אוקראַאינער 2.0

לכן בײַ אידן מער — 7 מאָל מער, ווי בײַ רוסן; 8 מאָל מער ווי בײַ ווייס־רוסן; 10 מאָל מער ווי בײַ אוקראַאינער.*)

דאָס זיינען דאָטן פאַר'ן יאָר 1935 — שפּעטערדיקע דאָטן מוזן זיין נאָך איבערראַשנדיקער. ווייל ערשט נאָך 1935 ווען די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג איז שוין געוואָרן תושב'דיק, אויפ־געהערט אַרומלויפן און אַרומפּאָרן, אויפגעהערט צו בייטן, ניט נאָר די וואוין־ערטער, נאָר אויך די פּרנסות און באַשעפטיקונגען; ווען די עלעמענטאַרע זאָרגן פאַר'ן שטיקל ברויט זיינען שוין אָפּגעפאַלן, און קיין „לישענצעס" זיינען שוין מער ניט געווען, און די קינדער פון בורזשואַזער אָפּשטאַמונג זיינען געוואָרן גלייכבאַרעכטיקט — אָט ערשט דעמאָלט האָבן די באַקאַנטע אידישע אייגנשאַפטן — מעלות אָדער חסרונות, איז שווער צו פּסק'נען — געקאָנט קומען צום פולן אויסדרוק. ס'איז זייער וואַרשיינלאַך, אַז דער פּראָצענט אידן לגבי אַלע באַשעפטיקטע אין ליבעראַלע פּראָפעסיעס איז גראַדע אין די לעצטע יאָרן געפאַלן, ווייל די אַבסאָלוטע צאָל באַשעפּ־טיקטע אין ליבעראַלע פּראָפעסיעס איז אַזוי שטאַרק געוואַקסן; דער צושטראָם פון די דרייסיק מיליאָן שטאָטישע איינוואוינער האָט אויסגעטיילט פון זיך אַזוי פיל אינטעליגענץ, אַז דער אָנטייל פון אידן האָט געמוזט פאַלן. אונז אינטערעסירט אָבער דאָ דער עיקר די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער אידישער באַפעלקערונג פאַר זיך און אין דעם פּרט איז געוויס דער פּראָצענט ליבעראַלע פּראָ־פעסיעס געוואַקסן און באַדייטנדיק געוואַקסן.

אין 1927-28 איז געווען אין גאַנץ סאָוועט־רוסלאַנד 23,405 אידישע סטודענטן, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט 14.4% פון אַלע סטודענטן און אין 1935 איז שוין געווען 61,384 אידישע סטודענטן, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט 13.3%.**) אַלזאָ דער אָנטייל פון אידן

*) „יידישע עקאָנאָמיק", ווילנע, 1937, ז. 42.

**) „די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער וו. ק. פּ. (אַל־רוסישע קאָמו־ניסטישע פּאַרטיי) אין צאָלן". (רוסיש). מאָסקווע, 1930 און „די קולטור־בויאונג אין ס.ס.ר." (רוסיש). מאָסקווע, 1936.

האָט זיך פאַר די גענומענע 8 יאָר כמעט ניט געענדערט. אָבער די וואָג פון אינטעליגענץ אין דער סטרוקטור פון דער אידישער באַפעלקערונג האָט זיך מינימום צוויי מאָל פאַרגרעסערט. און ווען מיר זאָלן אָננעמען אפילו, וואָס ס'איז אַבסאָלוט אויסגעשלאָסן, אַז די צאָל אידישע סטודענטן איז פאַר די יאָרן פון 1935 ביז 1940 ניט געוואָקסן, זיינען אויך געווים צוגעקומען פאַר די עטלאכע יאָר ניט ווייניקער פון 70 ביז 75 טויזנט אידישע באַשעפטיקטע אין ליבעראַלע פּראָפעסיעס. אַזוי ווי אָבער די צאָל סטודענטן אין די סאָוועטישע אוניווערסיטעטן האָט זיך פאַר די לעצטע 5 יאָר פאַרטאָפּלט און שטייגט איצט אַריבער אַ מיליאָן סטודענטן, איז גאָר קיין ספק ניטאָ, אַז אויך די צאָל אידישע סטודענטן איז פאַר די דאָזיקע יאָרן, יאָרן פון פאַרהעלטניסמעסיק רואיקער און אינטענסיווער אַנטוויקלונג, שטאַרק געוואָקסן, און מיר האָבן איצט ניט ווייניקער פון הונדערט טויזנט אידישע סטודענטן אין סאָוועט־רוסלאַנד, וועלכע גיבן יאָרליך אַ צוּוואוקס פון בערך 20 טויזנט אידישע באַשעפטיקטע אין ליבעראַלע פּראָפעסיעס. מען דאַרף ניט פאַרגעסן אין דעם כלל, וואָס חזר'ט זיך איבער אַבסאָלוט אין אַלע לענדער פון דער וועלט, אַז בײַ אידן ענדיקן אוניווערסיטעט אַ העכערער פּראָצענט פון פּראָצענט אידן צווישן די סטודענטן, מחמת בײַ ניט־אידן דערשלעפּן ניט ביז'ן סוף קורס אַ סך מער, ווי בײַ אידן.

וואָס־זשע האָט זיך באַקומען? אידן, ווי אַלע מענטשן, גיכער, ענערגישער נאָך, זיינען געגאַנגען אויפ'ן וועג פון קלענסטן ווידערשטאַנד און פון גרעסטן דערפאָלג־צוזאָג — און דאָס איז געווען אין סאָוועט־רוסלאַנד דער וועג פון באַאַמטענטום און אינטעליגענץ. דער דאָזיקער וועג אָבער, וועלכער איז געווים דער בעסטער פאַר אידן־יחידים, פאַר יעדן אידן באַזונדער, איז געווים ניט גאָר גוט פאַר'ן סאָוועטישן אידישן כלל. דער דאָזיקער וועג האָט געמאַכט כמעט צונישט אַלע טרוימען וועגן דער גרינדלאַכער אומשיכטונג פון אידן; וועגן פאַרוואַנדלען אידן אין אַ פאָלק מיט אַ פּראָדוקטיווער מערהייט; וועגן שאַפן בײַ אידן אַ פּראָדוקטיוון באָדן פון לאַנדווירטשאַפטליכע עלעמענטן, וואָס זאָל טאַקע ניט זיין אַזוי ברייט, ווי בײַ דער אַרומיקער באַפעלקערונג, אָבער זאָל אויך ניט זיין אַזוי שרייענדיק און אַזוי אויגן־רייסנדיק קליין אין פאַרגלייך

מיט איר; וועגן נאָרמאַליזירן די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער אידישער באַפעלקערונג, כאָטש אין אַזאַ מאָס, אַז זי זאָל ניט אַזוי ארויסשטאַרצן און ניט אַזוי זיך אויסטיילן און אָפּשיידן פון גאַנצן ארום און דעריבער ניט אַזוי זיך וואַרפן אין די אויגן מיט אירע אייגנאַרטיקייטן — אייגנאַרטיקייטן, וועלכע מאַכן זי פּאַר אַ זאַך פון קנאה און שנאה.

וואָרום ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז איינע פון די סיבות פון'ם אַנטיסעמיטיזם, געוויס ניט די איינציקע, אָבער בלתי ספק די סאַמע וויכטיקסטע איז דאָס, וואָס אידן האָבן נאָך דער בירגערלאַכער עמאַנסיפּאַציע פאַרנומען אין אַ גרעסערער פּראָפּאָרץ ווי די ניט־אידישע באַפעלקערונג העכערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און פּראָנט־פּאָזיציעס; פּאָזיציעס, וועלכע גיבן ניט נאָר אַ בעסערע מאַטעריעלע לאַגע, נאָר אויך אַ העכערן אָנזען אין דער געזעלשאַפט, אַ העכערן געזעלשאַפטליכן מעמד, ווי ליבעראַלע פּראָפעסיעס בכלל און ליבע־ראַלע פּראָפעסיעס, וואָס וואַרפן זיך מער אין די אויגן — מעדיצין און אַדוואָקאַטור שפּילן געזעלשאַפטלאַך אַ סך אַ גרעסערע ראָלע, ווי אַגראָנאָמיע און כעמיע; פּראָפעסור און ליטעראַטור אַ פּיל גרעסערע, ווי טעכניק און מעכאַניק.

חוץ דער אינטעליגענץ איז בײַ אידן אין די לענדער פון מערב־אייראָפּע געווען גאָר גרויס דער פּראָצענט גרויס־און מיטל־בורזשואַזיע און געוויס האָט דאָס נאָך שטאַרקער אַפשר ווי די ערשטע גרופּע אויפגעריסן די אויגן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. מען קאָן געוויס ניט פאַרגלייכן די אידישע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע אין סאָוועט־רוסלאַנד מיט דער אידישער בורזשואַזיע אין דייטש־לאַנד, למשל. פון דער צווייטער זייט אָבער איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז אין די פאַבריקן פון אַ סאָציאַליסטישן לאַנד אַרבעטן ניט קיין מלאכים, נאָר מענטשן מיט אַלע מענטשלאַכע שוואַכקייטן און קליינ־ליכקייטן. און אויב אין אַ פאַבריק אין מאָסקווע זיינען פון 10 טויזנט פיזישע אַרבעטער פאַראַן 500 אידן, לכן 5 פּראָצענט; פון טויזנט אָנגעשטעלטע און באַאַמטע זיינען פאַראַן 250 אידן, לכן 25 פּראָצענט; און צווישן צען עלטסטע באַאַמטע — דירעקטאָרן און אינזשענערן — 5 אידן, לכן 50 פּראָצענט, וועט די ניט־אידישע אַרבעטער־מאַסע די אידישע פיזישע אַרבעטער גאָר ניט מערקן און

דער איינדרוק וועט געשאפן ווערן, אַז אידן קאָמאַנדעווען. און אויב ס׳וועט, חלילה, געשאפן ווערן אַ סיטואַציע, אַז עמיצן וועט לוינען אויפמערקזאַם מאַכן אויף דער דאָזיקער „אומנאָרמאַלער" לאַגע, אויף דעם דאָזיקן „פאַרכאַפּן" דורך אידן אויבערשטע פּאָזיציעס, איז פאַראַן אַ גענוג זאַפטיקער באָדן פאַר אַזאַ אַגיטאַציע. ווידער אַמאָל זיינען מיר דאָך שוין אַרויסגעוואַקסן פון די קינדערשע שיכלאָך פון׳ם סאָציאַליזם און פאַרשטייען, אַז אויך אין אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג וועלן מענטשן האָבן אַמביציעס און ליידנשאַפטן, און אַפּעטיטן, און שטייגונגס־שטרעבונגען, און לכן קנאה און שנאה.

אין פאָלגנדיקע צוויי טאַבעלעס גיבן מיר די סאָציאַלע סטרוקטור פון אידן און ניט־אידן אין פאַרשיידענע צייט־פּונקטן — דאָ באַקומען מיר אַ בילד, וואָס וואַרפט אַ העלן שיין הן אויף די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען בא אידן און ניט־אידן נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, און אויך אויף די טענדענצן, וועלכע האָבן זיך שוין גענוג אויסקריסטאַליזירט בא ביידע באַפעלקערונגס־גרופּעס.

די סאָציאַלע גלידערונג פון די עקאָנאָמיש־אַקטיווע בא אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד

סאָציאַלע גרופּעס	1934 אבס.	1934 %	1939 אבס.	1939 %
1) באַאַמטע און אַנגעשטעלטע	420,000	33.0	520,000	37.2
2) ליבעראַלע פּראָפעסיעס	100,000	7.8	180,000	12.8
3) פיזישע אַרבעטער	300,000	23.6	300,000	21.5
4) לאַנדווירטשאַפטליך באַשעפטיקטע	110,000	8.7	100,000	7.1
5) האַנטווערקער	210,000	16.6	200,000	14.3
6) הענדלער	30,000	2.5	——	—
7) אומבאַשטימטע	100,000	7.8	100,000	7.1
צוזאַמען	1,270,000	100.0	1,400,000	100.0

די סאָציאַלע גלידערונג פון די עקאָנאָמיש־אַקטיווע אין סאָוועט־רוסלאַנד (אין פּראָצענטן) *

א י ד ן

סאָציאַלע גרופּעס	1913	1934	1939
1) באַאַמטע און אָנגעשטעלטע	7.0%	33.0%	37.2%
2) ליבעראַלע פּראָפעסיעס	3.0	7.8	12.8
3) פיזישע אַרבעטער	20.0	23.6	21.5
4) לאַנדווירטשאַפטליך באַשעפטיקטע	2.0	8.7	7.1
5) זעלבשטענדיקע האַנטווערקער	27.0	16.6	14.3
6) זעלבשטענדיקע הענדלער	29.0	2.5	—
7) אומבאַשטימטע	12.0	7.8	7.1
צוזאַמען	100.0%	100.0%	100.0%

נ י ט א י ד ן

סאָציאַלע גרופּעס	1913	1934	1939
1) באַאַמטע און אָנגעשטעלטע	3.0%	5.4%	7.5%
2) ליבעראַלע פּראָפעסיעס	1.5	3.0	4.0
3) פיזישע אַרבעטער	7.0	16.5	21.0
4) לאַנדווירטשאַפטליך באַשעפטיקטע	82.0	66.7	63.0
5) זעלבשטענדיקע האַנטווערקער	2.0	3.0	2.5
6) זעלבשטענדיקע הענדלער	2.0	1.0	—
7) אומבאַשטימטע	2.5	4.4	2.0
צוזאַמען	100.0%	100.0%	100.0%

די דאָזיקע טאַבעלעס צעוויקלען פאַר אונז ניט נאָר דעם צו־שטאַנד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד נאָכ'ן איבער־

*) די דאָזיקע טאַבעלע איז צונויפגעשטעלט אין איר ניט-אידישן טייל אויפ'ן סמך פון די דאַטן, וואָס זיינען דערשינען אין „עמעס", 30-טן יאַנואַר, 1935 — די רעדע מאָלאָטאָוו'ס אויפ'ן קאָמוניסטישן קאָנגרעס, וואו מאָלאָטאָוו מאַכט אַ פאַרגלייך פון קלאַסן-באַשטאַנד פון דער רוסישער באַפעלקערונג אין 1913 און 1934; און פון י. יוריעווסקי אין „רוסקיא זאַפיסקי", 1938, בוך 7.
אין דער רובריק 5 (זעלבשטענדיקע האַנטווערקער) זיינען פאַר'ן יאָר 1913 אַריין אויך די פאַבריקאַנטן. אין דער רובריק 6 (זעלבשטענדיקע הענדלער) זיינען אַריין אויך אַלע סוחרים. דער אידישער טייל פון דער טאַבעלע איז לויט אונזערע שאַצונגען אויפ'ן סמך פון פאַר מלחמה'דיקע דאַטן און פון מאַטעריאַלן, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט אין דער קאָמוניסטישער ליטעראַטור.

קומען די אַלגעמיינע שווערע חבלי לידה פון באַלשעוויסטישן סדר און די ניט־ווייניקער שווערע געבורט־ווייען פון דער אידישער אריינ־פּאַסונג אין דאָזיקן סדר; ניט נאָר די שינוים, וואָס זיינען פאָרגע־קומען אין פאַרגלייך מיט דער לאַגע פאַר דער וועלט־מלחמה, נאָר אויך די צוקונפט־טענדענץ. און דאָס לעצטע איז דאָך דאָס וויכ־טיקסטע. דער פאַרגלייך מיט'ן עבר איז באַלערנדיק — אין דער צוקונפט־טענדענץ ליגט דער גורל פון סאָוועטישן אידנטום.

לאָמיר צוערשט זיך אָפּשטעלן אויף די דאַטן פון 1934, וועלכע פירן אונטער אַ סך הכל ניט נאָר דער סטיכישער צופּאַסונג פון די אידישע מאַסן צו די נייע באַלשעוויסטישע לעבנס־באַדינגונגען, נאָר אויך די אָנשטרענגונגען פון די קאָמוניסטישע אָרגאַנען און פון די אידישע אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס. האָט דאָך דאָס וועלט־אידנטום דורך דעם „אַגראָ־דזשאָינט", „אָרט", „איקאָ" און פילע קאָמוניסטישע קרייזלאַך ניט ווייניק דאָלער אריינגעלייגט אין דער אומשיכטונג פון סאָוועטישן אידנטום.

אויבן־אויף קאָן זיך דוכטן, אַז ס'איז פאָרגעקומען אַ געוואַלדיקע איבערקערעניש אין דער סאָציאַלער סטרוקטור פון סאָוועטישן אידנ־טום. דער קלאַס הענדלער איז ווי נעלם געוואָרן. און דאָס איז דאָך געווען דער הויפּט־הויקער פון מזרח־אייראָפּעאישן אידנטום בכלל. דער האַנטווערקער ווערט דאָך צוגערעכנט צו די פּראָדוקטיווע קלאַסן. אין 1913 האָבן די זעלבשטענדיקע הענדלער אויסגעמאַכט גאַנצע 29 פּראָצענט און אין 1934 נאָר 2.5%. אלזא דער סאַמע טיפּישער אידישער פּאַרמיטלער, דער סאַמע אויסגעשפּראָכענער פּאָרטרעטער פון אידישן יאַריד, פון דער צייט, ווען „אַ איד אויף אַ יאַריד איז ווי אַ פישעלע אין וואַסער" געווען, איז אויסגעגאַנגען אין די אָרימס פון דער באַלשעוויסטישער מאַכט. גוט — דאָס איז געוויס אַ דער־גרייכונג. די פראַגע איז נאָר, ווי טייער מען האָט באַצאָלט פאַר דער דאָזיקער אָפּעראַציע. אָבער טוט מען נאָר אַ קליינעם קראַץ אין דער ערשטער רובריק — אין אָפּטייל פון באַאַמטע און אָנגע־שטעלטע — און מיר וועלן געפינען די זעלבע אידישע קרעמער אָדער זייערע זין און טעכטער, וועלכע זיצן ווידער אין די קראָמען און פילן אויס אַבסאָלוט די זעלבע פונקציעס, כאָטש זיי טראָגן אַן אנדער נאָמען. געוויס איז זייער סאָציאַלע פּאָזיציע און זייער עקאָ־נאָמישע לאַגע אַ גאַנץ אַנדערע, און מיר לייקענען ניט, אַז דאָס איז ביז גאָר וויכטיק, אָבער די פונקציעס פילן זיי אויס די זעלבע. זיי

פילן אויס געזעלשאַפטליך נוצלאַכע פונקציעס, אָבער זיי געהערן פּאַרט ניט צו די פּראָדוצירנדיקע קלאַסן. באַאַמטע און אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט אין 1913 נאָר אַ פּערצענטל פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע אידן, מאַכן אויס אין 1934 אַ גאַנץ דריטל פון אַלע אידישע עקאָנאָמיש־אַקטיווע.

און ס׳קאָן זיין, אַז אַזאַ גרויסער פּראָצענט ווידער פּאַרמיטלערנ־דיקע, באַדינענדיקע עלעמענטן און ניט פּראָדוצירנדיקע איז ביים באָלשעוויסטישן סדר ניט קיין קלענערע סכנה, ווי די גרויסע צאָל פרייע קרעמער אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. געוויס ניט איצ־טער, ניט אין דער ערשטער סטאַדיע פון באָלשעוויסטישן סדר ווען יעדע קוואַליפיצירטע קראַפט, באַזונדערס אויפ׳ן באַדן פון אָרגאַני־זירן דעם פּאַרטייל־אַפּאַראַט, וואו די באָלשעוויסטישע אָרדענונג הינקט אַם שטאַרקסטן, איז שטאַרק געוואונטשן און הויך געשעצט. ס׳איז דאָך אָבער געווען אַ צייט ווען די אידישע סוחרישע רירעוו־דיקייט און קרעמערשע באַוועגלאַכקייט איז אויך ניט נאָר ניט געווען אומסימפּאַטיש, נאָר פּאַרקערט זי איז געווען געלויבט און הויך געשעצט — זי האָט דעמאָלט פאַרבונדן עק־וועלטן און צעוועקט די פּאַרבראויך־אַפּעטיטן פון מיליאָנען.

די פּאָזיטיווע דערגרייכונגען פון דער אומשיכטונג ליגן דער עיקר אין צוויי גרופּעס: אין דער אַרבעטער־גרופּע און אין דער לאַנדווירטשאַפטלאַכער. די לעצטע איז קוואַנטיטאַטיוו אויסגעוואָקסן שטאַרק. זי איז אומגעפער פאַרפירפאַכט געוואָרן. און אויך איר וואָג אין דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער אידישער באַפעלקערונג האָט זיך פּאַרפירפאַכט. אָבער ווי ווייט דאָס איז פון די צילן, וועלכע מען האָט זיך געשטעלט. מען האָט דאָך געטרוימט וועגן פאַרוואַנד־לען מינימום אַ דריטל פון דער אידישער באַפעלקערונג אין לאַנד־ווירטן. געבליבן שטיין איז מען באַ אַ צוועלפטל. און וואָסערע וואונדערבאַרע שאַנסן זיינען דאָרטן געווען אויף אויספילן די פּראָגראַם. שאַנסן תרתי משמע:

אי די צרות, וואָס טרייבן מענטשן אויף צופאַסן זיך צו נייע לעבנס־און אַרבעטס־באַדינגונגען, אי די לאַנד־און פינאַנץ־מעגלאַכ־קייטן אויף פּאַרווירקלאַכן גרויסע צילן. די אויפגאַבע פון געזעל־שאַפטלאַכן באַוואוסטזיין באַשטייט דאָך אין דעם — אריינצוטראָגן אין די אָביעקטיווע פּראָצעסן העכערע צילן און שטרעבונגען און דורך דעם זיי אינטענסיווירן און פּאַרגרעסערן.

בא דער אַרבעטער־גרופּע איז מער באַדייטנדיק דער קוואַליטיווער שנוי, ווי דער קוואַנטיטאַטיווער — בעת אין 1913 איז די דאָזיקע גרופּע באַשטאַנען אין דער גרעסטער מאָס פון האַנטווערקער־געזעלן און האַנטווערקער־לערנאינגלאַך און פאַרשיידענע שוואַרץ־אַרבעטער, באַשטייט זי אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד פון אַרבעטער פון גרויסע מעכאַניזירטע פאַבריקן מיט אַ באַדייטנדיקן טייל אַרבעטער פון דער שווער־אינדוסטריע. אָבער אין וואָג אין דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער אידישער באַפעלקערונג איז דער צואוואוקס פון דער אַרבעטער־גרופּע גאָר ניט גרויס, אויף אַזעלכע 15 פּראָצענט. רעלאַטיוו לכן שפּילט די אַרבעטער־גרופּע אין 1934 ניט קיין סך גרעסערע ראָלע ווי אין 1913.

אויסגעוואַקסן גאָר שטאַרק איז די גרופּע ליבעראַלע פּראָפעסיעס — איר וואָג אין אידישן לעבן האָט זיך מער ווי פאַרצוויי־פאַכט: פון 3 פּראָצענט אין 1913 אויף 7.8% אין 1934.

די ראָלע פון די זעלבשטענדיקע האַנטווערקער איז געפאַלן, אָבער זי איז נאָך באַדייטנדיק. דאָס איז דאָס איינציקע ווינקעלע, וואו די פּריוואַטע ווירטשאַפט האָט נאָך אַ שטיקל קיום אין שטאַט און אידן האַלטן זיך פעסט און עקשנות'דיק פאַר דעם דאָזיקן געביט. דאָ גייען אַריין אויך אַלע קאָאָפּערירטע האַנטווערקער, וועלכע אַרבעטן פון מלוכה'שן רויוואַרג און פאַר דער מלוכה. פאַקטיש זיינען דאָס אַלזאָ אַרבעטער, נאָר היים־אַרבעטער. צווישן די דאָזיקע זיינען שוין פאַראַן גאָר אַ סך ניט בעלי־מלאכות, וועלכע פילן אויס אין די אַרטעלן (קאָאָפּעראַטיוון) די פונקציעס פון בוכהאַלטערס, קאַסירערס און אַנדערע אָרגאַניזיר־און אָנפיר־פונקציעס.

פאַרגלייכט מען די אידישע מיט דער ניט־אידישער באַפעלקערונג, וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז נאָך עד־היום טיילט אָפּ אַ גאַנצער תהום די אידישע פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג. בא ניט־אידן זיינען נאָך אַלץ צוויי דריטל פון דער באַפעלקערונג באַשעפטיקט אין דער לאַנד־ווירטשאַפט און בא אידן נאָר איין צוועלפטל. דאָס איז דער גרונט־חילוק. און בעת בא אידן איז די וואָג פון דער לאַנדווירטשאַפטלאַכער גרופּע אין פאַרגלייך מיט 1913 געשטיגן מער ווי 4 מאָל, איז זי בא דער ניט־אידישער באַפעלקערונג געפאַלן כמעט אויף אַ פערטל.

אין דעם דאָזיקן לעצטן פאַקט ליגט אַ גרויסע סאָציאָלאָגישע רעטעניש, וועלכע איז פון אַ דאַמע אין סאָוועט־רוסלאַנד פאָרמולירט

געוואָרן אין פּאָלגנדיקער קלאָץ־קשיה, וואָס זי האָט געשטעלט אַן אָנגעזעענעם אידישן קאָמוניסט: „פאַרוואָס שיקט מען די פּויערים אין די פּאַבריקן און זאָוואָדן און די אידן אויף ערד״?

לויט איר דאַמישן שכל קומט אויס, אַז אַ שטאָטישער מענטש איז אַ סך פּייאיקער צו אַרבעט אין אַ פאַבריק אײדער בײַ לאַנד־ווירטשאַפט און ס׳איז אַ פאַרלוסט פון געזעלשאַפטלאכער ענערגיע צו פאַרוואַנדלען אין פּויערים אידן, אויסגעשפּראָכענע שטאָטישע מענטשן, אַ פּאָר טויזנט יאָר אָפּגעריסענע פון ערד־אַרבעט; און געבוירענע פּויערים, צוגעוואָקסענע צום פּויערישן באָדן, אַריינגעוואָקסענע אין אַקער און שטאָל, אָפּרייסן פון זייער באַרופענער פּראָפעסיע און זיי שלעפּן אין שטאָט אויף צו פאַרוואַנדלען ערשט אין שטאָטישע מענטשן.

די אידישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן ניט אויפגעהערט צו טענה׳ן, אַז די אידישע פראַגע אין סאָוועט־רוסלאַנד איז גאָר ניט קיין נאַציאָנאַלע, נאָר אַ סאָציאַלע, האָבן זיך נעבאַך געוואָרגן מיט דער דאָזיקער ווייבערשער קשיה און מערסטנטיילס אויסגעמיטן זיך צו פאַרטראַכטן איבער דער דאָזיקער ווירקלאַך מאָדנע־משונה׳דיקער דערשיינונג.

איינער פון זיי, אַ מער דרייסטער און מאַרקסיסטיש־עקשנות׳דיקער, האָט זיך איינגעשטעלט און עפנטלאַך גענומען שטעלן די דאָזיקע קשיה און ער האָט אויך געפּרובט זי פאַרענטפערן. ער האָט אַזוי געשריבן:

„פון שטאַנדפּונקט פון ריכטיקער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, ריכטיקער אין מאַרקסיסטישן באַנעם, איז אין דער פראַגע ניטאָ קיין שום לעבערליכעס. די גאַנצע געזונטע באַפעלקערונג פון לאַנד דאַרף צוגעצויגן ווערן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט אויף אַ ראַציאָנעלסטן אופן, ד. ה., יעדער מענטש דאַרף אויסגענוצט ווערן דאָרטן, וואו ער קאָן ברייגנען מער נוצן (אייטאַליק פון מיר—י. ל.).

„עס וואָלט לעבערליך געווען (פון פּאָלקס־ווירטשאַפטלאכן שטאַנדפּונקט) צו שיקן אַ לערער אין פאַבריק, און דעם אַרבעטער צו לערנען קינדער.

„באַטראַכט זיך אָקאָרשט: דער איד איז אַ שטאָט־איינוואוינער; די אַבסאָלוטע מערהייט אידישע באַפעלקערונג לעבט פון לאַנג־אָן אין די שטעט. אַ גאַנץ היפּשער פּראָצענט — אין די גרויסע און גרעסטע שטעט. פאַרשטענדלאַך, אַז שטאָט־איינוואוינער זיינען ווײַ־

ניק־וואָס באַקאַנט מיט ערד־אַרבעט און קאָנען לייכטער פון אַלץ אַריינגעצויגן ווערן אין דער אינדוסטריע. אויב געזונט מאַכן, פאַרוואָס ניט געזונט מאַכן אויף אַ ראַציאָנעלן אופן? וואו איז דאָ דאָס לעכערליכע?" *)

די פראַגע איז דאָ קלאָר פאָרמולירט. און ס'איז זייער טשיקאַווע, ווי אַ קאָמוניסט דרייט זיך אַרויס פון דער דאָזיקער ביטערער קשיה. ער ענטפערט גאָר קלוג אָט ווי אַזוי:

„לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז מיר פילן אויס די וואונטשן פון דער דאָזיקער דאַמע — מיר שיקן די אידן אין די זאַוואָדן און די פויערים לאָזן מיר איבער אויף ערד־אַרבעט; דאַן וואָלטן מיר באַקומען אַ פאַרשיידן נאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט און פויערטום און דאָס וואָלט זיך שלעכט אָפּגערופן אויף אונזער סאָציאַליסטישער בויאונג".**)

צוויי אומגעהויערע אַבסורדן אין איין פראַזע. אַבי זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט קיין וואָרט, אַז ס'איז דאָ אין סאָוועט־רוסלאַנד אַ אידישע פראַגע; אַז אידן אין רוסלאַנד, אין סאָוועטישן רוסלאַנד זיינען ניט נאָר בירגער פון סאָוועט־רוסלאַנד, ניט נאָר גלידער פון דער סאָוועטישער מלוכה, נאָר נאָך אידן, און אָט פון אַ ספּעציעלן אידישן שטאַנדפּונקט דאַרף מען שטאַטישע מענטשן פאַרוואַנדלען אין פויערים בעת מען פאַרוואַנדלט פויערים אין שטאָטישע מענטשן.

צוויי געוואַלדיקע אומגעלומפּערטע אַבסורדן: ראשית, אידן גיבן אינגאַנצן ערשט אין 1939 — 1 מיליאָן מיט 400 טויזנט עקאָנאָמיש־אַקטיווע. און ווען אפילו אַלע, אַבסאָלוט אַלע אידן וואָלטן געוואָרן אינדוסטריע־אַרבעטער, וואָלטן זיי נאָך אַלץ אויסגעמאַכט ווייניקער פון 10 פּראָצענט פון דער רוסלענדישער אַרבעטער־מאַסע, וועלכע באַטרעפט אַרום 17 מיליאָן. די הונדערט טויזנט אידן, וואָס מען האָט פאַרוואַנדלט אין פויערים, האָבן דאָ גאָר ווייניק געווירקט. שנית, פאַרוואָס וואָלט די סאָציאַליסטישע בויאונג פאַרלאָרן פון דעם, וואָס רוסן און אוקראַאינער וואָלטן געבליבן פויערים און אידן וואָלטן געווען אינדוסטריע־אַרבעטער? פונקט פאַרקערט: דאָס וואָלט דאַך געווען דער ראַציאָנעלסטער אופן — „יעדער מענטש דאַרף אויסגענוצט ווערן דאָרטן, וואו מען קאָן

*) אי. אי. ווייצבלוט, „אַגראַריזאַציע אָדער אינדוסטריאַליזאַציע". כאַרקאָוו, 1930, ז. 28-30.
**) דאָרטן.

ברייננען מער נוצן". און דער לאַנג־יאָריקער פויער וועט געווים זיין פּראָדוקטיווער אין דער לאַנדווירטשאַפט ווי די נעכטיקע קרעמער און כלי־קודש; און די שטאָטישע אידישע מענטשן וועלן געווים זיין נוצלאַכער בא אַ מאַשין, וואו ס'פּאָדערט זיך אַ קלעפּקע אין קאָפּ, ווי דער פויערשער פאַרשלאָפענער מוח.

דער אבסורד פון שיקן אידן אין דאָרף און פויערים אין שטאָט בלייבט ניט נאָר פון ריין מאַרקסיסטישן שטאַנדפונקט אַן אבסורד, נאָר אויך פון שטאַנדפונקט פון שכל הישר. אָבער איך וואָלט נאָך אַנדערש פאָרמולירט די פראַגע: אַ סך נוצלאַכער ווי אין פאַבריק וואָלטן אידן געווען אין באַאַמטנטום, צווישן די אָנגעשטעלטע און אינטעליגענץ. אין די דאָזיקע געביטן האָבן אידן ווירקלאָך אַ גרויסע געניטקייט און אַ רייכע ירושה. זיי זיינען דאָ אויפ'ן פּאַסיקסטן און פאַלגליך אויפ'ן פּראָדוקטיווסטן פּלאַץ. און אפילו אין דער דאָזיקער סאָציאַלער גרופּע, וועלכע איז קלענער פון דער גרופּע אינדוסטריע־אַרבעטער, וואָלט זיך ניט באַקומען אַזאַ לאַגע, אַז דער גאַנצער קלאַס באַאַמטע וואָלט צונויפגעפאַלן מיט איין נאַציאָנאַלער גרופּע — מיט דער אידישער. ס'זיינען פאַרנומען אין באַאַמטנטום, אריינגע־רעכנט אויך די אינטעליגענטע פּראָפעסיעס, ארום 10 מיליאָן מענטשן — און ווידער, ווען אפילו אַלע אידן וואָלטן געגאַנגען אין דער דאָזי־קער סאָציאַלער גרופּע, וואָלטן זיי העכסטנס אויסגעמאַכט אַ זיבעטל פון אַלע באַשעפטיקטע אין דער דאָזיקער גרופּע.

וואו איז דאָ, לכן, דער פאָלקס־ווירטשאַפטלאַכער שכל הישר, ווען מען נעמט פון דאָרף פויערשע קינדער מיט פויערשע קעפּ און מען מאַכט זיי פאַר דירעקטאָרן און פּראָפעסאָרן און מען נעמט שטאָטישע אידישע קינדער מיט אידישע קעפּ און מען שיקט זיי אין דאָרף, אין בעסטן פאַל אין פאַבריק?

מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג אָפּגעשטעלט אויף דער דאָזיקער פראַגע פון דער סאָוועטישער דאַמע, מחמת פון דער דאָזיקער טיפּי־שער דאַמע רעדט ארוים די אידישע גלות־סטיכיע, די סטיכיע פונ'ם אידישן יחיד, פונ'ם איינצעלנעם אידן, וועלכער קאָן ניט און וויל ניט שטעלן קיין פראַגן און זוכט דעם אויסגעריבענעם וועג, מעג דער דאָזיקער וועג זיין ווי שעדלאַך פאַר'ן אידישן כלל. די סתירה צווישן דעם יחיד און כלל, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַר'ן אידישן לאַנדלאָזן פאָלק, טרעט דאָ ארוים אין דער בולט'סטער פאָרם.

אין סאָוועטישן לאַנד, וואו די נאַציאָנאַלע גלייכבארעכטיקונג איז די אַבסאָלוטע, אָבער ניט נאָר אין זין פון לעבן, נאָר אויך אין זין פון אונטערגיין, פון אסימילאַציע; וואו דער מארקסיזם איז די הערשנדיקע טעאָריע, וואו לכן די סאָציאַלע ראַציאָנאַלקייט און סאָציאַלע פּראָדוקטיווקייט שטייט העכער פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן; וואו מען האָט מורא געהאַט, באַזונדערס אין די אידישע קאָמוניסטישע קרייזן צו שטעלן אָפן די אידישע פראַגע, אַלס א לאַנד־פראַגע, אַלס א טעריטאָריאַלע פראַגע — אפילו דאָרטן האָט מען שטיל־שווייגנדיק מיט דער אַגראַריזירונג און מיט דער אינדוסטריאַליזירונג אָנערקענט, אַז ס׳איז פאַראַן ניט נאָר א אידישע שפּראַך־פראַגע, נאָר א אידישע פראַגע בכלל, אין דעם ביז־איצטיקן אָנגענומענעם זין — אין זין פון דער לאַגע פון אידן צווישן פרעמדע פעלקער. אויב מען לייקענט, אַז מיט דער אַגראַריזירונג האָט מען געוואָלט שאַפן א באָדן פאַר א אידישן טעריטאָריאַלן צענטער צוליב ריין נאַציאָנאַלע מאָטיוון, איז מען דערמיט גופא מודה, אַז מען האָט מורא אפילו אין סאָוועט־רוסלאַנד, אַז אידן זאָלן פאַרנעמען נאָר העכערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, נאָר אָנגעזעענערע געזעלשאַפטלאַכע מעמד׳ס.

אָבער מיט מורא אליין קאָן מען נאָך ניט גובר זיין קיין געשיכטלאַכע סטיכיע. און די סטיכיע, וואָס איז די בעסטע און גרינגסטע פאַר׳ן אידישן יחיד, אָבער די ערגסטע און געפערלאכסטע פאַר׳ן אידישן כלל, טרייבט אהין, וואוהין די קאָמוניסטן האָבן ניט געוואָלט עס דערלאָזן. דאָס זעט מען פון די דאַטן פאַר׳ן יאָר 1939.

דער קלאַס באַאַמטע און אָנגעשטעלטע, איינגעשלאָסן די אינטעליגענץ, וועלכע איז דאָך כמעט אינגאַנצן אויף שטעלעס, מאַכט אויס בא אידן א גאַנצע העלפט פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע, ווען בא ניט־אידן באַטרעפט דער דאָזיקער קלאַס נאָר 11.5%, אַלזאָ פיר־און־א־האַלב מאָל ווייניקער. די אינטעליגענץ באַזונדערס גענומען מאַכט אויס בא אידן 12.8% און בא ניט־אידן נאָר 4.0%, אַלזאָ מער ווי דריי מאָל ווייניקער. די פאַרבאַאַמטנקייט פון דער אידישער באַפעלקערונג שניידט די אויגן, און איך האָב מורא, אַז זי שניידט ניט נאָר די אידישע אויגן, נאָר אויך די אויגן פון דער ארומיקער ניט־אידישער באַפעלקערונג.

פאַרגלייכט מען די דאַטן פון 1939 מיט 1913, זעט מען ערשט, אַז די אמת׳ע רעוואָלוציע אין דער אידישער עקאָנאָמיק ליגט ניט

אין די פּראָדוצירנדיקע קלאַסן, נאָר אין די ביוראָקראַטישע סאָציאַלע גרופּעס.

רעכנט מען די גרופּעס 3, 4 און 5 פאַר פּראָדוצירנדיקע, האָבן זיי אויסגעמאַכט אין 1913 גאַנצע 49 פּראָצענט און אין 1939 סך הכל 42.9%, ווייניקער מיט 6 פּונקטן. פאַרקערט די באַדינענדיקע און פאַרמיטלערנדיקע קלאַסן — די ערשטע צוויי סאָציאַלע גרופּעס און די זעקסטע — זיינען אויסגעוואַקסן פון 39 פּראָצענט אויף 50.

אויך בײַ ניט־אידן איז געפאַלן דער פּראָצענט פּראָדוצירנדיקע קלאַסן — אַרבעטער, פּויערים און האַנטווערקער, — אָבער ניט אין אַזאַ מאָס, ווי בײַ אידן.

חוץ דעם, איז דאָך פאַר ניט־אידן דער וועג פון פּראָדוצירנדיקע קלאַסן צו פאַרמיטלערנדיקע אַ סימן פון פּראָגרעס.

די טענדענץ גייט אין דער ריכטונג פון ירידה פון די פּראָדוצירנדיקע באַשעפטיקונגען — פון לאַנדווירטשאַפט, פון אינדוסטריע־אַרבעטער און פון האַנטווערקערטום — און פון וואוקס פון די ניט־פּראָדוצירנדיקע פּרנסות — באַאַמטנטום און אינטעליגענץ.

פאַרשטייט זיך, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד איז פאַראַן אַ גרויסע אידישע מאַסע און די טענדענץ פון שטייגן ביז העכסטע סאָציאַלע טרעפּ קאָן ניט אָננעמען אַזעלכע פאַרמען און מאָסן, ווי אין דייטשלאַנד, וואו ס'איז געווען זייער אַ קליינע גרופּע אידן. נעמט מען אָבער אין אַכט, אַז לגבי דער גאַנצער סאָוועטישער באַפעלקערונג מאַכן אידן אויס נאָר קנאַפּע 2 פּראָצענט; אַז זייער פּראָצענט אפילו אין די אַלטע ישובים איז די לעצטע יאָרן שטאַרק געפאַלן; אַז די טעמפּן פון וואוקס פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין סאָוועט־רוסלאַנד זיינען פיל אינטענסיווערע, ווי אין דייטשלאַנד אין די צייטן פון דער גרעסטער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע; אַז דער וואוקס פון אינטעליגענץ און באַאַמטע אין סאָוועטן־לאַנד גייט ווייטער, כאָטש אַביסל פאַרלאַנגזאַמט, אָבער מיט נאָך גרויסע מעגלאַכקייטן אויף איינשלינגען אַ סך נייע עלעמענטן — נעמט מען דאָס אַלץ אין אַכט, מוז מען קומען צום שלוס, אַז די טענדענץ פון דער אידישער באַפעלקערונג אַפּשווימען פון די פּראָדוצירנדיקע פּרנסות צו די העכערע ניט־פּראָדוצירנדיקע וועט ווייטער אָנהאַלטן.

מען דאַרף נאָך גדיינקען, אַז אין די שטעט פון צענטראַל־רוסלאַנד, באַזונדערס אין מאָסקווע און לענינגראַד זיינען שוין איצט ניט ווייניקער פון דריי פערטל פון דער אידישער באַפעלקערונג קאָנ־

צענטרירט אין באַאמטנטום — איינשליסנדיק אַלע אָנגעשטעלטע און אינטעלעקטועלע פּרנסות. און כאָטש ווען מען פאַרגלייכט אידן ניט מיט דער גאַנצער ארומיקער באַפעלקערונג און נאָר מיט דער אַרומיקער שטאַרק וואַקסנדיקער שטאָטישער באַפעלקערונג, וועט דער תהום צווישן אידן און ניט־אידן ווערן אַ סך פלאַכער, איז דאָס אויך אַ קליינע טרייסט. ראשית, ווייל די דיספּראָפּאָרץ באַ אידן צווישן די גייסטיקע און פיזישע אַרבעטער ווערט ניט קלע־נער, נאָר גרעסער; צווייטנס, טאָקע ווייל באַ דער אַרומיקער באַפעלקערונג וואַקסט די טענדענץ פון אַריינדרינגען אין די העכערע און בעסערע שטאָטישע פּאָזיציעס; טאָקע ווייל די אַפּעטיטן באַ די אַרומיקע יאָגן אָן די אידישע; טאָקע ווייל סוף כל סוף זיינען דאָך ניטאָ גענוג פּלעצער פאַר אַלע, וואָס שטרעבן צו די העכערע טרעפּ, אויף וועלכע אידן פאַרנעמען אַ ברייטן אָרט — טאָקע אָט די דאָזיקע אַנטוויקלונג טראָגט אין זיך די סכנה.

די „גוים" ווערן פאַראידישט — דאָס איז די עלעמענטאַרע פאָר־מול, צו וועלכער מען קאָן דערפירן דעם זין פון דער אַרויסשטויס־און אויסגלידערונג־מגפה, וואָס האָט ווי אין אַ פיבער פאַרכאַפּט כמעט גאַנץ אייראָפּע. און וואָס נאָענטער די „גוים" ווערן צו אידן, לויט'ן קולטור־מצב און פּראָפעסיע־צוגעגרייטקייט, וואָס מער צוגע־גרייט און באַרופן זיי ווערן אויף איבערנעמען די אידישע פונקציעס, אַלץ ערגער, אַלץ געפערלאַכער פאַר אידן. מיר ווילן דערמיט ניט זאָגן, אַז דאָס איז אַ חוק ולא יעבור און אַז דער חד גדיא פון אויס־נוצן די אידן אין דער ערשטער סטאַדיע פון אַ עקאָנאָמישער פאָר־מאַציע־אַנטוויקלונג און זיי אַרויסשליידערן נאָכדעם ווי זיי האָבן זייער איניציאַטיוו־און פּיאָניר־מיסיע אויסגעפילט מוז זיך איבער'חזר'ן אויך אין אַ געזעלשאַפט, וואָס רופט זיך סאָציאַליסטיש און וואָס ליידט יערנפאַלס אין אַ סך אַ קלענערער מאָס פון קאָנקורענץ, ווי די ביז־איצטיקע סאָציאַלע אָרדענונגען. הלואי ס'זאָל זיך ניט אי־בער'חזר'ן! הלואי אונזערע טרויעריקע געדאַנקען זאָלן בלייבן אויף פּאַפּיר און זאָלן קיינמאָל אין לעבן ניט געפינען קיין אָרט.

צו די וויכטיקסטע געווינסן פון די לעצטע יאָרן מוז מען צו־רעכענען דעם באַדייטנדיקן וואוקס פון אידישע עקאָנאָמיש־אַקטיווע. פון 1 מיליאָן מיט 32 טויזנט אין 1926 איז די צאָל אויסגעוואַקסן ביז 1 מיליאָן מיט 400 טויזנט אין 1939. דער נאַטירלאַכער צוואוואוקס פאַר די גענומענע 13 יאָר האָט געקאָנט ברייגען מאַקסימום 160

אָדער 170 טויזנט עקאָנאָמיש־אַקטיווע. צוגעקומען זיינען אָבער 370 טויזנט — דאָס באַדייט, אַז מען האָט אַריינגעצויגן מער אידישע פרויען אין פּראָדוקציע־פּראָצעס און מער אידישע יוגנטלאַכע.

די ביז איצט געבראַכטע רעזולטאַטן־דאַטן ווייזן אונז דאָס בילד שוין אין זיין פאַרענדיקטער פאָרם. מיר האָבן פאַר זיך גרייט אַ פאַר־פּירפּאַכטע אידישע לאַנדווירטשאַפטלאַכע באַפעלקערונג, אַ גרייטע אומגעשיכטעטע אַרבעטער־מאַסע, אַ שוין אַוועקגעשטעלטע באַ אַ באַשעפטיקונג גרעסערע מאַסע אידישע פרויען און יוגנטלאַכע. אָבער ווי איז דאָס דערגרייכט געוואָרן? וויפיל קרבנות האָט דאָס אַלץ אויפגעגעסן? ווי איז געווען די באַציאונג פון דער אָרומיקער באַ־פעלקערונג צו דעם אַריינציען פון אידן אין נייע ווירטשאַפט־אָדער אינדוסטריע־צווייגן? ווי ווייט האָט געגרייכט די ווירקונג פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט און ווי ווייט האָט געהאַט איינפלוס דער אָרגאַניזירנדיקער און ציל־באַשטימענדיקער אידעאָלאָגישער פאַקטאָר?

אויף די דאָזיקע אַלע פראַגן וועלן מיר פּרובן געבן אַן ענטפער אין די קומענדיקע קאַפּיטלאַך.

13

צעשפּרייטונג און קאָנצענטראַציע אין די שטעט.

איינע פון די ווירקענדסטע און סאַמע וויכטיקסטע פאַקטאָרן ביים לייזן די אידישע פּראַגע אין סאָוועט-רוסלאַנד איז געווען די אויסוואַנדערונג — אויסוואַנדערונג פון אַלטע אידישע ישובים מיט געדיכטע אידישע מאַסן אין אַ לאַנד מיט אַ שיטערער אידישער באַפעלקערונג. אמת, דאָס איז פאָרגעקומען אין די גרעניצן פון איין און דער זעלבער מלוכה, אָבער מיר האַלטן, אַז דאָס האָט פאָרט געטראָגן אַ כאַראַקטער פון אויסוואַנדערונג און ניט איבערוואַנדערונג. די סביבה, אין וועלכער ס'איז אריינגעפאַלן אַ אידישע פאַמיליע פון וויטעבסק אָדער האָמעל, פון בערדיטשעוו אָדער בעלאַ-צערקאָוו און פון הונדערטע קליינע שטעטלאַך פון אוקראַינע און ווייס-רוסלאַנד, וואו זייערע עלטערן און עלטער-עלטערן האָבן געלעבט 4-5 יאָר-הונדערט, איז געווען אינגאַנצן אַ פּרעמדע, אַ נייע — אַ סך אַ פּרעמ-דערע און נייערע, ווי צו דער זעלבער צייט אין ניו-יאָרק, שיקאַגאָ אָדער פילאַדעלפיע. אין לענינגראַד אָדער מאָסקווע, נאָך מער אין באַקו אָדער טיפליס, אין סווערדלאָווסק אָדער אָמסק איז געווען אַסך, אַ סך שווערער דורכקומען מיט אידיש, ווי אין די אויסגערעכנטע אַמעריקאַנער שטעט. ס'איז געגאַנגען אַן אויסוואַנדערונג פון אוקראַינע און ווייס-רוסלאַנד, פון לענדער מיט אַ געדיכטער אידישער באַפעלקערונג, קיין גרויס-רוסלאַנד, אין אַ לאַנד מיט אַ שיטערער אידישער באַפעלקערונג.

שיטערער ווערן — דאָס איז איינס פון די אויספּרובירטע אידישע מיטלען אויף פאַרגרינגערן די לאַגע. מעג די קאָנצענטראַציע אין נייעם לאַנד שאַפן ווידער געדיכטע אידישע פונקטן, אָבער אין יעדן נייעם לאַנד מאַכן אידן אויס אַ קלענערן פּראָצענט לגבי דער ערומיקער באַפעלקערונג ווי אינ'ם אויסוואַנדערונגס-לאַנד. אין אַמעריקע איז דער פּראָצענט אידן לגבי דער ערומיקער באַפעלקערונג דריי מאָל קלענער, ווי אין פּוילן, צוויי מאָל קלענער, ווי אין ליטע, אַנדערטהאַלבן מאָל קלענער ווי אין רומעניע און אונגאַרן.

דאָס זעלבע איז געווען אין סאָוועט־רוסלאַנד. אין אוקראַינע מאַכן אידן אויס מער פון 5 פּראָצענט; אין ווייס־רוסלאַנד העכער 8 פּראָצענט, אָבער אינ׳ם איינוואַנדערונג־לאַנד גרויס־רוסלאַנד קוים 1 פּראָצענט — שוין נאָכדעם ווי די אַבסאָלוטע צאָל אידן האָט זיך פאַר דער לעצטער צייט — פון 1920 ביז 1940 — מער ווי פאַר־דרייפאַכט. פון בערך 300 טויזנט אידן אין גרויס־רוסלאַנד ערב דער מלחמה פון 1914 איז איצטער דאָרטן פאַראַן מער פון אַ מיליאָן.

אָבער פּאַראַלעל מיט דער אויסוואַנדערונג פון געדיכטע אידישע ישובים אין שיטערע, גייט אָן אומעטום אַ קאָנצענטראַציע אין שטעט — אַ קאָנצענטראַציע, וועלכע נעמט אָן געוויינלאַך אין די נייע איינ־וואַנדערונג־לענדער גרעסערע מאַסשטאַבן, ווי אין די אויסוואַנדערונג־לענדער. און ווי אין אַמעריקע לעבן אין ניו־יאָרק מער פון 40 פּראָצענט פון אַלע אידן און אין דריי שטעט מער פון אַ העלפט פון אַלע, אַזוי לעבן אין צענטראַל־רוסלאַנד אין איין מאָסקווע בערך 40 פּראָצענט פון אַלע גרויס־רוסישע אידן און אין צוויי שטעט — מאָסקווע און לענינגראַד — צוויי דריטל פון אַלע גרויס־רוסישע אידן.

די אורבאַניזירונג פון דער אידישער באַפעלקערונג, וועלכע גייט אָן שוין מער פון אַ יאָר הונדערט, איז דורך די וואַנדערונגס־פּראָצעסן, וועלכע האָבן צעשפּרייט דאָס אידישע פאָלק איבער צענ־דליקע מלוכות און לענדער, ניט נאָר ניט קלענער געוואָרן, נאָר, פאַרקערט, נאָך מער אינטענסיווירט געוואָרן.

אין סאָוועט־רוסלאַנד איז אין אַלע אירע טיילן געגאַנגען באַ אידן די לעצטע 20 יאָר אַ גרויסע קאָנצענטראַציע אין שטעט. מיר האָבן, ליידער, נאָך ניט די דאַטן פון דער ציילונג פון 1939. מיר האָבן פריער שוין געוויזן, ווי קאָלאָסאַל ס׳איז געוואַקסן די שטאָטישע באַפעלקערונג אין סאָוועט־רוסלאַנד בכלל. אָבער ס׳איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אויך אידן האָבן זיך שטאַרק באַטייליקט אין דער דאָזי־קער שטאָטישער קאָנצענטראַציע. אין די קליינע שטעטלאַך איז איצט געבליבן זייער ווייניק אידן. אין 6 גרויסע שטעט פון סאָוועט־רוסלאַנד זיינען איצט קאָנצענטרירט מער פון 40 פּראָצענט פון אַלע סאָוועטישע אידן. אָט זיינען די 6 שטעט:

1)	מאָסקווע	400,000
2)	לענינגראַד	275,000

3)	אָדעס	180,000
4)	קיעוו	175,000
5)	כאַרקאָוו	150,000
6)	דניעפּראָפּעטראָווסק (קאַטערינאָסלאַוו)	100,000
	צוזאַמען	1,280,000

דאָס מאַכט אויס העכער 42 פּראָצענט פון אַלע סאָוועטישע אידן.

די ציילונג פון 1926 האָט געוויזן, אַז אין מאָסקווע זיינען געווען אָנגעקומענע נייע אידישע איינוואוינער 84.5% און 69.8% פון אַלע מאָסקווער אידן האָבן געלעבט דאָרטן ווייניקער פון 5 יאָר. אין לענינגראַד זיינען געווען די שייכות'דיקע ציפער — 76.5% און 65.6%.

האָבן מיר שוין געזען צוויי וואַנדערונג־פּראָצעסן — פון די לענדער מיט געדיכטע אידישע ישובים אין אַ לאַנד מיט אַ שיטערער אידישער באַפעלקערונג און פון די קליינע און מיטעלע שטעט אין די גרויסע שטעט, לכן אַ צעשפּרייטונג אין לאַנד־מאַסשטאַב און אַ קאָנצענטראַציע אין פונקטן־פּרט. צוויי פּראָצעסן, וועלכע זיינען כלומרשט סותר איינער דעם אַנדערן, אָבער אין דער אמת'ן זיינען זיי נאָר ממלא איינער דעם צווייטן, ווייל סאָציאָלאָגיש באַטייטן זיי ביידע איינע און די זעלבע שטרעבונג צו געפינען אַ גרעסערע ניט־אידישע סביבה, אין וועלכער מען זאָל קאָנען איינהאַלטן די פאַרנו־מענע העכערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געמיינט אין דעם זין, אויף וויפיל אין יעדן סטיכישן פּראָצעס איז פאַראַן אַן אימאַנענטער סאָציאָלאָגישער תוך.

די אויבן־באַשריבענע צוויי וואַנדערונגען זיינען געווען כמעט אויסשליסלאַך סטיכיש: אידן זיינען געלאָפן אין די גרויס־רוסישע גובערניעס און אין די שטעט פון אַלע טיילן פון סאָוועטנלאַנד. די אָרגאַניזירטע איבערוואַנדערונג פון יונגנטלאַכע אין דער גרויס־אינ־דוסטריע פון גרויס־רוסלאַנד און אין די שטעט פון אוקראַינע האָט קוואַנטיטאַטיוו געשפּילט נאָר אַ קנאַפּע ראָלע.

די אָרגאַניזירטע איבערוואַנדערונג, אין וועלכער ס'איז געווען שוין אַ שטיקל מיין אויף אומשיכטן און איבערבויען די סטרוקטור פון דער אידישער באַפעלקערונג, לכן אין וועלכער דער אידעאָלאָגי־

שער פאַקטאָר האָט זיך אַריינגעמישט און געפּרובט אויסנוצן אַ גינציקע נעגאַטיווע סיטואַציע פאַר באַשטימטע צוועקן און צילן — אַט די דאָזיקע איבערוואַנדערונג האָט שוין געטראָגן אַ פּאַרקערטן כאַראַקטער: פון שטאָט אין דאָרף, פון העכערע עקאָנאָמישע פּאָזי־ציעס צו נידעריקערע. די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע, וועל־כע האָט זיך אויך אָנגעהויבן סטיכיש, אָבער אין איר גרעסטער מאָס איז זי דאָך געווען אָרגאַניזירט און אונטערגעטריבן פון די קאָמוניס־טישע אָרגאַנען — זי איז שוין געלעגן ניט אויף'ן ברייטן שליאַך פון אידישן גלות־גאַנג, ניט אין דער סטיכישער טענדענץ פון דער אַנטוויקלונג, נאָר אויף גאָר אַן אַנדער ליניע: אויף דער ליניע, וואָס רייסט זיך דורך אין אידישן לעבן אין ציטן פון גרויסע קאַ־טאַסטראָפעס אָדער געזעלשאַפטלעכע אויפטרייסלונגען. דערמיט איז ניט געזאָגט, אַז די דאָזיקע נאַציאָנאַלע ליניע איז פון אידעאָלאָגן און הייסע קעפ, וועלכע נוצן אויס די גינציקע שלעכטע לאַגע און ווילן איינרעדן אידן, אַז ס'איז פאַר זיי געזונטער און בעסער צו ווערן לייטן־גלייך, פעלקער־גלייך, ווערן אַ נאָרמאַלע פאָלקישע איינ־הייט, געבויט פון אַלע קלאַסן און שיכטן, און ניט לעבן ווי אַ מינ־דערהייט צווישן פרעמדע און אויספילן באַשטימטע פונקציעס. זי, די דאָזיקע ליניע, די היסטאָריש־נאַציאָנאַלע, די ווייט־קוקענדיקע, אויף'ן ווייטן עבר געבויטע, איז אַ כשר אביעקטיווו קינד פון דער געשאַפענער לאַגע. יעדע אַזאַ ספּעציפיש־אידישע קאַטאַסטראָפע דערמאָנט ווי דעם פאָלק אין זיין חוב זיך אומקערן צו אַ נאָרמאַלן מצב, צו נאָרמאַליזירן זיין סאָציאַלע סטרוקטור, צו באַוואָרענען זיך אויף דער צוקונפט פון דער מעגליכקייט פון ספּעציפיש־אידישע גלות־קאַטאַסטראָפעס. אַן אַנדער פראַגע איז, אויף וויפיל דעם פאָלק גיט זיך איין אויסצונוצן די סיטואַציע.

אומגעפער 600 טויזנט אידן האָבן אויסגעוואַנדערט פון אוקראַי־נע און ווייס־רוסלאַנד קיין גרויס־רוסלאַנד אין משך פון 20 יאָר — פון 1920 ביז 1940, אין דורכשניט 30 טויזנט אידן אַ יאָר. דאָס איז אַן אויסוואַנדערונג, וואָס איז ניט שטאַרק ווייט פון דער אויס־וואַנדערונג־אינטענסיווקייט פון פאַר דער וועלט־מלחמה. פון 1926 ביז 1940 האָבן אויסגעוואַנדערט קיין גרויס־רוסלאַנד בערך 400 טויזנט אידן, לכן אויך אין דורכשניט 30 טויזנט אַ יאָר. אין די נאָר וואָס דערמאָנטע יאָרן זיינען שוין ניט געווען קיין סיבות פון אַ אַנדערן כאַראַקטער ווי פון עקאָנאָמישן — די פּאָגראָמען, וועלכע

האָבן אין דער ערשטער צייט פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט געטריבן פון אוקראַינע קיין גרויס־רוסלאַנד, האָבן שוין דעמאָלט ניט געהאַט קיין שום איינפלוס. די עמיגראַציע לכן פון די לעצטע יאָרן איז שוין געווים א ריין־עקאָנאָמישע און דאָך איז זי נאָך גענוג אינטענסיוו — ווייזט אויס, אז זי ווערט אַרויסגערופן דורך יענער טענדענץ, וועלכע מיר האָבן כאַראַקטעריזירט ווי א שטרעבונג צו געפינען אין א גרעסערער ניט־אידישער סביבה גרעסערע מעגלאַכקייטן אויף פאַרנעמען בעסערע און העכערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. די דאָזיקע פּאָזיציעס זיינען אָבער אין די שטעט פאַראַן אין א סך א גרעסערער מאָס, ווי אין די קליינע שטעטלאַך אָדער דערפער. כּמעט די אבסאָלוטע צאָל אידן אין מאָסקווע איז כמעט דריי מאָל גרעסער ווי אין קיעוו; און כּמעט די באַאַמטע בּאַ אידן מאַכן אויס אין מאָסקווע א סך א העכערן פּראָצענט, ווי אין קיעוו, איז פונדעסטוועגן דער פּראָצענט אידן באַאַמטע לגבי אַלע באַאַמטע אין מאָסקווע פיל קלענער, ווי אין קיעוו. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן בּאַ א פאַרגלייך פון לענינגראַד מיט אָדעס.

14

אידישע קאָמוניסטן אין קאַמף קעגן קאָלאָניעס.

לאָמיר איבערגיין צו דער לאַנדווירטשאַפטלאכער קאָלאָניזאַציע — צו דעם מעטאָד, וואָס האָט איינגעשלונגען דעם מאַקסימום פינאַנץ־מיטלען; דעם מאַקסימום אָרגאַניזירנדיקער און אָנפירנדיקער געזעלשאַפטלאכער ענערגיע; דעם מאַקסימום אָנטייל פון די מאַכט־אָרגאַנען — דעם מעטאָד, אויף וועלכן מען האָט געלייגט די גרעסטע האָפענונגען אין סאָוועט־רוסלאַנד גופא און אויך אין אויסלענדישן אידנטום שוין ניט נאָר אין זין פון פשוט'ער אומשיכטונג און געזונטונג פון דער אידישער סאָציאַלער סטרוקטור, נאָר אויך אין פרט פון שאַפן אַ געזונטן באָדן פאַר אַ נאָרמאַלן אידיש־נאַציאָנאַלן לעבן. קרימער רעפּובליק, בירא־בידזשאַנער רעפּובליק — דאָס זיינען געווען די העכסטע אויסדרוקן פון די דאָזיקע שטרעבונגען, וועלכע זיינען אַבסאָלוט ריכטיק כאַראַקטעריזירט געוואָרן, ווי סאָוועטיש־ציוניסטישע, ווייל זיי זיינען אויך אַרויסגעגאַנגען פון דער טעריטאָריאַליסטישער הנחה און האָבן אין איר געזען די פולסטע ליזונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע; ניט די איינציקע ליזונג, אָבער די פולסטע און גאַנצענסטע. ווארום וואָס העכער די אידישע קאָמוניסטן האָבן געשריען, אַז בירא־בידזשאַן מיינען זיי דער עיקר בויען אַ סאָציאַליסטישע רעפּובליק אויפ'ן ווייטן־מזרח, אַלץ מער האָט מען אַרויסגעפילט, ווי אַנטוישט זיי זיינען אין די קולטור דערגרייכונגען אין די ישובים מיט אַ אידישער מינדערהייט און אַלץ מער קומען זיי צום אויספיר און צום שלום, אַז נאָר אַ מערהייט גאַראַנטירט די עקסיסטענץ פון דער פאָלקס־קולטור.

אָרימע אידן פון קליינע שטעטלאך זיינען געווען די אמת'ע איניציאַטאָרן פון דער אַגראַריזאַציע. שוין אין 1918 האָבן אידן פון קליינע שטעטלאך אין ווייס־רוסלאַנד, וואו מען האָט אַ סך ווייניקער געליטן פון די פּאָגראָם־באַנדעס, ווי אין אוקראַינע, אָנגעהויבן פאָדערן פון די אָרטיקע סאָוועטישע אָרגאַנען, מען זאָל זיי געבן ערד. אָבער אויך אין אוקראַינע, וואו די פּאָגראָמען האָבן פאַרפלייצט הונדערטע שטעטלאך, האָבן זיך געפונען איינצלנע אַזיסן, וואו אידן האָבן זיך געוואָרפן אויף ערד־אַרבעט. אַזא

שטעטעלע איז געווען זשוגאַווקע, באַלטער אויעזד, וואו די פּויערים האָבן זיך צעטיילט מיט דער ערד פונ׳ם פּריץ און האָבן אויך געגעבן 92 אידישע משפּחות אַ חלק — דאָס איז געווען אַ פּויערש שטיקל ביטרעקייט: אויב מען וועט שפּעטער מוזן אָפּקומען פאַר׳ן צונעמען דעם פּריצ׳ס ערד, זאָלן אידן אויך זיין אין דערמיט. די 92 אידישע משפּחות האָבן אויסגעמאַכט העכער 90 פּראָצענט פון אַלע אידן פון דעם דאָזיקן שטעטעלע.

און אויב ניט־אידישע פּויערים האָבן געוואָלט יעדער באַזונדער אַריינכאַפּן וואָס מער לאַנד, זיינען די אידישע שטעטלשע קרעמער און בעלי־מלאכות געווען געצוואונגען שוין דעמאָלט שטרעבן צו קאָלעקטיוויזאַציע, צו געמיינשאַפטלאַכער אַרבעט אויף די פעלדער. אינאיינעם, האָט מען געהאָפּט, וועט זיין גרינגער גובר זיין די תורה פון דער נייער באַשעפטיקונג. אינאיינעם וועט אויך זיין גרינגער איבערטראָגן די שוועריקייטן און מאַטערנישן פון צופּאַסן זיך צום נייעם לעבן. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס שוין אין 1918 און 1919 זיינען אויפגעקומען צווישן אידן רעלאַטיוו אַ סך מער אַרטעלן, לאַנדווירטשאַפטלאַכע קאָלעקטיוון, ווי צווישן די ניט־אידישע פּויערים.

פאַר די יאָרן 1918-1920 זיינען אין דער איינער האָמעלער גובערניע אויפגעקומען 128 אידישע לאַנדווירטשאַפטלאַכע קאָלעקטיוון, אין וועלכע ס׳זיינען געווען פאַראייניקט ביז 20 טויזנט אידישע נפשות.*) דאָס זיינען אָבער געווען מערסטנטיילס קאָנסום־אַרטעלן. כדי ניט צו שטאַרבן פון הונגער האָט מען זיך געכאַפּט צו אַ שטיקל לאַנד, וואו מען האָט מערסטנטיילס פאַרזייט גרינסן. ביים ערשטן שטראַל פון נעפּ איז די מערהייט אַרטעלן זיך צעפאַלן.

די אידישע קאָמוניסטן זיינען לכתחילה צוגעגאַנגען צו דער פראַגע וועגן פאַרשפּרייטן לאַנדווירטשאַפט צווישן אידן נאָר פון שטאַנדפּונקט פון העלפן אָרימע אידן געפינען אַ באַשעפטיקונג. אין דער רעזאָלוציע, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון די אידישע סעקציעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווערט געזאָגט, אַז „אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט דאַרף אָפּגעגעבן ווערן דעם צוציען פון די אידישע מאַסן פון דער פּראָווינץ צו אַרבעט אויף דער נאַציאָנאַליזירטער און סאָציאַליזירטער

*) י. גאָלדע, „די לאַנדווירטשאַפטלאַכע איינאָרדנונג פון אַרבעטנדיקע אידן" (רוסיש). מאָסקווע, 1925, ז. 6.

ערד. דער דאָזיקער אַרבעט־צוויַיג, צו וועלכן מען האָט אידן אַ לאַנגע צייט ניט צוגעלאָזט, דאַרף איצטער פאַרנעמען גאַר אַ וויכטיק אָרט און דאַרף דינען אַלס אַ וויכטיק מיטל אין קאַמף מיט דער פּאַראַזימקייט, וואָס האָט אָנגענומען קאָלאָסאַלע מאַסשטאַבן צווישן אידן. די דאָזיקע מאַסן האָבן ניט אַליין געגוג איניציאַטיוו און מיר דאַרפן זיי העלפן. מען דאַרף אָנווייזן, וואוהין ס'פאָדערן זיך פרייע הענט אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן פון דער סאָוועטישער רעפּובליק".*)

דאָ האָבן מיר די גאַנצע פילאָסאָפיע פון די אידישע קאָמוניסטן — אָרימע אידן, דערשלאָגענע, האָבן אַפילו ניט קיין שכל אַליין, ווי זיך נעמען פאַר ערד־אַרבעט. דאַרף מען זיי אַביסל אונטערשטופּן און זיי שיקן אַהין, וואו מען נויטיקט זיך אין סאָוועטישן לאַנד אין הענט. קיין רמז וועגן קאָנצענטראַציע, וועגן שאַפן כאָטש גרעסערע ראַיאָנען; קיין וואונק אפילו וועגן אומשיכטונג, ווי וועגן אַ גרויסער נאַציאָנאַלער אָדער סאָציאַלער פּראָבלעם.

איז גאַנץ נאַטירלאַך, וואָס די ערשטע יאָרן פאַרנעמט זיך מיט דער פּלאַנירטער לאַנדווירטשאַפטלאַכער אַרבעט כמעט נאָר „אָרט" (געזעלשאַפט אויף פאַרשפּרייטן ערד־אַרבעט צווישן אידן). די אידישע קאָמוניסטן פילן נאָר אויס די פונקציעס פון שתדלנים בא די מאַכט־אָרגאַנען, כדי צו שאַפן טעכנישע און רעכטלאַכע מעגלאַכקייטן פאַר דער דאָזיקער אַרבעט.

מוז מען גלייך זאָגן, אַז די באָלשעוויסטישע מאַכט, די צענטראַלע אין דער אַבסאָלוטער מאָס, אָבער אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס אויך די לאָקאַלע האָט פון ערשטן מאָמענט אָן אַרויסגעוויזן אַ ברייטהאַרציקייט און אַ נשמה־גרייטקייט, וואָס אידן האָבן ניט געהאַט אין קיין שום לאַנד אין זייער לאַנגן גלות.

דעם 1־טן יולי 1919 האָט דער אידישער קאָמיסאַריאַט ביים פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַלע ענינים דערלאַנגט דעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר לאַנדווירטשאַפט אַ מעמאָראַנדום, צונויפגעשטעלט פון אַ פריערדיקן ס. ס. יולי גאָלדע, אין וועלכן ס'איז באַגרינדעט געוואָרן די נויטווענדיקייט אויסצוטיילן ערד פאַר די אידישע קאָמונעס און אַרטעלן, וועלכע קומען אויף סטיכיש. ס'איז דערביי אָנגעוויזן געוואָרן, אַז „אין איניקע ערטער פאַרהאַלט זיך די ניט־אידישע

*) דאָרטן, ז. 4.

פויערשע באַפעלקערונג ניט־פּריינטלאך צו די אידישע קאָמונעס, נאָר מיט דער צייט געוויינען זיי זיך צו צו די נייע שכנים".*) דער מעמאָראַנדום קאָנסטאַטירט, אַז „די אידישע שטעטלשע מאַסן, זייענדיק אויפ'ן ראַנד פון אַפּגרונט, האָבן זיך פיבערדיק געוואָרפן זוכן אַן אויסוועג פון דער געשאַפּענער לאַגע"; אַז „די אידישע אָרימקייט פון די שטעטלאַך, וואו ס'זיינען ניטאָ ניט קיין פאַבריקן און ניט קיין ערד, זיינען פאַר'משפּט אויף אַ אומפאַרמיידלאַכן הונגערטויט" **) און דעריבער ליגן זיי אַזעלכע גרויסע האָפענונגען אויף דעם איבערגאַנג צו ערד־אַרבעט.

דעם 12טן יולי פון זעלבן יאָר, האָט דער דערמאָנטער קאָמיסאַריאַט שוין באַטראַכט די פראַגע און באַשלאָסן איבערגעבן דעם ערד־פאָנד־קאָמיטעט צוצושטעלן מאַטעריאַל וועגן פרייע ערד־פאָנדן, פון וועלכע מען וואָלט געקאָנט באַזאָרגן די אידישע באַפעלקערונג.

ס'וואָלט זיך געפאָדערט צו פיל פּלאַץ, ווען מיר וואָלטן געוואָלט ציטירן די צענדליקע געזעצן און באַפעלן, וועלכע זיינען מיט דער צייט אַרויסגעגעבן געוואָרן לטובת די אידישע לאַנדווירטן. מיר וועלן זיך מוזן באַגרעניצן מיט די וויכטיקסטע, מיט די פרינציפּיעלסטע.

לויט דעם אַלגעמיינעם סאָוועטישן געזעץ האָבן באַדאַרפט באַקומען ערד פון די פאָנדן לאַנדווירטן, געוועזענע לאַנדווירטן און נאָכדעם אַנדערע אַרבעטנדיקע עלעמענטן. געוועזענע הענדלער האָבן ניט געהאַט קיין רעכט אויף חלקים פון די ערד־פאָנדן. אַט דער דאָזיקער געזעץ איז געוואָרן די גרעסטע שטערונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפט. די ערשטע יאָרן איז געגאַנגען אַ סטיכישער שטראָם, און די אָרטיקע אָרגאַנען האָבן אַמאָל פאַרקוקט דעם געזעץ און אַמאָל געשטערט. אָבער וואָס מער די באַוועגונג איז זיך צעוואָקסן און וואָס נאָענטער מען איז צוגעקומען צו דער נויטווענדיקייט אַריינטראָגן סיסטעם און סדר אין דעם דאָזיקן שטראָם, אַלץ מער איז געוואָרן קלאָר, אַז מען מוז אָפּרוימען פון וועג דעם נאָר וואָס דערמאָנטן געזעץ.

אין דעם פּרט, ווי אין אַ סך אַנדערע פאַלן, איז די ווייסרוסישע סאָוועטישע מאַכט געגאַנגען אין דער ערשטער רייע. די ווייס־רוסישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז נאָך געווען אַזאַ יונגע,

*) דאָרטן, ז. 47.
**) דאָרטן, ז. 46.

אזא שוואכע, אז זי האט מיט א ברייטער און אפענער האנט דורכ־געפירט די גלייכבארעכטיקונג פון די נאציאנאלע מינדערהייטן. די רעזאלוציע, וואס די ווייס־רוסישע מאכט האט אנגענומען און פארעפנטלאכט דעם 25טן יולי 1924, שטעלט פאר מיט זיך אזא קאלאסאלן אינטערעס, אז מיר האלטן פאר נויטיק זי דא איבער־דרוקן אינגאנצן. דאס איז א היסטארישער דאקומענט:

„די אקטיאבער־רעוואלוציע האט געמאכט א סוף צו דער נאציא־נאלער רעכטלאזיקייט און צו די נאציאנאלע רדיפות און האט איינ־געשטעלט אין פארבאנד פון די סאוועטישע רעפובליקן גלייכבארעכ־טיקונג פאר אלע פעלקער און אויסנאם.

„כדי אבער אויסצורייסן מיט׳ן שורש די ירושה פונ׳ם לאנג־יאריקן יאך; כדי ענטגילטיק ליקווידירן אלע רעשטלאך פון פינס־טערן עבר, איז ניט גענוג ארויסגעבן געזעצן, וואס שטעלן איין נאציאנאלע גלייכבארעכטיקונג. די סאוועטישע מאכט שטעלט זיך פאר אן אויפגאבע צו פארווירקלאכן ניט נאר יורידישע גלייכבארעכ־טיקונג, נאר טאקע א פאקטישע גלייכע לאגע פון אלע פעלקער, איינפירן גלייכבארעכטיקונג ניט אין ווערטער, נאר אין לעבן.

„ארויסגייענדיק פון דעם דאזיקן שטאנדפונקט, האלט דער צענטראלער עקזעקוטיוו־קאמיטעט פון דער ווייס־רוסישער רעפובליק פאר נויטיק ווענדן א באזונדערע אויפמערקזאמקייט אויף דער שרעקלאכער לאגע פון די אידישע ארבעטנדיקע מאסן, וואס איז א דירעקטער רעזולטאט פון די יארהונדערטע רדיפות.

„די רדיפות און באגרעניצונגען האבן פארשפארט פאר די אידישע ארבעטנדיקע מאסן דעם וועג צו א גאנצער רייע צווייגן פון פראדוקטיווער ארבעט.

„די אידן זיינען געווען פארשפארט אין די גובערניעס פון תחום. נאר אויך אין די דאזיקע גובערניעס האבן זיי ניט געטארט וואוינען אויסער די שטעט און שטעטלאך. זיי זיינען ניט צוגעלאזט געווארן ניט אויף מלוכה׳שע שטעלעס, ניט צו ארבעט אויף די אייזנבאנען, ניט אין דער שווער־אינדוסטריע. זיי האבן ניט געטארט קויפן קיין לאנד און האבן ניט געטארט וואוינען אין דערפער. זיי האבן געמעגט זיך באשעפטיקן נאר מיט האנדל און האנטווערק. דער רעוואלוציאנערער קאמף פון די אידישע ארבעטער האט ארויס־גערופן נאך גרעסערע פארפאלגונגען פון דער צארישער רעגירונג. אן רעכט פון פרייער באוועגונג, תמיד געיאגט נאך א שטיקל ברויט,

האָט זיך די אידישע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג אַלץ מער זיך צונויפ־געשטופּט אין די שטעט און שטעטלאַך און איז אַלץ מער און מער אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלאַכן דלות. די אימפעריאַליסטישע מלחמה, דער בירגער־קריג, די גירושים, דאָס פליכטלינגטום, ענדליך די פּאָגראָמען — דאָס אַלץ האָט דערפירט די פּאַראַרימקייט פון דער אידישער מאַסע ביז׳ן לעצטן גרעניץ פון נויט.

„דער וואוקס פון דער סאָוועטישער ווירטשאַפט, די אַנטוויקלונג פון דער קאָאָפּעראַציע מאַכן נאַטירלאַך און אומפאַרמיידלאַך צו נישט די ראָלע פון אידישן קליינעם הענדלער און זעלבשטענדיקן בעל־מלאכה.

„אויף אַזאַ אופן קומען צו יעדן טאָג צו די טויזנטע און צענדליקע טויזנטע קרבנות פון דער מלחמה און פּאָגראָמען און פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע נייע און מאַסן אַרויסגעשטופּטע פון פּראָ־דוקציע־פּראָצעס, אָן מיטלען צום לעבן, וועלכע מוזן זיך לאָזן אויפ׳ן וועג פון ספּעקולאַציע, קאָנטראַבאַנדע און בעטלערטום.

„די סאָוועטישע מאַכט שטרעבט צו עפענען אַ וועג צו פּראָ־דוקטיווער אַרבעט אָט פאַר די אַלע מאַסן. בײַ דער לאַנגזאַמער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע באַקומט אַ באַזונדער וואָג דער איבערגאַנג צו לאַנדווירטשאַפטלאַכער אַרבעט. צווישן די אידישע אַרבעטער־מאַסן מערקט זיך אַלץ מער און מער אַ נטיה צו ערד. די פּראַקטיק פון די אידישע לאַנדווירטשאַפטלאַכע קאָלאָניעס און קאָלעקטיוון אין אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד האָט באַוויזן, אַז די אידישע באַפעלקערונג איז פייאיק צו ערד־אַרבעט, נעמט גרינג אויף די פאָרמען פון קאָלעקטיוון ערד־אייגנטום און די מער פולקומענע מעטאָדן פון ווירטשאַפטס־פירונג. אויף דער אַל־סאָוועטישער לאַנד־ווירטשאַפטלאַכער אויסשטעלונג האָט דער אידישער פּאַוויליאָן צו־געצויגן צו זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט און איז שטאַרק געוואָרן געלויבט.

„ווי קליין ס׳איז ניט דער פרייער ערד־פאָנד פון ווייס־רוסלאַנד, רעכנט דאָך דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, אַז אויף דעם דאָזיקן פאָנד האָבן רעכט גלייך מיט דער אָרטיקער לאַנדווירטשאַפט־לאַכער באַפעלקערונג אויך יענע, וועמען די צאַרישע באַגרעניצונגען האָבן פאַרשטעלט דעם וועג צו ערד און וועלכע שטרעבן איצט, נאָכ־דעם ווי די קנעכטשאַפט און רעכטלאָזיקייט זיינען געפאַלן, צו לאַנד־ווירטשאַפטלאַכער אַרבעט.

„דעריבער באַשליסט דער פּרעזידיום פון צי"ק:

„ביים פאַרטיילן דעם רעזערוו פון ערד־פאָנד, וועלכער ווערט פעסטגעשטעלט אין רעזולטאַט פון די דורכגעפירטע ארבעטן און פון דער מעליאראַציע און אויך אַלס רעזולטאַט פון פּאַרוואַנדלען וואַלד־פלעצער אין לאַנדווירטשאַפטלאַכע ערד־פאָנדן — נעמען אין אַכט אויך די מעלדונגען פון אידן, יחידים און קאָלעקטיוון, אפילו אויב זיי האָבן זיך ביז איצט ניט פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, און באַפרידיקן די לעצטע באַגלייך און אויף די זעלבע רעכט מיט דער אָרטיקער לאַנדווירטשאַפטלאַכער באַפעלקערונג.

„באַמערקונג: דעם ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן ווערט איבער־געגעבן איבערצוקוקן די אינסטרוקציעס, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן דעם ערד־קאָמיסאַר וועגן סדר פון פאַרטיילן די ערד און אריינטראָגן אין זיי די נויטיקע הוספות און שנויים".

אין דעם זעלבן גייסט, כאָטש מיט ווייניקער וואַרעמקייט און מיט קלענערער קלאָרקייט, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ געזעץ אויך אין אוקראַינע און אין דער גרויס־רוסישער סאָוועטישער רעפּובליק.

כאָטש דער אויבן־געבראַכטער באַפעל איז גענוג קלאָר און איינדייטיק, זיינען דאָך געווען מיספאַרשטענדנישן, ווייל מען האָט אויף די ערטער געטייטשט, אַז די, וואָס האָבן ניט קיין וואַל־רעכט — „לישענצעס" — האָבן ניט קיין רעכט צו זיין מיטגלידער פון קאָלעקטיוון, און אידן־הענדלער זיינען דאָך „לישענצעס" קאָן מען זיי ניט אריינגעמען אין קיין קאָלעקטיוו. דאָס האָט שטאַרק געשטערט דעם גאַנג פון דער אַגראַריזאַציע. און די קאָמיסאַריאַטן פון לאַנדווירטשאַפט און יוסטיץ פון ווייס־רוסלאַנד האָבן צעשיקט פאָלגנדיקן צירקולאַר צו די קרייז־אָפּטיילן פון לאַנדווירטשאַפטלאַכן קאָמיסאַריאַט:

„אין דער פּראַקטיק איז אויפגעקומען די פראַגע, צי קאָנען אידן, געוועזענע הענדלער, זיין מיטגלידער פון איבערוואַנדערישע אַרטעלן.

„די דאָזיקע פראַגע איז אויפגעקומען, ווייל אין הסכם מיט דער באַמערקונג צום פּונקט 2 פון באַשטימונג פון 17־טן אַפּריל, 1925, קאָנען ניט פאַרזאָגנען, וועלכע האָבן ניט קיין וואַל־רעכט, זיין מיטגלידער פון איבערוואַנדערישע אַרטעלן, און צו די דאָזיקע פאַרזאָגנען ווערן אויך צוגערעכנט פּריוואַטע הענדלער.

„אָבער די דאָזיקע לעצטע באַשטימונג קאָן ניט ווערן אָנגע־ווענדט בנוגע צו אידן.

„ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָבן אידן ניט געהאַט קיין רעכט צו אַרבעטן בא לאַנדווירטשאַפט. זיי האָבן געמוזט לעבן נאָר אין די שטעט און שטעטלאַך און האָבן געהאַט רעכט זיך צו באַשעפטיקן נאָר מיט מלאכה און האַנדל. דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט און דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן האָבן געפונען פאַר נויטיק ניט נאָר געבן אידן רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט, נאָר טאַקע געבן זיי די פאַקטישע מעגלאַכקייט צו באַקומען לאַנד אויף באַאַרבעטן.

„די פאָלקס־קאָמיסאַרן פון לאַנדווירטשאַפט און יוסטיץ לייגן פאַר די קרייז־אָפּטיילן פון דעם לאַנדווירטשאַפטלאַכן קאָמיסאַריאַט ביים רעגיסטרירן איבערוואַנדערישע אַרטעלן זיך האַלטן בא פאָלגנ־דיקן כלל: אַרבעטנדיקע אידן, — געוועזענע קוסטאַרן, בעלי־מלאכות, הענדלער — ווי באַלד זיי באַקומען אַ דערלויבעניש אויף איבער־וואַנדערן האָבן רעכט ווערן מיטגלידער פון איבערוואַנדערערישע חברות".*)

אויך דער דאָזיקער באַפעל איז איבערגעג'חזר'ט געוואָרן אין אַנדערע רעפּובליקן, וואו נאָר מען האָט נויטיק געהאַט אוועקצו־נעמען פון וועג שטערונגען פון דער אידישער אַגראַריזאַציע.

מיר האָבן מיט אַ כיון געבראַכט די דאָזיקע באַשטימונגען כמעט אין זייער פולער פאָרם, מחמת אין זיי געפינען מיר דעם אמת'ן גייסט, מיט וועלכן די גאַנצע קאָנסטרוקטיווע אַרבעט פאַר אידן מצד דער סאָוועטישער מאַכט איז געווען דורכגעדרונגען: אויסנאַם־געזעצן, אָבער לטובת די אידן. דאָס איז אַזאַ זעלטענע דערשיינונג אין אונזער לאַנגער גלות־געשיכטע, אַז זי פאַרדינט באַזונדערס אונ־טערגעשטראָכן צו ווערן. אידן האָבן זיך גענוג אָנגעליטן אַ דאַנק דעם סאָוועטישן רעזשים; די אַרבעט אַליין האָט געליטן פון טויזנ־טער פעלערן, וועלכע האָבן געקאָסט מאַסן קרבנות — דער סוביעק־טיווער רצון אָבער איז געווען אַ גוטער, און דאָס פאַרדינט אויפ־מערקזאַמקייט און אָנערקענונג.

ניט נאָר אָבער די סאָוועטישע געזעצגעבונג האָט געשאַפן אויס־נאַם גוטע, מער ווי גוטע באַדינגונגען פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע.

---

*) בוידע ציטאַטעס זיינען גענומען פון בוך: „די פּראַקטישע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין דער וויים-רוסישער סאָוועטישער סאָציאַליס-טישער רעפּובליק", טייל 2, אַרויסגעגעבן פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיסיע פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט פון דער וויים-רוסישער סאָוועטישער רעפּובליק. מינסק, 1928, ז. 113-117. אַייטאַליקס אונטעטום פון מיר—י. ל.

די שטימונג אין די הערשנדיקע סאָוועטישע קרייזן אין געווען אַזאַ, אַז מען האָט זי גרינג געקאָנט אויסנוצן פאַר גאָר אַ גרויסער נאַציאָ־נאַלער אַרבעט. דווקא בײַ די ניט־אידישע פירער פון סאָוועט־רוס־לאַנד איז פון לכתחילה אָן געשאַפן געוואָרן דער געדאַנק, אַז אויב קאָלאָניזאַציע, איז צוליב אַ גרויסן אידישן נאַציאָנאַלן ציל, איז צוליב שאַפן אַזאַ אידישן מאַסיוו, וואָס קאָן פאַרזיכערן די עקזיס־טענץ פון אידן אַלס אַ נאַציאָנאַלע גרופּע. מיר וועלן דעריבער שוין דאָ זיך אָפּשטעלן אויף'ן ביז גאָר אינטערעסאַנטן וויכוח צווישן קאַלינינען, דעם פאַרזיצער פון אַל־סאָוועטישן אויספיר־קאָמיטעט, מיט די אידישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געציטערט אימת מות פאַר די ווערטער „אידיש פאָלק", „אידישע צוקונפט" וכדומה.

שוין אויפ'ן ערשטן צוזאַמענפאָר פון „געזערד" אין 1926 דערקלערט קאַלינין אָפן און בקול רם, אַז „פאַר'ן אידישן פאָלק שטייט די גרויסע אויפגאַבע פון איינהיטן זײַן נאַציאָנאַליטעט. צוליב דעם דאַרף מען פאַרוואַנדלען אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אַ פעסט באַזעצטער מאַסע, וועלכע זאָל ציילן לכל־הפחות הונדערטע טויזנטער". (אייטאַליק פון מיר — י. ל.).

לאָמיר פאַרגלייכן מיט דער דאָזיקער קלאָרער און בפירוש נאַציאָנאַלער, טעריטאָריאַליסטיש־ציוניסטישער דערקלערונג פונ'ם גרויס־רוס די רעזאָלוציע, וואָס ס'האָט אָנגענומען דאָס צענטראַל־ביוראָ פון די אידסעקציעס דעם 4־טן סעפּטעמבער, 1926. דער קאָנטראַסט איז אַזאַ שרייענדיקער; דער דאָקומענט פון די אידסעק־ציעס איז אַזאַ מוטלאָזער, אַזאַ שרייענדיקער עדות פון מורא פאַר די ווערטער „אידיש פאָלק", „אידישע נאַציאָנאַליטעט", „אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן", אַז מיר וועלן זיך דערלויבן צו ברענגען גרעסערע אויסצוגן פון דער דאָזיקער רעזאָלוציע.

נאָכדעם, ווי די רעזאָלוציע קלינגט זיך אין 4 פונקטן צו באַרעכ־טיקן די מעגלאַכקייט פון „אָריענטירן די עדרד איינאָרדענונג פון די אידישע האַרעפּאַשניקעס אויף שאַפן אַ גרעסערן אידישן טערי־טאָריאַלן אויטאָנאָמען איינס, ביים פאַראַנענזיין פון אַ קאָמפּאַקטער אידישער מערהייט אויף אַ דורכאויסיקער טעריטאָריע" קומט פאָל־גענדיקער פונקט 5:

„די געוואונטשטקייט צו שאַפן אַ אידישע אויטאָנאָמע טערי־טאָריע דרינגט אַרויס דערפון, וואָס זי וואָלט געקאָנט אויסנוצן אַלע מעגלאַכקייטן, וואָס באַקומען זיך דורך דער קאָנצענטראַציע פון

גרויסע אידישע מאַסן אויף צו פאַרבעסערן זייער לאַגע דורך אַ סיסטעם פון עקאָנאָמישע מאַס־מיטלען און פון אַ מער פאַרטיפטער קולט־אַרבעט, און וואָלט פאַרשטאַרקט דעם איינפלוס פון פסס״ר אויף די אידישע מאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דערביי דאַרפן מיר דיסקאַנטירן די וואַרשיינלאַכקייט פון אַ נאַציאָנאַליסטישער איבערשאַצונג פון דער אידישער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע, וואָס דער קאַמף דערמיט דאַרף דיסקאַנטירט ווערן אין אונזער צוגרייטונגס־און דערקלערונגס־אַרבעט.

„אַן אָפענע פראָקלאַמירונג פון טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע אין פסס״ר. אין אונטערשייד צו אויסלאַנד, איז ניט צייטמעסיק, ווייל איר מעגלאַכקייט גופא הענגט אָפּ פונ׳ם גאַנג פון דער ערד־איינאָרדענונג, וועלכע איז פאַרבונדן מיט קאָלאָסאַלע שוועריקייטן.

„אין פסס״ר איז נויטיק אַ סיסטעמאַטישע און בהדרגה׳דיקע צוגרייטונג פון דער געזעלשאַפטלאַכער מיינונג פונ׳ם פויערטום סיי בנוגע דער ערד־איינאָרדענונג און סיי בנוגע דער אידעע פון דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע״.*)

די דאָזיקע האַרבע „עברי״ מעג אויך פאַראייביקט ווערן — אַן איבעריקער באַווייז, ווי די פירער פון די אידסעקציעס האָבן זיך געמאַטערט צו פאַרהוילן און פאַרבאַהאַלטן זייערע אמת׳ע געפילן און געדאַנקען. ס׳וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז קיין אידיש פאָלק איז ניטאָ. די טעריטאָריע איז דער סוביעקט, „וואָס וואָלט געקאָנט אויסנוצן אַלע מעגלאַכקייטן, וואָס באַקומען זיך דורך דער קאָנצענטראַציע פון גרויסע אידישע מאַסן״. צווייטנס איז זייער אינטערעסאַנט, ווי די דאָזיקע גרויסע רעוואָלוציאָנערן האָבן מורא פאַר׳ן רוסישן פויערטום און האַלטן פאַר נויטיק צוביסלאַך עס צוגרייטן צום געדאַנק, אַז אידן מעגן באַקומען ערד און מעגן באַקומען טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע. דריטנס, איז ביז גאָר אינטערעסאַנט, אַז „אין אונטערשיד צו אויסלאַנד, איז ניט צייטמעסיק אַן אָפענע פראָקלאַמירונג פון טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע אין פסס״ר״. ווייזט אויס, אַז אין אויסלאַנד, וואו אַ טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע „וואָלט פאַרשטאַרקט דעם איינפלוס פון פסס״ר אויף די אידישע מאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער״, וואו אַזאַ מין נאַציאָנאַלער לאָזונג קאָן פאַרגרעסערן דעם צושטראָם פון דאָלערן קיין סאָוועט־רוסלאַנד,

*) אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די אידישע סעקציעס פון דער אל. ק. פ. (ב.), מאָסקווע, 1927, ז. 96-98. איטאַליק פון מיר—י. ל.

דארטן מעג מען רעדן וועגן אזעלכע טריפה'נע זאכן, אבער ניט אין סאוועט־רוסלאנד, וואו (ווי ס'רעדט זיך ווייטער אין דער זעלבער רעזאלוציע) „אן אויטאנאמיע טעריטאריע האט אין גרונט גענומען דעם ציל צו פארלייכטערן דאס אריינציען די אידישע הארעפאש־ניקעס אין דער אלגעמיינער זאך פון אויסבויען דעם סאציאליזם". מיט דעם לעצטן לאזונג קאן מען אבער צום אידישן אויסלאנד ניט קומען, האט מען בנוגע צו אויסלאנד אראפגענומען דעם איסור פון פראקלאמירן א נאציאנאלן לאזונג, א אויטאנאמיע טעריטאריע.

אויפ'ן צווייטן אלפארבאנדישן צוזאמענפאר פון געזערד האט מערעזשין אין זיין שלום וואָרט אויסגעזאגט א סך אינטערעסאנטע סודות. פאלעמיזירנדיק מיט לארינען, וועלכער איז געווען א פאר־ברענטער חסיד פון א אידישער רעפובליק אין קרים און האט דערי־בער געפירט אן אפענע אגיטאציע קעגן בירא־בידזשאן, און באשול־דיקנדיק אים, אז ער האלט, אז „דאס האבן איינציקע אנטיסעמיטן, וואס זיצן אין די העכסטע ארגאנען, אונז אונטערגערוקט בירא־בידזשאן, ווייל זיי האבן אונז געוואלט אפטאן אן אנטיסעמיטיש שפיצל".*) זאגט מערעזשין אויס א סוד, אז בשעת ער האט אנגע־שריבן זיין ארטיקל „קרים און בירא־בידזשאן" „זיינען געווען חברים, וועלכע האבן פארגעלייגט אויסמעקן דאס וואָרט, אז מיר שטרעבן צו שאפן אין בירא־בידזשאן א רעפובליק. דער קאמערד האט דעם פארשלאג אפגעווארפן".**) דארף מען צוגעבן, אז אין דער שפיץ פון קאמערד איז געשטאנען א צווייטער גרויס־רוס סמידאוויטש, אויך איינער פון די חסידי אומות העולם, און אט דער רוס האט קיין מורא ניט געהאט פאר'ן וואָרט „רעפובליק". סמידאוויטש וואלט געווים קיין מורא ניט געהאט אפילו פאר ביידע ווערטער „אידישע רעפובליק". אבער טויזנט מאל אינטערעסאנטער איז דער לעצטער זאץ פון מערעזשינ'ס שלום־וואָרט. אט וואס מערע־זשין זאגט:

„אין חבר קאלינינ'ס רעדע איז געווען אן אנווייזונג, אז מען דארף שטרעבן „איינהיטן די נאציע". דאס איז אין זיין רעדע געווען אונטערשטראכן עטלאכע מאל. אט דעם געבאט קאנען מיר ניט אננעמען. חבר קאלינין אלס קאמוניסט פון דער נאציאנאלער

*) „דער עמעס", 13-טן דעקאבער, 1930, נומער 291.
**) דארטן.

מערהייט קאָן אַזוי ריידן, אָבער מיר, קאָמוניסטן פון דער נאַציאָ־
נאַלער מינדערהייט, קאָנען עס ניט אָננעמען".*)

אָט די דאָזיקע פראַזע וואָלט באַדאַרפט אויסגעקריצט ווערן
אויף אַ מצבה, ווען מען וואָלט אַזאַ געשטעלט דער אידישע סעקציע.
אַזוי פיל קנעכטשאַפט, אַזוי פיל געפאַלנקייט, אַזוי פיל אונטערטעני־
קייט איז שווער צו געפינען אַפילו בא די בורזשואַזע „דערגרייכלער"
פון די צייטן פון דער רעוואָלוציע פון 1905. דער קאָמוניסט פון
דער מערהייט, פון דעם הערשנדיקן טייל פון לאַנד, קאָן זיין ברייט־
האַרציק און שענקען אידן די מעגלאַכקייט פון איינהאַלטן און ווייַ־
טער אַנטוויקלען זייער פאָלק, אָבער די אידישע קאָמוניסטן — זיי
האָבן ניט קיין העזה צו פאַרלאַנגען אַזעלכע זאַכן.

קאַלינין האָט זיך אָבער אין דעם פּרט שטאַרק פאַר'עקשנ'ט
און האָט ממש ניט דורכגעלאָזט קיין איין פאַל אויף צו אַגיטירן זיינע
קאָמוניסטישע אידעלאַך, אַז אידן מעגן וועלן בלייבן אַ פאָלק,
מעגן וועלן ווייטער אַנטוויקלען זייער קולטור און מעגן וועלן שאַפן
אַן איינענע רעפּובליק. פילע מאָל האָט ער אַנטוויקלט דעם אידישן
נאַציאָנאַלן טעריטאָריאַליסטיש־ציוניסטישן שטאַנדפּונקט, אָבער באַ־
זונדערס בולט און קלאָר האָט ער דאָס געטאָן אין 1934, דעם 2טן
מאַי, אין אַ שמועס מיט רוסישע און אידישע אַרבעטער פון מאָס־
קווער פאַבריקן, וועלכע זיינען געקומען פון אַ באַזוך אין בירא־
בידזשאַן. קאַלינין האָט געזאָגט:

„איר פרעגט מיך, פאַרוואָס מען האָט אָרגאַניזירט די אידישע
אויטאָנאָמע געגנט? איך בין איינער פון די, וואָס האָבן מיטגעפילט
דער אָרגאַניזירונג פון דער געגנט. די הויפּט־סיבה איז די, וואָס
אידן איז בא אונז פאַראַן זייער פיל און קיין מלוכה'שע אויסבילדונג
האָבן זיי ניט. דאָס איז די איינציקע נאַציאָנאַליטעט אין פסס"ר,
וואָס פאַרמאָגט אַ דריי־מיליאָניקע באַפעלקערונג און האָט ניט קיין
מלוכה'שע אויסבילדונג. איך האַלט, אַז דאָס שאַפן אַזאַ געגנט איז
אין אונזערע באַדינגונגען דער איינציקער מיטל פאַר אַ נאָרמאַלער
מלוכהישער אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַליטעט. איך רעכן, אַז אין
אַ יאָר 10 אַרום וועט בירא בידזשאַן זיין דער וויכטיקסטער, אויב
ניט דער איינציקער אויפהיטער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער
נאַציאָנאַלער קולטור. מאָסקווע, צום ביישפּיל, קאָן ניט אויפהיטן
קיין נאַציאָנאַלע איינגנשאַפטן.

*) דאָרטן.

„אין דער בירא בידזשאַנער אויטאָנאָמער געגנט וועט זיך אַנט־וויקלען אַ גרויסע סאָציאַליסטישע בויאונג און גלייכצייטיק אויך אַן אמתע סאָציאַליסטישע אידישע קולטור. און די, וועמען ס׳איז טייער אַזאַ אידישע נאַציאָנאַלע קולטור, וועלכע ווילן צולייגן אַ האַנט צו דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער געגנט און פון איר סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַלער קולטור, דאַרפן זיך פאַרבינדן מיט בירא בידזשאַן און אים העלפן. איך האַלט, אַז בא אונז וועלן זיך אידן לענגער ווי ערגעץ וואו איינהיטן אין זייער אייגענער אידישער געגנט.

„איך באַטראַכט די פראַגע פּאָליטיש. איך האַלט, אַז די אויס־בילדונג פון דער דאָזיקער געגנט האָט די נאַציאָנאַליטעט געשטעלט אויף די פיס, ריכטיקער געזאָגט, זי האָט אונטערגעפירט אַ סאָוועטישן פונדאַמענט אונטער דער אידישער נאַציאָנאַליטעט אין פסס״ר.

„די געגנט וועט האָבן אַ פאַרשטייערשאַפט אין אַל־רוסלענדישן צענטראַלן אויספיר קאָמיטעט, אין נאַציאָנאַליטעטן ראַט, אין ראַט־פאלקאָם.

„די אידישע שטעטלאך גייען אונטער. דאָרטן, וואו ס׳האָבן פריער געוואוינט 10־15 טויזנט אידן, איז געבליבן טויזנט, און די פאַרן אויך ביסלעכווייז אוועק. דערפאַר האָבן זיך בא אונז אויף דעם חשבון געשאַפן פאַבריקן, צום ביישפיל אין האָמעל, וואו 90 פּראָצענט אַרבעטער זיינען אידן. אַ גרויסער פּראָצענט אידישע אַרבעטער איז פאַראַן אויך אין פיל אַנדערע אונטערנעמונגען. דאָס איז גוט. די שטאַט שאַפט אָבער ניט קיין שטאַנדהאַפטיקע באַזונדערע נאַציאָנאַליטעט. אָט, בירא בידזשאַן, אַלס מלוכהישע אויסבילדונג וועט געבן אַ מעגלאַכקייט די אידן גלייכצייטיק אַריינצודרינגען סיי אין דער אינדוסטריע און סיי אין דער לאַנדווירטשאַפט און דעמאָלט, אפילו בא דער אומפאַרמיידליכער אַסימילאַציע פון אַ טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג, וועט זיך דאָרטן איינגעבן אויסשמידן אַ געזונטע סאָוועטישע אידישע נאַציאָנאַליטעט.

„בירא בידזשאַן איז פאַר אונז אינטערעסאַנט אין זין פון זיין אַנטוויקלונג אַלס אַ אידישער מלוכה׳שער איינס, אַז אין פינף זעקס יאָר אַרום זאָל יעדער איד זיך פילן אַזוי, ווי עס פילט זיך אין אונזער פאַרבאַנד אַ דייטש, וואָס ווייסט, אַז ס׳איז דאָ אַ רעפּובליק פון די וואָלגער דייטשן, אָדער אַ טאָטער, וואָס ווייסט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ טאָטערשע רעפּובליק. ווען דער דאָזיקער באַוואוסטזיין זאָל

אַריינדרינגען צווישן די אידישע אַרבעטער, וואָלט עס געגעבן באַ־דייטנדיק גרעסערע סאָציאַליסטישע רעזולטאַטן, אפשר מער אפילו ווי מיר דערוואַרטן".*)

מיר האָבן דאָ אַ בילד פון אידישן לעבן אין נאַציאָנאַלן זין, אַ פּראָגראַם ווי צו היילן די מכה. דאָס שטעטל, דער צענטער פון אידישן נאַציאָנאַלן לעבן, גייט אונטער; די גרויסע שטאָט אַסימילירט. אָבער ניט נאָר אין מאָסקווע, וואו אידן מאַכן אויס אַ נישטיקן פּראָצענט, אַסימילירן זיך אידן, נאָר אויך אין האָמל, וואו ס'זיינען פאַראַן פאַבריקן, אין וועלכע אידן מאַכן אויס גאַנצע ניינציק פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער — אויך דאָרטן אַסימילירן זיך די אידן. און ס'איז גראָדע זייער גוט, וואָס קאַלינין האָט ארויסגעכאַפּט האָמל אַלס אַ ביישפּיל. ערשטנס, מחמת אין האָמל בילדן אידן אין שטאָט אַ מערהייט — אַ רעלאַטיווע מערהייט, אָבער פאָרט אַ מערהייט. דער אַסימילירנדיקער פאַקטאָר פון פרעמדן ארום איז צעשפּאָלטן אויף דריי אָדער פיר גרופּעס: ווייס־רוסן, רוסן, פּאָליאַקן און אויך אַביסל אוקראַאינער. און אפילו אין דער דאָזיקער שטאָט אַסימילירן זיך אידן. אין „עמעס" זיינען געווען ממש צענדליקע קאָרעספּאָנ־דענצן פון האָמל, אין וועלכע מען האָט געשטראָפט די אידישע אַר־בעטער, פאַרוואָס זיי רעדן אויף די פאַבריק־פאַרזאַמלונגען נאָר רוסיש און דערביי אַ שלעכטן רוסיש. דער מוסר האָט ניט געהאָלפן. יאָרן האָט דער „עמעס" איינגעליינגט וועלטן, אַז מען זאָל רעדן אין די פאַבריקן מיט אַ אידישער מערהייט אידיש, און די האָמלער אי־דישע אַרבעטער האָבן געקנאַקט רוסיש. פאַרשטייט זיך, אַז די שרייבער פון „עמעס" זיינען ניט געווען אַזעלכע שאָוויניסטן, ווי קאַלינין, און האָבן ביים מאָנען אידיש אפילו ניט דערמאָנט דעם נאַציאָנאַלן מאָטיוו. זיי האָבן כסדר נאָר ארויסגערוקט דעם פּראַקטישן שטאַנדפּונקט. וואָלט מען גערעדט אידיש, וואָלט מען פּשוט פאַר־שטאַנען בעסער וואָס מען רעדט.

ווייטער קאָן מען שליסן פון קאַלינינ'ס רייד, אַז כדי אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד זאָלן זיך פילן אַזוי גוט ווי די דייטשן, ווי די טאַ־טערן, איז נויטיק, אַז יעדער איד זאָל פילן און וויסן, אַז ער האָט אַ מלוכה, אַן אייגענעם שטאַט, וואָס שטעלט פאָר דאָס אידישע פאָלק

*) יידן אין ססס"ר, מאָסקווע, 1935, ז. 31-36. אייטאַליקס אומעטום פון מיר — י. ל.

אין די העכסטע מלוכה־אָרגאַנען. ער וועט זיין בא זיך דעמאָלט שטאָלצער, זיכערער, פעסטער.

קאַלינין דערמאָנט ניט קיין איין מאָל אפילו, אז אידן זיינען באַרופן צו בויען דעם סאָציאַליזם אין וויטן מזרח. אַזעלכע שטות'ערייען קאָנען נאָר פלאַפלען אידן; דערפאַר אָבער חזר'ט ער איבער אַ סך מאָל דאָס וואָרט „נאַציאָנאַליטעט" און „נאַציאָנאַל". ער רעדט ניט וועגן ראַטעווען עקאָנאָמיש אידן, ניט וועגן מאַכן געזונט זייער עקאָנאָמיק; דאָס קאָן מען מאַכן אין מאָסקווע און האָמל פיל בעסער. ער זעט נאָר איין און איינציקן ציל אין דער גאַנצער קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונג: פאַרזיכערן די צוקונפט פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט.

ווי ווייט איז דאָס אַלץ פון דער רעזאָלוציע, וואָס די קאָמו־ניסטישע אידעלאָך האָבן אָנגענומען, אז „די אויטאָנאָמע טעריטאָריע האָט אין גרונט גענומען דעם ציל צו פאַרלייכטערן דאָס אריינציען די אידישע האָרעפּאַשניקעס אין דער אַלגעמיינער זאַך פון אויסבויען דעם סאָציאַליזם"! ווי ווייט איז דאָס אַלץ פון מערעזשינ'ס אונ־טערטעניקייט, אַז אַלס אַ קאָמוניסט פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט קאָן ער ניט רעדן וועגן אַ אידישער רעפּובליק מיט'ן ציל צו פאַרזי־כערן די עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק!

און זאָל אונז נאָך זיין דערלויבט צו ווענדן די אויפמערקזאַמ־קייט אויפ'ן חילוק אפילו אין דער שפּראַך: די רעזאָלוציע פון די אידסעקן איז דאַר, האַרט, טרוקן און בלוטלאָז; קאַלינין רעדט מיט וואַרימקייט, מיט נשמה־אינטערעס, כמעט מיט פּאַטאָס.

דאָס קאַפּיטל קאַמף פון אידישע קאָמוניסטן קעגן יעדן נאַציאָנאַלן אינהאַלט, וואָס אייניקע האָבן געפּרובט אריינלייגן אין דער ביראָ־בידזשאַנער אונטערנעמונג, פאָרדינט אַ ספּעציעלע שטודיע. אַזוי פיל געמיינקייט, אַזאַ שרעקליכע דעגענעראַציע! מיר וועלן ברענגען כאָטש איין אויסצוג פון אַן אַרטיקל פון פ. שפּראַך, לאַנגע יאָרן פאַקטישן רעדאַקטאָר פון „עמעס", פון איינעם פון זיינע לעצטע אַרטיקלען, נאָך וועלכן מען האָט אים אַרעסטירט און פון טורמע איז ער שוין מער ניט אַרויס.

נאָכדעם ווי שפּראַך פאַרגוינגט זיך גאָר נידעריק פאַר סטאַלינען, וועלכער האָט אויף דעם צענטן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אָפּגעוואָרפן אַן אויסבעסערונג צו אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער ס'זיינען געווען די ווערטער „נאַציאָנאַל קולטורעלע זעלבסט־באַשטי־

מונג", ווייל דאָס דערמאָנט די בונדישע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָ־נאָמיע, שרייבט שפּראַך װערטליך: „ניטאָ אין דער נאַטור קיין סאָוועטישע נאַציאָנאַל קולטורעלע זעלבסטבאַשטימונג, ניטאָ קיין סאָוועטישער טעריטאָריאַליזם. דאָס מוז מען פאַרגעדענקען. די נאַציאָ־נאַלע בויאונג אין ראַטנפאַרבאַנד דרינגט אַרוים דירעקט פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, פון דער בויאונג פון אַ סאָציאַליסטישער אָנקלאַסנגדיקער געזעלשאַפט. און זי האָט אַבסאָלוט גאָר ניט צו טאָן מיט יענע בונדיסטישע, טעריטאָריאַליסטישע און אַנדערע פּראָגראַ־מעס און לאָזונגען. „צו אַ אידיש לאַנד" איז אַ נאַציאָנאַליסטישער פּראָגראַם־לאָזונג, וואָס העלפט מיט צו פאַרשמירן דעם קלאַסן־תוך פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע" („עמעס", 26־טן יוני, 1934. אייטאַליקס אומעטום פון שפּראַכ'ן).

אמת, ניט קאַליניןן, דער גרויס־רוס, איז געווען דער פּאַטער פון גע־דאַנק פון אַ אידישן שטאַט אין די גרעניצן פון סאָוועט־רוסלאַנד. אַרום 1923 האָט אָנגעהויבן ווערן קלאָר פאַר אַלע, אַז די דעקלאַסירטן־פראַגע, וואָס ווערט פון טאָג צו טאָג שאַרפער און קאַטאַסטראָפאַלער, וועט ניט געלייזט ווערן דורך דער ביישטעטלדיקער קאָלאָניזאַציע. צו קנאַפּ זיינען געווען די ערד־פאָנדן אַרום די אידישע שטעטלאַך; בפרט נאָך, אַז מען האָט געזען, אַז די צאָל דעקלאַסירטע וואַקסט אין די אַ סך הונדערטע טויזנטע. אַזוי ווי די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע איז געגאַנגען זייער לאַנגזאַם, איז דער געדאַנק פון אַלע געווען קאָנ־צענטרירט אויף ערד־אַרבעט, אויף קאָלאָניזאַציע אויף פרייע שטחים לאַנד, וועלכע זיינען אין רוסלאַנד נאָך איצט פאַראַן איבער גענוג.

די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן צו דער דאָזיקער צייט שוין שטאַרק געהאַט פאַרברייטערט זייער טעטיקייט און זיינען געווען גרייט נאָך מער זי צו פאַרברייטערן, באַזונדערס דער אַגראָ־דזשאָינט, האָבן געזוכט פּלאַץ, וואו זיי וואָלטן געקאָנט טאָן זייער אַרבעט קאָנצענטרירט און ניט צעוואָרפן אַרום הונדערטע אידישע שטעטלאַך. די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס זיינען ניט ווייניקער פון די אידסעקציעס געווען ווייט פון געדאַנק פון קאָנצענטרירטער קאָלאָניזאַציע אַלס אַ נאַציאָנאַלן ציל אָדער אידעאַל. אין דער לויפט האָט זיך געטראָגן דער געדאַנק נאָר ווענן זוכן גרעסערע שטרעקעס ערד פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע. און די אויגן האָבן זיך געווענדעט צו דרום רוסלאַנד, צו די גובערניעס יעקאַטערינאָסלאַווער, כערסאָ־נער און קרים, וואו אַ סך הונדערטע טויזנטע העקטאָר לאַנד זיינען

נאָך ניט געווען פאַרטיילט. די דאָזיקע אַלע ערטער ליגן נאָענט צו די גובערניעס מיט אַ געדיכטער אידישער באַפעלקערונג, און די איבערוואַנדערונג וואָלט ניט געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן און מיט גרויסע הוצאות; חוץ דעם זיינען דאָך אין כערסאָנער און יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעס געווען אַלטע אידישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבן עקזיסטירט מער פון הונדערט יאָר, וועלכע האָבן אין די יאָרן פון די פּאָגראָמען שטאַרק געליטן און פאַרלאָרן אַ טייל פון זייערע איינוואָוינער און פון זייער אינווענטאַר, וועלכע האָבן אָבער דאָך נאָך געקאָנט דינען פאַר אַ באַזע פאַר אַ נייער אידישער קאָלאָניזאַציע. אין די קאָלאָניעס זיינען געווען העכער 40 טויזנט אידישע נפשות, צווישן זיי אַ סך געניטע און פּייאיקע לאַנדווירטן. ס'איז געווען נאַטירלאַך, אַז מען זאָל פּרובן פאַרגרעסערן די שוין פאַראַנענע קאָלאָניעס מיט צואוואַנדערער פון דעקלאַסירטע. קרים ליגט אין נאָענטער שכנות צו די דערמאָנטע גובערניעס און האָט דעמאָלט געהאַט נאָך מער פריי לאַנד, זיינען אַלעמענס אויגן געווארן געווענדט צו דעם דאָזיקן גאָלדענעם ווינקל פון דער גרויסער רוסלענדישער אימפּעריע.

אַלע אָבער, הן די אידישע קאָמוניסטן און הן די פאַרטרעטער פון די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן געטראַכט נאָר וועגן דער פּראַקטישער זייט פון דער פראַגע, ניט וואַגנדיק אַריינצוטראָגן אין דער פּראַקטישקייט אַביסל אידעאַליזם, אַ העכערן ציל. אָט דעמאָלט האָט זיך געמאָלדן אַ פשוט'ער איד, ניט קיין קאָמוניסט, אַ געוועזענער צעיר־ציוניק, מיט'ן נאָמען בראַגין, אַ פּייאיקער אינזשענער, וועלכן די סאָוועט רעגירונג האָט איבערגעגעבן אָרגאַניזירן די ערשטע לאַנדווירטשאַפטלאַכע אויסשטעלונג אין 1924 און וועלכער האָט געהאַט גוטע פאַרבינדונגען אין די העכערע סאָוועטישע קרייזן. אָט דער דאָזיקער איד מיט ציוניסטישע טראַדיציעס האָט דער ערשטער זיך אָנגענומען מיט מוט און געוואָרפן דעם לאָזונג פון אַ אידישן שטאַט אין קרים. זיין ציוניסטישער שכל הישר און זיין נאַטירלאַך אידיש געפיל האָבן אים אונטערגעזאָגט דעם עלעמענטאַרן געדאַנק, אַז וויבאַלד ס'זיינען פאַראַן הונדערטע טויזנטע פאַראַרימטע דעקלאַסירטע אידן, גרויסע שטרעקעס פריי לאַנד, געלט פון דער רעגירונג און פון אויסלענדישן אידנטום, איז אַ שידוך צווישן די אַלע דריי פאַקטאָרן, אַ שידוך, וואָס וואָלט געגעבן גוטע פּרוכטן — דאָס נאָרמאַלסטע און נאַטירלאַכסטע. און ער האָט דער ערשטער אַרויסגע־

רוקט דעם געדאַנק צו גרינדן אַ אידישע סאָוועטישע רעפּובליק אין קרים.

זיין געדאַנק האָט געפונען אָנהענגער צווישן די ניט־אידישע קאָמוניסטן און צווישן אידן־קאָמוניסטן, וועלכע זיינען ניט געווען אין דער אידסעקציע; פאַרקערט, די געשוואוירענע משגיחים אויפ'ן אידישן לעבן; די, וואָס האָבן איבערגענומען די אַפּטרופּסות איבער די העכער צוויי־און־אַ־האַלב מיליאָן אידן — אַט די דאָזיקע געוועזענע ישיבה בחורים און העברייאישע לערער, געוועזענע מוסר'ניקעס און פאַרברענטע אידישיסטן, געוועזענע בונדיסטן, עסעסאָווצעס, סיימיסטן און פּועלי־ציון — אַט די אַלע, וואָס האָבן קאָמאַנדעוועט אין דער אידסעקציע און האָבן געהאַט אין זינען דער עיקר דעם קאַמף מיט דער אידישער רעליגיע און מיט די אידישע נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען — די אַלע האָבן באַקעמפט דעם געדאַנק אָדער זיך באַמיט אַרויסנעמען פון אים די אידישע נשמה. און דערמיט האָבן זיי דעם געדאַנק גופא געטויטעט. קאַלינינען איז אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף מיט די אידישע קאָמוניסטן. ער, דער רוס, האָט גע'טענה'ט, אַז מען דאַרף אַ אידישע רעפּובליק, דער עיקר, כדי צו שאַפן אַ באָדן פאַר דער אידישער נאַציע, כדי צו קאָנען איינהיטן דאָס סאָוועטישע אידנטום פון נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג, כדי צו שאַפן פּרוכטבאַרע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער קולטור. אָבער מערעזשין און ליטוואַקאָוו, דימאַנשטיין און וויינשטיין און צענדליקע אַנדערע געוועזענע פירער פון אידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען האָבן מורא געהאַט רעדן מיט אַן אָפן מויל, האָבן מסרם געווען דעם געדאַנק פון אַ אידישן טעריטאָריאַלן צענטער אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָבן ניט געהאַט קיין מוט אויסזאָגן דאָס, וואָס זיי האָבן געטראָגן אין זייערע הערצער און מוחות, האָבן דעריבער ניט געקאָנט קיינעם באַגייסטערן פאַר'ן דאָזיקן געדאַנק און זיי טראָגן טאַקע די שולד, וואָס די גאַנצע אונטערנעמונג האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָר ניט.

צווישן די אידן־קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער פאַרטיי, האָט זיך שטאַרק אָנגעכאַפּט פאַר דער אידעע פון אַ שטאַט אין קרים — לאַרין (לוריע אַ זון פון אַמאָליקן קיעווער ראַבינער). יאָרן האָט ער געקעמפט פאַר דעם דאָזיקן געדאַנק, געהאַט גרויסע אָנהענגער אין די העכסטע מאַכט־קרייזן, נאָר צוליב אַ סך סיבות איז דער דאָזיקער פּראָיעקט דורכגעפאַלן. ראשית, האָט ער

אין קאַמף קעגן קאַלינינען

באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד אין די רעגירונג־קרייזן פון דער קרימער רעפובליק, אין דער שפיץ פון וועלכער ס'איז געשטאַנען איינער איבראַגים, וועלכער איז סוף כל סוף פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט געשאָסן געוואָרן פאַר פאַרשיידענע פאַרברעכנס, פאַקטישע אָדער אויסגעטראַכטע איז שווער צו וויסן. צווייטנס, זיינען די אָרומיקע פויערים אויך געווען שטאַרק אומצופרידן מיט דעם, וואָס מען טיילט אויס פאַר אידן אַזאַ גוטע ערד ווען זיי, דורות־לאַנגע לאַנדווירטן, נויטיקן זיך אין לאַנד. אויך אין דער צענטראַלער רעגירונג זיינען ניט אַלע געווען באַגייסטערט פאַר אָפּגעבן אַ גרויסן טייל פון קרים אידן. מעגלאַך, אַז אפילו קאַלינין, וועמען מען קאָן בשום אופן ניט חושד זיין אין שלעכטע באַציאונגען צו אידן, איז אויך געווען קעגן קרים און פאַר בירא־בידזשאַן. און צוליב פאָלגנדיקע טעמים: גראַדע קאַלינין האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע באַקאַנטשאַפט מיט'ן אידישן לעבן און אַ טיפן פאַרשטאַנד פאַר זיינע פּראָבלעמען. ער האָט וואַרשיינלאַך געהאַלטן, אַז אין דער סביבה פון אָדעס און קיעוו, כאַרקאָוו און קאַטערינאָסלאַוו און ניט זייער ווייט פון מאָסקווע און לענינגראַד וועט קיין אידישע לאַנדווירטשאַפטלאַכע באַפעלקערונג זיך ניט לאַנג האַלטן, און די גאַנצע אַרבעט וועט גיין פאַרלאָרן. ער איז דעריבער געווען מער פאַר בירא־בידזשאַן, וואָס ליגט ווייט פון אַ ישוב. די דיסקוסיע אַרום דעם קרימער פּראָיעקט איז געגאַנגען דער עיקר אין געשלאָסענע זיצונגען און די פּרטים זיינען ניט באַקאַנט. אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע האָט מען אויך פּאָלעמיזירט, אָבער מיט האַלב לשון.

מיר קאָנען זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף די דאָזיקע קאַמפן, ווייל זיי האָבן שוין איצט קיין אַקטועלן אינטערעס ניט. פאַר אונז איז וויכטיק דער פאַקט, אַז נאָך יאָרן פון קאַמף האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף בירא־בידזשאַן. אין קרים און אין די ראַיאָנען פון די אַלטע קאָלאָניעס ווערן נאָך איצט אויך באַזעצט עטלאַכע הונדערט אידישע קאָלאָניסטן אַ יאָר, אָבער ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז די צאָל אָפּפאָרנדיקע איז גרעסער פון דער צאָל אָנקומענדיקע. אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע שרייבט מען בכלל איצט שרעקלאַך ווייניק וועגן אַלע אידישע פּראַגן און כמעט גאָר ניט וועגן דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט. ס'באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז מען האַלט די אַרבעט אויף די אַלטע ערטער פאַר פאַרענדיקט און מען לייגט נאָר נאָך האָפענונגען אויף בירא בידזשאַן.

אויך וועגן לעצטן לאַנד רעדט מען און מען שרייבט אַ סך ווייניקער ווי צוריק נאָך מיט אַ פּאָר יאָר. פאַרעפנטלאַכט מען אָבער וועלכע ס'ניט איז דאַטן, טראָגן זיי אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער. מיר ווייסן, למשל, די צאָל אייוואווינער אין בירא בידזשאַן. מיר ווייסן די צאָל שולן דאָרטן, אָבער מיר ווייסן ניט וויפיל זיינען דאָרטן פאַראַן אידן, וויפיל זייגען פון די שולן אידישע און וויפיל אידישע קינדער לערנען זיך אין זיי. מען פאַרשווייגט מיט אַ כיון די דאַטן וועגן אידן, ווי מורא האָבנדיק אַרויסגעבן אַ קאָמפּראָמיטירנדיקע זאַך. אַ פּאָר ביישפּילן: אין „עמעס" פון 7־טן נאָוועמבער, 1932, שטייט געשריבן אין אַן אַרטיקל, וואָס טראָגט דעם קאָפּ, „ראַפּאָרט פון בירעבידזשאַן" וואָרט און וואָרט פאָלגנדעס: „אין ראַיאָן זיי־נען פאַראַן 102 שולן, דערונטער 18 אידישע". שפּעטער, מיט 7 יאָר געפינען מיר אין אַן אַרטיקל אין „שטערן" פון 3־טן דעצעמבער, 1939, פאָלגנדע דאַטן: „אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט זיינען פאַראַן 102 שולן, אין וועלכע עס לערנען זיך 14,938 שילער". שוין ניטאָ קיין איין וואָרט וויפיל אידישע שולן אָדער וויפיל אידישע שילער. און דאָס ווערט געגעבן אין אַן אַרטיקל, וואָס טראָגט דעם קאָפּ: „עס בליט די אידישע אויטאָנאָמע געגנט". אויב עס בליט, פאַרוואָס ניט אָנגעבן די צאָל אידישע שולן?

נאָר לאָמיר זוכן ווייטער, טאָמער וועלן מיר פאָרט דערגיין אַ טאָלק. אין דער ניו יאָרקער קאָמוניסטישער ציטונג „מאָרגן פרייהייט" פון 31־טן אויגוסט, 1939, געפינען מיר אַ קאָרעספּאָנדענץ פון מאָסקווע מיט'ן קאָפּ: „בירא־בידזשאַן אויף דער אויסשטעלונג אין מאָסקווע". דאָס איז אייגנטלאַך ניט קיין קאָרעספּאָנדענץ, נאָר אַ פּאָעמע, אַ הלל אויף די קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען, נאָר איין קליייניקייט פעלט: ניטאָ קיין דאַטן וועגן דער צאָל אידן אין בירא בידזשאַן, ניטאָ קיין צאָלן וועגן אידישע שולן, וועגן אידישע שילער. ווייזט אויס, אַז אויך אויף דער אויסשטעלונג זיינען זיי ניט בנמצא. נאָר לאָמיר נישטערן ווייטער. אין דער זעלבער קאָמוניסטישער ציטונג „מאָרגן פרייהייט" פון 22־טן יולי, 1940, איז פאַראַן אַ קאָ־רעספּאָנדענץ פון מאָסקווע ווידער מיט אַ גרויסן קאָפּ: „מיט די לייענער פון „מאָרגן פרייהייט" אויף אַ שפּאַציר איבער בירא־בידזשאַן". זוכן מיר ווידער דאַטן וועגן דער צאָל אידן אין דער אידישער רעפּובליק — ניטאָ! אָבער אָט זיינען דאַטן וועגן דער צאָל שולן. ווערטליך: „אין 111 שולן לערנען זיך 17 טויזנט

קינדער", וויפיל אָבער פון זיי זיינען אידישע, איז ניטאָ. מיר וואַרפן אַוועק מיט כעס די ציטונגען און נעמען זיך צו די סאָוועטישע ביכער — אולי ירחם, אפשר וועלן מיר פון דאָרטן קלוגער ווערן. מיר נעמען דעם גרויסן און שיין אַרויסגעגעבענעם בוך מיט'ן נאָמען „אידן אין פסס"ר", אַרויסגעגעבן פון „מעזשדונאַראָדנאַיאַ קניגאַ" און פאַרלאַג „עמעס", דערשינען אין מאָסקווע אין 1935. העכער 60 זייטן זיינען אָפּגעגעבן ביראָ־בידזשאַן. מיר ווערן פון דאָרטן געוואויר, אַז די צאָל חוזרים האָט זיך פאַרגרעסערט פון 2,532 אין 1934 אויף 5,372 אין יאָר 1935. מיר ווייסן ניט, צי דאָס זיינען אידישע חוזרים צי ניט־אידישע, אָבער דאָך ווייסן מיר זייער צאָל. מיר ווערן אויך געוואויר, אַז פון 786 מיטגלידער און קאַנדידאַטן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זיינען געווען 366 אידן. אָבער אומזיסט וועט איר זוכן די צאָל אידן אין דער אידישער רעפּובליק. ס'איז פאַראַן וועגן דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן פאָלגנדע דאַטן: „די באַפעלקערונג איז שוין אויסגעוואַקסן ביז 9־10 טויזנט". וויפיל אָבער זיינען פון זיי אידן? דאָס פאַרשוויגט מען. ענדליך געפינען מיר דאַטן וועגן שולן. אָט זיינען זיי: „צום ערשטן פעוראַל, 1935, זיינען אין דער געגנט געווען 86 שולן. פון די 86 שולן זיינען געווען 15 אידישע" *) קומט אויס, אַז אין 1935 זיינען געווען ווייניקער שולן ווי אין 1932. מיר וואָלטן געקאָנט די ביישפּילן פון סתירות אין די דאַטן און פון פאַרשוויינגן מיט אַ כיון די דאַטן, כדי ניט אַרויסגעבן דעם סעקרעט פון אַלגעמיינער ירידה פאַרמערן און פאַר־מערן, אָבער די געבראַכטע מוסטערן זיינען גאַנץ גענוג.

ביז בערך 1939 פלעגט מען דאָך אָפּט רעדן וועגן באַזעצן ביראָ־בידזשאַן מיט אידן. פון דעמאָלט אָן האָט מען אינגאַנצן אויפגעהערט דערמאָנען דאָס וואָרט „אידן" און מען רעדט נאָר וועגן באַזעצן די אידישע געגנט מיט „מענטשן". אין „אָקטיאַבר" פון 24־טן יולי, 1940 געפינען מיר אַ נאָטיץ אונטער אַ פּיל צוזאָגנדיקן קאָפּ: „פּערספּעק־טיוון פון דער בויאונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט". און אין טעקסט לייענען מיר: „ס'איז אויסגערעכנט, אַז אין פאַרלויף פון די יאָרן 1941־1942 איז דאָ אַ מעגליכקייט איינצואָרדנען אין דער אינדוסטריע און געווערבן פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט באַ 34 טויזנט מאַן. אַזוי אַרום קאָן די אידישע אויטאָנאָמע געגנט באַקומען אין די נאָענטסטע יאָרן אַ פרישן צופלוס פון העכער 45

*) אידן אין פסס"ר, מאָסקווע, 1935, ז. 111.

טויזנט מענטשן". אין „אקטיאבר" פון 10־טן אויגוסט, 1940 געפי־
נען מיר ווידער אַ נאָטיץ מיט אַ קאָפּ: „עס וואקסט די הייזער־בוי־
אונג אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט". און אין טעקסט:
„די באַפעלקערונג פון אונזער געגנט האלט אין איין וואקסן. דערהויפּט
קומט צו פיל יונגוואַרג". אין „שטערן" פון 6־טן סענטיאבר, 1940
געפינען מיר אַ נאָטיץ וועגן בירא־בידזשאַן מיט'ן קאָפּ: „נייע
בויאונגען". און אין טעקסט: „אין שטאָט בירא־בידזשאַן וואוינען
איצט קנאַפּע 40 טויזנט מענטשן".

מיר זיינען זיכער, אַז ס'איז גאָר ניט קיין צופאַל, וואָס מען
מיידט אַזוי עקשנות'דיק אויס צו רעדן וועגן אידן. צוריק מיט עטליכע
יאָר האָט מען געשריבן קלאָר „אידן", „אידישע באַפעלקערונג".

מיר וועלן פּרובן איצט אין קורצן אונטערפירן אַ סך הכל דער
אַגראַריזאַציע אין די אַלטע ערטער און וועלן שפּעטער זיך גענויער
אָפּשטעלן אויף בירא־בידזשאַן, וועלכע בלייבט נאָך עד־היום אַ
לאָזונג און אַן אַגיטאַציע־מיטל און וועלכע מען שלעפּט איצט ארויס
אין אויסלאַנד גאָר אויבן אויף אין צוזאַמענהאַנג מיט די נייע מיליאָ־
נען אידן, וואָס סאָוועט־רוסלאַנד האָט באַקומען און וועלכע וועלן
דאָך אויך מוזן דורכגיין די שבעה מדורי גיהינום ביז מען וועט זיי
אריינפירן אין באָלשעוויסטישן גן־עדן.

15

די אגראריזאציע אין טאג־טעג־ליכן לעבן.

לויט דער ציילונג פון 1897 האבן געלעבט פון לאנדווירטשאפט אין די גרעניצן פון איצטיקן סאוועט־רוסלאנד ארום 65־70 טויזנט אידן. מען קאן אננעמען, אז ביז דער וועלט מלחמה פון 1914־18 אדער ביז׳ן קומען פון די באלשעוויקעס צו דער מאכט איז ניט געווארן קלענער די צאל אידן, וואס האבן געהאט חיונה פון דער אדער אנדערער פארם אגראר־ארבעט. ווייל נאך דער רעוואלוציע פון 1905 איז א שטיקל צייט געהאט געווארן גרינגער פאר אידן צו קויפן לאנד. חוץ דעם איז בכלל דעמאלט געוועז בא אידן א נטיה צו ביישטעטלדיקער קאלאניזאציע: אידן האבן געפלאנצט גערטנער און זיך פארנומען מיט אינטענסיווע פארמען פון לאנד־ווירטשאפט. פאר׳ן יאר 1931 גיט אן קאנטאר פאלגנדע דאטן: *)

נפשות, וואס לעבן פון לאנדווירטשאפט

1)	אוקראינע	172,000
2)	ווייס־רוסלאנד	47,000
3)	קרים	21,000
4)	בירא־בידזשאן	5,000
5)	מערב־טיילן פון גרויס־רוסלאנד	6,250
6)	אנדערע ראיאנען פון גרויס־רוסלאנד	3,750
	צוזאמען	255,000

דאס זיינען שאצונגען פון קאנטאר, פון א קאמוניסט, וועלכער זינגט תהילות ותשבחות דער באלשעוויסטישער מאכט פאר אלע אירע מעשים און פאר אלע אירע אויפטואונגען, גאר אן א חילוק פון די רעזולטאטן און פון דעם פרייז, וואס דאס האט געקאסט. מיר זיינען זיכער, אז די דאזיקע צאלן זיינען איבערטריבן און לייגן פאר זיי צו פארקלענערן אויף א 35 טויזנט. מיר האבן גענומען פאר 1933־1934 ארום 110 טויזנט עקאנאמיש אקטיווע אין דער לאנד־ווירטשאפט, וואס ס׳באדייט, אז אומגעפער האבן געלעבט פון לאנד־

*) י. קאנטאר, די נאציאנאלע בויאונג צווישן אידן אין ס.ס.ס.ר., ז. 135.

ווירטשאַפט ארום 220 טויזנט אידן, זיינען אַלזאָ צוגעקומען ארום 150, מאַקסימום 160 טויזנט אידן, וועלכע האָבן זיך אַנגעהויבן פארנעמען מיט לאַנדווירטשאַפט אַדאַנק דער באָלשעוויסטישער מאַכט. אַדאַנק — דאָ קאָן מען זייער אַ סך אַריינטייטשן און מען האָט רעכט אַריינטייטשן. די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט געגעבן לאַנד אומזיסט, געגעבן געהילף אויף הייזער, געגעבן אויך אַנדערע סובסידיעס. אָבער זי, די דאָזיקע מאַכט, האָט אויך געשאַפן יענעם גיהינום, וואָס האָט געטריבן און געיאָגט צו ערד־אַרבעט.

מען האָט אָנגענומען אַ פּראָגראַם בשעת מען האָט געגרינדעט דעם קאָמזעט אין 1924 (קאָמיטעט פאַר איינאָרדנען אידן בײַ ערד־אַרבעט) צו באַזעצן 100 טויזנט אידישע פאַמיליעס, בערך אַ האַלבן מיליאָן אידישע נפשות. אין דער קאָמוניסטישער טעגלאַכער פּרעסע האָט מען גאָר אָפט גערעדט וועגן באַזעצן אַ מיליאָן אידן אויף ערד. און מען מוז מודה זיין, אַז ס'זיינען געווען אַבסאָלוט אַלע שאַנסן אויף דאָס צו דערגרייכן. אָבער אין רעזולטאַט האָט מען קוים באַזעצט מאַקסימום 160 טויזנט.

די אויבן־געבראַכטע דאַטן פון י. קאַנטאָר ווייזן אויך אָן דעם כאַראַקטער פון דער קאָלאָניזאַציע. שטעלט זיך ארויס, אַז די פּלאַנירטע קאָלאָניזאַציע האָט נאָר ארומגענומען 63,000 אידישע נפשות. אַלע איבעריקע האָבן אָדער געלעבט אין אידישע קאָלאָניעס פון פריער אָדער זיי האָבן זיך געכאַפּט צו ערד־אַרבעט נעבן שטעטלע, וואו מען האָט געהונגערט. לכן באַקומט זיך, אַז פון גאַנצן גרויסן טומל וועגן ישועות אויף אידן, וועגן פּראָדוקטיוויזירן און פּויעריזירן, געזונט מאַכן און נאָרמאַל מאַכן די אידישע עקאָנאָמיק, האָט מען קוים באַזעצט אין קאָלאָניעס 63,000 אידן אָדער ווייניקער פון צוויי און אַ האַלב פּראָצענט פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג.

לויט אַן אָפיציעלן באַריכט פון „קאָמזעט" האָבן די הוצאות אויף דער אידישער קאָלאָניזאַציע פאַר די יאָרן 1925־1927 באַטראָפן 14,873,807 רובל. דערפון פון אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס 9,525,638, אַלזאָ העכער 64 פּראָצענט האָט געגעבן דאָס אויסלענדישע אידנטום.*)

פאַר דער גאַנצער צייט פון קאָלאָניזאַציע האָבן די אויסלענדישע געזעלשאַפטן צוזאַמען אַריינגעבראַכט קיין סאָוועט־רוסלאַנד העכער

---

*) אַ. מערעזשין, דריי יאָר איינאָרדענונג פון די אידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. מאָסקווע, 1928, ז. 30.

24 מיליאָן רובל, וועלכע זיי האָבן אַריינגעבראַכט מיט וואַלוטע אָדער מיט מאַשינעס, טראַקטאָרן און אַנדערע ווערטפולע סחורות.**)

ניט יעדער איבערגאַנג צו ערד־אַרבעט טראָגט אָבער אַ טיפן און סטאַבילן כאַראַקטער. מיר רעדן ניט וועגן דורות, נאָר כאָטש פאַר דעם דור, וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט דעם דאָזיקן איבערברוך. מיר האָבן אין רוסלאַנד דריי טיפן אידישע לאַנדווירטשאַפטן: 1) די ביישטעטלדיקע — אָרימע אידן, שטאַרבנדיק פון הונגער, האָבן זיך געכאַפּט פאַר אַ שטיקל ערד. איז דאָס דאָזיקע שטיקל ערד זעלטן געווען גענוג אויף צו לעבן פון דעם. דער איד אַליין, ווארפנדיק זיך אויף'ן שטיקל ערד נעבן זיין שטעטל, האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַ צייטווייליקע צרה, פאַר אַן איבערגאַנג־אומגליק, פאַר אַ איבערכאַפּ־מיטל, עד יעבור זעם, ביז מען וועט זיך אומקערן צו דער אַלטער פּרנסה אָדער מען וועט אָנהויבן זוכן עפּעס גרינגער־ליכערעס און לוינבאַרערעס. נאָר אַ נישטיקער פּראָצענט פון די קינדער פון די דאָזיקע ביישטעטלדיקע קאָלאָניסטן וועט בלייבן בא דער ערד־ירושה. 2) די אַלטע אידישע קאָלאָניעס — דאָ האָבן מיר אַ קלאַס אידישע לאַנדווירטן, צווישן וועלכע ניט ווייניקע זיינען צוגעבונדן צו דער ערד און ווילן די דאָזיקע צוגעבונדנקייט איבער־געבן די קינדער בירושה. אָבער דאָס איז ניט קיין פאַרדינסט פון די קאָמוניסטן. ענדליך 3) די פּלאַנירטע קאָלאָניזאַציע אין אוקראַינע, קרים און בירא־בידזשאַן, וואו מען האָט געוואָלט דערגרייכן עפּעס מער ווי געבן ברויט עטלאַכע צענדליק טויזנט אידן, וואו מען האָט געשטרעבט צו שאַפן אויף דורכאויסיקע לאַנד־מאַסיוון כאָטש וויפיל ס'ניט איז קאָנצענטרירטע אידישע מאַסן. די לעצטע קאַטעגאָריע גיט אָבער ניט מער ווי אַ פערטל פון דער גאַנצער אידישער לאַנד־ווירטשאַפטלאַכער באַפעלקערונג.

אָט וואָס ס'שרייבט אַ קאָמוניסט: „אַרומנעמענדיק העכער אַ העלפט פון דער גאַנצער אידישער לאַנדווירטשאַפטלאַכער באַפעלקע־רונג, פאַרמאָגן אָבער די ביישטעטלדיקע קאָלאָניסטן פון אוקראַינע נאָר 18 פּראָצענט פון אידישן לאַנד־באַזיץ. אין דער מערהייט פון די דאָזיקע ווירטשאַפטן קומט אָן 3.13 העקטאָר לאַנד אויף אַ פאַ־מיליע אָדער 0.64 העקטאָר אויף אַ נפש. די דורכשניטלאַכע יאָרליכע הכנסה פון אַ פאַמיליע איז ניט גרעסער פון 200 רובל. בא אַזאַ מין

**) י. קאַנטאָר, די באַציאָנאַלע בויאונג, ז. 109.

לאַנגע איז שווער אָנצונעמען, אַז לאַנדווירטשאַפט איז דער איינציקער אָדער אפילו דער הויפּט־מקור פון פּרנסה פון דער ביישטעטלדיקער לאַנדווירטשאַפטלאַכער באַפעלקערונג".*)

דאָס זיינען קלאָרע דיבורים, וועלכע מען פאַרשפּאָרט אויס־טייטשן. זייער זין קאָן זיין נאָר איינער — די ביישטעטלדיקע קאָלאָ־ניזאַציע האָט ניט קיין פעסטן פונדאַמענט און וועט זיך ניט האַלטן לאַנג.

וועגן מער אָדער ווייניקער איינגעפונדעוועטער אידישער לאַנד־ווירטשאַפטלאַכער באַפעלקערונג קאָן מען לכן רעדן נאָר בנוגע די אַלטע קאָלאָניסטן און מיט ווייניקער זיכערקייט וועגן אַ טייל פון די נייע קאָלאָניסטן אין די אוקראַינישע ערטער, וואָס נעבן די אַלטע קאָלאָניעס, אין קרים און אין בירא־בידזשאַן. דאָס הייסט אָבער, אַז אמת'ע אידישע קאָלאָניסטן פאַרמאָגן מיר אין סאָוועט־רוסלאַנד ניט 255 טויזנט, ווי קאַנטאָר גיט אָן; ניט אפילו 220 טויזנט ווי איך שאַץ, נאָר אין דער אמת'ן 100, העכסטנס 110 טויזנט נפשות. ס'איז זייער וואַרשיינלאַך, אַז שוין איצט האָבן אַ סך אידן פאַרלאָזט זייערע קאָלכאָזן און סאָווכאָזן באַ די שטעטלאַך און האָבן זיך צוריק איבערגעקליבן אין שטעטל אָדער מען האָט אויסגעוואַנדערט אין די גרעסערע שטעט. אַז די קינדער בלייבן ניט אין די דאָזיקע קאָרליק־ווירטשאַפטן, איז גאָר קיין ספק ניט. נאָר אפילו אין די פּלאַנירטע קאָלאָניעס, וואו מען לעבט פיל בעסער און וואו די פּערספּעקטיוון זיינען אויך גרעסערע, איז דאָך אויך דער אָפּפלוס געווען און איז נאָך איצטער גאַנץ גרויס.

דער עטלאַכע מאָל ציטירטער קאַנטאָר שרייבט וועגן דעם: „די פראַגע איז ניט אין דעם וואָס ס'איז בכלל פאַראַן אַן אָפּפלוס, נאָר אין דעם, וואָס ער איז פון אַזאַ גרויס. פון 1926 ביז 1931 זיינען אָנגענומען געוואָרן אויף די אוקראַינישע איבערוואַנדערישע פאָנדן 13,415 פאַמיליע־פאַרטרעטער, אָבער דעם ווינטער־פאַרזיי האָבן געמאַכט נאָר 7,097 ד. ה., אַז פאַר דער צייט זיינען אוועק 6,318 אָדער 47.1%".**) וועגן דעם אָפּפלוס פון בירא־בידזשאַן וועלן מיר רעדן באריכות שפּעטער, אָבער ער איז געווען אַ סך, אַ סך גרעסער; ער איז דערגאַנגען ביז 60 פּראָצענט און אין איינצעלנע

*) ל. זינגער, די אידישע באַפעלקערונג פון סססר (רוסיש). מאָס־קווע, 1932, ז. 91.
**) י. קאַנטאָר, ז. 97.

יאָרן ביז 72 פּראָצענט פון אַלע אָנגעקומענע.*) מען דאַרף ניט מיינען, אַז מען פּאַרט אַוועק פון די קאָלאָניעס אין ערשטן אָדער שפּעטסטנס אין צווייטן יאָר, לכן עלעמענטן, וועלכע האָבן פון לכתחילה זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט פּייאיק זיך צוצופּאַסן צום נייעם אַרט לעבן. פון די אַוועקגעפאָרענע, למשל, אין 1930 זיינען געווען 13%, וועלכע האָבן געלעבט אין די קאָלאָניעס 5 יאָר; 13 פּראָצענט, וועלכע האָבן געלעבט דאָרטן 4 יאָר; און 18 פּראָצענט, וועלכע האָבן געלעבט דריי יאָר; לכן גאַנצע 44 פּראָצענט האָבן אָפּגעלעבט מער פון דריי יאָר און נאָכדעם ערשט פאַרלאָזט די לאַנדווירטשאַפטלאַכע אַרבעט.**)

דאָס איז געווען אין 1930, ווען ס'איז שוין געווען גרינגער ווי אין 1927 אָדער נאָך פריער, אָבער דאָך זיינען נאָך געווען דעמאָלט הונדערטע טויזנטע דעקלאַסירטע און אַרבעטלאָזע. אין די לעצטע 5 יאָר, ווען די לאַגע אין לאַנד האָט זיך באַדייטנדיק פאַרבעסערט, דער קאָנטינגענט דעקלאַסירטע האָט זיך אויסגעשעפּט און די פּערספּעקטיוון אין די גרויסע שטעט מיט'ן קאָלאָסאַלן וואוקס פון זייער באַפעלקערונג זיינען געשטיגן, איז דער אָפּפלוס געוואָרן גרעסער. וויבאַלד ס'זיינען ניט פאַראַן קיינע אידעאָלאָגישע מאָטיוון, וועלכע זאָלן האַלטן דעם אידן ביים שטיקל ערד; דער איבערברוך ביים איבערגאַנג צו ערד אַרבעט איז ניט געווען קיין טיפער, נאָר די שרעקלאַכע נויט האָט געטריבן דערצו; איז באַ דער ערשטער מעגלאַכקייט זיך בעסער איינצואָרדענען, לויפט מען. ווענגן דעם, אַז די איינגעפונדעווקייט אין דער לאַנדווירטשאַפט זאָל שוין זיין אַזאַ טיפע, אַז זי זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין נאַטירלאַכע צוגעבונדענקייט צום לאַנד און זאָל זיך קאָנען איבערגעבן שפּעטערדיקע דורות קאָן אוודאי קיין רייד ניט זיין.

מיר וועלן ברענגען עטלאַכע בילדלאַך פון אידישע קאָלאָניסטן, וועלכע וועלן אונז געבן אַ פאָרשטעלונג וועגן דער מדרגה פון נשמה־איבערברוך, וואָס דער איד האָט איבערגעלעבט ביים איבערגיין צו ערד־אַרבעט אונטער דעם דרוק פון הונגער און נויט און באַ די מעטאָדן פון אַרבעט, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר'ן גאַנצן באָלשעוויזם.

*) דאָרטן, ז. 118 און 119.
**) דאָרטן, ז. 98.

אין „עמעס" פון 21טן נאָוועמבער, 1925, געפינען מיר פאָל־גענדיקן באַריכט וועגן דער אידישער קאָלאָניע „נאָוואַיאַ זאַריאַ":

„1) אין קיך אַרבעטן געדונגענע פויערשע (גויאישע) מיידלאך און די מיידלאך פון קאָלעקטיוו גייען אַרום אָן אַרבעט.

„2) אין שטאַל אַרום די פערד גייען געדונגענע פויערים. די בחורים פון קאָלעקטיוו גייען אום אָן אַרבעט.

„3) די קוקורוזע פון פעלד האָט מען אַראָפּגענומען מיט פרעמ־דער אַרבעט־קראַפט.

„אין אַלגעמיין האָט מען פאַר'ן זומער־סעזאָן באַצאָלט פרעמדע אַרבעטער העכער זעקס טויזנט רובל, וואָס ס'האָט באַטראָפן מער פון 150 רובל אויף אַ פאַמיליע, ווייל פאַקטיש זיינען פאַראַן ניט מער ווי 40 פאַמיליעס.

„באַ די הייזער האָט מען אַליין קיין האַנט אין קאַלט וואַסער ניט אַריינגעטאָן".

דער קאָרעספּאָנדענט פון „עמעס" דערציילט ווייטער, אַז אויף אַ פאַרזאַמלונג האָבן קאָלאָניסטן געשריען:

„דערלויבט אונז אַרבעטן אינדיווידועל, וועלן מיר אונזער קוקו־רוזע אין פעלד באַאַרבעטן און אונזער ווירטשאַפט אַוועקשטעלן. מיר ווילן זיין אידישע פויערים, אָבער ניט קיין קאָלעקטיוויסטן".

דאַרף מען געדיינקען, אַז אין דער אידישער קאָמוניסטישער פרעסע איז דעמאָלט געגאַנגען אַ גאַנצער וויכוח, צי דאַרף מען בכלל די אידישע קאָלאָניזאַציע אויב זי זאָל טראָגן אַן אינדיווידועלן כאַראַקטער און ניט פירן צו קאָלעקטיוויזאַציע.

און אָט איז אַ צווייט בילדל, וואָס וועט אונז ווייזן וואָסערע גרויסע גליקן מען האָט געכאַפּט ווען מען איז שוין געווען אין אַ קאָלאָניע. דער קאָרעספּאָנדענט פון „שטערן" פון 12־טן דעצעמבער 1925, באַשרייבט די קאָלאָניע „קרעניטשקי" באַ אָדעס, וועלכע האָט שוין געהאַט עקזיסטירט צוויי יאָר, האָט געהאַט דאָס לעצטע יאָר אַ גוטע יערעטעניש און דער מענטשן־באַשטאַנד איז געווען זייער אַ גוטער, אַ האָרעפּאַשנע, אַן אַרבעטנדיקער. לאָמיר געבן דאָס וואָרט דעם „שטערן"־קאָרעספּאָנדענט:

„מיר פאָרן קיין „קרעניטשקי". דאָ ווערט פאַרלייגט אַ גרויסע קאָלאָניע, שוין ניט קיין „קאָלעקטיוושטשיקעס", וואָס שטייען נאָך מיט איין פוס לעבן זייערע קרעמלאַך, נאָר פעסטע ערד־אַרבעטער,

וואס האבן זיך שוין מיט זייערע ביידע פיס זיכער און ערנסט גע־שטעלט אויף זייער ערד.

„5־6 שטיינערנע הייזלאך, עטלאכע ארבעטער שיטן ערד אויפ׳ן דאך; ווייטער אביסל ערד־הייזלאך, אויסגעגראבענע גריבער און א גרופע פויערים; דאס איז די צוקונפטיקע קאלאניע.

„אויפ׳ן הארצן איז געווארן עטוואס שווערלאך. די פויערים אפ־געריסן, אפגעשליסן; בלאטע, פאר׳חושכ׳טע פנימער. די הייזער שטייען נאך אן פענסטער און אן טירן. אויפ׳ן שוועל קינדער פאר־וויקלט מיט שמאטעס. אין די קורעניעס (ערד־הייזלאך) געזינדן צו 6 און 7 נפשות. איינע א יונגע שטארק אויסגעהארעוועטע פרוי נעמט מיך אן פאר „נאטשאלסטווא״ און זי גיט זיך א ווארף צו מיר מיט א געבעט:

„טוט א טובה, ווי גאט איז אייך ליב, נעמט בא מיר צו די בהמה, זי וועט מיך אויפעסן מיט די ביינער״.

אט אזוי האט מען געפירט שוין די ארגאניזירטע קאלאניזאציע. ווען מען איז געלאפן אליין איז די לאגע געווען נאך ערגער. מיר האבן אויבן שוין געבראכט א ציטאטע פון קיפערן וועגן דער לאגע פון די קאלאניסטן אין די ערטער, וואוהין זיי זיינען געלאפן זיך ראטעווען, ווייל אין שטעטל איז אין פערספעקטיוו געווען נאר און אויסשליסלאך הונגער־טויט.

דער פיל מאל ציטירטער קאנטאר מאכט אין זיין בוך אן איבער־בליק איבער דער לאגע פון די ביישטעטלדיקע אידישע קאלאניסטן אין ווייס־רוסלאנד אין 1926 און שרייבט:

„ניט געקוקט אויף דער פארהעלטניסמעסיק באפרידענדיקער לאגע, צאלט ניט אויס א גאנץ דריטל פון אלע קאלכאזן זייערע מיטגלידער דאס, וואס ס׳קומט זיי אויף לעבן, ארויסגעבנדיק אין דורכשניט נאר צו 15 רובל א חודש אויף א פאמיליע; 18.5% האבן באזארגט זייערע מיטגלידער נאר מיט פראדוקטן און נאר 11.5% פון די קאלכאזן האבן סיסטעמאטיש געגעבן די מיטגלידער חודש׳דיקע סומען, וועלכע זיינען מער אדער ווייניקער געווען גענוג אויף אן עקזיסטענץ־מינימום״.*)

די קאלכאזן אין ווייס־רוסלאנד האבן שוין געהאט דעמאלט געציילט כמעט א צענדליק יאר עקזיסטענץ און דאך האבן זיי ניט

*) קאנטאר, ז. 65.

געגעבן אַזאַ מינימום פּרנסה, אַז דער קאָלאָניסט זאָל זיך אָנהויבן פילן צוגעבונדן צום שטיקל ערד און קוקן אויף דעם ווי אויף זיין צוקונפט־גורל.

דער זעלבער מחבר שרייבט אין 1933:

„ביז וואַנען דער נייער אידישער לאַנדווירט בכלל און דער ביישטעטלדיקער בפרט האָט ניט געלאָזט קיין טיפע וואָרצלען אין זיין שטיקל ערד, קאָן מען ניט מיט פולער זיכערקייט באַהויפּטן, אַז ער איז ערנסט איבערגעגאַנגען אויף די רעלסן פון אַ נייעם פויערשן לעבן".*)

מיט דער צייט האָט זיך די לאַגע אין אַ סך קאָלכאָזן געבעסערט, אָבער קאַנטאָר אַליין איז מודה אין 1933, אַז „אַ גרויסע צאָל ביישטעטלדיקע אידישע קאָלכאָזן האָבן אַזוי ווייניק לאַנד, אַז ס'איז נאַטירלאַך אויפגעקומען די פראַגע, צי זייער וויטערדיקע עקזיסטענץ אין אַזאַ צושטאַנד האָט גאָר אַ זין".**) און ער ברענגט, אַז פון 378 קאָלכאָזן אין אוקראַינע האָבן 108 געהאַט צו 1.8 העקטאַר לאַנד אויף אַ פאַמיליע. פון אַזעלכע קאָלכאָזן מוז מען זיך צעלויפן באַ דער ערשטער מעגלאַכקייט צו געפינען וועלכע ס'ניט איז אַרבעט אין שטאָט.

נאָר אָט איז אַ גאָר אינטערעסאַנטער באַריכט פון אַ בריגאַדע, וועלכע האָט געמאַכט אַ ספּעציעלע אויספאָרשונג פון דער לאַגע אין די קאָלווירטן פון דער מערב־געגנט, אין שכנות מיט ווייס־רוסלאַנד:

„אויך די אַלע אַנדערע אידישע קאָלווירטן, וואו מיר זיינען געווען, זיינען אין'ם גרעסטן טייל רייך מיט ערד, לעבעדיקן און טויטן אינווענטאָר, אָבער זייער אָרים מיט אַרבעט־קראַפט. דאָרט באַמערקט זיך אַ כסדרדיקער אָפּפלוס. עס גייען אַוועק איבערהויפּט די הענדלער, וואָס האָבן אַ דאַנק זייער „אָפּזיצן אין קאָלווירט" באַקומען וואַל־רעכט און האָבן איצט די מעגלאַכקייט איינצואָרדנען זיך אין די גרעסערע שטעט אין פאַרשיידענע אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן. זיי פאָרן אָפּ, נעמען צו מיט זיך די יוגנט, און די קאָל־ווירטן ווערן אָפּגעצערט פון יאָר צו יאָר.

„אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אָפּפלוס פון דער אַרבעט־קראַפט ווערט די לאַגע אין די קאָלווירטן אַלץ שווערער און שווערער.

*) דאָרטן, ז. 69.
**) דאָרטן, ז. 60.

„קיין צופלוס פון די שטעטלאך איז אין די קאלווירטן ניטא.
די אידישע קוסטארן און די ארמשאפט גייט ניט אין די ביישטעטל־דיקע אידישע קאלווירטן. אבער די פראגע ווערט געלייזט אויף אן אנדער אופן: אין די קאלווירטן גייען אריין פיל רוסישע קאלווירט־ניקעס וואס בויען שוין איצט אינאיינעם מיט די אידן דעם נאך אלץ אזוי גערופענעם „נאצקאלכאז".

„אינ'ם קאלווירט „וועג צום סאציאליזם" (רודניע), וואו עס געפינען זיך 53 פאמיליעס, זיינען 32 אידישע און 21 ניט־אידישע; אינ'ם קאלווירט „ערשטער מאי" (לובאוויטש), וואס באשטייט פון 39 פאמיליעס, זיינען 27 אידישע און 12 רוסישע".*)

דער נאר וואס ציטירטער קארעספאנדענט איז געוואלדיק באַ־גייסטערט פון דער אינטערנאציאנאליזאציע, וועלכע איז דעמאלט געווען די נייעסטע משוגעת פון די אידישע קאמוניסטן און וועלכע האט געווים געבראכט דערצו, אז די אידישע קאלווירטניקעס זיינען צוביסלאך נעלם געווארן פון די קאלווירטן. די קאלווירטן זיינען ווידער געווארן נאציאנאלע, נאר שוין ניט קיין אידישע נאר רוסישע.

דאס געמאלטע בילד אבער פון קארעספאנדענט איז טיפיש פאר די ביישטעטלדיקע קאלווירטן פון אלע ראיאנען.

אבער אפילו אין די קרימער קאלאניעס, וואו די לאגע איז תמיד געווען א סך בעסער, שוין פשוט צוליב דעם, וואס דארטן האט געארבעט דער אגרא־דזשאינט, וועלכער האט געבויט גוטע הייזער פאר די קאלאניסטן, האט געזארגט פאר גוטן אינווענטאר, און לאנד האט מען באקומען מער וויפיל מען האט געקאנט באארבעטן, און אוועקווארפן דארטן די קאלאניע הייסט פארלירן א פארמעגן — אפילו דארטן איז פאר די לעצטע יארן ניט נאר ניט צוגעקומען קיין אידישע קאלאניסטן, נאר ס'איז נאך געווארן ווייניקער. מיר האבן אויבן געבראכט א טאבעלע פון קאנטאר'ס בוך, וואו ס'ווערט אנגע־געבן, אז אין 1931 זיינען געווען אין קרים 21 טויזנט אידישע נפשות, וואס האבן געלעבט פון לאנדווירטשאפט. און אט וואס מיר לייענען אין „עמעס" פון 2־טן יוני, 1938, אלזא שפעטער מיט 7 יאר:

„86 אידישע איבערוואנדערישע קאלווירטן זיינען פאראן בא היינטיקן טאג אין קרים — 5 טויזנט ווירטשאפטן, וואס נעמען אריין בא 20 טויזנט נפשות".

---

*) „עמעס", 2־טער יוני, 1932. איטאליקס פון מיר—י. ל.

אַרום צוואַנציק טויזנט נפשות אין 1938 — אַלזאָ ווייניקער ווי אין 1931! און די אידישע 5 טויזנטווירטשאַפטן אין קרים האָבן 158,851 העקטאָר לאַנד, דאָס מאַכט אויס העכער 31 העקטאָר לאַנד אויף אַ ווירטשאַפט. די גאַנצע צייט שרייט מען אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע, אַז ס'פעלן אויס כוחות אין די קרימער קאָלאָניעס אויף צו באַאַרבעטן די ערד. ניט לאַנד פעלט, נאָר מענטשן און דאָך ווערט ווייניקער און ניט מער.

מען דאַרף נאָך גערייכן, אַז ווען מען רעדט וועגן 20 טויזנט אידישע נפשות אין די קרימער אידישע קאָלאָניעס הייסט עס דאָך ניט, אַז אַלע פאַרנעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפט. פון אַ פערטל ביז אַ דריטל זיינען פאַרנומען ניט בײַ דער לאַנדווירטשאַפט.

נאָך טרויעריקער ווערט די לאַגע ווען מען דערמאָנט זיך, אַז די צענטראַלע סאָוועטישע רעגירונג האָט אויסגעטיילט אין קרים 340 טויזנט העקטאָר לאַנד פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע; אין 1932 זיינען שוין געווען איינגעטיילט צווישן 90 אידישע דערפער אין קרים 270 טויזנט העקטאָר לאַנד,*) אָבער צום יאָר 1938 זיינען געווען בײַ אידן נאָר 158 טויזנט העקטאָר לאַנד. פאַרוואָס? ווייל ס'זיינען ניט געקומען קיין אידישע קאָלאָניסטן און מען האָט ניט געקאָנט מער האַלטן דאָס לאַנד ניט באַאַרבעט און מען האָט עס אַוועקגעגעבן ניט־אידן. לויט די דאַטן פון י. קאַנטאָר, זיינען צום ערשטן יאַנואַר, 1932, געווען באַזעצט 75 פּראָצענט פון די אוקראַינישע פאָנדן, וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַר אידן און נאָר 33 פּראָצענט פון די קרימער פאָנדן.

אַז אידישע לאַנדווירטשאַפטליכע באַפעלקערונג ווערט קלענער איז קלאָר פון די פאָלגנדיקע דאַטן. אין „עמעס" פון 11טן מאַי, 1938, נומער 106, שטייט געשריבן: „אינ'ם זאַל פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט וועלן אויך אילוסטרירט ווערן די אַלגעמיינע דערגרייכונגען פון די אידישע קאָלווירטן אין פּסס"ר. אויף אַ ספּעציעלער קינסטלערישער דיאַגראַמע וועלן באַוויזן ווערן די אידישע קאָלווירטן פון קרים, אוקראַינע, גרוזיע, אוזבעקסטאַן און פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט — העכער 600 קאָלווירטן, וואָס פאַראייניקן בײַ 25 טויזנט קאָלווירטישע הויפן. פאַר די דאָזיקע קאָלווירטן האָט די ראַטן־רעגירונג פאַרפעסטיקט צום אייביקן באַנוץ העכער 500 טויזנט העקטאָר ערד. די אידישע קאָלווירטניקעס פאַר-

*) „עמעס", 26־טן נאָוועמבער, 1932.

זייען אין אַלע ראַיאָנען העכער 250 טויזנט העקטאָר און זיי גיבן יערליך דער מלוכה ביז 10 מיליאָן פּוד תבואה, חוץ הונדערטער טויזנטער צענטנער גאָרטנוואַרג און קאַרטאָפל, מיליאָנען ליטער מילך און צענדליקער טויזנטער צענטנער ווייַנטרויבן" (אייטאַליקס אין „עמעס").

און אָט וואָס ס'שטייט געשריבן שפּעטער מיט 1 יאָר מיט 2 חדשים אין „שטערן" פון 8־טן אויגוסט, 1939: „העכער 500 אידישע קאָלווירטן זיינען צעשפּרייט איבער די סטעפּעס פון אוקראַינע, קרים, ביראָ־בידזשאַן און אַנדערע ערטער. לויט די אָנגאָבן פון'ם הויפּט־קאָמיטעט פון דער לאַנדווירטשאַפטלאַכער אויסשטעלונג האָבן די דאָזיקע קאָלווירטן געגעבן אין 1937 — 9 מיליאָן פּוד ברויט דער מלוכה".

די דאָזיקע דאַטן וועקן אין מיר גאָר, גאָר טרויעריקע געדאַנקען: די אידישע לאַנדווירטשאַפטלאַכע באַפעלקערונג איז פאַראייניקט אין קאָלווירטן אין רוב ראַיאָנען אויף העכער 90 פּראָצענט און אין אייניקע ראַיאָנען כמעט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. אַזוי, אַז פאַר די יחידים־לאַנדווירטן בלייבט כמעט נישט קיין פּלאַץ. ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז ס'זיינען נאָך פאַראַן 5 פּראָצענט יחידים אידישע לאַנדווירטן, וועלן מיר געוויס קיין טעות ניט מאַכן. נעמען מיר אָן די אויבן אָנגעגעבענע ציפער אין „עמעס" פון 25 טויזנט קאָלווירטישע הויפן פאַר ריכטיק, וועלן מיר באַקומען, אַז אַרום און אַרום זיינען פאַראַן אידישע הויפן, אידישע ווירטשאַפטן, 26 טויזנט מיט 250. דאָס הייסט, אַז ס'זיינען פאַראַן נאָר 26 טויזנט מיט 250 אידישע משפּחות אין דער לאַנדווירטשאַפט. כופל'ן מיר אפילו אויף 5, וועלן מיר באַקומען נאָר אביסל העכער פון 130 טויזנט אידישע נפשות, וואָס לעבן פון לאַנדווירטשאַפט. דאָס איז אַ סך ווייניקער, ווי מיר האָבן אויבן אָנגענומען. נאָר מיר ווילן גאָר ניט זיין אַזוי פּעסימיסטיש, אַז פון 1933 ביז 1939 זיינען זיך צעלאָפן כמעט אַ העלפט פון די באַשעפטיקטע אין לאַנדווירטשאַפט, כאָטש אויסגעשלאָסן איז דאָס ניט, ווייל די לאַגע אין אַ סך קאָלווירטן איז געווען אַזאַ, אַז די אידן האָבן די אַרבעט דאָרטן באַטראַכט נאָר ווי אַ צייטווייליקע; שנית, איז דאָך אויך די ניט־אידישע באַפעלקערונג אין די לעצטע יאָרן געלאָפן אין שטאָט אַריין, געלאָפן אין די מיליאָנען, פאַרוואָס זשע זאָלן אידן, שטאָטישע מלידה ומבטן, ניט געווען טאָן דאָס זעלבע?

16

בירָאָ־בידזשאַן.

יעדנפאַלס איז קלאָר, אַז פון די אַלע פּלענער וועגן באַזעצן מינימום אַ האַלבן מיליאָן אָדער גאָר אַ מיליאָן אידן אויף ערד האָט זיך גאָר ניט אויסגעלאָזט. אין בירָאָ־בידזשאַן אָבער ווערט די אַרבעט פאָרטגעזעצט. זי גייט שרעקלאַך לאַנגזאַם, ממש זי קריכט, אָבער מען קאָן זי ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַן אונטערנעמונג, וואָס טראָגט אין זיך אַ סך מער ווי נאָר די פּערספּעקטיוו פון פאַרוואַנדלען אידן אין לאַנדווירטן. דאָ וויל מען פאַרוואַנדלען אידישע יחידים אין אַ נאַציאָנאַלן קיבוץ; דאָ וויל מען דורך שטאַאַטליכער קאָנצענטראַציע שאַפן אַ פונדאַמענט פאַר אידישער קולטור, זאָל זיין ווי קאָמוניסטן פאַרשטייען דאָס, אָבער פאָרט אייגענע — אייגנאַרטיקע, ווייל איזאָלירט פון פרעמדן אַרום און באַ זיך און ווייל פאָרט ערגעץ פאַרבונדן מיט אידישן עבר, זאָל זיין נאָר מיט׳ן נעכטן און ניט מיט דער גאַנצער רייכער גרויסער פאַרגאַנגענהייט, אָבער דאָך אַ געוויסע אָרגאַנישקייט. דער דאָזיקער עקספּערימענט שטעלט דעריבער פאָר גאָר אַ גרויסן אינטערעס. אויפקלערן די סיבות פון זיין דורכפאַל איז אין די אינטערעסן פון גאַנצן אידנטום. ליגט דער דורכפאַל נאָר אין די נעגאַטיווע באַדינגונגען פון לאַנד; אין די באָלשעוויסטישע מעטאָדן פון אַרבעט; אין דער אויסגעלייִדיקטקייט פון די נשמות פון די אידישע קאָמוניסטן; אין דער פאַר׳חלש׳טקייט פון נאַציאָנאַלן געפיל און געדאַנקביים גאַנצן סאָוועטישן אידנטום; אין דער איינגעשרומפּענקייט פון נאַציאָנאַלן אינהאַלט, וואָס קאָן קיינעם ניט באַגייסטערן; אָדער די סיבה ליגט נאָך טיפער — אין לאַנד גופא, ווייל ס׳איז אַ נײַ לאַנד, וואָס אַפּעלירט ניט צו קיינע סענטימענטן און שפּאַרט זיך ניט אָן אויף קיינע היסטאָרישע טראַדיציעס — דאָס איז אַ פראַגע פון קאָלאָסאַלער וויכטיקייט און ערנסטקייט.

שנית, איז דאָס גאָר ניט קיין קלייניקייט און ס׳האָט אין אונזער געשיכטע קיינמאָל דערוויל ניט געטראָפן, אַז אַ רעגירונג זאָל אָפּגעבן אידן אַ לאַנד פון אומגעפער 4 מיליאָן העקטאָר, זאָל דערביי נאָך אַסיגנירן צענדליקע מיליאָנען רובל אויף קאָלאָניזאַציע פון דעם דאָזיקן לאַנד, זאָל שטעלן אין רשות פון דער אונטערנעמונג

דעם גאַנצן שטאַטלעכן אַפּאַראַט און זאָל למפרע שוין געבן ברייטע נאַציאָנאַלע רעכט דעם ערשטן אויפקומענדיקן קיבוץ. אויך דאָס צווינגט אונז אָפּצוגעבן דעם ביראָ־בידזשאַן־עקספּערימענט אַ גרעסערע אויפמערקזאַמקייט און אַ גרינדלאַכערע אָפּהאַנדלונג.

לאָמיר צוערשט ברענגען די אָפיציעלע באַשלוסן וועגן ביראָ־בידזשאַן, וועלכע שאַפן די יורידישע באַזע און פּאָליטישע ראַם פאַר דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, ווי זי הייסט אָפיציעל.

אין דער זיצונג פון פּרעזידיום פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פסס"ר דעם 2טן מערץ, 1928, איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדי־קער באַשלוס:

1) „פאַרפעסטיקן פאַר'ן „קאָמערד" צוליב די באַדערפעניש פונ'ם דורכאויסיקן באַזעצן מיט אַרבעטנדיקע אידן די פרייע ערדן אינ'ם בייאַמורער פאַס פונ'ם ווייט־מזרח'דיקן קאַנט, וואָס נעמט אריין אין זיך דעם ביראָ־בידזשאַנער ראַיאָן, אין די פאָלגנדיקע, לפי־ערב'דיקע גרעניצן: איבערן טייך אַמור, מערב'דיקער פון דער שטאָט כאַבאַראַווסק, ביז צו דער לעפצונג פונ'ם טייך כינגאַן און מיט'ן טייך כינגאַן ביז צו דער אייזנבאַן־ליניע; ווייטער, צפונ'דיקער פונ'ם אייזנבאַן פאַס צו מזרח זייט לויט דער ליניע מערב'דיקער פון דער שטאָט כאַבאַראַווסק".

די פונקטן 2, 3 און 4 באַהאַנדלען נים וויכטיקע טעכנישע פראַגן און פונקט 5 איז דער וויכטיקסטער:

5) „בא גינסטיקע רעזולטאַטן פון דעם דורכאויסיקן באַזעצן מיט אַרבעטנדיקע אידן דעם ראַיאָן, וואָס איז אָנגעוויזן אין ערשטן פונקט — האָבן אין זינען די מעגלאַכקייט צו אויסבילדן אויף דער טעריטאָריע פון דעם דאָזיקן ראַיאָן אַ אידישן נאַציאָנאַלן אַדמיניס־טראַטיוו־טעריטאָריאַלן איינס".

אונטערגעשריבן איז „סעקרעטאַר פון צענטראַלן אויספיר קאָמי־טעט פון פסס"ר, א. יענוקידזע."

דער צווייטער וויכטיקער דאָקומענט בנוגע ביראָ־בידזשאַן איז דער באַשלוס פון פּרעזידיום פון אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון 30טן סעפּטעמבער, 1931:

1) „פאָרלייגן דעם מלוכה־פּלאַן פון פסס"ר און דעם ווייט־מזרח'דיקן אויספירקאָם, צוציענדיק דעם קאָמערד, תיכף זיך נעמען פאַנאַנדעראַרבעטן און צושטעלן נים שפּעטער ווי אין נאָוועמבער

דאָס יאָר די קאָנטראָל־ציפערן פאַר אַלע צווייגן פון ווירטשאַפטלאַכער און קולטורעלער בויאונג אין ביראָ־בידזשאַנער ראַיאָן אויף די יאָרן 1932 און 1933, אָריענטירנדיק זיך אויף אויסבילדן צו ענדע 1933 אין די גרעניצן פון ביראָ־בידזשאַנער ראַיאָן אַ אידישן אויטאָנאָמען אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריאַלן איינס אין׳ם באַשטאַנד פון ווייט־מזרח׳דיקן קאַנט״.

פונקט צוויי פון דאָזיקן באַשלוס רעדט וועגן „פאַרשטאַרקן די טעמפן פון׳ם ווירטשאַפטלאַכן וואוקס פון׳ם ראַיאָן אויף דער באַזע פון אַנטוויקלען גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען״, ווי אויך וועגן די „נויטיקע מאָסמיטלען, אַז די איבערוואַנדערער זאָלן זיך דאָרטן פעסט באַזעצן (הייזער־בויאונג, קולטור־בויאונג)״.

פונקט 3 איז ניט וויכטיק; פונקט 4 באַפעלט דעם בילדונגס־ און דעם געזונטהייטס־קאָמיסאַריאַטן „פאַנאַנדערוויקלען אין ביראָ־בעדזשאַנער ראַיאָן פון 1932 אָן אַזאַ נעץ קולטור־אויפקלערערישע און סאַניטאַר־מעדיצינישע אַנשטאַלטן, וואָס זאָלן פולשטענדיק באַפרידיקן די באַדערפענישן פון די איבערוואַנדערער״.

פונקט 5 באַפעלט, אַז „פון דער צאָל אידן, וואָס ענדיקן די הויכשול־טעכניקומס, פאַרטיי־שולן־פאַרבראָנירן אַ באַשטימטע און גענוגענדיקע צאָל טוער פאַר ביראָ־בידזשאַנער ראַיאָן״.

פונקט 6 באַשליסט „געבן דאָס רעכט דעם ביראָ־בידזשאַנער רייאָויספירקאָם (אויספיר קאָמיטעט פון ראַיאָן—י. ל.) פון יאַנואַר, 1932 אָננעמען אין בירגערשאַפט פון ראַטענפאַרבאַנד, לויט׳ן געזעץ פון 22טן אַפריל 1931, מיט דער שפעטערדיקער באַשטעטיקונג דורכ׳ן ווייט־מזרח׳דיקן קאַנט־אויספירקאָם״.

דער גאָר לעצטער פונקט איז געצילט צו געבן די מעגלאַכקייט דער ביראָ־בידזשאַנער מאַכט צוציען איבערוואַנדערער פון אויסלאַנד. דער דעלעגאַט פון קאָמערד, וועלכער איז שפעטער אַרומגעפאָרן איבער ליטע און לעטלאַנד ווערבירן איבערוואַנדערער פאַר ביראָ־בידזשאַן, פלעגט שטעלן אַ תנאי, אַז פאָרן קאָנען נאָר אַזעלכע, וועלכע נעמען תיכף אָן סאָוועטישע בירגערשאַפט. דער דאָזיקער תנאי האָט טאַקע אַ סך, וועלכע זיינען געווען גרייט פרובן, טאָמער, אפשר, אָפגעשראָקן און אָפגעהאַלטן פון מאַכן די רייזע.

דער באַשלוס פון 30טן סעפטעמבער, 1931, איז אונטערגעשריבן: „סעקרעטאַר פון אַלצאַ״ק — א. קיסילעוו״.

ענדליך קומען מיר צום וויכטיקסטן, צום ווירקלאַך היסטאָרישן דאָקומענט, ווי דער גורל פון דער זאַך זאָל ניט אויספאַלן — צום באַשלוס פון 7טן מאַי, 1934, וועלכער לויטעט אַזוי: „וועגן פאַר־וואַנדלען דעם ביראָ־בידזשאַנער אידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן פונ׳ם וויַיט־מזרח׳דיקן קאַנט אין אַ אידישער אויטאָנאָמער געגנט (באַשטי־מונג פון צענטראַלן אויספיר קאָמיטעט פון פסס״ר):

„באַטראַכט דעם פאָרשלאַג פונ׳ם אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר קאָמיטעט וועגן פאַרוואַנדלען דעם ביראָ־בידזשאַנער אידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אַ אידישער אויטאָנאָמער געגנט, באַשטימט דער צענטראַלער אויספיר קאָמיטעט פון פסס״ר:

„די השתדלות באַפרידיקן און פאַרוואַנדלען דעם ביראָ־בידזשאַ־נער אידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אַ אידישער אויטאָנאָמער געגנט אינ׳ם באַשטאַנד פון וויַיט־מזרח׳דיקן קאַנט.

פאָרזיצער פון צענטראַלן אויספיר קאָמיטעט — מ. קאַלינין.

סעקרעטאַר פון צענטראַלן אויספיר קאָמיטעט—אַ. יענוקידזע״.*)

לאָמיר איצט זען, ווי גרויס איז די דאָזיקע טעריטאָריע, וועלכע ווערט מיט אַזאַ ברייטער האַנט געשטעלט אין רשות פון סאָוועטישן אידנטום, און וואָס זיינען אירע הויפּט־אייגנשאַפטן.

די אידישע אויטאָנאָמע געגנט ליגט צו מערב פון כאַבאַראָווסק און צו מזרח פון דער אַמור־געגנט. זי גרעניצט זיך מיט מאַנזשוקאָ און איז דער לעצטער פונקט פון סאָוועטישן פאַרבאַנד. די אידישע טעריטאָריע פאַרנעמט 36 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער. מער ווי אַ העלפט פון דער דאָזיקער טעריטאָריע איז באַדעקט מיט אור־אַלטע געדיכטע וועלדער. אַ גרויסער טייל פון לאַנד באַשטייט פון פייכטע מאַסיוון, וואָס וועלן טויגן פאַר קאָלאָניזאַציע ערשט נאָך גרויסע און קאָסטבאַרע דרענאַזש־אַרבעטן. אומגעפער 14 פּראָצענט פון לאַנד איז פון לאָנקעס און פאַשע, וואָס מאַכט מעגלאַך פי־צוכט.

דער באָדן איז מערסטנטיילס אַ ליימיקער און אַ זאַמדיקער, אָבער ס׳איז אויך פאַראַן שוואַרצערד. דער באָדן איז דאָ שטאַרק פייכט, וויַיל ס׳גיסן אָפטע רעגנס און די וואַסער פאַרהאַלט זיך און בילדעט ליימיקע געדיכטע בלאָטעס. לויט דער מיינונג פון געלערנטע קאָן די דאָזיקע פייכטקייט באַזייטיקט ווערן, וויַיל זי איז אַן אויבער־

*) אַלע נאָר וואָס געבראַכטע ציטאַטן זיינען גענומען פון בוך „אידן אין פסס״ר", מאָסקווע, 1935, ז. 181-173.

פּלעכלאכע. ס'זיינען אויך פאַראַן פּרוכטבאַרע מאַסיוון, וועלכע קאָנען אויסגענוצט ווערן פאַר תבואה און פּרוכטן. בא מעכאַניזיר־טער באַאַרבעטונג פון באָדן קאָן מען אין אַ סך ערטער באַקומען גאַנץ גוטע גערעטענישן.

דער ווינטער איז דאָ אַ טרוקענער און קאַלטער און די פראָסט דערגייען ביז 40 גראַד. זומער בלאָזן דאָ פייכטע ווינטן און ס'גיסן חדשים'ווייז כמעט אָן אויפהערליך רעגנס. דער קאַלטסטער חודש איז דאָ יאַנואַר, ווען די טעמפּעראַטור פאַלט דורכשניטלאַך ביז 27 גראַד, אָבער אָפט דערגייט דער פראָסט ביז 35 און 40 גראַד. דער הייסעסטער חודש איז יולי, ווען די היץ דערגייט דורכשניטלאַך ביז 27 גראַד. אין אַלגעמיינעם קאָן מען אָננעמען, אַז דער קלימאַט איז אַ גאַנץ געזונטער.

די וועלדער זיינען דאָ זייער רייך מיט צעדערבוימער, טענענ־בוימער און אַנדערע טייערע געהילצן, ווי סאָסנע, דעמב, בעריאָזע און אַנדערע.

ס'וואַקסן אין ביראָ־בידזשאַן: ווייץ, קאָרן, האָבער, גערשטן, פלאַקס, ליין, האָפּן, רייז, קאַרטאָפל, אַרבעס, קוקורוזע, בוראַקעס און אַנדערע.

די מינעראַלע רייכטימער פון לאַנד זיינען נאָך ווייניק אויסגע־פאָרשט, אָבער ס'איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ס'איז דאָרטן פאַראַן: אייזן־ערץ, גראַפיט, מאַגנעזיט, שטיין־קוילן און אפילו גאָלד.

די טעריטאָריע פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט שניידט דורך די אַמורער אייזנבאַן־ליניע, וועלכע פאַרבינדט מאָסקווע מיט'ן וויכטיקסטן סאָוועטישן האַפן אויפ'ן פּאַסיפישן אָקעאַן — מיט וולאַדיוואָסטאָק.*)

מיר וועלן נאָך לאָזן רעדן אַ סאָוועטישן ספּעציאַליסט, וועלכער האָט דער ערשטער דורכגעפירט די עקספּעדיציע קיין ביראָ־בידזשאַן און איז די גאַנצע צייט אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט. אין סאָוועטישן זשורנאַל „סאָוועטישע בויאונג" („סאָוועטסקאַיע סטראָיטעלסטוואָ", רוסיש) פון יאַנואַר, 1936, האָט אַגראָנאָם קאַמענעצקי פאַרעפנט־

*) לויט „אידן אין פּסס"ר", מאָסקווע, 1935, ז. 59-70.

ליכט אַ גרויסן אַרטיקל וועגן דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט. ער שרייבט דאָרטן:

„די אידישע אויטאָנאָמע געגנט פאַרנעמט דעם סאַמע צענטראַלן אָרט אין דעם ווייט־מזרח'דיקן קאַנט. די גרויס פון דער געגנט איז 36 טויזנט מיט 492 קוואַדראַט קילאָמעטער אָדער 3 מיליאָן מיט 649 טויזנט העקטאַר לאַנד, וואָס ס'מאַכט אויס 1.2% פון דער גאַנצער טעריטאָריע פון ווייט־מזרח'דיקן קאַנט. די טעריטאָריע פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט איז אַביסל גרעסער פון בעלגיע, גרעסער פון האָלאַנד און איז אַנדערטהאַלבן מאָל אַזוי גרויס ווי די קרימער רעפּובליק.

„די באַפעלקערונג פון דער געגנט, וועלכע האָט באַטראָפן אין 1928, אין ערשטן יאָר פון באַזעצן די געגנט מיט אידן, 33 טויזנט מיט 300 נפשות, האָט אויסגעמאַכט צום סוף פון 1934 — 52 טויזנט און צום 1935 — 61 טויזנט נפשות. די אידישע באַפעלקערונג האָט באַטראָפן צום סוף 1935 — 13 טויזנט מיט 900 אָדער 22.8% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. די געדיכטקייט איז אַנדערט־האַלבן מענטשן אויף אַ קוואַדראַט קילאָמעטער.

„פון מערב זייט צו מזרח ווערט די אידישע טעריטאָריע דורכ־געשניטן מיט דער אוסורוסישער אייזנבאַן; מיט די מזרח גרעניצן ליגט די געגנט ניט ווייט פון דעם גיך וואַקסנדיקן ראַיאָן־צענטער כאַבאַראָווסק. די אידישע געגנט געפינט זיך אין פּרט פון קאָמוני־קאַציע מיט אַנדערע ראַיאָנען פון קאַנט אין זייער גינציקע באַדינ־גונגען. גאָר אין גיכן וועט די אידישע געגנט זיין פאַרבונדן מיט די צפון־טיילן פון ווייט־מזרח'דיקן קאַנט. אין די גרעניצן פון דער אידישער געגנט ווערן געבויט צוויי אייזנבאַן־ליניעס, וועלכע פירן איינע צום רייכסטן צענטער פון שיף־בוי צו דער שטאָט קאָמסאָמאָלסק און די צווייטע פירט צום רייכסטן ראַיאָן פון קוילן.

„די נאַטור־רייכקייטן פון דער אידישער געגנט זיינען זייער גרויס און פאַרשיידנאַרטיק. זיי קאָנען דינען פאַר אַ באַזע ווי פאַר אינדוסטריע־אַנטוויקלונג, אַזוי אויך פאַר אַגראַר־ווירטשאַפט. פאַר־ביקע און שוואַרצע מעטאַלן (אייזן, גאָלד), בערג פון צעמענט, מאַר־מאָר, וואַלד־מאַסיוון פון 1 מיליאָן מיט 445 טויזנט העקטאַר, וועלדער פון גרויסן אינדוסטריע־ווערט מיט מעגלאַכן געהילץ פון 50 מיליאָן קוב מעטער און האָלץ 4 מיליאָן קוב מעטער — דאָס אַלץ קאָן דינען פאַר אַ גוטער באַזע פאַר אַ גרויסער אינדוסטריע־אַנטוויקלונג.“

כדי צו האָבן אַ פאָרשטעלונג, ווי די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעהויבן די קאָלאָניזאַציע אין אַן אינגאַנצן ווילדער געגנט און ווי פונדעסטוועגן אידן האָבן גובר געווען די שווערסטע באַדינגונגען און פאַרלייגט אַ ישוב, וועלן מיר געבן דאָס וואָרט איינעם פון די ערשטע פיאָנערן ליב גפן, אַ איד פון ארום ווילנע מיט אַ 25־יאָריקער פראַקטיק אין ערד־אַרבעט. ער דערציילט:

„דעם 27טן מאַי (1928) זיינען מיר (6 מענטשן: 2 ברידער גפן, איין פרוי און נאָך דריי מענער קרובים) געקומען אויפ'ן פּלאַץ, אויסגעבויט פאַר זיך אַ ביידל און באַלד גענומען זיך האַקן דעם געדיכטן וואַלד און גרייטן געהילץ פאַר די ערשטע הייזער פונ'ם ערשטן ישוב אינ'ם נייעם לאַנד. אין עטלאַכע טעג ארום זיינען געקומען אַהער נאָך 25 איבערוואַנדערער, און די אַרבעט איז אַוועק לעבעדיקער. אין שטילן וואַלד איז געוואָרן טומלדיק און ראַשיק. פון גאַנצפרי ביז פאַרנאַכט האָבן אין גאַנצן ארום געזשומעט די זעגן און געהילכט די העק.

„אינגיכן האָט זיך באַוויזן דער „גנוס”. וואָס ווייטער, איז ער אונז אַלץ מער און מער דערגאַנגען די יאָרן. אונז און איבערהויפּט די פערד. אַ טייל איבערוואַנדערער האָט זיך ערנסט דערשראָקן פאַר די קליינע פליגעלאַך, געוואָרפן די אַרבעט און זיך אומגעקערט קיין טיכאַנקע. געבליבן זיינען אויפ'ן פּלאַץ נאָר מיר, די איבערוואַנדערער פון קאַזאַן, און נאָך עטלאַכע חברים פון אַ צווייטן קאָלעקטיוו. מיר האָבן די אַרבעט פאַרטגעזעצט נאָך מיט מער פליים, כדי צו באַוויזן ביז'ן ווינטער אויסצובויען פאַר זיך וואוינונגען. אַז מיר האָבן אָנגעהאַקט און ארויסגעפירט גענוג געהילץ, האָבן מיר גענומען בויען דאָס ערשטע הויז. נאָר דאַ האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע רעגנס, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ פאַרפלייצונג. דאָס וואַסער האָט אַראָפּגעטראָגן דאָס היי, וואָס מיר האָבן צוגעגרייט פאַר אונזערע 5 פערד. די אַרבעט האָט מען געמוזט אָפּשטעלן. די פאַרפלייצונג האָט אונז אויף אַ טעג 10 אָפּגעשניטן פון טיכאַנקע און עס האָט אונז אויסגעפעלט דערנערונג. נאָך די רעגנס און בעת דער פאַרפלייצונג איז דער „גנוס” געוואָרן נאָך בייזער און חוצפה'דיקער און מיר האָבן פון אים געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. ס'איז אויסגעקומען דורכ'ן מעת־לעת צו ברענגען פייכטע צווייגן און בלעטער און האַלטן דעם פּנים איינגענורעט אין רויך . . .

אויף אייניקע שוואַכערע חברים האָבן די דאָזיקע אומשטענדן געווירקט דעמאָראַליזירנדיק. אייניקע פון זיי האָבן אפילו אָנגעהויבן רעדן וועגן אַוועקפאָרן. אָבער די מערהייט איז געווען קעגן דעם, און ווי נאָר ס'איז געוואָרן מעגלאַך האָבן מיר זיך ווידער גענומען פאַר דער זעג און האַק".*)

ער דערציילט ווייטער, אַז מען האָט ביז ווינטער ניט באַוויזן אויסצובויען די הייזער און מען האָט געמוזט דעם גאַנצן ווינטער בלייבן אין דער שטאָט טיכאָנקע. ערשט אין פרילינג, 1929, האָט מען זיך אומגעקערט צו דער אָנגעהויבענער אַרבעט און מען האָט אויפגעשטעלט 3-2 הייזער. און ער ענדיקט:

„פון אָנהויב מאַי האָבן מיר זיך גענומען פאַר קאַרטשעווען דעם פּלאַץ פון אויסגעהאַקטן וואַלד, כדי צו באַקומען אַקער־ערד פאַר'ן ערשטן פאַרזיי. פאַר אַ מאָנאַט צייט האָבן מיר אויסגעקאַרטשעוועט פיר העקטאַר און פאַרזייט קאַרטאָפל, גריקע און אַביסל האָבער פאַר די פערד. פאַר דער צייט האָט אונזער ישוב באַקומען ביז 30 מילך־קי. פאַר די פערד און קי האָט מען באַדאַרפט פאַרגרייטן היפּש היי אויפ'ן ווינטער. אַז ס'איז געקומען די צייט פון היי־שניט, זיינען מיר כמעט אַלע אַרויס אויף די לאָנקעס און אָנגעשניטן היי, וואָס האָט געקלעקט אויפ'ן גאַנצן ווינטער און פרילינג.

„אָט אַזוי בייקומענדיק פיל און פאַרשיידענע שוועריקייטן, האָבן מיר געצוואונגען די ווילדע טייגע ביסלאַכווייז אָפּצוטרעטן און פאַר איין יאָר פאַרלייגט אַ פעסטן פונדאַמענט פון אַ היפּשער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט דאָרטן, וואו ביז אונזער קומען איז געווען אַ געדיכטער און טיפער וואַלד.

„פאַר'ן זומער האָבן מיר אויסגעבויט די ערשטע 25 הייזער און צום 12־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער אָקטיאַבער רעוואָלוציע — דעם 7־טן נאָוועמבער, 1929 — האָבן מיר געפייערט די אויסבילדונג פון אונזער ישוב און פונ'ם נייעם אידישן דאָרף־ראַט, וועלכן מיר האָבן אָנגערופן „וואַלדהיים".**)

זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז ווען דאָס אַלץ וואָלט דערציילט איינער פון די איבערוואַנדערער, וועלכע זיינען אַנטלאָפן, דערביי אַזעלכער, וועלכער וואָלט געווען אויסער די גרעניצן פון סאָוועט־

*) „אידן אין פסס"ר", ז. 82-81.
**) דאָרטן.

רוסלאַנד און דער געפּעאו, וואָלטן די פּאַרבן אַרויס אַ סך שוואַרצער און שרעקליכער. אָבער מיר האָבן מיט אַ כיון געגעבן דאָס וואָרט אַ קאָמוניסטישן עדות, וואָס איז דורכגעגאַנגען די סאָוועטישע צענזור און מיר באַקומען אַ גענוג קלאָרע פּאָרשטעלונג, ווי מען האָט אָנגע־הויבן בויען די אידישע רעפּובליק. מען האָט געשיקט מענטשן אין אַן אַנדער עק וועלט, אין אַ גאָר אַנדערן קלימאַט, אין אַ ווילדע געגנט, אין אַ קאַלטע געגנט און מען האָט פּאַר זיי אַבסאָלוט גאָר ניט צוגעגרייט. אָבער טאַקע אַבסאָלוט גאָר ניט: ניט קיין דירות, ניט קיין וועגן, ניט קיין ערד אויף צו אַקערן און ניט אפילו אָנווייזונגען, ווי צו באַקעמפן די איינגעגעסענע פּליגעלאַך. מען האָט זיי ווי צו אַ פּראָבע אַוועקגעשטעלט פּאַר די שווערסטע באַדינגונגען: נאַט אייך ווילדן וואַלד און דערווייזט, וואָס איר קאָנט!

און דער סאַמע וויכטיקסטער אויספיר, וועלכן מיר וואָלטן געוואָלט מאַכן פון דער לאַנגער ציטאַטע, איז פּאָלגנדיקער: אַז מען מוז, מוז מען און אַז מען וויל, קאָן מען!

צווישן די איבערוואַנדערער, וועלכע האָבן זיך אַזוי שטאַרק פּאַר׳עקשנ׳ט, אַז זיי האָבן טאַקע בייגעקומען אי דעם געדיכטן וואַלד, איז דעם „גנוס״, אי דאָס וואַלגערן זיך אין אַ ביידל, אי דאָס אונטער־הונגערן און נאָך פילע ליידן, וועגן וועלכע דער קאָמוניסט פאַרפעלט צו רעדן, זיינען געוועןביידע טיפּן מענטשן: אַזעלכע, וועלכע האָבן ניט געהאַט וואוהין זיך אומקערן, וועלכע האָבן אין דער אַלטער היים פּאַרברענט אַלע בריקן און האָבן געמוזט אָנשטריינגען אַלע כוחות און זיך אונטערגאַרטלען מיט אַלע פּיזישע און מאָראַלישע גאַרטלען און ליידן און טראָגן דעם יאָך ביז מען וועט זיך אַרויס־שלאָגן אויף אַ נייעם וועג; און אויך געוויס אַזעלכע, וועלכע האָבן געוואָלט, וועלכע האָבן צוליב אידעאָלאָגישע מאָטיוון זיך פּאַר׳עקשנ׳ט און זיך פּאַרזאָגט, אַז מען מוז, אַז קיינע ליידן און קיינע מאַנגל טאָרן ניט זיין צו שווער, אויב מען וויל דערגרייכן אַ העכערן ציל.

און זיינען פּאַראייניקט ביידע צילן, ביידע פּאַקטאָרן, ווי ס׳טרעפט אָפּטער, קאָן מען ווירקלאַך דערגרייכן גאָר גרויסע רעזולטאַטן. אָבער אין דער בירא־בידזשאַנער קאָלאָניזאַציע האָט דער לעצטער פּאַקטאָר, דער אידעאָלאָגישער, דער אָרגאַניזירנדיקער, דער באַגייסטערנדיקער, דער פּירנדיקער, דער מוט־געבנדיקער, דער נשמה׳דערהויבנדיקער כמעט ווי געפעלט און וואָס שפּעטער אַלץ שוואַכער איז געוואָרן זיין ווירקונג, ווייל איינרעדן אידן פון באַרדיטשעוו און בעלאַצער־

קאָוו, פון מאָהילעוו און מינסק, פון וויניצע און כערסאָן און פון פילע אַנדערע שטעט, אַז מען מוז פאָרן עטליכע און דרייסיק טעג און אויסקאַרטשעווען געדיכטע וועלדער כדי צו לאָזן דאָרטן וואַקסן סאָציאַליזם אויף'ן גרעניץ פון יאַפּאַן איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער; בפרט נאָך, אַז ס'איז געוואָרן אַלץ גרינגער און גרינגער געפינען אויף'ן אָרט אַ פּלאַץ אין אַ פאַבריק אַלס אַן אַרבעטער אָדער גאָר אַלס באַאַמטער. און מיט דער צייט איז דאָך גאָר שוין אויס־געקומען אַראָפּנעמען מענטשן פון דער אַרבעט און זיי איינרעדן, אַז זיי דאַרפן פאָרן בויען אַ אידישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק הינטער די הרי חושך. איז קיין חידוש ניט, וואָס דאָס איז געוואָרן שווערער און שווערער, כאָטש די באַדינגונגען אין ביראָ-בידזשאַן זיינען געוואָרן גרינגער און גרינגער.

„די איבערוואַנדערער זיינען ניט געווען פאַרזאָרגט אפילו אין דער מינימאַלסטער מאָס. ס'איז ניט געווען אָרגאַניזירט קיין מעדי־ציניש באַדינונג, ס'איז געווען אפילו ווייניק שפּייז", אַט אַזוי שרייבט קאַנטאָר אין זיין בוך „די נאַציאָנאַלע בויאונג צווישן אידן אין פסס"ר," ז. 116. ברייננגט טאַקע דער דאָזיקער מחבר פאָלגנדיקע טאַבעלע וועגן דער צאָל איבערוואַנדערער און אַנטלאָפענע:

יאָר	ס'זיינען געקומען איבערוואַנדערער קיין ביראָ-בידזשאַן	זיינען אַוועקגע־געפאָרן צוריק	אבס.	געבליבן %
1928	950	600	350	36.0
1929	1,875	1,125	750	40.0
1930	2,560	1,000	1,560	60.9
1931	3,250	725	2,525	77.7
1932-33	11,000	8,000	3,000	27.3
צוזאַמען פאַר 6 יאָר	19,635	11,450	8,185	41.6

פאַר אַלע זעקס יאָר באַקומט זיך, אַז קרוב צו 60 פּראָצענט פון די איבערוואַנדערער זיינען אַנטלאָפן צוריק. אינטערעסאַנט איז אָבער, וואָס גראַדע די לעצטע צוויי יאָר זיינען אַנטלאָפן צוריק העכער 70 פּראָצענט פון אַלע איבערוואַנדערער. מען דאַרף געדיינקען, אַז ס'ווירקן פּאַראַלעל צוויי פאַקטאָרן, פון וועלכע איינער טרייבט און איינער רופט צוריק: די שלעכטע באַדינגונגען אין ביראָ-בידזשאַן טרייבן; די גרינגערע מעגלאַכקייט זיך איינצואָרדנען אין דער אַלטער

היים רופט צוריק. אמאָל איז איינער שטאַרקער און אמאָל איז דער אַנדערער שטאַרקער. נאָר איין יאָר איז געווען גאָר אַ גוראָטענעם — דאָס יאָר 1931, ווען כמעט 4 פינפטל פון אַלע איבערוואַנדערער זיינען געבליבן אין ביראָ־בידזשאַן.

פאַרוואָס ס׳זיינען אַנטלאָפן צוריק אַזוי פיל איבערוואַנדערער, איז גרינג צו דערקלערן. אָט איז זי, די דערקלערונג:

„טויזנטער איבערוואַנדערער האָבן ניט קיין ווינקל וואו צו־צושפּאַרן זייער קאָפּ. מען וואַלגערט זיך אין אַ שרעקלאַכער ענג־שאַפט אין שמוציקע באַראַקן, מען וואוינט אויף די בוידעמער און אין האַלב צעוואַלגערטע שפּייכלער, אָפטמאָל לעבט מען שיער ניט אויף דער גאַס״.*)

און אָט איז נאָך אַ באַגלויבטער עדות:

„אָט האָט מען געשיקט אין קאָלווירט „וואַלדהיים״ 10 איבער־וואַנדערער, האָט זיי די קאָלווירטישע פאַרוואַלטונג אַזוי „פיין באַ־געגנט״, אַז דריי נעכט האָבן זיי זיך געוואַלגערט אין אַ קאָרידאָר געוויקט אין רעגן, קיין אַרבעט האָט מען זיי ניט געגעבן און ממילא אויך ניט קיין עסן. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע 10 איבערוואַנדערער האָבן זיך אומגעקערט פון דאָרטן צוריק״.**)

אַזוי איז געווען די לאַגע אויפ׳ן 5־טן יאָר פון קאָלאָניזאַציע. נאָר אָט איז אַ עדות פון 1934:

„דעם 14־טן יוני זיינען פון מאָסקווע אָפּגעפאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן 15 משפחות און 40 איינצעלנע. צום באַדויערן האָט מען אַזוי איינגעאָרדענט דאָס אָפּפאָרן פון מאָסקווע, אַז מען האָט 68 נפשות אַריינגעשפּאַרט אין 6 קופּעען און נאָך מיט אַלע זייערע זאַכן. די מערהייט האָט געמוזט שלאָפן אויפ׳ן דיל, אַנדערע זיינען געשטאַנען גאַנצע מעת־לעת׳ן אָדער געלעגן אַ פּאָר שעה נאָך דער רייע. אין אָט דעם שמוציקן צושטאַנד האָט זיך באַ אונז באַוויזן טיפוס״.***)

און נאָך כאָטש איין ציטאַטע וועגן דער דאָזיקער פראַגע:

„ביז איצט זיינען קיין ביראָ־בידזשאַן איינגעוואַנדערט אַריבער 20 טויזנט מאַן און אויסגעוואַנדערט צוריק זיינען העכער 10 טויזנט

*) „עמעס״, 15-טן אָקטאָבער, 1932.
**) „עמעס״, 26-טן אויגוסט, 1932.
***) „עמעס״, 16-טן יולי, 1934.

מאַן. דערביי איז אין 1932 פון 9 טויזנט איבערוואַנדערער געבליבן נאָר 3,000 און אין 1933 איז דער אָפּפלוס געווען אפילו גרעסער ווי די איינוואַנדערונג".*) און ווייטער אין זעלבן נומער „עמעס":

„ס'איז, דוכט זיך, אַן עלעמענטאַרע זאַך, אַז יעדן איבערוואַנדערער, וואָס פאָרט אַהין אַזוי פיל טויזנטער קילאָמעטער, זאָל מען וואַרעם באַגעגענען, באַזאָרגן מיט אַ דירה און טאַקע העלפן זיך אויסשטאַטן, העלפן אָנקומען אויף אַרבעט און איינשאַפן זיך די נויטיקע זאַכן. ס'איז געווים מעגלאַך דאָס צו טאָן, אָבער ביז איצט האָט מען דאָס ניט געטאָן" (איטאַליקס פון מיר—י. ל.).

דאָס איז געשריבן געוואָרן שוין אויפ'ן 7־טן יאָר פון דער איבערוואַנדערונג.

ווי באַקאַנט, האָט מען עטלאַכע פירער פון דער ביראָ־בידזשאַנער אַרבעט „ליקווידירט", (כאַוקין, ליבערבערג, יעקב לעווין) באַשולדיגנדיק זיי אין סאַבאָטאַזש, אין לינקע אָדער רעכטע אָפּנייגן, אין טראָצקיזם און אין וואָס איר ווילט נאָר, און תמיד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער נייער דירעקטאָר איז ניט בעסער פון דעם פריערדיקן און ווידער די זעלבע קלאָגן און די זעלבע טענות. און 10־טן סעפּטעמבער, 1937, שרייבט ווידער דער „עמעס", אַז „דער יאָריקער פּלאַן איז באַ היינטיקן טאָג אויסגעפילט אויף 21.7% (2,022 מאַן פון 9,355 לויט'ן פּלאַן).

דאָס יאָר 1937 איז געווען איינס פון די בעסטע אין פּרט פון איבערוואַנדערונג. וויפיל זשע זיינען געקומען קיין ביראָ־בידזשאַן? אָט איז אַ תשובה: „אָט לאָמיר נעמען ציפערן וועגן דער איבערוואַנדערונג אין 1937. מיר'ן נעמען די גרופּע פון העכער 600 פאַמיליעס און טויזנט איינצעלנע איבערוואַנדערער — צוזאַמען העכער 3 טויזנט מענטשן. פון וועמען באַשטייט די דאָזיקע גרופּע איבערוואַנדערער? זי באַשטייט פון 136 קאָלווירטניקעס, 145 בוי־אַרבעטער, 120 מעטאַליסטן, 23 שאָפערן, 147 ניי־אַרבעטער און 160 מאַן פאַר פאַרשיידענע ווירטשאַפטליכע און קולטור־אַנשטאַלטן" („עמעס", 15־טן פעברואַר, 1938).

פון דער דאָזיקער ציטאַטע ווערן מיר געוואויר עטליכע זאַכן מיט אַמאָל. ראשית, אַז אין גוטן יאָר 1937 זיינען געקומען קיין ביראָ־בעדזשאַן העכער 3 טויזנט מענטשן. אַזוי ווי גאָר אַן אָפּפלוס איז

---

*) „עמעס", 30טן נאָוועמבער, 1934.

ניט מעגליך, קאָן מען אָננעמען, אַז געבליבן זיינען בערך אַ פּאָר טויזנט. מיר לערנען ווייטער, אַז באַמטע זיינען געקומען מער פון לאַנדווירטן. אויך שניידער מער. דריטנס, און דאָס איז דאָס וויכ־טיקסטע, פון דעם צוזאַמענשטעל איז קלאָר, אַז ניט מען פּאָרט קיין בירא־בידזשאַן, נאָר מען ווערט געשיקט, מען ווערט מאָביליזירט און אָפּגעשיקט קיין בירא־בידזשאַן. ווארום מעטאַליסטן און בוי־אַרבעטער קאָנען גרינג האָבן אַרבעט אין מאָסקווע און לענינגראַד.

איינע פון די וויכטיקסטע פראַגן אין בירא־בידזשאַן באַשטייט אין דעם, וואָס אידן בלייבן אין די פּאָר שטעט און ווערן ניט קיין פּויערים. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אויף אַ זיצונג פונ'ם פּרעזידיום פונ'ם צענטראַל־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד דעם 8־טן אויגוסט, 1936, האָט קאַלינין אויפגערעגט געפרעגט: „וואָס ווילן מיר דען? ווילן מיר דען שאַפן אַ נייעם מערב־קאַנט, אַ אידישע באַפעלקערונג אין די שטעט און אַ ניט־אידישע אין די דערפער? וואָס זשע פאַר אַ נאַציאָנאַלע אידישע מלוכה וואָלט דאָס געווען?" („עמעס", 10־טן אויגוסט, 1936).

ס'זיינען, לײדער, ניטאָ קיין דאַטן וועגן די באַשעפטיקונגען פון דעם ביסל בירא־בידזשאַנער אידן, נאָר אויפ'ן גרונט פון די צעשאָטענע אין דער קאָמוניסטישער פרעסע ידיעות קאָן מען מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז אידישע באַמטע זיינען פאַראַן מער פון אידישע פּויערים און אַז די צאָל אידישע פּויערים וואַקסט כמעט ניט.

מיר מיינען, אַז מיר וועלן געוויס איבערטרייבן, אויב מיר וועלן אָננעמען יאָרליך די ציפער פון 2 טויזנט ריינעם געווינס פון אידישע איבערוואַנדערער פאַר אַלע יאָרן פון סוף 1935 ביז איצט. אויף דעם דאָזיקן סמך קאָנען מיר שוין אונטערפירן אַ סך־הכל וועגן דער צאָל אידן אין בירא־בידזשאַן. לויט די דאַטן פון אַגראָנאָם קאַמענעצקי, וועלכע מיר האָבן אויבן געבראַכט, איז סוף 1935 געווען אידן אין בירא־בידזשאַן 13 טויזנט מיט 9 הונדערט. האָבן מיר אָנהויב 1940 געהאַט דאָרטן מאַקסימום 22 טויזנט אָדער 23 טויזנט אידן. מער איז געוויס ניט פאַראַן. אונזערע שאַ־צונגען זיינען, לײדער, נאָך צו פעט, ווייל אין די גאָר לעצטע יאָרן זיינען געווען גאָר ווייניק בעלנים זיך שלעפּן אַ גאַנצן חודש הינטער די הרי חושך, כדי צו בויען אַ „סאָציאַליסטישע רעפּובליק".

די סאָוועטישע רעגירונג קאָן אָבער ניט וואַרטן. זי מוז באַזעצן וואָס גיכער די דאָזיקע געגנט, ווייל זי איז אויפ'ן יאַפּאַנישן גרעניץ. און מען האָט די לעצטע צייט גענומען שיקן מער ניט־אידן. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס לויט דער לעצטער פאָלקס־ציילונג פון 1939 איז שוין אין ביראָ־בידזשאַן געווען אַ באַפעלקערונג פון 108 טויזנט מיט 419 נפשות.*) דאָס באַדייט אָבער, אַז אידן מאַכן איצט אויס קוים 20 פּראָצענט. דער פּראָצענט אידן איז פאַר די לעצטע 5 יאָר געפאַלן. און ער וועט, ליידער, ווייטער פאַלן, ווייל דאָ וועט זיך איבער'חזר'ן די קרימער געשיכטע — מען וועט עטלאכע יאָר האַלטן פאַרבראַנירט פאַר אידן ערד־פאָנדן, אָבער סוף כל סוף וועט דאָס נמאס ווערן. ניט די גאַנצע געגנט איז פאַרבראַנירט, וואַרום ס'איז דאָך ניט געווען פאַרבאָטן קיין ניט־אידישע איינוואַנדערונג. און דערמיט דערקלערט זיך דאָס, וואָס ס'שרייבט „דער שטערן” פון 4־טן אָקטאָבער, 1939:

„אויף דער טעריטאָריע פון דער געגנט געפינען זיך 64 קאָל־ווירטן, דערין 18 אידישע. פאַר די דאָזיקע קאָלווירטן איז פאַרפעסטיקט געוואָרן אויף אייביקן באַנוץ 206 טויזנט העקטאַר ערד”. איצטער וועט אונז אויך ווערן קלאָרער די אויבן געבראַכטע ציטאַטע פון „עמעס” פון 11־טן מאַי, 1938, אַז פאַר די העכער 600 אידישע קאָלווירטן זיינען „פאַרפעסטיקט צום אייביקן באַנוץ העכער 500 טויזנט העקטאַר לאַנד”. דערפון איז צו דרינגען, אַז אין אוקראַינע, קרים, ווייס־רוסלאַנד און אין אַלע איבעריקע טיילן פון סאָוועט־רוסלאַנד געפינט זיך פאַרפעסטיקט פאַר אידן אַרום 300 טויזנט העקטאַר לאַנד. פאַרפעסטיקט, דאָס הייסט נאָך ניט באַאַרבעט. באַזעצט פאַקטיש איז נאָך אפילו ניט קיין העלפט.

מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, אַז די סאָוועט־רעגירונג קאַרגט ניט קיין געלט און אַסיגנירט גאַנץ גרויסע סומען. אַזוי האָט דער בודזשעט פאַר דער אויטאָנאָמער געגנט באַטראָפן: אין 1935 סך־הכל 12 מיליאָן מיט 266 טויזנט רובל; אין 1938 שוין 39 מיליאָן מיט 180 טויזנט רובל; אין 1939 שוין 46 מיליאָן מיט 500 טויזנט רובל און אין 1940 דערגרייכט שוין דער בודזשעט אַרום 70 מיליאָן רובל.

---

*) „פּראַוודאַ”, 2־טן יוני, 1939.

מיר וועלן דעם דאָזיקן טייל פון קאַפּיטל איבער בירא־בידזשאַן פאַרענדיקן מיט אַ ציטאַטע פון אַ רעדע, וואָס ס׳האָט געהאַלטן דער „דעפּוטאַט פונ׳ם אויבער־ראַט פון רספּס״ר, אויספּילער פון די פליכטן פונ׳ם פאַרזיצער פונ׳ם געגנט־אויספּירקאָם פון דער אידישער אויטאָ־נאָמער געגנט״ נ. ס. ביגלער אויף אַ באַראַטונג אין רעדאַקציע פון „עמעס״. אומדירעקט באַשטעטיקט ער אַלץ, וואָס מיר האָבן ביז איצט געשריבן. ער האָט געזאָגט אין אויגוסט, 1938:

„אין וואָס האָט זיך קאָנקרעט אויסגעדריקט די שעדעקערישע טעטיקייט פון די טראָצקיסטן, בוכאַרינצעס, בורזשואַזע נאַציאָנאַ־ליסטן, וואָס האָבן צוגעלייגט זייער בלוטיקע האַנט צו דער יונגער אידישער אויטאָנאָמער געגנט?

„די פיינט פון פאָלק האָבן געפּרעדיקט די „טעאָריע״, אַז אידן זיינען ניט קיין אַרבעטנדיק פאָלק, אַז אַ איד האָט קיינמאָל ניט גע־אַרבעט אין דער לאַנדווירטשאַפט, אין דער אינדוסטריע, און דערפאַר וועט ער קיינמאָל ניט קאָנען אַרבעטן. און כדי צו באַרעכטיקן די דאָזיקע „טעאָריע״, זיינען אין אַ געוויסער מאָס אונטערגעקליבן געוואָרן פאַר דער געגנט אַזוינע איבערוואַנדערער, וואָס האָבן ווירק־ליך ניט געקאָנט און ניט געוואָלט אַרבעטן. מען האָט ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט קיין בירא־בידזשאַן אינוואַלידן, קראַנקע לייט, און טייטלענדיק מיט די פינגער אויף די דאָזיקע מענטשן, האָבן די פיינט געוואָלט דערווייזן, אַז די אידן זיינען ניט אימשטאַנד צו בויען זייער מלוכה׳שאַפט״.*)

לײדער, ווערט ניט דערקלערט, פאַרוואָס און נאָך וואָס האָבן עס די „טראָצקיסטן און בוכאַרניצעס״ באַדאַרפט דורכוואַרפן די אידישע אויטאָנאָמע געגנט. ווארום דאָס איז דאָך קלאָר פון דער רעדע פונ׳ם „אויספּילער פון די פליכטן פונ׳ם פאַרזיצער פונ׳ם געגנט־אויספּירקאָם״, אַז די אַרבעט איז דורכגעפאַלן. ער זאָגט טאַקע צו אין זיין ווייטערדיקער רעדע, אַז „מיר שאַפן איצט אַלע באַדינ־גונגען פאַר אונזערע קאָלווירטניקעס. מיר זעען, אַז דער נייער איבער־וואַנדערער זאָל גלייך באַקומען אַ באַזונדער הויז, ער זאָל גלייך באַקומען אַ בהמה, ער זאָל קריגן די אַנטשפּרעכנדיקע געלט־מיטלען אויף איינצושאַפן פאַרשיידענע באַלעבאַטישקייט״.**)

*) „עמעס״, 5-טן אויגוסט, 1938, נומער 178.
**) דאָרטן.

אַז די טענה מיט די אינוואַלידן און קאַליקעס איז אַ מיאוס׳ער און נאַרישער בלבול, קאָן מען זען טאַקע פון זעלבן נומער „עמעס״. אויף דער אייגענער זייט ווערט געבראַכט די רעדע פון א. קושניראָוו, וועלכער זאָגט:

„קיין בירא־בידזשאַן זיינען געפאָרן, חוץ איניקע, גאַנץ ניט באַדייטנדיקע אויסנאַמען, אמת׳ע סאָוועטישע מענטשן, מענטשן מיט׳ן הייסן ווילן צו אַרבעטן, צו בויען״.

וועמען זשע זאָלן מיר גלויבן? מיר וועלן גלויבן דאָס, וואָס ביידע, ווייזט אויס, האָבן מודה געווען, אַז ביז איצט איז דער עקספּערימענט דערווייל אַ דורכפאַל, אַ מיאוס׳ער דורכפאַל. איינער דערקלערט דאָס מיט דעם שלעכטן רצון פון די טראָצקיסטן און בוכאַריניסטן, וועלכע האָבן אונטערגערוקט אינוואַלידן און קאַליקעס; דער אַנדערער זוכט אַנדערע סיבות, דער רעזולטאַט איז דער זעלבער.

קוואַנטיטאַטיוו איז די זאַך געווען אַ מיאוס׳ער דורכפאַל. נאָך 12 יאָר קאָלאָניזאַציע לאַנדווירטשאַפטלאַכע און אינדוסטריעלע, דאָרפישע און שטאָטישע, קוים עטלאַכע און צוואַנציק טויזנט אידן, קוים אַ פינפטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, מיט אַ טענדענץ צו ווערן אַ קלענערע מינדערהייט. איז אָבער אפשר קוואַליטאַטיוו אַ גרויסע זאַך דערגרייכט געוואָרן? איז אפשר געשאַפן געוואָרן אַ פונקט, וואָס באַגייסטערט אידישע מאַסן, אידישע אינטעליגענץ, וואָס איז טייער די קאָלאָניסטן אלס אַ אידישער קולטור־צענטער, אלס אַן התחלה פון אַ גאַנצער אייגענער נאַציאָנאַלער שאַפונג, אלס אַ באַזע פאַר אַ ווייטערער קאָנצענטראַציע פון די קולטור־כוחות פון סאָוועטישן אידנטום און מיט אַן אויסקוק אויף שאַפן נאָרמאַלע באַדינגונגען פאַר אידישער קולטור־אַנטוויקלונג? האָבן וויניקסטנס די אידישע קאָלאָניסטן זיך אָנגעכאַפּט אין די געגעבענע ברייטע רעכט פאַר דער אידישער שפּראַך, אלס פאַר אַ מלוכה־שפּראַך און זיינען זיי געוואָרן קנאים אויף דורכפירן אין לעבן די פאַרמאָגטע רעכט און מעגלאַכקייטן, אויף שטיין אויף דער וואַך און פאָדערן און פאַרלאַנגען און קנאיש־עקשנות׳דיק אליין בלייבן טריי דעם פּרינציפּ פון אייגענע קולטור־פאָרמען? פאַרמאָגט די גאַנצע זאַך אַ אידישע נשמה? קלאַפּט דער אידישער דופק אין דער אַרבעט? פילט מען גלויבן, פאַטאָס, ווילן?

אויף די דאָזיקע אַלע עיקר־פראַגן וועלן מיר ענטפערן מיט אַ בינטל ציטאַטן, וועלכע רעדן אַזעלכע קלאָרע דיבורים, אַז יעדער פּירוש איז כמעט איבעריק. נאָר פריער אַ פּאָר ווערטער.

דעם 29טן אויגוסט, 1936, האָט דער פּרעזידיום פונ׳ם פאַרבאַנדישן ציק אָנגענומען אַ באַשטימונג, אַז „די אידישע אויטאָנאָמע געגנט ווערט דער צענטער פון דער סאָוועטישער אידישער קולטור פאַר דער גאַנצער אַרבעטנדיקער אידישער באַפעלקערונג״.*)

מיט דעם איז אומדירעקט געזאָגט געוואָרן, אַז די 15 טויזנט אידן אין בירא־בידזשאַן (אין 1936!) זיינען מער שקול אין פּרט פון קומענדיקער אידישער קולטור ווי די דריי מיליאָן אידן אין גאַנצן איבעריקן סאָוועטנלאַנד. ניט די אָנדערטהאַלבן מיליאָן אידן פון אוקראַינע, פון וועלכע אַ גאַנץ דריטל לעבט אין דריי גרויסע שטעט (אָדעס, קיעוו און כאַרקאָוו); ניט דאָס ווייס־רוסישע אידנטום, בא וועמען די לעצטע פאָלק־ציילונג האָט פעסטגעשטעלט העכער 90 פּראָצענט אידיש־ריידנדיקע; און שוין געוויס ניט די 400 טויזנט מאָסקווער אידן קאָנען פּרעטענדירן אויפ׳ן הויכן טיטול פון „צענטער פון דער סאָוועטישער אידישער קולטור פאַר דער גאַנצער אַרבעטנדיקער אידישער באַפעלקערונג״, נאָר די 15 טויזנט אידן פון בירא־בידזשאַן, וואו ס׳איז פאַראַן די מעגלאַכקייט צו שאַפן אַ איזאָלירטן אידישן ישוב, אַ מלוכהישע—זעלבשטענדיקן אידישן אָרגאַניזם, אַ אידישע מערהייט — אַט דער דאָזיקער עמבריאָן פון אַ אידישן שטאַט איז ראוי צו דעם דערמאָנטן הויכן טיטול. אַ מער פּרינציפּיעלע אָנערקענונג פאַר׳ן ציוניסטישן פּרינציפּ פון אַ הויכער סאָוועטישער אינסטאַנץ איז שווער זיך פאָרצושטעלן. דער „עמעס״ האָט געווידמעט אַ לייט־אַרטיקל דער דאָזיקער באַשטימונג און האָט געפּרובט איינ׳טענה׳ן, אַז כאָטש דער צענטער איז טאַקע אין בירא־בידזשאַן דאַרף מען גוט אַכטונג געבן אויף די געשאַפענע אידישע קולטור־אינסטיטוציעס אין איבעריקן סאָוועטנלאַנד, ווייל „אין נאָמען פון דער באַשאַפונג פונ׳ם קולטור־צענטער אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט דאַרף מען זאָרגן פאַר דער גאַנצקייט און אויפבלי פון דער גרויסער נעץ אַנשטאַלטן פון סאָוועטישער אידישער קולטור״.**) אליזאַ, אין „גלות״, אין דער צעשפּרייטונג איבערן סאָוועטנלאַנד, דאַרף מען זען אויפהאַלטן און אַנטוויקלען די קולטור־אַנשטאַלטן, כדי צו האָבן כוחות

*) „עמעס״, 30־טן סעפּטעמבער, 1936, נומער 226.
**) דאָרטן.

און זאַפּט פאַר׳ן צענטער, וואו די צוקונפט פון דער אידישער סאָוועט־טישער קולטור איז מער געזיכערט ווי אין „גלות". דאָס איז דאָך דער קלאָרער זין פון די ציטירטע ווערטער און באַזונדערס פון גאַנצן לייט־אַרטיקל, פון וואַנען מיר נעמען די ציטאַטן.

לאָמיר זשע איצטער זען ווי ס׳וואַקסט און בליט דער צענטער פון דער סאָוועטישער אידישער קולטור און וואָס פאַר אַ הבטחות און האָפענונגען קאָן מען אַרויסזען און אַרויסטרוימען פון אים.

מיר וועלן ברייינגען די ציטאַטן אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר:

„עמעס" פון 16־טן דעצעמבער, 1932, שרייבט:

„ס׳איז גענוג צו זאָגן, אַז אין דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן איז נאָך ניטאָ קיין שול אויף אידיש" (אייטאַליקס אין „עמעס").

אין „עמעס" פון 9־טן יוני, 1935 שרייבט דער פאַרוואַלטער פון׳ם בילדונגס־אָפּטייל אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט: „די צאָל אידישע קאָמפּלעקטן איז אויסגעוואַקסן פון 36 אין 1933 ביז 65 אין 1935 און אין קומענדיקן יאָר וועלן שוין זיין 92 קאָמפּלעקטן. די צאָל אידישע שילער האָט באַטראָפן אין 1931-32 סך הכל 250 און 1934-35 שוין 1,114. ס׳ווערט באַ אונז אַקטועל די פראַגע וועגן שאַפן אַ לערן־ביכל פון אידישער שפּראַך פאַר די ניט־אידיש־ריידנדיקע קינדער פון אונזער געגנט" (אייטאַליקס אין „עמעס").

אין „עמעס" פון 1־טן יולי, 1935, ווערט איבערגעגעבן די רעדע פון כאַווקינען אויף׳ן פּלענום פון׳ם ביראָ־בידזשאַנער אויספּירקאָם:

„אַ גרויסער בלויז אין אונזער אַרבעט איז דאָס, וואָס מיר אַנט־וויקלען גאַנץ שוואַך אין געגנט די אידישע קולטור. די באַשטימונג וועגן איינפלאַנצן די אידישע שפּראַך ווערט ניט אויסגעפילט פון אונזערע אַנשטאַלטן, אָנהויבנדיק פון די געזונט־ערד־און בילדונג־אָפּטיילן און ביז דער פּאָסט, טעלעגראַף, אַמבולאַטאָריע, אַפּטייק. פאַראַן באַ אונז טוער, וואָס האָבן באַקומען בילדונג אין אידישע סאָוועטישע לערן־אַנשטאַלטן און גראַד זיי סאַבאָטירן די מוטער־שפּראַך אין דער . . . אידישער אויטאָנאָמער געגנט".

דער רוסישער חודש זשורנאַל פון׳ם קאָמערד „טריבונא" פון נאָוועמבער, 1935, שרייבט:

„דער פּרעזידיום פון ביראָ־בידזשאַנער שטאָט־ראַט האָט פאַר־געשלאָגן אַלע אָפּטיילן פון ראַט און אַלע שטאָטישע אַנשטאַלטן און אויך די דאָרף־ראַטן ביראָפעלד, וואַלדהיים און אַנדערע איבערפירן

זייער גאַנצע אַרבעט אויף אידיש. דער פּרעזידיום האָט פאַרגעלייגט אָרגאַניזירן פאַר די מיטאַרבעטער פון שטאָט־ראַט קורסן פון אידיש" (אייטאַליקס פון מיר—י. ל.).

דער „עמעס" פון 9־טן יולי, 1936, שרייבט וועגן ביראָ־בידזשאַנער לאַנדווירטשאַפטלאַכן טעכניקום:

„דער טעכניקום איז אַ נאַציאָנאַלער אָבער אַלע ספּעציעלע דיסציפּלינען ווערן געפירט אין רוסיש" (אייטאַליקס פון מיר—י. ל.).

דער „עמעס" פון 8־טן יולי, 1936, שרייבט:

„דער „ביראָ־בידזשאַנער שטערן" האָט די לעצטע צייט גע־בראַכט אַ רייע פאַקטן, וואָס באַווייזן, אַז אין דעם פּרט איז נאָך ווייט ניט אַלץ אין אָרדענונג. די אידישע באַפעלקערונג ווערט נאָך ניט באַדינט אויף איר מוטער־שפּראַך און ניט אַלע אַנשטאַלטן און אונטערנעמונגען האָבן שוין אַריבערגעפירט זייער אַרבעט אויף אידיש. למשל, דער פאָרזיצער פון וואַלדהיימער קאָלווירט רעדט מיט די אידישע קאָלווירטניקעס רוסיש. אין אַ רייע אַנשטאַלטן און אונטער־נעמונגען פון דער געגנט ווערט די געשעפט־פירונג געפירט אויף רוסיש (ביז ניט לאַנג אפילו אין געגנטלאַכן בילדונג־אָפּטייל). מיר ווייסן פון אַ פאַקט, אַז דער אינסטרוקטאָר פון׳ם געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי ח. קאַפּיטאָוו האָט אָנגעוויזן דעם אָנפירער פון׳ם געגנטלאַכן פינאַנץ־אָפּטייל, אַז באַ אים איז די גאַנצע געשעפט־פירונג בלויז אויף רוסיש, האָט ח. לעוויצקי אויסגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אויגן:

„דער פינאָפּטייל — זאָגט ח. לעוויצקי — דאַרף אַרבעטן נאָר אויף רוסיש . . .

„דער זעלבער ח. לעוויצקי האָט געהאַט אַ קאָנפליקט מיט זיינעם אַ מיטאַרבעטער, וועלכער האָט געגעבן אָפּדרוקן אין ביידע ביראָ־בידזשאַנער צייטונגען (אין דער אידישער און רוסישער) אַן אָפיציעלע מיטטיילונג. לויט ח. לעוויצקי׳ס מיינונג האָט מען דאָס באַדאַרפט דרוקן בלויז אין דער רוסישער, ווייל די אידישע צייטונג איז ניט קיין אָפיציעלע . . .

„פון 15 אידישע קאָלווירטן אין דער געגנט פירן בלויז 2 (צוויי!) קאָלווירטן די אַרבעט אין אידיש. אין אַ רייע געווערב־אַרטעלן פירט מען די אַרבעט אויף רוסיש. אפילו אין טעכניקום פון לאַנדווירטשאַפטלאַכער מעכאַניזאַציע ווערן אַלע ספּעציעלע דיס־ציפּלינען געפירט אויף רוסיש.

„מיר ווייסן פון אַ גאַנצער רייע פּאַראַנטוואָרטלאַכע טוער, וועל־כע טרעטן אַרויס אויף פּאַרזאַמלונגען פון אידישע אַרבעטנדיקע ניט אַנדערש, ווי אויף רוסיש. עס גייט ניט דערין, צי זיי קאָנען אידיש אָדער ניט, — ווייל אויב אפילו זיי קאָנען ניט, וואָלטן זיי געמעגט זיך אויסלערנען די שפּראַך פון די מאַסן, וועלכע זיי זיינען מחויב צו באַדינען. מיר וואָלטן, אגב, געקאָנט ברענגען אַ רייעביישפּילן פון טוער, וואָס צווישן זיך ריידן זיי דוקא אידיש, נאָר אַרויסטרעטן טרעטן זיי אַרויס אין רוסיש.

„אָבער עס איז דאָך באַוואוסט, אַז דאָ, אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, איז די אידישע שפּראַך אַ מלוכה־שפּראַך. דאָס ווילן ניט ווייסן אַ רייע אָנגעזעענע טוער פון דער געגנט, ווי, למשל, ח. דיקשטיין, דער סעקרעטאַר פון׳ם ביראָ־בידזשאַנער שטאָט־קאָמי־טעט פון דער אַלקפּ (ב.), ווי ח. פּעוזנער, דער מיטגליד פון׳ם פּרעזידיום פון׳ם געגנטלאַכן אויספיר קאָמיטעט, ווי דער אויבן דער־מאָנטער לעוויצקי און אַנדערע".

דער „עמעס" פון 2טן אַפּריל, 1937, שרייבט:

„נאָך אין סעפּטעמבער, 1935, האָט דער געגנט־קאָמיטעט פון אַלקפּ (ב.) און דער פּרעזידיום פון׳ם געגנט־אויספירקאָם אַרויס־געגעבן אַ באַשטימונג וועגן אַריבערפירן אויף אידיש די געשעפט־פירונג אין די געווערב־פאַרבאַנדן, אין ביראָ־בידזשאַנער שטאָט־ראַט און אין די אידישע דאָרף־ראַטן. לויט דער דאָזיקער באַשטימונג איז דער געגנט־אויספירקאָם פּאַרפליכטעט געוואָרן די גאַנצע קאָרעס־פּאָנדענץ, פּראָטאָקאָלן און באַשטימונגען פון׳ם פּרעזידיום פירן אין אידיש. ענליכע באַשטימונגען זיינען אָנגענומען געוואָרן אויך שפּע־טער, אין 1936, אָבער וואָס באַקומט זיך אין דערווירקלאַכקייט?

„מיט עטלאַכע טעג צוריק האָט אַ ביראָ־בידזשאַנער בוי־אָרגאַ־ניזאַציע צוגעשטעלט אַ פּראָיעקט פון אַ באַשטימונג פון׳ם פּרעזידיום פון געגנט־אויספירקאָם אין אידיש. אַ מיטאַרבעטערין פון׳ם סעק־רעטאַריאַט פון געגנט־אויספירקאָם האָט געדרייט דעם דאָקומענט אויף אַלע זייטן, אָבער זי האָט זיך ניט געקאָנט „אָנשטויסן", וואָס דאָס באַדייט: זי באַהערשט אַבסאָלוט ניט קיין אידיש. דער פאַר־טרעטער פון׳ם פּאַרזיצער פון געגנט־אויספירקאָם ח. באַראָן האָט גע׳עצה׳ט איבערזעצן דעם דאָקומענט אויף רוסיש. סיי ווי סיי ווערן דאָך די זיצונגען פון׳ם פּרעזידיום געפירט אין רוסיש.

„אַלע באַזוכער, וועלכע קומען צום פּאַרזיצער פון געגנט־אויס־פירקאָם אָדער צו זיין פאַרטרעטער, ווערן אויפגענומען פון דער זעלבער סעקרעטאַרשע, וועלכע קאָן קיין וואָרט אידיש ניט. אַ „מוסטער״ פון באַדינען דעם סאָוועטישן באַזוכער אין זיין מוטער־שפּראַך. פאַרשטייט זיך, אַז אויך אין די אָפּטיילן פון געגנט־אויספיר־קאָם ווערן די אידישע באַזוכער ניט באַדינט אויף זייער מוטער־שפּראַך (ערד־אָפּטייל, געזונט־אָפּטייל).

„דער גרעסטער טייל אָנפירנדיקע טוער פון׳ם געגנט־אויספיר־קאָם, ניט בלויז, וואָס זיי דערשאַצן ניט די וויכטיקסטע פּאָליטישע באַדייטונג פון באַדינען די אַרבעטנדיקע אין זייער מוטער־שפּראַך, נאָר זיי באַציען זיך צו דער דאָזיקער פראַגע מיט אַ געוויסן ביטול. למשל, דער פאַרוואַלטער פון געגנט־געזונט ח. גורטאַוואַי, וועלכער קאָן אידיש, האַלט פאַר נויטיק צו ענטפערן און ריידן מיט די באַזו־כער נאָר רוסיש. דער פאַרוואַלטער פון פינאָפּטייל לעוויצקי וויל „פּרינציפּיעל״ ניט ריידן קיין אידיש, כאָטש ער רעדט שלעכט רוסיש״.

די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ פון בירא־בידזשאַן איז צו אַ לאַנגע, כאָטש זייער אַ אינטערעסאַנטע, און מיר קאָנען זי ניט ברענגען אינ־גאַנצן. מיר מוזן אָבער ברענגען נאָך אַ פּאָר אויסצוגן פון איר. נאָכדעם ווי דער קאָרעספּאָנדענט קאָנסטאַטירט, אַז „אפילו דאַן ווען סיי די אָנגעקלאָגטע און סיי דער ריכטער זיינען אידן ווערן אויך אָפטמאָל די ענינים געפירט אין רוסיש״, דערציילט ער, אַז דער ערד־אָפּטייל האָט געעפנט לאַנדווירטשאַפטלאַכע קורסן אָבער „כמעט אויסשליסליך אין רוסיש. דער ערד־אָפּטייל פון דער אידישער אויטאָ־נאָמער געגנט האָט פאַרגעסן, אַז אין דער געגנט זיינען פאַראַן אידישע קאָלווירטן. די קאָרעספּאָנדענץ מיט די אידישע קאָלווירטן פירט דער ערד־אָפּטייל אויסשליסלאַך אין רוסיש; די געשעפט־פירונג פון די אידישע קאָלווירטן ווערט געפירט אין רוסיש״.

און ווייטער ווערט דאָרטן דערציילט, אַז „אפילו די געווערב־אָרטעלן, וועלכע באַשטייען אָפטמאָל פון 80־90 פּראָצענט אידן, האָבן נאָך אין גרעסטן טייל ניט איבערגעפירט זייער געשעפט־פירונג אין אידיש״.

דער קאָרעספּאָנדענט דערציילט ווייטער, אַז מען האָט געהאַט אָרגאַניזירט קורסן פאַר די באַאַמטע, כדי זיי זאָלן זיך אויסלערנען

אידיש, אָבער די „דאָזיקע קרייזלאַך זיינען שוין אין גרעסטן טייל צעפאַלן".

און אָט וואָס ס'ווערט דערציילט אין „עמעס" פון 22טן יולי, 1938 :

„אין די אונטערנעמונגען פונ'ם געווערב־פאַרבאַנד, וואו עס אַרבעטן אַ מערהייט אידן, ווערן די געשעפט־פירונג און אויך די פאַרזאַמלונגען דורכגעפירט אויף רוסיש. אין דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן אין געריכט ווערט די אַרבעט געפירט דער עיקר אויף רוסיש, כאָטש זייער אָפט איז דער ריכטער און די באַשולדיקטע און די עדות אידן, וועמענס אומגאַנג שפּראַך איז אידיש. אויך דער שטאָט־ראַט פירט זיינע זיצונגען און די טאָג־טעגלאַכע אַרבעט אויף רוסיש".

אָט איז אַ קאָלאָריט בילד, געגעבן פון אַ סאָוועטישן זשורנאַליסט אין דער סאָוועטישער „זאַ אינדוסטריאַליזאַציע" (פאַר אינדוסטריאַליזירונג) אין נאָוועמבער, 1936. ג. קאָנטאָראָוויטש שרייבט : „די געגנט ווערט שנעל באַפעלקערט, אָבער די, וועלכע קומען אַהין, זיינען פון זייער אַ פאַרשיידנאַרטיקן עטנאָגראַפישן צוזאַמענשטעל : רוסן, אידן, לעטן, קאָרעאַנער א. אַ. וו. ווי מערקווירדיק דאָס זאָל ניט זיין, זיינען די סאַמע היציקע פּאַטריאָטן פון ביראָ־בידזשאַן גאָר די לעטן.

„די אידן פון ביראָ־בידזשאַן שטאַמען פון פאַרשיידענע ערטער : פון מאָסקווע, מינסק, פון פוילן, אַמעריקע, לעטלאַנד און ליטע. ס'זיינען אויך דאָ ירושלימער אידן, ציוניסטן, וועלכע פּאַלעסטינע האָט אַנטוישט. אין די באַדינגונגען ווערן שנעל פאַררייבן די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אונטערשיידן. עס שאַפט זיך אַ נייער מיטעלער טיפּ. די וואָס אַרבעטן פיזיש זיינען ענליך צום נאָרמאַלן סיבירער ערד־אַרבעטער. אין די יום טוב טעג שפּילט די יוגנט אויף האַרמאָניע. די טענץ זיינען אינטערנאַציאָנאַלע. די חתונות געמישטע. די מילה־צערעמאָניע פאַרשווינדט אינגאַנצן". (ציטירט לויט „ווילנער טאָג" פון 27־טן דעצעמבער, 1936).

וועלן אידן אפשר אַסימילירן אין „זייער" רעפּובליק אָט דעם גאַנצן ערב רב, וואָס דער סאָוועטישער זשורנאַליסט רעכנט אויס, און מיר וועלן מיט דער צייט באַקומען אַ ביראָ־בידזשאַנער רויטן שבת, וואָס וועט פסח און סוכות שפּילן אויף האַרמאָשקע און וועט טאַנצן אַ קאַמאַרינסקע? ניין, פסח און סוכות — וועגן אַזעלכע שאָוויניסטישע יום טובים וועלן די תלמידים פון די יעווסעקישע

שולן געווים גאָר ניט וויסן. גאַנץ אַנדערע יום טובים וועלן פּראַוועז די רויטע אידעלאַך, באַ וועלכע „די מילה־צערעמאָניע פאַרשווינדט איגנגאַנצן”. זיי וועלן יום טוב'ן סטאַלינ'ס קאָנסטיטוציע.

מיר האָבן ניט געקאַרגט קיין ציטאַטן, ווייל אויף אַזאַ אופן האָבן מיר באַקומען ניט נאָר דעם סטאַטישן צושטאַנד צו אַ געווים מאָמענט, נאָר אויך די דינאַמיק. כאָטש פּאַקטיש איז קיין שום דינאַמיק ניטאָ — די לאַגע ענדערט זיך ניט: די אָפיציעלע מאַכט־אָרגאַנען פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט אָדער, ווי די היגע קאָמוניסטן האָבן ליב צו זאָגן, פון דער אידישער רעפּובליק רעדן ניט קיין אידיש, ווילן ניט רעדן קיין אידיש און אָפט מאָל קאָנען זיי ניט קיין אידיש. אָבער ניט נאָר די מאַכט־אָרגאַנען פאַרהאַלטן זיך מיט ביטול צו דער אידישער שפּראַך און איגנאָרירן אַלע באַשלוסן און יאָרן גייען אַוועק און זיי טוען זיך זייערס, נאָר אויך די באַפעל־קערונג, די מיטגלידער פון דעם געווערב־פאַרבאַנד, אַלזאָ אידישע בעלי מלאכות, די קאָלווירטניקעס, אַלזאָ אידישע פּויערים, פירן זייערע געשעפט־ביכער אין רוסיש. דער גלות־האָרב פון באַרדיטשעוו און האָמל, פון בעלאַצערקאַוו און זשיטאָמיר איז מיטגענומען אין דער אידישער רעפּובליק און מען פילט אַבסאָלוט ניט קיין שום חילוק. די אייגענע „שמענדריק”־באַציאונג צו דער אייגענער שפּראַך. קיין שום אינטערעס, שוין אָפּגערעדט פון פּאַטאָס, פון באַגייסטערונג, — ניט באַ דער באַפעלקערונג און ניט באַ די, אין וועמענס הענט ס'ליגט דער גורל פון דער רעפּובליק.

כאַראַקטעריסטיש איז פאָלגנדיקע קליניקייט: „דער אידישער טעאַטער הענגט אָפּט אַרויס זיינע אָפּישן בלויז אויף רוסיש” („עמעס” פון 2־טן אַפּריל, 1937). בלויז אויף רוסיש — קומט אויס, אַז אַמאָל טוט ער אַ טובה און הענגט אויס אויף אידיש. דערפון איז דאָך קלאָר, אַז די אומגאַנג־שפּראַך אין דער אידישער רעפּובליק איז רוסיש און רוסיש פאַרפעסטיקט זיך אַלץ מער און מער.

און איצט, ווי זינט דער „עמעס” איז געשטאָרבן, איז שוין גאָר ניטאָ ווער ס'זאָל מאָנען, ווער ס'זאָל דערמאָנען אָדער וועקן. איצט איז געווים די לאַגע נאָך אַ סך ערגער און טרויעריקער.

די אָביעקטיווע סיבה איז געווים דאָס, וואָס אידן מאַכן אויס אַ מינדערהייט אין בירא־בידזשאַן; אָבער די אידן האָבן אויסגע־מאַכט און מאַכן נאָך איצט אויס אַ מינדערהייט אויך אין ארץ ישראל.

זיינען, הייסט עס, נאָך פאַראַן אַנדערע סוביעקטיווע סיבות, וועגן וועלכע מיר האָבן אויבן גערעדט.

ס'זיינען געווים פאַראַן אידישע שולן אין ביראָ־בידזשאַן, אָבער שוין עטלאַכע יאָר, אַז מען זאָגט ניט אויס וויפיל אידישע קינדער עס לערנען זיך אין די אידישע שולן און וויפיל אין ניט־אידישע. אין „שטערן" פון 10־טן יאַנואַר, 1939, ווערט אָנגעגעבן, אַז צום „אָנהויב 1938 זיינען געווען אין דער געגנט 113 שולן מיט 15,834 שילער, און אידישע שולן 25". די אידישע שולן מאַכן אויס 22.1%. אַזוי ווי אידן זיינען שטאָטישע און שיקן מער קינדער אין די שולן, קאָן מען אָננעמען, אַז 20 פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג זאָלן האָבן 22 פּראָצענט שולן. נאָר פון דער צאָל שולן איז נאָך ניט קיין ראיה, אַז אויך די צאָל קינדער מאַכט אויס גראָדע אַזאַ פּראָצענט. אידן קאָנען האָבן 22 פּראָצענט שולן און ס'זאָלן זיך אין זיי לערנען נאָר 15 פּראָצענט פון אַלע שול־קינדער און אַ געווי־סער פּראָצענט אידישע קינדער זאָל זיך לערנען אין ניט־אידישע שולן.

די דאָזיקע דאַטן באַשטעטיקן אומדירעקט, אַז די אידן מאַכן אויס אומגעפער אַ פינפטל פון דער באַפעלקערונג — און דאָס איז נאָך 10 יאָר שטאָטישער און דאָרפישער קאָלאָניזאַציע. דער דאָזי־קער איינער פאַקט רעדט אַ סך, ווייל אויב פאַר די פאַרגאַנגענע צען יאָר זיינען אריינגעקומען קוים 20 אָדער 22 טויזנט אידן און ניט־אידן ארום 56 טויזנט, כמעט דריי מאָל מער, איז ניטאָ קיין גרונט אָנצונעמען, אַז אין די נאָענטע צען יאָר וועט זיין בעסער. גיכער איז דאָ גרונט מורא צו האָבן, אַז ס'וועט זיין ערגער. מעגליך, אַז די סאָוועט־רעגירונג וועט פּרובן שיקן קיין ביראָ־בידזשאַן די גאַלי־צישע, וייס־רוסישע, בעסאַראַבער און בוקאָווינער אידן פון די ניי־באַהעפטע טיילן פון פּוילן און רומעניע, אָבער ביז אַהער איז אין דער סאָוועטישער פּרעסע נאָך ניט געווען אפילו קיין רמז דערויף. און אָט איז שוין באַלד אַוועק אַ גאַנץ יאָר פון דער אָקופּאַציע פון די פּוילישע טיילן און מען האָט נאָך ניט געשיקט קיין אידן פון די דאָזיקע ראַיאָנען אַהין.

דעם 10־טן אָקטאָבער, 1940, האָט די יט"א מודיע געווען, אַז מען האָט געשיקט 97 פאַמיליעס פון די געוועזענע פּוילישע ראַיאָנען קיין ביראָ־בידזשאַן. דעם מקור פון דער דאָזיקער ידיעה ווייזט אָבער די יט"א ניט אָן.

17

די אינדוסטריאַליזאַציע.

מיר גייען איבער צום דריטן מעטאָד פון לייזן די אידישע פראַגע אין סאָוועט־רוסלאַנד — צו דער אינדוסטריאַליזאַציע.

בנוגע צו דער קאָלאָניזאַציע זיינען דאָך געווען צווישן די קאָמוניסטן גרופּעס, וועלכע האָבן אינטים, ניט אויסזאָגנדיק, פון אָנהויב אָן מיט איר פאַרבונדן געוויסע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. און אין געוויסע מאָמענטן פון דער אַנטוויקלונג פון דער קאָלאָניזאַציע זיינען באַגייסטערט געוואָרן פאַר'ן געדאַנק פון שאַפן אַ אידישע רעפּובליק אַ סך פרומע קאָמוניסטן, אפילו געוועזענע בונדיסטן. בנוגע דער אינדוסטריאַליזאַציע איז די פראַגע געשטעלט געוואָרן און געקאָנט געשטעלט ווערן נאָר ריין פּראַקטיש, נאָר אויסשליסליך פון שטאַנדפּונקט פון פאַרזאָרגן וואָס מער אידן מיט אַרבעט.

די לאַנדווירטשאַפטלאַכע קאָלאָניזאַציע האָט לויט איר נאַטור, אָפּט געגן דעם ווילן פון טיילן פון דער אידסעקציע, געמוזט טראָגן אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, ווייל באַזעצן אידן צוזאַמען מיט אוקראַינער אָדער טאַטערן אין די קאָלאָניעס פון אוקראַינע און קרים וואָלט געהייסן אַרונטעררייסן די גאַנצע אַרבעט. האָט מען געמוזט שאַפן קאָלאָניעס נאָר פאַר אידן און ס'האָט זיך באַקומען, אַז ס'זיינען אויסגעוואָקסן עטלאַכע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען, וואו יעדנפאַלס איז פאַראַן אַ אָביעקטיווע מעגלאַכקייט פון נאַציאָנאַלע לעבנס פאָרמען. די ניט־אידישע דערפער, וואָס גייען אַריין אין די אידישע ראַיאָנען, זיינען מיט זיי געבונדן נאָר אַדמיניסטראַטיוו און זיי עקזיסטירן פון לאַנג. אפילו אין די ביישטעטלדיקע קאָלווירטן האָט די אינטערנאַציאָנאַליזאַציע אָנגעטאָן גרויסע צרות און פאַרטריבן ניט וויניק אידן פון די קאָלווירטן.

די אינדוסטריאַליזאַציע, דאָס אַריינציען פון אידן אין דער גרויס־און שווער־אינדוסטריע, איז, פאַרקערט, לויט איר נאַטור דענאַציאָנאַליזירנדיק, ווייל דאָ איז דאָך קיין אַנדער אויסוועג ניט געווען ווי אַריינגיסן אידן אין אַ ניט־אידישן ים. איינאָרדנען אידן אין דער גרויס־אינדוסטריע האָט געהייסן זיי געאָגראַפיש צעשפּרייטן און זיי שיקן אין ערטער, וואו ס'איז ניטאָ קיין אידיש לעבן, ווי דאָנבאַס, אוראַל, מאָסקווער און לענינגראַדער ראַיאָן; איינאָרדנען

אידן אין די גרויסע פֿאַבריקן אפילו פֿון אַלטן תחום האָט געהייסן זיי באַהעפֿטן צו די גרויסע מאַסן ניט־אידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן פֿון לאַנג געאַרבעט אין דאָזיקן ווירטשאַפֿט־צווייג. געוויס, ווי מיר וועלן זען שפּעטער, האָט זיך אפילו דאָ דורכגעשלאָגן די נאַטירלאַכע טענדענץ פֿון קאָנצענטראַציע. חוץ דעם, מיט דער מעכאַניזירונג פֿון די טראַדיציאָנעלע אידישע פֿאַכן, ווי שניידעריי, שוסטעריי, סטאָלעריי און בעקעריי זיינען געשאַפֿן געוואָרן גרויסע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן פֿון לכתחילה באַקומען אַ אידישע מערהייט. אַזוי אַז אָביעקטיוו איז ניט אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן די באַזע פֿאַר אידישער קולטור אַרבעט — ברייטע און געדיכטע אידישע מאַסן. אָבער די דאָזיקע באַזע איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

לויט די אויסרעכענונגען פֿון ל. זינגער האָבן זיך „פֿאַר די פֿאַרלאָפֿענע קאַרגע 4 און אַ האַלב יאָר פֿונ׳ם סוף 1926 ביז אַפּריל, 1931, די רייען פֿון די אידישע פּראָלעטאַריער פֿאַרגרעסערט כמעט אויף 400 טויזנט. דער דאָזיקער צואוואוקס איז געווען כמעט אַן ענלאַכער פֿאַר אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד. ער איז אָבער געווען צוויי מאָל גרעסער פֿאַר רספס״ר (גרויס־רוסלאַנד—י. ל.). אַזוי אַרום איז די פּראָלעטאַריזירונג פֿון דער אידישער אָרימשאַפֿט פֿאָר־געקומען מיט די אַממערסטן הויכע טעמפּן אין די ערטער, וואָס געפֿינען זיך אויסער דעם געוועזענעם תחום״.*)

שוין די דאָזיקע געאָגראַפֿישע איבערדרוקונג פֿון גרויסע מאַסן אידישע פּראָלעטאַריער אין גובערניעס און שטעט, וואו ניט נאָר זיי מאַכן אויס אַ נישטיקן פּראָצענט פֿון דער פּראָלעטאַרישער מאַסע, נאָר וואו זיי געפֿינען ניט קיין שום אידישע סביבה, קיין שום איינגע־פֿונדעוועטע אידישע לעבנס־פֿאָרמען, מוז אָפּשוואַכן און גאָר שטאַרק די אָביעקטיווע באַזע פֿון דער אידישער קולטור. אידישע אייזנבאַנער אין מינסק אָדער וויטעבסק, באַרדיטשעוו אָדער וויניצע, מעגן זיי אויסמאַכן נאָר אַ האַלבן פּראָצענט פֿון אַלע אייזנבאַנער, וועלן זיך דאָך לענגער פֿילן צוזאַמענגעבונדן מיט דער אידישער שפּראַך און מיט אידישע קולטור־אינסטיטוציעס, ווי אידישע אַרבעטער אין דאָנבאַס אָדער אוראַל, וואו זיי מעגן אויסמאַכן אין אַ אונטערנעמונג אפילו 10 און מער פּראָצענט.

חוץ אָבער דער דאָזיקער סביבה־פֿראַגע שפּילט נאָר אַ גרויסע ראָל די סאָציאַלע לאַגע, די קאַטעגאָריע פּראָלעטאַריער; פֿאַרשיידענע

*) ל. זינגער, יידן פּראָלעטאַריער אין פֿסס״ר, מאָסקווע, 1933, ז. 9.

גרופּעס פּראָלעטאַריער ווערן פֿאַרשיידן באַאיינפֿלוסט פֿון דער אַרומיקער סביבה. לאָ הרי דער האַנדל־פּראָלעטאַריאַט און די באַאַמטע, ווי דער אינדוסטריע־פּראָלעטאַריאַט. די ערשטע גרופּע מוז זיך מער צופּאַסן צו דער פֿרעמדער סביבה, ווי דער אַרבעטער אויף דער פֿאַבריק. דער באַאַמטער אָדער אָנגעשטעלטער האָט צו טאָן דער עיקר מיט מענטשן, מיט וועלכע ער דאַרף רעדן און וועלכע ער דאַרף באַדינען און די שפּראַך פֿון דער מערהייט איז דער ערשטער באַדינג פֿון קאָנען גוט אויספֿילן די פֿליכטן און קאָנען שטייגן. די צופּאַסונג מוז אַפֿילו זיין ניט נאָר אַ שפּראַכליכע, נאָר אַ ברייטערע, אַ טיפֿערע, אויב ניט אַפֿילו אַ שטייגערישע. אומבאַוואוסט פּאַסט מען זיך צו צו יענער מערהייט, פֿון וועלכער מען איז אָפּהענגיק. דער אַרבעטער אין דער פֿאַבריק האָט מער צו טאָן מיט זאַכן, ווי מיט מענטשן. כאָטש אויך דאָ, פֿאַרשטייט זיך, מוז מען דורכמאַכן אַ געוויסע שפּראַך־צופּאַסונג, אָן וועלכער מען קאָן פּשוט ניט איינגעגלידערט ווערן אין פּראָדוקציע־פּראָצעס. און לאָ הרי דער האַנטווערקערישער פּראָלעטאַריאַט, ווי דער גרויס־אינדוסטריעלער. דער ערשטער אַסימילירט זיך אַ סך ווייניקער און לאַנגזאַמער, ווי דער צווייטער. דער אידישער האַנטווערקערישער פּראָלעטאַריאַט איז ניט נאָר געווען איזאָלירט און אָפּגעטיילט פֿונ׳ם אַרומיקן פֿרעמדן פּראָלעטאַריאַט, נאָר ער האָט נאָך געלעבט און געאַרבעט אין אַ אידישער ווירטשאַפֿטלאַכער סביבה. דער גאַנצער אַרום, דער בעל־הבית, דער קרעמער, דער אָפּנעמער פֿון דער סחורה ביים וואַרשטאַט, דער פֿאַרקויפֿער פֿון די רוי־שטאָפֿן צום בעל־הבית, די באַנק, וואו דער בעל־הבית האָט געליהען געלט, הכלל די גאַנצע אַרומיקע אַטמאָספֿער איז געווען אַ נאַציאָנאַלע. ביים גרויס־אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט פֿעלט דאָס אַלץ און דאָס מוז אָפּשוואַכן זיינע נאַציאָנאַלע מעגלאַכקייטן, ווען זיי זאָלן אַפֿילו סוביעקטיוו זיין גאָר שטאַרק אַנטוויקלט אין אים.

נאָך די דאָזיקע איניקע טעאָרעטישע באַמערקונגען לאָמיר איבערגיין צום מאַטעריאַל. בא דער אינדוסטריאַליזירונג האָט דער סטיכישער פּראָצעס געשפּילט נאָך אַ גרעסערע ראָלע ווי בא דער קאָלאָניזאַציע. אידן, יונגע און עלטערע, מענער און פֿרויען, האָבן פֿון אָנהויב רעוואָלוציע אָנגעהויבן זוכן אַ וועג צו דער אינדוסטריע. איז דאָך די לאַגע פֿון אַרבעטער אין די שרעקלאַכסטע הונגער־יאָרן געווען פֿיל בעסער פֿון דער לאַגע פֿון אַלע איבעריקע קלאַסן, חוץ,

פאַרשטייט זיך, די באַאַמטע. בא ברייטע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג איז גאָר גיך רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז מען מוז זיך צופּאַסן צו דער נייער מאַכט און זוכן אַ אַרבעט־באַשעפטיקונג. איז דאָך אָבער אין די ערשטע יאָרן פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געגאַנגען מער חורבן, ווי אויפבוי, און ס'האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן נייע קאַדרען אַרבעטער. שפּעטער האָט אויסגעפעלט רוי־שטאָף. און אויף וויפיל מען האָט אויפגעשטעלט די אינדוסטריע, האָט מען דאָס געמאַכט פריער מיט דער גרויס־אינדוסטריע, וועלכע איז געווען ביליכער און דרינגענדיקער און אין דער גרויס אינדוסטריע האָבן אידן ניט געהאַט קיינע פאַרבינ־דונגען. דאָך איז צום יאָר 1926, צו דער פאָלק ציילונג, די צאָל אידישע אינדוסטריע־אַרבעטער שוין געווען ניט קלענער, ווי ערב דער וועלט מלחמה — אַרום 150 טויזנט. די צאָל באַאַמטע און אָנגעשטעלטע איז שוין געווען אַ סך גרעסער. דער פּראָצענט פיזישע אַרבעטער האָט בערך באַטראָפן אַרום 20 פּראָצענט פון אַלע אידישע עקאָנאָמיש־אַקטיווע און דאָס איז אויך געווען בערך גלייך מיט'ן צושטאַנד פאַר דער וועלט־מלחמה.

און שוין דעמאָלט, אין 1926, זיינען געווען אין צענטראַל רוסלאַנד, באַזונדערס אין מאָסקווע און לענינגראַד, צענדליקע טויזנ־טע אידישע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע און אויך טויזנטע אידישע פיזישע אַרבעטער.

דער באַשטאַנד פון אידישן אַרבעטער קלאַס האָט זיך אין די ערשטע יאָרן כמעט ניט געענדערט. דאָך זיינען שוין געווען פאַר־לייגט קעמערלאַך אין דער שווער־אינדוסטריע, אין די וואַרשטאַטן פון די אייזנבאַנען, אין פּאָסט און טעלעגראַף און אין די קוילן־שאַכטעס. די אָרימקייט האָט מיט צענדליקע בייטשן געטריבן דעם אידישן מענטשן און ער האָט אָנגעשפּאַרט וואו נאָר אַ לאָך, וואו נאָר אַ שאָטן פון אַרבעט, אבי פאַרדינען אַ שטיקל ברויט. די קאָמור־ניסטן האָבן זיך נאָך דעמאָלט ניט פאַרנומען מיט פּלאַן־אַרבעט אין זין פון אינדוסטריאַליזירונג. אין 1926 זיינען, למשל, שוין געווען אין אוקראַינע 1,278 אידישע אַרבעטער בא די אייזנבאַנען, 942 אידישע אַרבעטער אין די שאַכטעס, 465 אין פּאָסט און טעלע־גראַף. דאָס האָבן אָרימע אידן אַליין דורכגעבראָכן די וואַנט, אויס־נוצנדיק, זעלבסטפאַרשטענדלאַך, די רעוואָלוציע אויף אַריינדרינגען אין צווייגן, אין וועלכע זיי האָבן פריער ניט געהאַט קיין צוטריט.

מיר האָבן שוין פריער ניט איין מאָל אָנגעוויזן, אַז צום יאָר 1928 איז די לאַגע פון די אידישע מאַסן געוואָרן באַזונדערס קאַטאַס־טראָפאַל, און די דאָזיקע קאַטאַסטראָפאַלקייט איז געוואָרן באַזונ־דערס בולט אויפ׳ן פאָן פון אַלגעמיינער באַדייטנדיק פאַרבעסערטער לאַגע. אַט דעמאָלט, ווען די גרויס־אינדוסטריע האָט גענומען וואַקסן מיט אַ שטאַרקערן טעמפּ און די צאָל געוועזענע אַרבעטער איז גע־וואָרן אויסגעשעפּט האָט מען זיך דערמאָנט אין די הונדערטע טויזנ־טע אידישע אַרבעט־פיאיקע עלעמענטן, וועלכע דאַרן און טריקענען און ווערן ניט אויסגענוצט אַלס אַרבעט־קראַפט.

דעם 15טן פעברואַר, 1928, האָט דער פּרעזידיום פון דעם נאַציאָנאַליטעטן־ראַט באַשלאָסן:

„ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די ציקן, פון מלוכה־פּלאַן און פון אַלרוסישן ווירטשאַפט־ראַט, אַז:

1) ביים באַשטימען דאָס בויען פון נייע אונטערנעמונגען זיך רעכענען מיט דער נויטווענדיקייט אויסצובויען אַ טייל פון זיי אין שטעט און שטעטלאַך פון אידישע מאַסן־ישובים און פון אידי־שער מאַסן־איבערוואַנדערונג.

2) אָפּגעבן מער אויפמערקזאַמקייט די פראַגן פון קוואַליפי־צירן די אידישע אָרימקייט און באַזונדערס די אידישע יוגנט און דער עיקר אין יענע אַרבעט־פאַכן, וואו ס׳פילט זיך אַ דוחק אין אַרבעטער. אויף דעם דאָזיקן ציל באַשטימען ספּעציעלע אַסיגנירונ־גען ווי פון די סומען פון פאַרבאַנדישן אַרבעט־קאָמיסאַריאַט, אַזוי אויך פון די אָרטיקע אָרגאַנען.

3) ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פונ׳ם אַרבעט־קאָמיסאַריאַט פון פאַרבאַנד ווי אויך פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן אויף דער נויטווענדיקייט אַריינציען די אידישע אָרימקייט אין די ניי־געגרינ־דעטע גרויסע אונטערנעמונגען (שוסטערישע, שניידערשע), אַזוי אויך אויף בוי־אַרבעט, האַקן וועלדער, צוקער־פאַבריקן און אַנדערע״.*)

אַט די דאָזיקע רעזאָלוציע קאָן גערעכנט ווערן פאַר׳ן אָנהויב פון פּלאַנמעסיקער אינדוסטריאַליזירונג. מען האָט אָנגעהויבן צו־גרייטן די אידישע יוגנט צו נייע אַרבעט־צווייגן. פון 1929 הויבט

*) קאַנטאָר, ז. 139-40.

מען אַן אַריינציען אידישע יוגנטלאַכע אין די פאַבריק־שולן, וואוהין ביז דעמאָלט האָבן געקאָנט אַנקומען נאָר קינדער פון אַרבעטער.

די רעזולטאַטן פון דער אָנגענומענער רעזאָלוציע זעט מען פון פאָלגנדיקע דאַטן. אין 1927 האָט דער אוקראַינישער אַרבעט־קאָמיסאַריאַט אַרויסגעגעבן פלעצער פאַר אידן 1,421; פון דעם גאַנצע 600 אויף סעזאָן־אַרבעט באַ בוי, אַלזאָ אַלס שוואַרץ־אַרבעטער. אין 1928 האָט ער שוין אַרויסגעגעבן אידן 5,969 פלעצער און פון דעם נאָך אַלץ גאַנצע 1,500 סעזאָן־אַרבעט; אין 1929 שוין 7,700 פלעצער און פון דעם נאָר 500 סעזאָן־אַרבעט באַ בוי.*) אמת, פון 7,700 פלעצער זיינען גאַנצע 5,500 געגאַנגען אויף בוי־קורסן, אָבער דאָס איז געווען אַ קוואַליפיקאַציע, וועלכע האָט צו־געזאָגט שטענדיקע אַרבעט. אין 1930 זיינען שוין אין גאַנץ רוסלאַנד אויסגעטיילט געוואָרן 15,123 פלעצער פאַר אידן און פון דעם פאַר פאַרשיידענע פאַבריק־שולן און פאַבריק־קורסן ביז 6 טויזנט. דאָ האָט מען שוין גענומען אין דער מעטאַלורגיע 1,350 אידישע יוגנטלאַכע; אין דער מאַשין־אינדוסטריע 1,759 אידישע יוגנטלאַכע; פאַר די קוילן־שאַכטעס 520 און אַנדערע.

אין משך פון אַ פאָר יאָר זיינען אַריין צענדליקע טויזנטע אידישע אַרבעטער און אַנגעשטעלטע אין דער גרויס־אינדוסטריע. צו דער דאָזיקער צייט איז אויך כמעט ווי פאַרענדיגט געוואָרן דער פּראָצעס פון מעכאַניזירן אַלע יענע האַנטווערקערישע אינדוסטריען, אין וועלכע אידן האָבן געבילדעט אַ מערהייט. אַזוי אַז אַרום 1931 און 1932 זיינען שוין געווען אַ סך פאַבריקן מיט עטלאַכע הונדערט אידישע אַרבעטער און אפילו מיט טויזנט און מער אידישע אַרבעטער.

לאָמיר איצטער זען, ווי האָט אויסגעזען אין סאָוועט־רוסלאַנד דער אידישער פּראָלעטאַריאַט. מיט דעם וואָרט פּראָלעטאַריאַט ווערט דאָ פאַרשטאַנען אַלע לוין־נעמער: פיזישע אַרבעטער, באַאַמטע און אַנגעשטעלטע, צו וועלכע ס'ווערן אויך צוגערעכנט כמעט אַלע ליבעראַלע פּראָפעסיעס, ווייל 90 פּראָצענט אָדער נאָך מער דאָקטוי־רים, דענטיסטן און אַקושערקעס און גאַנצע 100 פּראָצענט אינ־זשענערן, כעמיקער, פּראָפעסאָרן, שויי־שפּילער און אַנדערע אינטע־לעקטועלע זיינען אויף מלוכה־שטעלעס.

*) דאָרטן.

לויט דער ציילונג פון 1926 האָט זיך דער פּראָלעטאַריאַט אַזוי געטיילט:

	באַ אידן *)	באַ ניט־אידן **)
1) פיזישע אַרבעטער	37.9%	59.8%
2) באַאַמטע און אָנגעשטעלטע	62.1	40.2
צוזאַמען	100.0%	100.0%

אין די שטעט פון צענטראַל־רוסלאַנד איז די לאַגע געווען גאַנץ אַנדערש — דאָרטן איז דער פּראָצענט אָנגעשטעלטע און באַ־אַמטע געווען אַ סך אַ העכערער. מיר פאַרמאָגן גראַדע דאַטן פאַר מאָסקווע און לענינגראַד פאַר עטליכע יאָר און זיי זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש. די אידישע לוין־נעמער האָבן זיך דאָרטן אַזוי געטיילט:

	מאָסקווע ***)		לענינגראַד ****)	
	אַרבעטער	באַאַמטע און אָנגעשטעלטע	אַרבעטער	באַאַמטע און אָנגעשטעלטע
1923	10.3%	89.7%	18.4%	81.6%
1926	14.2	85.8	24.9	75.1
1929	21.8	78.2	31.9	68.1

אין די ערשטע יאָרן, ווי מיר זעען, זיינען כמעט אַלע אידישע פּראָ־לעטאַריער אין מאָסקווע געווען אָנגעשטעלטע און באַאַמטע. נאָר אַזעלכע 10 פּראָצענט זיינען געווען אַרבעטער. אין לענינגראַד איז די לאַגע געווען אַביסל בעסער, אָבער אויך דאָרטן זיינען די באַאַמטע און אָנגעשטעלטע געווען מער פון 80 פּראָצענט. מיט דער צייט, וויבאַלד די צאָל אידן האָט גענומען שטאַרק וואַקסן, איז דער פּראָ־צענט אידישע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע געפאַלן. צום יאָר 1929 איז שוין געווען אין מאָסקווע אומגעפער אַ פינפטל פיזישע אַרבעטער פון אַלע אידישע פּראָלעטאַריער און אין לענינגראַד כמעט אַ דריטל.

*) סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן וועגן אידישער דעמאָגראַפיע און עקאָ־נאָמיק. (רוסיש) נ. 7 מאָסקווע, 1930, ז. 23.

**) מ. כאַראַס, דערוויליקע דאַטן וועגן דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער באַפעלקערונג פון סססר (רוסיש) אין זשורנאַל „סטאַטיסטי־טשעסקאַיע אַבאָזרעניע" מאָסקווע, 1928, נ. 5, ז. 18.

***) סטאַטיסטישע מאַטיריאַלן, ז. 25.

****) דאָרטן, ז. 26.

מיר מיינען, אַז די לאַגע איז די לעצטע יאָרן געוואָרן ערגער. ווייל אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך אַ סך אידישע אַרבעטער אַרויסגערוקט אַלס לייטערס און פאַרוואַלטערס און מייסטערס און דירעקטאָרן און האָבן זיך אויף אַזאַ אופן אַרויסגערוקט פון דער קאַטעגאָריע פיזישע אַרבעטער און אַרויפגערוקט צו דער מדרגה פון באַאַמטע.

די דאַטן פון 1926 זיינען פון אַ פאָלק־ציילונג. קיין שפּעטערע דאַטן פון ציילונגען זיינען ניט פאַראַן. אמת, ס'זיינען פאַראַן ציילונגען פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אָבער זיי האָבן קיינמאָל ניט אַרומגענומען אַלע מיטגלידער, און די מחברים, וואָס נוצן אויס די דאָזיקע ציילונגען, מוזן אָנקומען צו השערות און קאָמבינאַציעס, וועלכע רופן אַרויס גרויסע ספקות. לויט די אויסרעכענונגען פון נאָר וואָס ציטירטן ל. זינגער, באַקומט זיך, אַז אין 1931 איז די טיילונג פון אידישן פּראָלעטאַריאַט געווען אַזאַ: פיזישע אַרבעטער — 43.5% און באַאַמטע און אָנגעשטעלטע — 56.5%. באַקומט זיך, אַז פון 1926 איז אַביסל אויסגעוואַקסן דער פּראָצענט פיזישע אַרבעטער אויפ'ן חשבון פון די גייסטיקע פּראָלעטאַריער. ל. זינגער נעמט אָן פאַר 1931 איינגאַנצן 787 טויזנט אידישע פּראָלעטאַריער, פון וועלכע פיזישע אַרבעטער זיינען געווען 342 טויזנט און גייסטיקע (מיט די ליבעראַלע פּראָפעסיעס) — 445 טויזנט. קאָן זייער זיין, אַז ס'איז טאַקע פאַר די גענומענע 5 יאָר, פון 1926 ביז 1931, פאָרגעקומען אַ געוויסער וואוקס פון פּראָצענט פיזישע אַרבעטער. דאָס זיינען געווען די יאָרן פון אוקראַיניזאַציע און ווייס־רוסיזאַציע פון אַפּאַראַט, ווען אידישע יונגע לייט און נאָך מער עלטערע מענטשן, וועלכע האָבן ווייניק געקאָנט די דאָזיקע צוויי שפּראַכן, איז שווער אָנגעקומען צו באַקומען אַ שטעלע פון אַ באַאַמטן אין אַ מלוכה'שן אָדער שטאָטישן אַנשטאַלט. אָבער די דאָזיקע צייט איז שוין לאַנג אַוועק. און אָט קומט ניט לאַנג („פאָרווערטס", 12־טער מאַי, 1940) אַזאַ גרויסער אויטאָריטעט אין סאָוועטישער עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק, ווי יוריעווסקי, און באַהויפּטעט, אַז אין 1939 זיינען געווען אין סאָוועט־רוסלאַנד 897 טויזנט אידישע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע. דאָס וואָלט געהייסן, אַז די גייסטיקע פּראָלעטאַריער מאַכן אויס מער ווי 80 פּראָצענט פון אַלע אידישע פּראָלעטאַריער. די דאָזיקע דאַטן האָבן מיך אַזוי איבערראַשט, אַז איך האָב אים פּריוואַט בריוולעך אָנגעפרעגט פון וואַנען ער האָט די דאָזיקע ידיעות

גענומען. דאָס איז געווען גראָדע אין די טעג ווען מען איז געלאָפן פון פּאַריז און ער האָט מיר גאַנץ קורץ געענטפערט, אַז ער האָט באַקומען די ידיעות פון גאַנץ זיכערע קוועלן. דאָך האָב איך אָנגע־נומען פאַר'ן יאָר 1939 אויפ'ן גרונט פון איינצעלנע צעוואָרפענע דאַטן אין דער קאָמוניסטישער ליטעראַטור נאָר 700 טויזנט אידישע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע (520 טויזנט באַאַמטע און אָנגעשטעלטע און 180 טויזנט פון ליבעראַלע פּראָפעסיעס), וויניקער אַלזאָ מיט כמעט 200 טויזנט, און 300 טויזנט אידישע אַרבעטער, אַלזאָ 70 פּראָצענט גייסטיקע פּראָלעטאַריער און 30 פּראָצענט פיזישע.

מיר זיינען זיכער, אַז די דאָזיקע פאַרטיילונג איז ביז גאָר נאָענט צום אמת. דערביי דערגרייכט מסתמא דער פּראָצענט גייסטיקע פּראָלעטאַריער אין מאָסקווע און לענינגראַד אַריבער 80 פּראָצענט. אָט דער דאָזיקער פאַקט — פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּראָלעטאַריאַט פון באַאַמטע און ליבעראַלע פּראָפעסיעס און בײַ דער לאַגע פון אידן, בײַ וועלכע דער דאָרפישער עלעמענט שפּילט נאָך אַלץ אַ קליינע ראָלע, הייסט דאָך דאָס פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּאָלק פון באַאַמטע און ליבעראַלע פּראָפעסיעס — איז דער טיפּישסטער פאַר דער אַנטוויקלונג פון סאָוועטישן אידנטום אין די לעצטע 10 יאָר. דער טיפּישסטער און אפשר אויך דער פאַטאַלסטער און טרויעריקסטער.

די צאָל פיזישע אַרבעטער האָט זיך פאַר דער גאַנצער צייט פאַרטאָפּלט און דאָס הייסט, אַז אין פאַרגלייך מיט 1914 האָט זיך די צאָל אינדוסטריע־אַרבעטער פאַרצווייפאַכט. דאָס איז געוויס אַ דערגרייכונג. אָבער טיפער איז געגאַנגען די ענדערונג אין פּרט פון פּראָפעסיאָנעלער דיפערענציאַציע און אין פּרט פון קאָנצענטראַציע און מעכאַניזאַציע. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אין סאָוועט־רוסלאַנד איז אינגאַנצן אַ גרויס־אינדוסטריעלער, ווייל אַלע שניידער און שוסטער אַרבעטן ניט מער אין קיין וואַרשטאַטן און וואַרשטאַטלעך, נאָר אין גרויסע מעכאַניזירטע פאַבריקן. ס'איז אויך פאָרגעקומען אַ באַדייטנדיקער איבערגרוק פון די טראַדיציאָנעלע אידישע פאַכן צו דער שווער־אינדוסטריע. אין אוקראַינע, למשל, זיינען געווען אידישע מעטאַליסטן: אין 1926 נאָר 13,612 און אין 1931 העכער 52 טויזנט. (דאָ און ווייטער זיינען אריינגערעכנט אויך די באַאַמטע). קוילן־פּראָלעטאַריער זיינען געווען: אין 1926 נאָר 942 און אין 1931 שוין 4,848; אייזנבאַנער זיינען

געווען: אין 1926 סך הכל 1,278 און אין 1931 — 2,202. אין פּאָסט און טעלעגראַף זיינען געווען אידישע פּראָלעטאַריער: אין 1926 נאָר 465 און אין 1931 שוין 3,402.

דאָס זיינען געווים וויכטיקע און באַדייטנדיקע ענדערונגען און די פיזיאָגנאָמיע פון אידישן פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אין סאָוועט־רוסלאַנד שטאַרק געביטן — אַרוים פון געטאָ, צעשפּרייט זיך אויף אַ ברייטערן שטח און אַריינגעדרונגען אין מער צווייגן און בראַנזשן. אָבער די דאָזיקע פיזיאָגנאָמיע ווערט אונז אַביסל קלאָרער ווען מען שטעלט פעסט, אַז אַפילו אין 1931 האָבן אידן אויסגעמאַכט גאַנצע 60.9% פון אַלע שניידער און 48.2% פון אַלע לעדערניקעס, אָבער נאָר 11.1% פון אַלע מעטאַליסטן און נאָר 1.4% פון אַלע קוילן־פּראָלעטאַריער און בסך הכל 0.9% פון אַלע אייזנבאַן־אַרבעטער.*) זיינען, הייסט עס, אַלע געבליבן פאַכן, וואו אידן זיינען אַ מערהייט, און פאַכן, וואו אידן בילדן אַזאַ נישטיקן פּראָצענט, אַז זיי ווערן בטל במאה.

כאַראַקטעריסטיש איז דער פּראָצענט אידן צווישן די באַאַמטע, וואָס ווערבירן זיך פון די ליבעראַלע פּראָפעסיעס. אין אוקראַינע האָבן אידן אויסגעמאַכט:

	1926	1931
פון אַלע קונסט־באַשעפטיקטע	39.8%	35.9%
פון אַלע מעדיצין־באַשעפטיקטע	27.1	29.9
פון קאַנצעלאַריע־באַאַמטע און האַנדל־אָנגעשטעלטע	22.9	22.7
פון אַלע בילדונג־טוער	12.2	8.1

בא דער לעצטער גרופּע איז דער פּראָצענט אידן געפאַלן, ווייל ס'איז קאָלאָסאַל געוואַקסן די צאָל לערער אין די דערפער. ווייטער בלייבט דער פּראָצענט אידן בערך איינער און דער זעלבער און ער איז געווים אין די לעצטע יאָרן אויך ניט געפאַלן. צווישן די ליבעראַלע פּראָפעסיעס באַטרעפט דער אָנטייל פון אידן פון 5 ביז 7 מאָל מער פון פּראָצענט אידן אין דער באַפעלקערונג; פּאַקטיש מסתמא נאָך מער, ווייל דאָ גייען דאָך אַריין פון די העכסטע ביז די נידעריקסטע באַאַמטע, פון דאָקטאָר פון שפּיטאָל ביז'ן שומר

*) י. קאַנטאָר, ז. 148.

פון טויער, פון פּראָפעסאָר פון אוניווערזיטעט ביז׳ן דינער, און אידן זיינען געווים מער פאַרגעשטעלט צווישן די העכערע שטעלעס. אין די אַלטע אידישע פאַכן זיינען אידן פאַרטראָטן 10 און 12 מאָל מער פון זייער פּראָצענט אין דער באַפעלקערונג, אָבער אין די נייע פאַכן, וואוהין זיי זיינען ערשט די לעצטע יאָרן אריינגעדרונגען, מאַכן זיי נאָך אַלץ אוים אַ נישטיקן פּראָצענט. און אין די גאָר לעצטע יאָרן איז געווים ניט געוואָרן מער אידן אין די שאַכטעס. קלאָר, אַז סאָציאַלע ירושה ווערט ניט אַזוי גיך אָפּגעווישט און אָפּגעמעקט אפילו בא אַזאַ רעוואָלוציאָנערן שטורם, ווי דער באָל־שעוויסטישער. ווי גאָר די אידישע באַפעלקערונג, אויסגעוואָרצלט און איבערגעקערט, האָט באַקומען די מעגלאַכקייט אויסצונוצן אירע פייאיקייטן און קענטניסן, האָט זי פאַרקערעוועט אויפ׳ן היסטאָרישן גלות־שליאַך, אויפ׳ן וועג פון באַדינען די אָרומיקע געזעלשאַפט איידער זיך באַטייליקן דירעקט אין פּראָדוקציע־פּראָצעס.

ווי ווייט זיינען קאָנצענטרירט די אידישע פּראָלעטאַריער? פאָלגנדיקע טאַבעלע גיט אונז ידיעות וועגן ווייס־רוסלאַנד.

דער פּראָצענט אידן צווישן די אַרבעטער פון ווייס־רוסישע פאַבריקן מיט מער פון 100 אַרבעטער (1928-1929 *)

פאַבריקן מיט	צאָל פאַבריקן	צאָל אַרבעטער	דערפון אידן אבס.	דערפון אידן %
100 ביז 200 אַרבעטער	14	2,285	1,197	52.4
200 ביז 500 אַרבעטער	18	5,649	2,535	44.9
500 ביז 1,000 אַרבעטער	13	9,323	3,943	42.3
1,000 ביז 2,000 אַרבעטער	7	10,639	3,264	30.7
צוזאַמען........................	52	27,896	10,939	39.2

דעם קלענסטן פּראָצענט מאַכן אידן אוים אין די גרעסטע פאַ־בריקן — מיט מער פון 1,000 אַרבעטער; אָבער אפילו אין די דאָזיקע גרויסע פאַבריקן מאַכן זיי אוים כמעט אַ דריטל. דאָס איז ניט אַזאַ מיעוט, וואָס ווערט בטל. אין די קלענערע פאַבריקן מאַכן זיי אוים העכער אַ העלפט.

*) יידן אין וו. ס. ס. ר., מינסק, 1930, ז. 26-124.

לגבי דער גאַנצער צאָל אַרבעטער מאַכן אידן אויס העכער 39 פּראָצענט. ווי שטאַרק זיינען די אידישע אַרבעטער קאָנצענטרירט פאַר זיך? מיר האָבן פאַר ווייס־רוסלאַנד דאַטן וועגן 11,239 אידישע אַרבעטער פון 53 פאַבריקן און זייער פאַרטיילונג לויט באַזונדערע קאַטעגאָריעס פאַבריקן פאַר די יאָרן 1931 און 1932. די דאָזיקע אַרבעטער האָבן זיך פאַרטיילט אויף אַזאַ אופן:

אין 6 פאַבריקן מיט מער פון 500 אידישע אַרבעטער	4,431	39.5%
אין 10 פאַבריקן מיט 200 ביז 500 אידישע אַרבעטער	3,371	30.0
אין 20 פאַבריקן מיט 100 ביז 200 אידישע אַרבעטער	2,672	23.7
אין 17 פאַבריקן ווייניקער פון 100 אידישע אַרבעטער	765	6.8
צוזאַמען 53 פאַבריקן מיט אידישע אַרבעטער	11,239	100.0%

נאָר אַזעלכע 7 פּראָצענט פון די דאָזיקע אידישע אַרבעטער זיינען ווייניקער ווי 100 אין איין פאַבריק. גאַנצע 70 פּראָצענט פון די דאָזיקע אידישע פאַבריק־אַרבעטער זיינען צונויפגענומען ניט ווייניקער ווי 200 אידישע אַרבעטער אין איין פאַבריק. און 2 פינפטל פון אַלע אידישע אַרבעטער זיינען צוזאַמען ניט ווייניקער פון 500 אידישע אַרבעטער אין איין פאַבריק. אין דורכשניט באַקומען מיר אַרום 5 הונדערט אידישע אַרבעטער אויף איין פאַבריק — אַ גענוג קאָמפּאַקטע מאַסע, וועלכע וואָלט געקאָנט פירן אַ קולטור־אַרבעט אין איר אייגענער שפּראַך און בכלל איינהאַלטן די פאַקטישע רעכט פון איר שפּראַך און פון איר קולטור.

אין אוקראַינע איז די קאָנצענטראַציע געווען נאָך גרעסער. מיר האָבן דאַטן פאַר די יאָרן 1931 און 1932 וועגן 26 פאַבריקן מיט מער פון 100 אידישע אַרבעטער. מיר האָבן באַקומען, אַז אין 10 פאַבריקן מיט מער פון 1,000 אידישע אַרבעטער זיינען

געווען	13,550	73.0%
אין 4 פאַב. מיט 500 ביז 1,000 איד. אַרב.	2,480	13.4
אין 8 פאַב. מיט 200 ביז 500 איד. אַרב.	2,188	11.4
אין 4 פאַב. מיט 100 ביז 200 איד. אַרב.	485	2.2
צוזאַמען 26 פאַבריקן מיט אידישע אַרבעטער	18,703	100.0%

דאָ זיינען 73 פּראָצענט אידישע אַרבעטער צונויפגענומען צו מער ווי 1,000 אַרבעטער אין איין פאַבריק, און אין דורכשניט באַ־

קומט זיך אין דער דאָזיקער קאַטעגאָריע פאַבריקן מער פון 1,300 אידישע אַרבעטער אויף איין פאַבריק. באַ אַזעלכע גרויסע אַבסאָלוטע צאָלן שפּילט שוין אַ סך אַ קלענערע ראָלע דער פּראָצענט לגבי דער גאַנצער מאַסע אַרבעטער. מיר פאַרמאָגן, ליידער, ניט קיין דאַטן וועגן דער אַלגעמיינער צאָל אַרבעטער אין אַלע 26 באַהאַנדלטע פאַבריקן. מיר האָבן דאַטן פאַר 14 פאַבריקן און זיי זיינען ביז גאָר אינטערעסאַנט. דער פּראָצענט אידישע פּראָלעטאַריער (אַרבע־טער און באַאַמטע) האָט באַטראָפן:

אין 2 פאַבריקן מיט 100 ביז 200	אַרבעטער	....	91.4%
אין 3 פאַבריקן מיט 500 ביז 1,000	אַרבעטער	....	90.0
אין 5 פאַבריקן מיט 1,000 ביז 2,000	אַרבעטער	....	53.7
אין 4 פאַבריקן מיט מער פון 2,000	אַרבעטער	....	38.8

אין די ערשטע 5 פאַבריקן, וועלכע זיינען דאָך אויך ניט קיין קליינע, מאַכן אויס אידן מער פון 90 פּראָצענט. דאָס זיינען דאָך שוין באמת אידישע פאַבריקן. נאָר אפילו אין די גאָר גרויסע פאַבריקן מיט מער פון 2,000 אַרבעטער אין יעדער איז דער פּראָ־צענט אידן ניט קיין קלענער, כמעט 2 פינפטל.

די פאַבריקן, אין וועלכע אידן מאַכן אויס הן אין אוקראַינע און הן אין ווייס־רוסלאַנד מער פון אַ העלפט, זיינען געוויינלאַך אונטער־נעמונגען פון טראַדיציאָנעלע אידישע פאַכן, ווי קליידער־פאַבריקן און אַנדערע.

דער אַלגעמיינער אויספיר קאָן זיין אַזאַ: די געאָגראַפישע צעשפּרייטונג האָט געוויס אָפּגעשוואַכט די נאַציאָנאַלע קולטור־כוחות פון אידישן פּראָלעטאַריאַט אין סאָוועט־רוסלאַנד. דער גרויסער פּראָצענט באַאַמטע און אָנגעשטעלטע איז געוויס ווידער אַ פאַקטאָר אַ נעגאַטיווער, ווייל דער דאָזיקער עלעמענט איז שטאַרק נוטה צו אַסימילאַציע. די טענדענץ איבערצוגיין צו העכערע פּאָזיציעס, אַריבערכאַפּן זיך אין דער קאַטעגאָריע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע שוואַכט ווייטער אָפּ די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און פּאָטענצן פון אַרבעטער־קלאַס. דער אונטערגאַנג פון דער גאַנצער אַלטער טראַדי־ציאָנעלער איינגעפונדעוועטער נאַציאָנאַלער סביבה פאַרמינערט געוויס אויך די נאַציאָנאַלע וואָג פון אידישן פּראָלעטאַריאַט און זיינע נאַציאָנאַלע השגות. נאָר אחרי ככלות הכל איז נאָך אין אוקראַינע

און ווייס־רוסלאַנד געבליבן אַ גענוג גוטע באַזע פון קאָנצענטרירטע אידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן, וועלכע וואָלט געקאָנט מאַכן וואַקסן אידישע קולטור־אינסטיטוציעס. וואָלט געקאָנט — ווען דער רצון וואָלט דערצו געווען, ווען די גאַנצע אידישע קולטור־אַרבעט וואָלט ניט געווען נעווען אַזוי אויסגעליידיגט פון יעדן נאַציאָנאַלן אינהאַלט, פון יעדן נאַציאָנאַלן המשך און פון יעדן באַהעפט מיט׳ן וועלט־אידנטום.

18

אַנטיסעמיטיזם צווישן די סאָוועטישע אַרבעטער.

וויטרויעריק דאָס זאָל ניט זיין, נאָר דוקא נאָכ'ן קאַפּיטל וועגן אינדוסטריאַליזירונג מוזן מיר זיך אומקערן צום אַנטיסעמיטיזם. ווייל דוקא אין די אַרבעטער־מאַסן האָט זיך אין די יאָרן 1927 און 1928 אַרויסגעוויזן אַזאַ ווילדע אַנטיסעמיטישע אכזריות, וועלכע האָט ממש אויפגעטרייסלט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און האָט זי געצוואונגען אָננעמען שאַרפע עקסטרא־מיטלען געגן דער דאָזיקער שנאה־מגפה.

אין דער רוסישער גרויס־אינדוסטריע, דער עיקר אין דער שווער־אינדוסטריע האָט מען אין די פאַר־רעוואָלוציאָנערע צייטן זעלטן געזען אַ אידן. און פּלוצים האָבן זיך באַוויזן אידישע בחורים־לאַך, אידישע מיידלאַך און האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. אַ גרויסער פּראָצענט פון זיי האָט זיך איינגעאָרדנט אין די קאַנצעלאַריעס פון די גרויסע אונטערנעמונגען און טרעסטען. אין די פאַבריקן גופא האָבן די דאָזיקע אָפט שוואַכע, בלייכע, קליין־וואוקסיקע געטאָ־בחורימלאַך גיך אוואַנסירט, גיך זיך אויסגעלערנט די אַרבעט און צוגעפּאַסט צו איר און נאָך גיכער זיך אויף אַזוי פיל אויסגעצייכנט, אויב ניט תמיד מיט דער אַרבעט גופא, איז יעדנפאַלס מיט אינטעליגענץ און פּסיכישער רירעוודיקייט, אַז די פּאַרטיי האָט זיי גענומען אַרויסרוקן אויף פאַראַנטוואָרטליכע און ממילא מאַטעריעל גוטע שטעלעס. און אַזוי ווי אין די דאָזיקע יאָרן איז נאָך די אַרבעטלאָזיקייט ווייט ניט געווען אינגאַנצן ליק־ווידירט און פּרעטענדענטן אויף יעדן פרייען פּלאַץ אין אַ פאַבריק זיינען געווען די והותר, האָט די אַנטיסעמיטישע שלאַנג אַרויסגע־שטעקט איר סם־קאָפּ.

מ. גאַרעוו, דער מחבר פון באַקאַנטן בוך „געגן אַנטיסעמיטיזם" הויבט אַזוי אָן דאָס ערשטע קאַפּיטל: „אין פעברואַר, 1927, בין איך אַרויסגעטראָטן געגן אַנטיסעמיטיזם מיט אַ סעריע אַרטיקלען אין איינער פון די מאָסקווער צייטונגען. ווייזט אויס, אַז איך האָב אָנגע־רירט אַן אָנגעווייטאָקטע און ברענענדיקע פראַגע; איך האָב אַרויס־

געזאָגט דאָס, וואָס ס'האָט שטאַרק אָנגעווייטאָקט בא אַ סך חברים, ווארום יעדן טאָג האָב איך באַקומען צענדליקע בריוו.

„וואָס זשע האָבן דערציילט די בריוו? אַלע האָבן זיי דער־ציילט, אַז אין געוויסע שיכטן ארבעטער האָבן זיך די לעצטע צייט באַוויזן אַנטיסעמיטישע שטימונגען, אַז דער אַנטיסעמיטיזם דרינגט אַריין אין קאָמסאָמאָל (יונג־קאָמוניסטן), אַז אַנטיסעמיטיזם איז אויך ניט פרעמד אפילו צווישן פּאַרטיי־חברים.

„בא אונז אין קאַנאַווינע (ניזשעגאָראָדער גובערניע) — שרייבט ב. סאָלאָוועצקאַיאַ — וואַקסט דער אַנטיסעמיטיזם מיט יעדן טאָג ניט נאָר צווישן די פּאַרטיילאָזע און קאָמסאָמאָלצעס, נאָר, צום באַדויערן, אויך צווישן קאָמוניסטן.

„חבר באַלעיעוו פון נאָוואָזעבקאָוו (טשערניגאָווער גובערניע) שטעלט זיך אָפּ אויפ'ן וואוקס פונ'ם אַנטיסעמיטיזם אין דאָרף: „פילע, אפילו די פּאַרטיי־אַקטיוויסטן פון די דאָרפישע קעמערלאַך זאָגן, אַז אידן האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין אונזער לאַנד, אַז אידן האָבן פאַרפלייצט די פּאַרטיי, אַז אומעטום אין די קרייז־און גובער־ניאַלע קאָמיטעטן פון דער פּאַרטיי און אין די אויספּיר־קאָמיטעטן זיצן אידן".*)

אין פילע פאַבריקן, באַזונדערס אין דאָנעצער באַסיין אין די שאַכטעס האָבן די עקסצעסן געגן אידישע אַרבעטער אָנגענומען די שאַרפסטע און ווילדסטע פאָרמען.

די סאָוועט־רעגירונג האָט אויך אין דעם פּרט געהאַנדלט לויט'ן באַקאַנטן רעצעפּט פון לענינען: „צווינגען און איבערצייגן" („פּרי־נוזשדאַט אי אובעזשדאַט"). מען האָט עטליכע אַנטיסעמיטן גאָר שטריינג באַשטראָפט און דערמיט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף פילע, אָבער פּאַראַלעל אָרגאַניזירט אַ ברייטע אויפקלערונג־קאַמפּאַניע מיט דעמאָנסטראַציע־געריכטן געגן אַנטיסעמיטן, ווי געגן קאָנטר־רעוואָ־לוציאָנערן, ווי געגן אַגענטן פון דער בורזשואַזיע א. אַ. וו.

דער ענערגישער און אַנטשלאָסענער קאַמף פון די באָלשעוויקעס האָט, לײַדער, דעם אַנטיסעמיטיזם ניט פאַרניכטעט, נאָר פאַרטריבן פון דער אויבערפלאַך, אים געצוואונגען פאַרבייסן די ציין און וואַרטן אויף אַ גינציקן מאָמענט. לאָמיר האָפן, אַז ער וועט ניט דערלעבן אַזאַ מאָמענט. זייער ריכטיק האָט פאָרמולירט די לאַגע דער מחבר פונ'ם נאָר וואָס ציטירטן בוך — ער שרייבט:

*) מ. גאַרעוו, געגן אַנטיסעמיטיזם, (רוסיש), מאָסקווע, 1928, ז. 5.

„אין צייטן פון אונזערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע שוועריקייטן הויבט זיך די כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם. וואָס גרעסער די שוועריקייטן, אַלץ העכער די פּאָגראָם־כוואַליעס. דער אַנטיסעמיטיזם ציט זיין יניקה פון אונזערע שוועריקייטן" (דאָרטן, ז. 15). אַזוי ווי אָבער די שוועריקייטן פון באָלשעוויסטישן רעזשים האָבן נאָך עד־היום ניט אויפגעהערט און נאָך ביז איצט איז שווער צו באַקומען אַ פּאָר זאָקן אָדער אַ פּאָר הויזן, שוין אָפּגערעדט פון האָבן אַ באַזונדער צימער, איז דער באַדן פאַר אַנטיסעמיטיזם גענוג פעט. מעג דער רוס אָדער אוקראַינער צען מאָל שטיין אין דער רייע און ניט באַקומען קיין מין סחורה בא אַ קריסטליכן אָנגעשטעלטן פון אַ שטאַאַטליכן מאַגאַזין, וועט אים ניט איינפאַלן צו באַשולדיקן דעם דאָזיקן אָנגעשטעלטן אין דעם דוחק אין סחורות. טרעפט אָבער דאָס זעלבע מיט'ן אידישן אָנגעשטעלטן, איז שולדיק ניט די סאָוועטישע סיסטעם, נאָר דער קאָנקרעטער מענטש, דאָס הייסט דער איד. און ווייטער קומט שוין די פאַראַלגעמיינערונג, אַז אידן זיינען בכלל שולדיק אין דער גאַנצער סיסטעם.

מיר וועלן ברייגנען פון נאָר וואָס ציטירטן בוך נאָר אַ פּאָר אַנטיסעמיטישע פּאַקטן, פון וועלכע די האָר שטעלן זיך קאַפּויר. אויף אַ פאַבריק פון דער שטאָט סערעדאַ, איוואַנאָ־וואָזנעסענסקער ראַיאָן, איז אָנגעקומען אויף אַרבעט אַ אידיש בחור'ל מיט'ן נאָמען בייראַך. עלעקטראָ־טעכניקער האָבן זיך גענומען פּייניקן דאָס אידישע אינגל. מען האָט אים געשלאָגן מיט די הענט, מיט רימענס און נאָכדעם האָט מען אים אָנגעהויבן אויסטאָן נאַקעט און שלאָגן און בריען מיט שוועבלאָך דעם נאַקעטן קערפּער. האָט דער אינגל געשריען און די מערדער האָבן געקוואָלן און געלאַכט. מען האָט געוואָרפן אין זיין טיי שטיקלאָך פּאַפּיראָסן און אים געצוואונגן טרינקען דעם טיי. דעם 29־טן יאַנואַר, 1927, איז אין פאַבריק פאַרפאַלן געוואָרן צוויי שטיקלאָך צוקער. האָבן די מייסטערס ערקלערט, אַז דער „זשידיאָנאָק" האָט געוויס צוגע'גנבה'ט דעם צוקער. און אָט ווי די אָרטיקע צייטונג באַשרייבט דאָס ווייטער: „דעם 29טן יאַנואַר אַרום איינס באַטאָג האָבן די אַרבעטער דערהערט אַ ווילדן געשריי. אַזוי שרייען מענטשן, ווען זיי זעען שוין דעם טויט פאַר די אויגן. די אַרבעטער האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום אָרט פון געשריי. מען האָט געפונען דאָס אידישע אינגל אין קאָנוואָלסיעס, אָן באַוואוסטזיין שוין. קאַטשענדיק זיך פאַר געלעכטער, האָבן די מייסטערס

געטראָטן מיט די פיס בייראַכ'ן, וועמענס לייב איז געווען אינגאַנצן פאַרגאָסן מיט בלוט. מען האָט דאָס אינגל אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. דאָרטן האָט מען פעסטגעשטעלט אויף זיין לייב וואונדן, סימנים און אויסגעבריטע ערטער. די אונטערזוכונג האָט פעסטגעשטעלט די שולדיקע פון די דאָזיקע חיה'שע מעשים" (דאָרטן ז. 13). ליידער איז דער מחבר ניט מודיע, ווי די שולדיקע זיינען באַשטראָפט געוואָרן. ס'איז אָבער גאָר קיין ספק ניט, אַז זיי האָבן באַקומען דעם געהעריקן פּסק.

אָט איז אַ בילדל פון אַ מאָסקעווער שול אין 1926, גענומען פון זעלבן נאָר וואָס ציטירטן בוך, דערציילט פון אַ אידישן שילער: „אַז איך בין אָנגעקומען אין שול, האָט מען לכתחילה ניט דערקענט אין מיר אַ איד. זיינען די באַציאונגען געווען גוטע. מיט דער צייט האָט מען באַמערקט מיין ניט־רוסישן אַקצענט און מען האָט אָנגע־הויבן צושטיין מיט פראַגן, פון וואָסער אַ נאַציאָנאַליטעט איך בין. איך האָב געזאָגט, אַז איך בין אַ איד. פון דעמאָלט רופט מען מיך שוין ניט בא מיין פאַמיליע, נאָר אַבראַם, אַבראַשקאַ, אַבבאַזיאַ און ענליך. אַ לעקציע פון דייטש. די לערערין רופט מיך אויס ענטפערן. איך פרעג: אויף רוסיש אָדער דייטש? „פּאַ זשידאָווסקו", שרייט אויס אַ 18־יאָריקער בחור, וואָס איז געבליבן זיצן אויפ'ן צווייטן יאָר. דער גאַנצער קלאַס לאַכט הויך. די לערערין שמייכלט." (דאָרטן, ז. 11).

באַזונדערס הויך האָט זיך אַ הויב געטאָן די אַנטיסעמיטישע כוואַליע אין די יאָרן 1928 און 1929, ווען די לאַגע אין רוסלאַנד איז געוואָרן אומגעהויער שווער און די אומצופרידנקייט פון די מאַסן האָט געזוכט אַן אויסוועג, לכל הפּחות אַ שעיר לעזאזל. אין באָברויסק און אין סלוצק זיינען אַרבעטער אַרויס פון דער פאַבריק אויפ'ן גאַס און האָבן געשריען: „ביי זשידאָוו, ספּאַסאַי ראַסיאַ!" (שלאָג אידן, ראַטעווע רוסלאַנד!). ניט דער זאַוואַדקאָם (קאָמיטעט פון פאַבריק) און ניט דאָס פּאַרטיי־קעמערל פון פאַבריק האָבן ניט רעאַגירט אויף דער דאָזיקער פּאָגראָם־סצענע און זיינען דערפאַר ליקווידירט געוואָרן („קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" נומער 274 פון 25טן נאָוועמבער, 1928 און דאָס ציטירטע בוך, ז. 10). די זעלבע געשיכטע ווערט אין דער אידישער צייטונג „אָקטיאַבר", וועלכע גייט אַרויס אין מינסק, אַ סך ברייטער דערציילט און דאָרטן ווערט שוין אָנגעגעבן, אַז די דערמאָנטע אַרבעטער־קאָליגאַנעס האָבן אויך צע־שלאָגן עטליכע אידן. די ציטירטע „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ"

האָט אין אירע נומערן פון נאָוועמבער און דעצעמבער פון יאָר 1928 געבראַכט צענדליקע פאַקטן פון פייניקן און מוטשען אידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען אָנגעקומען אויף די פאַבריקן. דאָרטן ווערט אויך געבראַכט דער פאַקט וועגן זעלבסטמאָרד פון אידישן אינזשענער קאַצענעלסאָן אין סטאַלינגראַד (אַסטראַכאַן), וועלכער האָט ניט געקאָנט מער איבערטראָגן די רדיפות פון דירעקטאָר סקיפּניקאָוו („קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" נומער 282, פון 5־טן דעצעמבער, 1928). אין נומער 267 פון דער זעלבער צייטונג פון 17־טן נאָוועמבער, 1928, ווערט ווי אונטערגעפירט אַ שטיקל סך־הכל אין פאָלגנדע ווערטער:

„די בוואָליע פּראָטעסטן קעגן דעם שוואַרצ'מאה'דיקן אַנטיסעמיטיזם, וועלכע איז אויפגעהויבן געוואָרן נאָך דער מעשה בייראַך אין 1927, האָט אַבסאָלוט גאָר ניט אויסגעלערנט ניט די קאָמסאָמאָלצעס (יונגע קאָמוניסטן—י. ל.), ניט די פּאַרטיי־מיטגלידער און בכלל ניט די אַרבעטער פון אַלצעווסק און קאַדייעווקע (דאָנעצער ראַיאָן—י. ל.). אין די שאַכטעס און אין די פאַבריקן פון די דאָזיקע ראַיאָנען און בכלל אין גאַנצן דאָנעצער באַסיין ווערן הונדערטע בייראַכס געמוטשעט און געפייניגט פון שוואַרצ'מאה'דיקע כוליגאַנעס. די אינזשענערן, די בעגייסטערטער פון דער דאָזיקער אַרבעט זיינען ניט זעלטן קאָמסאָמאָלצעס און פּאַרטיי־מיטגלידער. די אַנטיסעמיטן שרייען אין איין קול, אַז מען זעט ניט קיין אידן ביים האַקן די קוילן און ניט ביים „סטאַנאָק". אַז דאָס איז אַ ליגן, קאָן מען זען אין גאַנצן דאָנבאַס (דאָנעצער באַסיין—י. ל.) אין די שאַכטעס אַרבעטן הונדערטע אידישע אַרבעטער אַלס העקער, שלאָסער, שוואַרץ־אַרבעטער. און זיי אַרבעטן אַזוי, אַז זיי קאָנען זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע. נאָר פון דעם ווערט ניט בעסער דער אידישער יוגנט. מען באַשולדיגט זיי אין כל עבירות אין דער וועלט און מען דערפירט זיי ביז זעלבסטמאָרד, אין בעסטן פאַל צווינגט מען זיי צו אַנטלויפן פון דער אַרבעט".

די קאַמפּאַניע, וואָס די סאָוועט־רעגירונג האָט געפירט אין יאָר 1929 געגן דעם אַנטיסעמיטיזם, און די גרויסע און האַרבע שטראָפן, וואָס די מאַכט האָט אַרויפגעלייגט אויף די שולדיקע, האָבן געוויס געגעבן געוויסע רעזולטאַטן. ניט אפשר אין זין פון אויסוואָרצלען דעם אַנטיסעמיטיזם, נאָר אין זין פון אים מאַכן מיט געוואַלט שווייגן.

די קאָמוניסטישע פּרעסע ברייננט זעלטן פאַקטן פון אנטיסעמי־טיזם. אָבער פון צייט צו צייט רייסט זיך דורך אַ ידיעה. אָט לייענען מיר אין „עמעס" פון 2־טן יולי, 1934, פאָלגנדיקע קאָרעספּאָנדענץ פון האָמל: „דעם 4־טן אַפּריל האָט אַ גרופּע מאַסע־אָנלאָדער זיך ארויפ־געוואָרפן אויפ'ן אידישן אָנלאָדער מינעוויטש און זיך איבער אים מערדעריך איזדעקעוועט. דעם 21טן יוני זיינען צוויי האַפן־ארבעטער באַפאַלן דעם ארבעטער ווילענסקי און אים אַריינגעגאָסן אין מויל מאַשין־אויל. אַנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען זיינען אויך געווען צווישן די שילער פון דער פאַבריק־שול. אין בעליצער שוועבעלאַך־פאַבריק איז די לעצטע טעג די ארבעטערין טימטשענקאַ באַפאַלן די אידישע אַרבעטערין פאַרבערזאוועע און זי געשלאָגן ביז זי, פאַרבערזאווע, איז געפאַלן כאַלאַשעס. דערביי האָט טימטשענקאַ געשריען: „אַלע אידן דאַרף מען דערטרינקען!"

און אָט אין אַ ציטאַטע פון „עמעס" פון 9־טן יולי, 1935: „די כוליגאַנעס קאַנאַראַוו, גירקאָוו און לוקיאַנאָוו האָבן זיך צונויפגערעדט אָפּטאָן אַ כוליגאַניש־אַנטיסעמיטיש שפּיצל דעם אידישן אַרבעטער אמעגוט. דערזען, אַז אינ'ם דעפּאָ־וואַגאָן (דאָרטן איז זייער צוזאַמענ־וואוינונג) זיינען קיין זייטיקע מענטשן ניטאָ, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אמעגוט, מיט געוואַלט אים אויסגעטאָן נאַקעט, באַגאָסן מיט וואַסער און ביכלאַל זיך איזדעקעוועט איבער אים. ווען ער האָט זיך געפּרובט ווערן פון די כוליגאַנעס האָבן זיי אים צעשלאָגן ביז בלוט".

דער געריכט האָט פאַר'משפּט איין כוליגאַן אויף 4 יאָר טורמע, אַ צווייטן אויף צוויי יאָר און דעם דריטן אויף אַ יאָר צוואַנג־ארבעט, ווייל „ער ווערט גע'משפּט צום ערשטן מאָל און האָט אויפריכטיק אָנערקענט זיין פאַרברעכן".

מיט דער בעסערונג פון דער לאַגע פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, אַרום 1935 און 1936, איז פּשוט געפאַלן די אַנטיסעמיטישע שטימונג. פאַר די לעצטע יאָרן טרעפט מען אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע זעלטן ידיעות וועגן אַנטיסעמיטישע פאַלן. צי איז טאַקע אַזוי שטיל אין דעם פּרט אָדער די פּרעסע פאַרשווייגט, איז שווער צו זאָגן. מעגליך, אַז די דערציאונג פון העכער 20 יאָר און דער פאַרבאָט פון יעדער אַנטי־אידישער אַגיטאַציע האָבן געהאַט אַ גוטע ווירקונג.

19

דער אידישער פראָלעטאַריאַט און די אידישע קולטור.

ווי באַציט זיך דער אידישער פראָלעטאַריאַט צו דער אידישער שפּראַך און צו דער אידישער קולטור אין סאָוועט-רוסלאַנד?

מיר ווען אויך דאָס מאָל לאָזן רעדן נאָר קאָמוניסטן — זאָלן זיי אַליין דערציילן, ווי די לאַגע מיט דער אידישער שפּראַך צווישן די אידישע פּראָלעטאַריער באַשטייט. נאָר איידער מיר גייען איבער צו די דאָזיקע מאַטעריאַלן, וועלן מיר ברענגען איין טאַבעלע, וועלכע וועט אונז ווייזן, צי אידישע אַרבעטער רעדן אידיש צי ניין. אין מאַי, 1926 איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ספּעציעלע ציילונג אין אוקראַינע צווישן די מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען וועגן דער פראַגע פון נאַציאָנאַליטעט און נאַציאָנאַלער שפּראַך און די מאַטעריאַלן זיינען ביז גאָר אינטערעסאַנט. פאָלגנדיקע טאַבעלע שטעלט פאָר די רעזולטאַטן פון 127,300 אידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט 12.8% פון אַלע געציילטע מיטגלידער.

דער פּראָצענט אידן און אידיש-רעדנדיקע אין די פּראָפ. פאַריינען פון אוקראַינע (1926) (*

נאָמען פון פאַראיין	פּראָצענט אידן לויט נאַציאָנאַליטעט	פּראָצ. אידיש רעדנדיקע	פון 100 אידן האָבן גערעדט אידיש (**
א) אינדוסטריע פאַראיינען			
1) נאָדל-אַרבעטער	73.4%	56.8%	77.6%
2) לעדער-אַרבעטער	48.6	35.9	73.9
3) דרוקער	30.4	23.5	60.0
4) האָלץ-אַרבעטער	29.7	21.3	71.7
5) שפּייזלער	28.6	21.2	71.6
6) פּאַפּיר-אַרבעטער	17.5	13.9	79.4
7) טעקסטילער	16.9	8.4	47.2

*) „שטערן", 12-טן אויגוסט, 1926.

**) די דאָזיקע רובריק איז פון מיר אויסגערעכנט אופ'ן סמך פון די ערשטע צוויי רובריקעס.

8) כעמיקער	14.1	9.5	67.4
9) בויער	9.3	7.7	78.6
10) צוקער־אַרבעטער	9.8	6.0	64.5
11) מעטאַליסטן	6.9	3.1	44.9
12) ערד־אַרבעטער	2.9	1.9	65.5
13) באַרג־אַרבעטער	0.9	0.2	40.0
צוזאַמען אין גרופע א...	12.0%	8.1%	67.5%

ב) טראַנספּאָרט־און פאַרבינד־פאַראיינען

1) אָרטיקער טראַנספּאָרט...	15.8%	11.5%	72.8%
2) וואַסער־טראַנספּ.	6.4	2.4	37.5
3) פּאָסט און טעלעגראַף...	2.5	1.4	64.0
4) באַן־אַרבעטער	0.7	0.4	57.2
צוזאַמען אין גרופע ב...	3.9%	2.6%	66.7%

ג) גייסטיקע אַרבעטער

1) קונסט־טוער	39.8%	17.4%	43.7%
2) מעדיצין־אַרבעטער	27.2	10.7	39.4
3) ראַטן־און האַנדל־אָנג...	22.9	11.9	52.0
4) בילדונג־טוער	12.2	6.1	50.0
צוזאַמען אין גרופע ג	21.4%	10.3%	48.1%

ד) פאַרשיידענע

1) קאָמונאַלעווירטשאַפט	15.5%	9.8%	63.2%
2) פאָלק קיכן	7.6	5.1	67.0
צוזאַמען אין גרופע ד	11.6%	7.5%	64.6%
אין אַלע פאַריינען צוזאַמען...	12.8%	7.5%	58.6%

פון 127,300 אידישע פּראָלעטאַריער (אַרבעטער און באַאַמטע און אָנגעשטעלטע) האָבן אָנגעגעבן, אַז זיי רעדן אידיש נאָר 74,597 אָדער העכער 58 פּראָצענט. מיר האָבן דאָ אָבער אַ געמיש פון מענטשן מיט העכערער בילדונג ביז די סאַמע נידעריקסטע און אָפּגע־שטאַנענסטע עלעמענטן. און מיר האָבן אַזאַ געמיש אויך אין יעדן פאַראיין, ווייל אין נאָדל־פאַך גייען אַריין ניט נאָר די אַרבעטער, נאָר אויך די באַאַמטע און אָנגעשטעלטע; און אין דער גרופּע מעדיצינישע טוער גייען אַריין אויך די פּשוט׳סטע אַרבעטער פון שפּיטאָל. מיר קאָנען אָבער זיך ניט העלפן, ווייל מיר האָבן דאָך גרייטע ציפער, אי דאָס נאָר רעלאַטיווע. נאָר די אַלגעמיינע צאָל אידישע אַרבעטער איז אָנגעגעבן. אָבער דאָך זעען מיר אַ גרויסן חילוק צווישן באַזונדערע גרופּעס פאַראיינען און אין די ראַמען פון יעדער גרופּע צווישן איינצעלנע פאַראיינען. אין אַלגעמיינעם באַ־קומט זיך אַזאַ בילד: וואָס גרעסער דער פּראָצ. געבילדעטע אין אַ פאַראיין, אַלץ קלענער די צאָל אידיש־רייידנדיקע. דעם העכסטן פּראָצ. אידיש־רייידנדיקע גיבן די בעקער, די בויער און די שניידער; דעם קלענסטן — די קינסטלער און מעדיצינער. אין די ראַמען פון די אינדוסטריע־פאַראיינען גיבן דעם קלענסטן פּראָצענט אידיש־רעדנדיקע די מעטאַליסטן און די באַרג־אַרבעטער.

די פאָלק־ציילונג אין אוקראַינע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין זעלבן יאָר, האָט אָנגעגעבן פאַר דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג אין אוקראַינע העכער 72 פּראָצענט אידיש־רעדנדיקע. די אידישע פּראָלעטאַריער האָבן אָנגעגעבן נאָר 58 פּראָצענט — דאָס באַווייזט נאָך ניט, אַז צווישן די אידישע פּראָלעטאַריער זיינען טאַקע פאַראַן ווייניקער אידיש־רעדנדיקע. דאָס באַווייזט גיכער די שטימונג, די באַציאונג און דאָס איז אויך וויכטיק. חוץ דעם האָבן דאָך די אינדוסטריע־פאַראיינען געגעבן ‎67.5%‎ אידיש־רעדנדיקע.

די נאָר וואָס געבראַכטע דאַטן זיינען געוויס שוין פאַרעלטערט, אָבער קיין פרישערע זיינען ניט בנמצא און בדליכא מוז מען נעמען וואָס ס׳איז דאָ.

איצט לאָמיר זען, ווי די באַציאונג צו דער אידישער שפּראַך קומט צום אויסדרוק אין לעבן.

דער אידישער אַרבעטער אין סאָוועט־רוסלאַנד, דער איין און איינציקער טרעגער פון דער אידישער קולטור, האָט אַרויסגעוויזן גאָר ווייניק באַגייסטערונג פאַר דער אידישער שפּראַך. דער פּראַק־

טישער מאַטיוו, וואָס די קאָמוניסטן גיבן אָן, האָט געהאַט אַ פּאַרקער־טע ווירקונג און האָט געטריבן צו רוסיש און אפילו צו אוקראַיניש און ווייס־רוסיש. דער מאַטיוו איז געווען, אַז די מאַסן פאַרשטייען ניט קיין רוסיש אָדער אוקראַיניש און לכן און נאָר דערפאַר דאַרף מען לייענען אידישע צייטונגען, דאַרף מען פירן די פּראָפעסיאָנעלע און קולטורעלע אַרבעט אין דער אידישער שפּראַך. אין דעם דאָזיקן מאָטיוו האָט דער אידישער אַרבעטער דערפילט אַ מין באַליידיגונג, אַן אַטעסטאַט אויף עם־הארצות און האָט פון לכתחילה אָן אָנגענו־מען ניט נאָר אַ פּאַסיווע, נאָר אַן אַקטיוו־פייַנטליכע שטעלונג צו דער אידישער שפּראַך. מען האָט אַפּעלירט צו די באַשלוסן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי; מען האָט געדראָט באַשטראָפן פאַר עובר זיין אויף די גרונט־פּרינציפּן פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, אָבער ס'האָט גאָר ניט געהאָלפן. צי מען קאָן צי מען קאָן ניט, מען רעדט רוסיש און מען לייענט רוסיש; אין ערגסטן פאַל אוקראַיניש אָדער אפילו ווייס־רוסיש.

אין „שטערן" פון 26טן נאָוועמבער, 1925, געפינען מיר פאָל־גענדיקן זייער כאַראַקטעריסטישן אַרטיקל:

„דער טעמפּ פון אידישיזירן די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייאישע קעמערלאַך מיט אַן איבערוויגנדיקער מערהייט אידן איז נאָך ביז איצט זייער שוואַך און שטייט אָפּ פון דער אַקטיוויטעט און באַדערפעניש פון די אידישע אַרבעטער מאַסן. דאָס דערקלערט זיך מיט קאָנסערוואַטיזם און ביוראָקראַטיזם, וואָס איז נאָך ניט אומעטום אויסגעלעבט בּאַ געוויסע גרופּן פּאַרטייאישע און פּראָפעסיאָ־נעלע טוער, ווי אויך מיט די פאַרבליבענע פּאַראורטיילן קעגן דער אַרבעט אויף אידיש בּאַ די אָפּגעשטאַנענע טיילן פון אידישן אַרבעטער־קלאַס.

„און דאָ שטעלן די אַרטיקע כאַווירים די פראַגע, אויף וועלכן אופן דורכפירן די אידישיזירונג: דורך באַהאַנדלען די פראַגע אויף אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע און פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען אָדער אָפּטאָן די אַרבעט פון אויבן אַראָפּ, ניט רעכענענדיק זיך מיט דעם ווילן און שטימונג פון די אידישע אַרבעטער". (אייטאַליקס פון מיר—י. ל.).

שוין נאָר דאָס שטעלן די פראַגע וועגן צווינגען די אידישע אַרבעטער זיך באַנוצן מיט דער אידישער שפּראַך אין זייערע פּראָפעס־יאָנעלע און פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס איז זייער אינטערעסאַנט און סימפּטאָמאַטיש. פאַר אונז איז גאָר ניט וויכטיג וואָס מען האָט

באַשלאָסן. טויזנט מאָל וויכטיקער איז פאַר אונז צו וויסן, ווי איז נעגאַנגען ווייטער די אַנטוויקלונג. אויף דערויף גיט אונז אַ שטיקל תירוץ פאָלגנדיקע נאָטיץ אין זעלבן „שטערן" פון 28טן סעפּטעמבער, 1926, לכן שפּעטער כמעט מיט אַ יאָר. דאָרטן שטייט געשריבן:

„ביז איצט ווען מיר פלעגן קומען מיט טענות צו אונזערע חברים פּראָפטוער, הלמאי זיי פאַסן ניט צו די אַרבעט פון די פּראָפאַראיינען צו באַדינען די מאַסן אידישע מיטגלידער און, פאַרקערט, זיי שטערן נאָך אָפט צו פירן אַזאַ מין אַרבעט, — איז אַלעמאָל זייער תירוץ געווען: די מאַסן ריידן ניט קיין אידיש, די מאַסן ווילן ניט, די אויסגעוויילטע מיטגלידער פון פאַבקאָמען (פאַבריק־קאָמיטעטן) און פאַרוואַלטונגען באַזיצן אַליין ניט די אידישע שפּראַך."

דער מחבר פון דער דאָזיקער נאָטיץ דערמאָנט די דאַטן פון דער אויספאָרשונג, וואָס מיר האָבן אויבן געבראַכט און וועלכע באַווייזן, אַז אַ גאָר גרויסער פּראָצענט אידישע אַרבעטער ריידן אידיש, און ער שרייבט ווייטער:

„לויט די ווייטערדיקע ידיעות ווערט באַזונדערס שאַרף דאָס בילד פון דעם, ווי שוואַך און שלעכט די מאַסע אידישע מיטגלידער ווערט באַדינט אין זייער שפּראַך. פון 1696 פּראָפקעמערלאַך (פאַבריק־קאָמיטעטן) מיט אַ באַדייטנדיקער מערהייט אידישע מיטגלידער איז נאָר אין 57 קעמערלאַך (העכער 3 פּראָצענט) די געשעפט־פירונג איבערגעפירט אויף אידיש. אין די 57 קעמערלאַך געפינען זיך נאָר 2,400 מיטגלידער, ד. ה., אַז נאָר צו 2 פּראָצענט פון די אידישע מיטגלידער האָט דער פּראַפּראַט באַוויזן זיך צוצופּאַסן".

ווייטער ווערט אין דער נאָטיץ נאָך אַמאָל, ווי צוריק מיט אַ יאָר, געפאָדערט, אַז מען זאָל וואָס גיכער אידישיזירן די פּראָפאַרבעט. אָבער אין „עמעס" פון 14טן נאָוועמבער, 1929, שפּעטער אַלזאָ מיט 3 יאָר, געפינען מיר אַ גרויס אַרטיקל מיט פאָלגנדיקן אינטערעסאַנטן קאָפּ: „אַן־אַלטע פראַגע, וואָס בלייבט שטענדיק ניי" און אַ אונטערקאָפּ: (וועגן דער אַרבעט צווישן די אידישע פאַבריק־אַרבעטער). דאָס איז איין גרויסער ווי געשריי אויף דער טרויעריקער לאַגע. צרות און צרות:

„צי איז שוין געווען אַמאָל אַ פאַל, אַז אַ סעקרעטאַר פון אַ קעמערל זאָל צונעצויגן ווערן צו פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר פאַרנאַכלעסיקן די אידאַרבעט? מיר האָבן דאָך פאַבריקן מיט מער פון 90 פּראָצענט אידישע אַרבעטער און די אידאַרבעט ווערט דאָרטן

ניט געפירט אפילו צווישן צען פּראָצענט. די זעלבע לאַגע איז אין די זאַווקאָמען. צענדליקער באַשלוסן זיינען פאַראַן פון פּראָפעסיאָנעלע צוזאַמענפאָרן וועגן באַדינען די נאַצמינדן אין די אונטערנעמונגען און קלובן, אָבער די באַשלוסן בלייבן באַשלוסן און די אַרבעט רוקט זיך ניט פאָראויס" (איטאַליקס פון מיר — י ל.).

דער אַרטיקל־שרייבער דערציילט, אַז „אידישע אַרבעטער ווילן עפּעס זאָגן, נאָר זיי שעמען זיך צו ריידן אידיש" (איטאַליקס פון מיר—י. ל.). דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש: די שקלאַפן־פּסי־כאָלאָגיע פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט איז געבליבן אויפ'ן צוועלפטן יאָר פון דער רעוואָלוציע! אָבער ווער איז שולדיק אין דעם? ווי־באַלד ס'גייט נאָר אין פאַרשטיין רוסיש, איז כדאי זיך אָפּהאַלטן אַ פּאָר יאָר פון אַרויסרעטונגען ביז מען וועט זיך אויסלערנען. די געבילדעטע, די העכער שטייענדיקע, די מער וויסנדיקע ריידן דאָך רוסיש, אוקראַיִניש אָדער ווייס־רוסיש, די שפּראַך פון דער מערהייט— וועט מען זיך צולערנען און סוף כל סוף אויסלערנען און אויך געהערן צו די געבילדעטע.

די אַרבעט רירט זיך ניט פון אָרט! אין „עמעס" פון 21־טן נאָוועמבער, 1930, געפינען מיר אַ לייט־אַרטיקל, אין וועלכן מען שרייבט מיט גרויס כעס: „די פּראָפאַראיינען וועלן זיך ענדליך מוזן אָפּזאָגן אין דער פראַגע וועגן אידאַרבעט פון זייער טראַדיציאָנעלן, פאַרשימעלטן קאָנסערוואַטיזם". דער אַרטיקל קאָנסטאַטירט, אַז די אידישע אַרבעט אויף די פאַבריקן און בכלל צווישן די אידישע אַר־בעטער איז „דאָס שוואַכסטע אָרט אין דער אידאַרבעט" און אַז אין אַ סך ערטער האָט מען דאָס אָפּשאַפן די נאַצסעקציעס (נאַציאָנאַלע סעקציעס בא די רעפּובליקאַנישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען—י. ל.) „אויסגעטייטשט ווי אַ מין אָפּשאַפן די נאַצמינדאַרבעט (די נאַציאָנאַלע אַרבעט צווישן די מינדערהייטן) בכלל".

אין 1930 איז ליקווידירט געוואָרן די אינסטיטוציע פון נאַציאָ־נאַלע סעקציעס בא די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון איינצעלנע רע־פּובליקן און מען האָט געשלאָסן די אידישע סעקציע. אין אַ סך ערטער האָט מען עס אויפגענומען ממש מיט פרייד, ווי אַ מין מאַני־פעסט, אַז מען וועט ענדליך פּטור ווערן פון אַרבעט אין דער אידישער שפּראַך, וועלכע ווערט מיט געוואַלט אַרויפגעצוואונגען פון אַ גרופּ־קעלע אידישע קאָמוניסטן.

אין „עמעס" פון 22טן אָקטאָבער, 1930, געפינען מיר פאָלגענ־
דיקע קאָרעספּאָנדענץ:

„די אידאַרבעט ווערט אין אַ רייע שטעט און שטעטלאַך אָפּגע־
שוואַכט און מיר שטייען פאַר אַ געפאַר פון ליקווידירן זי אינגאַנצן
אין אייניקע פּונקטן. אַלס ביישפּיל קאָן דינען נאָוואָזיבקאָוו. ביז'ן
רעאָרגאַניזירן דעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט האָט זיך דאָ געפירט אַ סיסטע־
מאַטישע פּאַרטייאישע אידאַרבעט. וואָס קומט פאַר איצט? מיט דער
אידאַרבעט אינטערעסירט זיך קיינער ניט".

דער קאָרעספּאָנדענט ברייננגט אַ גאַנץ צעטל פאַקטן, וואָס באַ־
ווייזן, אַז ניט צווישן די אַרבעטער, און ניט צווישן די קוסטאַרן, און
ניט צווישן די קאָלווירטן ווערט ניט געפירט קיין אַרבעט אין אידיש
און ער ענדיקט:

„די אידאַרבעט איז אין מערב־געגנט אין אַ געפערליכער לאַגע.
קיין אידטוער איז ניטאָ. די פּאַרטיי־סעקרעטאַרן פילן ניט אויס די
דירעקטיוון פון צענטראַל־קאָמיטעט וועגן דער נאַצאַרבעט. די איד־
אַרבעט איז ענליך צו אַ שטיף־קינד, מיט וועלכן מען וויל זיך ניט
אינטערעסירן".

וועגן דער זעלבער שטאָט נאָוואָזיבקאָוו געפינען מיר שפּעטער
מיט גאַנצע 4 יאָר ווידער אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „עמעס" (28־טן יוני,
1934). און די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ איז ערשט אַ באַווייז, ווי
טיף מען קאָן באַגראָבן נאַציאָנאַלע אַרבעט, ווען מען וואַרפט זי
אַראָפּ אויף דער טרעפּ פון אויסשליסלאַכער פּראַקטישקייט, און ווי
גלויבן און באַגייסטערונג שאַפן העלדן, אמת טרויעריקע העלדן, אָבער
פאָרט העלדן, ווייל זיך איינשטעלן אין אַ סאָוועטישער שטאָט אויף
דערויף, וואָס ס'ווערט דערציילט אין דער קאָרעספּאָנדענץ, דאַרף
מען זיין גרייט ליידן פאַר'ן גלויבן. נאָר לאָמיר לאָזן דעם קאָרעס־
פּאָנדענט אַליין דערציילן די זייער אינטערעסאַנטע געשיכטע.

דער קאָרעספּאָנדענט דערציילט צוערשט, אַז נאָוואָזיבקאָוו האָט
אַ „גרויסע קאָמפּאַקטע אידישע באַפעלקערונג"; אַז „ס'האָט זיך
אין נאָוואָזיבקאָוו געפירט אַ ברייטע קולטור־מאַסאָווע אידישע אַר־
בעט". אָבער נאָכדעם איז „צו דעם אַלעמען געקומען אַ סוף".
„דער קלוב איז שוין לאַנג אויפ'ן שלאָס און איז פאַקטיש ליקווי־
דירט. ביז 1,000 נייע גוטע ביכער ליגן צוואָרפן אין די שאַפעס;
קיין אידישע ביכער און צייטונגען לייענט מען ניט". ווייטער מוזן

מיר שוין ברענגען די ציטאַטע אינגאַנצן, ווייל זי איז קאָלאָסאַל אינטערעסאַנט, אפילו פּיקאַנט:

„דערפאַר אַרבעטן זייער ענערגיש אין נאַוואָזיבקאָוו די קלעריקאַלן. דער בית־המדרש געפינט זיך פּונקט אַנטקעגן דעם פּאַרמאַכטן און פאַרלאָזטן קלוב. ער איז דאַווקע שטענדיק פול מיט מענטשן; דאָרטן איז אפילו פאַראַן אויך אַ גרופּע יונגע חברה, וואָס לערנט געשמאַק מישניות" (אייטאַליקס אין „עמעס").

ווייטער דערציילט דער קאָרעספּאָנדענט, אַז דער בית־המדרש איז די טעג אָפּגעברענט געוואָרן און די „קלעריקאַלן" האָבן אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז די קאָמוניסטן האָבן אונטערגעצונדן די שול. מיט גרויס גרימצאָרן דערציילט ער ווייטער, אַז „מען האָט געצוואונגען די אידישע אָפּגעשטאַנענע האַרעפּאַשניקעס צו גיין אין פייער און ראַטעווען די ספרי תורות. די קלעריקאַלן, מערסטנטיילס געוועזענע גרויסע סוחרים, נעפּליט, האָבן אויסגענוצט די שריפה און גענומען פירן אַ פינסטערע אַגיטאַציע. מען האָט באַשטימט אויפ'ן 10־טן יוני אַן אַלגעמיינעם שטאָטישן תענית. די „שיינע אידן" זיינען גע־גאַנגען פון שטוב צו שטוב און געהאַלטן דרשות וועגן נייעם „חורבן בית המקדש". דעם 10-טן יוני איז באַשטימט געוואָרן די לויה פון די פאַרברענטע ספרי תורות. צו דער לויה האָט מען אַראָפּגעבראַכט פון ווייס־רוסלאַנד רבנים, וועלכע האָבן געזאָגט הספדים".

ס'איז זיך גרינג פאָרצושטעלן, אַז ניט די יונגע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געזעצט אויפ'ן 16־טן יאָר נאָך דער רעוואָלוציע לערנען געשמאַק משניות, און ניט די עלטערע אידן, וועלכע האָבן געפּראַוועט תעניתים און לויות פאַר ספרי תורות, האָבן שוין ניט געלעקט קיין האָניק. אָבער מען איז, ווייזט אויס, גרייט געווען צו ליידן און צו ברענגען קרבנות. און ווי סימבאָליש דאָס בילד איז: אַנטקעגן דעם פאַרמאַכטן קלוב דער געפּאַקטער בית המדרש! אויפ'ן 16־טן יאָר נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע!

פאַר מיר ליגט אַ באַרג מיט אויסשניטן פון דער קאָמוניסטישער פּרעסע, וועלכע באַהאַנדלען אַלע די דאָזיקע ביטערע און טראַגישע טעמע: אַ קליינע קאָמוניסטישע מינדערהייט, וועלכע קאָן בשום אופן זיך ניט אָפּזאָגן פון דער נאַציאָנאַלער ירושה, כאָטש זי איז זיך אין דעם ניט מודה, ווייל אָנהענגען די אידישע שפּראַך די אידישע אַרבעטער און די אַרבעטער אינסטיטוציעס. זיי ווילן אויסנוצן די פּרינציפּן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — גלייכבאַרעכטיקונג פון

אַלע פעלקער און שפּראַכן. זיי ווילן אויסנוצן די פינאַנציעלע מעג־לאַכקייטן, וועלכע זיינען אין סאָוועטישן לאַנד ווירקליך געגעבן אין דער פולער מאָס. אָבער זיי שטויסן זיך אָן אין אַן אייזערנער וואַנט. דער אידישער אַרבעטער, דערשמעקט דעם ריח פון עמאַנסיפּאַציע, רייסט זיך ניט נאָר פון פיזישן געטאָ, נאָר אויך פון גייסטיקן, ווייל מינדערהייט־קולטור, ווען אָרום שלאָגן כוואַליעס פון אַ רייכערער, פּאָרביקערער, ברייטערער קולטור, מוז בלייבן געטאָ־קולטור, ד. ה., אָרימער, באַשיידענער, פּערספּעקטיוו־באַגרעניצטער. די שאַנסן צו שטייגן, צו דערגרייכן די העכסטע טרעפּ פון געזעלשאַפטלאַכן לייטער, זיינען אינ׳ם פרעמדן אָרום דאָך טויזנט מאָל גרעסער און דעריבער צוציענדיקער און פּאַרכאַפּנדיקער. דערווייל איז נאָך ניטאָ קיין איין עקספּערימענט פון האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן פון צוויי קולטורן מיט דעם זעלבן דערפאָלג פאַר ביידע: ניט נאָר לייענען אין צוויי שפּראַכן, נאָר לעבן אין צוויי קולטורן, לעבן און שאַפן און זיין באַפרידיקט אין אַלע פּרטים, דער עיקר אין פּרט פון זיך אַנטפּלעקן אין דער פולער מאָס און נעמען ביים לעבן אַלץ, וואָס עס קאָן נאָר געבן. בפרט נאָך ווען ס׳גייט די רייד וועגן אַ מאַסע, וועלכע האָט דאָס ערשטע מאָל באַקומען די מעגלאַכקייט צו געניסן פון אמת׳ער גלייכבאַרעכטיקונג אויף אַלע געביטן און אויף אַלע טרעפּ פון געזעלשאַפטלאַכן לייטער.

און צוליב וואָס? די קאָמוניסטן האָבן מורא געהאַט צו זאָגן, אַז זיי ווילט זיך איינהאַלטן דעם קיום פון דער אידישער שפּראַך צוליבן קיום פון אידישן פאָלק. זיי דאַרפן דאָך די אידישע שפּראַך נאָר כדי דער אַרבעטער זאָל גיכער און בעסער פאַרשטיין דעם קאָמוניזם — נו, וועלן שוין די אידישע אַרבעטער דערווייזן, אַז דאָס איז גאָר נים אַזאַ שווערע מלאכה און מען קאָן זיך גיך אויסלערנען די רוסישע אָדער אוקראַאינישע שפּראַך און ניט נאָר בעסער פאַרשטיין דעם קאָמוניזם, נאָר נאָך באַקומען אַ סך אַ ברייטער פעלד פון טעטיקייט, פון אָפּגעבן ענערגיע און דורך דעם פאַרטאָפּעלען די אייגענע, פון אויסנוצן די אייגענע פייאיקייטן און דינען בעסער דעם קאָמוניס־טישאַן פאָטערלאַנד.

אין „עמעס" פון 3־טן אויגוסט, 1935, שרייבט איינער פון די פריער דערמאָנטע קאָמוניסטן, וואָס ווילן אומבאַדינגט אידיש און האָבן מורא זאָגן צוליב וואָס זיי דאַרפן עס:

„די אָנפירער פון די פאַבריק קאָמיטעטן, וועלנדיק פאַרשמירן זייער אומעטיקייט, דערקלערן, אַז די אַרבעטער פון די נאַציאָנאַלער־

הייטן שרייבן אויס און לייענען ציטונגען אויף רוסיש און ווייס־רוסיש. איז ווען דאָס וואָלט געווען אמת, וואָלט דאָס געווען ניט שלעכט" (אייטאַליקס פון מיר—י. ל.).

דאָס איז געשריבן פון מינסק און וועגן מינסק, און אין דער זעלבער קאָרעספּאָנדענץ ווערן טאַקע געבראַכט דאַטן, וועלכע באַווייזן אויף אַלע הונדערט פּראָצענט, אַז אידישע אַרבעטער לייענען ציטונגען און ביכער ניט אין אידיש, נאָר אין אַנדערע שפּראַכן. דער קאָרעספּאָנדענט ברענגט, אַז אויף דער מינסקער פאַבריק „וואָראָשילאָוו" זיינען פאַראַן 311 אידישע אַרבעטער, אָבער אידישע ציי־טונגען ווערן אויסגעשריבן נאָר 6 (זעקס !). ווער זשע וועט גלויבן, אַז פון 311 אידישע אַרבעטער לייענען ציטונגען נאָר 6 ? ס'לייענען ציטונגען מינימום 150, מסתמא נאָך מער, נאָר מען לייענט דעם אָריגינאַל — די רוסישע אָדער ווייס־רוסישע ציטונג און ניט די אידישע איבערזעצונג. ווייל די אידישע ציטונג אין סאָוועט־רוסלאַנד איז ניט מער ווי אַן איבערזעצונג און דערצו נאָך אַ שלעכטע. אין דער זעלבער קאָרעספּאָנדענץ ווערט אָנגעגעבן, אַז פון די 311 אידישע אַרבעטער נעמען אידישע ביכער פון דער ביבליאָטעק קוים 12 (צוועלף !). איז ווידער דאָס אייגענע — מען לייענט ביכער, נאָר אין פרעמדע שפּראַכן.

לײדער, קאָנען מיר ניט אין וויפיל ס'ניט איז פולער מאָס אויס־נוצן דעם גאַנצן פאַראַנענעם מאַטעריאַל, באַטש ער שטעלט פאָר מיט זיך אַ קאָלאָסאַלן אינטערעס. מיר וועלן מוזן זיך באַגניגענען מיט קליינע ציטאַטן וועגן עטלאַכע שטעט נאָר.

אין „עמעס" פון 3־טן אויגוסט, 1935, ווערט דערציילט פון מינסק : „דער קלוב האָט אַ גוטע ביבליאָטעק מיט 23,872 ביכער ; פון זיי אידישע 6,775. אידישע לייענער זיינען פאַראַן 310. אידיש־לײענער 122". אַלזאָ נאָר בערך 40 פּראָצענט פון אידישע לייענער האָבן אין 1935 געלייענט אידיש.

אין „אָקטיאַבער" פון 22־טן דעצעמבער, 1932, ווערט דער־ציילט : „אויף דער מינסקער ניי־פאַבריק „קרופּסקאַיאַ" זיינען פאַראַן 280 אידישע אַרבעטער פון 750. מען שרייבט אויס אויף דער פאַבריק 480 ציטונגען, אָבער נאָר 2 (צוויי !) „אָקטיאַבערס".

אין „שטערן" פון 31־טן יוני, 1931, שרייבט מען פון בערסאַן, אַז דאָרטן זיינען פאַראַן 25 טויזנט אידן, וועלכע מאַכן אויס העכער 30 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, אָבער „ניט דער אַפּאַראַט פונ'ם

שטאָט־ראַט, ניט די מיליציע, ניט דער גערינכט און ניט אַנדערע אַנשטאַלטן האָבן זיך ניט צוגעפּאַסט צום באַדינען די אידיש־ריידנ־דיקע באַפעלקערונג אין דער מוטער־שפּראַך. אין דער פינאַנץ־סעקציע זיינען פאַראַן אַ פּאָר כאַווירים, וועלכע קאָנען אידיש, אָבער דער פאַרוואַלטער זאָגט, אַז „בכלל זיינען ניט פאַראַן קיין מעלדונגען אויף אידיש" און אַז „אַלע פאַרשטייען דאָ רוסיש". אינ'ם געדרוקטן באַריכט פונ'ם שטאָט־ראַט איז אפילו קיין איין וואָרט ניט פאַראַן וועגן דער נאַצמינד־אַרבעט.

„נאָך פיל ערגער, ווי אין שטאָט־ראַט איז די נאַצמינדאַרבעט אַוועקגעשטעלט אין די גרויסע און קליינע אונטערנעמונגען. אויפ'ן זאַוואָד „פּעטראָוסקי" אַרבעטן העכער 1,500 אידישע אַרבעטער פון 4,500. אין אייניקע צעכן מאַכן אויס די אידישע אַרבעטער אפילו אַ מערהייט, אָבער קיין שום אידאַרבעט ווערט דאָרט ניט געפירט. דאָס זעלבע בילד האָבן מיר אין דער שניידער־פאַבריק (מיט אַן ערך 300 אַרבעטער) און אין דער שיך־פאַבריק. איר וועט דאָ ניט געפינען קיין סימן פון אַרבעט אין אידיש, ניט קיין קרייזן, ניט קיין וואַנט צייטונג, כאָטש די מערהייט רעדט אידיש. דער טיראַזש פון דער אידישער פּרעסע איז געפאַלן. כערסאָן שרייבט אויס 40-45 טויזנט עקזעמפּליאַרן צייטונגען און זשורנאַלן, אָבער נאָר 41 עקזעמפּליאַרן „שטערן" און 24 „עמעסן". אַ סטודענט האָט זיך געווענדעט אין אידישן סעקטאָר פון טעכניקום מיט אַ אידישער מעלדונג, האָט אים ז'ער פאַרוואַלטער געהייסן אָנשרייבן אויף רוסיש".

אָט דאָס נאָר וואָס געבראַכטע בילד איז טיפּיש אַבסאָלוט פאַר אַלע שטעט פון סאָוועט־רוסלאַנד. נאָר כערסאָן איז אַ שטאָט פון דרום־רוסלאַנד, וואו די אידישע באַפעלקערונג האָט תמיד גערעדט מער רוסיש ווי אידיש און האָט געצויגן צו אַסימילאַציע. אָט האָבן מיר אַ אמת אידישע שטאָט מיט אידישע טראַדיציעס און אידישער ירושה פון אָרטאָדאָקסישן כאַראַקטער און פון אידיש־סאָציאַליסטישן תוך. לאָמיר לאָזן דעם „עמעס" דערציילן, ווי אין האָמל ווירקן די טראַדיציעס:

„האָמל איז אַ שטאָט מיט אַ גרויסער אידישער באַפעלקערונג. אידישע אַרבעטער געפינען זיך אין אַלע אונטערנעמונגען, אין אַ סך פון זיי גאָר אַ גרויסער פּראָצענט (אין וואַגאָן־זאַוואָד און אַנדערע 5-6 הונדערט אידן). אין דער לייכטער אינדוסטריע מאַכן אידן אויס אַ גרויסע מערהייט (70-80 פּראָצענט). די גרונט־שפּראַך פון די

האַמלער אידישע אַרבעטער איז דורכאויס אידיש. און דאָך איז דאָ די אידאַרבעט איננאַנצן אָפּגעשטאַנען. זעלטן ווען מען באַנוצט זיך, אין אַ אויסנאַם, מיט אַ אידיש וואָרט אין געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט. שוין אָפּגערעדט פון פירן די גרונט־אַרבעט אין אידיש אין אַזעלכע אונטערנעמונגען, ווי „קאָמאַינטערן" און „טרוד", וואָס ציילן ביז 90 פּראָצענט אידן.

„ווי געזאָגט, ריידן כמעט אַלע אידישע אַרבעטער צווישן זיך נאָר אידיש, אָבער די נעגאַטיווע באַציאונג צו אידיש מצד די אונטערשטע אָרגאַניזאַציעס האָט געבראַכט דערצו, אַז אויף פאַרזאַמלונגען הויבט מען אָן גלייך רעדן אויף אַ מאָדנע־משונה שפּראַך — אַ געמיש פון שלעכטן רוסיש מיט צעקאַליטשעטן ווייס־רוסיש לויט'ן סינטאַקס פון אידיש" („עמעס" פון 24־טן אָקטאָבער, 1931, איטאַליקס פון מיר — י. ל.).

דאָ האָבן מיר שוין אַ בילד ניט פון קיין דרום־רוסישער שטאָט מיט אַסימילאַציע־טראַדיציעס, נאָר דוקא פון אַ ווייס־רוסישער שטאָט מיט טיפע אידישע טראַדיציעס און מיט אידיש אַלס די רייד־שפּראַך פון דער אידישער מאַסע. אין דער זעלבער קאָרעספּאָנדענץ ווערט ווייטער דערציילט, אַז אין אידישן קינדער־גאָרטן ווערט געלערנט אויף רוסיש. און אויף דער פראַגע באַ דער לערערקע, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, האָט זי געענטפערט: „פון קליינע קינדער אויך מאַכן אַ וועזן?" און ווייטער ווערט געקלאָגט, אַז דער טיראַזש פון דער אידישער פרעסע פאַלט און אין ביבליאָטעק זיינען ניטאָ קיין אידיש־לייענער און ס'ווערט פאַרענדיגט מיט פאָלגנדן פעטן שריפט: „אין האָמל דאַרף מען ערנסט אָנהויבן באַדינען די אידישע אַרבעטער אין זייער מוטער שפּראַך." אָנהויבן אויפ'ן 14־טן יאָר פון דער רעוואָלוציע! לאָמיר איבערשפּרינגען 3 יאָר און נעמען דעם „עמעס" פון 27־טן יולי, 1934. דאָרטן ווערט ווידער געקלאָגט איבער האָמל. און ס'ווערט דערציילט, אַז אויף דער פאַבריק „האמלמאש" זיינען פאַראַן 550 אידישע אַרבעטער, אָבער „די גאַנצע מאַסן־אַרבעט ווערט נעפירט אין רוסיש, פון צייט צו צייט אויך אויף ווייס־רוסיש"; „ס'זיינען אויסגעשריבן געוואָרן 24 עקזעמפּליאַרן פון אידישע צייטונגען („עמעס" און „אָקטיאבר"); פון דעם האָבן 16 אויסגעשריבן די צעכאָווע רויטע ווינקלען און 8 אַרבעטער." ס'ווערט אויך דערציילט, אַז די פאַבריק־ביבליאָטעק האָט 4,000 ביכער, אָבער נאָר 50 אידישע.

ווענן האָמל זיינען געווען אין „עמעס" און אין „אָקטיאַבר" צענדליקע אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדעציעס, אין וועלכע מען האָט געמאָנט און געפאָדערט אידיש, אָבער ס'האָט גאָר ניט געהאָלפן.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „עמעס" פון קרעמענטשוג, וואו ס'ווערט דערציילט, אַז אין שטאָט זיינען פאַראַן ביז 6,000 אידישע אַרבעטער, אין אַ סך פאַבריקן מאַכן אידן אויס 90 און 95 פּראָצענט, אָבער וועגן קולטור־אַרבעט אין אידיש וויל מען אפילו ניט הערן. און „ווען אויף אַ פּלענום פון שטאָט־ראַט האָט זיך שוין איינער איינגעשטעלט אַרויסצוטרעטן אויף אידיש האָט מען אונטערשטרייכט, אַז דאָס איז שאָוויניזם און נאַרישקייטן, און מער וועט מען שוין אויף אידיש ניט אַרויסטרעטן. אויף אַן אומפּאַרטייאישער יוגנט־קאָנפערענץ, ווען ס'איז איינער אַרויסגע־טראָטן אויף אידיש, האָבן זיך אויפגעהויבן אייניקע יונגע אַרבעטער און געוואָלט דעמאָנסטראַטיוו, מיט פּראָטעסט פאַרלאָזן די קאָנפע־רענץ, וויל „מע פאַרשטייט ניט אידיש" („עמעס" פון 20־טן מאַי, 1926).

שפּעטער מיט 5 יאָר שרייבט מען ווידער אין „עמעס" פון קרע־מענטשוג (9־טער מאַי, 1931), אַז „די גאַנצע מאַסן־אַרבעט פירט זיך דאָ אין רוסיש" (איטאַליקס אין „עמעס").

פאַר מיר ליגט אפשר אַ צענדליק קאָרעספּאָנדענציעס פון קרע־מענטשוג, אין וועלכע די קלאָגן און מוסר זאָגן חזר'ן זיך איבער, און ס'האָט ניט נאָר ניט געהאָלפן, נאָר ס'איז אַלע מאָל געוואָרן ערגער. ס'זיינען צוגעקומען עלעמענטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן טענה'ן, אַז פירן קולטור־אַרבעט אין אידיש איז געגן לעניניזם, און זיי האָבן גרינג געפונען ראיות אין לענינ'ס ווערק פון דער צייט ווען ער האָט געקעמפט געגן „בונד".

מיר מוזן, לײדער, איבערהיפּערן עטלאַכע יאָר און ברענגען כאָטש אַ פּאָר ציטאַטן וועגן די לעצטע יאָרן. נעמען מיר מאַטעריאַלן פון יאָר 1938. „עמעס" פון 22־טן אַפּריל, 1938 שרייבט, אַז „אין מאָהילעוו פּאָדאָלסק איז פאַראַן 18 טויזנט אידן. צווישן דער גרוי־סער צאָל אידישע אַרבעטנדיקע ווערט ניט געפירט קיין קולטאַרבעט אין אידיש". „עמעס" פון 17־טן יוני, 1938, ברענגט קאָרעספּאָנדענ־ציעס פון ניקאָלאַיעוו, וועליזש און באַברויסק און אין אַלע דריי ווערט דערציילט, אַז „די פאַרשפּרייטונג פון דער אידישער פּרעסע איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט. דעם „עמעס" איז אָפּטמאָל אוממעגליך צו

קרינגן". אין וועליזשער ביבליאָטעק „האָט מען פאַר 15 יאָר געקויפט 20 (צוואַנציק!) אידישע ביכלאַך".

קיין שפּעטערדיקן מאַטעריאַל, ווי פון יאָר 1938 קאָנען מיר, לײדער, ניט ברײנגען. און צוליב אַ פּשוט'ן טעם. מען שרײבט מער ניט וועגן אַזעלכע זאַכן. דער „עמעס" איז געשטאָרבן און די געבליבענע צוויי צייטונגען מאָנען ניט גאָר ניט, קלאָגן מער ניט, זאָגן ניט מער קיין מוסר, אַפּעלירן ניט מער צו די פּאַרטיי־פּרינציפּן. ס'איז שאַ שטיל. אָבער ניט, פאַרשטייט זיך, ווייל ס'איז שוין אַלץ אין אָרדענונג, נאָר ווייל די מאָנערס זיינען שוין צו מיד געוואָרן; ווייל די מוסר־זאָגער איז נימאס געוואָרן מוסר צו זאָגן; ווייל מען האָט זיך שוין צו שטאַרק איבערצייגט, אַז פון דעם אַלעם וועט גאָר ניט אַרויסקומען און מען האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף דער גאַנצער אידאַרבעט. וועגן איבערפירן די אַרבעט אין די פּראָפאַראיינען און פאַבריק־קאָמיטעטן אויף אידיש טראַכט שוין גאָר קיינער ניט. ס'קריכט שוין גאָר קיינעם אין קאָפּ ניט. בפרט נאָך, אַז פונ'ם אַלטן דור אידישע באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען מערסטנטיילס געקומען פון דער ישיבה און פון אַ אידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, איז שוין כמעט קיינער ניט געבליבן — די מערהייט איז אויסגעהרג'עט אָדער מאַטערט זיך ערגעץ אין פאַרשיקונג און עטליכע זיינען געשטאָרבן אַ נאַטירלאַכן טויט. די יונגע באָלשעוויקעס אָבער נעמען זיך גאָר וויניק צום האַרצן פון דער אַסימילאַציע.

מיר האָבן געבראַכט מאַטעריאַל וועגן פאַרשיידענע שטעט אין אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, וואו ס'לעבן נאָך אַלץ גענוג געדיכטע אידישע מאַסן און וואו די אידישע אַרבעטער מאַכן אויס אָפט אַ מערהייט אין פילע פאַבריקן. וועגן גרויס רוסלאַנד, וואו ס'לעבט אַ גאַנצער מיליאָן אידן און וואו די מערהייט אידישע פּראָלעטאַריער באַשטייט גאָר פון באַאַמטע, האָט קיינער קיינמאָל גאָר ניט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אויף פאַרזאַמלונגען רעדן אידיש אָדער אַז מען זאָל אין די וואַנט־צייטונגען שרייבן אידיש און נאָך אַזעלכע פאָדערונגען. דאָרטן איז די אַסימילאַציע, דאָס בטל ווערן בששים אַזוי נאַטירליך און גייט מיט אַזאַ טעמפּ, אַז מען וואָלט פאַררעכנט יעדן פאַר משוגע, ווער ס'וואָלט אַרויסגעשטעלט אַזאַ פאָדערונג.

20

די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון די אידישע קאָמוניסטן

אידן זיינען ניט קיין עקאָנאָמישע איינהייט און זיי האָבן ניט און קאָנען ניט האָבן קיינע געמיינזאַמע עקאָנאָמישע אינטערעסן, קיינע שותפות'דיקע עקאָנאָמישע צילן. זיי זיינען אויסשליסליך גלידער פון יענע סאָציאַלע קלאַסן און גרופּעס פון דער אַרומיקער מערהייט, צו וועלכע זיי געהערן, און אבסאָלוט אַלע זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן און צילן דעקן זיך מיט די זעלבע פון די לעצטע. אפילו די לייזונג פון די ספּעציפישע אידישע פּראָבלעמען, וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פון דער באַזונדערער אייגנאַרטיקער לאַגע פון אידן אין עבר, די אומשיכטונג פון די דעקלאַסירטע און זייער אַריינפּאַסונג אין די נייע אַרומיקע באַדינגונגען, איז, אויף וויפיל ס'רעדט זיך וועגן אָרגאַניזירטער אַרבעט אין דעם פּרט, אַ זאַך נאָר פון דער אַרומיקער מערהייט. אפילו פאַר די דאָזיקע געווים ספּעציפיש אידישע צוועקן קאָנען ניט געשאַפן ווערן קיין ספּעציעלע אידישע אינסטיטוציעס — קאָנען ניט און זאָלן ניט, ווייל זיי קאָנען פאַרבלאָנדזשען אויף אייגענע נאַציאָנאַלע וועגן, ווייל זיי קאָנען נוטה זיין צו אַרויסרוקן אויך ספּעציפיש אידישע נאַציאָנאַלע מאָמענטן אין דער דאָזיקער לייזונג.

די אידישע מינדערהייט קאָן העכסטנס שאַפן אַן אַגיטאַציע־און פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט, כדי צו העלפן די מערהייט־אינסטיטוציעס אין דער אַרבעט. ס'איז אָבער אויסגעשלאָסן, אַז די אידישע מינדערהייט גופא זאָל באַשטימען די מאַסשטאַבן און פאַרנעמען פון דער אומשיכטונג, שוין אָפּגערעדט פון די פּרינציפּיעלע פאָרמען און מעטאָדן פון דעם איבערבוי און אויפבוי.

אפילו דאָס שאַפן פון אַ אידישער שטאַטליכער אויטאָנאָמער איינהייט, אַן אונטערנעמונג פון קאָלאָסאַלער שוועריקייט און פון אומגעהויערן רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער, דאַרף ניט איבערגעגעבן ווערן אַ אידישן אָרגאַניזירטן קיבוץ, אַ אידישער אָרגאַניזאַציע, אַ אידישן מיט רעכט און אויטאָריטעט אָנגעלאָדענעם אָרגאַן, וואָס שפּאַרט זיך טאַקע אָן אויף די פולמאַכטן, באַקומענע פון דרויסן, פון דער אַרומיקער מערהייט, נאָר שעפּט אָבער ענערגיע און באַגייס־

טערונג פון אייגענער היסטאָרישער ירושה, פון אינעווייניקסטע אָרגאַ-ניזירטע שעפערישע כוחות. אמת, אזא אָרגאַן וואָלט אויסגענוצט פאַר דער אומגעהויער שווערער אויפבוי-אַרבעט אין נייעם לאַנד היסטאָרי-שע שטרעבונגען און ווייטע ציל פון די אידישע מאַסן, איבערפאַרבנדיק זיי אין הסכם מיט דער היסטאָרישער סיטואַציע; וואָלט אַפּעלירט צו זייערע נאַציאָנאַלע אינסטינקטן און באַוואוסטזיין, ניט דערלאָזנדיק זיי איבערוואַקסן אין שאָוויניזם און נאַציאָנאַליסטישן אתה בחרתנו; מיט איין וואָרט, וואָלט געמאַכט דעם כאַאָטיש אַנאַרכישן לאַנדלאָזן אידישן קיבוץ פאַר'ן שאַפער און בויער פונ'ם טעריטאָריאַל שטאַאַט-ליכן נייעם אויפקומענדיקן אידישן אָרגאַניזם. און אַ שמידער פון אייגענעם גורל, אַ סוביעקט איבער דער גאַנצער אונטערנעמונג שפּילט דאָך אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין זין פון מאַכן וואַקסן די כוחות און די קרבנות-גרייטקייט, ווען פאַרקערט די לאַגע פון אַן אָביעקט האַקט אונטער די פליגלען, שוואַכט אָפּ די פּאַטענצן.

דאָס אַלץ איז אָבער פון שטאַנדפּונקט פון באָלשעוויסטישן שולחן ערוך געווען טריף און אסור, איז געווען ערקלערט פאַר רעאַקציע, פאַר קליינבירגערליכע איזאָלאַציע-טענדענצן, פאַר שאָווי-ניסטישע עבר-אָפּקלאַנגען. דער איין און איינציקער סוביעקט פון דעם פּראָצעס פון אויפבוי פון אַ אידישן שטאַאַטליכן אָרגאַניזם איז דער אַלגעמיינער שטאַאַט-אַפּאַראַט, און אידן זיינען אין דעם דאָזיקן פּראָצעס נאָר צעשאָטענע יחידים-אָביעקטן, וועלכע טראָגן אפשר אין פּאַטענץ עקאָנאָמישע און פּאָליטישע איינקייט; טראָגן אפשר אין זיך שטאַאַטליכע צוזאַמענגענומענקייט און אָרגאַניזירט-קייט, וועלכע קאָנען אפשר מיט דער צייט, אויף אַ געוויסער מדרגה פון זעלבסט-וואוקס, אויסוואַקסן אין אַ סוביעקט פון שטאַאַטליכן רעכט און מאַכט. ניט אידן, אַדאַנק אינערן דראַנג, אַדאַנק אייגענעם רצון, אַדאַנק דעם וואוקס פון אייגענע נאַציאָנאַלע כוחות, אַדאַנק אויפגעוואַכטע אין דער רעוואָלוציע פרישע נייע קרעפטן נוצן אויס די גינציקע דרויסנדיקע געלעגנהייט אויף צו שאַפן פאַר זיך אַ סאָ-וועטישן טעריטאָריאַל-שטאַאַטליכן אָרגאַניזם. פּונקט פאַרקערט, די אויסערע קרעפטן נוצן אויס דאָס צופעליקע לאַנדלאָזע דעקלאַסירטע סאָוועטישע אידנטום, ריכטיקער די לאַנדלאָזע דעקלאַסירטע אידישע יחידים פאַר זייערע סאָציאַלע אָדער פּאָליטישע צוועקן דורך שאַפן אַ רעפּובליק אויפ'ן ווייטן מזרח.

מיר האָבן אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט אפשר, מחמת נאָר ניט־אידן, ווי קאַלינין, סמידאָוויטש, דער לאַנגיאָריקער פּרעזידענט פון קאָמזעט, פון צענטראַלן אָרגאַן פאַר אידישער ערד־איינאָרדענונג, האָבן געגלויבט און דעריבער אָפן געוואָלט שאַפן אַ אידישן שטאַאַט אין די ראַמען פון דער סאָוועטישער אימפּעריע. די אידן־קאָמוניסטן האָבן מורא געהאַט צו גלויבן אין דעם און נאָך מער האָבן זיי מורא געהאַט צו וועלן אַ אידישן שטאַאַט.

אויף דער באַראַטונג פון די אידסעקציעס פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי אין ווייס־רוסלאַנד דעם 15־טן אָקטאָבער, 1925, האָט א. טשעמעריסקי, דער סעקרעטאַר פון די סעקציעס, געזאָגט אין זיין רעפעראַט: „עס זיינען געווען שטרעבונגען צו פאַרבינדן גלייך פון אָנהויב אָן די אַרבעט פון דער אידישער ערד־איינאָרדנונג מיט דער פראַגע וועגן אַ מלוכה־שער אָרגאַניזאַציע, מיט דער פראַגע וועגן אַ רעפּובליק. מיר האָבן די דאָזיקע פראַגע אָפּגעטיילט. פּרינציפּיעל ווערט זי פון קיינעם ניט געלייקנט, אָבער זי קאָן און דאַרף גע־שטעלט ווערן נאָר ווי אַ פראַגע פון פּראַקטישער מעגליכקייט. פּאָליטיש האָבן מיר זי פון טאָג־סדר אַראָפּגענומען". און צום סוף פון זיין רעפעראַט: „ערד איז פאַראַן איבערגענוג און דערביי ערד אין גאַנצע מאַסיוון, וועלכע קאָנען אַרומנעמען גרויסע טיילן פון דער אידישער באַפעלקערונג. און אייגנטליך פאַדערט זיך גאָר ניט קיין גרויסע קאַפּיטאַלן אויף צו שאַפן און צו באַפעלקערן אַזעלכע גרויסע מאַסיוון. יעדנפאַלס מיט אַ קאַפּיטאַל פון 20־25 מיליאָן רובל וואָלט מען געקאָנט אויספירן דעם פּלאַן פון „קאָמערד" (100 טויזנט פאַמיליעס) אויף 150 פּראָצענט און פאַרבייגייענדיק צוגרייטן די לייזונג פון דער פּראָבלעם פון טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע".*) אין דעם גייסט איז אָנגענומען געוואָרן אויך אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער ס'רעדט זיך אַז „פאַר אַ טייל פון אידן קאָן און דאַרף געשאַפן ווערן אַן אויטאָנאָמיע, ווען זיי וועלן בילדן אַ מערהייט אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע. די דאָזיקע אויפגאַבע שטאַמט פון די לויפנדיקע אינטערעסן פון אונזער רעוואָלוציע".**)

אַלזאָ, פאַרבייגייענדיק וועט מען פאַרוואַנדלען אַ טייל פון די צעשאָטענע אידן אין אַ שטאַאַטליכן קיבוץ, אויב ס'וועט פון זיך

*) א. טשעמעריסקי, די אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די אידישע מאַסן. מאָסקווע, 1926, ז. 8 און 54. אייטאַליקס פון מיר — י. ל.
**) דאָרטן, ז. 76.

אַליין אויסוואַקסן ערגעץ אַ אידישע מערהייט. זיך שטעלן אַזאַ ציל טאָר מען ניט, ווארום דאָס וואָלט געהייסן „האָבן אין זינען נאַציאָנאַליסטישע כאַלוימעס וועגן ראַטעווען דאָס וועלט־אידנטום".*) די אידישע טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע איז ניט קיין אידישע נויטווענדיקייט, ניט קיין ספּעציעלע אידישע אויפגאַבע, נאָר זי שטאַמט גאָר פון די „לויפנדיקע אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע".**) די פּאָליטישע קליינקעפּלדיקייט און נאַציאָנאַלע געפּאַלנקייט שרייען אַזוי אַרויס פון דעם דאָזיקן רעפעראַט און פון דער אָנגענומענער רעזאָלוציע, אַז ס'איז איבעריק יעדער פּירוש.

אידן האָבן ניט קיינע געמיינזאַמע עקאָנאָמישע אינטערעסן, אָבער אויך פּאָליטיש שטעלן זיי מיט זיך ניט פאָר קיין שום געמיינשאַפט. מען קאָן ניט און ס'איז שעדליך צו וועלן אָרגאַניזירן די צעוואָרפענע לאַנדלאָזע אידישע יחידים אין וועלכן ס'ניט איז פּאָליטישן אָרגאַניזם. די פּאָליטישע אינטערעסן פון די אידישע יחידים פאַלן הונדערט פּראָצענט צוזאַמען מיט די פּאָליטישע אינטערעסן פון יענע סאָציאַלע גרופּעס און קלאַסן, צו וועלכע די איינצעלנע אידן געהערן. ס'בלייבט ניט אבסאָלוט קיין שום רעשט פון ספּעציעלע און ספּעציפישע אידישע געזעלשאַפטליכע אינטערעסן און צילן, וועלכע זאָלן ווערן דער אינהאַלט פון אַ באַזונדערער אידישער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, ווי שמאָל און באַגרעניצט אירע פונקציעס און קאָמפּעטענציעס זאָלן ניט זיין.

ווערט די סאָוועטישע אימפּעריע נאַציאָנאַל צעשניטן אויף צענדליקע אויטאָנאָמע רעפּובליקן און סוברעפּובליקן און געגנטן און ראַיאָנען, ווערן אויך די סאָוועטישע אידן צעריסן אויף אַזוי פיל נאַציאָנאַל צעטיילטע גרופּעס. ווארום ניט נאָר האָבן ניט באַקוער אידן קיינע באַזונדערע געמיינזאַמע אידישע אינטערעסן מיט זייערע ברידער פון אוקראַינע אָדער די אידן פון מאָסקווע מיט די אידן פון וויטעבסק אָדער די אידן פון לענינגראַד מיט די אידן פון קיעוו, נאָר אפילו די אידן פון אוקראַינע גופא אָדער פון ווייס־רוסלאַנד גופא האָבן ניט קיינע געמיינזאַמע באַזונדערע אינטערעסן, צוליב וועלכע מען זאָל זיי דאַרפן צוזאַמעננעמען און אָרגאַניזירן אין אַ באַזונדערער אידישער קערפּערשאַפט.

---

*) דאָרטן, ז. 76.

**) דאָרטן.

אויף וויפיל די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע דערלויבט אָדער דולדעט רעליגיעזע קערפערשאַפטן קאָנען אידן אויך זיך אָרגאַניזירן אין ריין לאָקאַלן מאַסשטאַב. אָבער דאָס ליגט דאָך ניט נאָר אויסער די ראַמען פון דער קאָמוניסטישער אַרבעט, נאָר קעגן איר רצון און איר אויף צו להכעיס. אויף וויפיל די אידישע קאָמוניסטן האָבן גענומען אויף זיך די אחריות פאַר׳ן גורל פון סאָוועטישן אידנטום, האָבן זיי גאָר ניט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז אידן זאָלן אין וועלכער ס׳ניט איז פאָרם און אין וועלכער ס׳ניט איז מאָס באַקומען אַ פּאָליטישן פּנים, זיין ווי ס׳ניט איז צונויפגענומען און ניט פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַבסאָלוט צעריסענע און צעשאָטענע איבער צענדליקע נאַציאָנאַלע טעריטאָריעס יחידים.

האָבן אָבער די אידישע באָלשעוויקעס בכלל ווען ס׳ניט איז געהאַט אַ פּראָגראַם אין דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע? אַ קלאָרע פּאָזיטיווע פּראָגראַם, וועלכע מען שטרעבט צו פאַרווירקליכן?

אַם קלאָרסטן און אויך ערליכסטן האָט די פּראָגראַם פון די אידישע קאָמוניסטן פאָרמולירט ש. דימאַנשטיין, דער ערשטער אידי־שער קאָמיסאַר, אַן אַלטער באָלשעוויק, וועלכער האָט אין זיך גוט איינגעזאַפּט די תורה פון לענין און סטאַלין, אָן וואַקלונגען, אָן רעצידיוון, ווי דאָס איז געווען באַ פילע איבערלויפער פון אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. ער האָט געשריבן אין „דער אמת" (אַזוי האָט דעמאָלט נאָך געהייסן די קאָמוניסטישע אידישע צייטונג) פון 12־טן סעפּטעמבער, 1918: „מיר נעמען אָן אינגאַנצן די קאָמו־ניסטישע פּראָגראַם. איר פּראָגראַם איז אונזער פּראָגראַם. זייענדיק אינטערנאַציאָנאַליסטן, שטעלן מיר זיך ניט קיינע ספּעציעלע נאַציאָ־נאַלע אויפגאַבן, נאָר ריין קלאַסאָווע, פּראָלעטאַרישע.

„אויף וויפיל מיר רעדן אויף אַ באַזונדער שפּראַך, זיינען מיר זיך מעכויעוו צו באַמיען, אַז די אידישע מאַסן זאָלן קאָנען זייער אייגענע שפּראַך, באַפרידיקן די נויטיקע באַדערפעענישן אין זייער שפּראַך. העברייאיש האָט צו אונז קיין שום שאַיכעס ניט, מער ניט אויף וויפיל איר יערושע, אין וועלכער די מאַסן נויטיקן זיך, איז אַריבער אין אידיש.

„מיר זיינען אָבער אויך ניט קיין פאַנאַטיקער פון דער אידישער שפּראַך. זי ווערט פאַר אונז ניט קיין „אידיש האַקוידעש", ווי פאַר אַנדערע אידישע נאַציאָנאַליסטן. ניין, די שפּראַך איז פאַר אונז ניט וויכטיק.

„ס'איז גאַנץ מעגליך, אַז אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועלן די רייכערע שפּראַכן פון די שטאַרקערע און מער אַנטוויקלטע פעל־קער אַרויסשטופּן אין יעדן לאַנד די אידישע שפּראַך.

„מיר, קאָמוניסטן, וועלן אויף דעם קיין טרער ניט פאַרגיסן און מיר וועלן גאָר ניט טאָן קעדיי צו שטערן דער דאָזיקער דערשיינונג".*)

נאאיוו און קינדיש, אָבער ערליך און אָפענהאַרציק האָט דער דאָזיקער לאַנגיאָריקער נושא כּלים פון לענינען אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס אַן אמת'ער באָלשעוויק טראַכט וועגן אידן און וועגן אידישער שפּראַך און קולטור. און ער האָט שוין אויך פאָראויסגעזאָגט דעם גורל פון אידיש אין סאָוועט־רוסלאַנד און אויך געטראָפן, אַז „מיר, קאָמוניסטן, וועלן קיין טרער ניט פאַרגיסן". פאַר אונזערע אויגן קומט פאָר דער אונטערגאַנג פון דער אידישער שפּראַך און פון דער אידישער קולטור און די קאָמוניסטן זיינען גאַנץ רואיק.

אָט די תורה איז געווען אַבסאָלוט אין גייסט פון לענין און סטאַלין, וועלכע האָבן תמיד פאַרטראָטן אַ ריינעם טעריטאָריאַליס־טישן שטאַנדפּונקט און אויסגעלאַכט דעם „בונד", וואָס וויל אַן אויטאָנאָמיע פאַר אַ פאָלק, וואָס עקסיסטירט גאָר ניט. ווייל אַ פאָלק אָן אַן אייגן לאַנד עקסיסטירט ניט און קאָן ניט עקסיסטירן. חוץ אָבער דעם דאָזיקן ריין טעריטאָריאַליסטישן שטאַנדפּונקט פון די געזעצגעבער פון דעם קאָמוניזם, וועלכן מיר וועלן באַלד באַווייזן, איז בא לענינען נאָך געבליבן פון די יאָרן פון קלייזל־קאַמף אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אַ באַציאונג צו אידן, ווי צו מענטשן, וועלכע דאַרפן דינען דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון גאַנץ רוסלאַנד, וועלכע דאַרפן באַדינען די וועלט־רעוואָלוציע בכלל.

אַזוי דערציילט דער דערמאָנטער דימאַנשטיין אין זיין ביכל „נ. לענין וועגן דער אידן־פראַגע אין רוסלאַנד", אַז „אין די שמועסן האָט לענין ניט איין מאָל באַטאָנט די גרויסע באַדייטונג פון די אידן פאַר דער רעוואָלוציע ניט בלויז אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער". און לענין האָט ווייטער געזאָגט: „אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער רעוואָלוציע האָט געהאַט דער פאַקט, וואָס צוליב דער מילכאָמע האָט זיך אַ באַדייטנדיקע צאָל אידישע מיטל־אינטע־ליגענץ באַזעצט אין די רוסישע שטעט. זיי האָבן אונטערגעריסן

*) ציטירט לויט א. קירזשניץ, דער אידישער אַרבעטער, מאָסקווע, 1928, ז. 233. (אייטאַליקס פון מיר—י. ל.).

יענעם גענעראַל־סאַבאָטאַזש, מיט וועלכן מיר האָבן זיך גלייך געטראָפן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און וועלכער איז נאָך איצט אויך פאַראַן. די אידישע עלעמענטן, האָגאָם ווייט ניט אַלע, האָבן סאַבאָטירט דעם דאָזיקן סאַבאָטאַזש און מיט דעם האָבן זיי אַרויסגעהאָלפן דער רעוואָלוציע אין אַ שווערן מאָמענט. באַהערשן דעם מעלוכע אַפּאַראַט האָט זיך אונז איינגעגעבן בלויז אַדאַנק דעם דאָזיקן רעזערוו שריפטיקע און ניכטערע נייע באַאַמטע".*)

ווי באַקאַנט, איז סטאַלין תמיד געווען אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי דער טעאָרעטיקער אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. מיר וועלן דעריבער צוערשט זען, ווי האָט זיך פאַרהאַלטן סטאַלין צו דער אידישער פראַגע. אין אַן אַרטיקל מיט'ן נאָמען „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע", געשריבן אין 1913, פּאָלעמיזירט ער מיט באַאורס נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר די עסטרייכישע פעלקער און שרייבט: „וואָס איז דאָס, צום ביישפּיל, פאַר אַ אידיש פאָלק, וואָס ס'באַשטייט פון גרוזינישע, דאַגעסטאַנער, רוסישע, אַמעריקאַנער און אַנדערע אידן, וועלכע פאַרשטייען ניט איינער דעם אַנדערן (זיי רעדן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן), לעבן אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט, וועלן קיינמאָל ניט זען איינער דעם אַנדערן, וועלן קיינמאָל ניט אַרויסטרעטן אינאיינעם ניט אין שלום־צייט און ניט אין מלחמה־צייט. ניין, ניט פאַר אַזעלכע פּאַפּירענע „נאַציעס" שטעלט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צונויף איר נאַציאָנאַלע פּראָגראַם. זי קאָן זיך רעכענען נאָר מיטווירקליכע פעלקער, וואָס זיינען אַקטיוו און באַוועגן זיך און קאָנען דעריבער צווינגען זיך רעכענען מיט זיי".**)

און ווייטער באַגרינדעט סטאַלין, פאַרוואָס אידן וועלן זיך אַסימילירן: „איינגעשפּרענקלט ווי נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פרעמדע נאַציאָנאַלע געגנטן, באַדינען די אידן דער עיקר אַנדערע פעלקער, און אַלס סוחרים און אונטערנעמער און ליבעראַלע פּראָפעסיעס נאַטירליך מוזן זיי זיך צופּאַסן צו די „פרעמדע פעלקער" אין זין פון שפּראַך. דאָס אַלץ פירט צו דער אַסימילאַציע פון אידן. דאָס

---

*) אַ. קירזשניץ, דער אידישער אַרבעטער, ז. 236.

**) י. סטאַלין, מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַל-קאָלאָניאַלע פראַגע, מאָסקווע, 1937, ז. 9 (רוסיש).

אָפּשאַפן פון דעם תחום וועט נאָר פאַרגיכערן דעם דאָזיקן פּראָצעס".*)

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז, ווי אויפ'ן צענטן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין 1921 האָט סטאַלין אויסגעלאַכט די אַלע, וואָס האָבן גע'טענה'ט, אַז ס'איז ניטאָ קיין באַזונדערע ווייס־רוסישע קולטור, קיין באַזונדערע אוקראַאינישע קולטור, אָבער דערביי ניט געוואָלט אָננעמען דעם געדאַנק וועגן קולטור־אויטאָנאָמיע פאַר צעשאָטענע מינדערהייטן. פאַרגעלייגט דעם געדאַנק האָבן אָבער ניט, חלילה, די אידישע קאָמוניסטן, נאָר אַ ניט-איד סאַפּאַראָוו.**)

אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר איז אָנגענומען געוואָרן די רעזאָ־לוציע, וועלכע האָט באַשטימט די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון די באָל־שעוויקעס עד היום. אין דער דאָזיקער רעזאָלוציע ווערט שטרענג דורכגעפירט דער טעריטאָריאַליסטישער פּרינציפּ, וועלכער גיט יעדן טעריטאָריאַלן פאָלק אפילו דאָס רעכט פון אָפּטיילן זיך אינגאַנצן פון סאָוועט־רוסלאַנד. אַזאַ פּונקט איז אפילו אַריין אין דער נייער סטאַלין־קאָנסטיטוציע. דער ערשטער פּונקט זאָגט: „העלפן די אַלע פעלקער (ס'זיינען אויסגערעכנט 33 טעריטאָריאַלע פעלקער) אַנטוויקלען און פאַרשטאַרקן בא זיך סאָוועטישע שטאַאַטליכקייט אין פאָרמען, וואָס אַנטשפּרעכן די נאַציאָנאַל־שטייגערישע באַדינגונגען פון די דאָזיקע פעלקער".

צום סוף פון דער רעזאָלוציע, וועלכע פאַרנעמט 5 זייטן, ווערט אָפּגעגעבן אַ פּאָר שורות אויך די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, ווי לעטן, פּאָליאַקן און אידן און ס'ווערט געזאָגט, אַז זייער פרייע נאַציאָ־נאַלע אַנטוויקלונג ווערט גאַראַנטירט שוין מיט'ן כאַראַקטער פון דער סאָוועטישער אָרדענונג. די אויפגאַבע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי באַשטייט נאָר אין העלפן די דאָזיקע מינדערהייטן „אויסנוצן די דאָזיקע גאַראַנטיע רעכט אויף נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג".***)

דער אויבן־ציטירטער דימאַנשטיין איז געווען אַן אַלטער באָלשע־וויק, האָט ער געהאַט אַ קלאָרע פּראָגראַם פון אַסימילאַציע אין דער צוקונפט און פון אידיש־אַרבעט אַלס איבערגאַנג־סטאַדיע, אַלס אַ וואַקזאַל־אַרבעט, אויף אַריינפירן די אידישע מאַסן אין קאָמו־

*) דאָרטן, ז. 27.
**) דאָרטן, ז. 81.
***) די נאַציאָנאַלע פראַגע אין סאָוועט-רוסלאַנד, מאָסקווע, 1921, ז. 79.

ניסטישן גן עדן. אָבער שוין אין 1918 האָבן איינצעלנע מיטגלידער פון אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, באַזונדערס געוועזענע „פאַר־אייניקטע" אָדער פועלי ציון געבראַכט מיט זיך ניט נאָר אַלטע אידעען, נאָר אויך פּאַטאָס פאַר אידישער קולטור, פאַר אידישער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ און אויך פאַרשטאַנד, אַז אַן אַ צענטראַלער אידישער אָר־גאַניזאַציע וועט אויך די קולטורעלע לאחדים אַרבעט, מעג זי זיין ווי ברייט און ווי יורידיש און פינאַנציעל גוזיכערט, ניט האָבן קיין באָדן. זיי האָבן געפּרובט אַריינגיסן זייערע אַלטע אידעען וועגן אַ סיים, וועגן נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין די באָלשעוויסטישע פאָרמען: אידישע סאָוועטן, אידישע צוזאַמענפאָרן פון די סאָוועטן; אידישער קאָמי־סאַריאַט מיט קאָמיסאַריאַטן אויף די ערטער, הכלל די אייגענע בערך פּאָליטישע אינסטיטוציעס נאָר באָלשעוויסטיש געבויט, דאָס הייסט ניט ברייט דעמאָקראַטיש, נאָר שמאָל־פּראָלעטאַריש.

יולי 1918 אַרבעט אויס דער מאָסקווער אידישער קאָמיסאַריאַט אינסטרוקציעס פאַר די עמיסאַרן, וועלכע ווערן געשיקט אין דער פּראָווינץ אויף פירן די קאָמוניסטישע אַרבעט. ווערט דאָרטן געזאָגט וועגן דער באַציאונג צו די קהילות: „מען דאַרף זיך באַציען נעגאַטיוו צו דער טעטיקייט פון די קעהילעס און צו זייער וואַל־סיסטעם. מען דאַרף שטרעבן, ניט שטערנדיק דעם גאַנג פון דער אַרבעט און ניט ברענגענדיק קיין שאָדן דער זאַך, רעאָרגאַניזירן זיי אויף דעם יעסאָד פון דיקטאַטור פון די אַרבעטער און אָרימסטע שיכטן פון דער באַ־פעלקערונג. צוגרייטן דאָס צוזאַמענרופן פון אַן אַלרוסלענדישן צו־זאַמענפאָר פון די אידישע סאָוועטן. דער צוזאַמענפאָר קלייבט אויס דעם צענטראַלן אידישן קאָמיסאַריאַט".*)

דאָס איז דאָך כמעט אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע; אידישע סאָ־וועטן; צוזאַמענפאָרן פון אידישע סאָוועטן; ווייטער רעדט זיך, אַז אויף צו באַשליסן „וויכטיקע און פּרינציפּיעלע פראַגן, וועלכע זיינען שייך צו אַ געוויסער געגנט, ווערט צונויפגערופן אַ געגנט־קאָנ־פערענץ". איז דאָך גאָר קיין ספק ניט, אַז דער אַלרוסישער צוזאַמענפאָר באַטראַכט „וויכטיקע און פּרינציפּיעלע פראַגן". די אידישע קהילות ווערן ניט אויפגעלייזט, נאָר ווערן צוגעפּאַסט צו דער סאָוועטישער סיסטעם: דיקטאַטור פון אַרבעטער און אָרימסטע שיכטן.

*) די אָקטיאָבער רעוואָלוציע אין ווייס־רוסלאַנד, מינסק, 1927, ז. 293.

אמת, אין די זעלבע אינסטרוקציעס ווערט געזאָגט, אַז „די פראַגע וועגן דער שפּראַך פון די לימודים ווערט דערלייזט אויפ׳ן אָרט, לויט די באַדינגונגען", אָבער פּאָליטיש גענומען האָט מען זיך נאָך דעמאָלט ניט פאַרגעשטעלט, אַז אידן בלייבן אינגאַנצן נאַציאָנאַל ניט אָרגאַניזירט, צעשאָטן נאָר אויף יחידים, גאָר אָן יעדן צעמענטירנדיקן און צונויפבינדנדיקן אָרגאַן.

אַז מען מוז האָבן אידישע ראַטן, האָט דעמאָלט נאָך קיינער ניט געצווייפלט. אין אַפּריל איז געווען אַ פאַרזאַמלונג פון אידישע אַרבעטער־קאָמוניסטן דעם 1־טן יוני, 1918, און ס׳איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע: „מיר, אידישע אַרבעטער, צוטרעטנדיק צו אָרגאַניזירן אידישע אַרבעטער־ראַטן, וואָס שטייען אויף דער פּלאַטפאָרמע פון ראַטן מאַכט, דערקלערן . . ." *)

אָבער גאָר בריט האָט פאָרמולירט אַ פּראָגראַם פון נאַציאָנאַלער אידישער סאָוועטישער אָרגאַניזאַציע דער ערשטער אידישער קאָמיסאַריאַט, (אין דער שפּיץ פון וועלכן ס׳איז דוקא געשטאַנען דימאַנשטיין). אין זיין אויפרוף פון 2־טן יוני, 1918, רעכנט ער אויס אַלע אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר אים ביים „איבערבויען דאָס אידישע נאַציאָנאַלע לעבן אויף פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישע יעסוידעס" און שליסט: „אום דורכפירן דאָס אין לעבן, מוזן מיר גרינדן באַ די עקסיסטירנדיקע ראַטן פון די אַרבעטער־און פויערים־דעפּוטאַטן אייגענע סעקציעס אין יעדער שטאָט. די פאַראייניקונג פון די סעקציעס וועלן בילדן מיט זיך אַ ראַט פון אידישע אַרבעטער, די ראַטן וועלן זיין אין יעדער געגנט, וועלן האָבן זייערע געגנט־צוזאַמענפאָרן. דאָרטן וועט מען באַשטימען אַלץ, וואָס איז נוגע דעם אינערלאַכן נאַציאָנאַלן לעבן, האָבנדיק די פולשטענדיקע מאַכט. אויף דעם אַלגעמיין־רוסלענדער צוזאַמענפאָר פון די אידישע ראַטן וועט באַשטימט ווערן די אַלגעמיינע פּאָליטיק אין אַלע פראַגן, וואָס באַרירן דאָס אידישע געזעלשאַפטלאַכע לעבן. דאָרטן וועט אויך באַשטימט ווערן דער אידישער קאָמיסאַריאַט".**)

ווי ווייט איז דאָס אַלץ פון דער קומענדיקער פּראַקטיק און פון דער שפּעטערדיקער פּרינציפּיעלער שטעלונג פון די אידישע קאָמוניסטן! אידישע ראַטן זיינען שפּעטער דערקלערט געוואָרן פאַר

---

*) א. קירזשניץ, דער אידישער אַרבעטער, ז. 247.

**) דאָרטן, ז. 426.

בונדיזם, רעאקציע, שאָוויניזם. און מען האָט טאַקע קיינמאָל ניט געקליבן קיין אידישע ראטן. האָבן שוין, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט פאַרקומען קיינע ניט אַלרוסלענדישע און אויך ניט קיין נעגנטליכע צוזאַמענפאָרן, וואו מען זאָל באַטראַכטן אַלגעמיינע אידישע פראַגן. מען האָט זיך מיט היץ און ברען אריינגעוואָרפן אין דער חורבן־אַרבעט צו פאַרניכטן אַלע סימנים און אַלע רעשטלאַך פון אידישער געזעלשאַפטליכקייט און אין דעם האָט מען געהאַט דעם גרעסטן דער־פאָלג. ניט נאָר די פאָליטישע פאַרטייען זיינען פאַרניכטעט געוואָרן, נאָר אויך די קהילות, די צענטראַלע אינסטיטוציעס, ווי חברה מפיצי השכלה, יעקאפא (געזעלשאַפט אויף העלפן מלחמה קרבנות), אַלע אַנדערע אידישע חברות, די אידישע שפּיטאָלן, אידישע קולטור פאַר־אייניגונגען און אַלע צדקה־חברות.

באַ אידן אָבער, וואָס האָבן ניט, ניט די טעריטאָריאַלע פאַר־אייניגנדיקע רייף און ניט די מלוכה־ראַם, וואָס צעמענטירט און בינדט צונויף נאַציאָנאַל, שפּילט די סאָציאַל־פילאַנטראָפּישע אַרבעט אַ סך אַ גרעסערע נאַציאָנאַלע ראָלע, ווי באַ אַנדערע פעלקער. אין די דאָזיקע פּאָליטישע סוראָגאַטן לעבט זיך דער איד אויס נאַציאָנאַל.

די אידישע קאָמוניסטן האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז מיט אויפ־געבן דעם געדאַנק פון אַ וועלכער ס'ניט איז נאַציאָנאַלער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, זאָל זיין אין סאָוועטישע פאָרמען און גרעניצן, באַגראָבן זיי אויך דאָס ביסל אידיש־אַרבעט, וואָס איז שפּעטער געוואָרן זייער גאַנצע פּראָגראַם. זיי האָבן זיך אָבער געשטעלט אויפ'ן שטאַנד־פּונקט, אַז די אַרבעט, וואָס זיי פירן, טאָר ניט טראָגן קיין שום נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, קיין שום נאַציאָנאַלן סימן און טאָר ניט העלפן דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזירטקייט פון די אידישע מאַסן. אָט ווי טשעמעריסקי האָט פאָרמולירט די שפּעטערדיקע פּראָגראַם אויף דער באַראַטונג פון די אידישע סעקציעס אין דעצעמבער 1926: „די אַרבעט אויף אידיש, די גאַנצע נעץ אַנשטאַלטן שפּילט אין אונזערע הענט די ראָלע פון אַ באַדינענדיקן אַפּאַראַט פאַר'ן סאָציאַליסטישן פּראָצעס. און יעדער פּרוּוו צו באַטראַכטן די אידישע שפּראַך, די שול א. א. וו. זעלבשטענדיק, ניט ווי אַ באַדינענדיקע איינריכטונג פאַר'ן סאָציאַליזם, מוז זיך פאַרוואַנדלען אין אידישיזם, אין נאַ־ציאָנאַליזם".*)

*) אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די אידישע סעקציעס פון דער אַל. ק. פּ. ב., מאָסקווע, 1927, ז. 9.

און באַדינען איז געוואָרן דער תוכן און די פאָרם פון דער גאַנצער אידישער אַרבעט. מען באַדינט די אידישע באַפעלקערונג אין דער אידישער שפּראַך. מען שאַפט ניט אין אידיש, נאָר מען באַדינט, דאָס הייסט, מען גיט איבער דער אידישער באַפעלקערונג אין דער אידישער שפּראַך אַלגעמיינע ידיעות, אַלגעמיינע קענטניסן. אַז דאָס מוז טראָגן אַ צייטווייליקן כאַראַקטער, איז קלאָר. ס'קומט נאָר גיך אַ טאָג, ווען יעדער איד און שוין אַוודאי יעדעס אידישע קינד פאַרשטייט אַן אַנדער שפּראַך — אַ שפּראַך פון דער אַרומיקער סביבה. און דאָס באַדינען ווערט, מוז ווערן איבעריק.

מען האָט זיך יאָרנלאַנג געוואָרגן מיט דער פראַגע, צי זיינען אידן אַ פאָלק, צי האָבן אידן אַ נאַציאָנאַלע צוקונפט אין סאָוועט־רוסלאַנד, צי זיינען די אַסימילאַציע־פּראָצעסן שטאַרקער פון די נאַציאָנאַלע. מען האָט יאָרן דעבאַטירט. און מען איז געבליבן אָן אַ קלאָרן באַשלוס, ווייל די, וואָס האָבן געהאַט אַ קלאָרן באַשלוס, האָט מען ניט צוגעלאָזט צום וואָרט.

אַ קלאָרן ענטפער האָבן געהאַט די, וואָס האָבן גע'טענה'ט, אַז די אַסימילאַציע גייט און מען דאַרף זי שטיצן און אונטער־טרייבן און מאַכן אַ סוף צו אַלע נאַציאָנאַלע וואַקלונגען און זוכענישן. דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט האָט פאַרטראָטן ראַפעס, אַן אַמאָליקער בונדישער פירער, מיט אַ גאַנצער גרופּע אָנהענגער. זיי האָבן געוואָלט ווערן אַקטיווע אַסימילאַטאָרן און בלייבן טריי דעם מאַרקסיסטישן פּרינציפּ, אַז מען דאַרף דעם סטיכישן פּראָצעס העלפן און ניט שטערן. דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט איז ניט אָנגענומען געוואָרן, און די פאַרטרעטער פון דער דאָזיקער ריכטונג זיינען געוואָרן אַסימילאַנטן, זיי זיינען אַוועק פון דער אידישער אַרבעט און זיך אויפגעהערט מיט איר אינטערעסירן.

ס'איז געווען אַ צווייטער שטאַנדפּונקט, וואָס האָט געוואָלט דורך קאָנצענטראַציע אין גרויסע מאַסן, דורך גרעסערע אַגראַר־ראַיאָנען, דורך אַן אויטאָנאָמער רעפּובליק, דורך איינהאַלטן די אידישע אַרבעטער אין די גובערניעס פון אַמאָליקן תחום, דורך קאָנצענטרירן די אידישע אַרבעטער געאָגראַפיש און פּראָפעסיאָנעל, דורך אַרויסרוקן אָפן דעם נאַציאָנאַלן ווערט פון דער אידישער שפּראַך קעמפן געגן דער אַסימילאַציע. דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט האָבן פאַר־טראָטן לעוויטאַן און נאָוואַקאָווסקי, אַמאָליקע „פאַראייניקטע".

די ביידע נאָר וואָס כאַראַקטעריזירטע ריכטונגען זיינען ניט געקומען אָפּן צום אויסדרוק. און מיר וויסן וועגן זיי נאָר פון דער פּאָלעמיק געגן זיי פון׳ם דריטן צד, וואָס איז געווען די גאַנצע צייט דער הערשנדיקער צד. די דריטע ריכטונג דאַרף כאַראַקטעריזירט ווערן מיט׳ן אַלטן בונדיש־מעדעמישן טערמין: נייטראַליטעט. אין אַן אַרטיקל אין „עמעס" פון 4־טן נאָוועמבער, 1927, האָט דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פון די אידסעקציעס טשעמעריסקי, קלאָר אויסגעשפּראָכן דעם דאָזיקן נייטראַליטעט־שטאַנדפּונקט: „ס׳איז געווען אַרויסגעזאָגט אַזאַ געדאַנק: די אַסימילאַציע גייט, דאַרף מען זי שטיצן. די אָלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די פּאַרטיי־סעקציעס האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען אַזאַ שטאַנדפּונקט. פאַרוואָס? ווייל די פּאַרטיי פירט ניט קיין אַסימילאַטאָרישע אַרבעט און ווייל מיר טאָרן ניט אַריבערשפּרינגען איבער דער איצטיקער לאַגע. און די לאַגע איז אַזאַ: אין דער צייט, ווען עס גייט אַן אינטענסיווע אוקראַי־ניזאַציע און ווייסרוסיזאַציע און אַזוי ווייטער, וואָלט די פּאָליטיק פון אַסימילאַטאָרישקייט פאַקטיש זיך פאַרוואַנדלט אין אַ רוסיפי־קאַטאָרישע פּאָליטיק. דאָס איז איינס. צווייטנס, אַסימילאַטאָרישקייט באַ דער איצטיקער לאַגע מוז אומפאַרמיידליך ברענגען צו דעם, אַז דער אַוואַנגאַרד וועט זיך אָפּטרייסלען פון די מאַסן, וועלכע שטעקן נאָך היינט אינ׳ם נעכטן, אינ׳ם עבר".

דאָ האָבן מיר קלאָר די טעאָריע: וואָלט מען קיין מורא ניט געהאַט פאַר דעם צאָרן פון די אוקראַאינער און ווייסרוסן, וואָלטן די מאַסן ניט געהאַט קיינע טראַדיציעס און וואָלטן ניט געווען צוגע־בונדן צו אידישע לעבנס־פאָרמען, וואָלט מען געקאָנט טרייבן די אַסימילאַציע־מאַשין מיט באָלשעוויסטישן טעמפּ. ליידער, מוז מען אָבער ביז אַ צייט ליידן, אָבער ס׳איז ניט אויף אייביק. אין זעלביקן אַרטיקל שרייבט טשעמעריסקי ווייטער: „מען דאַרף ניט צונויפמישן נאַטירליכע פּראָצעסן פון אַסימילאַציע מיט אַסימילאַטאָרישקייט. געוויס איז אין דער סאָוועטישערווירקליכקייט פאַראַן פיל אַסימי־לירנדיקע טענדענצן און פאַקטאָרן. מען דאַרף אָבער דעם היינט און נאָענטן מאָרגן ניט אָננעמען פאַר דער ווייטער צוקונפט".

דעם אַמאָליקן בונדיסט און שפּעטער פרומען קאָמוניסט איז ניט באַשערט געווען צו דערלעבן די דאָזיקע „ווייטע צוקונפט", וועלכע איז גאָר גיך געקומען, אַ סך גיכער, ווי ער האָט געוואָלט. ער איז אָפּגערוימט געוואָרן אין מיטן ברען פון דעם „היינט" ווען מען

האָט נאָך באַדאַרפט דאָס ביסל אידיש. אָבער זיינע יורשים זיינען געבליבן טריי דער נייטראַליטעט־טעאָריע.

שפּעטער מיט 8 יאָר, אין „עמעס“ פון 9־טן יאַנואַר, 1935, געפינען מיר אַן אַרטיקל, אין וועלכן מען בייזערט זיך שטאַרק אויף די עלטערן פון עטליכע שטעט, וואו מען פירט אַן אַגיטאַציע געגן דער אידישער שול, ווייל „אָפּגעבן קינדער אין דער אידישער שול הייסט אַזוי גוט, ווי אומגליקליך מאַכן די קינדער. די אידישע שול האָט ניט קיין פּערספּעקטיוון. וואָס וועט זיין פון אונזערע קינדער, אַז זיי וועלן ענדיקן די אידישע שול? זיי וועלן ניט האָבן זיך וואו צו קערן און וואו צו ווענדן“. בייזערט זיך שטאַרק דער מחבר פון אַרטיקל און באַשולדיקט די טענה'נדיקע אין קאָנטרעוואָלוציע, אָבער באַלד פאַרכאַפּט ער זיך און דערמאָנט זיך, אַז מען קאָן אים נאָך חלילה באַשולדיקן אין נאַציאָנאַליזם און גיט צו: „מען טאָר נאַטירליך אין קיין פאַל ניט פּערמישן די שונאים פון דער אידישער סאָוועטישער שול מיט יענע אידישע אַרבעטער און אַרבעטנדיקע, וואָס ציען זיך באמת צו דער רוסישער אָדער אוקראַינישער פאָרם פון דער סאָוועטישער קולטור, און שיקן זייערע קינדער אין די רוסישע און אוקראַינישע סאָוועטישע שולן. אין דעם פאַל קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן פּעדאַגאָגישער צוועקמעסיקייט. אויב די שילער באַהערשן בעסער די רוסישע אָדער אוקראַינישע שפּראַך, אָדער ווען זיי באַהערשן אפילו ערגער די רוסישע אָדער אוקראַינישע שפּראַך, נאָר זיי לעבן אין אַ דורכאויס רוסישער אָדער אוקראַינישער סביבה, איז דורכאויס צוועקמעסיק, אַז די דאָזיקע שילער זאָלן גיין אין דער רוסישער אָדער אוקראַינישער שול. שלעפּן אַזעלכע קינדער אין דער אידישער שול איז אַ גרויסער פּאָליטישער און אויך פּעדאַגאָגישער פאַרברעכן. קיין שום אידישיסטישע שטיק טאָר אין די אַלע פראַגן ניט דערלאָזט ווערן" (אייטאַליקס אומעטום אין „עמעס“—י.ל.).

אַזוי ווי איצט לעבן שוין ניט ווייניקער פון 80 פּראָצענט פון די סאָוועטישע אידן אין אַ „דורכאויס רוסישער אָדער אוקראַינישער סביבה“, ווארום אדאַנק דעם קאָלאָסאַלן וואוקס פון דער ניט אידישער באַפעלקערונג אין די שטעט, איז דער אָנטייל פון אידן אומעטום שטאַרק געפאַלן, איז קלאָר, אַז מען מעג דעם גרעסטן רוב פון סאָוועטישן אידנטום שוין רעכענען פאַר אַריינגעטראָטן אין יענע „ווייטע צוקונפט“, ווען די אסימילאַציע וועט ניט נאָר זיין כשר, נאָר די איינציק באַרעכטיקטע פון שטאַנדפּונקט פון אידישע קאָמוניסטן.

21

דער פּאָליטישער סטאַטוס פון סאָוועטישן אידנטום

וואָס זשע האָט זיך באַקומען אין רעזולטאַט פון אַזאַ ניהיליס־טישן צוגאַנג צו דער אידישער פראַגע מצד די אידישע קאָמוניסטן? לאָמיר צוערשט זיך אָפּשטעלן אויפ׳ן פּאָליטישן סטאַטוס פון סאָוועטישן אידנטום. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז אין סטאַלינ׳ס דיקטאַטור־לאַנד זיינען אַלע געזעצן ניט פיל ווערט. מיר ווייסן, אַז פאַקטיש הערשט מאָסקווע און ניט גאַנץ מאָסקווע, נאָר אַ קופּקעלע הערשער מיט׳ן דיקטאַטאָר אין דער שפּיץ. דאָך מיינען מיר, אַז אפילו פיקציעס, וועלכע עקסיסטירן צענדליקע יאָרן, ווערן וויכטיקע פאַקטאָרן אין לעבן, און ווי וויניק מאַכט די אַלע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן זאָלן ניט פאַרמאָגן, זיי ליקווידירן וואָלט געווען זייער שווער. שנית, מוז מען דאָך מודה זיין, אַז אין פּרט פון נאַציאָנאַלער פרייהייט זיינען די פעלקער אין סאָוועט־רוסלאַנד ווירקליך גלייך געשטעלט מיט דער גרויס־רוסישער נאַציע. און די דערפאָלגן פון די אַמאָל אונטערדריקטע פעלקער אויפ׳ן געביט פון נאַציאָנאַלער קולטור זיינען ממש גראַנדיעזע.

ווי זשע איז די לאַגע פון די אידן פּאָליטיש?

אין דער סאָוועטישער פאַרבאַנד־קאָנסטיטוציע פעלט אינגאַנצן דער באַגריף פון נאַציאָנאַלער מינדערהייט. דער שטאַאַט און אַלע שטאַאַטליכע אָרגאַנען זיינען געבויט לויט דעם טעריטאָריאַל־נאַציאָ־נאַלן פּרינציפּ. דער לעצטער פּרינציפּ איז זייער ווייט דורכגעפירט און דערגייט ביז די קלענסטע נאַציאָנאַלע איינהייטן ווי געגנטן און ראַיאָנען, אויף וויפיל אַ נאַציאָנאַלע גרופּע בילדעט די מערהייט אויף דער גענומענער טעריטאָריע. נאַציאָנאַלע רעכט, אויף וויפיל זיי זיינען גאַראַנטירט אין דער פאַרבאַנד־קאָנסטיטוציע, זיינען תמיד געבונדן מיט לאַנד, מיט אַ באַזונדער שטיקל באָדן. דערמיט איז אָבער ניט געזאָגט, אַז די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זיינען געמינערט — ניטאָ דאָס צווייטע לאַנד אין איראָפּע, וואו מען זאָל אין אַזאַ ברייטער מאָס פאַקטיש געבן נאַציאָנאַלע רעכט די מינאָריטעטן.

די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ווערן, ראשית, גאַראַנטירט דורך די אַלגעמיינע געזעצן, וועלכע גאַראַנטירן אַלע רעכט פאַר אַלע בירגער, ניט אָפּהענגיק פון ראַסע, נאַציע אָדער רעליגיע, און וועלכע באַשטראָפן פאַר יעדער דיסקרימינאַציע און פאַר יעדער שנאה־אַגיטאַציע. אין די אַלגעמיינע געזעצן פון פאַרבאַנד ווערן אויך גאַראַנטירט די רעכט פון דער מוטער־שפּראַך אין געריכט און אין די בילדונג־אינסטיטוציעס, וואָס ס'איז פּאַקטיש אַ גאַראַנטירט רעכט פאַר די שפּראַכן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. חוץ אָבער די אַלגעמיינע געזעצן פון פאַרבאַנד זיינען אין די איינצעלנע רעפּובליקן געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע געזעצן, נאָך מער פאַראָרדענונגען, וואָס שיצן די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אָבער די שפּראַך איז דער איינציקער סימן מובהק פון דער מינדערהייט.

שטאַאַטליך־פּאָליטיש אַלזאָ עקסיסטירן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד נאָר טעריטאָריעלע איינהייטן. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס ביז דער גרינדונג פון בירא־בידזשאַן, פון דער זעלבשטענדיקער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, האָבן אידן ניט עקסיסטירט אין סאָוועטנלאַנד ווי אַ כלל, ווי אַ נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו. ערשט מיט דער גרינדונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט האָבן אידן באַקומען אַ פאַרטרעטערשאַפט אין נאַציאָנאַליטעטן־ראַט. די קרוב 25 טויזנט אידן פון בירא־בידזשאַן האָבן 5 פאַרטרעטער אין נאַציאָנאַליטעטן־ראַט. די איבעריקע דריי מיליאָן אידן (איצט שוין מער פון 5 מיליאָן), וועלכע זיינען אומעטום אַ מינדערהייט, עקסיסטירן ניט ווי אַ שטאַאַטליך־פּאָליטישע גרופּע.

בשעת דער נאַציאָנאַליטעטן־ראַט איז באַשאַפן געוואָרן, איז אין צענטראַל־אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי („איזוועסטיע”) אַרויסגעטראָטן דער באַקאַנטער קאָמוניסט מערעזשין מיט אַ פאָרשלאָג צו בויען דעם ראַט ניט לויט דעם טעריטאָריאַלן פּרינציפּ, נאָר לויט דעם נאַציאָנאַלן פּרינציפּ. מען האָט אים דעמאָלט פאַרשריען פאַר אַ שאָוויניסט און אין יסוד פון ראַט איז געלייגט געוואָרן דער טעריטאָריאַלער פּרינציפּ.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד באַשטייט איצט פון 16 גרויסע זעלבשטענדיקע רעפּובליקן. אין די ראַמען פון די איינצעלנע זעלבשטענדיקע רעפּובליקן זיינען פאַראַן אויטאָנאָמע רעפּובליקן, געגנטן און ראַיאָנען. אַ סך אויטאָנאָמע רעפּובליקן, געגנטן און ראַיאָנען פאַרמאָגט די גרויס־רוסישע זעלבשטענדיקע רעפּובליק. דאָס איז די

גרעסטע רעפּובליק, וועלכע נעמט אַרום ביז 60 פּראָצענט פון דער גאַנצער פעדעראַציע־באַפעלקערונג. אין די ראַמען פון דער גרויס־רוסישער רעפּובליק, וועלכע הייסט אָפיציעל „רוסישע סאָוועטישע פעדעראַטיווע סאָציאַליסטישע רעפּובליק", געפינט זיך אויך די אידישע אויטאָנאָמע געגנט ביראָ־בידזשאַן. אין אַרטיקל 22 פון דער נייער קאָנסטיטוציע ווערן אויסגערעכנט אַלע רעפּובליקן, געגנטן און ראַיאָנען, וואָס גייען אַריין אַלס אויטאָנאָמע פּאָליטישע איינהייטן אין דער רוסישער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק, און דאָרטן ווערט אויך דערמאָנט ביראָ־בידזשאַן.

די רעכט פון דער מוטער־שפּראַך אין געריכט ווערט אויף אַזאַ אופן גאַראַנטירט אין דער קאָנסטיטוציע: אין סעיף 110 ווערט געזאָגט, אַז „די געריכט־פּראָצעדור ווערט געפירט אין דער שפּראַך פון פאַרבאַנד־רעפּובליק אָדער פון דער אויטאָנאָמער רעפּובליק, אָבער ס'ווערט געזיכערט פאַר די פּערזאָנען, וועלכע פאַרשטייען ניט די שפּראַך פון דער פּראָצעדור, דאָס רעכט צו באַקאָנען זיך מיט די מאַטעריאַלן דורך אַן איבערזעצער און אויך דאָס רעכט אַרויסצוטרעטן אין געריכט אין זייער מוטער־שפּראַך".

אין אוקראַינע און אין ווייס־רוסלאַנד זיינען געשאַפן געוואָרן אַ סך ברייטערע געזעצן, וועלכע שיצן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און וועלכע גיבן זיי די מעגליכקייט אפילו צו האָבן געריכטן אין דער מוטער־שפּראַך. אין אוקראַינע איז פאַראַן אַ געזעץ, לויט וועלכן יעדע טעריטאָריע, אפילו אין די ראַמען פון איין שטאָט, וועלכע האָט ניט ווייניקער פון 10 טויזנט איינוואוינער פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט, האָט רעכט אויף אַ געריכט אין דער שפּראַך פון דער דאָזיקער מינדערהייט. די אוקראַינישע מינדערהייט, וועלכע לעבט אין די גרעניצן פון דער דאָזיקער לאָקאַלער מערהייט, ווערט באַדינט אין דער אוקראַינישער שפּראַך, אַלזאָ אין דער שפּראַך פון דער שטאַאַטליכער מערהייט. אין ווייס־רוסלאַנד איז גענומען דער נאַציאָנאַלער פּרינציפּ פאַר אַ יסוד און באַ אַ געוויסער צאָל פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט — ניט ווייניקער פון 20 פּראָצענט — האָט מען רעכט אויף אַ נאַציאָנאַלער געריכט־קאַמער.

אויפ'ן ערשטן יאַנואַר, 1931, האָבן עקסיסטירט אידישע גע־ריכטס־קאַמערן :

1) אין אוקראַינע 46
2) אין ווייס־רוסלאַנד 10
3) אין מערב־געגנט פון גרויס־רוסלאַנד...... 11

פון 1931 האָט מען אויפגעהערט פאַרעפנטליכן דאַטן וועגן די אידישע געריכטן. מען האָט אויך אויפגעהערט געבן באַריכטן וועגן די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין די אידישע געריכטן. אין די ערשטע יאָרן פון דער עקסיסטענץ פון די אידישע געריכטן האָט מען זייער אַ סך געשריבן און זיך פאַרנומען מיט די דאָזיקע אינסטיטור־ציעס. מען האָט געגרינדעט קאָמיסיעס אויף אויסצואַרבעטן אַ טער־מינאָלאָגיע פאַר די פאַרשיידענע מדרגות פון געריכטן, ווייל מען האָט געגלויבט, אַז מען וועט שטייגן ביז די אַפּעלאַציע־געריכטן. מען האָט געגרייט יורידישע טערמינאָלאָגיע אין דער אידישער שפּראַך פאַר די פּראָקוראָרן און פאַרש־ריכטער און פאַר די פאַרטיידיקער. הכלל מען האָט געגלויבט ניט נאָר אין דער עקסיסטענץ פון די גרונט־געריכטן אין אידיש, נאָר אויך אין זייער ווייטערער און העכערער אַנטוויקלונג. די לעצטע יאָרן איז שטיל געוואָרן און מען הערט ניט ניט נאָר פון קיין ווייטערער אַנטוויקלונג, נאָר אפילו וועגן דער עקסיסטענץ פון די אַלטע געריכטן. מען דאַרף געדיינקען, אַז אין די יאָרן פון דער גרעסטער אַקטיוויטעט פון די אידישע קאָמוניסטן אויף צו פאַרזיכערן פּאָקטישע רעכט פאַר דער אידישער שפּראַך אין געריכט און פּאָליציי האָט די אידישע באַפעלקערונג אַרויסגעוויזן נאָר ווייניק באַגייסטערונג פאַר די דאָזיקע נאַציאָנאַלע געווינסן. מיר קאָנסטאַטירן דאָ נאָר דעם פאַקט, ניט אַריינלאָזנדיק זיך אין חקירות וועגן די סיבות. קלאָר איז, אַז דאָ האָבן געווירקט פילע אורזאַכן, ווי די אָרגאַנישע סטיכישע אַסימילירנדיקע ווירקונג פון דער אַרומי־קער מערהייט אפילו ווען דער מינדערהייט איז געגעבן פולע מעגליכ־קייט צו נוצן איר אייגענע שפּראַך, ווי אויך די פּאַסיווקייט און נאַ־ציאָנאַלע אָפּגעלאָזנקייט פון די אידישע מאַסן.

וויכטיקער ווי אין געריכט איז די גאַראַנטיע פון דער מוטער־שפּראַך אין דער שול. אין סעיף 121 פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָנ־סטיטוציע ווערט דאָס געמאַכט אין פאָלגנדיקער פאָרם : „דאָס רעכט פון די בירגער אויף בילדונג ווערט גאַראַנטירט דורך אַלגעמיינער

אָבליגאַטאָרישער בילדונג, דורך אומזיסטער בילדונג . . . און דורך לערנען אין די שולן אין דער מוטער־שפּראַך". (איטאַליקס פון מיר — י. ל.).

ווען די דערגרייכונגען אויפ'ן געביט פון בילדונג רעדן מיר אין אַן אַנדער פּלאַץ. מיר ווילן דאָ נאָר צוגעבן, אַז אין די רעפּובּליקן, באַזונדערס אין אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, זיינען נאָך צוגעגעבן געוואָרן געזעצן און אינסטרוקציעס, וועלכע גאַראַנטירן אין דער ברייטסטער מאָס די מעגליכקייט פון יעדער מינדערהייט צו האָבן אַ שול אין דער אייגענער שפּראַך. אין אוקראַינע האָבן געטראָפן פאַלן פון צוואַנג־אידישיזאַציע, כדי אָפּצושוואַכן די ווירקונג פון דער רוסישער שפּראַך צווישן די אידישע מאַסן, אָבער די צענטראַלע מאָסקווער רעגירונג האָט באַלד גערופן צו אָרדענונג די לאָקאַלע אוקראַינישע מאַכט. ביז איצט זיינען געווען גאָר ווייניק קאָנפליקטן אויפ'ן דאָזיקן באָדן. לײדער, ווייזט אַרויס די אידישע מאַסע אויך אויפ'ן באָדן פון פאַרפעסטיקן און פאַרברייטערן די שול אין דער אייגענער מוטער־שפּראַך ווייניק אַקטיוויקייט.

פאַר דער אידישער באַפעלקערונג איז ביז גאָר וויכטיק דער פונקט אין דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע, וואו ס'רעדט זיך וועגן נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע. מיר וועלן אים ברייגנען אין זיין פולער פאָרם:

„די גלייכבאַרעכטיקונג פון די בירגער איז אַ גרונט־געזעץ פאַר אַלע געביטן פוןווירטשאַפטליכן, שטאַאַטליכן, קולטורעלן און געזעלשאַפטליך־פּאָליטישן לעבן, ניט אָפּהענגיק פון נאַציאָנאַליטעט, ראַסע אָדער רעליגיע. יעדע דירעקטע אָדער אומדירעקטע באַגרענעצונג פון רעכט אָדער יעדע דירעקטע אָדער אומדירעקטע פּריווילעגירונג צוליב נאַציאָנאַליטעט אָדער ראַסע, יעדע ראַסן־אָדער נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע אָדער נאַציאָנאַלע שנאה־פּראָפּאַגאַנדע אָדער נאַציאָנאַלע פאַראַכטונג ווערט פון געזעץ באַשטראָפט" (סעיף 123 פון דער קאָנסטיטוציע).

מען קאָן מיט גרויסער באַפרידיקונג קאָנסטאַטירן, אַז ביז איצט איז ווירקליך יעדע דיסקרימינאַציע אָדער נאָך מער אַנטיסעמיטישע אַקציע אָדער פּראָפּאַגאַנדע גאָר שטרייננג באַשטראָפט געוואָרן.

אין אַ ווייטערדיקן סעיף פון דער קאָנסטיטוציע (סעיף 124) ווערט גאַראַנטירט „דאָס רעכט פון אַלע בירגער אויסצופילן זייערע

רעליגיעזע מנהגים און געבאָטן, ווי אויך פירן אַן אַנטי־רעליגיעזע פראָפּאַגאַנדע".

דער לעצטער פּאַראַגראַף איז ניט קיין נייער אין דער סאָציאַליס־טישער קאָנסטיטוציע און פונדעסטוועגן האָט דאָס ניט געשטערט צו פאַרוואַנדלען מיט געוואַלט טויזנטע קירכן און בתי־מדרשים אין קלובן און טאַנץ־זאַלן. דאָס איז געווען אין בעסטן פאַל — ס'זיינען אויך געווען פאַלן פון פאַרוואַנדלען געבעט־הייזער אין סחורה־לאַגערן אָדער גאָר אין פערד־שטאַלן. פאַר ניט קומען יום כיפּור צו דער אַרבעט זיינען טויזנטע אידישע אַרבעטער אָדער פויערים־מיטגלידער פון קאָלעקטיוון אַראָפּגענומען געוואָרן פון זייערע אַרבעט־פּלעצער. העברייאיש איז לויט דער קאָנסטיטוציע ניט פאַרבאָטן, אָבער פאַקטיש פאַרהאַלט די צענזור העברייאישע ביכער, געשיקטע פון אויסלאַנד, און לאָזט זיי ניט דורך קיין סאָוועט־רוסלאַנד. מיר וואָלטן געקאָנט ברייינגען נאָך צענדליקע ביישפּילן פון עובר זיין פון די מאַכט־אָרגאַנען מיט דער ברכה פון דער העכסטער מאַכט אויף קאָנסטיטוציע־סעיפים.

חוץ די צענטראַלע פאַרבאַנדישע געזעצן, וועלכע שיצן מער אומ־דירעקט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, האָבן די זעלבשטענדיקע רע־פּובליקן אַנטוויקלט אַ ברייטע שוין דירעקטע געזעצגעבונג און נאָך מער אַ פּראַקטיק פון באַוואָרענען די פאַקטישע גלייכבאַרעכטיקונג פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אויף אַלע געביטן.

אין ווייס־רוסלאַנד זיינען אַלע פיר אָרטיקע שפּראַכן — ווייס־רוסיש, רוסיש, אידיש און פּויליש — דערקלערט געוואָרן אַלס מלוכה־שפּראַכן מיט גלייכע רעכט. אין אוקראַינע גייט ניט די געזעצגעבונג אַזוי ווייט, אָבער אויך דאָרטן זיינען די מעגליכקייטן פאַר נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פיל ברייטער פון די אַפּעטיטן פון די אידישע מאַסן.

איינע פון די וויכטיקסטע דעראָבערונגען פון דער באָלשעוויסטי־שער רעוואָלוציע אויפ'ן נאַציאָנאַלן געביט זיינען די נאַציאָנאַלע סאָוועטן און ראַיאָנען. אַ שטאָט, שטעטל אָדער דאָרף־געמיינדע מיט אַ מערהייט פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט האָט רעכט אויף נאַציאָ־נאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג, דאָס הייסט, אַז די מאַכט־אָרגאַנען זאָלן אויספילן זייערע פונקציעס אין דער שפּראַך פון דער לאָקאַלער מער־הייט־מינדערהייט אין שטאַאַט. און ס'זיינען טאַקע באַשאַפן געוואָרן אַ סך נאַציאָנאַלע סאָוועטן אין אַלע רעפּובליקן.

צו די אַלע גוטע און וואוילע געזעצן און פאַראָרדענונגען האָט אָבער געפעלט איין קלייניקייט — אַ אידישער פּאָליטישער מאַסן־

אָרגאַן, וואָס זאָל שטיין אויף דער וואַך און אָנשטריינגען אַלע כוחות און אָרגאַניזירן אַלע פּאַטענצן אויף אויסנוצן זיי אין דער מעגליכסט פולסטער מאָס.

און דאָס מאָל האָט מען ניט באַדאַרפט שטיין אויף דער וואַך קעגן געגנער אָדער שונאים. די צענטראַלע מאָסקווער מאַכט האָט אויפריכטיק געוואָלט די אַנטוויקלונג פון דער אידישער קולטור אין אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, ווייל זי האָט זייער ניט געוואָלט, אַז די שטעט פון די דאָזיקע רעפּובליקן זאָלן צו שטאַרק און צו גיך אוקראַיניזירט און ווייס־רוסיזירט ווערן; זי האָט אויך ניט געוואָלט, אַז אידן זאָלן בלייבן, ווי ביים צאַרישן רעזשים, די טרעגער פון דער גרויס־רוסישער קולטור דאָרטן. אָבער פיל אינטענסיווער זיינען גע־ווען פאַראינטערעסירט אין דעם וואוקס פון אידישע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס די לאָקאַלע אוקראַינישע און ווייס־רוסישע רעגירונגען, וועלכע האָבן דערמיט געהאָפט אָפּצושוואַכן די רוסיפיציר־ווירקונג פון די שוין אַביסל אַסימילירטע און גרינג אַסימילירבאַרע אידישע מאַסן. וועגן אַסימילאַציע מיט דער אוקראַינישער אָדער גאָר מיט דער ווייס־רוסישער קולטור האָט נאָך דעמאָלט קיין רייד ניט געקאָנט־זיין.

אויף דער וואַך האָט מען באַדאַרפט דאָס מאָל שטיין קעגן דעם אינעווייניקסטן שונא, קעגן דער גרויס־רוסישער אַסימילאַציע־אינער־ציע באַ אידן, קעגן די נייע אַסימילאַציע-טענדענצן, קעגן דער איינגע-וואָרצלטער גרינגשעצונג באַ די ברייטסטע אידישע מאַסן פון דער אי-דישער שפּראַך, קעגן דעם גלות-פּעסימיזם און גלות-סקעפּטיציזם, קעגן דער געטאָ-פּסיכאָלאָגיע, הכלל קעגן אידישער נאַציאָנאַלער פּאַסיווקייט און אָפּגעלאָזנקייט. מען האָט באַדאַרפט שטיין אויף דער וואַך, אַז די אַסימילאַציע־כוואַליעס פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וועלכע פאַרפלייצן שוין ניט די אויבערע שיכטן, ווי דאָס איז געווען באַ דער בירגערליכער עמאַנסיפּאַציע, נאָר שווייבקען אונטער דעם מאַסן־באָדן פון דער אידישער קולטור, זאָלן ניט מאַכן צונישט די בעסטע און וואוילסטע געזעצן. באַ אַ נאַציאָנאַלער גרופּע, וואָס האָט אין איר גלות־געשיכטע געהאַט נאָר צוויי עקספּערימענטן, געטאָ אָדער אַסימילאַציע, איז דער פרייער גלות־נאַציאָנאַליזם געווען אַזאַ נייע דערשיינונג, אַז מען האָט זי באַדאַרפט באַזונדערס כאָוועז און וואַרימען, כדי זי זאָל זיך אָננעמען. דערביי וואָלט מען שוין געמוזט נעמען אין אַכט, אַז באַ דער דאָזיקער צוויי־טויזנט־יאָר־לאַנדלאָזער

נאַציאָנאַלער גרופּע איז דער רעליגיעזער מאָמענט אַזוי אינטים פאַרפלאָכטן מיט׳ן נאַציאָנאַלן לעבנס־שטייגער, אַז מען קאָן ניט אויסרייסן מיט׳ן וואָרצל דעם ערשטן און ניט חרוב מאַכן דעם צווייטן. מיט איין וואָרט מען האָט געמוזט נעמען אין אַכט די אייגנאַרטיקע היסטאָריש געגעבענע באַדינגונגען פון דער גרופּע, באַ וועלכער מען האָט געוואָלט פאַרפלאַנצן נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, זאָל זיין אפילו נאָר און אויסשליסלעך לויט׳ן שפּראַך־סימן. אַן אַנדער פראַגע איז, צי אפילו הונדערט־פּראָצענטיקע וואָרעמקייט באַ דער פּאָזיטיווער און הונדערט־פּראָצענטיקע פאַרזיכטיקייט באַ דער נעגאַטיווער אַרבעט וואָלטן געקאָנט פאַרהאַלטן דעם לויף פון די אַסימיליר־כוואַליעס, וועלכע זיינען געשאַפן דורך די נייע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. ס׳איז אָבער גאָר קיין ספק ניט, אַז פון דער גרעסטער אַסימילאַציע־שרפה קאָן מען זייער אַ סך אָפּראַטעווען דורך גוט אָרגאַניזירטן באַוואוסטזיניקן ווידערשטאַנד. אין די אידישע מאַסן איז אָנגעזאַמלט אַזאַ געדיכטער באַגאַזש פון נאַציאָנאַלער אינערציע, פון נאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד, פון נאַציאָנאַלן המשך, אַז מען קאָן תמיד געפינען גענוג כוחות אויב ניט אויף אָפּשטעלן די אַסימילאַציע, איז ווייניקסטנס אויף איינהאַלטן איר טעמפּ, איר חורבן־טיפקייט.

אויפ׳ן אָרט אָבער פון אַ פּאָליטישן מאַסן־אָרגאַן, וואָס זאָל אויפרודערן און צערודערן די אידישע מאַסן און זיי מאַכן פילן, אַז פּאַראַלעל מיט דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז באמת געקומען אויך אַ נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע אין אידישן לעבן, אַ רעוואָלוציע ניט נאָר להשמיד און לאבד, נאָר אויך צו שאַפן און באַנייען, איז געקומען אַ מפּיל־באַשעפעניש — אַ באַדינענדיקער אָרגאַן, צוערשט אין דער פאָרם פון אַ אידסעקציע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פון דער פּאַרטיי און האָט ניט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט מיט די אידישע מאַסן אַלס אַזעלכע; שפּעטער איז אפילו די אידישע סעקציע, ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע סעקציעס, אָפּגעשאַפט געוואָרן (1930) און אויף איר אָרט זיינען שוין געקומען אידטוער, אמת׳ע ביוראָקראַטן, אי דאָס אָפּט ניט ספּעציעל באַשטימטע פאַר אידישער אַרבעט, נאָר גאָר אָפט אָנגעלאָדענע מיט פילע אַנדערע פּאַרטיי־התחייבות׳ן. און אויב די אידישע סעקציע האָט נאָך געהאַט וועלכע ס׳ניט איז באַראַטונגען און קאָנפערענצן, וואו דער אידישער געדאַנק האָט וויפיל ס׳ניט איז פונקציאָנירט און געאַרבעט און אַמאָל זיך פאַרטשעפּעט פאַר אַ פרישער פראַגע און אַמאָל זיך אָנגעשטויסן אין ספקות און

זובעגישן, איז מיט'ן שטאַרבן פון דער סעקציע דאָס ביסל לעבן אויך אונטערגעגאַנגען. איצט זיינען שוין ניט פאַראַן קיינע באַראַטונגען; קיינע ניט קיין אַנגעווייטאַקטע און ניט קיין שמחה־פראַגן; קיינע ספקות און קיינע דערפאָלג־טענץ; קיינע אָפּנויגן און קיינע קאַמפן ניט מיט „לינקאַטשישע" און ניט מיט רעכטע קנייטשן. און ניט נאָר ס'ערשיינען מער ניט קיינע ביכער מיט באַריכטן וועגן אָפּגעטוענער אַרבעט און מיט רעזאָלוציעס וועגן פאַרשטייענדיקע אַרבעטן, נאָר אפילו אין די פּאָר צייטונגען, וואָס שלעפּן נאָך זייער קלאָגעדיקן קיום, טרעפט מען שוין יאָרן ניט קיין אַרטיקל וועגן דער אידישער אַרבעט. אפילו ניט קיין אינפאָרמאַטיוון אַרטיקל.

אַ טויטע שטילקייט הערשט אויפ'ן פעלד פון דער אידישער אַרבעט. אַ שטילקייט, וואָס רעדט גאַנץ קלאָר, אַז אַלץ גייט באַרג אַראָפּ, אַז ס'גייט אַ זעלבסט־ליקווידאַציע פון אַלע אידישע אינסטי־טוציעס, איינשליסנדיק די שולן. אַ זעלבסט־ליקווידאַציע, ווייל די אַקטיווע געגנער פון דער אידישער אַרבעט האַלטן גאָר ניט פאַר נויטיק אונטערצושטופּן דעם דאָזיקן פּראָצעס. זיי פאַרלאָזן זיך אויפ'ן סטיכישן פּראָצעס און, ליידער, נאַרן זיי זיך ניט אין דעם פאַל. דער סטיכישער פּראָצעס האָט נאָך קיינמאָל, דוכט מיר, ניט געהאַט אַזאַ גרינגע אויפגאַבע.

דער דערמאָנטער אַפּאַראַט, וואָס איז געווען באַרופן צו באַדינען דאָס סאָוועטישע אידנטום, האָט אָבער אָפּגעטאָן אַ גאַנץ גרויסע אַרבעט, אַ טאָפּעלע אַרבעט: אַ חורבן־אַרבעט און אַן אויפבוי־אַרבעט. ער האָט ליקווידירט אַלע אידישע אַלטע ניט נאָר רעליגיעזע, נאָר אויך קולטורעלע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס און האָט געפּרובט אויף די דאָזיקע חורבות אויפשטעלן נייע בנינים. לאָמיר זשע זען די רעזולטאַטן פוןביידע מינים אַרבעט פון די אידישע קאָמוניסטן.

22

די רדיפות אויף אידישע קהילות, ציוניזם, העברייאיש און החלוץ.

אידער מיר גייען איבער צו דער טעטיקייט פון די אידישע קאָמוניסטן, לאָמיר אין קורצן זיך אָפּשטעלן אויף דער פראַגע וועגן „יער באַזע פון דעם אַפּאַראַט, וואָס האָט אויף זיך גענומען אַזאַ . . ויסע און קאָלאָסאַלע אחריות, ווי דעם גורל פון דריי מיליאָן אידן. פאַקטיש האָט אייגנטליך דער אַפּאַראַט גאָר קיין באַזע ניט געהאַט, ווייל קיינע וואָלן זיינען קיינמאָל ניט פאָרגעקומען אפילו צווישן די אידישע קאָמוניסטן, זאָל זיין אפילו אַזעלכע קאָמעדיע־וואָלן ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד בכלל. אָבער ס'האָט געהייסן, אַז די סעקציע טוט איר אַרבעט אין נאָמען פון די „אידישע קאָמוניסטישע מאַסן". ווי גרויס זשע זיינען געווען די דאָזיקע „מאַסן"?

די צאָל אידישע קאָמוניסטן האָט באַטראָפן: *)

יאָר	אידישע קאָמוניסטן	
	אבס.	%
1922	19,562	5.2
1927	49,627	4.3
1930	75,929	3.8

דער אָנטייל פון אידן אין דער גאַנצער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט באַטראָפן אין 1922 העכער 5 פּראָצענט און דאָס האָט אויסגעמאַכט צוויי־און־אַ־האַלב מאָל מער פון פּראָצענט אידן אין דער באַפעלקערונג. אָבער אין 1930 איז דער פּראָצענט אידן שוין געווען נאָר 3.8, דאָס הייסט, קנאַפּע צוויי מאָל מער פון פּראָצענט אידן אין דער באַפעלקערונג. אָבער ניט דאָס אינטערעסירט אונז דאָ. פאַר אונז איז פיל וויכטיקער פעסטצושטעלן, אַז די אידישע קאָמוניסטן האָבן אויסגעמאַכט:

*) דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער צוזאַמענשטעל פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. מאָסקווע, 1928 (רוסיש); „עמעס" 5-טן יוני, 1930; נ. גערגעל, אידן אין דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין „ייווא בלעטער", יאַנואַר, 1931.

יאָר	פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג	פון גאַנצן אידישן פראָלעטאַריאַט (אַרב. און אַנגעשטעלטע) *)
1919	0.78	9.78
1927	1.86	11.10
1930	2.70	13.80

נעמט מען אַלזאָ די קאָמוניסטן לגבי דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג, באַקומט זיך גאָר אַ לעבערליכע ציפער: ווייניקער פון איין פראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג האָט זיך גענומען דאָס רעכט קאָמאַנדעווען און קערעווען און איבערקערן דאָס גאַנצע אידישע לעבן מיטן קאָפּ אַראָפּ און באַשטימען זיין גורל אויף עפּאָכעס. און אפילו אין 1930 האָבן די אידישע קאָמוניסטן ניט אויסגעמאַכט קיין גאַנצע דריי פראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג. געוויס אויך באַ ניט אידן האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אויסגעמאַכט אַ נישטיקן פראָצענט פון דער באַפעלקערונג. אָבער דאָס איז גאָר אַ קליינע נחמה און אויך אַ קליינע באַרעכטיקונג. נאָר אפילו ווען מען נעמט די קאָמוניסטן נאָר לגבי די אידישע פּראָלעטאַריער, באַקומט מען אויך אַ נישטיקע ציפער. אין אָנהויב רעוואָלוציע ווייניקער פון 10 פראָצענט און אין יאָר 1930 קוים 13 פראָצענט פון אַלע אידישע פּראָלעטאַריער.

מיר פאַרמאָגן די ערשטע דאַטן נאָר פאַר'ן יאָר 1919, ווען די דיקטאַטור פון די אידישע קאָמוניסטן האָט שוין געהערשעוועט אין פולן טעמפּ און האָט מיט געוואַלט צוגעצויגן מיטגלידער צו דער פּאַרטיי. וואָלטן מיר געהאַט ציפער פאַר'ן יאָר 1918, וואָלט אַרויסגעקומען, אַז אַ קופּקעלע פון אַ פּאָר מאות אידישע קאָמוניסטן האָבן מיט דער הילף פון דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פאַרכאַפּט די מאַכט איבער צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן אידן, און מיט דער הילף פון דער דאָזיקער אויסערליכער מאַכט האָבן זיי דורכגעפירט פריער פון אַלץ און מער פון אַלץ דעם גרויסן חורבן.

מיר פאַרשפּאָרן צוגעבן, אַז די אידישע סעקציע איז קיינמאָל ניט אויסגעקליבן געוואָרן ניט נאָר פון דער גאַנצער פּראָלעטאַרישער מאַסע, נאָר אפילו ניט פון די אידישע קאָמוניסטן.

---

*) מיר האָבן גערעכנט אידישע פּראָלעטאַריער: אין 1919 — 200 טויזנט; אין 1927 — 420 טויזנט; אין 1930 — 550 טויזנט.

פון 20־טן ביז׳ן 27־טן אָקטאָבער, 1918, איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון אָפּטיילן פון אידישן קאָמיסאַריאַט און פון אידישע סעקציעס. סך הכל זיינען געווען 64 דעלעגאַטן, אָבער נאָר 31 זיינען געווען קאָמוניסטן און די איבעריקע 33 זיינען געווען קולטור־טוער, וועלכע האָבן זיך איינגערעדט, אַז מען וועט קאָנען טאָן געמיינזאַמע אַרבעט מיט די קאָמוניסטן. אין משך פון די ערשטע טעג פון דער קאָנפערענץ זיינען פאָרגעקומען שאַרפע צוזאַמענשטויסן צווישן די דאָזיקע צוויי גרופּעס און די מערהייט אומפּאַרטייאישע האָט פאַרלאָזט די קאָנפערענץ. דער עיקר חלוקי דעות איז געווען בנוגע דער פאַרוואַלטונג מיט די שולן. די אומפּאַרטייאישע האָבן געפאָדערט, אַז די בילדונג זאָל בלייבן אין רשות פון די קהילות. נאָכדעם ווי די קאָמוניסטן זיינען געבליבן די בעלי־בתים פון דער קאָנפערענץ האָבן זיי אָנגענומען צווישן פילע אַנדערע אויך פאָלגנדיקע רעזאָלוציע: „דער אידישער אַרבעטער, שטיצנדיק זיך אויף דעם זיג פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, נעמט אין זיינע הענט די מאַכט, דערקלערט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אויף דער אידישער גאַס און רופט אַלע אידישע אַרבעטער צו פאַראייניקן זיך אַרום דעם אידישן קאָמיסאַריאַט, כדי צו פאַרפעסטיקן זיין דיקטאַטור. די ערשטע אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון די אידישע קאָמיסאַריאַטן און קאָמוניסטישע סעקציעס באַפולמעכטיקט די קאָלעגיע פון צענטראַלן קאָמיטעט פאַר אידישע ענינים, אַז זי זאָל אָננעמען מיטלען צו דער פּלאַנמעסיקער ליקווידאַציע פון די בורזשואַזע אַנשטאַלטן״.*)

דאָס איז געווען אַ מין סיגנאַל צו רדיפות אויף אַלע אידישע געזעלשאַפטן און קהילות. אין אַפּריל, 1919 האָט דער צענטראַלער אידישער קאָמיסאַריאַט אָנגענומען אַ דעקרעט, וועלכער איז פּובליקירט געוואָרן אין יוני און וועלכער איז אונטערגעשריבן פון סטאַלין. אין דעקרעט ווערט געזאָגט, אַז „די קהילות און זייער צענטראַל־ביוראָ גרופּירן אַרום זיך אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון אידישן אַרבעטער־קלאַס, אַז די קהילות פירן אַ שענדליכע פּאָליטיק, וועלכע איז געווענדעט אויף פאַרטונקלען דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פון די אידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, אַז די קהילות גיבן אַ שעדליכע אַנטי־פּראָלעטאַרישע דערציאונג דעם אויפוואַקסנדיקן אידישן דור און דעריבער

*) א. קירזשניץ, דער אידישער אַרבעטער, ז. 261 און 262. (איטאַליקס פון מיר — י. ל.).

באַשליסט דער צענטראַלער קאָמיסאַריאַט פאַר אידישע נאַציאָנאַלע ענינים:

„די צענטראַל־ביוראָ פון די אידישע קהילות און אַלע זייערע אָפּ־טיילונגען צו פאַרמאַכן אויף שטענדיק און די געלט־סומען, דעם לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר איבערגעבן די אָרטיקע קאָמי־סאַריאַטן".*)

באַלד נאָך דעם דאָזיקן דעקרעט האָט מען ליקווידירט די פּעטער־בורגער און מאָסקווער קהילות און שפּעטער אויך די פּראָווינציעלע פון גרויס־רוסלאַנד.

אין אוקראַאינע איז די זאַך צוגעגאַנגען אַ סך שאַרפער ווי אין גרויס־רוסלאַנד. ערשטנס, מחמת דאָ זיינען געווען נעדיכטע אידישע מאַסן און דער פּאַרטיי קאַמף האָט דאָ געטראָגן אַ שאַרפן כאַראַקטער. צווייטנס, מחמת דאָ זיינען צוגעקומען עטליכע איבערלויפער, ווי ראַפעס, בראָווארניק, פרענקעל, צוויי געוועזענע בונדיסטן און איין געוועזענער פאַראייניקטער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר די נידערטרעכטיקסטע פאַררעטער און פאַרפאָלגער ניט נאָר פון פאַר־טרעטער פון געגנערישע פּאַרטייען, נאָר אויך פון אייגענע געוועזענע חברים. דריטנס, איז אוקראַאינע פאַרט געווען ווייט פון דער צענטראַ־לער מאַכט, וואו ס'זיינען געזעסן אַזעלכע קולטורעלע מענטשן, ווי לונאַטשאַרסקי, סמיראַוויטש און אַנדערע. פערטנס, איז אין אוקראַי־נע צוגעקומען אַ קאָמוניזירנדיקער רב'ל, דער באַרימטער זשיטניק, וועלכער האָט דורכגעפירט דעם חורבן פון דער קיעווער קהילה.

אינ'ם באַפעל פון קיעווער קאָמיסאַריאַט פאַר אינערליכע ענינים פון 12־טן יולי, 1919, פילט זיך די נעניטע האַנט פון ראַפעס'ן, וועלכער האָט טאַקע אַליין בכבודו ובעצמו זיך באַטייליקט ניט נאָר אין די אָנפאַלן אויף אידישע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן, נאָר אויך באַ די זוכונגען אין וואוינונגען פון ציוניסטן און קולטור־טוער און אויך באַ די פאַרהערן באַ די פאָרשונגס־ריכטער.

דער באַפעל טראָגט דעם קאָפּ: „צירקולאַר־טעלעגראַמע צו אַלע גובערניאַלע און אויעזדנע פּאַרוואַלטונגס־אָפּטיילן פון די איס־פּאָלקאָמען (אויספיר־קאָמיטעטן) וועגן פאַרמאַכן די בורזשואַזע ציוי־ניסטישע און אידישע קלעריקאַלע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, בילדונגס און קולטור־געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס". און דאָ גייט אַוועק אַ

*) ש. אגורסקי, דער אידישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באַ־וועגונג, מינסק, ז. 9.

סדרה באשולדיקונגען איינע נידערטרעכטיקער פון דער צווייטער: „אָריענטאַציע אויף דעם נצחון פון די אינטערנאַציאָנאַלע אימפעריאַליסטן, שעדליך פאַר דער מאָביליזאַציע און אויך פאַר די אינטערעסן פון די אידישע אַרבעטער", לכן ווערט באַפוילן:

א) תיכף אָפּשטעלן די טעטיקייט פון די צענטראַלע און אָרטיקע קאָמיטעטן פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי און אירע פראַקציעס. נעמען אַ חתימה באַ אַלע אַקטיווע טוער, אַז די טעטיקייט פון די אויבנדערמאָנטע געזעלשאַפטן ווערט לחלוטין אָפּגעשאַפט. מתרה זיין זיי, אַז אין פאַל ווען מען וועט זיך ניט אונטערגעבן דער דאָזיקער פאַראָרדענונג וועלן די פירער איבערגעגעבן ווערן צום געריכט פון רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל".*)

ווייטער ווערן נאָך אויסגערעכנט תרבות, די פאַרלאַגן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַלע אירע שאַטירונגען און ס'ווערט באַפוילן: „דאָס אייגנטום איבערגעבן דעם קאָמיסאַריאַט פאַר אינערליכע ענינים, תיכף מאַכן אַ רעוויזיע אין אַלע דרוקערייען פון ציוניסטישע און קלעריקאַלע אויסגאַבן און אָפּשטעלן די אויסגאַבן, די אַרכיוון און אַלע דאָקומענטן פאַר'חתמנ'ען". און צום סוף: „דרינגענד דעפּעשירן וועגן דעם, צי דאָס אַלץ איז אויסגעפירט געוואָרן". אונטערגעשריבן איז דער שטעל-פאַרטרעטער פון דעם קאָמיסאַריאַט פאַר אינערליכע ענינים וולאַסענקאָ, דער פאָרזיצער פון דער ליקווידאַציע-קאָמיסיע פאַר אידישע ענינים טשאַרני (מיכאַיל) און מיטגלידער פון דער קאָמיסיע ראַפּעס און פרענקעל.

גלייכצייטיק מיט'ן דאָזיקן באַפעל איז דערשינען אַ צירקולאַר, אין וועלכן ס'ווערן איינגעלאַדן אַלע מיטגלידער פון די קאָמיטעטן, פאַרוואַלטונגען און סעקרעטאַריאַטן צו קומען אויף מאָרגן, דעם 13־טן יולי, אין דער וואוינונג פון רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל אָפּגעבן זייערע חתימות. אין צעטל פון די חברות זיינען אַריין ניט נאָר אַלע ציוניסטישע חברות און פאַרטייען, חוץ די פּועלי ציון, נאָר אויך תרבות, התחיה, די קהילה, געזעלשאַפט פאַר אידישער וויסנשאַפט, דער אידישער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט און פילע אַנדערע פּאָליטישע, קולטורעלע און אפילו צדקה־חברות, ווי חברה קדישא, צענטראַלער און קיעווער קאָמיטעט צו העלפן געליטענע פון דער מלחמה.

*) ציטירט לויט די זאַמלביכער „אין דער תקופה פון רעוואָלוציע", בערלין, 1924, ז. 322.

מיט איין וואָרט דער חורבן איז געווען אַ פולקאָמענער. די קולטור ליגע, וועלכע האָט געפירט אַ קאָלאָסאַלע קולטור־ארבעט, האָט מען אָנגעהויבן אונטערגראָבן פון אינעווייניק. די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָט מען נאָך געלאָזט אָטעמען, אָבער ניט אויף לאַנג.

זאָל נאָך זיין צוגעגעבן, אַז די „רעוואָלוציאָנערע" ארבעט פון ראַפּעס'ן און זיינע חברים איז דורכגעפירט געוואָרן אין יאָר 1919 — אין יאָר פון די בלוטיקסטע פּאָגראָמען אין גאַנץ אוקראַינע. דער פּאָגראָם אויף די אידישע פּאַרטייען און געזעלשאַפטן, אינסטי־טוציעס און אַנשטאַלטן, דורכגעפירט דורך די אידישע קאָמוניסטן, איז געווען אַ מין אַקאָמפּאַנימענט צו דעם פּאָגראָם פון די הײדאַמאַקעס און פּעטלורישע און דעניקישע באַנדעס.

מיר קאָנען זיך דאָ ניט אָפּשטעלן באריכות אויפ'ן טרויעריקן קאַפּיטל אין לעבן פון דער אידסעקציע, עליה השלום, אויף איר חרוב מאַכן אַ קולטור־ירושה פון פילע דורות. די דאָזיקע טעמע פאָרדינט אַ בוך און אַ גרויסן בוך. מיר קאָנען אָבער ניט דורכלאָזן אַ פּאָר צווייגן פון דער חורבן־ארבעט: ראשית, די רדיפות אויף די חלוצים, וועלכע זיינען געווען די אמת'ע פּיאָנערן פון דער אידישער קאָלאָני־זאַציע, באַזונדערס אין קרים. פּיאָנערן ניט נאָר פון סתם קאָלאָניזאַ־ציע, נאָר פון אמת קאָלעקטיוויסטישער, געבויט ניט אויף מאָרד און צוואַנג, נאָר אויף דעם פרייען רצון פון פרייע מענטשן, אויפ'ן סאָציאַליסטישן גלויבן פון פרייע יונגע אידן. שנית, די אַנטירעליגיעזע.

די צענטראַלע סאָוועטישע רעגירונג האָט זיך פון אָנהויב ניט באַזונדערס אָריענטירט אין די אידישע פראַגן און דער אַלרוסישער צענטראַל קאָמיטעט האָט דעם 21־טן אַפּריל, 1919 אפילו אָנגע־נומען אַ באַשלוס „ניט צו שטערן דער ארבעט פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי".*) אָבער שוין אין סעפּטעמבער פון זעלבן יאָר האָט מען ארעסטירט דעם ציוניסטישן „מרכז" אין פּעטראָגראַד, מען האָט צוגעמאַכט דעם צענטראַל־אָרגאַן „ראַזסוועט" און אין אַפּריל, 1920 האָט מען ארעסטירט די גרויסע ציוניסטישע קאָנפערענץ אין מאָסקווע און ארום 75 ציוניסטן זיינען געזעסן אַ פּאָר חדשים אין טורמע. פון דעמאָלט אָן הויבט זיך אָן אַ געמוטשעט לעבן פאַר דער ציוניס־טישער באַוועגונג. אָבער די חלוצישע קאָמונעס האַלטן אין איין צעוואַקסן זיך גראָדע אין די דאָזיקע יאָרן. אין 1921 ווערן שוין

*) דאָרטן.

פארפאָלגט אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און אין דעם כּלל אויך די רעכטע פּועלי ציון, (די לינקע פּועלי ציון האָלטן זיך ביז 1928), אָבער די חלוצישע קאָמונעס עקסיסטירן. צוביסלאַך אָבער הויבן אָן די אידישע קאָמוניסטן אַריינדרינגען אין די חלוצישע קאָמונעס, שאַפן דאָרטן קעמערלאַך, פּרובן פון אינעווייניק אויפרייסן די קאָ־מונעס און זיי איבערנעמען אין זייער רשות. הונדערטע חלוצים ווערן אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר, אָבער די אַרבעט גייט ווייטער. די פּאָליטישע אַרבעט גייט ווייטער אומלעגאַל און די קאָמונעס עקסיסטירן לעגאַל.

די צאָל קרבנות פון די חלוצים אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן און אין די סאָוועטישע טורמעס גרייכט אין די פילע הונדערטע. פילע שטאַרבן אין די טורמעס פון הונגער אָדער פון עפּידעמיעס, וועלכע בושעווען דאָרטן. די אכזריות פון די טשעקיסטן גייט אַזוי ווייט, אַז קראַנקע חלוצים לאָזט מען אָן מעדיצינישער הילף. אייניקע האַלטן ניט אויס און באַגיין זעלבסטמאָרד. פילע חלוצים לאָזן זיך אומלעגאַל צו די סאָוועטישע גרעניצן, כּדי זיך דערשלאָגן קיין ארץ־ישראל. אויף די גרעניצן פאַלן אויך ניט ווייניק קרבנות.

נאָר אַ פּאָר ביישפּילן פון סאָוועטישער אכזריות: פרידה אבן־טוב איז אַריינגעטראָטן אין דער חלוצישער באַוועגונג צו 17 יאָר. איבערגעגעבן מיט דער גאַנצער נשמה דער הייליקער אַרבעט, טוט זי איר חוב אויך נאָכדעם ווי דער החלוץ איז פאַרבאָטן. דעם 1־טן מערץ, 1926 ווערט זי אַרעסטירט אין לענינגראַד. זי זיצט לאַנגע חדשים אין טורמע. ווערט פאַרשיקט קיין אוראַל אין אַ דאָרף, וואָס ליגט 500 מייל פון אַ באַן. זי ווערט קראַנק און ליגט חדשים אויפ'ן קראַנקן בעט, אָבער קיין מעדיצינישע הילף באַקומט זי ניט, ווייל אין דאָרף איז קיין רופא אפילו ניטאָ, שוין אָפּגערעדט פון אַ דאָקטאָר, און אָפּלאָזן זי אין שטאָט וויל מען ניט. אַלע בקשות ווערן אָפּגע־וואָרפן אויפ'ן אָרט און אויך אין מאָסקווע. אין יאַנואַר, 1928, ווען איר צושטאַנד ווערט שוין האָפענונגסלאָז, שיקט מען זי איבער קיין סווערדלאָווסק אין אַ שפּיטאָל, וואו זי שטאַרבט דעם 24־טן פעב־רואַר. *)

אברהם שפּילקע פון קוזמין, וואָלין, איז אַריין אין דער חלוצישער באַוועגונג ערשט אין 1925 ווען די באַוועגונג איז שוין געווען אומ־

---

*) „החלוץ ברוסיה", תל אביב, תרצ"ב. ז. 241.

לענגאַל. ער ווערט צוויי מאָל אַרעסטירט, אָבער ער בלייבט טריי זיין אידעאַל און טוט זיין אַרבעט מיט אמת׳ער מסירת נפש. ער ווערט אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין קאַזאַקסטאַן. די גראָבע באַהאַנדלונג פון די טשעקיסטן, די איינזאַמקייט פון דער פאַרשיקונג — דאָס אַלץ ווירקט אויף אים שטאַרק און ער מאַכט פריוויליג אַ סוף צו זיין לעבן. ער איז אַלט געווען סך הכל 22 יאָר.*)

מיר וואָלטן געקאָנט ברייננגען נאָך אַ סך אַזעלכע ביאָגראַפיעס פון אמת׳ע העלדן, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייערע יונגע לעבנס, וועלכע זיינען פאַרשניטן געוואָרן אין זייערע יונגע בלי־יאָרן פון אַ רעזשים, וואָס פּרעטענדירט אויף ברייננגען די גאולה דער גאַנצער וועלט.

מאַסן־אַרעסטן זיינען געווען: אין קיעוו און אין קרים אין פעברואַר 1926; 16־טן מערץ, 1926, פאַלט מען אָן אויף דעם חלוצים־הויז אין מאָסקווע און מען אַרעסטירט אַ גרויסע גרופּע חלוצים; אין אַפּריל פון זעלבן יאָר אַרעסטירט מען אין אָדעס ביז 50 חלוצים און אין פּראָסקוראָוו ביז 100 חלוצים; אין יוני קומען פאָר גרויסע אַרעסטן אין לענינגראַד; אין יולי אין ניעזשין און אין מאָסקווע און אין אָדעס אַליין אַרום 30 חלוצים; אין אויגוסט ווידער אַרעסטן אין אָדעס; אין סעפּטעמבער ווידער אין לענינגראַד; אין אָקטאָבער אין פּאָלטאַווע; אין נאָוועמבער אין אָדעס, סימפעראָפּאָל און אין די חלוצישע קאָלאָניעס פון קרים, כערסאָן און קריוואיראָג. דאָס יאָר 1926 קאָן גערעכנט ווערן פאַר׳ן ערשטן יאָר פון דער מאַסן־ליקווידאַציע פון דער חלוצישער באַוועגונג. אָבער אַזוי גיך גיט זיך ניט איין צו דערשטיקן די דאָזיקע לעבעדיקע באַוועגונג. ניט געקוקט אויף די שווידערליכע פאַרפאָלגונגען, שטייען צו יונגע מענטשן צו דער באַוועגונג. אין 1927 חזר׳ן זיך איבער די אַרעסטן, וועלכע הערן כמעט ניט אויף ביז 1930. די באַוועגונג ווערט ענדליך צוזאַמענגעבראָכן און ס׳בלייבן נאָר קליינע גרופּקעלאַך, וועלכע שטעלן ממש איין דאָס לעבן און האַלטן אונטער דאָס הייליקע פייער.

דאָס חרוב מאַכן פון די חלוצישע קאָלאָניעס אין קרים שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַזונדער שאַנד־קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון

*) דאָרטן.

באָלשעוויסטישן טעראָר און וועט בלייבן אַן אייביקער שאַנד־פלעק אויף׳ן געוויסן פון די אידישע קאָמוניסטן.

פאַר לערנען אָדער שרייבן העברייאיש האָט מען אָפּט פאַרשיקט קיין סיביר. אין 1935 איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר דער העברייאישער דיכטער חיים לענסקי. מען ווייסט אפילו ניט, צי ער לעבט נאָך. אַ זאַמלונג פון זיינע לידער איז ניט לאַנג ערשינען אין תל־אביב. איינער פון זיינע שירים, איבערזעצט פון דוד פינסקי („אידישער קעמפער״, 18־טן אָקטאָבער, 1940), ענדיקט זיך אַזוי:

„אַ נייער באַרבער — אַ נייער סדר, געבליבן בלויז דערהאַלטן דאָס גאָלמעסער דאָס אַלטע״.

מיט די דאָזיקע ווערטער שליסן מיר דאָס פינסטערע קאַפּיטל פון רדיפות אויף אידישע אינסטיטוציעס און לעבנס־פאַרמען און גייען איבער צום אַנטירעליגיעזן שדים־טאַנץ.

23

דער אַנטי־רעליגיעזער
שדים־טאַנץ

ניט קיין קלענערער שאַנד פלעק אויף זייער געוויסן וועט בלייבן דער ווילדער אַנטי־רעליגיעזער שדים־טאַנץ.

„מהרסיך ומחריביך ממך יצאו” — אין סאָוועט־רוסלאַנד איז די דאָזיקע קללה מקוים געוואָרן אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט. דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פּרינציפּ, אַז רעליגיע איז אָפּיום פאַר'ן פאָלק איז מיט'ן חסד פון די אידישע קאָמוניסטישע פאַנאַטיקער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמת'ע אינקוויזיציע פאַר די אידישע מאַסן. ס'איז גאָר ניט צו פאַרגלייכן די רדיפות און נגישות פון גלחים און אַנדערע קריסטליכע כלי קודש מיט די פאַרפאָלגונגען פון רבנים, שוחטים און חזנים און דער עיקר מיט די גזירות אויף אידישע אַרבעטער פאַר האַלטן שבת און יום טוב. אַלץ איז דערקלערט געוואָרן פאַר רעליגיע: ניט נאָר יום כיפור, נאָר אויך פסח; ניט נאָר ראש השנה, נאָר אויך שבועות; אייגנטליך אַלע אידישע יום טובים און אַלע אידישע מנהגים און זיטן. ס'איז שווער צו געפינען אין דער רוסישער אָדער אוקראַינישער פּרעסע אָנפאַלן און מסירות אויף איינצלנע מענטשן פאַר האַלטן דעם אָדער יענעם רעליגיעזן מנהג אָדער דין. אָבער אין דער אידישער פּרעסע זיינען געווען ניט הונ־דערטער, נאָר טויזנטע פאַלן פון מסירות און פאָדערונגען, אַז מען זאָל באַשטראָפן, מען זאָל אָנלערנען, למען ישמעו וייראו . . .

די באַרימטע פאַנאַטישע אַמאָליקע בונדיסטקע, שפּעטער נאָך מער פאַנאַטישע קאָמוניסטקע, אסתר פרומקין, וועלכע האָט אירע יאָרן פאַרענדיקט אין אַ סטאַלין־טורמע, דערציילט מיט שטאָלץ: „פון דער דאָזיקער בראָשור וועלן זיך די רוסישע חברים איבערציינגן, אַז סיי די אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע, סיי דער קאַמף מיט'ן איינ־פלוס פון די כלי קודש ווערן געפירט אין דער אידישער סביבה ניט נאָר שוואַכער, נאָר אדרבא ענערגישער, עקשנות'דיקער, און דער עיקר סיסטעמאַטישער, ווי אין דער ניט אידישער סביבה”.*)

---

*) אסתר פרומקין, נידער מיט די רבנים! (רוסיש), מאָסקווע, 1923, ז. 4.

דער אנטי־רעליגיעזער שדים־טאַנץ

אסתר פרומקין איז געווען אַ מענטש מיט טאַלאַנט. מיר ווען דעריבער איר אַליין געבן דאָס וואָרט: „מינסק. אויף דער נאַכט צו כל נדרי. אַלע בתי מדרשים פול מיט אידן. שטיל אויף די גאַסן און קיין נפש זעט מען ניט. מיט אַמאָל . . . עפּעס הערט זיך אַ טומל פון דער געבײַדע, וואו דער קלוב פון דער קאָמוניסטישער יוגנט געפינט זיך. אַלץ נאָענטער און נאָענטער ווערט דער גערודער. אָט איז ער שוין אויפ'ן פרייהייט־פּלאַץ. די יוגנט דעמאָנסטרירט. עס גייען עטליכע טויזנט מענטשן, מיט פאָנען, מיט ברענענדיקע לאַמ־טערנעס. איבער די קעפּ פון די דעמאָנסטראַנטן פיגורן פון קאַרטאָן: אַ גלח מיט אַ רב. דער גלח מיט'ן רב קושן זיך. די יוגנט זינגט: „מיר האָבן אַ תשובה אויף אַלץ שוין גרייט, די רבנים און גלחים אַראָפּ, אַראָפּ!"

„ אַ געזאַנג, אַ געלעכטער, געשרייען רייסן זיך אַריין אין בית המדרש, וואו מען וויינט, קלאָגט און מען ציטערט פאַר גאָט".*)

אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס זײַנען אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע פאָרגעקומען אין צענדליקע שטעט און שטעטלאַך און אין זייער אַ סך ערטער זײַנען זיי באַגלייט געוואָרן מיט שלעגערייען, מיט בלוט, מיט אַרעסטן פון „קאָנטררעוואָלוציאָנערן", מיט געריכטן און גאָר אָפט מיט טורמע אָדער צוואַנג־אַרבעט.

דער „וועקער" פון מינסק פון 11־טן אָקטאָבער 1923, דערציילט גאַנץ באַריכות, ווי מען האָט אין באָריסאָוו געפּראַוועט אַנטי־יום כיפור. דער קאָרעספּאָנדענט באַרימט זיך, אַז די „באָריסאָווער קלע־ריקאַלן האָבן פּאַראַיאָרן באַקומען זייער פּסק און זײַנען אָפּגעזעסן אַ שיין ביסל צייט אין „חדר מיוחד", נאָר דאָס האָט זיי ניט אָפּגעשטעלט פון אַרויסטרעטן אַלס גאָט'ס קאָזאַקן היינטיקס יאָר". נאָכדעם ווי דער קאָרעספּאָנדענט באַשרייבט די דעמאָנסטראַציע פון דער יוגנט מיט פאָנען און פּלאַקאַטן אין באַקאַנטן נוסח, ענדיקט ער: „פון שול זײַנען אַרויסגעלאָפן אַ מחנה קינדער, אַלטע און יונגע ווייבער, אַלטע אידן און וואָס געכאַפּט דאָס געוואָרפן אויף די דעמאָנסטראַנטן".

מען קאָן זיך גרינג פאָרשטעלן, ווי נידערטרעכטיק און חוצפה'־דיק די פרומע קעמפער געגן רעליגיע האָבן זיך געפירט ווען זיי האָבן געקאָנט אַרויסברייגען פון געדולד פרומע אַלטע לייט, וועלכע זאָלן אום יום כיפור זיך לאָזן וואַרפן שטיינער.

---

*) דאָרטן.

אַלס איינער פון די מעטאָדן פון קאַמף קעגן רעליגיע איז גע־וועז דאָס צונעמען בתי מדרשים און זיי פאַרוואַנדלען אין קלובן, אָפט אויך אין שטאַלן פאַר פערד אָדער אין סחורה־לאַגערן. דאָס איז געווען ממש אַ בלוטיק בלעטל געשיכטע, ווארום פרומע אידן האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן, ניט מורא האָבנדיק פאַר טורמע אָדער סיביר. אַט ווי די אויבן דערמאָנטע אסתר באַשרייבט אַ קאַמף אין וויטעבסק: „די גבאים מיט אַנדערע פרומע אידן האָבן זיך באַזעצט אין די בתי מדרשים און פלעגן דאָרטן בלייבן פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן די בתי מדרשים איינגאַנצן פאַר׳חתמנ׳ען. אַז מען האָט דאָס אָפּגעטאָן, זיינען די מתפּללים זיך צונויפגעקומען, אָנגעטאָן אין טליתים אין די הויפן פון די בתי מדרשים און האָבן דאָרטן דעמאָנסטרירט גאַנצע טעג. מען האָט געמוזט מאַכן אַן עק דערצו. האָט מען איבערגעגעבן אַ גרופּע פון 15 אַרבעטער אַרויסצוטרייבן פון די הויפן אַלעמען און איבערטראָגן אין אַנדערע ערטער די ספרי תורות און אַנדערע זאַכן. אַז זיי האָבן זיך געווענדעט צו די בירגער און זיי פאַרגעלייגט רואיק אוועקצוגיין, זיינען זיי פאַרשאָטן געוואָרן מיט שטיינער און שטיקער בלאָטע. די אַרבעטער האָבן געמוזט אָפּטרעטן. אין דעם דאָזיקן טאָג האָט קיין איין אידישער קאָמוניסט ניט געטאָרט זיך יאַווען אין גאַס. מען פלעגט זיי פאַרוואַרפן מיט בלאָטע, שטיינער און געשאָלטן מיט טויטע קללות און חרמות.

„דעמאָלט האָט דער גובערניאַלער אויספיר קאָמיטעט געגעבן דעם אידישן קאָמיסאַריאַט אַ באַוואָפנטע גרופּע, וועלכע האָט ענדליך אָפּגערוימט דעם בית המדרש־הויף" („דאַלאַי ראַווינאַוו", ז. 52).

מען מוז מודה זיין, אַז קיין שום אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, ניט דער בונד און ניט די פאַראייניקטע, האָט ניט געקעמפט אַזוי מוטיק און אַזוי מסירת נפש׳דיק פאַר זייערע איבערצייגונגען, ווי די באַשריבענע טליתים אידן. אסתר דערציילט ניט, ווי אַזוי מען האָט אָפּגערוימט דעם הויף, וויפיל מענטשן זיינען געפאַלן, וואוהין מען האָט פאַרשיקט די ווידערשפּעניקע א. אַ. וו. אָבער מיר ספק׳ן ניט, אַז די קרבנות זיינען געווען היבש.

אסתר אַליין איז מודה, אַז „באַזונדערס שווער איז דער קאַמף מיט דער ישיבה, ווייל די מוסר׳ניקעס און ישיבה׳ניקעס דערקלערן, אַז זיי זיינען גרייט זיך מקריב זיין פאַר זייער ישיבה" (דאָרטן, ז. 40).

די אידישע קאָמוניסטן האָבן אַזוי פּרום און פאַנאַטיש אויסגעפירט די פּראָגראַם פון קאַמף געגן אידישן גאָט און זיינע אינסטיטוציעס, אַז אין „פּראַוודאַ" האָט אַ רוסישער קאָמוניסט סטעפּאַנאָוו פאַרעפנטליכט אַן אַרטיקל פול מיט קנאה, אַז ער „וואָלט געווען גליקליך צו זען די רוסישע קאָמוניסטן זאָלן זיך אַזוי אַריינרייסן אין קלויסטערס אין די גרויסע הייליקע יום טובים, ווי די אידישע קאָמוניסטן טוען דאָס יום כיפּור".

אסתר שוימט פון כעס און האַס צו די רבנים און צו די אידישע פרומע לייט און ווערט ממש צעשמאָלצן פון דער אַנטירעליגיעזער אַקטיווקייט, מיט וועלכער די אידישע קאָמוניסטן פאַרשעמען זייערע רוסישע און אוקראַינישע און ווייס־רוסישע און אוודאי אויך די טאַטערישע קאָלעגן. אָבער אסתר איז ניט געווען אַליין. זי האָט געהאַט אַ גאָר גערעכטענעם קאָמוניסטישן קאָלעגע — דעם ניט ווייניקער באַרימטן משה ליטוואַקאָוו, וועלכער איז געווען לאַנגע יאָרן רעדאַקטאָר פון „עמעס" און וועלכער האָט אויך אָפּגעגעבן גאָט די נשמה אין סטאַלינ׳ס טורמע. ליטוואַקאָוו האָט געאַרבעט מעשים: אים איז געווען ווייניק די טעגליכע אידישע צייטונג „עמעס" און דער וועכנטליכער אידישער „אַפּיקורס". ער האָט נאָך מיטגעאַרבעט אין רוסישן „בעזבאָזשניק". און כדי נושא חן צו זיין אין די אויגן פון די רוסישע קאָמוניסטן איז טאַקע ניט געווען גענוג די אידישע פּרעסע, וועלכע איז דאָך געווען ניט צוגענגליך פאַר די „גוים". האָט ער אין רוסישן „בעזבאָזשניק" פאַרעפנטליכט אַן איבערזעצונג פון „שפוך חמתך" מיט זיינע קאָמענטאַרן, אַז דאָס האָט די אידישע בורזשואַזיע געשאַפן די דאָזיקע תפילה, כדי צו צעטיילן דעם פּראָלעטאַריאַט און זייען שנאה ביים אידישן אַרבעטער־קלאַס צום רוסישן אַרבעטער־קלאַס. אגב אורחא זאָל באַמערקט ווערן, אַז ליטוואַקאָוו האָט פאַר די רוסישע לייענער אַרויסגעלאָזט פון „שפוך חמתך" אַ גאַנצן פּסוק און דוקא פאָלגנדיקן: „כי אכלו את יעקב ואת נוהו השמו". פּירושים זיינען איבעריק. אָבער קלאַסיש וועט בלייבן ליטוואַקאָוו׳ס פּירוש אויף מלקות, פאַרעפנטליכט אין נומער 2 „בעזבאָזשניק" פון יאָר 1923. ער שרייבט ווערטליך: „די הייליקע כהנים פון בית המדרש האָבן אַריינגעטראָגן אין דעם דאָזיקן מנהג פון מלקות שלאָגן די שטרענגע איינטיילונג לויט די קלאַסן: די נגידים און די פּני שלאָגט מען מיט ליבע, קוים, קוים זיך צורירנדיק צו זיי מיט׳ן רימען; די אָרימע

ליט אָבער שמייסט מען אַזוי אָן רחמנות, אַז אַפֿט קאָנען זיי ניט אויפשטיין. און אַ מצוה! זאָלן זיי ניט פאַלן כורעים פאַר די רבנים און מלקות שלעגער".

הונדערטע רבנים, מוהלים, שוחטים און סתם פרומע אידן זייַנען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר פאַר שטעלן זיך אַנטקעגן די רדיפות אויף דער אידישער רעליגיע. הונדערטע בתי מדרשים זייַנען צוגענומען געוואָרן פאַר קאָמוניסטישע קלובן און אָפט פאַר אַ סך ערגערע זאַכן. אָבער די אידישע מאַסע האָט זיך לאַנג ניט אונטערגעגעבן. די אידישע מאַסע האָט דאָ ארויסגעוויזן איר טיפּישע עקשנות, וועלכע שטעקט אין אירע ביינער פון די אינקוויזיציע־צייטן, פון ניקאָלאַי דעם ערשטנ'ס צייטן וכדומה. געווים די אייגענע רודפים און אינקוויזיטאָרן זייַנען געווען געפערליכער פון די פריעמדע. אָט איז אַ באַשרייבונג פון אַ שטעטל, וואָס איז געווים טיפּיש פאַר אַ סך אַנדערע מקומות. די באַשרייבונג איז פאַר'ן יאָר 1933, 15 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע. דער „אפּיקורס" פון 1־טן יאַנואַר, 1933, שרייבט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון נעוול, וויטעבסקער גובערניע: „דער קאַמף קעגן רעליגיע פירט זיך ניט באַ אונז באַפרידיגנדיק. אין נעוועלער בערשטער פאַבריק האָבן מיר אַרבעטער, וועלכע שאַפן זיך זייערע אָפּרו־טעג שאַבעס און יאָנטעוו, אַ חוץ די אַלגעמיינע אָפּרו־טעג פון דער פאַבריק. באַ די קוסטאַרן אַרבעט אַ בוכהאַלטער איטקין, וואָס שאַפט זיך זיינע אָפּרו־טעג־שאַבעס און רעליגיעזע יאָנטויווים. דער געוועזענער פאַרוואַלטער פון באָד באַ די אייזנבאַנער איז שוין נאָך אויפ'ן קאָפּ ארויפגעקראָכן. ער האָט אויסגענוצט מלוכה־פאַרמעגן — האָלץ — אויף צו הייצן לעקאָוועד ראָשעשאָנע און יאָמקיפּער אַ באָד.

„די קליי־קווידעש האָבן געשיקט זייערן אַ כאַדאַטאַי (שתדלן) און האָבן געקראָגן אַ דערלויבעניש צו בויען אַ מיקווע. אַ גרופּע קינדער קומען ניט אויף די לימודים אין שול — שאַבעס און אין רעליגיעזע יאָנטויווים. אין דער זעלבער צייט בליען אין שטאָט די כאַדאָרים. אַ טייל קינדער פון שול טראָגן פּייעס, געפינען זיך אונטער דער ווירקונג פון דער רעליגיע, גייען אייַנציַיטיק אין שול און אין כיידער, כאַפּן אַריין אַ דאַווענען. גייענדיק אויף נעוועלער גאַסן קאָנסטו טרעפן קינדער מיט לאַנגע פּייעסן, וואָס איילן ערגיץ אין כיידער אַריין צום מעלאַמעד.

„צו דעם מוז מען מאַכן אַ סוף. מער קאָן מען אַזאַ לאַגע ניט דולדן. מיר דאַרפֿן ניט קיין מיניאָנים. מיר דאַרפֿן ניט קיין מיקוועס. זיי זיינען אונדז שעדליך. זיי לאָזן אונדז ניט בויען דעם סאָציאַליזם".

דאָס איז ניט קיין וויץ — אַזוי שטייט געשריבן שוואַרץ אויף ווייס אין ערשטן נומער „דער אַפּיקורס" פֿון יאָר 1933: „זיי (די מיניאָנים און מיקוועס) לאָזן אונדז ניט בויען דעם סאָציאַליזם". איצט ווערט קלאָר פֿאַרוואָס דער סאָציאַליזם אין סטאַלין־לאַנד הינקט אַזוי שטאַרק אונטער. די עקשנות'דיקע אידן פֿון נעוועל, וועלכע גייען אין „מיקווע", אָט די דאָזיקע האַרטנעקיגע „קאָנטררעוואָלוציאָנערן" — זיי האָבן עס פֿאַרהאַלטן די גאולה.

ס'איז ווירקליך קאָלאָסאַל אינטערעסאַנט צו לייענען אַזאַ קאָר־רעספּאָנדענץ פֿון אַ סאָוועטיש שטעטל. ניט וויכטיק, צי מען דאַרף טראָגן פּאות צי ניט, צי מ'ען דאַרף מקוות צי ניט — וויכטיק איז, וואָס 15 יאָר פֿון באָלשעוויסטישע פֿאַרפֿאָלגונגען און יעווסעקישע פּאָגראָמען, 15 יאָר פֿון שיקן קיין סיביר און זעצן אין טורמעס פֿאַר האַלטן זיך באַ רעליגיע זיינען נאָך פֿאַראַן אין אַ שטעטל ניט איינער און ניט צוויי, נאָר אַ סך, וואָס בלייבן טריי זיך אַליין. דער ציל איז דאָ ניט וויכטיק — שיין און דערהויבן איז דער קאַמף פֿאַר איינ'נע איבערצייגונגען, פֿאַר קאָנען לעבן און האַנדלען לויט איי־גענעם געוויסן און ניט לויט אַ באַפֿעל פֿון אַ האַר און טשינאָווניק.

דער „אַפּיקוירעס" נומער 12 פֿון יאָר 1932 פֿירט אונטער אַ סך־הכל דער „אַנטי יאָמנוראָאים־קאַמפּאַניע" און קלאָגט און וויינט נעבאַך, וואָס אין כיסלאַוויטש „איז דער אידישער קאָלווירט „פֿאַר־אויס צום סאָציאַליזם" אינגאַנצן ניט אַרויס ביידע טעג ראָשעשאָנע צו דער אַרבעט. 2 וואָכן האָט מען געזוכט אַ כאַזן און אַזאַ האָט זיך דאַווקע אָפּגעזוכט" און אויך „אין שניידער אַרטעל זיינען ראָשע־שאָנע פֿון 29 מאַן אַרויס אויף דער אַרבעט נאָר 6 און דאָס זעלבע אין שוסטער־אַרטעל". אויך אין קובליטש (וויים־רוסלאַנד) איז ניט אַלץ אין אָרדענונג: „אַ באַדייטנדיקע גרופּע אַרבעטנדיקע, פֿון די ווייניק באַוואוסטזיניקע איז ניט אַרויס צו דער אַרבעט ראָשעשאָנע און יאָמקיפּער". דערפֿאַר אָבער איז אין באַרדיטשעוו די לאַגע גע־וועזן אַ ביסל בעסער, ווייל „ס'איז געשאַפֿן געוואָרן אַ שטאַב", וואָס האָט אַקטיוו געאַרבעט. דאָך איז דער קאָרעספּאָנדענט מודה, אַז נאָר „די אַרטעלן זיינען אַרויס מיט זייערע סכוירעס אַפֿן מאַרק. דער אַרויספֿאָר פֿון די קאָלווירטניקעס איז געווען אַ שוואַכער".

אין נומער 5 פון „אפּיקוירעס" פון יאָר 1932 ווערן געבראַכט פאַלגנדיקע ביז גאָר אינטערעסאַנטע פאַקטן, וועלכע וואַרפן אַ שיין אויף דער לאַגע אין סאָוועט־רוסלאַנד און ווייזן אונז אויך, ווי מען ציטערט פאַר „נאַטשאַלסטוואָ". דאָרטן ווערט דערציילט פון האָמל: „צו אונז אין שול איז געקומען אַ פרוי קלאָר מאַכן, וויפיל קינדער „נויטיקן זיך" אין מאַצע. די דאָזיקע אַגענטקע פון געפּמאַן און באַלעגוף האָט זיך פאַרמאַסקירט און געבעטן די לערערין געבן דעם צעטל פון די קינדער, וואָס נויטיקן זיך אין שיך, קליידער און מאַצע. די לערערין, וואָס האָט גלייך באַדאַרפט געבן אַן אָפּשטויס דער אַגענטקע פון קלאַסנסוינע, האָט זי גאָר געבעטן קומען מאָרגן". ווייטער ווערט דערציילט, אַז וויבאַלד דער פאַרוואַלטער פון דער שול איז געוואָויר געוואָרן וועגן דער מעשה נורא האָט ער געגעבן צו וויסן „די געהעריקע אָרגאַניזאַציעס". די לערערין האָט שוין געווים באַקומען אַ פיינעם פּסק. און אָט איז נאָך אַ שרעקליכערער פאַקט, וואָס ווערט דערציילט אין זעלבן נומער „אפּיקוירעס" פון צוויי כשרע שילער פון שטעטל לעלטשיש (וויים־רוסלאַנד): „אין דער 5־טער גרופּע פון אונזער שול זיינען אייניקע שילער אָנגע־שטעקט מיט׳ן גיפטיקן שאָוויניזם. אַלס גרויסער שאָוויניסט און אונ־טערדרייסער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער דערציאונג האָט זיך אַרויס־געוויזן דער פאַלשער שלאָגלער דער שילער באָרעך דאָרפמאַן, ער פאַרשפּרייט צווישן קינדער אַזאַ אַנטיסאָוועטישע אַגיטאַציע: „די גאָאים וועלן פון הונגער ניט שטאַרבן, זיי האָבן ברויט, אַ צאָרע איז דעם אידן". ער פּרוּווט אויך אַנדערע שילער אַריינכאַפּן אין די שאָ־וויניסטישע נעצן". די תלמידים, פאַרשטייט זיך, שווערן בא קאָ־מוניסטישע באָרד און פּאות, אַז זיי וועלן „פאַרשטאַרקן די אַנטי־רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע".

אַ גרויסער וויינעשריי איז געקומען אין 1935 פון ניי־זלאַט־פּאָלער ראַיאָן. אין „עמעס" פון 28־טן אַפּריל, 1935, געפינען מיר פאָלגנדיקע קאָרעספּאָנדענץ פון דאָזיקן נאַציאָנאַלן ראַיאָן: „פאַר די לעצטע פאַר כאַדאָשים זיינען אין ראַיאָן געוועזן 11 פאַלן, ווען קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן האָבן מאַלע געווען זייערע קינדער". שרייבט דער קאָרעספּאָנדענט, אַז בא אַזאַ שרעקליכן אומגליק וואָלט מען, דאַכט זיך, באַדאַרפט אָננעמען גיכע און עקסטרע־מיטלען, כדי אָפּשטעלן די מגפה. אָבער ניין: „דער ראַיפּאַרטקאָם און דער ראַיקאָמיוג האָבן זיך לעכאַטכילע באַצויגן ליבעראַל צו יענע קאָמו־

גיסטן און קאַמיוגיסטן, וואָס האָבן מאָלע געווען זייערע קינדער. זיי האָבן זיך באַגרעניצט מיט . . . געבן זיי אַן אויסרייד. ערשט דער־נאָך האָט מען פאַר אַזוינע פאַלן אָנגעהויבן אויסשליסן פון דער פּאַרטיי"

מיר קאָנען ניט, לײַדער, ברענגען אפילו אַ צענט חלק פון דעם מאַטעריאַל, וואָס מיר פאַרמאָגן וועגן קאַמף פון איין זייט און ווידערשפעניקייט פון דער צווייטער זייט. מיר מוזן אָבער נאָך זיך פאַרהאַלטן כאָטש וויפיל ס'ניט איז אויף די גאַר לעצטע פאָר יאָר. דער אידישער „אַפּיקוירעס" איז געשטאָרבן. די סיבות זיי־נען מיר ניט באַקאַנט. האָבן די אידישע קאָמוניסטן איבערגענע־טראָגן זייער קאַמף אין רוסישן „בעזבאָזשניק" און ממש ס'גייט ניט אַוועק קיין נומער, וואו ס'זאָלן ניט זיין עטליכע אַרטיקלען און נאָ־טיצן וועגן אידישע „ווילדע" מנהגים און זיטן. נאָר אַ פּאָר ביי־שפּילן: אין „בעזבאָזשניק" פון 1־טן יולי, 1938, איז פאַראַן אַן אַרטיקל מיט אַזאַ קאָפּ: „ווילדע מינהגים טויטן קינדער". גערעדט ווערט דאָרטן וועגן מילה און ס'ווערט דערציילט, אַז אין באַברויסק איז געשטאָרבן אַ קינד פון אַן אַרבעטער קראַטשעק און דער מוהל שולמאַן איז פאַר'משפט געוואָרן אויף 5 יאָר טורמע; אין אומאַן איז געווען אַ פאַל, ווען אַ קינד איז געשטאָרבן נאָך מילה און דער מוהל איז פאַר'משפט געוואָרן אויף אַ יאָר און אַ האַלב טורמע; אין קיעוו איז דער מוהל מאַגילעוויטש באַשולדיקט געוואָרן אין עטליכע טויט־פאַלן פון גע'מל'טע קינדער, ס'איז אָבער ניט אָנגעגעבן אויף וויפיל יאָר ער איז פאַר'משפט געוואָרן.

אין „בעזבאָזשניק" פון 12־טן סעפּטעמבער, 1938, זיינען פאַ־ראַן פאָלגנדיקע נאָטיצן וועגן אידן: 1) „דער אָפּשטאַם פון די אידישע האַרבסט־יום טובים". 2) „רבנים אין דינסט ביים צאַר"; 3) „די לאַקייען פון פאַשיזם". דאָס איז אַ נאָטיץ, אין וועלכער ס'ווערט דערציילט, אַז „אין די שולן פון דייטשלאַנד זיינען די רבנים מתפלל פאַר היטלער'ן. אין בערלין האָט אין די טעג, ווען ס'איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אויף אידן, דער רב וויינבערג פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מען האָט וועגן דעם געשריבן אין די אויסלענדישע ציימונגען. נאָך מיט מער איבערגעגעבנקייט באַגריסן די פאַשיסטן די אידישע בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן. די ציוניסטישע קאָנגרעסן זיינען די צענטערן פון אַגיטאַציע געגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, קעגן

קאָמוניזם". 4) „ווי אַ רב האָט פֿאַרקויפֿט אַ קמיע"; 5) „ווי רבנים האָבן באַקעמפֿט שטרייקן".

אין דעם גייסט ווערן געשריבן אַלע אַרטיקלען און נאָטיצן. אין אַלגעמיינעם מוז זיך באַקומען באַ אַ ניט אידישן לייענער אַ פֿאָרשטעלונג וועגן אידן, ווי וועגן אַ געוואַלדיק ווילדער אומה, וועגן אַ פֿאָלק, וואָס וויקעט אין קמיעס און אין ווילדע מנהגים. אָבער באַ אַ רוסישן באָלשעוויק מוז זיך נאָך באַקומען אַן איינדרוק, אַז אידן זיינען די גרעסטע קאָנטררעוואָלוציאָנערן. אָט איז איינע פֿון פֿילע נאָטיצן אויף אַזאַ טעמע: „די רבנים זיינען געווען יד אחת מיט די הענקער פֿון פֿאָלק". און דאָרטן ווערט דערציילט, אַז דער פּעטערבורגער רב אייזענשטאַט האָט געפֿאָדערט אין 1918 פֿון די גלחים צו גיין אויף די פֿאַבריקן און אַגיטירן קעגן די באָלשעוויקעס; אַז די אידישע רבנים האָבן „צוגעשטעלט די ווייסע אַרמייען שפּייז און קליידער"; אַז אין דער שפּיץ פֿון „סאיוז וואָזראָזשדעניע" אין קיעוו (פֿאַרבאַנד פֿון אויפֿלעבונג) איז געשטאַנען דער רב אַראָנסאָן; אַז אין ראָסטאָוו איז אין דער שפּיץ פֿון זעלבן פֿאַרבאַנד געשטאַנען דער רב שנייערסאָן; אַז אין 1918 איז אין אָדעס געווען אַ קאָנגרעס פֿון רבנים, וואו מען האָט פֿאַרשאָלטן די באָלשעוויקעס; אַז זשאַבאָטינסקי האָט באַגריסט דעם פּאָגראָמשציק פּעטלורען; אַז דער פֿאַרבאַנד פֿון קהילות אין סיביר האָט געדאַנקט קאָלטשאַקען פֿאַר זיין קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס; און אַז בעת „די באַנדעס פֿון מערקולאָוו'ן האָבן אין יאָר 1921 פֿאַרנומען וולאַדיוואָסטאָק האָבן די פֿאַרטרעטער פֿון די סינאַגאָגע אַרויסגעהאַנגען צאַרישע פֿלאַגן". („בעזבאָזשניק" נ. 20, 1938).

דאָס איז אין איין נאָטיץ. כדי די אַלע געבראַכטע פֿאַקטן זאָלן ניט אָנוואַרפֿן קיין צו גרויסע מרה שחורה אויפֿ'ן לייענער, וועלן מיר צום סוף ברייינגען אַ בילדל, וואָס וועט מוזן אַרויסרופֿן אַ שמייכל, קאָן זיין אַ שמייכל מיט יאַשטשערקעס, אָבער דאָך בעסער ווי גאָר ניט. אין „עמעס" פֿון 21־טן אָקטאָבער, 1935, ווערט דערציילט פֿאָלגנדיקע מעשה: „אָפּגעדאַווענט כל נדרי אין בית מדרש האָט זיך גרשון מעטליצע פֿון כיסלאַוויטש אַ לאָז געטאָן אין קלוב אויפֿ'ן אַנטירעליגיעזן אָוונט. נישט שטערן און נישט אַראָפּרייסן דעם אָוונט איז ער געקומען. פֿאַרקערט, ער האָט דעם טלית פֿאַררוקט אונטערן מאַנטל און איז אַריין אין קלוב ווי ס'וואָלט גאָר ניט געשען. גרשון איז „אַן אַקטיוויסט", האָט מען אים אויסגע־

סליבן אין פּרעזידיום. גרשון האָט קיין חזיר ניט געקאָנט זיין, האָט ער גענומען אַ וואָרט און פּאַגראָמירט די רעליגיע.

„דאָס איז געווען צו כּל נדרי. יום כּיפּור אין דער פרי איז די זאַך געווען גרינגער. קיין אַנטי־רעליגיעזער פּרימאָרגן איז ניט געווען, האָט ער זיך ניט געהאַט וואָס צו איילן און ער האָט רואיק זיך געציקלט צוזאַמען מיט'ן חזן".

„ווען עמיצער האָט מעטליצ'ן אָנגעוויזן אויף דעם קליינעם „ווידערשפּרוך" אין זיין אַקטיווקייט, האָט ער אַ צעטראָג'נער אַרויס־געמורמלט: מען דאַרף זיין אַן אַקטיוויסט אי צו גאָט, אי צו לייט..."

גרשון מעטליצע, אָט דער פּראָסטער חי וקיים, וואָס האָט מורא פאַר גאָט, אָבער אויך פאַר די אידישע קאָמוניסטן; וואָס לויפט צו כּל נדרי און נאָכדעם צום אַנטי־רעליגיעזן מיטינג — אָט דער דאָזיקער פשוט'ער מאַסן־איד, וואָס האָט זיך אַזוי פאַר־לאָרן אין דער קאָמוניסטישער טעראָר־כוואַליע, אַז ער איז גרייט צו זינדיקן, אָבער איילט אויף מאָרגן אין בית המדרש זיך שלאָגן על חטא — אָט ער איז אַ גלענצנדיקער ביישפּיל אי פאַר דער „פריייהייט", וואָס הערשט בּאַ דער „דעמאָקראַטישסטער קאָנסטיטו-ציע" פון סטאַלינען, אי פאַר דער מדרגה פון באַוואוסטזיין פונ'ם רוב קאָמוניסטישע אַפּיקורסים.

די חדרים האָבן די יעווסעקן באַטראַכט ווי רעליגיעזע אינ־סטיטוציעס. טויזנטע חדרים זיינען אין די יאָרן 1922 און 1923 געשלאָסן געוואָרן. וואָלט מען געהאַט שולן, וואוהין אַריינצונע־מען די צענדליקע טויזנטע קינדער פון די חדרים, וואָלט מען נאָך וויפיל ס'ניט איז געקאָנט פאַרשטיין, כאָטש ניט באַרעכטיקן דאָס פאַרגעוואַלדעווען דעם רצון פון די עלטערן. די לאַגע איז אָבער געווען גאַנץ אַנדערש — קיין שולן זיינען ניט געווען. צענדליקע טויזנטע אידישע יתומים פון דער מלחמה, פון די פּאָגראָמען, פונ'ם בירגער־קריג האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן און געוואָרן גנבים און מערדער — און די יעווסעקן האָבן געפירט אַ מלחמה מיט די מלמדים. לאָמיר לאָזן רעדן די קאָמוניסטן גופא: אין „עמעס" פון 26־טן יאַנואַר, 1923, געפינען מיר אַזאַ ידיעה: „ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די אידישע שולן אין די קליינע שטעטלאַך קאָנען ניט עקסיסטירן צוליב דער אָפּוועזנהייט פון לערער. דער גרעסטער טייל פון די עקסיסטירנדיקע שולן קאָנען זיך ניט אויסהאַלטן, ווייל

דער שכר לימוד ווערט ניט אריינגעטראָגן. די באַראַטונג האָט אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן דער ענטגילטיקער ליקווידאַציע פון די חדרים".

אמת קאָמוניסטישע, אמת יעווסעקישע לאָגיק — די שולן קאָנען זיך ניט אויסהאַלטן און די חדרים דאַרף מען ענטגילטיק ליקווידירן! און אָט איז נאָך אַ ציטאַטע: אין „עמעס" פון 4־טן נאָוועמבער, 1922, שטייט געשריבן אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון זשיטאָמיר: „די חדרים און ישיבות זיינען לויט דער פאָדערונג פון „גובאויספּירקאָם (אויספּיר־קאָמיטעט פון דער גובערניע) אין די שטעטלאַך און אין גובערניע אינגאַנצן ליקווידירט. עס פאַר־וואַלגערט זיך נאָך דאָ און דאָרטן אין אַ פאַרוואָרפענעם קליין שטעטל אַ חדר, נאָר זיי ווערן ביסלאַכווייז פאַרמאַכט. צום באַ־דויערן איז באַ די איצטיקע באַדינגונגען שווער צו פאַרשפּרייטן די שול־נעץ, אַז זי זאָל אַריינגעמען אַלע חדר־קינדער."

זיי אַליין זיינען אַלזאָ מודה, אַז זיי האָבן ניט קיין שולן פאַר די קינדער. אָבער בעסער זאָלן די קינדער בלייבן גאָר אָן אַ ביל־דונגס־אַנשטאַלט, נאָר אַבי ניט אין חדר. די „קאָמוניסטישע פאָן" פון 3־טן פעברואַר, 1923, שרייבט פון גלוכאָוו: „ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די חדרים זיינען פאַרמאַכט געוואָרן, איז ביז איצט קיין שול נאָך ניט געעפנט געוואָרן".

כדי צו האָבן אַ פאָרשטעלונג פון דער לאַגע פון די אידישע קינדער צו יענער צייט אין סאָוועט־רוסלאַנד, איז געננוג צו ברענגען אַ פּאָר שטעלן פון אַן אַרטיקל אין „עמעס" פון 2־טן פעברואַר, 1922:

„קינדער אָן אַ היים. איר זעט זיי אומעטום אין די שטעט און שטעטלאַך, אין די דערפער, אויף די באַן־הויפן, הונגעריקע, קראַנקע, נאַקעטע, באָרוועסע, פאַרוואָרלאָזטע, בלאָנקען זיי אַרום טויזנטער, פריער מיט אַ צעטומלטן פאַרלאָרן פנים, שפּעטער מיט אַן אויסגע־שטרעקטער האַנט נאָך אַ נדבה, און צום סוף ווי אַ מחנה קליינע פאַרברעכער, פאַרדאָרבענע, פאַרביטערטע, דעגענערירטע.

„די פּאָגראָמען אַליין האָבן געגעבן פיל צענדליקע טויזנטער אידישע קינדער, וואָס זיינען געוועזן פאַרלאָזט אויף גאָט'ס באַראָט און וואָס זיינען אויסגעגאַנגען אין די טויזנטער פאַר הונגער, קעלט, מגפות, דאַן קומט דער מורא'דיקער הונגער און שלאָגט דעם רעקאָרד אין ענין פון אַרויסוואַרפן טויזנטער קינדער אויף דער גאַס.

„אוקראַינע איז פול מיט קינדער, וואָס וואַלגערן זיך אין די גאַסן, אויף די באַנען, אין די גריבער און לעכער. אין קיעוו דאַרפן זיין ביז 5 טויזנט אַזעלכע קינדער; אין כאַרקאָוו 3 טויזנט און אַזוי ווייטער אין אַלע איבעריקע שטעט.

„די קינדער־אַנשטאַלטן אין פּאָלטאַווע לעבן איבער אַ שאַרפן קריזיס. צען טויזנט קינדער זיינען געבליבן אָן אַ שום דערנערונג. פערציק פּראָצענט קינדער זיינען קראַנק אויף שווינדזוכט; ס'איז שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן זיי די קרעץ — אויף פערציק פּראָצענט. די שטאַרבליכקייט דערגרייכט בּאַ זויג־קינדער ביז 90 פּראָצענט. בּאַ די קינדער פון 1 יאָר ביז 4 יאָר — ביז 42 פּראָצענט".

די האָר שטעלן זיך קאַפּויר נאָך איצט ביים לייענען די דאָזיקע שוידערליכע באַשרייבונג, אָבער די יעווסעקן האָבן זיך פאַרנומען מיט שליסן חדרים.

ס'איז שווער אונטערצופירן אַ סך הכל פון אידישן רעליגיעזן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד. געווים פונקציאָנירן רעליגיעזע אידישע קהילות, ווי אויך פון אַנדערע רעליגיעס. דאָס דערלויבט דאָס געזעץ און אידן נוצן עס מסתמא אויס ניט ווייניקער פון אַנדערע פעלקער. דאַטן וועגן דער צאָל אַזעלכע קהילות, וועלכע וואָלטן דאָך פאַרנעשטעלט מיט זיך אַ שאָטן פון אַ אידישער אָרגאַניזאַציע, פאַרמאָגן מיר ניט. ס'זיינען פאַראַן ציפער פאַר אוקראַינע פון יאָר 1926. ס'זיינען דעמאָלט געווען אין אוקראַינע 1,003 אידיישע קהילות מיט 137,437 מיטגלידער.*) דאָס איז אַ גאַנץ גרויסע צאָל, אָבער זיך פאַראייניקן איז זיי ניט דערלויבט. קיינע אַלאוקראַינישע אָדער ראַיאָנע פאַראייניקונגען זיינען ניט מעגליך. דער אויטאָר פון בוך, פון וואַנען מיר נעמען די דאָזיקע ידיעות, שרייבט, אַז „צווישן די אידישע קעהילעס מערקט זיך אַ געוויסע שפּאַלטונג אָפּן באַדן פון פאַרשיידענער באַציאונג צו די אידישע דינים און מינהאָגים: איין גרופּע־פּרומאַקעס, וועלכע האַלטן, אַז מען מוז אָפּהיטן אַלע דינים, און אַ צווייטע רעדט וועגן דער נויטיקייט צו מילדערן דעם ריטואַלן רעזשים, וועגן מעוואַטעל מאַכן געוויסע דינים און מינהאָגים".**)

*) אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג, ז. 79.
**) דאָרטן.

פון דעמאָלט זיינען אוועק שוין באַלד 15 יאָר און ס'איז שווער צו וויסן, וויפיל קהילות זיינען איצט פאַראַן. ס'איז אָבער בלתי ספק, אַז אינגאַנצן איז דאָס אידישע רעליגיעזע לעבן ניט געשטאָרבן. פון דער פרעסע איז נאָר קלאָר, אַז די פרומע אידן קעמפן מסירת נפש'דיק פאַר זייערע איבערצייגונגען. בתי מדרשים זיינען פאַראַן אין אַלע שטעט און שטעטלאַך, כאָטש ס'איז אויך גאָר קיין ספק ניט, אַז די יוגנט בלייבט ווייט און פרעמד דעם בית המדרש. וועגן דער דערמאָנטער שפּאַלטונג הערט מען ניט. קאָן זיין, אַז ס'זיינען אַרויסגעשוואומען קאָמוניסטישע רבנים־שאַרלאַטאַנען, ווי דער אויבן דערמאָנטער זשיטניק, אָבער ס'איז אויך מעגליך אַן ערנסטערע און ערליכערע דערשיינונג. די געוואַלדיקע באַדערפעניש, פון איין זייט, זיך צופּאַסן צו די נייע לעבנס באַדינגונגען און, פון דער צווייטער זייט, אַפּראַטעווען פון דער באַלשעוויסטישער שרפה וויפיל ס'לאָזט זיך איז מסוגל אַרויסצורופן אַן ערנסטע רעפאָרם־באַוועגונג. לײדער, בלייבט דאָס אינטימע לעבן פון סאָוועטישן אידנטום פאַרהוילט פון אונז.

24

די אידישע שול אין סאָוועט־רוסלאַנד

אײדער מיר גייען איבער צו דער קולטור־אַרבעט אין אידיש, און דאָס איז דאָס איין און איינציקע נאַציאָנאַלע, וואָס ס'בלייבט ביים סאָוועטישן אידנטום, ווילן מיר אין קורצן ברייגנען ידיעות וועגן דער פאַרשפּרייטקייט פון דער אידישער שפּראַך בא דער אידישער באַפעלקערונג. ווי באַקאַנט, האָבן אידן אין אַלטן רוסלאַנד אין 1897 אָנגעגעבן 97 פּראָצענט אידיש רעדנדיקע. אין פאַרשיידענע ראַיאָנען איז דער פּראָצענט אידיש רעדנדיקע געווען פאַרשיידן. אַזוי האָבן די ווייסרוסיש־ליטווישע גובערניעס געגעבן העכער 99 פּראָצענט אידיש רעדנדיקע; די אוקראַינישע גובערניעס האָבן געגעבן 98 פּראָצענט אידיש רעדנדיקע; די פּוילישע גובערניעס האָבן געגעבן נאָר 95 פּראָצענט אידיש רעדנדיקע און די גובערניעס פון אויסער דעם תחום שוין נאָר 80 פּראָצענט.*) וואָס העכער די אַרומיקע קולטור, אַלץ קלענער דער פּראָצענט אידיש רעדנדיקע.

ווי איז געווען די לאַגע אין דעם פּרט בא דער פאָלקס־ציילונג פון 1926? אין גאַנץ סאָוועט־רוסלאַנד האָבן אָנגעגעבן אידיש פאַר זייער מוטער שפּראַך 72.6% פון אַלע אידן. די דאָרפישע אידישע באַפעלקערונג האָט אָנגעגעבן 93.8% אידיש רעדנדיקע און די שטאָטישע אידישע באַפעלקערונג נאָר 68.0%. אַ באַווייז, אַז שפּראַך־אַסימילאַציע איז פיל מער אַ רעזולטאַט פון דער אַרומיקער קולטור־אַטמאָספער, ווי פון דער קוואַנטיטאַטיווער מערהייט. אין פאַרשיידענע טיילן פון סאָוועט־רוסלאַנד איז דער פּראָצענט אידיש רעדנדיקע געווען זייער פאַרשיידן: **)

1) אין ווייס־רוסלאַנד 90.7%
2) אין אוקראַינע 75.6%
3) אין גרויס־רוסלאַנד 50.3%

ביז גאָר אינטערעסאַנט זיינען די דאַטן פאַר אוקראַינע, וועלכע גיבן אונז די מדרגה פון שפּראַך־אַסימילאַציע בא פאַרשיידענע פעל־

*) ב. ד. ברוצקוס, די סטאַטיסטיק פון דער אידישער באַפעלקערונג (רוסיש), פּעטערבורג, 1909, ז. 34.

**) ל. זינגער, די אידישע באַפעלקערונג פון ססםר. (רוסיש), מאָסקווע, 1932, ז. 28.

קער־גרופעס. פון הונדערט פון יעדער גרופע האָבן אין אוקראינע אין 1926 אָנגעגעבן זייער פאָלק־שפּראַך פאַר זייער מוטער־שפּראַך: *)

	פון דער גאַנצער פאָלק־גרופע	נאָר פון שטאָטישן טייל
1) רוסן	98.2	98.4
2) אוקראַינער	94.1	74.5
3) אידן	75.6	70.6

פון אַלע געבראַכטע דאַטן קאָן מען מאַכן איין אַלגעמיינעם אויספיר: די רוסישע שפּראַך, די העכסטע לויטן קולטור־מצב און די צוזאַנגנדיקסטע אין עקאָנאָמישן זין, אַסימילירט אַם שטאַרקסטן אַלע פעלקער און גאַנץ באַזונדערס אידן. פון דעם איז קלאָר, אַז די ציילונג פון 1939, וואָס, לײדער, האָבן מיר נאָך ניט אירע רעזולטאַטן בנוגע דער שפּראַך־פראַגע, וועט געוויס געבן אַ סך אַ קלענערן פּראָצענט אידיש רעדנדיקע, ווייל פאַר די יאָרן פון 1926 ביז 1939 האָבן איבערגעוואַנדערט קיין צענטראַל־רוסלאַנד הונדערטע טויזנטע אידן.

לאָמיר איצטער זען, וואָסער אַ פּראָצענט קינדער לערנען זיך בײַ פאַרשיידענע פעלקער אין נאַציאָנאַלע שולן, דאָס הייסט, אין שולן מיט דער נאַציאָנאַלער אונטערריכט־שפּראַך. 1932-1933 האָבן פון הונדערט שול־קינדער זיך געלערנט אין נאַציאָנאַלע פאָלקס־שולן: **)

1) דייטשן:

א) אין דער וואָלגאַ־רעפּובליק	98.2
ב) אין אוקראַינע	84.6
ג) אין גרויסרוסלאַנד	84.2
2) גרוזינער	98.1
3) אוזבעקן	96.9
4) טיורקען	95.5
5) אוקראַינער	93.9
6) טורקמענער	93.5
7) טשוואַשן	92.3

*) ס. וו. מינאַיעוו, די רעזולטאַטן פון דער ציילונג פון 1926 אין אוקראַינע (אוקראַיניש), כאַרקאָוו, 1928, ז. 32.

**) ב. א. אַלעקסאַנדראָוו, די לאַגע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין דער נאָכ׳מלחמה׳דיקער אייראָפּע (רוסיש), מאָסקווע, 1933, ז. 182.

8) קירגיזן 90.5
9) ווייסרוסן 90.2
10) אידן :

א) אין ווייסרוסלאַנד 55.5
ב) אין אוקראַינע 49.6
ג) אין גרויסרוסלאַנד 8.0

מיר האָבן מיט אַ כיון געבראַכט דאַטן וועגן צען פעלקער, צווישן וועלכע ס'זיינען פאַראַן גאָר, גאָר אָפּגעשטאַנענע, כדי דאָס בילד ניט נאָר פון דער אידישער אַסימילאַציע, נאָר פון דער גאַנצער טראַגישער לאַגע, וואָס שאַפט זיך אין סאָוועטנלאַנד, זאָל פאַר אונז אַרויסטרעטן בולט. און אין דער אמת'ן: ממה נפשך, ווען אידן זיך אַסימילירן מיט די צענדליקע פעלקער, וועלכע געפינען זיך אין סאָוועט־רוסלאַנד און צווישן וועלכע אידן לעבן, ווערט די אַסימילאַציע אַזאַ צעברעקל־טע, אַזאַ צעריסענע, אַזאַ אַראָפּנידערנדיקע אין קולטורעלן זין, אַז ס'כאַפּט אָן אַ שרעק; ווען אידן אין אַלע עקן פון גרויסן סאָוועטנ־לאַנד, איבער וועלכן זיי זיינען צעזייט און צעשפּרייט, זיך האַלטן בײַ דער גרויסרוסישער שפּראַך, ווען זיי מוזן סוף כל סוף קומען אין אַ קאָנפליקט מיט די לאָקאַלע נאַציאָנאַלע מערהייטן, און זייער ראָלע פון רוסיפיקאַטאָרן וועט מוזן ווערן זייער טראַגעדיע.

די שול איז דער שטאַרקסטער אַסימיל און אויך נאַציאָנאַליזיר־פאַקטאָר. אַלע פעלקער, אָן אויסנאַם, ווערן שטאַרק נאַציאָנאַליזירט אַדאַנק דער נאַציאָנאַלער פאָלק־שול. אַלע טרוימען וועגן דעם, אַז נאָכ־דעם ווי די צענדליקע פעלקער וועלן דורכגיין די סטאַדיע פון נאַציאָנאַ־ליזם, וועלן זיי זיך אַ ווענד טאָן צום אינטערנאַציאָנאַליזם, פאַקטיש צו דער גרויסרוסישער קולטור, וועלן יעדנפאַלס אויף דורות בלייבן טרוי־מען. פון די געבראַכטע ציפער זעען מיר, ווי ווייט די אָפּגעשטאַנענסטע פעלקער האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַ נאַציאָנאַלער שול. חוץ איין גרופּע, — חוץ דעם אתה בחרתנו־פאָלק, חוץ אידן. אין גרויס־רוסלאַנד האָבן קוים 8 פּראָצענט אידישע קינדער זיך געלערנט אין אידישע שולן, אָבער דאָס איז געווען אין 1932, אין צייט־פּונקט פון די העכסטע דערגרייכונגען פון דער אידישער שול. אין איצטיקן מאָמענט האַלט מען אין גרויסרוסלאַנד בײַ דער ליקווידאַציע פון די רעשטלאַך פון די אידישע שולן און מען קאָן רעכענען, אַז כמעט אַלע הונדערט פּראָצענט אידישע קינדער לערנען זיך דאָרטן אין רוסי־

שע שולן. מיר ווייסן, לײדער, ניט, אין וואָסער אַ שפּראַך אידן לערנען זיך אין גרוזיע, אין אַרמעניע, אין טאַטאַריע, אוזבעקיע און אַ. וו. דייטשן גיבן אַפילו אין גרויסרוסלאַנד, וואו זיי האָבן ניט קיין קאָמ־פּאַקטע מאַסן, ווי אין זייער וואָלגאַ־רעפּובליק, העכער 84 פּראָצענט קינדער אין נאַציאָנאַלע שולן, אַלזאָ צען מאָל מער ווי בײַ אידן. אָבער אַפילו אין אוקראַאינע לערנען זיך, ריכטיקער האָבן זיך גע־לערנט אין אידישע שולן ווייניקער פון אַ העלפט פון אַלע אידישע קינדער אין שול־עלטער. און נאָר אין ווייסרוסלאַנד, וואו ס׳לעבט נאָר איין אַכטל פון אַלע סאָוועטישע אידן, האָט דער פּראָצענט אידישע קינדער אין אידישע נאַציאָנאַלע שולן אַריבערגעשטיגן די העלפט.

אָבער יעדע פאָלק־שול, ווי גרויס ס׳זאָל ניט זיין איר נאַציאָנאַ־ליזיר־איינפלוס, אויב זי האָט ניט קיין המשך אין קיין מיטל־שול און אין קיין הויכשול, פאַרלירט זי שטאַרק אין דער מדרגה פון איר נאַציאָנאַליזיר־אינטענסיוויקייט און מוז מיט דער צייט אויך פאַרלירן אין איר ווערט און אין איר חן אין די אויגן פון די מאַסן און ממילא אויך אין איר עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג.

אין דעם פּרט איז די לאַגע בײַ אידן גאָר, גאָר טרויעריק. דער זעלבער מחבר, וועלכן מיר האָבן נאָר וואָס ציטירט, ברענגט אין זעלבן בוך אייניקע דאַטן וועגן פּראָצענט קינדער פון שולן פון צווייטער מדרגה, וואָס לערנען זיך אין נאַציאָנאַלע שולן. פון הונדערט שול־קינדער פון שולן פון צווייטער מדרגה האָבן זיך געלערנט אין נאַציאָנאַלע שולן: בײַ גרוזינער — 99.0; בײַ אַרמעניער — 98.5; בײַ קירגיזן — 98.0; בײַ דייטשן — 90.0 (אין דער וואָלגאַ־רעפּוב־ליק); בײַ אוקראַאינער — 84.0; בײַ ווייסרוסן — 76.0. וועגן אידן ברענגט דער מחבר ניט קיין דאַטן. געוויס אַ זייער טרויעריקער סימן.

נאָך די דאָזיקע קורצע אַריינפיר־ווערטער ווילן מיר איבערגיין צו אַ מער דעטאַליזירטן אַנאַליז פון דעם בילדונג־מצב ביים סאָוועטישן אידנטום.

די פאָלק־שול איז דער פונדאַמענט ניט נאָר פון בילדונג בכלל, נאָר פון יעדער נאַציאָנאַלער דערציאונג. אַ מאָדערן פאָלק, וואָס האָט ניט קיין אייגענע שול, איז פאַר׳משפט מינימום אויף דענאַציאָ־נאַליזאַציע, מעגן די אויסערליכע איזאָליר־פאַקטאָרן ווי שטאַרק שטערן דער אַסימילאַציע. פאַלן אָבער אָפּ די שטער־און אָפּשטויס־פאַקטאָרן, מוז די אַסימילאַציע גאָר, גאָר ווייט פאָרגיין, ווי ס׳קומט טאַקע פאָר אין רוסלאַנד.

ווייל מען מעסטן דעם מצב אין סאָוועט־רוסלאַנד מיט דער לאַגע אין אַנדערע גלות־לענדער, וועט מען מוזן פעסטשטעלן אַ גאַנץ גרויסן דערפאָלג. אין קיין שום לאַנד אין דער וועלט איז ניטאָ אַזאַ מאַסע שולן מיט אידיש אַלס אונטערריכט שפּראַך, ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד. מען מוז אָבער צו דער פראַגע קריטישער צוגיין. ראשית, מוז מען פאַרגלייכן דעם מצב מיט ארץ ישראל, ווייל די אידי־שע קאָמוניסטן און אויך בונדיסטן און נאָך גאָר אַ סך אידישיסטן גלויבן דאָך באמונה שלמה, אַז מען קאָן אין גלות אויף אַזאַ אופן לייזן די אידישע קולטור־פראַגע. נו, ווי באַקאַנט, לערנען זיך אין ארץ ישראל אַלע הונדערט פּראָצענט אידישע קינדער אין העברייאישע שולן. מיר גייען דאָ ניט אַריין אין דער תוך־זייט פון דער שפּראַך־פראַגע, ווי מיר לאָזן אויך אָפּ די פראַגע, אויף וויפיל מיט דער שפּראַך ווערט שוין געלייזט די אידישע פראַגע בכלל. פאַר אונז איז דאָס מאָל נאָר וויכטיק, ווי ווייט בלייבן אידן בײַ אַ שול מיט אידיש אַלס אונטערריכט־שפּראַך בײַ די גרעסטע און גינציקסטע מעגליכ־קייטן. אַזוי ווי די קאָמוניסטן האָבן ניט באַקומען קיין טאַבולאַ ראַזאַ, אויף וועלכער זיי האָבן אָנגעהויבן שרייבן זייער בלאַט אידישע געשיכטע, נאָר האָבן באַקומען אַ גאַנץ רייכע ירושה, איז די ערשטע פראַגע, וואָס שווימט אַרויף, פאָלגנדיקע: דעקן די דערגרייכטע רעזולטאַטן די פאַרניכטעטע ירושה? זיינען די דערגרייכטע דערפאָלגן אַדעקוואַט די געשאַפענע רעכטליכע און פינאַנציעלע מעגליכקייטן, וועלכע אַנטפּלעקן זיך אין די דערגרייכונגען בײַ אַנדערע פעלקער? שנית, און דאָס איז די הויפּט פראַגע: וואַקסן די דערגרייכטע רעזול־טאַטן? האָבן זיי אַ פעסטן באָדן אונטער זיך? אָדער אפשר זיינען דאָס גאָר נאָר צייטווייליקע דערפאָלגן, מינימאַלע רעזולטאַטן פון דער רייכער עבר־ירושה? אפשר זיינען די אידישע שול־דערגרייכונ־גען נאָר אַ צייטווייליקע באַגלייט־ערשיינונג פון דער נאַציאָנאַליזאַציע, מיט וועלכער די אַרומיקע אַטמאָספער איז אַזוי שטאַרק אָנגעזאַפּט? און די לעצטע און ווידער אַ הויפּט־פראַגע: ווייזן זיך ניט שוין קיין סימנים פון ירידה, פון אָפּקום, פון דעגענעראַציע, פון אונ־טערגאַנג?

אויף דער ערשטער פראַגע האָבן מיר שוין באַקומען אַ גאַנץ קלאָרע, צו קלאָרע תשובה פון די פריער געבראַכטע ציפער. ניט נאָר די אוקראַאינער און ווייסרוסן, נאָר אפילו די אוזבעקן, די טאָטערן, די טשוואַשן האָבן איבערגעיאָגט די אידן. די אָפּגעשטאַנענסטע

פעלקער גיבן העכער 90 פּראָצענט פון זייערע קינדער אַ נאַציאָנאַלע דערציאונג און דערביי קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן פאַלן, ווען ווייניקער ווערן.

די ווייטערדיקע דאַטן וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער שול אין סאָוועט־רוסלאַנד און די ווייטערדיקע ציטאַטן פון קאָמוניסטישע מקורים וועגן דער ירידה־און ליקווידאַציע־שטימונג, וועלכע האָט די לעצטע יאָרן אַרומגעכאַפּט די קרייזן, וועלכע זיינען טעטיק אין די אידישע קאָמוניסטישע שולן, וועלן אונז געבן גאָר קלאָרע, צו קלאָרע תשובות אויף אַלע איבעריקע פראַגן.

וויפיל אידישע קינדער לערנען זיך טאַקע אָדער האָבן זיך טאַקע געלערנט אין שולן מיט אידיש אַלס אונטערריכט־שפּראַך? ס'איז ניט גרינג צו ענטפערן אויף די דאָזיקע פראַגן. די לעצטע דאַטן, אַלגעמיינע, ניט באַגרינדעטע, אָבער דאָך פון קאָמוניסטישע מקורים, באַהויפּטן, אַז אַרום 1932 האָבן זיך געלערנט אין אַזעלכע שולן אַרום 160 טויזנט אידישע קינדער. דער פיל מאָל ציטירטער קאַנטאָר שרייבט אין זיין בוך, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1935, אַז „צום סוף פון 1931 איז געווען אידישע שולן אין ססר. 1,208 מיט קינדער ביז 160 טויזנט, אין דער צאָל 380 זיבניאָריקע שולן" (ז. 172). אין'ם בוך „די יידן אין פססר.", וואָס איז אויך אַרויסגעגאַנגען אין 1935, ווערט אויף ז. 261 געזאָגט, אַז „אָט די אַלע אַנשטאַלטן פון דער אָנפאַנגליכער שול־נעץ האָבן זיך צום סאַך פון ערשטן פינפיאָר (סוף 1933—י. ל.) געלערנט איבער 160 טויזנט קינדער." אין דער „אָנפאַנגליכער שול־נעץ" גייען אַריין אַלע טיפּן שולן, וועגן וועלכע ס'רעדט אויבן קאַנטאָר. פון דעם איז צו שליסן, אַז פון סוף 1931 ביז סוף 1933 זיינען קיין אידישע קינדער אין די אידישע שולן ניט צוגעקומען. קיין שפּעטערדיקע אַלגעמיינע ידיעות וועגן גאַנץ סאָוועט־רוסלאַנד זיינען ניט בנמצא אַפילו אין אַזאַ אַלגעמיינער פאָרם, ווי אין די ערשט ציטירטע מקורים. אין'ם אַלבאָם „יידן אין פססר.", וואָס איז געווען אויסגעשטעלט אין 1937 אין פּאַריזש אויף דער אַלוועלטליכער אויסשטעלונג, ווערט אָנגעגעבן די אַלגעמיינע צאָל אידישע שילער אין אַלע סאָוועטישע שולן, אָבער ס'ווערט ניט אָנגעוויזן, וויפיל פון זיי לערנען זיך אין אידישע שולן. דאָרטן ווערט געזאָגט, אַז אין אַלע שולן האָבן זיך אין יאָר 1935־36 געלערנט 424 טויזנט מיט 900

אידישע קינדער.*) אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז די צאָל אידישע קינדער אין די אידישע שולן איז צום יאָר 1935־36 ניט געוואָרן קלענער, וועלן מיר באַקומען, אַז דער פּראָצענט אידישע קינדער, וואָס האָט באַקומען אַ דערציאונג אין דער אידישער שפּראַך, האָט באַטראָפן 37.6%. דאָס איז די העכסטע ציפער, וועלכע איז ווען ס'ניט איז אָנגעגעבן געוואָרן פון קאָמוניסטישע שרייבער. קיין אָפיציעלע דאַטן וועגן דער צאָל אידישע קינדער אין אידישע שולן פאַר גאַנץ סאָוועט־רוסלאַנד פאַרמאָגן מיר ניט. מיר פאַרמאָגן אָבער אָפיציעלע דאַטן וועגן דער צאָל אידישע קינדער אין די אידישע שולן פון אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, און די דאָזיקע ציפער באַלייכטן גאַנץ גוט און פיל בולט'ער די דאָזיקע פראַגע.

אין די אידישע שולן פון סאָוועט־אוקראַינע האָבן זיך געלערנט:

1) אין 1926־27 **) .... 61,352 שילער
2) אין 1927־28 † .... 68,836 "
3) אין 1930־31 ‡ .... 94,872 "
4) אין 1935 § .... 73,412 "

דאָס בילד טרעט דאָ אַרויס גאַנץ קלאָר: ביז 1931 אַ וואוקס, אַ לאַנגזאַמער, אָבער דאָך אַ וואוקס. פון 1931 אַ שנעל פאַלן, אַ פיל גיכערס, ווי דאָס פריערדיקע שטייגן, ווייל מען מוז דאָך נעמען אין אַכט, אַז פאַר דער דאָזיקער צייט איז די צאָל אידישע קינדער אין רוסישע און אוקראַינישע שולן שטאַרק געוואַקסן. אַזוי זיינען געווען אידישע קינדער אין אַלע שולן פון אוקראַינע: אין 1927־1928 — 174,628; אין 1930־1931 — 203,482; און אין 1934־35 שוין 225,616.‖) דער פּראָצענט אידישע קינדער, וואָס האָבן זיך געלערנט אין אידישע שולן אין אוקראַינע, האָט אַלזאָ באַטראָפן:

1) אין 1927־28 .... 39.4
2) אין 1930־31 .... 46.6
3) אין 1934־35 .... 32.5

---

*) ציטירט לויט דעם „עמעס" פון 4־טן יולי, 1937.

** "Ukraina"—the Economical, Cult, and Social Constructive Work of the U. S. S. R. Charkov, 1939.

† דאָרטן.
‡ י. קאַנטאָר, ז. 172.
§ רעוואָלוציע און פעלקער (רוסיש), מאָסקווע, 1935, ב. 6, ז. 60.
‖ פאָלקס־ווירטשאַפט (אוקראַיניש), קיעוו, 1935, ז. 564.

אין איינע 4 יאָר, פון 1931 ביז 1935, איז דער פּראָצענט אידישע קינדער, וואָס האָט באַקומען בילדונג אין אידיש, געפאַלן כמעט אויף אַ גאַנץ דריטל.

ווי די לאַגע האָט זיך ווייטער אַנטוויקלט און פאַרוואָס די אידישע קאָמוניסטן פאַרשווייגן און דערמאָנען ניט די צאָל קינדער, וואָס לערנען זיך אין אידישע שולן, כאָטש דער „שטערן" ברענגט נאָר, נאָר אָפּט דאַטן וועגן דער אַלגעמיינער צאָל שילער אין די שולן פון דער אוקראַינער רעפּובליק — אויף דער דאָזיקער קאַרדינאַלער פראַגע קומט שפּעטער אַן ענטפער.

לאָמיר איצטער זען, ווי די שול־לאַגע האָט זיך אַנטוויקלט אין סאַמע אידישיסטן טייל פון דער סאָוועט־רוסלאַנד, אין ווייס־רוסלאַנד, וואו די אידישע באַפעלקערונג האָט אין 1926 אָנגעגעבן העכער 90 פּראָצענט אידיש־שפּרעכנדיקע. די צאָל אידישע קינדער אין די אידישע שולן פון ווייס־רוסלאַנד האָט באַטראָפן:

1) אין 1927-28 (* 26,020
2) אין 1932 (** 36,650
3) אין 1937 (*** 30,000

ווידער אַמאָל מוזן מיר איבער'חזר'ן, אַז וועגן דער אַלגעמיינער צאָל שילער אין די שולן פון ווייס־רוסלאַנד ברענגען די אידישע צייטונגען נאָר אָפּט געוויסע ידיעות, באַזונדערס אין לעצטן יאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט דער „באַפרייאונג" פון די אוקראַינישע און ווייס־רוסישע ברידער, אָבער מען מיידט עקשנות'דיק אויס אָנצוגעבן די צאָל שילער אין די אידישע שולן. אַז דאָס איז ניט סתם אַזוי זיך שיכחה, נאָר אַ סיסטעם, וואָס איז אַרויסגערופן פון דער מער אַלץ טראַגישער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דער אידישער שול, וועלן מיר באַלד זען.

דער ווייטער געבראַכטער מאַטעריאַל איז אפשר דער בעסטער, דער וויכטיקסטער, ווייל דער ערליכסטער און אויפריכטיקסטער. מיט סטאַטיסטיק איז בא די באָלשעוויקעס בכלל און גאַנץ באַזונדערס בא די אידישע קאָמוניסטן ניט אַזוי אַלץ כשורה, בפרט נאָך, אַז זיי האַלטן נאָר ניט פּרינציפּיעל פון דעם קליינבירגערליכן אמת, נאָר פונ'ם

*) י. קאַנטאָר, ז. 172.
**) „אָקטיאָבער", מינסק, 14־טן נאָוועמבער, 1932 און כ. דונעץ, אין קאַמף אויף צוויי פראָנטן, מינסק, 1932, ז. 9.
***) „עמעס" 24־טן יוני, 1937.

קאָמוניסטישן „עמעס". אין די אַרטיקלען, קאָרעספּאָנדענצן און נאָטיצן, וואָס ווערן דאָך אָפּט אומגמיטלבאַר געשריבן, שפּרינגט פּאָרט אַרויס דער ריינער אמת.

אויך אין די פריערדיקע יאָרן פלעג מען אָפּט טרעפן קלאָגן אין דער אידישער קאָמוניסטישער פרעסע וועגן פאַרנאַכלעסיקייט אין דער אידישער קולטור־אַרבעט און אויך אין הער שול־טעטיקייט. ס׳האָבן פון אָנהויב אָן ניט געפעלט ניט קיין אַקטיווע געגנער פון דער אידי־שער שול, ניט קיין פּאַסיווער ווידערשטאַנד פון די ברייטסטע אידישע מאַסן צוליב אַ סך מאָטיוון, צווישן וועלכע תכלית און רעליגיעזער קאַמף אין דער אידישער שול זיינען די הויפּט סיבות; ווי ס׳האָט אויך ניט געפעלט דאָס, וואָס מיר וואָלטן כאַראַקטעריזירט אַלס אַסי־מילאַציע־אינערציע, ביטול פאַר דער שפּראַך פון שטאַרקערן, און אין גאָר אַ גרויסער מאָס דער טראַדיציאָנעלער, טיף איינגעוואָרצלטער ביטול צו דער אידישער שפּראַך — די אַלע סיבות האָבן געווירקט די גאַנצע צייט און האָבן געליינגט גענוג, איבער גענוג שטיינער אויפ׳ן וועג פון מאַכן די שול מיט דער אידישער אונטערריכט־שפּראַך פאַר דער בילדונגס־אינסטיטוציע פון דער מערהייט אידישע קינדער. און, ווי מיר האָבן געזען, איז צו קיין מערהייט קיינמאָל ניט דערגאַנגען. אָבער פון יאָר 1934 ווערן די קלאָגן פאַרוואַנדלט אין אין שרעקליכן ויצעקו. אמאָל רעדט מען אָפענערע דיבורים און מען זאָגט אויס גאָר אַ סך פון ליקווידאַציע־חדר; אַן אַנדערש מאָל רעדט מען פאַר־שטעלט, אָבער ס׳איז גאַנץ גרינג זיך אָנצושטויסן, אַז ס׳גייט גאַנץ אינטענסיוו די ליקווידאַציע פון דער אידישער שול. דערביי פילט מען, אַז די שרייבער פון די ויצעקו־אַרטיקלען טוט שטאַרק וויי, נאָר זיי שעמען זיך אויסזאָגן און אַפּעלירן ווייטער אָדער צו פּראַקטישקייט, אַז פאַר די קינדער איז געזינטער און באַקוועמער צו לערנען אין דער מוטער־שפּראַך אָדער צו די פּרינציפּן פון דער קאָמוניסטישער נאַציאָ־נאַלער פּאָליטיק. די פרעמדע סביבה־שפּראַך האָט אָבער סוף כל סוף אָפּגעהאַלטן אזעלכע נצחונות, אַז פון 1939 זיינען פאַרשוואונדן אַלע קלאָגן, אַלע ויצעקו׳ס, אַלע מאָנונגען און אַפּעלירונגען. מען האָט, ווייזט אויס, ענדליך שלום געמאַכט מיט׳ן פאַקט פון אונטערגאַנג.

פאַר מיר ליגט אַ באַרג מיט אויסשניטן פון קאָמוניסטישע צייַ־טונגען, וועלכע אילוסטרירן דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס געזאָגט. מיר זיינען אימשטאַנד, ליידער, צו ברענגען נאָר אַ גאָר

קליינעם טייל פון די דאָזיקע מאַטעריאַלן. מיר וועלן גיין לויט די יאָרן, אָנהויבנדיק פון יאָר 1934.

אין „עמעס" פון 30־טן יוני, 1934, איז געווען אַ לייט־אַרטיקל, אין וועלכן ס'איז געשטאַנען: „פאַר דער לעצטער צייט קומען אָן זייער באַאומרואינדיקע ידיעות פון אַ ריי שטעט און שטעטלאַך, דערפער און יישובים וועגן אַ געוויסער אָפּגעשוואַכטקייט פון דער נאַצמינדישער אַרבעט און אַפילו וועגן אַ געוויסער פאַרשטויסנקייט פון דער דאָזיקער אַרבעט. ס'קומען אָן אין רעדאַקציע „עמעס" טאָג טעגלעך בריוו, קאָרעספּאָנדענציעס און אַרטיקלען פון אידישע אַרבעטער און אַרבעטנדיקע מיט שאַרפע, האַרבע טיינעס און גערעכטע טיינעס וועגן דער פאַרוואָרלאָזיקייט פון דער פּאָליטישער און קולטור־רעלער באַדינונג. טיינעס האַרבע און גערעכטע, אַז באַ פיל טוער אין די ראַיאָנען פון וויניצער געגנט, מירעוו געגנט און וויים־רוסלאַנד האָט זיך באַזונדערס שטאַרק צעשפּילט דער פּאַטאָס פון ליקווידירן. מען ליקווידירט דעם אינסטיטוט פון נאַצבאַפּולמעכטיקטע באַ די אויס־פּירקאָמען און בילד־אָפּטיילן; מען ליקווידירט נאַציאָנאַלע קלובן און די שטאַטן פאַר קולטור־טוער באַ די גרעסטע אַרטעלן; מען ליקווידירט ביבליאָטעקן און קרייזן. און דאָס אַלץ ווערט אָנגערופן „אַ העכערע שטופע פון אַרבעט". אין מאַלעוו גיסט מען שוין צונויף אידישע שולן מיט וויים־רוסישע, ד. ה., מען ליקווידירט פּאַקטיש די אידישע שולן.

„ס'איז שווער אויסצורעכענען דאָס גאַנצע צעטל פונקטן, ווייל דאָס צעטל איז, צום באַדויערן, זייער גרויס, וואו דער „פּאַטאָס" פון אַזעלכע אָריגינעלע „צונויפגיסונגען" האָט זיך באַזונדערס שטאַרק צעברענט." (איטאַליקס פון מיר—י. ל.).

אין „עמעס" פון 23־טן אויגוסט, 1935, געפינען מיר אַ לייט־אַרטיקל, וואָס שרייט געוואַלד, אַז מען זאָל זיך ניט פאַרלאָזן אויפ'ן זעלבסט־שטראָם, נאָר מען זאָל אָנשטריינגען אַלע כוחות אויף צוציען קינדער אין די אידישע שולן. דערביי דערציילט דער אַרטיקל, אַז „די אָדעסער 52־טע אידישע שול האָט צו דער צייט אַפּרעמאָנטירט אַלע קלאַסן, אָבער די שול שטייט פאַר אַ געפאַר צו בלייבן אָן אַ ערשטן קלאַס, ווייל זי, די דירעקציע, האָט פאַרברעכעריש פאַרגעסן וועגן דעם אויפנעם." און ווייטער מיט עטליכע שורות אין זעלבן אַרטיקל: „אַזאַ פאַרברעכערישע העפקער־באַציאונג צום אָרגאַניזירן דעם אויפנעם האָבן מיר אויך אין אַנדערע פונקטן. ניט געזיכערט

איז די קאמפּעלקטירונג אין אַ ריי קיעווער אידישע שולן ; באַזונדערס פּאַרדריסלאַך איז די לאַגע פון דער 17-טער אידישער מוסטער-שול, וואָס האָט ווייניק מעלדונגען אינ׳ם ערשטן און אינ׳ם אַכטן קלאַס. אַ מוסטער פון ביוראָקראַטישער באַציאונג צום אויפנעם האָט געוויזן די 25-טע אידישע שול אין קיעוו : דאָרטן איז אַפילע קיין אידישע אויפשריפט ניטאָ, וואו די קאַנצעליאַריע געפינט זיך״.

די דירעקציע פון אָדעסער שול, וועלכע האָט אַריינגעלייגט אַזוי פיל ענערגיע אין רעמאָנטירן אַלע קלאַסן, איז שולדיק אין ניט פירן אַן אַגיטאַציע און דאָס איז די איינציקע סיבה, לויט דער מיינונג פון דער ציטונג, וואָס דער ערשטער קלאַס בלייבט אָן תלמידים. ס׳שטעלט זיך אָבער אַרויס, אַז דאָס זעלבע חזר׳ט זיך איבער אין גאָר אַ סך אַנדערע שטעט און ס׳איז שוין צו נאַאיוו אַלץ דערקלערן גאָר מיט׳ן שלעכטן ווילן. ווארום ערשט פריער מיט 6 טעג, דעם 17-טן אויגוסט, 1935, האָט דער זעלבער „עמעס״ אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, וואו ער שרייבט : „האַיאָר וועלן אין אוקראַינע פונקציאָנירן 3 אידישע פּעדטעכניקומס אַנשטאָט 5. דאָס ווערט געטאָן, כדי ניט צעשטויבן די קויכעס״. נו, דאָס איז געוויס אַ גוטע זאַך ניט צעשטויבן די כוחות, אָבער וואָלטן די שולן געוואַקסן, וואָלט דער פאַרלאַנג פון לערערס געוואַקסן, וואָלטן די טעכניקומס געווען פאַרפלייצט פון קאַנדידאַטן, וואָס גרייטן זיך פאַר אידישע לערער, וואָלט מען ניט באַדאַרפט „ניט צעשטויבן די קויכעס״. אין דעם זעלבן אַרטיקל ווערט טאַקע דערציילט, אַז „די אידישע פּעדטעכניקומס פון אוקראַינע ווערן האַיאָר אי בעסער באַזאָרגט, אי מער באַוואָרנט מיט פּעדקאַדרען. מיט דער קאָמפּלעקטירונג אָבער האַלט נאָך אין אייניקע פּעדטעכניקומס גאָרניט פויגלדיק, באַזונדערס אין זשיטאָמיר. דער דירעקטאָר פונ׳ם פּעדטעכניקום איז אַפילע דערגאַנגען דערצו, אַז ער בעט, מען זאָל אים פאַרקלענערן די צאָל נייע סטודענטן . . . וואָס איז ? ער האָט ניט וואו זיי אַהינצוטאָן.״ (אייטאַליקס פון מיר—י. ל.).

זשיטאָמיר ליגט אין אַ ראַיאָן מיט צענדליקע אידישע שטעטלאַך, וואו די אידישע באַפעלקערונג לעבט, יעדנפאַלס האָט נאָך גאָר ניט לאַנג געלעבט אינגאַנצן איזאָלירט פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג און וואו די אידישע שפּראַך איז געווען דער לשון פון דער גרעסטער מערהייט.

בערדיטשעוו ליגט נעבן זשיטאָמיר און האָט אַ שם פון אַ אידי-שער שטאָט ; כאָטש דער פּראָצענט אידן אין דער דאָזיקער שטאָט איז

שטאַרק געפאַלן, מאַכט ער נאָך אַלץ אויס אַריבער 55, אַלזאָ די אידן בילדן דאָרטן נאָך אַלץ אַ מערהייט. דער „עמעס" פון 15־טן נאָוועמ־בער, 1935, נאָכדעם ווי ער דערציילט, אַז דער בערדיטשעווער שטאָט־ראַט „האָט פאַריאָגט די אידישע שפּראַך פון זיין אַרבעט", אַז ער „האָט אַפילע ליקווידירט די שטעלע פון'ם נאַצמינד־טוער" און אַז אין אידישן פּאָליציי־צירקל האָט מען „אָנגעהויבן פאַרשרייבן די אויס־געהערטע צדאָדים דאַפּקע נאָר אויף רוסיש אָדער אוקראַיניש" און „אַז ס'איז ביכלאַל שווער צו געפינען אַזאַ באַצירק פון אַרבעט, וואו די ליקווידירונג פון דער נאַצמינד־אַרבעט זאָל זיך ניט האָבן אָפּגע־רופן צום שלעכטן", שרייבט די צייטונג: „דאָסגלייכן זיינען די אי־דישע שולן געוואָרן ביים שטאָטישן בילדונגס־אָפּטייל אַ פאַרלאָזט ווינקל. עס פעלן לערער, לערנמאַכשירים".

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז וואָס העכער מיר שטייגן, אַלץ שוואַכער ווערט די נעץ פון בילדונגס־אינסטיטוציעס אין אידיש. אַז דאָס מוז אָפּשוואַכן אויך דעם פונדאַמענט פון דער אידישער פאָלקס־שול, איז קלאָר. אָבער ס'איז פאַראַן נאָך אַן אַנדער צרה. אין אַ סך אידישע בילדונגס־אינסטיטוציעס ווערט ניט געלערנט גאָר אויף אידיש, יעדנפאַלס ניט אַלע לימודים. אָפט זיינען דאָס באמת גאָר ניט קיין אידישע אינסטיטוציעס, כאָטש זיי טראָגן דעם דאָזיקן נאָמען. אָט איז אין אָדעס פאַראַן אַ אידישער מאַשין־בוי־טעכניקום. שרייבט דער „עמעס" פון 28־טן מערץ, 1936: „אויפ'ן צווייטן קורס פון טעכניקום ווערן פון 11 לימודים 8 אונטערריכטעט אין רוסיש; אויפ'ן דריטן קורס ווערן פון 10 לימודים 7 אונטערריכטעט אין רוסיש און די 4-טע קורסן זיינען שוין אינגאַנצן רוסיפיצירט."

וועגן דעם לאַרינדאָרפער ראַיאָן שרייבט דער „עמעס" פון 4־טן אויגוסט, 1936: „וואָס איז דאָס פאַר אַ אידישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן און וואָס איז דאָס פאַר אַ אידישע קולטור־אַרבעט, וועלכע ווערט געפירט סיסטעמאַטיש און אויסשליסליך ניט אויף דער אידישער שפּראַך?" און דער אויטאָר דערציילט, אַז „מען עפנט אָן אַכטן קלאַס, עפנט מען אים ניט בא דער אידישער שול, נאָר בא דער רו־סישער".

וואָס ווייטער ווערט אַלץ מער געקלאָגט, אַז די ערשטע קלאַסן פון די אידישע שולן פוסטעווען. אין „עמעס" פון 24־טן יוני, 1937 ווערט געזאָגט אין לייט־אַרטיקל: „די לעצטע יאָרן באַגעגענען ניט ווייניק אידישע שולן קאָמפּליקאַציעס און פאַרשוועריקונגען באַם אויפ-

נעמען, באַם קאָמפּלעקטירן די ערשטע קלאַסן". אַ סך קלאָרער רעדט וועגן דעם דער „עמעס" פון 22־טן מאַי, 1937, און דאָ מוזן מיר ברענגען אַ לענגערע ציטאַטע, ווייל זי באַלייכט ניט נאָר די שטימונגען פון דער אידישער באַפעלקערונג, נאָר אויך פון די אַקטיווע טוער פון דער אידישער קולטור־אַרבעט. די צייטונג שרייבט: „די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע, שעדעקירישע אַרבעט, וואָס ס'האָבן געפירט די נידערטרעכטיקע טראָצקיסטן, נאַציאָנאַליסטן בענעגייע דער סאָוועטישער אידישער קולטור, האָט אויך איבערגעלאָזט גרויסע שפּורן אינ'ם שול־וועזן. טאַקע פון דאָרטן שטאַמט עם די פאַלשע „טעאָריע" וועגן דעם, אַז די אידישע שול שטאַרבט אָפּ קלוימערשט, ניט פאַראַן קיין באַזע פאַר איר עקסיסטענץ. איבער דער בלינדקייט פון איניקע בילדונגס־אָפּטיילן, איבער דער אומטעטיקייט פון די נאַצטוער פונ'ם פאָלקאָמבילד האָט די דאָזיקע „טעאָריע" ערטערווייז טאַקע באַקומען איר פאַרווירקליכונג. עס האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַגיטירן, אַז 8־יאָריקע קינדער, מעג זייער מוטער־שפּראַך זיין אידיש, דאַרף מען אומבאַדינגט אָפּגעבן בלויז אין אוקראַאינישע און רוסישע שולן. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אַ געוויסע צאָל שולן איז צום אָנהויב לערניאָר געבליבן אָן ערשטע קלאַסן אָדער מיט קליינע ערשטע קלאַסן".

פאַרוואָס די טראָצקיסטן האָבן גראַדע אַגיטירט געגן דער אידישער שול און ניט געגן דער אוקראַאינישער אָדער ווייסרוסישער, ווערט ניט דערקלערט. אָבער פאַר אונז זיינען וויכטיק די פאַקטן און זיי זיינען קלאָר: אַ סך מענטשן האַלטן, אַז אפילו קינדער, וואָס רעדן אין דער היים אידיש, דאַרפן באַזוכן אוקראַאינישע אָדער רוסישע שולן; זיי האַלטן, אַז די אידישע שול שטאַרבט; איניקע בילדונגס־אָפּטיילן האָבן שוין זיך גענומען ליקווידירן אידישע שולן און ענדליך, אין די ערשטע קלאַסן איז אָדער אינגאַנצן פוסט אָדער טיילווייז פוסט.

אָבער אין דעם זעלבן אַרטיקל ווערן דערציילט ניט נאָר אינטערעסאַנטע, נאָר אויך ביז גאָר פּיקאַנטע און איבערראַשנדיקע זאַכן. ערשטנס, ווערט דערציילט, אַז „דער דירעקטאָר פון דער מאַלינער שול כ. שוואַרצמאַן און דער לערער פון דער אידישער שפּראַך פון דער זעלבער שול געפונען דאַפקע פאַר נויטיק אָפּגעבן זייערע קינדער אין דער אוקראַאינישער שול". ווייטער: „אין איניקע ערטער גייט אַ העסליכע איבערכאַפּונג פון די בעסערע לערער פון די אי-

דישע שולן און מען פירט זיי אַריבער אין די אוקראַינישע און רוסישע שולן. אַזוי איז אין קיעוו געשען מיט די לערער בראַגינסקי, לעשטשינער, קרוגליאַק, ווערלענסקאַיאַ, ראַיגאַראַדסקי און אַנדערע; אַזעלכע פאַקטן האָבן מיר אין פּראַסקוראָוו, אין מאַלעוו-פּאָדאָלסק א. אַ. וו."

דער מחבר פון אַרטיקל קלאָגט זיך, אַז „דער פאַלקאָמבילד פון אוקראַינע זיכערט ניט די אידישע שולן מיט אַ סיסטעמאַטישער אָנפירונג". און כדי צו דערוואַרעמען די אידישע קאָמוניסטן, אַז זיי זאָלן ניט פאַרלאָזן די אידישע קולטור-אַרבעט שרעקט זיי דער מחבר מיט פאָלגנדיקע פאַקטן: „אין אייניקע ערטער האָבן ווידער אויפגעלעבט די מעלאַמדים. אין מאָלעוו-פּאָדאָלסק לערנען זיך צען אידישע קינדער פון דער 1-טער שול בײַ מעלאַמדים. מעלאַמדים זיינען אויך פאַראַן אין טשעמיראָוועץ, אין אוורוטש, און אין אַנדערע שטעטלאַך. די סאָנים זוכן צו פאַרשטאַרקן די רעליגיעזע ווירקונג אויף די קינדער".

אין „עמעס" פון 16-טן אויגוסט, 1937, ערב דעם נייעם לערנייאָר, ווערט דערציילט גאָר אַ סך וועגן שולן, וועלכע האָבן ניט קיין תלמידים פאַר די ערשטע קלאַסן און ס'ווערט צוגעגעבן, אַז אין לופּלאָוו, וואו ס'לעבן ביז 5 טויזנט אידן, וועלכע מאַכן אויס צוויי דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, איז אין דער 13-טער אידישער שול געווען 3 מעלדונגען פון נייע תלמידים און אין דער 12-טער שול „קיין איין מעלדונג ניט".

די לאַגע איז געוואָרן אַזוי טרויעריק, אַז אייניקע האָבן זיך דערטראַכט צו אַזאַ פּלאַן: די אידישע שולן זאָל מען שליסן, און אידיש זאָל מען לערנען אין די ניט-אידישע שולן אַלס געגנשטאַנד. דער לייענער וועט אפשר ניט גלויבן, איז לאָמיר אים ברענגען באַווייזן: איז דניעפּראָ-פּעטראָווסק (קאַטערינאָסלאַוו) איז געווען אַ קאָנפערענץ פון אידישע לערער. דערציילט דער „עמעס" פון 17-טן יוני, 1937, אַז „אויף דער קאָנפערענץ האָט מען דערציילט, אַז ס'זיינען פאַראַן טענדענצן בײַ אייניקע טוער פון בילדונגס-אָפּטייל און אַפילו בײַ די אידישע לערער גופא צום צונויפגיסן אידישע שולן, ד. ה., פשוט פאַרמאַכן אַ שול"; נאָכדעם ווי די צייטונג דערציילט, אַז מען האָט גערעדט, אַז „די עלטערן ווילן ניט אָפּגעבן זייערע קינדער אין אַ אידישער שול", גיט זי צו, אַז איינער פון די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ האָט פאָרגעלייגט, אַז „ס'זאָל די אידישע שפּראַך אונטערריכטעט ווערן אין די ניט-אידישע שולן אַלס קעגנשטאַנד".

פאַרוואָס וויל מען ניט אָפּגעבן קיין אידישע קינדער אין אידישע שולן? ווייל מען וויל, אַז די קינדער זאָלן גוט קאָנען ניט די מוטער־שפּראַך, וואָס שפּילט אַזאַ קליינע ראָלע אין עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פון דעם גאַנצן לעבעדיקן אַרום, נאָר די סביבה־שפּראַך, וועלכע שפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע אין לעבנס־שיקזאַל פון יעדן איינעם. אַלס סביבה־שפּראַכן טרעטן דער עיקר אויף רוסיש, אוקראַיניש און ווייסרוסיש. האָט מען אין די יאָרן פון נאָך 1935 שטאַרק פאַרברייטערט די פּראָגראַם פון די דאָזיקע שפּראַכן אין דער אידישער שול. אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן און די ליקווידאַציע ווערט ווייטער געטריבן.

מיר וועלן ברענגען עטלעכע ציטאַטן פאַר׳ן יאָר 1938. אין „עמעס" פון 17־טן פעברואַר, 1938, ווערט דערציילט, אַז „אין פּאָס־טאַווער, סקווירער, מאַקאַראָווער, אומאַנער און אַנדערע ראַיאָנען פון דער קיעווער געגנט זיינען פאַרמאַכט געוואָרן נאַצמינדישע שולן". פאַרשטייט זיך, אַז דאָ מיינט מען פּאַקטיש אידישע שולן. אַז ס׳איז אַזוי, ווערט אַבסאָלוט קלאָר פון אַ קליינער נאָטיץ פון׳ם פאַרוואַלטער פון׳ם נאַצמינד־אָפּטייל פון קיעווער געגנט־אויספּירקאָם. ער דער־ציילט, אַז די אידישע שולן זיינען גוט צוגעגרייט צום לערן־יאָר, אַז מען האָט דורכגעפירט ספּעציעלע קורסן פאַר די לערער פון דער רוסישער און אוקראַינישער שפּראַך אין די אידישע שולן, כדי מען זאָל באַפרידיקן די פאַרלאַנגען פון די עלטערן אין דעם פּרט; ער שטעלט פעסט אויך, אַז אַלע שולן זיינען פאַרזאָרגט מיט לערער, אָבער „פון עטלעכע טויזנט אידישע קינדער, וועלכע געפינען זיך אין דער קיעווער געגנט, זיינען אָנגעקומען אין די ערשטע קלאַסן נאָר 368. אין בעלאַצערקאָוו, וואו ס׳איז דאָ אַ אידישע באַפעלקערונג פון 16 טויזנט נפשות, זיינען די ערשטע קלאַסן פון די אידישע שולן ניט אינגאַנצן קאָמפּלעקטירט . . ." („עמעס" 1טן סעפּטעמבער, 1938 — איטאַליקס פון מיר—י. ל.).

מיר האָבן ביז איצט געבראַכט ציטאַטן, וועלכע האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער ליקווידאַציע־פּראָגע אין ברייטן זין פון וואָרט. מיר וועלן איצט אויפווייזן אַ צעטל ליקווידאַציע סימנים אין איינצלנע פּונקטן, וועלכע אילוסטרירן גלענצנדיק, ווי שנעל דער פּראָצעס קומט פאָר.

אין „עמעס" פון 2־טן סעפּטעמבער, 1935, ווערט געזאָגט, אַז „מען האָט אין זשיטאָמיר פאַראיאָרן צונויפגעגאָסן צוויי אידישע

שולן, ווייל די שולן האָבן ניט געהאַט קיין פולע קאָמפּלעקטירטע קלאַסן. האַיאָר האָט די זעלבע שוין פּאַראייניקטע שול ניט קיין פולן קאָמפּלעקט שילער פאַר׳ן ערשטן קלאַס.

אין „עמעס" פון 27־טן מאַי, 1937 ווערט דערציילט פון באָב־רויסק, אַז „די לעצטע צייט ווערן פאַרמאַכט די אידישע גרופּעס אין די קינדער־גערטנער. זיי ווערן אַריבערגעפירט אויף רוסיש און ווייסרוסיש".

אין „עמעס" פון 24־טן יוני, 1937, ווערט דערציילט, אַז אויף דער באַראַטונג פון אָדעסער שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט איז „פון די סיגנאַלן געוועזן צו זען, אַז מיט׳ן אויפנעם אין די ערשטע קלאַסן איז אין דער מערהייט אידישע שולן ווייט ניט אין אָרדענונג".

אין זעלבן נומער „עמעס" ווערט געשריבן וועגן קיעוו: „דעם ערשטן יוני האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפנעם אין די שולן. וואָלטן דאָך די קיעווער אידישע שול־טוער געדאַרפט דיסקאָנטירן דעם דורכפאַל באַם אויפנעם אין די ערשטע קלאַסן אין פאַריקן לערניאָר, ווען איינציקע שולן האָט זיך ניט איינגעגעבן קאָמפּלעקטירן די ערשטע קלאַסן. צום באַדויערן, ווערט עס נאָך ניט געטאָן. קיעוו האָט אַ באַדייטנדיקע נעץ אידישע קינדער־גערטנער, אָבער זיי זיינען אידישע נאָר לויטן שילדל. אין דערווירקליכקייט ווערט אין זיי געפירט די דערציערישע אַרבעט אין רוסיש. פיל אידישע שולן וועלן האַיאָר ניט האָבן קיין ערשטע קלאַסן". (אייטאַליקס פון מיר—י. ל.).

ווי טראַגיש די פראַגע איז געוואָרן אין קיעוו מיט די אידישע שולן, ווערט קלאָר פון אַן אַרטיקל אין „עמעס" פון שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכן, פון 12־טן יולי, 1937: „איינע פון די צענטראַלסטע פראַגן איז באַ היינטיקן טאָג די קאָמפּלעקטירונג פון די ערשטע קלאַסן. די טעג האָט דער שטאָטישער בילדונגס־אָפּטייל צונויפגערופן אַ באַראַטונג פון אַלע דירעקטאָרן פון די אידישע שולן וועגן דער דאָזיקער פראַגע. די פראַגע ווערט אויך געשטעלט אין דער נאָענטסטער צייט אויף דער זיצונג פון שטאָטישן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי".

אין „עמעס" פון 6-טן יולי, 1937 ווערט דערציילט וועגן אַ „דערפאָלגרייכן לערניאָר" אינ׳ם אידישן אָפּטייל פון מאָסקווער בובנאָוו־אינסטיטוט און ס׳ווערט צוגעגעבן: „אין צוועלפטן יאָר פון זיין עקסיסטענץ טרעט אַריין דער יידאָפּטייל אונטערן צייכן פון וואוקס. אָבער דער וואוקס באַציט זיך דערווייל מער צו דער קוואַלי־

מעט. ער דאַרף זיך לאָזן פילן אויך אין דער קוואַנטיטעט. מיר האָבן צו ווייניק סטודענטן. מיר דאַרפן ניט נאָר אַ פולן אויפנעם אויפ'ן ערשטן קורס — מיר דאַרפן אויך דערגאַנצן דעם צווייטן קורס".

אין „עמעס" פון 11־טן אויגוסט, 1937 ווערט דערציילט וועגן דער אידישער שול אין מאנאסטרישטש, אַז זי „איז געבליבן קימאט אָן אַן ערשטן קלאַס (אין ערשטן קלאַס האָבן זיך געלערנט 4 שילער)".

אין „עמעס" פון 30־טן יוני, 1938 ווערט דערציילט וועגן בעלאַ־צערקאָוו, אַז אַלע קלאַסן אין די אידישע שולן זיינע גוט אוועקגע־שטעלט, נאָר „ס'איז בא היינטיקן טאָג נאָך ניט קאָמפּלעקטירט דער ערשטער קלאַס".

אין „עמעס" פון 30טן אויגוסט, 1938 ווערט דערציילט וועגן קאַראַסטען (אוקראַינע), אַז „די אידישע שול איז צום נייעם לערניאָר געבליבן אָן אַן ערשטן קלאַס". דערציילנדיק, אַז מען פירט אַן אגי־טאַציע אויף צו צעוואַלגערן די שול", זאָגט דער קאָרעספּאָנדענט, אַז „נאָר דערמיט קאָן מען דערקלערן דעם פאַקט, וואָס סאַמע פאַר'ן אָנהויב לערניאָר האָבן אַ סך שילער גענומען אַריבערגיין אין אַנדערע שולן. ס'האָבן פאַרלאָזט די אידישע שול ניט בלויז אַ סאַך פון די, וואָס האָבן פאַרענדיקט דעם 7־טן קלאַס, נאָר אויך אייניקע פון די 5־טע און 6־טע קלאַסן. און דאָס איז ניט איבער דער שלעכטער אוועק־שטעלונג פון דעם אונטערריכט פון רוסיש. פאַרקערט, אין דער שול איז דער אונטערריכט פון דער רוסישער און אוקראַינישער שפּראַכן גוט אוועקגעשטעלט. אבסאָלוט אַלע אַרויסלאָזניקעס פון 10־טן קלאַס האָבן אַף די עקזאַמענס באַם אַריינטרעטן אין פאַרשיידענע הויכשולן באַקומען גוטע אָפּשאַצונגען אַף רוסיש און אוקראַיניש. די שול האָט אַלע באַדינגונגען פאַר דערפאָלגרייכער אַרבעט. ערשט מיט צוויי יאָר צוריק האָט מען פאַר איר אויסגעבויט אַ פּרעכטיקע געביידע, אַ פּאַלאַץ, אין וועלכן ס'זיינען פאַראַן 20 קלאַסן, וואו עס לערנען זיך 600 קינדער. די שול האָט טאַקע דעריבער דערוואַרט אַ גרויסן אויטאָריטעט צווישן דער שטעטלשער באַפעלקערונג.

„די פּאַניק־שטימונגען צווישן די קינדער זיינען בלויז אַ רעזול־טאַט פון דער אַרונטעררייסערישער אַרבעט פון די עלעמענטן, וועלכע פאַרשפּרייטן רעכילעס וועגן דער אידישער שול". די קאָרעספּאָנדענץ ענדיקט זיך מיט אַ קלאָג, אַז ס'וועלן ניט בלייבן קיין קינדער אין ערשטן קלאַס.

דאָס סאָוועטישע אידנטום

מיר האָבן געבראַכט די דאָזיקע לאַנגע ציטאַטע, ווייל זי ווייזט אונז, אַז די אידישע שול געפינט זיך אויסערליך אין די בעסטע באַדינגונגען און ווערט אויפגעריסן פון אינעווייניק. די באָבע־מעשה מיט די אַרונטעררייסערישע עלעמענטן קאָן מען לאָזן פאַר נאַאיווע קאָמוניסטן, אויב אַזעלכע זיינען נאָך פאַראַן. פאַר אונז איז קלאָר, אַז די דרויסנדיקע גוטע באַדינגונגען קאָנען ניט ראַטעווען פון אינעווייניקסטער פוסטקייט, פון גייסטיק־נאַציאָנאַלער אויסגעהוילטקייט, פון אַסימילאַציע, וואָס שפּאַרט פון אַלע אַרומיקע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע ווינקעלאַך.

מיר וואָלטן מיט דער דאָזיקער אינהאַלטרייכער און באַלערנדיקער ציטאַטע געקאָנט פאַרענדיקן דעם טייל, וואָס ווייזט אונז, ווי פויל און שוואַך ס'איז דער באָדן פון דעם פונדאַמענט פון דער אידישער בילדונגנעץ. מיר מוזן אָבער זאָגן כאָטש אַ פּאָר ווערטער וועגן דער לאַגע אין צענטראַל־רוסלאַנד, וואו ס'לעבט איצטער אַ גאַנצער מיליאָן אידן. מיר האָבן ניט כמעט קיין מאַטעריאַל וועגן דער לאַגע דאָרטן אין פּרט פון אַ אידישער שול. מען שרייבט ניט. אָבער מיר האָבן איין בילד, וואָס איז אַבסאָלוט סימבאָליש פאַר דער לאַגע אין גאַנץ צענטראַל־רוסלאַנד.

באַ מאָסקווע איז צוריק מיט 21 יאָר געגרינדעט געוואָרן די אַזויגערופענע מאַלכאַוואַקער אידישע קינדער־קאָלאָניע. דאָס איז געווען אַ מוסטער־קאָלאָניע אין אמת'ן זין פון וואָרט. די בעסטע לערער זיינען געשטאַנען אין איר שפּיץ און די בילדונגסאַמטן האָבן זיך מיט איר ממש געשפּיגלט. מען האָט אַהין געפירט אויסלענדישע געסט אויף באַרימען זיך מיט דער דאָזיקער שאַפונג פון דער סאָוועטישער פּעדאַגאָגיק. מען האָט אַהין געשיקט לערער אויף זיך פאַרפּאָלקאָמען אין פּראַקטישער פּעדאַגאָגיק. וואָס זשע איז געוואָרן פון דער דאָזיקער שטאָלץ־אינסטיטוציע, אין וועלכער מען האָט אַריינגעלייגט ניט נאָר אַ סך מאַטעריעלע מיטלען, נאָר אויך גאָר, גאָר אַ סך גייסטיקע כוחות? אין „עמעס" פון 5־טן סעפּטעמבער, 1937, געפינען מיר אַ גאַנץ קלאָרן תּירוץ: „הינטער מאָסקווע, אין מאַלאַכאָווקע עקסיסטירט שוין באַלד צוויי צענדליק יאָר אַ אידישע קינדער־קאָלאָניע. אויסגעצייכנטע אַרבעטער־סטאַכאַנאָווצעס, אינזשענערן, פּעדאַגאָגן, מאַלער, מוזיקאַנטן זיינען איצט די געוועזענע שילער פון דער קאָלאָניע.

„אַסאַך האָט די קאָלאָניע אויפגעטאָן אין פּראַט פון אוועקשטעלן די שול־אַרבעט, די דערציאונג פון די קינדער. דאָס אַלץ איז אָבער

געווען, איצט געפינט זיך די קאָלאָניע אין אַ שווערן, אין אַ קריטישן צושטאַנד. וואָס האָבן מיר געטראָפן דעם ערשטן טאָג פון׳ם לערניאָר אין דער קאָלאָניע? די שול איז ניט גרייט. די הייזער, וואו די קינדער וואוינען, זיינען נאָך ניט געענדיקט רעמאָנטירן. די קינדער שלאָפן אויף דער ערד, אויף שמוציק וועש, אָן מאַטראַצן. פרעגט זיך, ווי געשיקט זיך עס, אַז אַ לערנאַנשטאַלט, וואָס עקסיסטירט שוין באַלד 18 יאָר, זאָל קומען צום אָנהייב לערניאָר אָן ביכער, אָן אַ רעשימע, אָן קיין שום פּלאַן פון לערן־דערציערישער אַרבעט? „די סיבע איז אַ פּאַשעטע. אין דער אָנפירונג פון דער קאָלאָניע שטייען מענטשן, וועלכע האָבן צו דערציאונגס־פראַגן קיין שום שייכעס ניט. און דער מאָסקווער געגנטליכער בילדונגס־אָפּטייל, צו וועמען די קאָלאָניע געהערט, אינטערעסירט זיך מיט דער קאָלאָניע, ווי מיט׳ן פאַראַיאָריקן שניי".

ניטאָ וואָס צוצוגעבן! די לאַגע איז קלאָר! און אַזאַ תכלית איז געוואָרן פון אַלע אידישע בילדונגס־און קולטור־אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען אויפגעבויט געוואָרן אין צענטראַל־רוסלאַנד.

דער לייענער וועט געווים שטעלן די האַרבע קשיא: און וואו זיינען ידיעות פאַר די לעצטע פאַר יאָר? חזר׳ן מיר נאָך אַמאָל איבער: מען שרייבט ניט! אין דער גאָר לעצטער צייט האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פּאָר נאָטיצן און מיר וועלן מזכה זיין דעם לייענער מיט זיי. אין „שטערן" פון 5־טן אָקטאָבער, 1940, שטייט געשריבן: „27 לערנביכער האָט געדאַרפט אַרויסלאָזן צום נייעם לערניאָר פאַר די אידישע סאָוועטישע שולן דער מאָסקווער פאַרלאַג „עמעס". ס׳איז שוין אַוועק אַ כוידעש, זינט עס קומען פאַר די לימודים אין די שולן, און קיין איין לערנבוך איז נאָך ניט גרייט. ס׳איז אויך דאָ אַ געפאַר, אַז אייניקע לערנביכער (פון אידישער ליטעראַטור) וועלן אינגאַנצן האָיאָר ניט דערשיינען . . . פון די 27 לערנביכער זיינען בלויז דריי אָריגינעלע. אַמשפּעטסטנס האָבן זיי באַדאַרפט זיין גרייט דעם 1־טן יולי. פאַרוואָס שווייגן די פאַלקאָמבילדן? פאַרוואָס שווייגן די אידישע שולן, וואָס נויטיקן זיך אַזוי אין לערנביכער? פאַרוואָס פאָדערן זיי ניט פון׳ם פאַרלאַג „עמעס"? פאַרוואָס אַזאַ זאָרגלאָזיקייט"?

אויף די דאָזיקע קשיות געפינען מיר אַ תירוץ אין „אָקטיאַבער" פון 7־טן אויגוסט, 1940: „דעם 5־טן אויגוסט האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט דער אַקטיוו פון פאַלקאָמבילד פון ווייס־רוסלאַנד. דער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר פאָלקס־בילדונג כ׳טע אוראַלאַווא האָט באַרירט די

פראַגע וועגן קאָמפּלעקטירן די שולן און קלאַסן. מען מוז ליקווידירן — זאָגט די כ'טע אוראַלאַווא — די קאַרליקאַווע שולן און די קאַרליקאַווע קלאַסן, וואָס קאָסטן אָפּ זייער פיל געלט. אין דער הינזיכט האָט מען שוין אַ טיילווייזע אַרבעט דורכגעמאַכט. אַזוי, אַדאַנק דער ליקווידאַציע פון די קאַרליקאַווע קלאַסן האָבן זיך באַפרייט אין מינסקער געגנט העכער 600 לערער, אין מאַלעווער געגנט — 700 לערער".

ס'איז ניט שווער זיך אָנצושטויסן וועמען מען מיינט מיט די „קאַרליקאַווע שולן און קאַרליקאַווע קלאַסן". מיר פאַרשפּאָרן מאַכן פירושים און אויסטייטשונגען.

אויפ'ן סמך פון גאַנצן פאַראַנענעם מאַטעריאַל קאָן מען קומען צום אויספיר, אַז אין געגעבענעם מאָמענט — סוף 1940 — זיינען פאַראַן אין גאַנץ סאָוועט־רוסלאַנד פון 85 ביז 90 טויזנט אידישע קינדער אין שולן מיט אידיש, אַלס אונטערריכט שפּראַך. דאָס מאַכט אויס אַרום 20 פּראָצענט פון אַלע אידישע קינדער, וואָס לערנען זיך אין שולן. די דאָזיקע קרוב צו 90 טויזנט קינדער, וואָס לערנען זיך אין אידישע שולן, פאַרטיילן זיך אויף אַזאַ אופן: אין אוקראַינע אַרום 50 טויזנט; אין ווייס־רוסלאַנד אַרום 25 טויזנט; אין ביראָ־בידזשאַן 3 טויזנט; אין קרים 3 טויזנט; אין די מערב־געגנטן פון גרויס־רוסלאַנד 5 טויזנט; אין אַלע איבעריקע טיילן פון סאָוועטנלאַנד אַ פּאָר טויזנט.

די אידישע שול איז געבליבן אַ שול פון געוועזענעם תחום און האָט זיך אַבסאָלוט ניט אָנגענומען אין די גובערניעס פון גרויס־רוסלאַנד. אין די גובערניעס פון געוועזענעם תחום איז זי אַם שטאַרקסטן פאַרשפּרייט אין די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען, אין די שטעטלאַך מיט אידישע נאַציאָנאַלע סאָוועטן, אין די קליינע שטעטלאַך איבערהויפּט. אַם שוואַכסטן איז די אידישע שול אין די גרויסע שטעט און זי שטאַרבט דאָרטן אָפּ מיט אַ סך אַ גיכערן טעמפּ. דער גרעסטער רוב אידישע קינדער, אַרום 60 פּראָצענט, לערנען זיך אין רוסישע שולן; אַרום 15 פּראָצענט לערנען זיך אין אוקראַינישע שולן און די איבעריקע אין ווייס־רוסישע און אין שולן מיט אַנדערע אונטערריכט שפּראַכן.

פונ'ם גאַנצן מאַטעריאַל ווערט קלאָר, אַז חוץ די אָביעקטיווע באַדינגונגען, וועלכע טרייבן ממש צו אַסימילאַציע, איז שולדיק אינ'ם גיכן צעפאַל פון דער אידישער שול אין אַ גרויסער מאָס די דעזאָרגאַניזירטקייט פון אידישן קיבוץ, די אָפּוועזנהייט פון וועלכן ס'ניט איז

אידישן פּאָליטישן מאַסן־אָרגאַן, וואָס זאָל וואַכן איבער די אינטערעסן פון דער אידישער שול און זאָרגן פאַר איר קיום. דער באַדין־אַפּאַראַט, וועלכן די יעווסעקציעס האָבן איבערגעגעבן דעם שיקזאַל פון דער גאַנצער אידישער קולטור־אַרבעט, האָט גאָר גיך דעגענערירט און איז פאַרשוואונדן. די אַלגעמיינע בילדונג-אָרגאַנען האָבן זיך מיאש געווען אין דער אידישער קולטור־אַרבעט און האָבן אויף איר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. איז געוואָרן אַ הפקר־לאַגע. אָט דאָס איז דער תכלית, צו וועלכן די יעווסעקעס האָבן דערפירט.

גאָר גרויסע האָפענונגען פאַר דער אידישער שפּראַך און ניט נאָר אין דער שול, נאָר אין לעבן בכלל האָט מען געלייגט אויף די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען און נאַציאָנאַלע סאָוועטן. לאָמיר זשע זען, ווי ווייט די דאָזיקע האָפענונגען האָבן זיך פאַרווירקליכט.

25

נאַציאָנאַלע ראַיאָנען און נאַציאָנאַלע סאָוועטן

די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען און די נאַציאָנאַלע סאָוועטן זיינען א גלענצנדיקע אילוסטראַציע צו דעם, וואָס פאַר א ברכה ס'איז פאַר דער נאַציאָנאַלער קולטור יעדע קאָנצענטראַציע, אָבער אויך א שרייענדיקער באַווייז, ווי ווייניק אַזעלכע קליינע נאַציאָנאַלע קאָנצענטרירטע אינזעלאַך אין א ים פון צעשאָטנקייט און צעזייטקייט קאָנען שאַפן א זיכערן באָדן אפילו נאָר פאַר די אינזעלאַך גופא, שוין אָפגערעדט פון'ם גאַנצן קיבוץ.

לויט די סאָוועטישע געזעצן פאַרמאָגן די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען און סאָוועטן גאָר ברייטע זעלבסטפאַרוואַלטונגס־רעכט. זיי קאָנען ניט נאָר פירן די גאַנצע בילדונגס סיסטעם אין דער שפּראַך פון דער נאַציע, וואָס איז די מערהייט אינ'ם ראַיאָן, נאָר אויך די גאַנצע אַדמיניסטראַציע און געריכט־פּראָצעדור און קאָנען זיך אפילו ווענדן אין דער ראַיאָן־שפּראַך אין די צענטראַלע רעפּובליקאַנישע אינסטאַנצן. צען טויזנט נפשות איז געגוג אויף אויסטיילן זיך אין אַזא נאַציאָנאַלן ראַיאָן. 500 נפשות זיינען גענוג פאַר א נאַציאָנאַלן סאָוועט.

אין סאָוועט־רוסלאַנד זיינען פאַראַן 5 אידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען: 3 (קאַלינינדאָרף, ניי־זלאַטאָפּאָל און סטאַלינדאָרף) אין אוקראַינע און 2 (פריידאָרף און לאַרינדאָרף) אין קרים. אַרום און אַרום געפינען זיך אין אַלע 5 ראַיאָנען פון 85 ביז 90 טויזנט נפשות; פון זיי אַרום 55 ביז 60 טויזנט אידן. דער פּראָצענט אידן איז זייער פאַרשיידן אין פאַרשיידענע ראַיאָנען: ער באַטרעפט אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן 83.0 פּראָצענט, אָבער אין סטאַלינדאָרפער נאָר 48.9%. אין דער לעצטער קאָלאָניע מאַכן אידן אויס נאָר א רעלאַטיווע מערהייט. די איבעריקע באַפעלקערונג באַשטייט דער עיקר פון אוקראַינער און דייטשן. יעדער ראַיאָן באַשטייט אָבער פון א סך דערפער, וועלכע האָבן זייערע דאָרף־ראַטן. די דערפער זיינען מערסטנטיילס אויסגעגאָסן פון איין נאַציאָנאַלן שטיק. אַזוי זיינען אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן פאַראַן 10 דערפער: פון זיי זיינען 7 ריין־אידישע; 1 אוקראַינישער און 2 געמישטע.

די ערשטע פראַגע, די וויכטיקסטע, באַשטייט אין דעם, צי וואַקסן די ראַיאָנען, צו ווייזן זיי אַרויס אַן אָרגאַנישע עקספּאַנסיע־טענדענץ אין געאָגראַפישן זין און צי אַנטפּלעקן זיי אַזאַ סכום פון נאַציאָנאַלער פרישער ענערגיע, אַז זיי זאָלן באַאיינפלוסן די שטאַטישע אַסימילאַציע און אויב ניט זי איינגאַנצן אָפּהאַלטן, איז כאָטש האַמעווען און פאַרלאַנגזאַמען איר טעמפּ. לאָמיר נעמען קאַלינינדאָרפער ראַיאָן, וואָס האָט אַ גרויסע אידישע מערהייט און איז מאַקסימאַל מסוגל צו אַנטפּלעקן די פּאָזיטיווע זייטן.

אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן האָבן מיר דריי טיפּן קאָלאָניסטן: אַלטע אידישע קאָלאָניסטן פון גאָר אַמאָליקע צייטן; נייע אידישע איבערוואַנדערער און ניט-אידישע קאָלאָניסטן. און אָט זיינען ציפער וועגן אָפּפלוס אין איין יאָר: אויפ'ן 1־טן יולי, 1930 זיינען געווען אין די אַלטע אידישע קאָלאָניעס 734 משפחות און אויפ'ן 1־טן יולי, 1931 זיינען געבליבן נאָר 648, זיינען אַרויסגעפאָרן 86 משפחות אָדער 11.7%. אין די נייע אידישע איבערוואַנדערער־ישובים זיינען געווען אין די שייכות'דיקע צייט־פּונקטן 1957 און 1477 משפחות, אַלזאָ זיינען אַרויסגעפאָרן 24.5%, מער ווי צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי פון די אַלטע קאָלאָניעס. אין די ניט־אידישע דערפער זיינ'ען געווען 556 משפחות און ס'זיינען געבליבן 521, אַלזאָ זיינען אָפּגעפאָרן נאָר 6.3%, 4 מאָל ווייניקער, ווי באַ די נייע אידישע קאָלאָניסטן, און צוויי מאָל ווייניקער ווי באַ די אַלטע אידישע קאָלאָניסטן. אָבער נאָך אינטערעסאַנטער איז דער אָפּפלוס פון דער צאָל נפשות, ווייל דאָס ווייזט דאָס לויפן פון דער יוגנט פון די קאָלאָניעס. דער פּראָצענט אָפּגעפאָרענע נפשות איז געווען: אין די ניט־אידישע דערפער — 10.1%; אין די אַלטע אידישע קאָלאָניעס — 12.8% און אין די נייע אידישע קאָלאָניעס גאַנצע 32.0%. אַלזאָ פון די נייע אידישע ישובים איז אָפּגעפאָרן כמעט אַ גאַנץ דריטל פון דער באַפעלקערונג. אָבער אפילו פון די אַלטע אידישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבן געבילדעט דעם רוקן־ביין פון די אידישע ראַיאָנען, איז דער אָפּפלוס גרעסער, ווי באַ די ניט־אידן. און אָט ווי דער מחבר, באַ וועמען מיר נעמען די דאָזיקע דאַטן, דערקלערט די דאָזיקע דערשיינונג: „דער מעכטיקער וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע אין ראַטנפאַרבאַנד ציט אַרויס פון דאָרף אין שטאָט אַריין אַ באַשטימטן פּראָצענט דאָרפישע באַפעלקערונג; איינע פון די וויכטיקסטע סיבות, וואָס ברייננט דערצו, וואָס אַ טייל איבער־

וואַנדערער פּאַרלאָזט די פּאָנדן, איז געווים די אָרגאַניזאַציאָנעלע שוואַכקייט און די אומווירטשאַפטליכקייט, וואָס הערשט נאָך אין אַ היפּשן טייל קאָלווירטן. עס איז כמעט ניטאָ קיין איין שטעטל אין אוקראַינע, וואו מיר זאָלן זיך ניט טרעפן מיט צוריקגעקומענע פון קאַלינינדאָרפער ראַיאָן. צווישן זיי איז פאַראַן גאַנץ אָפט בייזוויליקע, וואָס פאַרשפּרייטן אומגעלומפּערטע קלאַנגען וועגן דעם ראַיאָן, קלאַנגען, וואָס שטימען אַבסאָלוט ניט מיט דער ווירקליכקייט. אָבער צייטנווייז זיינען זיי גערעכט, ווען זיי טענה'ן, אַז די מאַטעריעלע באַדינגונגען האָבן זיי געצוואונגען, זיי זאָלן אַוועקגיין זוכן פאַר זיך אַ בעסער לעבן אין אַנדערע ערטער" *). באַטראַכטנדיק דאָס אַפּפאָרן פון דער יוגנט, זאָגט דער זעלבער מחבר: „ווען באַ די איבערוואַנדערער (נייע אידישע קאָלאָניסטן—י. ל.) קערט זיך אום די אַוועקגעגאַנגענע יוגנט זייער זעלטן צוריק אין דאָרף אַריין און אָפטער נעמען זיי נאָך צו אין שטאָט אַריין זייערע פאַרבליבענע עלטערן און אַנדערע פאַמיליעגלידער, טראָגט אָפטער דער אַוועקגאַנג פון די ניט-אידישע דערפער אַ צייטווייליקן כאַראַקטער. און ניט נאָר וואָס די אַוועקגייענדיקע נעמען ניט אַריבער אין שטאָט אַריין זייערע משפחות, נאָר גאַנץ אָפט קערן זיי זיך אַליין אום צוריק אין דאָרף אַריין".**)

איז דאָס אפשר אַ צופעליקע דערשיינונג נאָר אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן? אָט וואָס ס'שרייבט דער זעלבער מחבר וועגן ניי-זלאַטאָפּאָלער ראַיאָן: „דער אָפּפלוס אין יאָר 1932 דערגרייכט ביז 50 פּראָצענט פון אַלע איבערוואַנדערער-משפחות, וואָס זיינען אין דעם יאָר אַריינגעקומען אין ראַיאָן".***) און ער קאָנסטאַטירט אויך בנוגע דעם דאָזיקן ראַיאָן, אַז „ס'איז כמעט ניטאָ קיין שטעטל אין אוקראַינע, וואו מיר זאָלן זיך ניט טרעפן מיט אַ גרעסערער אָדער קלענערער גרופּע צוריקוואַנדערער.****) די סיבות זיינען די זעלבע ווי אויבן און מיר וועלן זיי ניט איבער'חזר'ן. נאָר אויך אין דעם ראַיאָן ווערט פעסטגעשטעלט, אַז „די יוגנט שטרעבט צו פאַרלאָזן דעם ראַיאָן".*****) דאָס זעלבע קאָן מען פעסטשטעלן וועגן דריטן אוקראַינער ראַיאָן, סטאַלינדאָרפער. פון 2,591 איבערוואַנדערער, וואָס האָבן

*) י. סודאַרסקי, קאַלינינדאָרפער ראַיאָן. מאָסקווע, 1932, ז. 21-23.
**) דאָרטן.
***) י. סידאַרסקי, ניי-זלאַטאָפּאָלער ראַיאָן, מאָסקווע, ז. 6 און 9.
****) דאָרטן, ז. 56.
*****) דאָרטן, ז. 63.

נאַציאָנאַלע ראַיאָנען און נאַציאָנאַלע סאָוועטן

אין משך פון די יאָרן פון 1925 ביז 1930 פּאַרזייט ווינטער־תבואות, האָבן אין די זעלבע יאָרן פּאַרלאָזט די פעלדער פון סטאַלינדאָרפער ראַיאָן 813 אָדער 31.4%.*) און דער מחבר גיט צו, אַז פאַר די יאָרן 1931 און 1932 זיינען קיין ענדערונגען ניט פאָרגעקומען.**) איז אויב אין די יאָרן, ווען ס׳זיינען נאָך געווען הונדערטע טויזנטע אידישע דעקלאַסירטע, איז אין משך פון צוויי יאָר קיינע ענדערונגען ניט פאָרגעקומען, איז על אחת כמה וכמה שפּעטער, נאָכדעם ווי די דעקלאַסירטען־פּראַגע איז שוין געוואָרן ליקווידירט, געווים קיינע שנויים צו בעסערן ניט פאָרגעקומען. ס׳איז אָבער גאָר קיין ספק ניט, אַז ס׳איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג צו ערגער — ס׳איז געווען אין די לעצטע יאָרן אַן אָפּפלוס, וועלכער האָט שוין ניט געקאָנט געדעקט ווערן מיט נייע צואוואַנדערער.

אַן אומדירעקטן באַווייז, אַז אין די לעצטע יאָרן איז ניט געווען קיין וואוקס אין די ראַיאָנען, נאָר, פאַרקערט, אַן אָפּפלוס, האָבן מיר דורך די דאַטן וועגן קרים. אין קאַנטאָר׳ס בוך, וועלכן מיר האָבן עטלאַכע מאָל ציטירט, ווערט אויף ז. 134 געזאָגט, אַז צום 1־טן אָקטאָבער 1933 זיינען אין די קרימער קאָלאָניעס געווען 26 טויזנט אידישע נפשות. אין בוך „די יידן אין פּססר.", וועלכן מיר האָבן אויך ציטירט ניט איין מאָל, ווערט אָנגעגעבן אויף ז. 199, אַז צום 1־טן יולי, 1933, האָט די אידישע באַפעלקערונג אין די קאָלאָניעס פון קרים באַטראָפן 25 טויזנט נפשות. און אין „מאָרגן פרייהייט" פון 12־טן אָקטאָבער, 1940, ווערט געזאָגט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון מאָסקווע פון שכנא עפּשטיין, אַז „בא היינטיקן טאָג זיינען פאַר־אייניקט אין די קרימער אידישע קאָלאָניעס 5,477 פאַמיליעס מיט אַ באַפעלקערונג פון איבער 20 טויזנט מענטשן". איבער 20 טויזנט איז געווים ווייניקער פון 25 טויזנט. אין די צייטונגען, וואָס גייען אַרויס אין סאָוועט־רוסלאַנד גופא, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן עטליכע מאָל אויף די דאַטן פון 20 טויזנט אידישע קאָלאָניסטן אין די קרימער קאָלאָניעס.

דער ערשטער אויספיר פון די אַלע געבראַכטע דאַטן און ציטאַטן איז פאָלגנדיקער: ס׳קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן וואוקס.

---

*) דאָרטן, ז. 63.
*) י. סודאַרסקי, סטאַלינדאָרפער ראַיאָן, מאָסקווע, 1933, ז. 26.
*) דאָרטן.

הלואי די ראַיאָנען זאָלן זיך האַלטן און ניט איינשרומפּן. קיין שום צוציאונג־קראַפט ניט צוליב עקאָנאָמישע און ניט צוליב נאַציאָנאַלע מאָטיוון האָבן די ראַיאָנען ניט אַרויסגעוויזן.

פון דער צווייטער זייט מוז מען מודה זיין, אַז אין די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען האָט זיך איינגעגעבן אַריינציען דעם מאַקסימום אידישע קינדער אין אידישע שולן. אין קיין שום אַנדער וואוין־געגנט האָט זיך ניט איינגעגעבן באַקומען אין די אידישע שולן אַזאַ הויכן פּראָצענט אידישע קינדער. ס'זיינען, ליידער, ניט פאַראַן קיין גענויע ידיעות וועגן די שילער און ס'איז שווער פעסטצושטעלן, אויף וויפיל אידישע קינדער פון די געמישטע דערפער לערנען זיך אין ניט־אידישע שולן. אַזוי ווי אָבער דער רוב דערפער פון די ראַיאָנען זיינען נאַציאָנאַלע און אין די אידישע דערפער האָט מען געעפנט נאָר שולן מיט דער אידישער שפּראַך, איז אָנצונעמען, אַז אַרום 50־60 פּראָצענט אידישע קינדער לערנען זיך אין די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען אין אידישע שולן. דאָס איז כמעט 3 מאָל מער ווי אין דורכשניט אין גאַנצן לאַנד און 4 אָדער 5 מאָל מער ווי אין די גרויסע שטעט. דאָס איז געווים אַ נאַציאָנאַלער פּליוס. שטעלט מען אָבער די פראַגע, צי האָט זיך דער אידישער שול איינגעגעבן צו באַאיינפלוסן דאָס לעבן פון די דערוואַקסענע אין די קאָלאָניעס און צו באַווירקן, אַז אויך די טאַטעס און מאַמעס זאָלן לעבן אין אידיש און זיך אויסלעבן אין אידיש; צי האָט זיך איינגעגעבן דער אידישער שול שאַפן אַ נייע פריערע און פרישערע אַטמאָספער אין די קאָ־לאָניעס און אויסוואָרצלען אין די עלטערן אָדער כאָטש אין די קינדער די ירושה־קנעכטשאַפט פון בויגן זיך אין דרייען פאַר דער מערהייט־שפּראַך אפילו דעמאָלט ווען פראַקטיש גיט דאָס גאָר ניט; צי איז נאָך 20 יאָר אַרבעט אין די אַלטע קאָלאָניעס און 10 און 15 יאָר אין די נייע קאָלאָניעס אויסגעוואַקסן אַ נייער דור, וואָס זאָגט צו צו ווערן די באַנייענדיקע דינאַמישע קראַפט פון דער „באַפרייטער און אויפ־געלעבטער" אידישער קולטור, — שטעלט מען די דאָזיקע עיקר־און צוקונפט־פראַגן, מוז מען געבן אַ קלאָרע נעגאַטיווע תשובה.

ראיות? אָט זיינען זיי. אין „עמעס" פון 12־טן יולי, 1937, שטייט געשריבן אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ניי־זלאַטאָפּאָלער ראַיאָן:

„דער ניי־זלאַטאָפּאָלער ראַיאָן איז אַ נאַציאָנאַלער אידישער ראַיאָן. חוץ אידן לעבן אויך אין ראַיאָן אוקראַאינער און אַ געוויסע צאָל דייטשן. פון דעם איז געדרונגען, אַז דאָס באַדינען די באַפעל־

קערונג דאַרף גיין אין דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פון דער באַפעלקע־רונג, ד. ה., אין דער אידישער, אוקראַאינישער און אויך אין דייטש.

„אין דער ווירקליכקייט האָט זיך אָבער די לעצטע פּאָר יאָר באַקומען אַזוי, אַז די אידישע און אוקראַאינישע שפּראַכן ווערן אויסגעמיטן. אַלע פאַרזאַמלונגען, באַראַטונגען און זיצונגען ווערן געפירט אין דער רוסישער שפּראַך. אין אידיש פירט מען די אַרבעט בלויז אין איין דאָרף־ראַט; אין די איבעריקע דאָרף־ראַטן, אין דעם ראַיאָנעם אויספּיר־קאָמיטעט, אין די ראַיאָן־אַנשטאַלטן, אינ'ם ערד־אָפּטייל און אין פינאַנץ־אָפּטייל גייט די געשעפטס־פירונג אין דער רוסישער שפּראַך; אַלע מעלדונגען, אויפשריפטן און באַשטימונגען ווערן געשריבן אין דער רוסישער שפּראַך".

קלאָר, אַז דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע לעבן און די אַדמיניס־טראַציע־אַרבעט גייט אין רוסיש. אין גאַס זעט מען אויך מער רוסיש, ווי אידיש, ווייל אַלע מעלדונגען ווערן אַרויסגעגעבן אין רוסיש. ס'ווייזט אויס, אַז די רוסישע שפּראַך איז די הערשנדיקע בײַ דער יוגנט, כאָטש מען לערנט אין אידישע שולן. אָט איז אַ מעשה מיט אַ צייטונג אין אַ צווייטן אידישן ראַיאָן — די מעשה איז גאָר אַ שיינע און גיט אַ פאָרשטעלונג וועגן דער באַציאונג צו אידיש מצד עלעמענטן, וועלכע זיינען באַרופן דורכצופירן די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער רעגירונג. אין „עמעס" פון 20טן מערץ, 1935, שטייט אַזוי געשריבן: „לענינוועג" איז, ווי באַוואוסט, דער ראַיאָ־נישער פּרעסע־אָרגאַן פון אַ נאַציאָנאַלן ראַיאָן, פון אַ אידישן ראַיאָן. דעריבער איז געווען נאַטירליך, וואָס די צייטונג איז פון אָנהויב אָן געשאַפן געוואָרן אין אידיש, געמישט מיט רוסיש. נאָר דעם איצטיקן רעדאַקטאָר איז אָפּנים נימאס געוואָרן צו טראָגן אויפ'ן קאָפּ די זאָרג וועגן צוויי שפּראַכן, ווען ס'איז אַ סך לייכטער צו מאַכן אַ נומער בלויז אויף איין שפּראַך. יעדנפאַלס, אָנהויבנדיק פון פעברואַל חודש איז פון נומער צו נומער געפאַלן די מאַטעריאַלן, וואָס ווערן געדרוקט אין אידיש. און אין מערץ חודש איז אינים „לענינוועג" אויף אידיש געבליבן בלויז . . . דאָס קעפּל „לענינוועג" און די אונטערשריפט „פאַראַנטוואָרטליכער רעדאַקטאָר ש. כאַדאָס". (אייטאַליקס אין „עמעס").

דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש און דער בעסטער באַווייז, אַז אידיש גייט ניט באַרג אַרויף און פּאַרפּעסטיקט זיך ניט, נאָר גייט באַרג אַראָפּ און איז אַ יורד. אין ערשטן פאַל וואָלט אַ באַאַמטער

ניט געהאַט קיין העזה אָן אַ באַשלוס פון העכערע אינסטאַנצן צו פאַרוואַנדלען די אָפיציעלע צייטונג פון אַ אידישן ראַיאָן אין אַ ריין רוסישע. און דער מחבר פון דער נאָטיץ אין „עמעס" קלאָגט זיך טאַקע, אַז קיין אָפיציעלער באַשלוס איז ניט געווען. אַזוי ווי אָבער אַ צייטונג אין סאָוועט־רוסלאַנד איז ניט נאָר אַן אָרגאַן פאַר נייעס, נאָר אַ סך מער אַן אַפּאַראַט, דורך וועלכן די מאַכט באַקאַנט די באַפעלקערונג מיט די אָפיציעלע באַשלוסן און מיט די רעגירונגס־פאָדערונגען, איז קלאָר, אַז די אידישע באַפעלקערונג פונ'ם ראַיאָן פאַרשטייט גענוג רוסיש און נויטיקט זיך ניט שטאַרק אין אידיש. און נאָך וויכטיקער איז דאָס, וואָס די באַפעלקערונג פונ'ם אידישן ראַיאָן איז געבליבן גאַנץ גלייכגילטיק צו דעם, וואָס די אידישע זייטלאַך פון דער צייטונג זיינען צוערשט איינגעשרומפּן געוואָרן און שפּעטער גאָר נעלם געוואָרן. ניטאָ, ווייזט אויס, קיין אינטימע צוגע־בונדנקייט צו דער שפּראַך אויך אין אַזאַ ראַיאָן, וואו דער נאַציאָ־נאַלער מאָמענט וואָלט באַדאַרפט שפּילן אַ גרעסערע ראָלע. די אויבן־ציטירטע נאָטיץ איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין רעדאַקציע פון „עמעס" אין מאָסקווע, אָבער אין נאַציאָנאַלן ראַיאָן גופא איז מען געבליבן רואיק און קאַלט און מען האָט זיך גאָר ניט גענומען צום האַרצן, וואָס די אידישע זייטלאַך זיינען ניט געסטאַיעט.

אייגנטליך הערשט אין די קאָלאָניעס ביים יונגן דור און אויך באַ די גאָר קליינע קינדער מער די רוסישע, ווי די אידישע שפּראַך. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס דער רוב קינדער פון די אידישע קאָלאָניעס קלייבן זיך פאַרלאָזן די קאָלאָניעס, קלייבן זיך פאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, ווער אין אַ העכערע לערן־אַנשטאַלט און ווער אויף אַרבעט און אַלע האַלטן און אפשר זיינען זיי גערעכט, אַז מיט אַ גוטער רוסישער שפּראַך און מיט גוטע קענטניסן אין דער דאָזיקער שפּראַך קאָן מען גיכער און גרינגער זיך דערשלאָגן אַ בעסערע שטעלע. און אַזוי ווי אין אַלע שולן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, אָבער גאַנץ באַזונדערס אין די אידישע שולן ווערט געלערנט גאָר אַ סך רוסיש, באַהערשן די קינדער גאַנץ גוט די דאָזיקע שפּראַך.

אַז מיט דער אידישער קולטור אין די אידישע ראַיאָנען איז ניט גלאַטיק, קאָן מען זען פון פאָלגנדיקן פאַקט. אין דער „מאָרגן פרייהייט" פון 27־טן אָקטאָבער, 1940, איז אָפּגעדרוקט אַ קאָרעס־פּאָנדענץ פון מאָסקווע פון שכנא עפּשטיין וועגן די אידישע ראַיאָנען. ער בריינגט אַ סך ראיות, אַז די אידן לעבט זיך אין די ראַיאָנען ממש

ווי אין אַ גן עדן. איז לאָמיר אים גלויבן. אָבער ער פאַרשווייגט צוויי זאַכן: ער דערמאָנט אַבסאָלוט ניט די צאָל אידן אין די ראַיאָנען און צי וואַקסט די אידישע באַפעלקערונג אָדער פאַרקערט; און ער פאַרשווייגט לחלוטין די פראַגע וועגן דעם צושטאַנד פון דער אידישער קולטור־אַרבעט. קיין איין וואָרט ניט וועגן אידישע שולן, וועגן אידישע צייטונגען, וועגן אידיש אַלס מלוכה־שפּראַך אין די ראַיאָנען. דאָ איז דאָך דאָ מיט וואָס זיך צו באַרימען, אָבער דער מחבר, וואָס איז אַזוי אַריינגעטאָן אין זינגען שירים דעם סאָוועטישן רעזשים, לאָזט דורך אַזאַ גוטע געלעגנהייט.

ניט בעסער איז די לאַגע מיט די אידישע סאָוועטן. אויך אויף די דאָזיקע אינזעלאַך האָט מען אין די מער נאַציאָנאַל געשטימטע קאָמוניסטישע רייען געלייגט גרויסע האָפענונגען. מען איז אַרויס־געגאַנגען פון דער נאַטירליכער הנחה, אַז אויב אין אַ שטעטל אָדער דאָרף מאַכן אידן אויס אַ מערהייט און דער סאָוועט איז ניט נאָר פאַקטיש אַ אידישער, נאָר אויך יורידיש ווערט ער גערעכנט פאַר אַ נאַציאָנאַל אידישן און האָט דאָס רעכט צו פירן זיין גאַנצע אַרבעט אין דער אידישער שפּראַך, וועט ער געוויס דאָס דאָזיקע רעכט אויס־נוצן אין דער ברייטסטער מאָס. דאָס לעבן האָט אָבער דערוויזן, אַז די דאָזיקע אינזעלאַך קאָנען ניט גענומען ווערן איזאָלירט פון׳ם גאַנצן אַרום, צו וועלכן זיי גראַוויטירן און פון וועלכן זיי זיינען אָפּהענגיק. בײַ אַ קאָנפליקט צווישן דער מוטער-שפּראַך מיט דער סביבה-שפּראַך זיגט די לעצטע.

צום סוף 1933 זיינען געווען אין אוקראַיִנע 99 אידישע דאָרפישע סאָוועטן און 55 אידישע שטעטלשע סאָוועטן. אין ווייס־רוסלאַנד זיינען געווען אין 1931 27 אידישע סאָוועטן; אין קרים זיינען געווען 32 סאָוועטן; און אין די מערב־געגנטן פון גרויס־רוסלאַנד זיינען געווען צו דער זעלבער צייט 11 אידישע סאָוועטן. צוזאַמען זיינען אַלזאָ געווען 224 אידישע סאָוועטן. די באַפעלקערונג, וואָס איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט אידישע סאָוועטן, האָט באַטראָפן אַרום און אַרום העכער 300 טויזנט נפשות אָדער אַרום 10 פּראָצענט פון גאַנצן סאָוועטישן אידנטום, די ראַיאָנען שוין אין כלל.

די דאָזיקע דאַטן זיינען גענומען פון פיל מאָל ציטירטן קאַנטאָר׳ס בוך (ז. 22 און 23). אין דער גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע באַנד 24 ווערט אָנגעגעבן, אַז אין אוקראַיִנע זיינען אין 1930 געווען 66 אידישע שטעטלשע סאָוועטן. איז אַלזאָ אין צוויי יאָר

געוואָרן ווייניקער מיט 11 אידישע שטעטלשע סאָוועטן. דערפאַר זיינען אָבער צוגעקומען 5 דאָרפישע אידישע סאָוועטן, וואָרום אין 1930 זיינען אין אוקראַינע געווען נאָר 94 אידישע דאָרפישע סאָוועטן. אין אוקראַינע זיינען געווען אַרומגענומען מיט אידישע סאָוועטן אַרום 250 טויזנט אידן, וואָס ס'האָט אויסגעמאַכט בערך 15 פּראָצענט פון אַלע אוקראַאינישע אידן. באַ אַנדערע מינדערהייט פעלקער איז דער דאָזיקער פּראָצענט געווען אַ סך העכער: באַ דייטשן — 69.0% ; באַ גריכן — 87.0% ; באַ בולגאַרן — 92.0% און באַ פּאָליאַקן נאָר 30.0%. אָבער דאָך איז אפילו באַ די פּאָליאַקן דער פּראָצענט צוויי מאָל אַ גרעסערער ווי באַ אידן.

די אַלע געבראַכטע דאַטן זיינען פאַרעלטערט, אָבער קיין פריי־שערע זיינען, לײַדער, ניט פאַראַן. איינס איז בלתי ספק: געוואַקסן איז די צאָל סאָוועטן געוויס ניט. גיכער איז זייער צאָל געוואָרן קלענער, מחמת פון די קליינע שטעטלאַך גייט אַ גרויסע אידישע אויס־וואַנדערונג, בעת באַ די ניט־אידן קומט צו פון די אַרומיקע דערפער באַפעלקערונג. אין משך פון 10 אָדער 15 יאָר האָט זיך די לאַגע אין פילע שטעטלאַך געקאָנט ענדערן אַזוי, אַז פון אַ מערהייט זאָלן אידן ווערן אַ מיעוט. קיין דאָרפישע סאָוועטן זיינען אויך די לעצטע יאָרן ניט צוגעקומען, מחמת די קאָלאָניזאַציע, חוץ בירא־בידזשאַן, איז גלייך ווי פאַרענדיגט.

לאָמיר זשע איצט זען, אויף וויפיל די אידישע באַפעלקערונג פון נאַציאָנאַלע סאָוועטן האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער מעגליכקייט צו פאַרפעסטיקן נאַציאָנאַל־קולטורעלע פּאָזיציעס; אויף וויפיל זי האָט אַרויסגעוויזן נאַציאָנאַלן אַפּעטיט און נאַציאָנאַלע ענערגיע אויס־צונוצן יעדע געלעגנהייט אויף פאַרברייטערן די אייגענע קולטור־שאַנסן און אָפּשלאָגן די פאַרפלייצנדיקע אַסימילאַציע־כוואַליעס.

מיר וועלן לאָזן רעדן די קאָמוניסטן גופא. אין „עמעס" פון 2־טן אַפּריל, 1937, שטייט געשריבן: „און אויסבעסערן די אַרבעט פון די ראַטן דאַרף מען אויך אין פּרט פון באַדינען די אַרבעטנדיקע פון די שטעטלאַך אויף זייער מוטער שפּראַך, אויף אידיש. אויך אין דעם געביט זיינען פאַראַן גראָבע פאַרקריפּלונגען פון דער לעניִן־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. האָט זיך דאָך דערטראַכט דער שפּאָלער אידישער ראַט צו פירן זיין אַרבעט בלויז אויף רוסיש און אוקראַיניש. און דער שפּאָלער ראַט איז דאָך ניט דער איינציקער שטעטלדיקער ראַט, וואָס באַנעמט ניט און פאַרשטייט ניט, אַז אויב

ער וויל בעעמעס פאַרשטעלן מיט זיך די שטעטלדיקע באַפעלקערונג דאַרף ער פריער פון אַלץ פירן זיין אַרבעט אין איר שפּראַך" (איטאַליקס פון מיר—י. ל.).

אין יאָר 1927 זיינען אין שפּאָלע געווען ביז 5 טויזנט אידן און זיי האָבן אויסגעמאַכט ביז 95 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג („עמעס" 25-טער דעצעמבער, 1927).

דער שפּאָלער ראַט איז איינער פון די עלטסטע און אין יאָר 1937 איז ער שוין אַלט געווען פּעטע צען יאָר, און נאָך צען יאָר עקזיסטענץ מוז מען אים דערמאָנען אין עלעמענטאַרן זין פון אַ נאַציאָנאַלן ראַט. כאַראַקטעריסטיש איז אויך דאָס, וואָס דער ראַט פירט זיין אַרבעט אין צוויי שפּראַכן: אין רוסיש און אוקראַיניש. אין „עמעס" ווערט ניט אָנגעוויזן ווער ס'באַנוצט זיך אין שפּאָלע מיט רוסיש. גראַדע איז דאָס שטעטל שפּאָלע מיר גוט באַקאַנט און איך קאָן פעסטשטעלן מיט זיכערקייט, אַז די רוסן אין שפּאָלע מאַכן אויס העכסטנס איינס אָדער צוויי פּראָצענט. בלייבט נאָר אָנצונעמען, אַז די אידן זיינען דאָ די, וועלכע נוצן רוסיש און ניט אידיש.

נאָר אפשר איז שפּאָלע אַ שטעטל אַ קריפּל? לאָמיר זען וואָס ס'טוט זיך אין אַנדערע אידישע נאַציאָנאַלע סאָוועטן.

אין „עמעס" פון 22-טן יולי, 1934, ווערט געשריבן: „אין שטעטל באַ אונז (מוראַפּאַ, שאַרגאָראָדער ראַיאָן, וויניצער געגנט) איז די גאַנצע באַפעלקערונג כמעט אַ אידישע. איז אויך אונזער ראַט געשאַפן געוואָרן ווי אַ נאַצראַט. וואָלט, דוכט זיך, געווען נאַטירליך, אַז דער ראַט (ווי אויך דער קאָמיוג אין שטעטל) זאָל די גאַנצע אַרבעט דורכפירן אין אידיש. איבערהויפּט נאָך, אַז די מערהייט באַפעלקערונג באַהערשט טאַקע ניט קיין אַנדער שפּראַך. צום באַדויערן איז דאָס ניט אַזוי.

„די גאַנצע אַרבעט פון באַדינען די באַפעלקערונג ווערט באַ אונז געפירט דוקא נאָר אויף אוקראַיניש. אפילו די קאָמיונישע וואַנט-צייטונג גייט אויך אַרויס בלויז אויף אוקראַיניש. מען וויל זיך ניט רעכענען דערמיט, וואָס זייער ווייניק איינוואוינער אין שטעטל לייענען אוקראַיניש.

„אינטערעסאַנט איז, וואָס אין אידישן קלוב, וואָס באַדינט דאָך שוין זיכער נאָר די אידישע באַפעלקערונג, איז ניטאָ קיין איין אידישער לאָזונג. אַלע אויפשריפטן זיינען אויף אוקראַיניש און רוסיש.

די פּאָליטישע שולן און פּאַרזאַמלונגען ווערן אויך געפירט אויף אוקראַיניש."

אין „עמעס" פון 26־טן דעצעמבער, 1934, געפינען מיר אין א קאָרעספּאָנדענץ פון ליטין, וויניצער געגנט, פּאָלגנדיקע ווערטער: „אין ליטין איז פאַראַן אַרום אַנדערטהאַלבן טויזנט אידן, וואָס די מערהייט פון זיי וואוינט אין איין באַצירק. אָבער אַלע באַריכטן פונ'ם ראַט זיינען נאָר אין אוקראַיניש. דער באַריכט־אָפּגעבער — דער פּאָרזיצער פונ'ם ראַט רייקים — איז דווקא אַ מענטש, וואָס קאָן אידיש".

מיר מוזן זיך מודה זיין, אַז די נאָר וואָס קאָנסטאַטירטע דערשיינונג — די אוקראַינישע שפּראַך אַלס אַ געברויך־שפּראַך פון אידישע מאַסן — איז פאַר אונז אַ גרויס רעטעניש. מען קאָן דאָך ניט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז די פּאַרזיצערס פון די ראַטן — אליין אידן — ווילן עפּעס טאָן אויף צו להכעיס גראָדע אידן אָדער אַז זיי דרוקן באַריכטן און האַלטן אָפּ פאַרזאַמלונגען אין אַ שפּראַך, וואָס איז ניט פאַרשטענדליך פאַר דער אידישער מאַסע. מסתמא איז פאַר איינע 15 אָדער 20 יאָר די אוקראַינישע שפּראַך געוואָרן גענוג גאַנגבאַר אין דער אידישער סביבה; מסתמא האָט שוין די דאָזיקע שפּראַך די מעלות פון אַ הערשנדיקער שפּראַך, די מעלות פון אַ שפּראַך, וואָס זאָגט צו גרעסערע שאַנסן אין לעבן, העכערע טרעפּ אויפ'ן סאָציאַלן לייטער. אין געגנגעזעצטן פאַל וואָלט זי ניט געהאַט קיין אַסימילירפּאַטענצן און וואָלט ניט צוגעצויגן צו זיך די אידישע מינדערהייט, ווי ס'איז געווען פאַר דער רעוואָלוציע. ווייזט אויס, אַז אַ גאַנץ באַדייטנדיקער פּראָצענט אידישע קינדער לערנען זיך אין אוקראַינישע שולן און דאָס איז שוין געווים אַ ראיה, אַז די אוקראַינישע שפּראַך, ערשט צוריק מיט 25 יאָר אַ מינדערהייט־שפּראַך, אַן אָרימערע פון דער אידישער, אַן אָפּגעשטאַנענע, האָט באַקומ'ען די צוציאונג־קראַפט פון אַ רייכערער און מער צוזאָגנדיקער שפּראַך. אַ דאַנק איר שטאַאַטליכן כאַראַקטער האָט זי שטאַרק איבער־געיאָגט די אידישע שפּראַך.

אויך בנוגע צו די שטעטלאַך אָדער דערפער מיט אידישע סאָוועטן קאָן מען זאָגן, אַז דער פּראָצענט אידישע קינדער, וואָס גייט דאָרטן אין אידישע שולן, איז העכער ווי אין אַנדערע ענליכע פונקטן. ס'זיינען ניט פאַראַן קיין באַזונדערע דאַטן פאַר די דאָזיקע טיפּן ישובים, אָבער דער איינדרוק איז, אַז די אידישע שול איז אין די

דאָזיקע ערטער מער אָנגענומען. און ס׳איז אויך פאַרשטענדלעך: דער סאָוועט איז דאָך אַ אידישער נאָר אין פונקטן מיט אַ אידישן רוב און אַזוי ווייט איז די אַסימילאַציע ניט פאַרלאָפן, אַז מען זאָל אין אַ שטעטל מיט אַ אידישער מערהייט עפענען אַ שול אין אַ פרעמדער שפראַך. גאָר אַנדערש איז די לאַגע אין די שטעטלאַך, וואו אידן זיינען אַ מינדערהייט. אָבער די אידישע שול אַליין שאַפט נאָך ניט דעם פנים פון אַ ישוב. און די אידישע שול אַליין, ווי וויכטיק זי זאָל ניט זיין אַלס נאַציאָנאַליזירנדיקער פאַקטאָר, פאַרמאָגט זי ניט אין זיך קיין איינפלוס־כוח אויף גובר זיין די פאַקטאָרן פון אַסי־מילאַציע, די פאַקטאָרן פון אַסימילאַציע פון דער פרעמדער סביבה. בכלל, דער ווערט און די ווירקונג פון דער פאָלק-שול זיינען שטאַרק אָפּהענגיק פונ׳ם המשך, פון די העכערע עטאַזשען פון דער בילדונג-נעץ. לאָמיר זשע זען, ווי האַלט עס מיט אידישער העכערער בילדונג.

26

העכערע אידישע בילדונג אין סאָוועט־רוסלאַנד

מיר האָבן פריער געזען, ווי וואקלדיק ס'איז דער פונדאמענט פון דער אידישער בילדונג-נעץ. קלאָר, אז אויף א וואקלדיקן פונדאמענט קאָן מען ניט אויסבויען א געזונטן בנין פון אידישער בילדונג. מיר ווייסן ניט גענוי, ווי ברייט ס'איז די נעץ פון אידישע מיטל-שולן. ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אז זי איז א סך שמאָלער פון דער נעץ פון פאָלק-שולן, ווארום א סך קינדער פון די קליינע שטעטלאך, וועלכע זיינען געצוואונגען צו באזוכן א אידישע שול, ווייל קיין אַנדערע איז פשוט ניטאָ אָדער ליגט צו ווייט פון דער היים, גייען אין רוסישע אָדער אוקראַיִנישע מיטל-שולן אין די גרעסערע שטעט. מיר פאַרמאָגן אָבער ידיעות וועגן אידן אין טעכניקומס (קאָלעדזשעס) און אין אוניווערזיטעטן און דאָ קאָנען מיר גרינג זען, ווי שוואַך ס'זיינען די אויבערשטע עטאַזשן פון אידישן בילדונג-בנין. מיר פאַרשפּאָרן צוגעבן, אז ס'איז פאַראַן א געגנזייטיקער איינפלוס צווישן די עטאַזשן פון בילדונג-בנין: ניט נאָר ווירקט א שוואַכער פונדאַמענט אויף דעם צושטאַנד פון די העכערע עטאַזשן, נאָר דאָס זעלבע קומט פאָר אויך פאַרקערט: דאָס פעלן פון אידישע אוניווערזיטעטן שוואַכט אָפּ ניט נאָר די מיטל-שול, נאָר אויך די פאָלק-שול, ווייל דער תּלמיד, באזונדערס דער אידישער טראַכט שוין ביים אָנקומען אין פאָלק-שול וועגן א העכערער שול.

אין אַלע 20 אידישע טעכניקומס און סעקטאָרן פון פאַרשיידענע אוניווערזיטעטן האָבן זיך געלערנט אין יאָר 1932 3,360 אידישע תּלמידים.*) ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אז די צאָל איז ביז 1935 ניט געוואקסן. אין דאָזיקן יאָר האָבן זיך געלערנט: אין די טעכניקומס פון גאַנצן פאַרבאַנד 28,906 און אין די אוניווערזיטעטן 61,384, צוזאַמען לכן 90,290.**) קומט אויס, אז נאָר 3.7% פון אַלע אידישע תּלמידים פון טעכניקומס און אוניווערזיטעטן האָבן זיך געלערנט

*) י. קאַנטאָר, די נאַציאָנאַלע בויאונג צווישן אידן אין ססר., 1935, ז. 175.

**) די קולטור-אַרבעט אין ססר. (רוסיש), מאָסקווע, 1936.

אין אידישע לער־אַנשטאַלטן. דאָס איז אַזאַ נישטיקע צאָל, אַז זי קאָן זייער ווייניק באאיינפלוסן די אידישע אינטעליגענץ. און מען מוז טאַקע קאָנסטאַטירן, אַז די גרויסע מחנה אידישע אינטעליגענץ איז שטאַרק אַסימילירט. אַ גוטן מעסטער פון דער מדרגה פון אַסימי־לאַציע פון דער אינטעליגענץ בײַ אידן אין פאַרגלײַך מיט אַנדערע פעל־קער גיבן אונז די דאַטן וועגן די שרייבער. אויפ׳ן צוזאַמענפאָר פון סאָוועטישע שרייבער אין 1936 האָט מען דורכגעפירט אַן אַנקעטע. מען האָט געפרעגט בײַ יעדן דעלעגאַט זיין נאַציאָנאַליטעט און די שפּראַך, אין וועלכער ער שרייבט. ס׳האָבן זיך באַקומען קאָלאָסאַל אינטערעסאַנטע רעזולטאַטן. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אויף 201 רוסן זיינען געווען 322, וואָס שרייבן אין רוסיש; אויף 25 אוקראַינער לויט נאַציאָנאַליטעט זיינען געווען 29, וואָס שרייבן אוקראַיניש; אויף 17 ווייסרוסן זיינען געווען אַקוראַט 17, וואָס שרייבן ווייס רוסיש; אויף 8 דייטשן זיינען געווען 9, וואָס האָבן גע־שריבן דייטש; אָבער פון 113 אידן לויט נאַציאָנאַליטעט זיינען געווען נאָר 24, נאָר 21.2%, וואָס האָבן געשריבן אידיש. ס׳זיינען געווען נאָך מינדערהייטן, וואָס האָבן געגעבן אַסימילירטע שרייבער, אָבער ווייניקער: פון 8 פּאָליאַקן האָבן נאָר 5 געשריבן פּויליש; פון 8 לעטן האָבן 7 געשריבן לעטיש. לכן אידן גיבן דעם מאַקסימום אַסימילירטע, כמעט 80 פּראָצענט פון אַלע אידישע שרייבער זיינען אַסימילירט. ס׳איז אָבער גאָר קיין ספק ניט, אַז צווישן די פּראָפעסאָרן פון מעדיצין, אַדוואָקאַטור, אינזשענעריי וכדומה איז דער פּראָצענט אַסימילירטע נאָך גרעסער. און צווישן די לערער פון די מיטל־שולן, צווישן וועלכע ס׳זיינען פאַראַן גאָר אַ סך אידן, און צווישן די העכערע באַאַמטע פון פאַרשיידענע אַנשטאַלטן איז געווים דער פּראָצענט אַסי־מילירטע נאָך העכער.

אַרום דער אידישער שול, אַרום דער אידישער ליטעראַטור און אַרום דעם אידישן טעאַטער האַלט זיך נאָך אויף אַ גרופּע אידישע אינטעליגענץ, וועלכע גרייכט אין אַלגעמיינעם בערך ביז אַרום 5 טויזנט מענטשן, און דאָס מאַכט אויס העכסטנס אַרום 5 פּראָצענט פון אַלע באַשעפטיקטע אין ליבעראַלע פּראָפעסיעס.

וואו האַלט עס מיט׳ן אידישן בוך און מיט דער אידישער פּעריאָדיק אין סאָוועט־רוסלאַנד? ס׳זיינען געווען אין סאָוועט־רוס־לאַנד אידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס: אין 1917 — 49; אין

1920 — 95; אין 1925 — 21; אין 1927 — 41; אין 1932 — 29.*)

ביז 1920 איז נאָך אַ גרויסער טייל פון איצטיקן סאָוועט-רוסלאַנד ניט געווען אונטער דער הערשאַפט פון די סאָוועטן און חוץ דעם האָט נאָך דעמאָלט ניט געהערשט די דיקטאַטור אין דער מאָס, ווי שפּעטער. סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן נאָך דעמאָלט געהאַט זייערע אָרגאַנען און זייערע זשורנאַלן. די קאָמוניסטן האָבן אין 1917, אין ערשטן יאָר פון רעוואָלוציע, נאָך ניט געהאַט אפילו קיין איין אָרגאַן אין אידיש. אָט איז די פאַרטייאישע פאַרטיילונג פו די פעריאָדישע אויסגאַבעס:**) פון 49 אויסגאַבעס אין 1917 איז ניט געווען קיין איין קאָמוניסטישע; פון 63 פעריאָדישע אויסגאַבעס אין 1918 זיינען געווען נאָר 6 קאָמוניסטישע; פון 95 אין 1920 זיינען שוין געווען 65 קאָמוניסטישע און פאַר די שפּעטערדיקע יאָרן זיינען שוין אַלע אויסגאַבעס געווען קאָמוניסטישע, ווייל די רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער פון אַנדערע אויסגאַבעס זיינען שוין געווען אָדער אויף יענער וועלט אָדער פאַרשיקט אין סיביר, אין גליקליכסטן פאַל אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד.

פון 95 פעריאָדישע אידישע אויסגאַבעס אין יאָר 1920 בלייבן שוין נאָר 21 אין יאָר 1925. שפּעטער קומט צו און אין יאָר 1927 זיינען ווידער געווען 41 פעריאָדישע אידישע אויסגאַבעס, ווייניקער ווי אפילו אין יאָר 1917. אָבער שפּעטער גייט שוין אַ ירידה. ליידער, האָבן מיר ניט קיין שפּעטערדיקע דאַטן, אָבער ס'איז בלתי ספק, אַז די צאָל אידישע פעריאָדישע אויסגאַבעס איז שטאַרק געפאַלן פאַר די לעצטע יאָרן. דער בעסטער באַווייז איז דאָס, וואָס מען האָט פאַרמאַכט דעם צענטראַלן אידישן קאָמוניסטישן אָרגאַן דעם „עמעס", וועלכער האָט איינער אַליין געהאַט כמעט אַזאַ טיראַזש, ווי די דריי פּראָווינציאָנעלע טעגליכע צייטונגען („דער שטערן" אין קיעוו, „אָקטיאַבער" אין מינסק און „בירא-בידזשאַנער שטערן" אין בירא-בידזשאַן).

מען דאַרף צוגעבן, אַז אין 1917 האָט דאָס רוסישע אידנטום נאָך געהאַט אַ רייכע פעריאָדיק אין דער רוסישער שפּראַך. לויט איר קוואַליטעט איז זי געשטאַנען העכער פון דער אידישער. 65 אידישע

*) א. קירזשניץ, די יידישע פּרעסע אין ראַטנפאַרבאַנד, מינסק, 1928, ז. 68; פּ. ראָזענפעלד, צוויי קולטורן-סאַכאַקעלן, מאָסקווע, 1932, ז. 57.

**) דאָרטן.

פּעריאָדישע אָרגאַנען זיינען אַרויסגעגאַנגען אין רוסלאַנד אין דער רוסישער שפּראַך אין 1917 און 1918.*) חוץ דעם זיינען נאָך דערשינען אין דער העברייאישער שפּראַך 10 פּעריאָדישע אויסגאַבעס.**)

ביכער זיינען דערשינען: ***)

אין יאָר	נעמען	דרוק־בויגנס	עקזעמפּליאַרן
1923	48	266	156,100
1928	333	1,660	875,000
1932	653	3,087	2,518,585

מיר האָבן, ליידער, ניט קיין דאַטן פאַר גאַנץ סאָוועט־רוסלאַנד פאַר שפּעטערדיקע יאָרן, אָבער מיר האָבן ציפער פאַר אוקראַינע. אין אוקראַינע זיינען דערשינען אידישע ביכער: ****)

אין יאָר	נעמען	דרוק־בויגנס	עקזעמפּליאַרן
1929	47	369	....
1933	189	947	1,251,900
1936	175	1,214	840,900
1939	152	1,200	....

די ביכער־פּראָדוקציע איז געווים זייער אימפּאָנירנדיק. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער זיינען דאָס געווים קאָלאָסאַלע ציפער. דאַרף מען, ראשית, נעמען אין אַכט, אז דאָס אַלץ ווערט אַרויסגעגעבן אויפ'ן חשבון פון דער מלוכה. דאָס אַרויסגעבן איז אין קיין פאַל ניט קיין קריטעריע פון פאַרקויף און נאָך ווייניקער פון אינטערעס. אָבער ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אין די יאָרן פון 1929 ביז אַרום 1933 איז געווען אַ שטיקל אויפלעבונג אין סאָוועט־רוסלאַנד: די צאָל קינדער אין די אידישע שולן איז דעמאָלט געווען די מאַקסימאַלסטע, אַרום 160 טויזנט. האָט מען, זעלבסטפאַרשטענדליך, באַדאַרפט האָבן אַ סך לערן־ביכער און אויך קינדער־ליטעראַטור; צו יענער צייט איז

*) י. יאַשונסקי, „יעווריסקאיא פּעריאָדיטשעסקאיא פּעטשאַט״, פּעטראָגראַד, 1920, ז. 7.

**) דאָרטן, ז. 5.

***) י. קאַנטאָר, די נאַציאָנאַלע בויאונג צווישן אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד, מאָסקווע, 1935, ז. 181.

****) סאָוועטיש, ליטעראַרישער אַלמאַנאַך, מאָסקווע, 1939, ז. 529; סאָוועטישע ליטעראַטור, קיעוו, 1940, ז. 152.

געוועזן די בלי-צייט פאַר ביידע אידישע וויסנשאַפטליכע אינסטיטוטן און מען האָט טאַקע אין יענע פאָר יאָר אַרויסגעגעבן עטליכע וויסנשאַפטליכע ביכער, וועלכע זיינען גאָר אַ פיינער צושטייער צו דער אידישער וויסנשאַפט. די אויסגאַבעס פון יענע בלי-יאָרן זיינען אויך געוועזן זייער פאַרשיידנאַרטיק און האָבן אַרומגענומען אויך אַזעלכע געביטן, ווי טעכנישע און לאַנדווירטשאַפטליכע לערן-ביכער.

אָבער אין די לעצטע יאָרן האָט זיך די לאַגע שטאַרק געביטן. אַ סך צווייגן, ווי לאַנדווירטשאַפטליכע און טעכנישע ליטעראַטור, זיינען אָפּגעשטאָרבן; געבליבן זיינען דער עיקר לערן-ביכער, קינדער-ליטעראַטור און אידישע קינסטלערישע ליטעראַטור. די אידישע ליטעראַטור אין סאָוועט-רוסלאַנד איז איינזייטיק ווי די אידישע ליטעראַטור אין דער גאָרער וועלט. אַ גרויס אָרט צווישן די אויסגאַבעס פאַרנעמט די אַזוי גערופענע פּאָליט-מאַסאָווע ליטעראַטור. מען גיט אַרויס אין צענדליקע טויזנט עקזעמפּליאַרן די רעדעס פון אַלע גדולים. צי עמיצער לייענט די דאָזיקע ליטעראַטור, קאָן מען שטאַרק צווייפלען.

אָט איז די פאַרטיילונג פון די אויסגאַבעס פון 1936 לויט'ן אינהאַלט: פון 1214 דרוק-בויגן זיינען געווען: לערן ביכער — 486 אָדער 40.0%; קינסטלערישע ליטעראַטור — 480 אָדער 39.5%; קינדער-ליטעראַטור — 154 אָדער 12.7%; פּאָליטמאַסאָווע ליטעראַטור — 58 אָדער 4.8%. בלייבט פאַר אַלע איבעריקע געביטן קוים אַזעלכע קנאַפּע 3 פּראָצענט.

ציפער זיינען טאַקע אַ גוטע זאַך, נאָר מען מוז זיי נאָך קאָנטראָלירן מיט'ן לעבן. אין „עמעס" פון 1-טן פעברואַר, 1932, לייענען מיר: „ניט בעסער איז די לאַגע אין יעוופּאַטאָרער ראַיאָן: די ביכער פון ביבליאָטעק וואַלגערן זיך אַרום אין קאַנצעלאַריע פון דער פאַרוואַלטונג. דאָס זעלבע געפינט מען אין פריידאָרפער ראַיאָן: די ביבליאָטעק, וואָס דאַרף באַדינען אַ גאַנצן ראַיאָן אַרומיקע דערפער, געפינט זיך אין אַ שרעקליכן צושטאַנד. די ביבליאָטעקאַרין האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז בּאַ איר אין ביבליאָטעק געפינט זיך אַ גאַנצער קאַסטן ביכער פון די בעסטע אידישע שרייבער. אין יעוופּאַטאָריע ליגן פאַר דער דאָזיקער ביבליאָטעק ביכער פאַר אַ פאָר הונדערט רובל שוין אייניקע חדשים און קיינער נעמט זיך ניט די מי זיי ברענגען אַהער. אַ טייל אידישע ביכער האָט די אינספּעקטור אָפּגעגעבן אין אַ... טאָטערשער ביבליאָטעק און פוילט זיך ביז היינט אָפּצונעמען".

בנוגע דער קינדער-ליטעראַטור איז אינטערעסאַנט פאָלגנדיקע ציטאַטע פון „עמעס" פון 6-טן יולי, 1938: „אויב פאַר'ן יאָר 1937 האָט דער קינדער-פאַרלאַג ארויסגעלאָזט אָנדערטהאַלבן צענדליק בי- כער, האָט ער שוין פאַר דער ערשטער העלפט פון 1938 ארויסגעלאָזט בלויז צוויי דינינקע ביכלעך. אינ'ם פּאָרטפעל פונ'ם פאַרלאַג ליגט אַ היפּשע צאָל ביכלעך. די ביכלעך ליגן פון פאַראיאָרן און אפילע פון פאַרצווייאָרן, און ס'איז אַ גרויסער ספק, צי וועלן זיי דער- שיינען היאָר און אפילע איבעראיאָר . . . אין פאַרלאַג הערשט ביכלאַל אַ ליקווידאַציע-שטימונג בענעגייע צום אידישן בוך".

אַזעלכע ציטאַטן וואָלטן מיר געקאָנט ברייגגען אָן אַ שיעור.

וועגן אוקראַינע פארמאָגן מיר אָפיציעלע דאַטן וועגן אָנטייל פון אידן אין עטליכע געביטן פון קולטור. אין 1932 זיינען געווען אין אוקראַינע 77 טעאַטערן; פון זיי 6 אידישע אָדער 8.0%. אין 1935 זיינען געווען אין אוקראַינע 89 טעאַטערן און אידישע נאָר 4 אָדער 4.5%.*) בנוגע צום טעאַטער איז דער פּראָצענט אומגעפער דער זעלבער, וואָס די אידישע באַפעלקערונג מאַכט אויס אין אוקראַי- נע. די ציטונגס-פּראָדוקציע האָט זיך געטיילט אויף אַזאַ אופן: **)

		1932	1934
1)	אידיש	1.5	1.2
2)	רוסיש	10.1	15.8
3)	אוקראַיניש	85.3	80.9
4)	אַנדערע	3.1	2.1
	צוזאַמען	100.0	100.0

דאָס זיינען זייער באַלערנדיקע ציפער. ראשית, זעען מיר, אַז די אידישע ציטונגס-פּראָדוקציע איז אין 1932 געווען דריי מאָל קלענער פון פּראָצענט אידן אין דער באַפעלקערונג און איז אין צוויי יאָר ארום נאָך נידעריקער געפאַלן און מאַכט שוין אויס אַ פּראָצענט, וואָס איז 4 מאָל קלענער פון אָנטייל פון אידן אין דער באַפעלקערונג. שנית, איז כדאי צו אָנווייזן, אַז די רוסישע ציטונגס-פּראָדוקציע האַלט אין וואַקסן. אָבער די אוקראַינישע ציטונגס-פּראָדוקציע אַנטשפּרעכט

*) „נאַראָדניע גאָספּאָדאַרסטוואָ" (פאָלקס ווירטשאַפט) א. ס. ר. ר., קיעוו 1935, ז. 567.

**) דאָרטן.

אויך אין יאָר 1934 אָקוראַט דעם פּראָצענט אוקראַינער אין דער באַ-פעלקערונג. נעמט מען אין אכט, ווי יונג די אוקראַינישע פּרעסע איז אין פאַרגלייך מיט דער רוסישער, מוז מען מודה זיין, אַז דער דערפאָלג אידער איז אַ קאָלאָסאַלער.

מיר האָבן זיך באַמיט צו ברייגגען נאָר ציפער און כאָטש שוין די דאָזיקע ציפער אַליין ריידן גאַנץ קלאָרע דיבורים, זיינען זיי דאָך נאָך ניט גענוג אויף צו באַלייכטן די אמת'ע לאַגע. אָט האָבן מיר געבראַכט אַ דאַטע, אַז ס'זיינען געווען אין 20-1932 אידישע העכערע-לערן-אַנשטאַלטן. האָבן מיר שוין אויבן געבראַכט באַווייזן, אַז ניט אַלע לימודים ווערן דאָרטן געלערנט אין אידיש. אָבער די עיקר פראַגע באַשטייט דאָך אין פאָלגנדעס: וואַקסן די דאָזיקע אינסטיטוציעס? גייט די אידישע יוגנט אין זיי מיט חשק און באַגייסטערונג?

אָט זיינען תשובות אויף די דאָזיקע פראַגן: דער „עמעס" פון 26-טן אויגוסט, 1935, שרייבט וועגן דעם אידישן אָפּטייל ביים מאָס-קווער בובנאָוו-אינסטיטוט: „אויף די דרייסיק ערטער זיינען פאַראַן בלויז 26 קאַנדידאַטן צו די עקזאַמענס. וויפיל פון זיי וועלן אויס-האַלטן, איז שווער צו וויסן". און אין „עמעס" פון 12-טן אויגוסט, 1936 קלאָגט די רעדאַקציע, וואָס „ביז איצט האָבן מיר געפירט אַ טייל וויכטיקע לימודים (לעניניזם, געשיכטע פון פּעדאַגאָגיק און אַנדערע) אין רוסיש".

מילא איז מאָסקווע אַ רוסישע שטאָט. איז אין דער אידישער אויטאָנאָמער רעפּובליק בעסער? אָט איז אַן ענטפער: „ס'איז שוין סוף יולי און ניט געקוקט דערויף האָט זיך נאָך אויף די ערטער ניט פאַנאַנדערגעוויקלט די געהעריקע ווערבירונג פון סטודענטן. קלאָר, אַז אַזאַ טעמפּ קאָן ברייגגען דערצו, אַז דער אויפנעם אין די טעכני-קומס פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט זאָל אויפגעריסן ווערן" („עמעס", 30-טן יולי, 1937).

מיר האָבן פריער געבראַכט דאַטן, אַז אין די סאָוועטישע הויכ-שולן זיינען אין 1935 געווען העכער 90 טויזנט אידישע סטודענטן. ס'האָבן אַלזאָ ניט געפעלט קיין אידישע יונגע מענטשן, וואָס ווילן באַזוכן אַ העכערע לערן-אַנשטאַלט. נאָר פאַר די אידישע טעכניקומס דאַרף מען ווערבירן, דאַרף מען אַגיטירן, דאַרף מען מיט צוואַנג שיקן און אחרי ככלות הכל פעלן סטודענטן.

מיר קאָנען ניט ענדיקן דאָס לעצטע קאַפּיטל וועגן דער סאָוועטי-שער קולטור-אַרבעט, ניט ברייגגענדיק כאָטש אַ פּאָר מוסטערן, ווי מען

דערציט דאָרטן די יוגנט. מיר האָבן געהאַט בדעה צו געבן אַ גאַנץ קאַפּיטל וועגן די אופנים פון קאַמף געגן דער „בורזשואַזער" אידי-שער אינטעליגענץ און וועגן דעם, ווי די אידישע פּאָעזיע דינט געטריי סטאַלינען. מיר מוזן זיך, ליידער, דערפון אָפּזאָגן, ווייל אונזער בוך האָט זיך אַזוי אויך שוין שטאַרק צעוואַקסן. מיר וועלן דעריבער דאָ ברענגען נאָר אַ פּאָר ציטאַטן-מוסטערן, כדי די לעזער, וואָס לייענען ניט די סאָוועטישע ליטעראַטור, זאָלן כאָטש האָבן אַ פאָרשטעלונג וועגן די „קולטורעלע" מעטאָדן פון קאַמף, וואָס ווערן פּראַקטיצירט אין לאַנד פון „סאָציאַליזם".

מוסטער נומער 1: אין „עמעס" פון 9-טן יולי, 1934, איז פאַראַן אַ נעקראָלאָג אויף ביאַליק'ן; לויט דער שפּראַך איז אָנצו-נעמען, אַז ער איז געשריבן פון צדיק ליטוואַקאָוו בכבודו ובעצמו. איז אָט וואָס מען שרייבט: „נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, ווען דער ציאָניזם איז געוואָרן איינע פון די קענטיקסטע פּאָזיציעס פונם אומ-קומענדיקן אימפּעריאַליזם, פונם פאַשיזם, איז ביאַליק געוואָרן אַן אַקטיווער אָנפירער פון דער פאַשיסטישער אינטערווענציע-קאַמפּאַניע קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד. ביאַליק שטעלט זיך בעראָש פון דער באַ-רימטער פאַשיסטישער העץ-קאַמפּאַניע קעגן דער אַזוי גערופענער „דאָ-לער-אינקוויזיציע" אין ראַטנפאַרבאַנד. ביאַליק באַגריסט און בענטשט איינער פון די ערשטע היטלערן, ווי „גאָטס שטעקן", וואָס דאַרף טרייבן די יידן צוריק „אהיים". דער „נאַציאָנאַלער" דיכטער, דער ציאָניסטישער „נאָווי" איז געוואָרן די צענטראַלע פיגור פונם יידישן פאַשיזם אין פּאַלעסטינע.

„דער וועג פון דער „שכיטע-שטאַט" צו היטלערן — אָט דאָס איז דער טרויעריקער און שענדליכער וועג פון דעם וויכטיקסטן אידישן נאַ-ציאָנאַליסטיש-בורזשואַזן פּאָעט כאַים נאַכמען ביאַליק" (אייטאַליקס אין „עמעס" — י. ל.).

דערצו מוז מען נאָר צוגעבן, אַז אין סאָוועט-רוסלאַנד קאָן מען ניט לייענען די ווערק פון ביאַליק'ן ניט נאָר ניט אין העברייאיש, נאָר אויך ניט אין אידיש, און דער גאַנצער יונגער דור, אויף וויפיל ער לייענט אַ אידישע צייטונג, מוז שעפּן זיין גאַנצע תורה וועגן ביאַליק'ן פון דעם דערמאָנטן נעקראָלאָג.

מוסטער נומער 2: אין 1930 איז דערשינען אין מינסק אַ זאַמל-בוך מיט'ן נאָמען „פאַשיזירטער יידישיזם און זיין וויסנשאַפט". דער ציל איז געווען אַרונטערצורייסן די אַרבעטן פון ווילנער אידישן

וויסנשאַפטליכן אינסטיטוט. מיר וועלן ברענגען נאָר איניקע פּערל פון די ערשטע אַריינפיר־זייטלאַך: „די יידישע בורזשואַזע וויסנשאַפט האָט זיך שטאַרק דערנענטערט צום אַלגעמיינעם שטראָם: זי איז ניט נאָר שאָוויניסטיש, זי איז אויך דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון פאַשיזם. קאַמף קעגן דעם באָלשעוויזם, וואָס דראָט אָראָפּצושווענקען די „ציוויליזאַציע" — דאָס איז די הייליקע אויפגאַבע פון דער בורזשואַזיע. דאָס טוט זי אין איר פּאָליטיק, דאָס טוט זי אין איר „וויסנשאַפט". טריי פילט אויס די דאָזיקע שליכעס איר טרייער דינער פונם יידישן לאַגער וויסנשאַפטלער. איניקע ביישפּילן. עס זיינען דאָ אַזעלכע „זיילן", ווי זשיטלאָווסקי (מיטגליד פון אַלע פּאָלקיסטיש־טעריטאָריאַליסטישע פּאַרטייען), י. שטיינבערג, שיפּער, מענעס, י. לעשטשינסקי, ווינרייך. אָט האָט איר אַ גרופּע מער „שעפערישע" און מער אַקטיווע יידישע „וויסנשאַפטלער" אין בורזשואַזן אויסלאַנד. קיין איינער פון זיי פאַרגעסט ניט צו ריידן וועגן פּראָלעטאַריאַט אָדער פאָלק. אָבער אין טאָך גייען זיי אַלע אין שפּאַן פון פאַשיזם און רעאַקציע".

ס'איז אוממעגליך צו ברענגען ווייטערע ציטאַטעס, ווייל מען וואָלט באַדאַרפט איבערשרייבן גאַנצע זייטן. מיר וועלן נאָר צוגעבן, אַז וועגן אַפּאַטאָשו ווערט געזאָגט: „קומט אַפּאַטאָשו און פּאַרטייִדיקט נאַציאָנאַליסטישע כאַזעריי, וועלנדיק באַווייזן, אַז ווען ניט דאָס „פּינטעלע איד" איז בכלל עק וועלט". וועגן נח פּרילוצקי, וועלכער איז איצטער באַ זיי גאָר אַ גדול און אַ ריינער קאָמוניסט, ווערט געזאָגט, אַז „דער באַקאַנטער פּילסודטשיק נויעך פּרילוצקי האָט פּראָקלאַמירט: די פּען אין האַנט, די שווערד אין דער צווייטער" און אַז ער וויל „זיך איינגלידערן אין דער פּוילישער מעלוכעשאַפט, אין דער אָנפירנדיקער פּאָליטיק פון פּוילישן פאַשיזם".

אין סך הכל ווערט אויסגעפירט, אַז „די פאַשיזאַציע האָט געפונען איר בולט'ן אויסדרוק אין דער עוואָלוציע פונם יידישיזם" און אַז דאָס איז אַ „וויסנשאַפט, וואָס קריכט אויפ'ן בויך און פירט אַ נעבעכדיקע עקסיסטענץ" (פאַשיזירטער יידישיזם און זיין וויסנשאַפט, מינסק, 1930, ז. 23—1).

מיר האַלטן פאַר איבעריק צוגעבן אפילו איין וואָרט.

27

די לאַגע פון די אידן אין די „באַפרייטע" לענדער

מיר האָבן ביז איצט באַהאַנדלט נאָר די לאַגע פון די אַלטע סאָוועטישע אידן. דאָ האָבן מיר געהאַט פאַר זיך אַ קיבוץ, וואָס האָט דורכגעמאַכט גלגולים אין משך פון 23 יאָר; וואָס איז זיך צעפאַלן פּאָליטיש, עקאָנאָמיש, קולטורעל און דער עיקר נאַציאָנאַל און האָט באַוויזן ווי ס'ניט איז זיך אַריינפּאַסן און אַריינגלידערן אין די אַרומיקע ניי אויסגעוואַקסענע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן. אייגנטליך, קאָן מען איצט שוין ניט רעדן וועגן אַ סאָוועטישן אידישן קיבוץ אָדער אפילו וועגן סאָוועטישע אידישע קיבוצים לויט די הויפּט רעפּובליקן, אין וועלכע די סאָוועטישע אידן זיינען קאָנצענטרירט. דער אַמאָליקער רוסיש-אידישער קיבוץ, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די סולת פון וועלט-אידנטום הן אין פּרט פון נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע און הן אין פּרט פון שאַפונגס-ענערגיע, איז פאַרשוואונדן און זיין אָרט האָבן פאַרנומען העכער דריי מיליאָן צעשאָטענע און צעאיינצלטע יחידים, וועלכע האַלטן אין סאַמע פּראָצעס פון אַריינשפּאַרן זיך און אַריינגיסן זיך אין פרעמדע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן. ניטאָ קיין קאַמף פאַר אַסימילאַציע, ווי ס'איז אויך ניטאָ קיין קאַמף קעגן אַסימילאַציע, ווי דאָס איז געווען אין די לענדער פון דער בירגערליכער עמאַנסיפּאַציע. אויף אַזאַ אופן זיינען דאָרטן באַשאַפן געוואָרן די אידעאַלסטע און גינציקסטע באַדינגונגען פאַר פאַקטישער אַסימילאַציע אָן וועלכע ס'ניט איז אידעאָלאָגישע אָדער אידעאַליסטישע צודעקאַכצן און פאַרשלייערונגען.

אמת, די צעוואַקסונג פון אַ סך אַרומיקע יונגע נאַציאָנאַלע קולטורן מאַכט שווערער דעם פּראָצעס פון דער אידישער אַסימילאַציע און מאַכט אים נאָך מער אָפּפרעגליך און אומנאָרמאַל, ווי אין די אַמאָליקע בורזשואַזע לענדער; דער אַרומיקער צעבלי פון צענדליקע נייע נאַציאָנאַלע שפּראַכן און קולטורן שטעלט אַרויס ממש ווי אַ שאַנד-דערשיינונג דאָס אידישע וויקלען זיך דוקא אין פרעמדע בגדים און מאַכט באַזונדערס שרייענדיק מיאוס דאָס אידישע בלייבן אַ יוצא מן הכלל אויפ'ן פאָן פון אַן אומגעהויער שפּע'דיקער אַרומעדיקער נאַציאָנאַליזאַציע; די ניט-אויסגענוצטע געגעבענע מעגליכקייט פון

שאַפֿן אַ היים פֿאַר זיך און פֿאַר דער אייגענער קולטור שטרייבט באַזונדערס שטאַרק אונטער די טענדענץ צו בלייבן אַ גלות-פֿאָלק און מוז מאַכן דעם איינדרוק פֿון אַ באַוואוסטזיניקן רצון צו בלייבן בעסער אַ מיעוט צווישן פֿרעמדע איידער אַ רוב באַ זיך — די דאָזיקע אַלע מאָמענטן, וועלכע טראָגן אין זיך אַנטיסעמיטישע סם-זוימען און וועלכע קאָנען ווערן פֿאַטאַל פֿאַר׳ן גורל פֿון די סאָוועטישע אידן, זיינען דערווייל איבערגעדעקט מיט אַ באַרג פֿון פּאָזיטיווע ווירקנדיקע אַסימיליר-פֿאַקטאָרן. די האָניק-תקופה פֿון דער פּראָלעטאַרישער אַסימילאַציע איז אין סאַמע בלי, און די אידישע יחידים געניסן פֿון איר אויף וויפֿיל נאָר ס׳לאָזט זיך און אויף וויפֿיל אין די סאָוועטישע באַדינגונגען קאָן בכלל זיין אַ רייד וועגן האָניק.

אין די לעצטע אָנדערטהאַלבן יאָר זיינען אָבער פֿאָרגעקומען געשעענישן, וועלכע מוזן האָבן אַ באַדייטנדן איינפֿלוס אויך אויף די אַלטע סאָוועטישע אידן.

ראשית, איז די צאָל אידן אין סאָוועט-רוסלאַנד שטאַרק אויסגעוואַקסן און באַטרעפֿט איצט אַרום 5 מיט אַ האַלב מיליאָן מענטשן. דער חשבון איז אַזאַ:

1) אין אַלטן סאָוועטנלאַנד *) 3,300,000
2) צוגעקומען פֿון פּוילן **) 1,500,000
3) צוגעקומען פֿון רומעניע (בעסאַראַביע און אַ טייל בוקאָווינע) 330,000
4) ליטע מיט ווילנער ראַיאָן 250,000
5) לעטלאַנד 95,000
6) עסטלאַנד 5,000

צוזאַמען 5,480,000

אויסגעוואַקסן זיינען אָבער ניט אַלע טיילן פֿון סאָוועט-רוסלאַנד, נאָר אוקראַינע און ווייס-רוסלאַנד. דאָס איז זייער וויכטיק. אוקראַינע

*) לויט דער ציילונג פֿון 1939 זיינען אין סאָוועט-רוסלאַנד געווען נאָר 3 מיליאָן מיט 20 טויזנט אידן. אין סאָוועט-רוסלאַנד פֿרעגט מען אָבער נאָר אויף דער נאַציאָנאַליטעט און ניט אויף דער רעליגיע און ס׳איז גאָר קיין ספֿק ניט, אַז אַ געוויסער פּראָצענט אידן האָבן זיך אָנגעגעבן פֿאַר רוסן. מיר האָבן אָנגענומען, אַז בערך האָבן צען פּראָצענט אידן זיך צוגערעכנט צו דער רוסישער נאַציאָנאַליטעט.

**) לויט דער טיילונג האָט סאָוועט-רוסלאַנד באַקומען בערך 1 מיליאָן מיט 300 טויזנט אידן און אַרום 200 טויזנט זיינען צוגעקומען פֿליכטלינגע.

די לאַגע פון די אידן אין די „באַפרייטע" לענדער

האָט געהאַט פאַר דער איצטיקער מלחמה אַביסל ווייניקער פון אַנדערטהאַלבן מיליאָן אידן און איצט האָט זי אַרום 2 מיט דריי פערטל מיליאָן. די אידן האָבן אויסגעמאַכט אין סאָוועטישער אוקראַינע קנאַפּע 5 פּראָצענט, איצט מאַכן זיי אויס אַריבער 6 פּראָצענט. פיל וויכטיקער איז דאָס, וואָס ס'זיינען צוגעקומען אַ סך שטעט מיט אַ גרויסער אידישער באַפעלקערונג. מיר האָבן אויבן געוויזן, ווי ס'האָט געמוזט פאַלן דער פּראָצענט אידן אין די סאָוועטיש-אוקראַינישע שטעט צוליב דעם קאָלאָסאַלן צושטראָם פון אוקראַינער אין די שטעט. אין די צוגעקומענע פּוילישע און רומענישע ראַיאָנען האָבן אידן אויך די לעצטע צייט אויסגעמאַכט אין די שטעט נים ווייניקער פון 30 פּראָצענט.

באַדייטנדיקער זיינען נאָך די ענדערונגען אין דער ווייס-רוסישער רעפּובליק. אין דער לעצטער איז געווען ערב דער איצטיקער מלחמה קנאַפּע 400 טויזנט אידן, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט קנאַפּע 8 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. איצט זיינען צוגעקומען העכער 400 טויזנט אידן און די ווייס-רוסישע רעפּובליק, וועלכע ציילט איצט שוין קרוב צו צען מיליאָן מענטשן, האָט אַריבער 800 טויזנט אידן, וועלכע מאַכן אויס אַרום 9 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. ס'זיינען דאָ צוגעקומען שטעט, ווי ביאַליסטאָק, פּינסק, גראָדנע, וועלכע האָבן אַ אידישע רעלאַטיווע אָדער אַבסאָלוטע מערהייט און גאָר אַ נישטיקע ווייס-רוסישע באַפעלקערונג. אָביעקטיוו גענומען, וואָלטן די גאָר וואָס דערמאָנטע שטעט באַדאַרפט ווערן די צענטערן פון אידישער קולטור.

דער צוקום פון אַזאַ גרויסער מאַסע אידן צו די צוויי אַלטע סאָוועטישע רעפּובליקן קאָן אפשר אַביסל פאַרשטאַרקן די אינערציע-ווירקונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער ירושה קעגן די אַסימילאַציע כוואַליעס. בפרט נאָך, אַז די צוגעקומענע אידן ברייגען נים מיט זיך קיין גרויס-רוסישע אַסימילאַציע, די סאַמע געפערליכסטע, ווייל די סאַמע געשטרעבטעסטע און די סאַמע צוזאָגנדיקסטע. די גאַליצישע אידן האָבן דאָך קיינמאָל קיין רוסיש נים גערעדט. זיי זיינען געווען מער אַסימילירט מיט פּויליש, כאָטש די פּאָליאַקן זיינען געווען אַ מינדערהייט אין גאַליציע. איצט איז די הערשנדיקע קולטור דאָרטן געוואָרן די אוקראַינישע, וועלכע האָט דערווייל נאָך אַ קליינע אַסימיליר-ווירקונג אויף די אידישע מאַסן. די בעסאַראַבער און ווייס-רוסישע אידן האָבן אַמאָל געהאַט אַ שמאָלן שיכט אינטעליגענץ און

מיטל-קלאַס, וועלכע האָבן גערעדט רוסיש און זיך אויסגעלעבט אין דער רוסישער ליטעראַטור, אָבער פֿאַר די פֿאַרגאַנגענע 22 יאָר, וואָס בעסאַראַביע איז געווען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון רומעניע און ווייס-רוסלאַנד אונטער דער הערשאַפֿט פֿון פּוילן, איז דאָס אַלץ אויב ניט אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן, אָבער געוויס שטאַרק אויסגעוועפּט געוואָרן. די בוקאָווינער אידן האָבן קיינמאָל ניט גערעדט קיין רוסיש, ווייל בוקאָווינע האָט קיינמאָל ניט געהערט צו רוסלאַנד.

מען דאַרף נאָך נעמען אין אַכט, אַז אין די ניי-צוגעקומענע געגנטן, ווי גאַליציע, בעסאַראַביע און בוקאָווינע, מערב-ווייס-רוסלאַנד, איז דער נאַציאָנאַלער באַשטאַנד פֿון דער באַפֿעלקערונג פּיל בונטער, ווי אין די סאָוועטישע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן, צו וועלכע זיי זיינען צוגעגעבן געוואָרן. די פּאַרטיילונג פֿון די פֿאַרשיידענע פֿעלקער אין די דאָזיקע ניי-פֿאַרנומענע געגנטן איז אַזאַ, אַז ס'איז אָפּט כמעט שווער צו באַשטימען די נאַציאָנאַלע מערהייט און ס'וועט אודאי זיין שווער פֿאַר איין נאַציאָנאַלער קולטור אַרויפֿצוצוויינגען איר שטעמפּל אויף דער געגנט, ווי מיר זעען דאָס אין דער פֿריערדיקער סאָוועטישער אוקראַינע אָדער אַפֿילו אין פֿריערדיקן סאָוועטישן ווייס-רוסלאַנד.

און נאָך פֿאָלגנדעס איז וויכטיק — די ניי-צוגעקומענע אידן, ווי די גאַליציאַנער, די ווייס-רוסישע (די ביאַליסטאָקער און די גראָדנער) די בעסאַראַביער, זיינען פֿון תמיד אָן געווען קאָנסערוואַטיווער, אַי-דיש-עקשנות'דיקער, וויניקער נאָכגיביק אין פּרט פֿון אָפּזאָגן זיך פֿון אייגענע לעבנס-פֿאָרמען, נאַציאָנאַל זאַפּטיקער און פֿרוכטבאַרער. שוין אָפּגערעדט פֿון די ליטווישע אידן, ווי די ווילנער און קאָוונער, וועלכע זיינען ניט נאָר נאַציאָנאַל קאָנסערוואַטיווער פֿון די אוקראַיני-שע אידן, נאָר אויך שעפֿערישער און פֿרוכטבאַרער אין נאַציאָנאַל-מאָדערנעם זין. אין די דאָזיקע ראַיאָנען איז שוין דאָ אַ נייע טראַדי-ציע — אַ טראַדיציע פֿון דער מאָדערנער וועלטליכער נאַציאָנאַלער קולטור. אין די דאָזיקע געגנטן האָט פֿונקציאָנירט אין משך פֿון 22 יאָר אַ נעץ אידישע מאָדערנע שולן מיט נאָר אַן אַנדער אינהאַלט, ווי די סאָוועטישע אידישע שולן, מיט אַ גרעסערן נאַציאָנאַלן באַנאַזש און מיט אַ טיפֿערן נאַציאָנאַלן אינהאַלט. דאָ וועט די ווירקונג פֿון דער אַלטער טראַדיציע, פֿאַרשטאַרקט מיט דער מאָדערנער נאַציאָנאַלער קולטור, אפֿשר אַרויסווייזן אַ שטאַרקערן ווידערשטאַנד דער אַסי-מילאַציע.

די לאגע פון די אידן אין די „באפרייטע" לענדער

די אידישע שפראך האט טיפערע ווארצלען אין די נייע ראיאנען, וואס זיינען צוגעקומען צו די סאוועטישע רעפובליקן. אין ווילנער און ווארינער ראיאנען האבן העכער 98 פראצענט אידן בא דער לעצטער פוילישער פאלק-ציילונג — 1931 — אנגעגעבן אידיש פאר זייער מוטער-שפראך. אין די גאליצישע ראיאנען נאר 76 פראצענט, אבער די אסימילירטע אידן האבן גערעדט פויליש, וועלכע האט אויפגעהערט צו זיין די שפראך פון הערשנדיקן פאלק. אין ליטע און אפילו אין לעטלאנד איז אויך די אידישע שפראך די הערשנדיקע בא דער גרעסטער מערהייט אידן. די לעטישע און ליטווישע שפראכן האבן נאך אין דעם פרט גאר א קליינע אסימיליר-ווירקונג, א קלענערע פון דער אוקראינישער שפראך, וועלכע איז איצט געווארן א שפראך פון א פערציק מיליאניקן פאלק.

אין סאציאל-עקאנאמישן זין זיינען די צוגעקומענע אידן זייער אפגעשטאנען. די אינדוסטריאליזירטע טיילן פון פוילן זיינען געבליבן בא דייטשלאנד; רוסלאנד האט באקומען די סאמע אפגעשטאנענע און סאמע אָרימע. די אידישע באפעלקערונג גיט דא א העכערן פראצענט הענדלער. ס'זיינען דא א סך ווייניקער אידישע פאבריק-ארבעטער. פון דער צווייטער זייט אבער זיינען בא די גאליצישע, בעסאראביער און טיילווייז אויך בא די ווייס-רוסישע אידן פאראן עלעמענטן, וועלכע וועלן זיך גרינגער צופאסן צו די שווערע סאוועטישע באדינגונגען.

ראשית, איז אין די אלע ערטער פאראן א גרויסער פראצענט אידישע לאנדווירטן. אין די גאליצישע טיילן, וואס זיינען אריבער צו סאוועט-רוסלאנד, לעבן פון לאנדווירטשאפט העכער צען פראצענט פון דער אידישער באפעלקערונג, א מדרגה, צו וועלכער די סאוועטישע אידן זיינען נאך ניט דערגאנגען נאך אלע גרויסע קאלאניזאציע-דערגרייכונגען. אין בעסאראביע איז דער פראצענט אידן, וואס האבן געהאט פרנסה פון ערד-ארבעט, נאך העכער. דערצו מוז מען צוגעבן, אז א דאנק דעם הויכן פראצענט באשעפטיקטע אין לאנדווירטשאפט זיינען אויך אין די שטעטלאך פאראן מער עלעמענטן, וועלכע זיינען באקאנט מיט דער ארט ארבעט און פאר וועלכע דער איבערגאנג צו לאנדווירטשאפט וועט ניט זיין אזא טיפער ברוך, ווי דאס איז געווען אין סאוועט-רוסלאנד בא די אנדערע אוקראינישע אדער ווייס-רוסישע אידן.

שנית, זיינען אין די דערמאָנטע געגנטן פאַראַן זייער אַ סך אידי־שע בעלי־מלאכות פון שווערער פיזישער אַרבעט, ווי בוי־אַרבעטער, וואָס ס'האָט כמעט אינגאַנצן געפעלט אין אַמאָליקן רוסלאַנד. דער פּראָצענט האָרעפּאַשנע אידן, וואָס זיינען געווינט צו שווערער פיזי־שער אַרבעט, איז פאַר די לעצטע יאָרן, אַ דאַנק דער שווערער לאַגע און די אַרויסשטויסונגען פונ'ם האַנדל אין פּוילן און רומעניע, שטאַרק געוואַקסן. אידן האָבן זיך געמוזט צופּאַסן צו ערגערע לעבנס־באַדינגונגען און צו שווערערע אַרבעטן. מעז יצא מתוק — דאָס וועט זיי איצט פאַרגרינגערן דעם איבערגאַנג צו די נייע שווערע לעבנס־באַדינגונגען אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אין אַלע געוועזענע טיילן פון פּוילן, הן אין די ווייס־רוסישע און הן אין די גאַליציישע, איז געווען אַ גאַר גרויסע אידישע מאַסע, וועלכע איז געשטאַנען אויפ'ן ראַנד פון תהום: אַרויסגעוואָרפענע און אַרויסגעטריבענע פון די דערפער. זיי האָבן זיך געוואָרפן אין די שטעט אויפ'ן מאַרק, וואָס איז אַזוי אויך געווען איבערפולט מיט אידישע איבערקויפער, אויפקויפער און פאַרקויפער פון כלערליי סחורות און אָפט שמאַטעס. מען האָט געהאַנדלט מיט וואָס נאָר ס'האָט זיך געטראָפן. און זעלטן ווער ס'האָט געהאַט אפילו אויף אַ דלות־עקסיסטענץ. מען האָט געהונגערט אין בוכשטעבליכסטן זין פון וואָרט. ווייטער זיינען געווען אַ סך אַרויסגעשטויסענע אידישע קרעמערלאַך אויך פון די שטעטלאַך און מיטעלע שטעט, וואו די לעצטע יאָרן איז געגאַנגען אַ גרויסע באָיקאָט־באַוועגונג מצד די פּוילי־שע אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס און מצד אוקראַינישע עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס. ס'איז געגאַנגען אַ פּוילישע אויסוואַנדערונג פון פּויזען אין אַלע ווייטע טיילן פון פּוילן, קיין פּינסק, קיין לעמבערג, קיין ווילנע, קיין לוצק, הכלל פון מערב פּוילן, וואָס איז אַמאָל געווען אַ טייל פון דייטשלאַנד, אין די אָרימע טיילן פון פּוילן, וואָס האָבן אַמאָל געהערט צום צאַריסטישן רוסלאַנד און צו עסטרייך. און די דאָזיקע צוגעוואַנדערטע פּאָליאַקן האָבן אַרויסגעשטויסן אידן פונ'ם האַנדל און פונ'ם האַנטווערק.

אָט די דאָזיקע דעקלאַסירטע עלעמענטן זיינען געווען גרייט זיך צו וואַרפן אויף יעדער אַרבעט, אויף דער שווערסטער, אויף דער שמוציקסטער, אויף דער אַם ערגסטן באַצאָלטער. אַמאָל איז געווען אַ כלל אין פּוילן, אַז די דאָרף־אַרבעט, די ביליגערע, די וועניקער אי־בערקלייבערישע הן אין פּרט פון לוין און הן אין פּרט פון ריינקייט,

האָט קאָנקורירט מיט דער שטאָטישער אַרבעט, באַזונדערס מיט דער אידישער. דער איד האָט אפילו אין פאַרגלייך מיט זיינע סאָציאַל-גלייכע קלאַסן תמיד געמוזט באַקומען אַ העכערן לוין, ווייל זיינע באַדערפעניש זיינען געווען גרעסערע און העכערע. די לעצטע יאָרן האָט זיך דאָס רעדל איבערגעדרייט: די שטאָטישע אידן, פּאַראַרימטע, פאַרצווייפלטע, האַלב אָדער גאַנץ פאַרהונגערטע, זיינען געווען גרייט זיך צו פאַרקויפן פאַר גראָשענס ממש אַבי פאַרדינען אַ טרוקן שטיקל ברויט.

אין ליטע און אין לעטלאַנד איז די לאַגע אין דעם פּרט געווען אַ סך בעסער, גאָר ניט צו פאַרגלייכן. ס'זיינען געווים אויך דאָרטן געווען אָרימע אידן, אָבער ס'איז ניט געווען קיין גאַנצער שיכט, וואָס זאָל אַבסאָלוט ניט וויסן היינט, ווי ער וועט איבערלעבן מאָרגנדיקן טאָג. אין פּוילן און אין רומעניע איז דער דאָזיקער שיכט געווען אַ גאַנץ ברייטער.

מיר קומען צום ערשטן אויספיר: אין די געוועזענע טיילן פון פּוילן און רומעניע, וואָס האָבן געהאַט צוזאַמען כמעט צוויי מיליאָן אידן, איז געווען אַ גרויסער טייל אַזעלכע אָרימע לייט, וואָס דאָס שוואַרצע שטיקל ברויט פון סאָוועט-רוסלאַנד איז פאַר זיי אַ גליק. באַרווים גיין; ניט האָבן קיין וועש; ניט האָבן קיין בגד אויפ'ן לייב — דאָס אַלץ קאָן די דאָזיקע מענטשן ניט שרעקן, ווייל זיי האָבן עס אויך פריער ניט געהאַט. אָבער איין מעלה האָט פאַר די דאָזיקע מענטשן די סאָוועטישע מאַכט — זי גאַראַנטירט אַ טרוקן שטיקל ברויט. און מען דאַרף זיך ניט חידוש'ן, וואָס אין די פינסטערע קעלערס פון וואַרשע און לאָדזש, ביאַליסטאָק און פינסק, קישינעוו און טשערנאָוויץ פלעגן 15 יאָריקע און 16 יאָריקע אידישע קינדער זוכן גאולה אין קאָמוניסטישע בראָשורקעס און גיין אין די פּוילישע אָדער רומענישע טורמעס, פון וואַנען זיי זיינען קיינמאָל ניט אַרויס מיט גאַנצע לונגען.

און שנית: אַבסאָלוט אין אַלע לענדער, וועלכע די סאָוועטן מאַכט האָט „באַפרייט", איז די אידישע יוגנט אַרומגעגאַנגען אין אַ פּסיכישן צושטאַנד, וואָס איז געווען טיפער פון'ם פאַרצווייפלונגס-תהום. ניט נאָר אין פּוילן און אין רומעניע, נאָר אויך אין ליטע און לעטלאַנד האָט די אידישע יוגנט ניט געהאַט קיינע עקאָנאָמישע און קיינע גייסטיקע אויסזיכטן. און גראָדע האָבן זיך די געטאָס ערשט

דאָס סאָוועטישע אידנטום

אין די לעצטע 20 יאָר זיך געעפנט און אידישע אינגלאַך און מיידלאַך פון קליינע שטעטלאַך האָבן דערזען די ליכטיקע וועלט, באַקומען דעם גרויסן אַפּעטיט צו לערנען, צו טאָן, צו אויפטאָן, צו שאַפן אויף פאַרשיידענע געביטן, עקאָנאָמישע, קולטורעלע, פּאָליטישע, גייסטיקע און אַלע אַנדערע געביטן, וואו אַ מענטשנ'ס דאָרשטיקער מוח און אַ מענטשנ'ס בענקענדיקע נשמה זוכן צו קומען צו זיך, זיך אַנטפּלעקן און זיך באַוויזן אויף דער ליכטיקער וועלט.

אָבער אומעטום האָט מען דער דאָזיקער וואונדערבאַרער, מיט אַ געוואַלדיקער שאַפונגס ענערגיע אָנגעלאָדענער יוגנט דערלאַנגט מיט אַ גראָבער דובינע איבערן קאָפּ און מען האָט זי אָפּגעשטויסן ניט נאָר פון די אוניווערזיטעטן און לאַבאַראַטאָריעס, אַקאַדעמיעס און וויסנשאַפטליכע אינסטיטוציעס, נאָר אויך פון דער פאַבריק און וואַרשטאַט, פון דער קאַנצעלאַריע און געשעפט. איז מען אַרומגע-גאַנגען יאָרן אָן האָפענונגען, אָן אויסזיכטן, מיט פאַרביסענע ציין און צעוואונדעטע נשמות.

איז קיין חידוש ניט, וואָס צווישן דער דאָזיקער יוגנט האָבן די קאָמוניסטן געהאַט אָנהענגער. די וועלט בכלל און די אידישע וועלט בפרט מוז און זאָל וויסן, אַז ס'איז ניטאָ קיין גרעסערע סאָציאַ-לע סכנה, ווי דאָס לײדיק אַרומגיין פון יונגע מענטשן פון 16 ביז 24. סטאַלין און היטלער האָבן פאַרשטאַנען, ווי צו פאַרבלענדן די אויגן פון די דאָזיקע יוגנטליכע. זיי האָבן זיי געגעבן סם אָנשטאָט אמת'ער קולטור, אָבער די יוגנט האָט זיך דערויף געוואָרפן, ווייל ס'איז דאָך בעסער, ווי אַרומדרייען זיך אָן אַ ציל און אָן אַ צוועק און אָן אַ טועכץ.

זיינען געוויס געווען שיכטן בא די אידן פון די „באַפרייטע" געגנטן, וועלכע האָבן מיט פרייד באַגעגנט די רויטע אַרמיי. בפרט נאָך אַז דער אויסוואַל איז געווען צווישן היטלער און סטאַלין. אין פאַרגלייך מיט היטלער'ן איז סאָוועט-רוסלאַנד אַ גן עדן. די טענות, וואָס מיר האָבן צו סטאַלינ'ס מלוכה, זיינען פון אַ גאַנץ אַנדערער קאַטעגאָריע, ווי די, וואָס מיר האָבן צו היטלער'ן. אייגנטליך צו היטלער'ן האָבן מיר גאָר ניט קיינע טענות — מיר קאָנען אים נאָר ווינטשעווען אַ מיתה משונה, אי דאָס וואָס גיכער, אי דאָס צוזאַמען מיט זיין גאַנצער באַנדע. גאָר אַנדערש איז דאָך די לאַגע אין סאָוועט-רוסלאַנד. און איצט גייען מיר צו צו דער איצטיקער לאַגע אין די „באַפרייטע" לענדער.

חוץ די אייזערנע קבצנים און דער אַרבעטסלאָזער יוגנט זיינען דאָך אָבער געווען נאָך 60 אָדער 65 פּראָצענט אידן, וועלכע האָבן געהאַט צום לעבן. אין ליטע און לעטלאַנד איז געווען פון 75 ביז 80 פּראָצענט אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאַט אַי ברויט, אַי צום ברויט אַ שטיקל פּוטער און אויך אָפּט אַ שטיקל פלייש און איין מאָל אין יאָר אַ פּאָר שיך אָדער אַן אַנצוג. דאָס איז אין דורכשניט. אַ צען אָדער 15 פּראָצענט זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאַט מער ווי זאַט צום אָפּעסן, מער ווי איין פּאָר שיך, מער ווי איין נייעם אַנצוג אַ יאָר. וואָלט מיך ניט שטאַרק געאַרט, אַז מען זאָל בּאַ די רייכע צונעמען און אָפּגעבן די אָרימע. דער אומגליק איז דאָך אָבער מיט סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס זי פילט גלענצנד אויס דעם ערשטן טייל פון דער פּראָגראַם און שרעקליך שלעכט, ממש טאַלאַנטלאָז דעם צווייטן טייל.

מען האָט אין אַלע „באַפרייטע" לענדער שוין קאָנפיסקירט די גרויסע און מיטעלע געשעפטן. די קליינע זיינען פון זיך אַליין אונטערגעגאַנגען, ווייל די מלוכה'שע מאַגאַזינען און קאָאָפּעראַטיוון באַקומען אַלע סחורות פון די פאַרשטאַאַטליכטע פאַבריקן און ס'קומט ניט אָן דעם פּריוואַטן קרעמער. אויך דער קליינער בעל־מלאכה האָט שוין ניט קיין אַרבעט, כאָטש מען האָט דאָס מאָל בּאַ אים די מאַשין ניט צוגענומען ווי צוריק מיט 20 יאָר אין רוסלאַנד. אויף אַזאַ אופן האָט זיך באַקומען, אַז די סאָוועטישע מאַכט האָט אפשר אויפגעריכט 30 אָדער 35 פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג, יענעם דלות טייל, פאַר וועלכן אַ טרוקן שטיקל ברויט יעדן טאָג איז שוין אַן אויפריכטונג, אָבער ס'זיינען פאַראָרימט געוואָרן געוויס מער פון 30 אָדער 35 פּראָצענט.

ס'חזר'ט זיך איבער די לאַגע, ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד צוריק מיט 20 יאָר. די ניט־אידישע פּויערים באַקומען ערד; די ניט־אידישע אַרבעטער פון די גרויסע אונטערנעמונגען ווערן די ערשטע געשטעלט צו דער מלוכה־שער אַרבעט.

געוויס, דער אַרבעטער פון דער גרויסער פאַבריק האָט אפילו אין אָרימען פּוילן בעסער פאַרדינט, ווי בּאַ דער ראַטן־מאַכט. אָבער וויכטיק איז, וואָס די מענטשן גייען ניט אַרום ליידיק. די בירגערליכע עלעמענטן, וואָס בלייבן אינגאַנצן אָן פּרנסה, מאַכן אויס בּאַ דער ניט־אידישער באַפעלקערונג זייער אַ קליינעם פּראָצענט און די צאָל דעקלאַסירטע איז אַ מינימאַלע. מיט'ן אָנקומען פון דער ראַטנמאַכט איז געוויס געפאַלן דער גאַנצער לעבנס ניוואָ, אָבער ס'זיינען ניט

פאַראַן קיין קריסטליכע מאַסן, וועלכע זיינען פּלוצים געבליבן גאָר אָן ברויט, גאָר אָן פּרנסה.

אין אַלטן סאָוועט-רוסלאַנד האָט געדויערט גאַנצע 20 יאָר ביז מען האָט געלייזט די פראַגע פון די אידישע דעקלאַסירטע. אין איין פּרט איז איצט אַביסל בעסער, מחמת די נאַציאָנאַליזאַציעס און סאָציאַליזאַציעס, קאָנפיסקאַציעס און רעקוויזיציעס זיינען איצט אַ סך שוואַכער. ווער ס'האָט אַ טויט העמדער, וועט האָבן אויף אַ פּאָר יאָר. ווער ס'האָט אַביסל פּראָדוקטן אין רעזערוו, וועט עטליכע חדשים ניט הונגערן.

אין פּרט אָבער פון געפינען נייע פּרנסות און זיך צופּאַסן צו די נייע באָלשעוויסטישע באַדינגונגען, איז איצטער אַ סך ערגער, ווי ס'איז געווען אין אַלטן סאָוועט-רוסלאַנד. ראשית, האָבן אידן זיך דעמאָלט אַליין פון זיך געוואָרפן צו ערד-אַרבעט. מען האָט צוגענומען די מאַיאָנטקעס בא די פּריצים און אין די מאַיאָנטקעס, וואָס זיינען געווען נאָענט צו שטעט אָדער שטעטלאַך, האָבן זיך אויך אידן אין רעוואָלוציאָנערן טאַנץ באַקומען לאַנד. הונדערטע אידישע לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלעקטיוון זיינען אויפגעקומען אין די יאָרן פון 1918 ביז 1923 איידער נאָך ס'האָט זיך אָנגעהויבן די פּלאַנמעסיקע קאָלאָניזאַציע. האָט מען דערוויייל געהאָט עפּעס צו עסן. איצט איז גאָר אַנדערש. ס'איז ניטאָ קיין שפּור פון אַ שטראָם צו ערד-אַרבעט, ווי מיר האָבן עס געזען אין רוסלאַנד צוריק מיט 20 יאָר. קיין גאָר גרויסע מאַיאָנטקעס אויף צעטיילן זיינען ניט פאַראַן ניט אין ליטע און ניט אין לעטלאַנד און אפילו ניט אין בעסאַראַביע און בוקאָווינע, ווייל אין די אַלע לענדער האָט מען צוריק מיט 20 יאָר דורכגעפירט אַן אַגראַר-רעפאָרמע. אין די פּוילישע טיילן זיינען פאַראַן גרויסע לאַטי פונדיעס, וועלכע ווערן צעטיילט צווישן די פּויערים, אָבער אין דער סאָוועטישער פּרעסע איז ניטאָ קיין סימן וועגן דעם, אַז אידן זאָלן באַקומען לאַנד.

די אידישע סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט אָנגעטאָן אידן געגנוג צרות, אָבער זי האָט אויך געטאָן גוטע זאַכן. זי האָט זיינער צייט זיך דערשלאָגן ספּעציעלע געזעצן, וואָס זאָלן מאַכן מעגליך דאָס באַקומען לאַנד פאַר אידן. איצט איז ניטאָ קיינער ווער כ'זאָל זאָרגן דערפאַר און ווי ס'ווייזט אויס טראַכט מען גאָר ניט וועגן געבן אידן ערד. ווי ווייניק די קאָלאָניזאַציע אין סאָוועט-

רוסלאנד האט זיך ניט איינגעגעבן, האט זי דאך צענדליקע טויזנטע פאמיליעס געראטעוועט פון הונגער און א סך פון זיי טאקע געשטעלט אויף די פיס. אין די ניי „באפרייטע" לענדער טוט מען גאר ניט אין דער היגזיכט.

דער צווייטער קוואל פון פרנסה, אויף וועלכן אידן האבן זיך שטארק געווארפן באלד נאך דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע, איז געווען דאס באאמטנטום. צענדליקע טויזנטע אידישע בחורים און מיידלאך האבן באקומען מלוכה-שטעלעס. אין די סאוועטיזירטע נייע ערטער איז אין דעם פרט די לאגע זייער טרויעריק. ערשטנס, זיינען די באאמטן-שטעלעס שטארק באזעצט. אין רוסלאנד איז געווען א רעוואלוציע און כמעט אלע באאמטע זיינען פארביטן געווארן אויף נייע. דערביי איז די צאל באאמטע געווארן צען מאל און אפט 20 מאל גרעסער. אין די אלע נייע לענדער, וואס זיינען געווארן סאוועטיש, איז קיין רעוואלוציע ניט פארגעקומען. אלע באאמטע, אפילו די רעאקציאנערסטע, זיינען געבליבן אויף זייערע פלעצער. דער אפאראט איז כמעט ניט פארגרעסערט געווארן, מחמת ער איז געווען גענוג געשוואלן שוין פון פריער. איז וועגן שטעלעס קאן קיין רייד ניט זיין. ווער ס'האט געלעבט אין סאוועט-רוסלאנד אין די יארן פון 1918 ביז 1922 געדענקט גוט, ווי גאנצע אידישע פאמיליעס, דעקלאסירטע, פלוצים פארארימטע, האבן געהאט ברויט נאר א דאנק איינעם אדער צוויי פאמיליע-גלידער, וועלכע זיינען געווען אויף שטעלעס. ס'ווארפט זיך אין די אויגן, אז מען לאזט ניט אידן פארנעמען קיין הויכע שטעלעס און אויך ניט צו פיל שטעלעס אין די נייע סאוועטישע לענדער. מעגליך, אז דאס איז גאר א טאקטיק אזא און האט גאר ניט צו טאן מיט אנטיסעמיטיזם, אבער וויכטיק איז, וואס די באאמטן-שטעלע ראטעוועט ניט דאס מאל די דעקלאסירטע פון הונגער, ווי דאס איז געווען צוריק מיט 20 יאר.

א דריטער מקור פון פרנסה איז דעמאלט געווען די ברייטע קולטור-ארבעט. מיט'ן קומען פון דער סאוועטישער מאכט עפענען זיך א סך נייע שולן, קורסן, ביבליאטעקן און אנדערע קולטור-אינסטיטוציעס. מיר רעדן ניט איצט וועגן קולטור-ווערט פון די דאזיקע אינסטיטוציעס, נאר ווי וועגן א מקור פון פרנסה פאר אינטעליגענץ און האלב-אינטעליגענץ. אין א קיעוו אדער אדעס, מינסק אדער וויטעבסק און אין צענדליקע אנדערע שטעט זיינען געווען טויזנטע און צענדליקע טויזנטע אידישע בחורים און מיידלאך, וואס האבן

געהאַט געגנוג בילדונג אויף ווערן אַ לערער אויף קורסן פאַר סאָלדאַטן, פאַר דינסט-מיידלאַך, פאַר בעזגראַמאַטנע אַרבעטער; אויף אָנפירן מיט אַ ביבליאָטעק, אויף לייענען לעקציעס איבער צענדליקע געגנ-שטאַנדן. אַנדערש איז איצט די לאַגע. אין ריגע מוז מען די דאָזיקע אַרבעט פירן אין לעטיש, אין קאָוונע אין ליטוויש, אין קישינעוו אין מאָלדאַוויש, אין לעמבערג און טשערנאָוויץ אין אוקראַיניש. אידן זיינען פשוט ניט צוגעגרייט אויף פאַרנעמען שטעלעס אין די אַלע שפּראַכן. צווייטנס, פאַרמאָגן די אַלע פעלקער אַליין אַ גרויסע אינ-טעליגענץ, וועלכע האָט זיך געוואָרפן אויף דער דאָזיקער אַרבעט. די שטימונג איז אויך אַזאַ געדיכט נאַציאָנאַלע, אַז אפילו דער אידי-שער בחור, וואָס קאָן גענוג ליטוויש אָדער לעטיש, אוקראַיניש אָדער מאָלדאַוויש אויף ווערן אַ לערער אין אַ פּרעמדער שול, וועט ניט גיין. ס'איז אַ גאַנץ אַנדערע שטימונג, ווי צוריק מיט 20 יאָר אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד, ווען מען האָט געציילט ממש די טעג, ווען די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע וועט אַט, אַט פאַרפּלייצן אַלע וועלט-טיילן.

באַקומט זיך אַ לאַגע, אַז די פּאַראַרימטע 30 אָדער 40 פּראָצענט אידן האָבן גאָר ווייניק שאַנסן אויף גיך זיך צופּאַסן צו די נייע לעבנס באַדינגונגען. און קיינער טראַכט ניט וועגן זיי און זאָרגט ניט פאַר זיי. ניט מען טראַכט וועגן קאָלאָניזאַציע, זאָל זיין אפילו אין בירא-בידזשאַן. קיין שפּור פון אַזעלכע אַרבעטן זעט מען ניט. קיינער טראַכט ניט וועגן אינדוסטריאַליזירונג, וועגן אַריינפירן די אידישע יוגנט אין די גרויסע פאַבריקן. דאָס אַלץ האָט מען אַמאָל געטאָן און איצט איז שטיל אויך אין דעם פּרט.

ענדליך נאָך איין מאָמענט. אידן זיינען צוריק מיט 20 יאָר געלאָפן פון די געדיכט באַזעצטע גובערניעס אין די צענטראַל רוסישע. אין איינע 15 יאָר זיינען אויסגעוואַקסן צוויי גרויסע אידישע קהילות פון 600 טויזנט אידן: אין מאָסקווע 400 און אין לענינגראַד 250 טויזנט. איצט לאָזט מען ניט פאָרן פון קאָוונע אָדער קישינעוו קיין מאָסקווע. אמת, מען שיקט פליכטלינגע קיין אַרכאַנגעלסק און קיין סיביר אויף אַרבעט, אָבער דאָס איז טאַקע דאָס טרויעריקסטע קאַפּיטל אין לעבן פון די העכער 2 מיליאָן אידן, וועלכע זיינען „באַפרייט" געוואָרן פון סטאַלין.

ווי פילט זיך די אידישע באַפעלקערונג אין די „באַפרייטע" לענדער? די אידישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט פריער געבראַכט

אַזוי פיל קרבנות אויפ'ן קאָמוניסטישן מזבח אין פוילן און רומעניע, האָט זיך דערפילט אָפּגעשטופּט פון פראַנט, פאַרשטופּט אין די הינטערשטע געסלאַך פון דער „באַפרייאונג"-באַוועגונג. אַלס אַ גלענצנדיקער ביישפּיל קאָן אונז דינען ביאַליסטאָק. אידן מאַכן אויס אין דער דאָזיקער שטאָט 50 פּראָצענט. ווייס-רוסן נאָר 5 פּראָצענט. די פּאָליאַקן קומען דאָ ניט אין באַטראַכט, ווייל דאָס איז די נאַציאָנאַלע גרופּע, וואָס פאַרמאָגט בא זיך די גרעסטע צאָל שונאים פון דער ראַטן-מאַכט. פּאָליאַקן מאַכן אויס העכער 30 פּראָצענט אין ביאַליסטאָק. די איבעריקע זיינען קליינע מינדערהייטן פון רוסן און דייטשן. צווישן אידן זיינען געווען קאָמוניסטן ניט צען מאָל מער, ווי צווישן די ווייס-רוסן, נאָר געוויס הונדערט מאָל מער. און צווישן דער אידישער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ זיינען אויך געווען ניט ווייניק חסידים פון דער סאָוועטן-מאַכט. דאָס האָט מען געזען עטליכע יאָר צוריק ווען מען האָט אין פוילן דערלויבט אַ געזעלשאַפט פאַר קאָלאָניזאַציע אין בירא-בידזשאַן. אז די אידישע אַרבעטער פון ביאַליסטאָק האָבן אַ סך באַוואוסטזיניקע און פאַרדינסטפולע סאָציאַליסטן, פאַרשפּאַרט מען זאָגן. מען קאָן געפינען צווישן די ביאַליסטאָקער אידישע אַרבעטער גאָר אַ סך מיט אַ סיבירער סטאַזש און מיט סטאַזשן פון 5 און צען יאָר אין די צאַרישע טורמעס. אָבער פאַר אַ פּרעזידענט פון דער שטאָט, וואָס האָט נאָר 5 פּראָצענט ווייס-רוסן, האָט מען באַשטימט אַ ווייס-רוס. דער סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דאָס הייסט דער אמת'ער בעל הבית פון ראַיאָן איז ניט קיין איד. דאָס זעלבע איז אין גראָדנע און אין פּינסק און אין אַלע שטעט פון גאַליציע.

נאָר אָט זיינען אָפיציעלע דאַטן וועגן דעם נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל פון די דעפּוטאַטן פון די ווייס-רוסישע געגנטן, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן אין אויבערראַט פון דער ווייס-רוסישער רעפּובליק. די דאָזיקע דאַטן זיינען מער ווי אינטערעסאַנט. אין דער קאָמוניסטישער צייטונג „דער שטערן" געפינען מיר אין נומער 211 פון 11-טן סעפּטעמבער, 1940, אַן אַרטיקל פון'ם פאָרזיצער פון'ם פּרעזידיום פון אויבער-ראַט פון דער ווייס-רוסישער רעפּובליק נאַטאַליעוויטש. ער שרייבט פאָלגנדעס: „צווישן די דעפּוטאַטן פון אויבער-ראַט פון פּססר. זיינען פון די מיירעוו-געגנטן (די „באַפרייטע"—י. ל.) פאַראַן: ווייס-רוסן — 136; רוסן — 33; אוקראַאינער — 4; אידן — 12; פּאָליאַקן — 15; גרוזינער — 1 און ליטווינער — 1".

מיר האָבן צוזאַמען אַלזאָ 202 דעפּוטאַטן. 12 אידן מאַכן אויס נאָר 6 פּראָצענט דעפּוטאַטן. צווישן דער באַפעלקערונג פון ביאַ-ליסטאָקער ראַיאָן און פינסקער מאַכן אידן אויס 12 פּראָצענט, אַלזאָ האָבן אידן צוויי מאָל וויניקער דעפּוטאַטן, ווי ס'קומט זיי לויט דעם פּראָצענט אין דער גאַנצער באַפעלקערונג. ס'איז דאָך אָבער אַ זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך, אַז די שטאַטישע איינוואוינער גיבן אין אַלע לענדער און באַזונדערס אין סאָוועטנלאַנד, וואו די אַרבעטער זיינען דער הערשנדיקער קלאַס, אַ סך אַ גרעסערן פּראָצענט פּאָליטישע פאָרטרעטער, ווי די דאָרפישע באַפעלקערונג. און אין דער שטאָטי-שער באַפעלקערונג פון די דערמאָנטע ראַיאָנען מאַכן אידן אויס העכער 30 פּראָצענט.

מיר זיינען געוויינט געוואָרן, אַז אידן גיבן אומעטום אַ העכערן פּראָצענט פאַרטרעטער, ווייל זיי זיינען פּאָליטיש אַק-טיווער, ריהרעוודיקער, פאַרמאָגן מער קולטורעלע עלעמענטן. אָבער אַז אידן זאָלן געבן פאַרטרעטער צוויי מאָל וויניקער פון זייער פּראָ-צענט אין דער באַפעלקערונג און באַ וואַלן, וועלכע ווערן אָרגאַניזירט און אויף הונדערט פּראָצענט באַשטימט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — דאָס איז אַ דערשיינונג פון קאָלאָסאַלער וויכטיקייט. און מיר גלויבן, אַז דאָס האָט געמוזט שטאַרק דעפּרימירנדיק ווירקן ניט נאָר אויף די אידישע קאָמוניסטן, נאָר אויף דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג.

און ווי האַלט עס מיט דער קולטור-אַרבעט אין אידיש? פילט מען אַ טיפן שינוי? פילט זיך אַן אויפלעבונג אין די מאַסן? פאַר-מעסטן זיך די אידישע קאָמוניסטן אויף אַ ברייט פאַרצווייגטער איד-אַרבעט און אויף גאַראַנטירן פאַקטישע און יורידישע רעכט פאַר דער אידישער שפּראַך?

מיר געדענקען גוט די צייט ווען די אידישע קאָמוניסטן האָבן אָנגעהויבן זייער טעטיקייט אין די אַמאָליקע ראַיאָנען פון רוסלאַנד. האָט מען ניט גערעדט נאָר וועגן שולן, נאָר אויך וועגן אידישע גע-ריכטן; וועגן אידישע פּאָליציי-צירקלען, אידישע נעמען אויף די גאַסן, הכלל — וועגן ברייטע רעכט פאַר דער אידישער שפּראַך. אין גאַנץ סאָוועט-רוסלאַנד איז ניטאָ קיין איין שטאָט, וואו די אידישע באַפעלקערונג זאָל זיין אַזוי אָפּגעטיילט און אויסגעטיילט פון דער ניט-אידישער באַפעלקערונג, ווי אין ביאַליסטאָק, פינסק, גראָדנע, ווילנע, קאָוונע, און אין אַ סך אַנדערע, פון די ניי-צוגעקומענע לענדער.

אָפּגערעדט פון דעם, וואָס אידן מאַכן אויס אין די דאָזיקע שטעט א גאָר הויכן פּראָצענט, לעבן זיי דאָרטן זייער קאָמפּאַקט, צונויפגעשטופּט אין אַן אמת'ן געטאָ, וואו זיי מאַכן אויס 90 און מער פּראָצענט. א אידישער געריכט אָדער אידישע פּאָליציי-צירקלען אין די דאָזיקע שטעט זיינען ניט נאָר נויטיק, נאָר זיי זיינען אַבסאָלוט א נאָרמאַלע זאַך, א נאַטירליכע זאַך, ווייל די אידישע באַפעלקערונג רעדט ניט קיין ווייס-רוסיש, ליטוויש אָדער רוסיש, און פּויליש איז דאָך ניט מער די הערשנדיקע שפּראַך. אָבער ניט נאָר זיינען ניט געגרינדעט געוואָרן קיינע אידישע געריכטן אָדער פּאָליציי-צירקלען, נאָר ס'איז ווי איין מאָל ניט דערמאָנט געוואָרן אין די אידישע צייטונגען וועגן דעם. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן קישינעוו און טשערנאָוויץ. אויך אין די דאָזיקע צוויי שטעט מאַכן אידן אויס א הויכן פּראָצענט; אויך דאָרטן זיינען זיי שטאַרק איזאָלירט פון דער ניט-אידישער באַפעלקערונג און לעבן זייער קאָמפּאַקט און צוזאַמענגענומען. און דאָך איז קיין זכר ניטאָ וועגן אַזעלכע פאָדערונגען אָדער פּאַרלאַנגען.

נאָר אפילו אין דער בילדונגס-פראַגע זעט מען ניט קיין אויפלעבונג פון דעם מאַסשטאַב, וואָס באַ ניט-אידן. די אידישע צייטונגען שרייבן א סך, א סך מער וועגן די אוקראַאינישע און ווייס-רוסישע שולן, ווי וועגן די אידישע. בכלל, אז מען לייענט די לעצטע צייט די אידישע צייטונגען, פאַרגעסט מען אָפּט, אַז דאָס זיינען אידישע. ס'איז כמעט ניטאָ קיין אידישער מאַטעריאַל.

אָט זיינען אָפיציעלע דאַטן: אין „אָקטיאַבר" פון 12-טן סעפּטעמבער, 1940, ווערן געבראַכט פאָלגנדיקע ציפער וועגן דער צאָל שולן אין די ניי צוגעקומענע ווייס-רוסישע געגנטן. אינגאַנצן זיינען פאַראַן 5,643 שולן. פון זיי: ווייס-רוסישע 4,278 אָדער 75.9%; 932 פּוילישע אָדער 16.5%; 173 רוסישע אָדער 3.1%; אידישע 150 אָדער 2.7%. די איבעריקע זיינען ליטווישע און אוקראַאינישע. אלזאָ אידישע שולן מאַכן אויס אינגאַנצן 2.7 פּראָצענט פון אַלע שולן, כמעט 5 מאָל ווייניקער פון פּראָצענט אידן אין ראַיאָן. אָבער אידן זיינען דאָך א שטאָטישע באַפעלקערונג. די דאָרפישע באַפעלקערונג איז ווייט נאָך ניט באַוואָרנט אויף הונדערט פּראָצענט מיט שולן. און אויך אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג זיינען נאָך פאַראַן גענוג קינדער, וואָס באַזוכן ניט קיין שולן. ס'איז אָבער גאָר קיין ספק ניט. אז פון די אידישע קינדער באַזוכן אַלע שולן. מען מוז לכן קומען

צום אויספיר, אַז 4/5 פון די אידישע קינדער לערנען זיך שוין איצט אין פרעמדע שולן — אין פוילישע, רוסישע און געווים אויך אין ווייס-רוסישע.

אלזאָ, אין ערשטן יאָר פון דער „באַפרייאונג" שוין אַזאַ אַסי-מילאַציע און אין וואָסערע געגנטן! אין ביאַליסטאָק זיינען דאָך געווען אפילו ביים פוילישן רעזשים גאָר אַ סך שולן מיט אידיש און העברייאיש אַלס אונטערריכט שפּראַך. אין פּינסק האָבן דאָך 90 פּראָצענט אידישע קינדער באַקומען אַ אידישע דערציאונג.

אין דעם זעלבן נומער פון „אָקטיאַבר" און אין דעם זעלבן באַ-ריכט וועגן דער בילדונג ווערט דערציילט, אַז ס'זיינען פאַראַן 93 קינדערגערטנער, אָבער ס'ווערט ניט געזאָגט וויפיל פון זיי אידישע. אין דעם זעלבן נומער „אָקטיאַבר" איז אָנגעגעבן, אַז אין וויסאָקער ראַיאָן זיינען פאַראַן 48 שולן און פון זיי נאָר 1 אידישע. די דאָזיקע אידישע שול האָט עקסיסטירט פון פריער און איז אויסגעהאַלטן גע-וואָרן פון די עלטערן און איצט באַקומט זי, פאַרשטייט זיך, איר בודזשעט פון דער אַלגעמיינער קאַסע. באַקומט זיך, אַז נאָך דער „באַפרייאונג" איז ניט צוגעקומען קיין איין אידישע שול. אַזוי ווי ס'איז אָנגעגעבן, אַז פוילישע שולן איז פאַראַן נאָר איינע און דערפאַר גאַנצע 13 רוסישע, איז גאָר קיין ספק ניט, אַז דער גרעסטער פּראָצענט אידישע קינדער לערנען זיך אין רוסישע שולן. און מיר ווייסן דאָך, אַז די רוסישע שפּראַך האָט מער אַסימיליר-ווירקונג, ווי די פוילישע אָדער ווייס-רוסישע.

פאַר מיר ליגן 12 נומערן „אָקטיאַבר" פון חודש סעפּטעמבער, אין וועלכע ס'איז פאַראַן אַרטיקלען און נאָטיצן וועגן שולן. גאָר זעלטן ווערט אגב אורחא דערמאָנט וועגן אידישע שולן. דער עיקר רעדט מען וועגן ווייס-רוסישע, פוילישע און רוסישע שולן.

אינ'ם נומער פון 1-טן אָקטאָבער זיינען פאַראַן אַ סך אַרטיקלען וועגן שולן. אויף דער ערשטער זייט איז דאָ אַן אַרטיקל פון צוויי שפּאַלטן „צום נייעם לערן יאָר", איז חוץ די ווערטער „150 אידישע" איז ניטאָ מער קיין איין וואָרט וועגן אידן, ניט וועגן לערער, כאָטש ס'רעדט זיך אַ סך וועגן לערער; ניט וועגן שילער, כאָטש ס'רעדט זיך אַ סך וועגן שילער. די דריטע זייט פון דער צייטונג איז אינ-גאַנצן געווידמעט שול פראַגן, אָבער קיין איין וואָרט איז ניטאָ דאָרטן ניט וועגן אידישע שולן און ניט וועגן אידישע לערער און ניט וועגן אידישע שילער. אויף דער פערטער זייט ווידער אַ פּאָר שפּאַלטן

װעגן שולן און דאָרטן זײַנען שױן פאַראַן גאַנצע 8 שורות װעגן אידישע שולן און זײער פריליכע שורות. אין זײ װערט דערצײלט, אַז אין בריסק זײַנען פאַראַן 6 אידישע נײ אײַנגעאָרדנטע שולן, אין װעלכע ס'לערנען זיך 3,770 שילער. אין „אָקטיאַבר" פון 3-טן סעפּטעמבער זײַנען װידער פאַראַן צװײ שפּאַלטן װעגן שולן און ס'װערט דאָרט דערצײלט, אַז אין ביאַליסטאָק האָבן זיך געעפנט אַ פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט, אַן אַרבעטער-פאַקולטעט, אַן אײַזנבאַן-שולע, אַ טעכניקום, אָבער קײן אײן װאָרט ניט װעגן אידן. פאַר'ן גאַנצן חודש סעפּטעמבער, אױף װיפיל די צײַטונגען זײַנען צו אונז אָנגעקומען, האָבן מיר קױם געפונען אײן אַרטיקל, װאָס איז אינגאַנצן געװידמעט די לערן-ביכער אין די אידישע שולן. דאָס איז אין „אָקטיאַבר" פון 22-טן סעפּטעמבער.

דאָס זעלבע געפינען מיר אין די נײ צוגעקומענע אוקראַינישע ראַיאָנען. אין „דער שטערן" פון 31-טן סעפּטעמבער, 1940, געפינען מיר אַן אַרטיקל פונ'ם סעקרעטאַר פון דאָװנער געגנט-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ. ער שרײַבט װעגן דעם נאַציאָנאַלן באַשטאַנד פון די שולן אין די „באַפרײטע" גאַליצישע ראַיאָנען. ער דערצײלט: „אוקראַינישע שולן זײַנען געװען 0.6% בײ דער פּױלישער הערשאַפט און איצט 80.6%; פּױלישע זײַנען געװען 95.4% און איצט 12.9 פּראָצענט; אידישע זײַנען געװען 2.2 פּראָצענט און איצט 3.9%". באַ די אוקראַינער אַלזאָ אַ פאַרגרעסערונג 134 מאָל און באַ אידן אפילו ניט קײן צװײ מאָל. די אוקראַינער אַלזאָ האָבן אױסגענוצט די נײַע לאַגע אױף מער פון הונדערט פּראָצענט, װאָרום די אוקראַינער מאַכן גאָר ניט אױס אין מזרח גאַליציע אַזאַ הױכן פּראָצענט. אידן, װעלכע מאַכן אױס בערך 10 פּראָצענט אין דאָזיקן ראַיאָן, האָבן נאָך דער באַפרײַאונג שולן כמעט דרײ מאָל װײניקער פון זײער פּראָצענט אין דער באַפעלקערונג.

אין דעם זעלבן אַרטיקל איז פאַראַן, אַז ס'האָבן זיך געעפנט 3 פּעדאַגאָגישע שולן, 2 מוזיקאַלישע שולן, 24 מיטל-שולן, אַ טעכניקום, קורסן פאַר שװעסטער, אָבער קײן אײן װאָרט ניט װעגן אידישע אַזעלכע אַנשטאַלטן. אין „דער שטערן" פון 18-טן סעפּטעמבער געפינען מיר אַ גרױס אַרטיקל װעגן די שולן אין טשערנאָװיצער געגנט. פון 160 שורות זײַנען די אײנציקע, װאָס רעדן אױך װעגן אידן פאָלגנדיקע: „די נידער-געקלאַפּטע סאָנים פון פאָלק, די בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן, די אונדאַװוצעס, קוזיסטן, בונדאָװוצעס און

ציאָניסטן, פּראָוואָקאַטאָרם און אַנדערע פּאַסקודעס וועלן זיך פּרואוון שטערן דער נאָרמאַלער אַרבעט פון דער סאָוועטישער שול". דער איבעריקער טייל פון גרויסן אַרטיקל איז אינגאַנצן פּאַרנומען מיט אַ לויב געזאַנג דער ראַטן-מאַכט, וואָס האָט געשאַפן גוטע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אוקראַינישער קולטור.

אין „שטערן" פון 1-טן אָקטאָבער, 1940, געפינען מיר אַן אַרטיקל וועגן סאָוועטישן טייל בוקאָווינע. שטייט דאָרטן געשריבן: „אין דער געגנט אַרבעטן 436 אוקראַינישע שולן, 149 מאָלדאַווישע, 15 רוסישע, 12 אידישע און פיל אַנדערע שולן". ליגט מען צונויף נאָר די ציפער, באַקומט מען 612 און די 12 אידישע שולן מאַכן אויס קוים ווייניקער פון 2 פּראָצענט, אַלזאָ 5 מאָל ווייניקער פון פּראָצענט אידן אין דער דאָזיקער געגנט.

צו נידערשלאָגן און דעפּערמירט איז די אידישע באַפעלקערונג, אַז די אידישע קולטור זאָל קאָנען וואַקסן. ס'מערקט זיך, אַז די אידישע באַפעלקערונג פון די „באַפרייטע" געגנטן וויל וואָס גיכער זיך צופּאַסן צו די סאָוועטישע באַדינגונגען, זיך וואָס גיכער אַריינ-פּאַסן אין סאָוועטישן אָרגאַניזם און דאָרטן בטל ווערן בששים. די 15 רוסישע שולן אין בוקאָווינע, וואו ס'זיינען גאָר ניט בנמצא קיין רוסן, זיינען געווים איבערפולט מיט אידישע קינדער.

* * *

מיר מאַכן ניט קיינע אַלגעמיינע אויספירן פון אונזער אַרבעט. די פּאַקטן, מיט וועלכע אונזער בוך איז איבערגעפּאַקט און איבער-פולט; די קאָמוניסטישע עדות, וועלכע גייען פאַרביי פאַר אונז באַלייכטן אַליין די לאַגע — דאָס אַליץ רעדט פאַר זיך אַליין.

די רוסישע רעוואָלוציע איז נאָך אַליץ ניט פאַרענדיקט. ס'ברויזט נאָך און שטורמט נאָך אין לאַנד פון די סאָוועטן. ס'זיינען נאָך עד היום ניט געפונען געוואָרן די ענטגילטיקע פאָרמען פון עקאָנאָ-מישער סטרוקטור און פּאָליטישן סדר. מען האַלט נאָך אַליץ אין עקספּערימענטירן. גראָדע אויפ'ן נאַציאָנאַלן געביט האָט זיך די קאָמוניסטן איינגעגעבן שאַפן פיל נייעם און פּראָגרעסיוועם. אויפ'ן ביישפּיל פון דער לאַגע פון לאַנדלאָזן סאָוועטישן אידנטום קאָן מען שטודירן די מיעוטים-פראַגע בכלל. פאַר אונז אָבער איז דאָס בלעטל געשיכטע פון סאָוועטישן אידנטום באַזונדערס באַלערנדיק ס'גיט אונז אַ שלל מיט מאַטעריאַל וועגן אַלע פּרובן צו לייזן די אי-דישע פראַגע.